האראדעץ

1142-1942

האראדעץ
1142-1942
IRVING SUSSMAN

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

Copyright by

"HORODETZ" BOOK COMMITTEE

1949

Except for purposes of literary criticism, no portion of this book may be used or reproduced without permission of "Horodetz" Book Committee. c/o A. Ben-Ezra, 2044 E. 13th Street, Brooklyn 29, N. Y.

Printed in the United States of America by

WALDON PRESS, INC.

203 WOOSTER STREET, NEW YORK 12, N. Y.

341

האראדעץ

אַ געשיכטע פון אַ שטעטל

(1142—1942)

•

ליטעראַרישער רעדאַקטאָר:
ע. בן־עזרא

קונסט רעדאַקטאָר:
ישראל זוסמאַן

אַרויסגעגעבן פון בוך־קאָמיטעט „האראדעץ"
ניו יאָרק, תש"ט.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

אַ דאַנק־בריוו

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטע אַנערקענונג און דאַנק צום ליטעראַרישען רעדאַקטאָר **עקיבא בן־עזרא**, צו **ישראל זוסמאַן**, דעם קונסט רעדאַקטאָר און אויך צו **דזשוליוס גרינבערג**, דעם פינאַנץ־סעקרעטאַר, פאַר זייער אונערמידליכע און אָפּפערווילליגע אַרבייט אין פאַראייביגען דעם אָנדענק פון אונזער היים־שטעטל האָראָדעץ.

זאָלען זיי זיין געבענשט!

דער בוך־קאָמיטעט
פון „האָראָדעץ"

צוליב טעכנישע סיבות איז די אָרטאָגראַפיע פון בוך „האָראָדעץ" ניט איינהייטליך. אויך האָבען מיר ניט געקאָנט געבען אַלע בילדער פון די וויכטיגע האָראָדעצער פערזאָנען. ניט אַלע וועמען מיר האָבען געבעטען צושיקען די בילדער, האָבען זיך אָפּגערופען. דער לייענער וועט אונז מוזען מוחל זיין.

רעד.

אינהאַלט

ערשטער טייל

אַלגעמיינע געשיכטע

פאָרוואָרט .... VII — VIII

מאַפּע פון האָראָדעק און אומגעגנט געצייכנט פון ישראל זוסמאַן........ 1

האָראָדעק (אַ היסטאָרישער איבערבליק) — ע. בן־עזרא .... 3 — 9

אמאָל איז געווען (פּאָעמע) — ישראל זוסמאַן 10 — 14

דאָס שטעטל — הרב ד"ר יעקב באָסניאַק 15 — 18

די סאָציאַלע סטרוקטור — ע. ש. .... 19 — 23

די רבנים

דער בית הרב — הרב מרדכי גרינבערג .... 24 — 25

הרב ר' משה צבי — הרב מרדכי גרינבערג 25 — 26

הרב ר' יהושע יעקב — הרב מרדכי גרינבערג 26 — 27

די פּטירה פון אַלטען רב — אַלטער עלמאַן 27 — 28

די גייסטיגע געשטאַלט פון אַלטען רב — עין הקורא .... 29 — 31

דער אַלטער רב (בילד) — ישראל זוסמאַן ...

הרב ר' יעקב חיים ז"ל — הרב מ. גרינבערג 32 — 34

דער לעצטער רב—הרב שלום פּאָדאָלעווסקי 35

בתי מדרשים

די קאַלטע שוהל (זכרונות) — הרב ד"ר יעקב באָסניאַק .... 37 — 40

אָנמערקונגען וועגן דער קאַלטער שוהל — ע. בן־עזרא .... 41 — 42

דער בית־המדרש — מ. רובינשטיין ...... 42 — 43

די בית־המדרש דאַוונערס — הרב ד"ר יעקב באָסניאַק .... 43 — 45

דער בית־המדרש און זיינע אורחים — מ. ג. ק. 45 — 46

דאָס סטאָלינער שטיבל — ישראל זוסמאַן ... 47 — 50

דאָס קאָברינער שטיבל—שלמה פּאָדאָלעווסקי 51 — 53

אינסטיטוציעס

די „חברה קדישא" — א. ס. האָראָדעצער .. 54 — 56

די קליינע חברות — א. עלמאַן .... 56 — 57

דער הכנסת אורחים — י. יצחקי .... 57 — 58

די שטעטלדיגע אויטאָנאָמיע

א. די „אופּראַווע" — שלמה ליבער'ס ...... 59 — 60

ב. די „קאָראָבקע" — שלמה ליבער'ס ...... 60 — 61

יום־טובים (זכרונות)

ראש השנה — צביה גרינגלאַז 62

יום־כפור — צביה גרינגלאַז .... 62 — 63

סוכות — צביה גרינגלאַז .... 63 — 64

חנוכה — צביה גרינגלאַז .... 64 — 65

חמשה עשר בשבט (פּאָעמע) — צביה גרינגלאַז 65

פּורים — צביה גרינגלאַז 66

פּסח — דוד קאַפּלאַן 67

ל"ג בעומר (חדר־יאָהרען) — שלמה גרעין .. 68 — 69

שבועות — צביה גרינגלאַז .... 69 — 70

עפּיזאָדען — ע. קאָסטראָמעצקי

א. די מחלוקת .... 71 — 72

ב. די טהרה־ברעט .... 72 — 74

ג. אַ בלוט־בלבול .... 74 — 76

גוטע אידען

האָראָדעצער רבנים — ע. רושעווסקי 77

ר' פּנחס מיכאל ז"ל — עב"ע .... 78 — 79

ר' מרדכי'לע — מ. מישקין .... 80 — 82

דער כאַלאַשינער — גדליהו קאַפּלאַן ...... 83 — 84

קולטור באַוועגונגען

די רעוואָלוציע — א. ש. .... 85 — 87

ציוניזם

די ערשטע טריט — א. ציוני .... 88 — 89

אַ „פּאָליטישער פאַרברעכער" — נפתלי גאָלדבערג .... 90 — 91

די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג — שמואל הויזמאַן 92 — 93

פּערזענליכקייטען און טיפּען

דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ — ע. בן־עזרא 94 — 97

מאָטיע הלל'ס — א. מ. צייטעלזאָן .... 98 — 99

ר' יצחק אהרן — הרב מרדכי גרינבערג .... 99 — 101

ר' שלום קאָסטרינסקי — יעקב קאָסטרינסקי 101 — 102

מאָטיע איציק'ס — ע. קתרוסי .... 103 — 104

בערל רודעצער — איטקע פּאָדאָלעווסקי 104 — 105

אַ חתונה פון בערל רודעצער'ס אַן אייניקעל (בילד) 106

„פאַניע שאף" (איציקל) — י. זים .... 107 — 108

אַ כלל־טוער — ש. בן־חביב .... 109 — 110

דער שטאָט לץ — דוד קאַפּלאַן .... 110 — 111

מלמדים און לערער — עמי

סנדר דער מלמד .... 113 — 112
שמואל דער שוסטער .... 114 — 113
חיים איציק'ס .... 117 — 115
יאַנקל כאַדלינער .... 118 — 117
אַ מלמד־סוחר .... 120 — 119
ר' שמעון אייזיק .... 122 — 120
ר' אשר .... 124 — 122
יודל דער מלמד .... 125 — 124
ר' אשר דוד .... 127 — 125
אַ חדר מתוקן .... 128 — 127
הערשעל דער לעהרער .... 130 — 128
משה חיה דבורה'ס .... 131 — 130
מיידעלשע חדרים .... 133 — 132

רופאים

נפתלי דער רופא — הרב מרדכי גרינבערג 135 — 134
וויטקין — מחלה טימאַנער 136

צווייטער טייל

אַ פערטל יאָהרהונדערט (1939 — 1914)

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ב. ש. זוסמאַן 142 — 139
די עקאָנאָמישע לאַגע — ש. פאַדאַלעווסקי 144 — 143
דער איבערגאַנגס פעריאָד — בנימין מ. ישראל 146 — 145
דער פּאָליאַק — יודל גרינבערג .... 147 — 146
מיין באַזוך — ישראל זוסמאַן .... 152 — 148
די חלוצים באַוועגונג — בלהה פיינשטיין 154 — 152
אונטער דעם פוילישען רעזשים — הרב שלום פאַדאַלעווסקי .... 161 — 155
געוועז . . . — א. וואַרשא .... 163 — 162
מיין שטעטעלע (פּאָעמע) — צביה גרינגלאַז 164

דריטער טייל

פאָלקלאָר

הקדמה — ר' עקיבא .... 168 — 167
רעדענסאַרטען — ר' עקיבא .... 169 — 168
גלייכווערטלעך — ר' עקיבא .... 170 — 169
די אידישע שפּראַך — ע. בן־עזרא .... 172 — 170
מנהגים — ע. בן־עזרא .... 176 — 172
צונעמענישען — עב"ע 177
פאָלקס דאָקטאָריע — ד"ר י. פאַרבער .... 180 — 178
אַנמערקונגען — עב"ע 181
סגולות און רפואות — יודל קאַפּלאַנסקי 181
צוויי באָבעס — ע. קאַסטרינסקי .... 184 — 182

לעגענדעס

אויף אַ שטעקען — מ. טימאַנער .... 186 — 185
מאָטל דער איד — איטשקע .... 187 — 186
שדים — א. עלמאַן 187

פאָלקס לידער

פינסטער, גליטשיג, שפּעט ביינאַכט 188
דאָס ליד פון אַרבייטער 188
פון אַזיע קיין אייראָפּע 189
קינדער לידער 189

פערטער טייל

דער סוף (צייכנונג) — **ישראל זוסמאַן**

דער סוף — 193
די בריוו .... 195 — 193
אברהם ווינאָגראַד 196
דוד וואָלינייעץ 197
מאַפּע (האָראָדעץ אין דער לעצטער שלאַכט) .. 198
יזכור (צייכנונג) — י. זוסמאַן 199
אָנמערקונג 200
אונזערע קדושים (בילדער) .... 207 — 201
אונזערע קדושים (נעמען) .... 209 — 208
יזכור (טעקסט און צייכנונג) — ישראל זוסמאַן 210

פינפטער טייל

האָראָדעצער אין דער וועלט

גלאָבוס (צייכנונג) — ישראל זוסמאַן 211
אין אַמעריקא — בעסי גרעבלאָווסקי .... 218 — 213
„חברה ישועות יעקב אונטערשטיצונגס פעראיין אנשי האָראָדעץ" — חיים גרעבלאָווסקי 221 — 219
„יונג האָראָדעץ" — בנימין שלמה זוסמאַן 223 — 222
האָראָדעצער „ליידיס אוקזיליערי" — פייגל גרינבערג 223
האָראָדעצער אין רוסלאַנד — א. האָראָדעצער 225 — 224

אין ארץ ישראל

אַמאָליגע יאָהרען — א. קאַסטרינסקי ...... 227 — 226
היינטיגע צייטען — יוסף מאָנטאַג .... 228 — 227
ר' חיים מענדל ז"ל — ע. קאַסט .... 229 — 228
בילד פון בוך קאָמיטעט „האָראָדעץ" 230
אַ דאַנק צו די ביישטייערער 231
אַ רשימה פון נעמען .... 238 — 233

פאָרוואָרט

דער געדאַנק אַרויסצוגעבען אַ בוך וועגן האָראָדעץ האָט שוין פון לאַנג געעגבערט אין די מוחות פון אייניגע האָראָדעצער געבוירענע. אָט דער געדאַנק צו פאַראייביגען דאָס קליין שטעטעלע, וואו אונזער וויגעלע איז געשטאַנען, און וואו מיר האָבען פאַרבראַכט אונזער קינדהייט און אַ היבשען טייל פון אונזער יוגענט — האָט נים געלאָזט רוען די דאָזיגע ענטוזיאַסטען. און ניט נאָר ווייל זיי זיינען געווען פאַרוואָרצעלט אין האָראָדעץ האָבען זיי גע׳חלום׳ט וועגן אַזאַ בוך — נאָר ווייל זיי האָבען געזעהן דעם קולטורעלען ווערט וואָס אַזאַ בוך קען האָבען פאַר דער אידישער היסטאָריע.

האָראָדעץ איז געווען איינע פון די עלטסטע קהלות אין רוסיש־פוילען וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּען פון אידישער מארטיראָלאָגיע — און דאָך עקזיסטירט!

דאָס קליינע שטעטעלע האָראָדעץ איז געווען גאַנץ גוט באַוואוסט אַלס וויכטיגע אידישע קהלה, און אַ דאַנק איר געאָגראַפישע לאַגע האָט זי פּרעזערווירט אין זיך דאָס קערענדיגעם פונ׳ם אידישען לעבען. האָראָדעץ האָט אויף צו־להכעיס אַלע שטורמווינטען אָפּגעהיט דעם טראַדיציאָנעלען אידישען גייסט און איז געווען דורכגעדרונגען מיט אידישען וויסען און באַוואוסטזיין.

אָט די אַלע טעמים צוזאַמען האָבען געוועקט די פאָר האָראָדעצער צו שאַפען אַזאַ בוך — אָבער ניט יעדע אידעע געפינט באַלד די געהעריגע אויערען און הערצער, וועלכע זאָלען דאָס פאַרנעמען און רעאַליזירען.

צום גרוים באַדויערען זיינען מיר געקומען צו שפּעט, ווען די אידישע האָראָדעץ עקזיסיטירט שוין מעהר נים; ווען אַלץ איז חרוב און צושטערט; פאַרברענט, אָפּגעמעקט און ברוטאַל פאַרשניטען געוואָרען פון דער וועלט.

זאָל דאָס בוך „האָראָדעץ״ דינען ווי אַ ליטעראַרישע מצבה נאָך די אומגעקומענע אויף קידוש השם, וועלכע זיינען אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען. זאָלען די אַרטיקלען, וועלכע געפינען זיך אין דעם בוך, זיין די עפּאָפּייע אויף די מוטיגע און העלדישע אידען אין האָראָדעץ, וועלכע האָבען פאַרטיידיגט זייער כבוד אַלס מענש און איד. זאָל דאָס בוך „האָראָדעץ״ זיין אַן אָנדענקונג פון די יעניגע וועלכע האָבען במשך פון הונדערטער יאָהרען געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדים פון אידענטום. זיי האָבען אונז געגעבען מוט און האָפנונג פאָרטצוזעצען אונזער קיום אויך אין פרעמדע לענדער.

זאָלען די נעמען פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באבעס זיין איינגעקריצט אין אונזער אייגען לאַנד, וועגן וועלכער זיי האָבען גע׳חלום׳ט לאנגע יאָהרען.

דאָס בוך „האָראָדעץ״ איז די בריק, וועלכע פאַרבינדעט אונזער זיסע פאַרגאַנגעהייט מיט דער געגענוואַרט, אַ בריק אויף וועלכער מיר שפּאַנען צו אַ נייער צוקונפט פאַר אונזער פאָלק און אונזער לאַנד ארץ־ישראל.

*   *

*

צום סוף וויל איך דערמאָנען אַ פּאָר היסטאָרישע פֿאַקטען וועגן בוך „האָראָדעץ":

אין זומער 1946, ווען אונזער לאַנדסמאַן משה ווינאָגראַד איז געקומען אויף אַ באַזוך פֿון בוענאָס-איירעס, האָט זיך געגרינדעט אין הויז פֿון אַ צווייטען לאַנדסמאַן, בנימין שלמה זוסמאַן אַ קאָמיטעט אַרויסצוגעבען אַזאַ בוך. אין קאָמיטעט זיינען אַריין פֿאָלגענדע האָראָדעצער: ישראל זוסמאַן — פּאָרזיצער, יודעל גרינבערג — קאַסירער, שלמה פּאָדאָלעווסקי — רעפּאָרט-סעקרעטאַר, מחלה טימאַנער — קאָרעספּאָנדענץ-סעקרעטאַר. און אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין די פֿאָלגענדע מיטגלידער: משה ווינאָגראַד (פֿאַרטרעטער אין אַרגענטינע), דוד קאַפּלאַן און בנימין שלמה זוסמאַן. אַלס רעדאַקטאָר איז אויסגעקליבען געוואָרען ע. בן-עזרא.

דערנאָך זיינען צוגעצויגען געוואָרען די פֿאָלגענדע לאַנדסלייט: צביה גרינגלאַז, י. גרעבלאָווסקי, מ. רובינשטיין, הרב שלום פּאָדאָלעווסקי, ד"ר י. פֿאַרבער, נפתלי גאָלדבערג (פֿאַרטעטער פֿאַר די דרום-שטאַטען) און ישעיהו קאַסטרינסקי (פֿאַרטרעטער פֿאַר ארץ-ישראל).

און מוצאי שבת, דעם 7-טען סעפּטעמבער, 1946, בשעת דעם קבלת-פּנים פֿאַר דעם אַרגענטינער גאַסט אין דער האָראָדעצער שוהל איז אַ דאַנק דעם שרייבער פֿון די דאָזיגע שורות און ישראל זוסמאַן געזאַמעלט געוואָרען אַ היבשע סומע אַלס אַ התחלה אויף אַרויסצוגעבען דעם בוך.

איך דריק דאָ אויס אַ דאַנק דער האָראָדעצער חברה „ישועות יעקב", וועלכע האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דער זאַך. אויך די ליידיס אוקזילערי פֿון דער האָראָדעצער חברה וועלכע איז ניט געשטאַנען אָן אַ זייט.

אַ באַזונדערען דאַנק דריק איך אויס צו אונזערע לאַנדסלייט פֿאַר זייער אינפּאָרמאַציע, און ספּעציעל צו ר' אלטער עלמאַן,' ר' עזרא קאַסטרינסקי, ר' אשר קאַסטרינסקי, הרב ר' מרדכי גרינבערג, צו חוה סקאָבאָלעוו און צו די אַלע וועלכע האָבען בייגעשטייערט סיי גייסטיג און סיי מאַטעריעל.

אויך זאָל דערמאָנט ווערען מיט דאַנק אונזער לאַנדסמאַן ישראל זוסמאַן, דער מאָלער און קונסט רעדאַקטאָר פֿון „האָראָדעץ", און דער בוך קאָמיטעט וועלכע האָבען געבראַכט דעם דאָזיגען בוך צו זיין דערשיינונג.

אַ יישר-כח קומט אויך דעם קאָברינער רבי'ן, ר' ברוך ז"ק, און דעם באַוואוסטען פֿאָלקס-זינגער משה נאַטאַנזאָן פֿאַר די נאָטען פֿון ר' משה קאָברינער'ס אַ ניגון צו „יה אכסוף", דער גרינדער פֿון דער קאָברינער דינאַסטיע.

און אחרון, אחרון — אַ דאַנק מיין פריינד דעם העברייאיש-אידישען שרייבער שמואל בערענהאָלץ פֿאַר זיינע געלונגענע אָנמערקונגען.

זאָלען אַלע זיין געבענשט!

י' אב, שנה א' למדינת ישראל, תש"ח.

עב"ע.


פּאָלעסיע
טײַך
אָזערע
זומפּ
גרענעץ
אײנליניקע באַן
שאָסײ
טאָפּל־ליניקע באַן
פֿורװעג פֿאַר שװערן געשפּאַן
פֿורװעג פֿאַר גרינגן געשפּאַן
האראדעץ און אומגעגנט
אנטיפּאָלע
האראדעץ
קאָברין
פּינסק
לונינעץ
סלוצק
קאָװעל
לודמיר
באַראַנאָװיטש
סלאָנים
װאָלקאָװיסק

ערשטער טייל

אַלגעמיינע געשיכטע

האראדעץ

(אַ היסטאָרישער איבערבליק)

פון ע. בן־עזרא

א. די געאָגראַפישע לאַגע

האָראָדעץ, גראָדנער גובערניע, דורך וועלכע ס׳גײט דורך די פּאָלעיסער באַן ליניע, ליגט צווישען בריסק און פּינסק.

ווען דאָס דאָזיגע שטעטל איז געגרינדעט געוואָרען — איז ניט באַוואוסט. שוין אין יאָהר 1142 ווערט האָראָדעץ דערמאָנט אין אַלטע אַרכיוועז אין צוזאַמענהאַנג מיט ערד צעטיילונג.

אין 1286 ווערט האָראָדעץ דערמאָנט אַלס דאָרף האָראָדעל אָדער האָראָדלא וואָס דער פירשט וולאַדימיר וואַסיל־קיעוויטש האָט צווישען אַנדערע שטעט און דערפער איבער־געלאָזט פאַר זיין פרוי אָלגא ראָמאַנאָוו [1])

שפּעטער ווערט האָראָדעץ דערמאָנט, אונטער׳ן נאָמען האָראָדניצי, צווישען אַנדערע שטעטלאַך, וועלכע האָבען גע־הערט צו דער קעניגין אַננאַ, די אַלמנה פון סטעפאַן באַטאָרי[2]).

פון אגב־אורחא׳דיגע פאַרצייכנונגען קען מען זיך פאָר־שטעלען ווי אזוי האָראָדעץ האָט אויסגעזעהן אין יענע יאָה־רען ווען די גאַנצע געגענט פון פּינסק ביז קאָברין איז געווען באַוואַקסען מיט זעהר געדיכטע וועלדער, און מענשען־ישובים זיינען דאָרט געווען זעהר זעלטען.

נאָך אין יאָהר 1559 האָט זיך געצויגען אַ וואַלד־פּאַס פון פּינסק, דורכשניידענדיג טאַראַקאַן און האָראָדעץ, ביז צו קאָברין און פּרוזשענע [3]).

צו יענער צייט איז אין האָראָדעץ קיין טייך נאָך ניט געווען. ווי ס׳שיינט זיינען אויף זיין אָרט געווען זומפּען, וועלכע האָבען זיך געצויגען פון פּינסק ביז צום קאָברינער טייך מוכאַוועץ.

האָראָדעץ איז דאַן געווען ווי אַן אָאַזיס אין אַ מדבר; אַ ישוב אַרומגערינגעלט מיט וועלדער און זומפּען, וואו ס׳האָבען זיך געהאָדעוועט פאַרשיידענע ווילדע חיות.

די גרויס פון דער דעמאָלטיגער האָראָדעץ איז ניט באַ־וואוסט. לויט באָבראָווסקי׳ן, דער היסטאָריקער פון גראָדנער גובערניע, האָט האָראָדעץ פאַרמאָגט אין סוף פון 16־טן יאָהר־הונדערט פינף גאַסען: קאָברינער, פּרישיכאָדסקע, פּינ־סקער, גרושעווסקי און איליינסקע גאַס. אויסער דעם איז אויך געווען אַ מאַרק פאַר האַנדעל. עס זיינען דאַן געווען 222 באַוואוינטע פּלעצער, 15 קרעטשמעס (11 פון זיי זיינען געווען ביר־שענקען) און 23 ברויזען.

אין עלטערע אָפיציעלע דאָקומענטען ווערט האָראָדעץ באַצייכענט אַלס שטאָט און ניט אַלס שטעטל.

דאָ איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אַ ביסעל לענגער וועגען דער לעגענדע, וואָס האָראָדעצער עלטערע אידען און אויך איינוואוינער פון דער נאָהענטער שטעטל אַנטיפּאָליע (7 קילאָמעטער פון האָראָדעץ) פּלעגען דערציילען, אַז מיט יאָהרען צוריק זיינען אַנטיפּאָליע און האָראָדעץ געווען איין שטאָט.

פרעגט זיך: א) צי איז דאָס מעגליך אַז מיט איניגע הונדערט יאָהר צוריק זאָל האָבען געווען אין פּוילען אָדער ליטע אַזאַ גרויסע שטאָט, זיעבען קילאָמעטער לאַנג?

די אַלע גרויסע שטעט פון יענער צייט און אפילו פון שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטער, ווי פּינסק, בריסק און גראָדנע האָבען פאַרמאָגט בלויז צו עטליכע הונדערט נפשות [4]).

ב) ווי ס׳פיהרט זיך מאַכט מען דעם בית־עולם הינטער׳ן שטאָט. די אַלטע האָראָדעצער מאַגילקע (גוי׳אישער בית-עולם) — פון וועלכער ס׳האָבען שוין געפעלט די צלמים — איז טאַקע געווען הינטער׳ן שטאָט, אויפ׳ן וועג צום באַן. ווען האָראָדעץ און אַנטיפּאָליע וואָלטען געווען איין שטאָט, ווי אַזוי וואָלט דאָס מעגליך געווען אַז די מאָגילקע זאָל זיך גע־פינען אויפ׳ן וועג צו אַנטיפּאָליע?

ג) נאָך מיט אַ פירציג יאָהר צוריק האָט זיך געצויגען אַ געדיכטער סאָסנאָווער וואַלד צווישען האָראָדעץ און אַנטי־

---

1 זע פ. באַבראַווסקי, מאַטעריאַלי דליא געאָגראַפי אי סטאַטיסטיקי ראָסיאי, גראַדזענסקאַיאַ גובערניא, צווייטער טייל, ז. 922, 1053. פּע־טערסבורג, 1863.

2. זע סלאָוואר ראָססייסקאַי אימפּערי, 1, ז. 668.

3 זע וויסלאָוק „ראַזוואַי גראַניץ אי טערעטאָריום פּאַוויאַטו „קאָב־רינסקיעגאָ דאָ פּאָלאָווי 16 וויעקו״; פּנקס פון דער שטאָט פּרושענע, ז. 54, וואַרשאָ, 1931.

4 דער פּינסקער יישוב אין די פופציגער יאָהרען פון 16־טן יאָהר־הונדערט האָט געציילט בערך 300 נפשות. דער גראָדנער יישוב האָט דאַן געציילט 600 נפשות. און בריסק האָט דאַן פאַרמאָגט 85 אידישע משפחות (זע „טויזענט יאָהר פּינסק״, ז. 32). יעצט אין יאָהר 1795 האָט בריסק געהאַט לערך 1000 אידישע נפשות און 481 הייזער (זע עיר תהלה, ז. 19, הערה י״ז).

פּאָליע. פרעגט זיך: ווען איז אויסגעוואקסען דער דאָזיגער וואלד אויב די ביידע זיינען געווען איין שטאָט?

ד) לויט אַלטע אַנטיפּאָליער מצבות און אַן אַלטע שוהל־טאָוועל שטעלט זיך אַרויס אַז אַנטיפּאָליע האָט שוין עקזיס־טירט מיט אַ דריי הונדערט יאָהר צוריק [5])

היוצא לנו מדברינו: די דאָזיגע לעגענדע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון מויל־צו־מויל, איז בלויז אַ פּראָדוקט פון אַ לאָקאַלען פּאַטריאָטיזם, אָבער איז ניט באַגרינדעט אויף קיין שום היסטאָרישען פאַקט.

ס'איז כדאי דאָ אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף אַן ענ־ליכען טעות, און דאָס מאָל שוין בכתב, איך מיין אין דער אידיש-ענגלישער ענציקלאָפּעדיע. דאָרטען ווערט געבראַכט אַז „דאָס קליין שטעטל האָראָדעץ איז אַמאָל געווען אַ טייל פון קאָברין, אָבער ס'איז פאַרניכטעט געוואָרען אין 1653, ווען ס'איז באַלאַגערט געוואָרען פון דער שוועדישער אַרמיי [6]).

כ'האַלט אַז דער טעות נעמט זיך פון אַ שלעכטע איבער־זעצונג פון באַבראַווסקי'ס רוסישען בוך. באַבראַווסקי ברייננגט אַז האָראָדעץ האָט אַדמיניסטראַטיוו און עקאָנאָמיש געהערט צו קאָברין, דאָס מיינט נאָך אָבער ניט אַז די ביידע זיינען געווען איין שטאָט [7]).

ב. דער אידישער יישוב

ווען האָט אָנגעהויבען פּולסירען אַ אידיש לעבען אין האָראָדעץ? גענוי קען מען ניט ענטפערען. ווי עס זעהט אויס האָבען זיך אידען באַזעצט אין האָראָדעץ נאָך גאָר אין די ערשטע יאָהרען פון איר גרינדונג, ווייל אין מיטען פון זעכ־צענטען יאָהרהונדערט געפינען מיר דאָרטען גרויסע אידישע גוט־באַזיצער, ווי דער איד מיסאַן (ניסן?) יאַצקעוויטש און אַוראַשקאַ [8]).

אין אָנהויב פון זיבעצענטען יאָהרהונדערט איז די האָראָדעצער אידישע באַפעלקערונג שוין געווען אַ גאַנץ גרויסע און באַדייטענדע. אין יענע יאָהרען זיינען שוין אין האָראָדעץ געווען אַכט אידישע קרעטשמעס (איינפאָהר־היי־זער) [9]).

עס ווייזט אויס אַז האָראָדעץ איז דעמאָלט געווען אַ צענטראַלער דורכפאָהר־פונקט און מענשען האָבען זיך דאָר־טען אָפּגעשטעלט צוליב מסחר אָדער אַנדערע אורזאַכען.

אין סוף פון 17־טן יאָהרהונדערט זיינען די האָראָדע־צער אידען געווען גאַנץ גוט איינגעפונדעוועט, לויט די באַג־ריפען פון יענער צייט. דאָס קען מען זעהן לויט'ן חשבון פון די

5 זע י. א. שולרוף, אנטיפאליע, איהר נאָמען און עלטער, ספר היובל של אַנטיפּאָליער אייד סאָסייעטי, שיקאַגאָ, 1934.

6 זע באַנד 9, ז. 526. און די אידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע ברייננגט די זעלבע זאַך אין באַנד 7, ז. 326.

7 זע באַבראַווסקי, 2, ז. 1053.

8 זע רעגעסטי אי נאַדפּיסי, 1, ז. 237. פּעטערסבורג 1910.

9 זע אידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 6־5, ז. 8־707.

קאָפּ־שטייערען וואָס האָראָדעצער אידען האָבען איינגעצאָלט אין יאָהר 1673. זיי האָבען דאַן געגעבען 51 זלאָטעס. דאָס איז ניט געווען קיין קליינע סומע פאַר יענע צייט [10]).

אויך פון אַן אַנדער קוואַל ווערען מיר געוואויר וועגען דער האָראָדעצער אידישער קהלה און די ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט אין אידישען לעבען. דאָס קען מען זעהן פון די תקנות פון „ועד ארבע הארצות" פון יאָהר 1623. עס איז דעמאָלט אַסיגנירט געוואָרען אַ סומע געלט אויף צו רעמאָנ־טירען די האָראָדעצער שוהל [11]).

האָראָדעץ איז אויך איינגעשלאָסען אין דער רשימה פון שטעט, פאַר וועלכע דער „ועד ארבע הארצות" האָט אויס־געאַרבייט ספּעציעלע תקנות בנוגע וואַנדערענדיגע אָרימע־לייט [12]).

לויט דעם דאָזיגען דאָקומענט האָבען די האָראָדעצער אידען דאַן געהערט צו בריסק, וועלכע איז געווען אַ טייל פון „ועד מדינת ליטא", וואָס איז באַשטאַנען פון בריסק, גראָד־נע און פּינסק.

עס איז מערקווירדיג וואָס די אידישע כראָניק וועגען באָגדאַן כמיעלניצקי'ס אויפשטאַנד (1648 — גזרות ת"ח) לאָזט איגנאָרירען אויס דעם נאָמען האָראָדעץ. אין קאָברין זיינען דעמאָלט אויסגע'הרג'עט געוואָרען 200 אידען [13]). צי איז דאָס מעגליך אַז האָראָדעץ, וועלכע איז נאָהענט צו קאָברין זאָל איגנאָרירען האָבען ניצול געוואָרען?

ווי אַזוי האָבען די דאַמאָלס'דיגע האָראָדעצער אידען געלעבט? ווי גרויס איז געווען די דאַמאָלס'דיגע אידישע קהלה?

אויף די דאָזיגע צוויי פראַגעס קענען מיר קריגען אַ טיילווייזען ענטפער פון אַן אַלטען פּוילישען דאָקומענט. פון דעם דאָזיגען דאָקומענט קען מען אַרויסלערנען אַז די האָ־ראָדעצער קהלה איז געוואָקסען אין צאָל און אין מאַכט.

דער דאָקומענט גופא איז ניט קיין דערמוטיגענדער, עס איז אַ דאָקומענט וועלכער אילוסטרירט די הילפלאָזיגקייט פון די אידען און זייער טראַגישקייט אפילו אין די לענדער וואו זיי האָבען כלומר'שט געהאַט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

דער איד האָט שטענדיג געלעבט אין שרעק און צו יעדער צייט איז ער געווען אויסגעזעצט צו דער געפאַר אַרויסגע־טריבען צו ווערען און צו דער קאָנפיסקאַציע פון זיין פאַר־מעגען.

אויך די האָראָדעצער אידען האָבען דורכגעמאַכט אַזאַ פּעריאָד. דאָס איז געווען סוף 17־טן יאָהרהונדערט. גענוי וואָס האָט געבראַכט צו דער פינסטערע גזרה — איז ניט באַוואוסט. נאָר מיר לייענען אין אַן אַלטען פּוילישען דאָ־

10 קאָברין האָט דאַן געגעבען 139 זל. מעהר ווי דאָפּעל פאַר האָ־ראָדעץ [זע רעגעסטי אי נאַדפּיסי, באַנד 2, ז. 48].

11 זע פנקס ועד ארבע הארצות, ז. 116.

12 דאָרטען, ז. 18.

13. זע מגילת עיפה.

קומענט, אַ באַריכט פון אַ משפּט איבער די האָראָדעצער אידען, אין דעם 10-טן יולי 1700 [14].

עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פּוילישע פּרוי וואָס האָט געמאָנט אַ חוב פון אייניגע האָראָדעצער אידען.

אויף וועלכע באַדינגונגען זי האָט זיי אַנטליהען דאָס געלט — ווערט ניט דערמאָנט. נאָר מ'קען זיך משער זיין אַז זיי האָבען דעם חוב ניט באַצאָלט. ווי ס'שיינט, האָט דער פּוילישער פאַרוואַלטער פון האָראָדעץ געהאַלטען מיט די אידען.

דער פּסק־דין איז געווען אַז דער גאַנצער קהל דאַרף ליידען, נעמליך אַז מ'דאַרף קאָנפיסקירען אַלע אידישע פאַרמעגענס, אפילו די פאַרמעגענס וועלכע געפינען זיך אויסער האָראָדעץ. און אַלע אידען, יונג און אַלט, מוזען אַרויסגעטריבען ווערען פון האָראָדעץ.

איז טאַקע דער פּסק־דין אויסגעפירט געוואָרען לויט'ן גייסט פון בוכשטאַב אָדער ער איז געמילדערט געוואָרען?

דאָס איז ניט באַוואוסט. אָבער דאָס איז זיכער, אַז דער פּראָטאָקאָל איז דורכגעדרונגען מיט האַס צו די אידען. די פראַזע „די אומגלויביגע אידען" ווערט איבערגע'חזר'ט אין פּראָטאָקאָל מעהרערע מאָל.

פון זעלבען דאָקומענט קען מען אויך אַרויסדרינגען אַז האָראָדעץ איז דאַן געווען אַ שטאָט, ווייל אַזוי ווערט זי דאָרטען באַצייכענט. אויך די נעמען פון די צוועלף אידישע פאָרשטעהער קענען דאָס באַשטעטיגען, (איינער פון זיי איז מיסאַן האַראַנאָוויץ. ס'איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטען וועגען דעם דאָזיגען מאָדנעם נאָמען), אַז ס'איז ניט געווען קיין קליינע קהלה.

וועגען שפּעטערדיגע יאָהרען איז אונז זעהר ווינציג באַוואוסט. ס'איז כמעט קיין כראָניק ניטאָ. אין יאָהר 1766, ווייסען מיר, זיינען אין האָראָדעץ געווען 254 אידען [15], אַ גאַנץ היבשע קהלה פאַר יענע יאָהרען.

ווערליג ס'זעהט אויס האָט דער ניי אויסגעגראָבענער קאַנאַל דורך וועלכען האָראָדעץ איז אויפגעלעבט געוואָרען*), געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אידישער באַפעלקערונג. די באַפעלקערונג איז כמעט ווי פאַרדאָפּעלט געוואָרען אין יאָהר 1847, עס זיינען דאַן געווען אין האָראָדעץ 422 אידישע נפשות [16].

עס שיינט אַז די האָראָדעצער אידישע קהלה האָט ניט אָנגעהאַלטען איהר צוואוואוקס ווייל מיר לייענען אין אַ קעניגליכע סטאַטיסטיק פון יאָהר 1860, אַז אין האָראָדעץ געפינען זיך 295 אידען צווישען 700 ניט אידען [17]. שפּעטער, אין 1878, איז נאָכאַמאָל געוואַקסען די קהלה, און אין האָראָדעץ זיינען דאַן געווען 567 אידען צווישען 1264 איינוואוינער [18].

14. זע אַקטי ווילענסקאַיו קאַמיסיו דליאַ ראַזבאָרא דרעווניך אַקטאָוו, באַנד XXIX, ז. 270־267. ווילנא, 1902.

15. זע רוסיש־אידישע ענציק. באַנד 6־5, ז. 8־707.

*) זע דעם קאַפּיטל „די סאָציאַלע פאַרבעסערונגען".

16. אידיש־רוסישע ענצ. באַנד 9, ז. 575.

17. זע סלאָוואַר ראָססייסקאַי אימפּערי, באַנד I, ז. 668.

און אין 1897 איז די אידישע באַפעלקערונג ווייטער געשטיגען און האָט שוין דערגרייכט ביז 648 נפשות צווישען 1761 ניט אידען [19].

ג. די פּאָליטישע לאַגע

די פּאָליעסער געגענט האָט דורכגעלעבט פאַרשיידענע פּאָליטישע איבערקערענישען און אויפטרייסלונגען. אין די יאָהרען 1341—1315 האָט דער ליטווישער גרויספירשט געדימין איינגענומען פּאָליעסיע. שפּעטער, אין יאָהר 1385 איז ליטע פאַראייניגט געוואָרען מיט פּוילען. און נאָך שפּעטער, אין 1495 האָט אַלעקסאַנדער אַרויסגעטריבען אַלע אידען פון גאַנצען ליטווישען פירשטענטום [20]. און אין 1706 האָבען די שוועדען איינגענומען ליטע.

וואָס איז געווען דער גורל פון די האָראָדעצער אידען יענע יאָהרען — ווייסען מיר, ליידער, גאָרניט. די היסטאָריע שווייגט וועגען דעם. געבליבען איז בלויז אין מויל פון די האָראָדעצער אידען דער שפּריכוואָרט: „עס געדענקט שוין שוועדען". אויך פלעגען עלטערע אידען אין האָראָדעץ דערמאָנען די זאַקסישע מלחמה (סוף 1705), אָבער וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט זי געהאַט — ווייסען מיר אויך ניט.

אין 1793 איז האָראָדעץ אַריבער צו רוסלאַנד און איינגעגלידערט געוואָרען אין ווייס־רוסלאַנד. פון דאַן אָן הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון האָראָדעץ. דאָס קאַפּיטל האָט זיך געצויגען ביז 1914, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכען און די ראָמאַנאָוו דינאַסטיע האָט שוין מעהר ניט געהאַט קיין שליטה איבער האָראָדעץ.

ס'איז אוממעגליך אַז די נאַפּאָליאַנישע מלחמה (1812) זאָל ניט האָבען קיין ווירקונג אויף די האָראָדעצער אידען. געוויס זיינען געווען אידען וועלכע האָבען געהאַלטען מיט'ן פראַנצויז, און אַנדערע וועלכע זיינען געווען אויפ'ן רוסישען צד.

דערפאַר האָבען מיר גענויערע ידיעות וועגען דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד), ספּעציעל פון דער צווייטער פּאָווסטאַניע (1863). אַ סך האָראָדעצער אידען האָבען געהאַלטען מיט'ן פּאָליאַק. זיי פלעגען באַזאָרגען די פּאָליאַקען מיט שפּייז און אויך זיי אויסבאַהאַלטען. אָבער אויך דאַן, ווען דער איד פלעגט באַהאַלטען דעם פּאָליאַק אין קוטשקע צוזאַמען מיט די הינער, פלעגט דער פּאָליאַק ניט פאַרגעסען אַ געשריי צו טאָן צו זיין אידישען רעטער: „זשיד פּאַרכאַטי, זדעים טשאַפּקי!" (פּאַרכעוואַטער איד, נעם אַראָפּ דאָס היטל).

די רוסישע רעגירונג האָט זיך אָפּגערעכענט מיט די אידישע רעטער, און איינע פון די קרבנות איז געווען דבורה, די שוועסטער פון הערש לייב סיראָטאַ פון וויגאַדאַ, וועלכע איז פאַר אַזאַ חטא פאַרשיקט געוואָרען קיין סיביר.

18. זע סלאָווניק געאָגראַפיטשני קראָלעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ, באַנד III, ז. 133. וואַרשאַ, 1882.

19. זע אידיש־רוסישע ענצ. באַנד 9, ז. 575.

20. זע פּנקס פּרוזשענע, ז. 71.

די אונטערדריקונג פון פוילישען אויפשטאנד האָט זיך אויך אָפּגערופען אויף דער פּאָליטישער לאַגע פון האָראָדעץ. האָראָדעץ מיט די אַרומיגע הויפען ווי רודעץ, וורעטעפּאָליע, טשעלישטשעוויטש, פּערעכרעשטש און אַנדערע האָבען געהערט צום פּוילישען פּריץ וורעט. די רוסישע רעגירונג האָט זיי קאָנפיסקירט און פאַרקויפט, פאַר גאָר אַ קליינע סומע, צו דעם אַלטען שטער, וועלכער האָט געשטאַמט פון די ראָמאַנאָווס.

די האָראָדעצער אידען האָבען געצאָלט „פּלאַצאָווע״ (לאַנד-שטייער) צו שטער׳ן, און דערנאָך צו זיין יונגערען זוהן, צו וועלכען האָראָדעץ, וורעטעפּאָליע, פּאלאיען האָבען געהערט.

אונטער׳ן צאַרישען רעזשים האָבען די האָראָדעצער אידען געהאַט אויסצושטיין אַלע גזרות און פאַרפאָלגונגען וועלכע די רעגירונג האָט געהאַט צוגעטראַכט פאַר אידען. אויך אויף האָראָדעץ איז אַריבער די פּאָגראָם כוואַליע, וואָס האָט געבושעוועט אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָהרען.

אין אָנהויב פון די 80-ער יאָהרען האָט מען צוגעבויט די פּאָליעסער באַן־ליניע פון זשאַבינקע קיין פּינסק, דורך האָראָדעץ. די רוסישע רעגירונג האָט געבראַכט פאניעס פון טיף רוסלאַנד צו בויען די דאָזיגע באַן־ליניע. אין האָראָדעץ זיינען איינגעשטאַנען אַ טייל פון די פאָניעס, וועלכע האָבען געארבייט ביי דער ליניע.

די לופט איז דאַן געווען פול מיט האַס צום אידען וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרגיפטעט. די רוסישע קאַצאַפּעס האָבען בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט ווען זיי וועלען קענען זיך צופיהרען די הענט. און כך הווה: איינמאָל אַ פאַרנאַכט, דעם 20־טן יולי, 1882, האָבען זיך די קאַצאַפּעס אָנגע׳שכור׳ט און אָנגעהויבען ברעכען שויבען, שלאָגען אידען און געוואָלט חרוב מאַכען די האָראָדעצער אידישע קהלה. אַ נס וואָס די האָראָדעצער גויים זיינען צו זיי ניט צוגעשטאַנען. דער אוריאַדניק, שאכנאָוו, מיט׳ן סטאַרשינאַ האָבען ניט דערלאָזען אַז דער פּאָגראָם זאָל זיך צופלאַקערען. אויך האָבען די האָראָדעצער אידישע יונגוואַרג ניט געזעסען מיט פאַרלייגטע הענט און זיי געבען אויף צוריק [21].

אַ צווייטען מאָל, ווען אין זומער 1906, ווען רוסישע קאַצאַפּעס האָבען איבערגעמאַכט דעם אייזערנעם בריק, האָט ווייטער געשוועבט אַ פּאָגראָם איבער די קעפּ פון די האָראָדעצער אידען ,אָבער מ׳איז אָפּגעקומען מיט שרעק.

ד. סאָציאַלע פאַרבעסערונגען

ווי מיר האָבען שוין געזעהן איז האָראָדעץ געווען אַ דורכפאָהר־פּונקט, אויפ׳ן וועג צווישען בריסק און פּינסק. אָבער אַ גרעסערע ראָליע האָט זי אָנגעהויבען שפּילען נאָכדעם ווי מ׳האָט געמאַכט דעם קאַנאַל. דער קאַנאַל, וואָס שפּעטער האָט ער געהייסען דניעפּער־בוג קאַנאַל, איז אַמאָל

21. זע זלמן קאמענעצקי, מי ברעש, „המליץ״ גליון 29, 1882.
אויך אין דער נאָהנטער שטעטל דראָהיצין האָבען די פּאָניעס דאַן געפּרואווט מאַכען אַ פּאָגראָם [זע „המליץ״, גליון 40, 1882].

גערופען געוואָרען קראָלעווסקי קאַנאַל (דער קעניגליכער קאַנאַל), אויפ׳ן נאָמען פון פוילישען מלך אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי (1795 — 1764), ווייל ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם געדאַנק.

דער דאָזיגער קאַנאַל איז געעפענט געוואָרען מיט גרויס פאַראַד אין יאָהר 1784. צווישען דעם גרויסען עולם איז אויך געווען דער פוילישער מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען קיין האָראָדעץ, כדי צו זיין אָנוועזענד ביי דער געשעהעניש [22]). דער אויפטו איז דאַן געווען זייער גרויס, און פיל איז גערעדט און געשריבען געוואָרען וועגען דעם.

אָט דער דאָזיגער קאַנאַל, וואָס איז געענדיגט געוואָרען אין 1841 [23]), פאַראייניגט דעם טייך מוכאַוועץ, ביי קאָברין, מיט׳ן טייך פּינא פון פּינסק. אין אַנדערע ווערטער, דער דאָזיגער קאַנאַל פאַרבינדט די צוויי גרויסע טייכען דניעפּער און בוג (דעריבער האָט מען גערופען דניעפּר־בוג קאַנאַל). אַ דאַנק דעם קאַנאַל איז דער שווארצער ים פאַראייניגט געוואָרען מיט׳ן באַלטישען ים. די לענג פון דעם קאַנאַל איז איבער 75 קילאָמעטער.

אָט דורך דעם קאַנאַל פלעגט מען שיקען קיין קאָברין, בריסק, וואַרשא און דאַנציג פאַרשיידענע פּראָדוקטען, ווי תבואה, גרויפּען, בראָנפען, חזיר, ליכט, געוואַנט, פערדישע האָר, חזיר־האָר, סמאָלע, געהילץ און טעפּ [24]).

אַ דאַנק דעם פאַרקער האָט מען האָראָדעץ גערופען „קליין דאַנציג״, ווייל האָראָדעץ איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּלאַץ פאַר אויסלאָדען און אָנלאָדען סחורות. אָט לייענען מיר די פאָלגענדע סטאַטיסטיק פון 1860: מ׳האָט אָנגעלאָדען 23 שיפען און 69 פליטען מיט 29,315 פּוד אין ווערט פון 104,438 רובל. און אין דעם זעלבען יאָהר האָט מען אויסגעלאָדען 32 שיפען און 9 פליטען מיט 28,393 פּוד אין ווערט פון 121,954 רובל [25]).

איבער׳ן קאַנאַל איז געווען אַ פּרימיטיווער בריק, וועלכען מ׳פלעגט עפענען מיט שטריק, ווען אַ בערלינע (הילצערנע שיף) אָדער אַ פּאַראַכאָד (דאַמפּף שיף) פלעגט דאַרפען דורכגיין. אַרום אַ 40־30 גויים פלעגען ציהען די שטריק ביז דער בריק האָט זיך געעפענט. דער עולם דורכגייער פלעגט דאַרפען וואַרטען ביי אַ פּאָר שעה צייט ביז וואַנען דער בריק האָט זיך צוריק צונויפגעלייגט. יעצט אין 1883 האָט מען געמאַכט אַ הילצערנעם בריק, הויך גענוג אַז אַ פּאַראַכאָד זאָל קענען דורכגיין אונטער איהם.

האָראָדעץ איז געוואָרען אַ וויכטיגער צענטער צוליב זיין קאַנאַל, און די רוסישע רעגירונג האָט געמאַכט האָראָדעץ אַלס אַ מיליטער פּונקט. אַרום 1876 האָבען אָנגעהויבען

22. זע באַבראַווסקי, II, ז. 1053.
23. אַרבייטער האָט צוגעשטעלט דער אַנטיפּאָליער איד יאַנקעל שמולעוויטש (זע ד״ר רפאל מאלער, די אידען אין פוילן, ערשטער באַנד, ז. 366. ניו־יורק, 1946).
24. זע סלאַוואַר ראָסייסקאַי אימפּעריי, ערשטער באַנד, ז. 77־76.
25. דאָרנ׳ען, ז. 668.

סטאַנציאָנירען סאָלדאַטען אין האָראָדעץ. פון אָנפאַנג אַ ראָטע (ארום 100 סאָלדאַטען) און דערנאָך פיער ראָטעס. די סאָלדאַטען האָבען פאַרלאָזען האָראָדעץ אַרום 1888. אָבער אין אַ פינף יאָהר שפּעטער איז האָראָדעץ צוריק געוואָרען אַ פונקט וואו סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען, ביז אין יאָהר 1896.

מיט׳ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער האָראָדעצער קאַנאַל, אַלס פאַרמיטלער, אויפגעהערט צו עקזיסטירען, ווייל געהילץ קיין דייטשלאַנד האָט מען שוין ניט עקספּאָרטירט. פון דאַן אָן האָט דער קאַנאַל פאַרלאָרען זיין וויכטיגקייט אַלס קאָמערציעלער נערוו און איז געוואָרען אַ פשוט׳ער לאָקאַלער טייכל.

גאָר אַ גרויסע חשיבות האָט צוגעגעבען האָראָדעץ ווען מען האָט אויפגעבויט די פּאָליעסער באַן־ליניע (1882־4). די ליניע וואָס גייט הינטער׳ן שטאָט האָט אויך געפאָדערט אַן אייזערנעם בריק איבער׳ן קאַנאַל, און אַרום 15 מינוט גאַנג פון שטעטל איז אויסגעבויט געוואָרען אַ וואָקזאַל.

צוליב דער וויכטיגקייט פון קאַנאַל האָט מען די באַן־סטאַנציע גערופען דניעפּראָ־בוגסקאַיאַ. יאָהרען שפּעטער, אונטער׳ן פּוילישען רעזשים, האָט מען געביטען דעם נאָמען פון דער סטאַנציע און איהר גערופען מיט׳ן זעלבען נאָמען ווי דאָס שטעטל, האָראָדעץ.

דער קאַנאַל און די באַן האָבען פאַרבונדען האָראָדעץ מיט דער אויסערליכער וועלט, און סוחרים פון פאַרשיידענע בראַנזשעס פלעגען קומען קיין האָראָדעץ צוליב זייערע מסחרים.

מיט׳ן אויסבויען פון דער באַן־סטאַנציע איז אין האָראָדעץ געוואָרען אַ צענטראַלע פּאָסט סטאַנציע, פון וואַנען מ׳האָט צושיקט בריוו קיין אַנטיפּאָליע און די אַרומיגע דערפער.

האָראָדעץ איז אַ סך פאַרשענערט געוואָרען ווען מ׳האָט אויסגעבויט דעם שאָסיי (1910—1908) צווישען האָראָדעץ און אַנטיפּאָליע. די הויפּט גאַסען פון שטעטל זיינען ברוקירט געוואָרען, און די בלאָטעס זיינען פאַרקלענערט געוואָרען.

אַרום 1928 איז האָראָדעץ שוין אויך טעלעפאָניש פאַרבונדען געוואָרען מיט דער אויסערליכער וועלט. דער טעלעפאָן איז געווען אין פּאָסט, פונוואַנען מ׳האָט געקענט זיך פאַרבינדען מיט אַנדערע שטעט.

אַרום יענער צייט איז אויך אויסגעבויט געוואָרען אַ שאָסיי צווישען קאָברין און האָראָדעץ (21 קילאָמעטער). און אַן אויטאָבוס האָט קורסירט צווישען קאָברין און אַנטיפּאָליע, דורך האָראָדעץ[26]). דער דאָזיגער פאַרקער האָט שטאַרקער צוגעבונדען האָראָדעץ צו איהרע אַרומיגע שטעט און שטעטלאַך.

ה. קולטור און דערציהונג

דאָס אידיש קינד אין האָראָדעץ האָט געקראָגען זיין עלעמענטאַרע אידישע בילדונג אין חדר, און צו 13־14 יאָהר ווען ער האָט פאַרלאָזען דעם חדר פלעגען דאָס רוב בחורים׳לאַך לערנען אין בית־המדרש פאַר זיך. גאָר אַ קליינע צאָהל פלעגט אַוועקפאָהרען לערנען אין אַ ישיבה. פאַרקערט, פון פרעמדע שטעט פלעגען קומען בחורים אָדער פרושים און לערנען בהתמדה אין בית־המדרש.

אָפטמאָל פלעגט דער רב לערנען מיט עטליכע בחורים, וועלכע האָבען געהאַלטען ביי העכערע לימודים, ווי פּוסקים און „חושן משפט".

רוסיש האָט די אידישע יוגענט זיך געלערנט אויטאָדידאַקטיש. זעהר ווינציג אידישע קינדער זיינען געגאַנגען אין „שקאָלע" (רוסישע פאָלקס־שולע), וועלכע האָט פאַרמאָגט אַין לעהרער פאַר איבער אַ הונדערט גוי׳אישע קינדער, און די סאַניטאַרע אומשטענדען זיינען אויך ניט געווען פּאַסיג פאַר דאָס אידיש קינד.

ווען די השכלה־קלאַנגען האָבען זיך דערטראָגען קיין האָראָדעץ, פלעגען די בית־המדרש בחורים׳לאַך לייענען די „טריף־פּסול׳ס" פאַרבאַהאַלטענדיג אונטער דער גמרא. אייניגע האָבען זיך מיט אָט די דאָזיגע גע׳גנב׳טע וואַסער ניט באַנוגענט. זיי האָבען פאַרלאָזען טאַטע און מאַמע און זיך געלאָזען אין דער וויטער וועלט זוכען בילדונג. אָבער ניט אַלע האָבען געקענט ביישטיין דעם נסיון. נאָר אייניגע מיט שטאַרקע כאַראַקטערען זיינען געבליבען אין דער גרויסער שטאָט, וואו זיי האָבען געשטילט זייער דורשט צו בילדונג און געוואָרען באַוואוסטע פּערזענליכקייטען.

איינער פון זיי איז דער באַוואוסטער געלערנטער ד״ר ישראל מיכל ראַבינאָוויץ[27]), וועלכער האָט זיך קיין האָראָדעץ שוין ניט צוריקגעקערט. אָבער זיין פּלימעניק לייב (ר׳ יהושע יעקב׳ס זוהן) וואָס איז מיט איהם „פאַרפאַלען" געוואָרען, איז טאַקע צוריקגעקומען קיין האָראָדעץ.

ווען חסידיזם האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען איבער די אידישע ישובים, האָט עס אויך ניט איבערגעהיפּט האָראָדעץ. האָראָדעץ איז געוואָרען אַ חסידישע פעסטונג פאַר דער קאַרלינער דינאַסטיע.

קאַרלין, וועלכע איז ניט ווייט פון האָראָדעץ, האָט גאָר אין אַ קורצער צייט געפונען אָפענע הערצער פאַר דער קאַרלינער שיטה.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען ר׳ משה מקאָברין האָט אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען זיין חסידישער תורה, האָבען האָראָדעצער אידען זיך אָנגעהויבען ציהען קיין קאָברין צו ר׳ משה׳ן און נאָך זיין פּטירה צו זיינע נאָכפאָלגער.

מ׳קען ניט זאָגען אַז די חסידישע באַוועגונג איז אָנגעקומען אָהן מלחמות און מחלוקת׳ן. די האָראָדעצער מתנגדים האָבען ניט געשוויגען, אָבער די שאַרפקייט פון דער מחלוקת איז אָפּגעטעמפּט געוואָרען און ס׳האָט זיך ניט צופלאַקערט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך.

26. שמאי ראַבינסקי איז געווען דער קאָנצעסיאָנער פון דער אויטאָבוס־ליניע צווישען האָראָדעץ און קאָברין.

27. זע מיין אַרטיקל „ד״ר ישראל מיכל ראַבינאָוויץ".

אַן אַנדער אידישע באַוועגונג וועלכע האָט געשלאָגען שטאַרקע וואָרצלען אין האָראָדעץ, איז די ציוניסטישע באַוועגונג. אין אָנהויב, ווי נאָך ד"ר הערצל איז אַרויף אויף דער אידישער אַרענא, זיינען שוין אין האָראָדעץ געווען אייניצעלנע אידען וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם באַפרייאונגס־געדאַנק. ביסלעכווייז האָט דער דאָזיגער געדאַנק אַרומגעכאַפּט די גאַנצע אידישע קהלה. אַ דאַנק דער ארץ־ישראל באַוועגונג זיינען אייניגע אידישע משפחות געראַטעוועט געוואָרען פון דער מערדערישער האָנט, און זיי לעבען און העלפען בויען דאָס אידיש לאַנד.

ו. צווישען צוויי וועלט־מלחמות

אויף האָראָדעץ איז אויסגעפאַלען צו טרינקען פון ביטערען כוס זעהר אַ גרויסע פּאָרציע, ווייל צוליב איהר קאַנאַל איז זי געווען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע. דעריבער, ווען ס'איז אויסגעבראָכען די ערשטע וועלט־מלחמה (1914) האָט די רוסישע רעגירונג קאָנצענטרירט אַ היבשע אַרמיי אין האָראָדעץ, כדי צו זיין גרייט צו אָן ענדגילטיגער שלאַכט.

אייניגע האָראָדעצער אידען האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקען פאַר די רעזולטאַטען פון די שלאַכטען און זיי זיינען אַוועקגעפאָרען טיפער אין רוסלאַנד, צו קרובים און צו באַקאַנטע. אָבער דאָס רוב האָראָדעצער אידישע איינוואוינער זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער ביז דער סאַמע שלאַכט. ערשט דאַן האָבען זיי עוואַקואירט און זיך געלאָזען אין וועג אַריין. אָבער נישט אַלע האָבען געהאַט די מעגליכקייט אַריינצוגעהן אין די באַנען און אָנקומען אין דער ווייטער רוסלאַנד. אַ סך אידען האָבען געמוזט צוריק קומען אין דער חרוב'ער האָראָדעץ און זיין אונטער'ן שוץ פון דייטש לערך אַ דריי יאָהר.

דער נייער אָקופּאַנט האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען אַריינברינגען די דייטשע שפּראַך אין דער פאָלקס־שולע, און האָראָדעצער אידען, יונג און אַלט, האָבען אָנגעהויבען זיך לערנען די דייטשע שפּראַך און צופּאַסען זיך צו דער דייטשער „אָרדנונג". און דאָ קומט אָן די בשורה פון שלום, דער דייטש הויבט אָן פאַרלאָזען דאָס שטעטל, און האָראָדעץ ווערט אַ הפקר־פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע באַנדעס, וועלכע טעראָריזירען איהר, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. סוף־כל־סוף ווערט האָראָדעץ איינגעגלידערט אין דער נייער פּוילישער מלוכה. דאַן ווערט שוין דער טעראָר „לעגאַליזירט", די פּוילישע מאַכט נעמט שוין די רויבער און רוצחים אונטער איהר שוץ.

עס נעמט ניט לאַנג, און האָראָדעץ ווערט ווייטער אַ ציעל־ברעט, אין דער מלחמה צווישען די רוסען און די פּאָליאַקען. מ'הויבט אָן אַנטלויפען, אָבער ס'איז שוין ניטאָ וואוהין, און עס זיינען שוין ניטאָ די מעגליכקייטען און די כחות. דאָס ביסעל אידען וואָס איז נאָך פאַרבליבען אין האָראָדעץ זיינען אַלטע און קינדער, ווייל דאָס יונגוואַרג האָט גלייך נאָכ'ן בריסקער שלום אָנגעהויבען אַנטלויפען קיין אַמעריקא.

ענדליך ווערט שלום געשלאָסען, און האָראָדעץ ווערט אַ טייל פון פּוילען. די פּוילישע רעגירונג הויבט אָן איינפיהרען איהרע שטרענגע געזעצען וועגען ריינליכקייט, צו וועלכע די אידען זיינען ניט געווען געוואוינט, וואָס אין אמת'ן זיינען זיי געווען ניט מעהר ווי גזרות געגען אידען. די פּוילישע רעגירונג פיהרט אויך איין אַ געזעץ פון צוואַנגס־שול־בילדונג פאַר יעדען קינד. אידישע קינדער האָבען געמוזט באַזוכען די פּאָווישעכנע (פאָלקס־שולע) ביז נאָך מיטאָג, און ערשט דערנאָך שטילען דעם דורשט נאָך אידישע לימודים, אַ זאַך וואָס האָראָדעצער אידען זיינען דערצו ניט געוואוינט געווען מאבות אבותיהם, וועלכע האָבען געשריען „שקאָליע ניע זשעלאַיעם".

די פּוילישע מאַכט האָט אויך איינעפיהרט אַלגעמיינע מיליטער-דינסט. דאָס איז די האָראָדעצער אידען ניט געווען אַזוי צום הארצען. דאָך האָבען אַ סך בחורים געטאָן זייער פליכט און געגאַנגען אין מיליטער; אייניגע פון זיי האָבען זיך אפילו דאָרטען אויסגעצייכענט.

אָבער וואָס טוט מען ווען מען קומט אַהיים נאָכ'ן מיליטער־דינסט? צו וואָס נעמט מען זיך, אַז די פּוילישע מאַכט פאַרשטעלט אַלע וועגען צו וואָס אַ איד וויל זיך נעמען !

דער עולם הויבט אָן טראַכטען וועגען עמיגרירען, אָבער וואוהין פאָהרט מען, אַז אַלע טויערען זיינען פאַרמאַכט?

דאַן הויבען זיך אָן ציהען צוויי שטראָמען פון עמיגראַציע: איינער קיין ארץ־ישראל און אַ צווייטער קיין דרום-אַמעריקא, ווי: אַרגענטינא, בראַזיל, קובא א.ד.ג. האָראָדעץ ווערט ביסלעכווייז אויסגעליידיגט פון איהרע אידען, און דער אידישער פולס ווערט צוביסלאַך אָפּגעשוואַכט. אַזוי האַלט דאָס אָן ביז'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939), ווען האָראָדעץ ווערט פאַרנומען פון דער רויטער אַרמיי.

די סאָוועטישע רעגירונג הויבט אָן הערשען אין שטעטל. סותר'דיגע ידיעות קומען אָן. אייניגע שרייבען, אַז די רוסישע אַרמיי האָט זיי געבראַכט אַ גאולה שלמה, ניט נאָר גייסטיג נאָר אויך קערפּערליך. די רוסישע אַרמיי דאָקטוירים היילען זיי אומזיסט און ס'לעבט זיך זיי זעהר גוט. און דאָ דערטראָגען זיך קלאַנגען, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט פאַרשיקט אייניגע האָראָדעצער און אַז אַ האָראָדעצער מיידעל האָט זיך געמוזט פאַר'סמ'ן . . .

ס'נעמט ניט לאַנג און האָראָדעץ ווערט אַריינגענומען אין די קלאַמערען פון די נאַציס, האָראָדעצער אידען ווערען פאַרשקלאַפט, געפּייניט, גע'ממית'ט און אַריינגעזעצט אין אַ געטאָ. די האָראָדעצער אידען גיבען זיך ניט אונטער, מ'בונטעוועט זיך, מ'סאַבאָטאַזשירט און מ'אַנטלויפט צו די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער, וועלכע גיבען די דייטשען וויירויך צו שמעקען.

אָבער היטלער ימ"ש איז שטאַרקער. ער פאַרניכטעט אַלעס און אַלעמען. ער גלייכט אויס די הייזער מיט דער ערד, און לאָזט אפילו ניט קיין זכר פון בית-עולם. די מצבות ווערען צונומען און מיט זיי ברוקירט מען די גאַסען.

האָראָדעץ ווערט ריין פון איהרע אידען. ניטאָ דער אידישער חן אויף דער אַלטער אידישער שטעטל, מ׳הערט שוין ניט דעם קול פון אידישע קינדערלאך, ס׳קלאַפּען שוין דאָרטען מעהר ניט אידישע הערצער. אַ שטילע בית־עולם אַטמאָספערע פיהלט זיך אין דער לופט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט. קיין דורכגעהער קען זיך דאָרטען ניט אָפּשטעלען, צוליב דער טרויעריגקייט וואָס שוועבט אין דער לופטען. אפילו דער איין־און־איינציגער לעבען געבליבענער איד, דוד וואָליניעץ, קען זיך דאָרטען ניט אויפהאַלטען מעהר ווי צוויי טעג. יעדער טראָט דערמאָנט איהם אין אַ קדוש, יעדער שפּאַן ווערט פאַרבונדען מיט זכרונות פון דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז שוין מעהר ניטאָ [28].

* * *

האָראָדעץ איז צוריק געוואָרען רוסיש (1943). איז זי אויך געוואָרען אידיש? זיינען דאָרט פאַראַן אידען? פּול־סירט דאָרטען אַ אידיש לעבען?

ווי ווייט עס אונז באַוואוסט זיינען דאָרטען קיין אידען שוין מעהר ניטאָ. ס׳איז געווען אַ אידיש שטעטל און ס׳איז ניטאָ מעהר. זאָל איהר נאָמען זיין פאַרשריבען אין דער היסטאָריע פון דער אידישער מאַרטירעלאָגיע מיט גאָלדענע אותיות!

28. זע דוד וואָליניעץ׳ס בריוו.

אהרן איטשע לייזער׳ס הויז (אַרום 200 יאָהר אַלט)
(צייכנונג פון ישראל זוסמאַן).

ישראל זוסמאַן

אַמאָל איז געווען...

(געווידמעט די קדושים פון מיין געבורטס שטעטעלע הארעדעץ)

א.

אַמאָל איז אַ שטעטעלע געווען —
הארעדעץ האָט עס געהייסען —
און וואָס מיט דעם איז געשען
איז אַ סוד וואָס אַלע ווייסען.

ב.

וועגען אירע מענשען — פרייע אָדער פרומע —
אַן אָרט אין דער געשיכטע איז פאַרשריבען;
אָבער פון די הייזלעך און געסלעך קרומע
נאָר אַן ערּאינערונג איז פאַרבליבען.

ג.

אַט געדענק איך ווי איך גיי אין חדר,
וואו סיי זומער ווינטער איז דאָרט היים.
און וואו דער פעטער סענדער קנעלט כסדר
מיט׳ן קאַנטשיק „אלף־בית״.

ד.

און אין די ווינטער־נעכט די קאַלטע,
מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנט,
איינגעוויקעלט אין אַ פאַלטע,
פון חדר גייט מען זאַלבענאַנד.

ה.

כ׳האָב געלערנט ביי אַ סך מלמדים,
חדרים מיט קינדערלעך אַ סך —
אָבער איינגעקריצט זיך האָט אין זכרון
שמעון אייזיק׳ס ניגון פון תנ״ך.

ו.

קומען די שנייען אַן און די פרעסט —
און אַלץ ווערט פאַרפראָרען גלייך ;
פייגעלעך נורען זיך אין זייערע נעסט
און אינגלעך גליטשען זיך אויפ׳ן טייך.

ז.

ווער געדענקט ניט די שול די קאַלטע
מיט אַ מצה אויף דער וואַנט,
וואָס פלעגט פאַרטרייבען שדים אַלטע
מיט אַן אומזיכטבאַרער האַנט? . . .

ח.

און דער בית-המדרש וואָס אין גאַס,
און די חסידים-שטיבלעך אין מאַרק ;
מ׳פלעגט צוליב איין עליה ווערען אין כעס —
אַבער דאַוונען פלעגט מען דאַך געשמאַק.

ט.

וואו זענט איר היינט, מתנגדים און חסידים,
אידען למדנים און נגידים ;
אידען אַרבעטער און האָרעפּאַשנע,
אידען אָרימע און אידען וואַזשנע ? !

י.

וואו איז ר׳ איציק׳ס הכנסת אורחים,
וואו יעדער אָרימאַן, אַ מידער,
פלעגט אַ היים זיך דאָרט געפינען
אויסצורוען זיינע גלידער?

יא.

וואו איז דעם רב ר׳ חיימ׳ס שיינע געשטאַלט —
זיינע גוטע מידות אין לעבען באַשיידען ;
ר׳ אריה׳ס פרי-צייטיג ווערען אַלט,
זיין נשמה געלייטערט פון צרות און ליידען?

יב.

אשר דוד דער שוחט — און אַלטער דער שמיד,
חיים ניסן און נפתלי דער רופא;
שמעון איזיק׳ס ברומען אַן אומעטיג ליד
און די „פּאשזאַרנע קאַמאַנדע” לעשען אַ שריפה?

יג

וואו זיינען די חלוצים׳שע יונגע קינדער
מיט מוט אין האַרצען און אַקער אין האַנט,
וואָס האָבען זיך אַלע געגרייט וואָס געשווינדער
צו פאָרען בויען אונזער לאַנד?

יד.

וואו זענט איר שניידער, שוסטער, בעלי-עגלות,
משה דעם גרויסענ׳ס אין קאַרלינסקי׳ס קראָם? —
נישטאָ אין האראדעץ מער קיין אידישע מזלות —
אַלע אָפּגעווישט פון אַ שוואַרצען שטראָם.

טו.

און געדענט איר זומער יעדען פרייטאַג
רופען פלעגט דער האראדעצער טייך;
באָדען אידענעס און אידען
לכבוד שבת אלע גלייך.

טז.

און אויפ׳ן טייכ׳ס קליינע כוואַליעס
שווימען פלעגט אַמאָל פון פּינסק
אַ פּאַראַכאָד און אויך באַליעס
מיט וואַזשנע סוחרים אַזש פון מינסק.

יז.

שטיל פלעגט פליסען דאָרט דאָס לעבען,
שטיל, ווי די וואַסערן אין טייך;
יעדער פלעגט צו עפּעס שטרעבען
סיי אָרים און סיי רייך.

יח.

האָט דער שטן אָבער ניט פאַרגונען
דאָס רוהיגע לעבען און הרחבות —
האָט ער געשפּינט און פאַרשפּונען
אַ שותפות מי'טן מלאך המות.

יט.

דעם בונד גע'חתמ'עט און געשלאָסען —
און גלייך האראדעץ מיט צרות פאַרגאָסען;
און פון צען מאָסען מיט צער און פּיין
האָט זי אויסגעטרונקען גאַנצע ניין.

כ.

זאָגט דער שטן צום מלאך המות —
אין פּולען ערנסט און אָן קאַטאָוועס: —
גיי אַרונטער און נעם אַ בייטש
און גיב עס דער חיה וואָס הייסט דייטש.

כא.

ער זאָל דערמיט ברעכען יעדען גליד
פונ'ם אויסדערוויילטען מענש, דעם איד;
און ווער ס'איז שוואַך און טוט זיך קלאָגען —
שטאַרקער זאָלסטו אים נאָך שלאָגען!

כב.

גייט אַן עדה צו דער שחיטה
מיט הערצער שטום פאַרקלעמטע —
און אין מערב זינקט די זון
אַ רויטע און פאַרשעמטע.

כג.

און אין אַ שטימונג ווי צו נעילה
קוועלט פון דער טיפעניש אַרויס אַ תפילה:
אַ, גאָט פון אברהם און פון שרה!
פאַרוואָס פאַר די זינד פון אַלע וועלטען
האָסטו אונז געבראַכט פאַר אַ כפּרה?

כד.

פאַרנעמט איר הימלען, זון און ערד!
אַז שמידען וועלען מיר אַ שווערד,
אַ שווערד פון האַס, אייזען און שטאָל
ווי די מאַקאַבייער גאָר אַמאָל.

כה.

„תמחה את זכר עמלק מתחת השמים" —
טרינקען וועלען מיר אַלע אַ לחיים.
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

כו.

אַמאָל איז אַ שטעטעלע געווען —
הארַאדעץ האָט עס געהייסען —
לאָזט פאַלען אויפ'ן הייליגען קבר
כאָטש אַ טרער אַ הייסען.

פון טיפען טרויער איינגעבויגען
ווי אַן אבל אין די שלושים,
שטיי איך מיט טרערען-פולע אויגען
און זאָג „קדיש" נאָך די קדושים.

דאָס שטעטל

פון הרב דר. יעקב באָסניאַק

א.

דאָס שטעטל, וועלכע איז געווען אַרומגערינגעלט פון פעלדער און גערטנער, איז געווען צוטיילט אין צוויי אומגלייכע טיילען דורכדעם דניעפּער־בוג קאַנאַל, און מיט צוויי שמאָלע קאַנאַלען פון ביידע זייטען (פּריקאַנאַלקעס). אַ גרויסע הויך־געבויטע הילצערנע בריק מיט קלענערע בריקלעך פון ביידע זייטען טייך, האָבען פאַרבונדען די צוויי טיילען פון שטעטל. די אייזענבאַן ליניע האָט זיך געצויגען אין דרום זייט פון שטעטל, ניט מער ווי אַ דריי הונדערט מעטער פון די הייזער, און די איינוואוינער האָבען שטענדיג געוואוסט די שעה פון טאָג אָדער נאַכט, לויט די פּאַסאַזשיר־צוגען, וועלכע פלעגען פאַרביילויפען דאָס שטעטל פיר מאָל אַ טאָג. דאָס פייפען פון לאָקאָמאָטיוו פלעגט שטענדיג זיין אַן אָנגעלייגטער קלאַנג, און דער צוג מיט די קאָלירטע וואַגאָנען — אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון אינטערעס. די באַן פלעגט קרייצען דעם טייך איבער אַן אייזערנעם בריק געפאַרבט טיף גרין, און פלעגט זיך אָפּשטעלען ביי אַ מייל פון שטאָט, ביי דער סטאַנציע וואָס האָט זיך גערופען נאָך דעם טייך — דניעפּראָווסקאַ־בוגסקאַיאַ (דניעפּר־בוג).

אויפ׳ן בריק

דער טייך מיט די צוויי בריקען און די אייזענבאַן ליניע מיט דעם וואקזאל האָבען געגעבען דאָס שטעטל אַ געוויסען

פרעסטיזש, און אַ באַרעכטיגונג צו האַלטען זיך גרעסער ווי די שכנות׳דיגע שטעטלעך. אנטיפּאָליע, למשל, וואָס איז געווען אַ סך גרעסער, פלעגט דאַרפען אָנקומען צו האָראָדעץ. למשל, אַנטיפּאָליער בעלי־עגלה׳ס פלעגען דאַרפען ברענגען זייערע פּאַסאַזשירען צו דער האָראָדעצער סטאַנציע, וועלכע איז געווען היבש ווייט פון זיי. ווען מען האָט געדאַרפט שרייבען אַ גט אין אנטיפּאָליע, פלעגט מען מוזען קומען קיין האָראָדעץ, ווייל אנטיפּאָליע האָט קיין טייך ניט געהאַט. אין אַלגעמיין האָבען די האָראָדעצער בעלי־בתים זיך געהאַלטען פאַר קולטורעל העכער ווי די אַנטיפּאָליער. צוליב דעם טייך און די אייזענבאַן פלעגט האָראָדעץ זיין אין נעהענטערע באַציהונגען מיט דער אויסערליכער וועלט. גרויסע און קליינע געהילץ און וואַלד־סוחרים פון גאַנץ רוסלאַנד, פלעגען זיך אָפּשטעלען אין האראדעץ אויף אַ פּאָר טעג, אויף זייער וועג קיין דאַנציג, וואוהין די געהילץ פלעגט שווימען דורך דעם האראדעצער קאנאל. ווינטער פלעגען די פויערים ברענגען די געהילץ צום ברעג טייך. אין פרילינג פלעגט זיך אָנפאַנגען אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט פון צוזאַמענקלאַפּען די באַליעס (צוזאַמענגעקלאַפּטע קלעצער), ביי וועלכע אידען און גויים פלעגען אַרבייטען. אַ גאַנצען זומער פלעגען זיך ציהען איבער׳ן טייך די באַליעס, געפירט דורך פאַרשידענע מענשען פון רוסלאַנד און אויך פון אויסלאַנד. די פרעמדע דורכפאָרענדע מענשען פלעגען געבען צו לייזען די אידישע קרעמער, און אין שטעטל פלעגט זיין גאַנץ לעבעדיג.

לענג־אויס די צוויי באַטשוועניקעס האָבען זיך געצויגען רייהען פון שיינע בוימער. דאָרט פלעגט דאָס יונגוואַרג פון שטעטל, האָבען זייער פאַרגעניגען, ווי שיפען זיך אין זומער אויף אַ לאָדקע (שיפעל), אָדער זיך באָדען אין די ריינע קלאָרע וואַסער פון קאַנאַל.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערען, אַז צוליב צניעות וועגען פלעגען די מענער זיך באָדען ניט ווייט פון הילצערנעם בריק, און די פרויען האָבען זיך געבאָדען ווייט הינטער׳ן שליוז, אזוי ווי דער שליוז וואָלט געדינט אַלס מחיצה . . . זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פון באַד־קאַסטיומען האָט נאָך האָראָדעץ דעמאָלסט ניט געוואוסט. די גויים פלעגען גאַנץ אָפט איבערשווימען די מחיצה . . .

מ׳מוז צוגעבען אז די גויים זיינען געווען בעסערע שווימער ווי די אידען. איינינגע פון זיי פלעגען זיך באָדען אונטער׳ן הילצערנעם בריק, אין סאַמע קעסעל־גרוב, אָדער

זיי פלעגען זיך שטעלען אויפ׳ן בריק און גלייך אַריינשפּרינגען אין טייך אריין.

ווינטער איז דער קאנאל געווען דער בעסטער פלאַץ צו גליטשען זיך. אפילו עלטערע מענשען פלעגען זיך פאַרגינען צו שטיין אויפ׳ן בריק און באַטראַכטען דעם טייך. פון איין זייט האָט מען געזען דעם שלויז, וואָס פלעגט רעגולירען דאָס וואַסער פון קאנאל, און פון דער אַנדערער זייט האָט מען געזען דעם גרינעם אייזערנעם בריק מיט די פאַרביילויפענדע צוגען. אונטער׳ן בריק פלעגען זיך ציהען לאַנגזאָם די שווימענדע באַליעס, וועלכע פלעגען געשטופּט ווערען מיט לאַנגע ליאַסקעס פון פאַרשידען געקליידעטע פויערים.

די גויים וועלכע האָבען געשטופּט און געפירט די באַליעס איבער׳ן טייך האָבען געלעבט אין סקארבאווקעס (ביידלעך) אויף די באַליעס. וואָכען און אָפטמאָל חדשים לאַנג, פלעגען זיי זיך אזוי שלעפּען ביז די געהילץ איז אָנגעקומען צום ריכטיגען פלאַץ. זיי פלעגען קאָכען זייער שפּייז ביי אַן אָפענעם פייער אויף די באַליעס. דאָס האָט געגעבען די קונדסים אין שטעטל אַ געלעגענהייט צו וואַרפען שטיינדלעך אָדער שפּייען אין ציל, דאָס הייסט, אין די ליימענע שפּייז־טעפּלעך. צו טרעפען אין ציל מיט אַ שטיינדעל פון בריק, איז געווען פאַררעכענט אַלעס אַ געשיקטקייט מיט וועלכער מען פלעגט זיך באַרימען. עס פלעגט אָבער טרעפען אַז די פויערים פלעגען כאַפּען אַזאַ קונדס ביי דער האַנט, און דעמאָלסט פלעגט ער קריגען „אָנגעבראָכענע ביינער“. אָבער דאָס איז שוין געהאַלטען געוואָרען בסוד.

אַמאָל פלעגט פּאַסירען, אַז אַ „פּאַראַכאָד“ פלעגט דורכפאָרען אויפ׳ן טייך. דאַן איז שוין דאָס גאַנצע שטעטעל אויפגערירט געוואָרען. דער שטרענגסטער מלמד האָט שוין די אינגלאַך ניט געקענט איינהאַלטען אין חדר. יונג און אַלט זיינען געלאָפען צום טייך אָנקוקען דעם וואונדער: די שיף אין פאַרשידענע געפאַרבטע קאָלירען; מיט הויכע קוימענס, מיט די בלישטשענדע מעשענע באַפּוצונגען, מיט די ווייסע היטלען און בלישטשענדע קנעפּ אויף די מאַטראָזען — אַלץ פלעגט באַוואונדערט ווערען און ברייט דיסקוטירט ווערען.

ב.

די באַטשוועניקעס מיט די הויכע, שטאַרקע, צעוואָקסענע ביימער אויף ביידע זייטען טייך, זיינען געווען די שפּאַציר־פלעצער פון שטעטעל. שבת און יום־טוב בייטאָג פלעגען אַ סך מענשען, איבערהויפּט די יוגענט, זיך געפינען אויף די באַטשוועניקעס און דיסקוטירען די פּראָבלעמען אָדער די נייעס פון טאָג. אין די הייסע זומער טעג איז דאָרט שטענדיג געווען קיהל. זיצען אויפ׳ן גראָז און באַטראַכטען די פינקעלדיגע וואַסער פון טייך איז געווען אַ אמת׳ער פאַרגעניגען. דאָרטען פלעגט דאָס יונגוואַרג ראָמאַנסירען אָדער לייענען אַ בוך, איבערהויפּט די פון דער רעגירונג פאַרבאָטענע ליטעראַטור, אָדער אזוי פאַרברענגען די צייט.

און ווען ס׳איז געבויט געוואָרען דער שאָסיי צווישען האָראָדעץ און אנטיפּאליע — פלעגט אויך דער שאָסיי דינען אַלס שפּאַציר־פּלאַץ, ספּעציעל שבת נאָכמיטאָג. ווען דאָס יונגוואַרג פלעגט זיך ארויסלאָזען אויפ׳ן שאָסיי, זיך טרעפען מיט אנטיפּאליער אינגלעך און מיידלעך.

דער טייך

ווי אויבען-דערמאָנט, האָט דער טייך צוטיילט דאָס שטעטל אין צוויי אומגלייכע טיילען. „גאַס“ און „מאַרק“. די „גאַס“, ד.ה. די אידישע גאַס, פון אַלטער שאול׳ס קרעטשמע ביז גדליה־יודעל׳ס קראָם, איז געווען אַ שטרעקע פון 4־5 קוואַרטאַלען. נאָך דעם קראָם האָט זיך אָנגעהויבען די גוי׳אישע גאַס, אָדער ווי מ׳האָט זי גערופען די „קאָברינער גאַס“, וואו אַ אידישער אינגעל האָט מורא געהאַט אַריינצושטעלען אַ פוס, ווייל די שקצים פלעגען וואַרפען שטיינער, אָנרייצען הינט, אָדער סתם באַליידיגען אידען.

נאָר איין איד צדוק דער האָרבאַטער האָט געוואַגט צו וואוינען אין סאַמע מיטען פון דער גוי׳אישער גאַס, מיט זיין פרוי און טאָכטער. ער איז געווען אַ קליין, לעבעדיגער אידעל, מיט אַ האָרב פון פאָרנט און אַ האָרב פון הינטען; זיין האַלדז האָט זיך קוים ארויסגעזען; מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע שאַרפע אויגען; מיט אַ שוואַרץ שפּיציגע בערדעל און פון אַ זון־אָפּגעברענט פּנים. ער איז שטענדיג געווען גרייט מיט אַ שמייכעל און אַ פריינדליך וואָרט פאַר

יעדען איינעם. ער איז געווען איינער פון די שטענדיגע תהילים-זאָגער אין שול ביי דעם אויווען, הינטער דער בימה. ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, פון פאַך אַ לאַטוטניק, ער פלעגט פאַרריכטען די גוי׳אישע פעלצען. אָפּטמאָל פלעגט ער אויך אַרבייטען אויפ׳ן ברעג טייך ביי די באַליעס. ער איז געווען אַ שמח בחלקו — צופרידען מיט וויפיל ער האָט פאַרדינט. כאָטש עס איז געווען אַ גרויסער מהלך פון זיין הויז צום בית־המדרש, דאָך פלעגט ער קיינמאָל ניט פאַר־פעלען צו דאַוונען מיט׳ן ערשטען מנין, אַ בראַסק אויף טאָג.

די „גאַס“ איז געווען אַ לאַנגע. פון איין זייט האָט זי געפירט קיין קאַברין, און פון דער אַנדערער זייט האָט זי געפירט אין דאָרף מעכוועדעוויטש.

אויף דער „גאַס“ האָט זיך געפונען דער בית־המדרש און אָן אַ זייט, אין אַ געסעל, איז די גרויסע קאַלטע שוהל. דאָרטען זיינען אויך געווען, להבדיל, דער מרחץ און דער בית-עולם.

צווישען דעם בית-המדרש און שוהל איז געווען דער שוהל־הויף, וואו מ׳פלעגט שטעלען די חופות.

דער גרעסטער טייל פון שטעטעל האָט זיך גערופען דער „מאַרק“. דאָרטען זיינען די אידישע הייזער און קראָ־מען געווען גרעסער און שענער, און אויסגעשפּרייט אויף אַ גרעסערען שטח. דער „מאַרק“ האָט ניט געהאַט קיין רייע קראָמען ווי, למשל, קאָברין. ער איז באַשטאַנען פון אַ ליי־דיגען פּלאַץ, כמעט פיר־קאַנטיג, אַן ערך די גרויס פון אַ פּאַר סקווערע קוואַרטאַלען, אויף וועלכען ס׳איז געוואָקסען גראָז אין זומער, און איז געווען גאַנץ בלאָטיג אין ווינטער. די הייזער אויףביידע זייטען פון מאַרק זיינען געווען גאַנץ שיינע און גרויסע, וואו ס׳האָבען געלעבט די עטליכע ריי־כערע בעלי־בתים. דאָ האָבען זיך געפונען די צוויי קריסט־ליכע קלויסטערס, די רוסישע צערקווע און דער פּוילישער קאָשציאָל.

אין מזרח זייט, נעגען־איבער דעם מאַרק, אויפ׳ן וועג צו אַנטיפּאָליע, ניט ווייט פון דער פּאָסט, איז געשטאַנען דער פּראַוואָסלאַנער קלויסטער, מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן אַרום אַ גרויסען סאָד וואָס האָט באַלאַנגט צום גלח. די ווענט זיינען געווען געפאַרבט ווייס, און דער דאַך מיט די קופּאָלען — גרין אָדער בלוי. געוויינליך האָט אַ איד קיינמאָל אפילו אַ פוס ניט אַריינגעשטעלט אין קלויסטער, אויסער אהרן־לייב דעם מאָלער. דער קלויסטער מיט די ביימער אַרום האָבען צוגעגעבען אַ געוויסען חן צו אָט דעם טייל שטאָט.

גענגנאיבער דעם מאַרק, אין דרום זייט, איז געשטאַנען די „אוטשילישטע“ (פּאָלקס-שולע). דאָרט פלעגען אַ פּאָר הונדערט פּויערשע קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער גיין לערנען דורך די דריי אָדער פיר ווינטערדיגע חדשים פון יאָר. אין איינציגער לערער פלעגט לערנען אַלע קינדער צוזאַמען: לייענען, שרייבען און רעכענען, אין איין גרוי־סען צימער, וואו די קינדער פלעגען זיצען צוזאַמענגעדריקט

אויף לאַנגע ניט געפאַרבטע ביינק. דאָס ביסעל וואָס זיי האָבען געלערענט אין דעם קורצען ווינטער־סעזאָן, פלעגען זיי איינגאַנצען פאַרגעסען דורך די איבעריגע חדשים פון יאָר, ווען זיי פלעגען אַרבייטען מיט זייערע עלטערען אין פעלד.

לעבען דער שולע זיינען געשטאַנען די „פּאָזשאַרנע קאָ־מאַנדע“ און די קאַנצעלאַריע פון וואָלאַסט, וואָס האָט אויך געהאַט אַ פּלאַץ פאַר אַרעסטירטע מענשען, וועלכע פלעגען געהאַלטען ווערען איבער נאַכט אָדער לענגער, ווען מען פלעגט זיי פירען מיט׳ן „עטאַפּ“ צו פאַרשיידענע געגענטען פון לאַנד.

דער קאַטוילישער קאַשצאָל איז געשטאַנען אין אַ זיי־טיגען געסעל פון מאַרק, וואָס מ׳האָט גערופען די פּריצישע גאַס. דאָס איז געווען אַן אַלטע, הויכע, ניט געפאַרבטע, מיט מאָך-באַוואָקסענע, הילצערנע געביידע, וועלכע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אָפּגעלאָזענקייט. אין אמת׳ן איז די דאָזיגע אָפּגעלאָזענע געביידע אַמאָל געווען די רוסישע צערקווע, און די וועלכע שטייט אויפ׳ן מאַרק איז געווען די פּוילישע, אָבער נאָך דער פּאַווסטאַניע (פּוילישער אויפ־שטאַנד), זיינען די פּאָליאַקען פון איר אַרויסגעזעצט גע־וואָרען און די רוסען האָבען פאַרנומען פאַר זיך די שע־נערע געביידע.

אין דער דאָזיגער פּריצישער גאַס האָבען געוואוינט שאַכנאָוו דער אוריאַדניק, דער דיאַק און אַ פּאָר פּוילישע גויים.

פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה זיינען אין האָראָדעץ קיין סך פּאָליאַקען ניט געווען. מ׳האָט זיי געקענט איבער-ציילען אויף די פינגער.

פון דער אַנדערער זייט מאַרק האָט זיך געצויגען אַ גרויסע גוי׳אישע גאַס, מ׳האָט זי גערופען די פּוזמענער גאַס, ווייל זי האָט געפירט צום דאָרף פּוזמען. אָט די דאָזיגע גוי׳־אישע גאַס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט דורך־און־דורך גויים, און אידען פלעגען זעהר זעלטען קומען אהין, סיידען פאַר מסחר. פון דער פּוזמענער גאַס פלעגען אידען האָבען גאַנץ אָפט אויסצושטיין צרות, ספּעציעל אין די פּריזיוו-וואָכען, ווען די גוי׳אישע נאַוואָבראַנצעס (רעקרוטען) פלעגען זיך אָנ׳שיכור׳ען און דערביי אויסברעכען אַ שויב אָדער אָנ-שלאָגען אַ אידען.

ווי געזאָגט, איז דער מאַרק געווען ליידיג, אָן קראָמען. אָבער ווען ס׳איז געווען אַ יריד פלעגען הונדערטע פּויערים אָנפילען דעם מאַרק, און אַמאָל אויך די „גאַס“ מיט פערד, וועגענער. דאַן פלעגט דער מאַרק לעבעדיג ווערען, און אָפּט־מאָל שוין אַביסעל צו־לעבעדיג . . .

די יריד׳ען, וועלכע פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען יעדען ערשטען פון רוסישען חודש, האָט האָראָדעץ געהאַט צו פאַר־דאַנקען דעם אַלטען פּריץ שטער מיט זיין פרוי, וועלכע האָבען זיך משתדל געווען, אַז אין האָראָדעץ זאָל זיין יעדען חודש אַ יריד.

דער אַלטער שטער איז אייגענטליך געווען דער בעל־הבית פון האָראָדעץ. צו אים האָט באַלאַנגט גאַנץ האָראָדעץ און די סביבה, און יעדער איינער פלעגט אים דארפען צאָלען פלאצאווע (צינזען פאַר׳ן פּלאַץ).

דער אַלטער שטער איז געווען גאָר אַ גרויסער מיוחס. ער האָט געשטאַמט פון דער ראמאנאָוו משפחה, און איז געווען שטאַרק אָנגענומען אין די הויכע פענסטער פון פעטערבורג, און דאָך, מוז מען צו זיין שבח צוגעבען, אז ער מיט זיין פרוי זיינען געווען זעהר גוטע קריסטען, און האָבען זיך צו די אידען גאַנץ פריינדליך באַצויגען. אַלס ביישפּיל קען דינען דער פאַקט, אַז ווען דער אַלטער שטער פלעגט פאַרבייפאָרען די אידישע הייזער פלעגט ער ווארפען מטבעות פאַר די אידישע קינדער (כ׳וויים ניט ווער האָט פון וועמען געלערענט: דער אַלטער שטער צי דער אַלטער ראקפעלער . . .).

און אַ דאנק דער פריצטע איז אויסגעבויט געוואָרען דער ערשטער מויער אין האָראָדעץ. דאָס איז אייזיקס מויער, אויף וועלכען די פריצטע האָט געגעבען די ציגעל.

ספּעצעל פלעגט מען באַמערקען זייער פריינדליכקייט זומער נאָכ׳ן שבת׳דיגען מיטאָג. דאַן פלעגען זיך ארויסלאָזען קינד און קייט צום פּאָקאָי (פּאַלאַץ), וואו דער עולם פלעגט זיך אויסלייגען אויפ׳ן גראָז ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען און הערען מוזיק פון אַ קעסטעלע (פאָנאָגראַף).

ג.

דאָס קולטורעל לעבען פון די האָראָדעצער אידען איז געשטאַנען אויף אַ הויכע מדרגה. אין געוויסע הייזער פלעגען אריינקומען דער „המליץ", „הצפירה" און „הזמן". און אַנדערע אידען פלעגען באַקומען אידישע צייטונגען ווי דער „יוד", „פריינד". ווי דער שטייגער איז געווען, פלעגען זיין אַ פּאָר שותפים צו איין בלאַט. ביז די צייטונג פלעגט אָנקומען צום לעצטען שותף פלעגט שוין אָדער די בלאַט צוריסען זיין, אָדער די נייעס איז אַלט געוואָרען.

אַ גאַנצע רעוואָלוציע איז אריינגעבראַכט געוואָרען אויף דעם דאָזיגען געביט אין זומער פון 1912. עס איז אראָפּגעפאָרען אַ פּאַרטרעטער פון וואַרשעווער „מאָמענט" און האָט אָנגעשטעלט צדוק דעם האָרבאַטען אַלס אַגענט, וועלכער פלעגט צוטראָגען דעם „מאָמענט" אַלע נאָכמיטאָג צו זיינע אבאָנענטען, וועלכע האָבען זיך געמערט פון טאָג-צו-טאָג.

דער „מאָמענט" פלעגט ערהאַלטען ווערען דעם זעלבען טאָג פון זיין ערשיינען מיט דער בייטאָגיגער באַן, און ווי מצה־וואַסער פלעגט דער עולם כאַפּען דעם „מאָמענט". די נייעס און די ראָמאַנען פלעגען צוליגט ווערען ווי אויף טעלערלעך. יונג און אַלט, זכרים און נקבות, פלעגען לייענען די בלעטער.

* *
*

אַ סך יאָהרען זיינען אַריבער, פאַרשידענע מושלים האָט האָראָדעץ געהאַט, מענשען זיינען געבוירען געוואָרען, מענשען זיינען געשטאָרבען, חלומות זיינען אויפגעשוואומען, חלומות זיינען צערונען געוואָרען, נאָר איין חלום איז נאָך געבליבען טליען אין די הערצער פון אַ סך האָראָדעצער: נאָך אַמאָל זעהן דאָס שטעטעלע, נאָך אַ מאָל שטיין אויפ׳ן פּלאַץ וואו דאָס וויגעלע איז געשטאַנען, און כאָטש זעהן דעם קבר פון אַ טאַטען, אַ מאַמען, אַ זיידען, אַ באָבען.

און איצט?

דאָס אידישע האָראָדעץ איז שוין מעהר ניטאָ, אפילו אַ מצבה איז ניט געבליבען אויף איר פּלאַץ. פּוסט, חרוב איז דאָס שטעטל, און אין הארצען איז אַ חלל. לאָמיר אויספילען אָט דעם חלל מיט די אידעאַלען פון אויפבויען אונזער לאַנד, ארץ־ישראל.

די סאָציאַלע סטרוקטור

פון ע. ש.

א.

די סאָציאַלע סטרוקטור פון האָראָדעץ איז געווען פאַר־שידענאַרטיג. אין איר זיינען געווען פאַרטראָטען אַלערליי געשעפטען און מלאכות. און ווייל האָראָדעץ ליגט אויפ׳ן וועג צווישען צוויי באַוואוסטע שטעט, בריסק און פינסק, איז האָראָדעץ געווען נאָך פון די גאָר אַלטע צייטען אַ דורכפאָר־שטאָט, וואָס פאַרבינדט פוילען מיט ווייס־רוסלאַנד דורך אַ טראַקט. שפּעטער צו האָט האָראָדעץ אויך פאַרבונדען די אויבענדערמאָנטע שטעט דורך אַ קאַנאַל.

נאָך אין די גאָר אַלטע צייטען, אין 1563, ווען מיר הויבען אָן געוואויר ווערען וועגען אַ אידישען ישוב אין האָראָדעץ, דערוויסען מיר זיך אַז האָראָדעץ האָט פאַרמאָגט גאָר גרויסע ערד-באַזיצער [1]). אין אָנהויב פון זיבצענטען יאָר־הונדערט, ווערט האָראָדעץ אַ האַנדעלס־שטאָט און עס זיינען שוין דאָרטען געווען 8 קרעטשמעס [2]), אַ באַווייז אַז דורך האָראָדעץ זיינען דורכגעפאָרען אַ סך סוחרים, און האָבען זיך דאָרטען אָפּגעשטעלט. זייער מעגליך אַז, אגב אורחא, האָט מען אויך געטאָן מסחר אין האָראָדעץ. און דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ קאָמערציעלער צענטער, דאָרטען זיינען אויך פאַראַן אָרימעלייט. דאָס קען מען זעהן פון די תקנות, וואָס דער „וועד ארבע ארצות" האָט מתקן געווען וועגען אָרימעלייט אין האָראָדעץ [3]).

פון די שטיקלעך מיל־שטיינער, וועלכע זיינען נאָך גע־בליבען נעבען איינציגע הייזער, זעט מען אַז האָראָדעץ האָט אַמאָל פאַרמאָגט פערד־מילען, אין וועלכע מ׳האָט געמאָלען מעל פאַר די האָראָדעצער און פאַר דער סביבה. פון די רו־אינען פון אַ ברויז, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין האָראָדעץ, קען מען לערנען, אַז אַמאָל האָט האָראָדעץ געהאַט אַ ברויז וועלכע האָט פּראָדוצירט בראָנפען.

עס איז אויך אַמאָל געווען אין האָראָדעץ אַן „אוילי־ניצע", וואו מ׳האָט געמאַכט אויל, און אַלס זכר איז געבלי־בען אין האָראָדעץ דער פאַמיליע־נאָמען עלמאַן, וואָס שטאַמט פון אוילמאַן, דער זיידע פון אַלטער שעפּעס (עלמאַן), וועל־כער האָט געהאַט אַן אוילינִיצע אין האָראָדעץ.

אויפ׳ן געביט פון אינדוסטריע איז האָראָדעץ געווען הינטערשטעליג. עס איז מיט אַ פופציג יאָר צוריק געמאַכט געוואָרען אַ פּרואוו פון ר׳ יצחק אהרנ׳ען צו פּראָדוצירען ציגעל, אָבער ס׳איז ניט געגאַנגען. אַן אַנדער ציגעלניע, וועלכע איז געווען נעבען דער סטאַנציע, האָט יאָ עקזיסטירט עטליכע יאָר, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָט די צי־געלניע האָט באַשעפטיגט אַ צעהן אידישע אַרבייטער.

בערך אין 1907 האָט אהרן קאַרלינסקי געעפענט אַ זאָקען־פאַבריק אין האָראָדעץ. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון פוילען צוויי זאָקען־מאַכער, וועלכע האָבען געלערענט די האָראָדעצער מיידלעך די דאָזיגע מלאכה, אָבער די פאַבריק האָט קיין אריכות ימים ניט געהאַט.

ב.

מיט׳ן אויסגראָבען פון קאַנאַל, דניעפּער־בוג, וועלכער האָט פאַרבונדען פינסק מיט בריסק דורכ׳ן וואַסער, האָבען זיך געעפענט נייע פערספּעקטיוועז פאַר׳ן האָראָדעצער מסחר. פון פינסק און אומגעגענד פלעגען געשיקט ווערען פליטען קיין דאַנציג, וועלכע פלעגען דורכגיין דעם האָראָ־דעצער קאַנאַל. אַ דאַנק די פליטען פלעגען זיך אין האָ־ראָדעץ אָפּשטעלען די האָלץ־סוחרים, אָדער זייערע אָנגע־שטעלטע. זיי פלעגען קויפען שפייז פאַר די גויים וועלכע האָבען געפירט די פליטען.

האָראָדעץ האָט אויך פאַרמאָגט האָלץ־סוחרים, ווי איציק׳ל (איזראַעל), חיים ניסעל א. אַנ., וועלכע פלעגען סוף זומער אָפּלייגען קלעצער ביים ברעג טייך, און אין פרילינג פלעגט מען זיי צונויפקלויבען און שיקען קיין דייטשלאַנד. פון דעם נעמט זיך דער צונאָמען „האָראָדעצער מיט די קלעצער".

אַנדערע האָראָדעצער אידען פלעגען האַנדלען מיט בער־לינעס, באַרקעס (הילצערנע אָפענע שיפען), דאָס הייסט, מ׳פלעגט ברענגען סחורה אויף די באַרקעס, ווי טעפּ, קאָרען, ווייץ און אַנדערע פּראָדוקטען, און פאַרקויפען צום גרויסען עולם.

דער קאַנאַל האָט געשאַפען נאָך אַ הכנסה פאַר די האָראָדעצער, דאָס איז דער מסחר מיט פיש, וואָס איז געווען אַ גאַנץ שיינער קוואַל פון פרנסה. גאָר אַ באַזונדערע הכנסה האָט דער קאַנאַל געבראַכט דעם אידישען עולם: די גטין, וואָס פלעגען געשריבען ווערען אין האָראָדעץ, ווייל ניט אַלע אַרומיגע שטעטלעך האָבען געהאַט אַ טייך, און לויט׳ן אידישען דין האָט מען אין זיי ניט געטאָרט שרייבען קיין גט.

האָראָדעץ איז געווען ניט נאָר אַ צענטער פאַר גט׳ן, נאָר אויך פאַר חתונות. ווי געזאָגט, איז האָראָדעץ געווען

---

1) זע רעגעסטי אי נאַדפּיסי 1, ז. 237. פּעטערבורג 1910.

2) זע אידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 6-5, ז״ז 8-707.

3) זע פּנקס מדינת ליטא, ז. 18.

אַ צענטראַלער פּונקט, דאָס האָט גורם געווען, אַז אַ סך רייכע חתונות זאָלען דאָרט געפּראַוועט ווערען. די מחותנים פלעגען זיך צונויפפאָרען און מיטברענגען די שענסטע כלי־זמרים, אָדער בדחנים, ווי אליקום צונזער א. אַנ.

די אייזענבאַן, וואָס איז געבויט געוואָרען אין 1882-1884, האָט געבראַכט דעם האָראָדעצער איד נייע קוואַלען פון פּרנסה, ווי אָנלאָדען און אויסלאָדען סחורה, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון און קיין האָראָדעץ, אַנטיפּאָליע און אומגעגענד. דאָס האָט געשאַפען דעם טיפּ עקספּעדיטאָר, וואָס האָט פאַרנומען זעהר אַן אַנגעזעהענעם אָרט אין רוסלאַנד און אין פּוילען.

און אַזוי ווי די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מאָל אין טאָג ביים סטאַנציע, און מענשן האָבען געוואָלט אַ ביס טאָן, אַ טרונק טאָן, האָבען פרויען גענומען אַ קאָשיקל אויפ׳ן האַנט, אָנגעפילט מיט פּרוכט, וואורשט, בייגל, פלעשער סאָדאַ־וואַסער, און געגאַנגען צום באַן פאַרקויפען. די באַן־פאַרקויפערין איז געוואָרען אַ נויטווענדיגער טייל פון וואָקזאַל, און האָראָדעץ האָט געליפערט דעם סאָרט הענדלערין.

די אייזענבאַן־סטאַנציע איז געווען נעבן האָראָדעץ, און אַ דאַנק איר פלעגען די בריוו וואָס זיינען געשיקט געוואָרען קיין אנטיפּאָליע אָנקומען פריהער קיין האָראָדעץ, דערנאָך פעלגען זיי אָפּגעשיקט ווערען מיט אַ ספּעציעלע פור קיין אַנטיפּאָליע. דאָס האָט געהייסען „האַלטען די פּאָטשט“, ד. ה., די רעגירונג האָט באַצאָלט אַ געוויסע סומע נעלד דעם מענשן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען איבערצופירען די פּאָסט.

די בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען קיין האָראָדעץ פלעגען פאַנאַנדערגעטראָגען ווערען דורך אַ אידישען בריוו־טרעגער אָדער דורך זיין טאָכטער. דער פּרייז איז געווען: אַ קאַרטעל — איין קאָפּיקע, אַ פאַרמאַכטער בריוו — 3 קאָפּיקעס און אַ „פּאָוויעסטקע“ (אַן אָנווייזונג אויף געלט) — 10 קאָפּיקעס.

פון פאַנאַנדערטראָגען די בריוו האָט ער נאָך קיין לעבען ניט געמאַכט, דעריבער האָט ער נאָך געמוזט אָנקומען צו אַ צווייטער פּרנסה, וואָס איז ענליך צו בריוו-טראָגען, דאָס איז ברייגען סחורה פאַר די קרעמער פון אַגרעסערע שטאָט, ווי קאָברין אָדער בריסק. דעם סאָרט אידן האָט מען גערופען דיליזשאַנס. דער דיליזשאַנס פלעגט אויפנעמען אַ צעטל פון פּראָדוקטען, וואָס די קרעמער דאַרפען, אָדער וואָס פּריוואַטע מענשן פלעגען באַשטעלען, און ער פלעגט דאָס שוין ברייננען. ער פלעגט נעמען אַ געוויסען אָפּצאָל פאַר זיין טרחה.

אין די 90-ער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט איז אין האָראָדעץ געשטאַנען אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטען. זומער זיינען זיי געווען אין די לאַגערען, און ווינטער זיינען זיי געווען אין שטאָט, און זיי זיינען איינגעקוואַרטירט געוואָרען אין אידישע הייזער. דאָס אויפהאַלטען זיך פון די סאָלדאַטען איז געווען אַ גאַנץ פיינער איינקונפט פאַר די האָראָדעצער אידען. איינינע האָבען צוגעשטעלט האָלץ, „קאַרטש“ (פּראָוויאַנט), אַנדערע פלעגען אָפּקויפען פון די סאָלדאַטען פאַרשיידענע פּראָדוקטען. אַזוי אַרום האָבען די סאָלדאַטען אויסגעפּילט אַ וויכטיגע פונקציע אין דער האָראָדעצער עקאָנאָמיע.

ג.

האָראָדעץ איז געווען אַרומגערינגעלט מיט פעלדער און גערטנער, וועלכע האָבען געהערט צו פּריצים און גלחים. אידען פלעגען אָפּקויפען ביים פּריץ אָדער גלח, נאָך אין אָנהויב פריהלינג, דעם גאַנצען סאָד אָדער פעלד און זיך פאַרלאָזען אויף גאָט׳ס ברכה. סעדעריי איז געווען אַ שיינע פּרנסה פאַר געוויסע האָראָדעצער בעלי־בתים, וועלכע פלעגען וואַרטען אַ גאַנצען יאָהר אויף דעם אויבס פאַרקויף.

אַנדערע אידען פלעגען אָפּקויפען ביים פּריץ אָדער רייכען גוט־באַזיצער דאָס היי, און ווינטער פלעגען זיי עס פאַרקויפען צו די בעלי-בתים פאַר זייערע בהמות אָדער פערד.

איינינע בעלי־בתים פלעגען אָפּקויפען ביים פּריץ אַ שטיק וואַלד. זיי פלעגען דינגען גויים דאָס אויסצוהאַקען און שפּעטער פאַרקויפען צו די אידען אַ פוהר אָדער אַ קליטקע האָלץ צו באַהייצען די הייזער אין די ווינטער׳דיגע חדשים.

די מילך־פּראָדוקציע, אָדער ווי מ׳פלגעט דאָס רופען פאַכטעריי, איז געווען אַן אָנשטענדיגע פּרנסה, צו וועלכע גאַנץ פיינע בעלי־בתים האָבען זיך גענומען. דער פאַכטער פלעגט אָפּדינגען ביים פּריץ די פּאַשע און אָפּטמאָל אויך די בהמות, מעלקן די בהמות, מאַכען פּוטער, שווייצער־קעז און שיקען קיין וואַרשאַ.

די קעז פּראָדוקציע פלעגט צווינגען דעם גרויסען פאַכטער צו האַלטען אַ „מענש“, אַ ספּעציאַליסט אויף מאַכען שווייצער־קעז, אַ מלאכה וועלכע גרעניצט זיך מיט חכמה, און איז געלעגען אין אידישע הענט.

פאַכטעריי, אָדער נעמען אין אַרענדאַ אַ פּאָסעסיע, איז געווען פאַרבונדען מיט אַריינלייגען גרויסע געלט און ניט יעדער האָט זיך געקענט באַניין אָן אַ הלואה. דעריבער האָט זיך געשאַפען דער טיפּ פון אַ וואַכערניק, וועלכערע פלעגט לייהען געלט אויף אויסצאָלען אַלע וואָך מיט הויכע פּראָצענטען.

אויך דער קליינער קרעמער, אָדער גייער, פלעגט גאַנץ אָפט אָנקומען צום וואָכערניק, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שיינעם נאָמען. ניט איין ליד אָדער סאַרקאַסטישער אַנעקדאָט איז געזונגען, אָדער געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן חשבון פון וואָכערניק.

דער גייער, להיפוך, איז געווען אַ סימפּאַטישער פּערזאָן, טראָץ דעם וואָס ער פלעגט פאַרקויפען אויף אויסצאָלען, צורעכענדיג אַן עקסטראַ׳ן רווח. דער גייער פלעגט אָנפילען זיין זאַק מיט פאַרשיידענע פרויען שמוכטעס, ווי טיכלאַך, פאַטשיילעס, נאָדלען, פּאָדעם, קנעפּלאַך, העקלאַך א.ד.ג. און מיט׳ן פּאַק אויף דער פּלייצע זיך לאָזען אין וועג אַריין. אַזוי פלעגט ער גיין פון דאָרף צו דאָרף, פון גויע צו גויע, און אָפּטמאָל פון איין דאָרפס־איד צום צווייטען און אויף

שבת קומען א היים. אנדערע גייערס פלעגען זיך זוימען אין וועג א גאנצען חודש. און אז גאט האט געהאלפען און האט באגליקט, האט דער גייער אנידערגעלייגט זיין פאק און געפענט א שניט־קראם, ווי איטשע דער גייער (יעקב פאליאק׳ס פאטער), און געווארען א הארדעצער גביר.

אבער ניט אלע קרעמער זיינען געווארען גבירים, אייניגע זיינען געווארען יורדים: ס׳איז ניט געווען קיין פרנסה, ווייל כמעט יעדע הויז האט געהאט איין קראם אדער צוויי, און מ׳איז געפארען קיין אמעריקע. געארבייט אין גאלדען לאנד, געשיקט דער ווייב א דאלאר — און אין הארדעץ איז דאס געווארען צוויי רובל. די פרויען וועלכע זיינען געבליבען אין הארדעץ האבען געשאפען א באזונדערן קלאס, וואס מ׳האט גערופען אמעריקאנקעס. א דאנק די אמעריקאנקעס איז געווען פרנסה אין שטעטל: זיי האבען געגעסן בעסער, זיך שעהנער אנגעטאן און זייער סטאנדארט פון לעבען איז געווען פיל העכער ווי פון דורכשניטליכען הארדעצער.

ד.

דאס אוועקפארען קיין אמעריקא האט געשאפען א קוואל פון פרנסה פאר דעם אגענט. ער איז געווען פארבונדען מיט די גרויסע אגענטען אין בריסק און אין די גרעניץ־שטעט, וואו מ׳פלעגט אריבערשמוגלען עמיגראנטען. דער עלעמענט פון די עמיגראנטען איז געווען א פארשיידענער: גויים און אידען, וועלכע האבען ניט געוואלט אדער געקענט מאכען אן אויסלענדישען פאספארט. דער אגענט פלעגט זיך שוין אן עצה געבען ווי אזוי אריבערצופיהרען די גרעניץ. אבער צו דער זעלבער צייט פלעגט ער אויך זיך אליין איינשטעלען, און ניט איינמאל איז ער געכאפט געווארען מיט זיין לעבעדיגע סחורה, וואס האט אים געקאסט פיל געזונט און געלט ביז וואנען ער און זיין סחורה איז באפרייט געווארען.

מיט׳ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די אגענט־פרנסה בטל געווארען, ווייל די גרעניצען זיינען פארמאכט געווארען. אויך א סך אנדערע קוואלען פון פרנסה זיינען פארשטאפט געווארען.

א קוואל פון פרנסה פאר הארדעצער אידען איז געווען דער חודש׳דיגער יאריד, וואס פלעגט אפגעהאלטען ווערען יעדען ערשטען פון רוסישען חודש (און אויב ס׳איז אויסגעפאלען שבת אדער יום־טוב — איז ער געווען א נדחה). אויף דעם יאריד פלעגען ווארטען גאנץ הארדעץ און די פויערים פון דער גאנצער סביבה. די גויים און גוי׳עס פלעגען ברייננען בהמות, פערד, אייער, תבואה א.ד.ג. און אידען פלעגען דאס אויפקויפען פאר האנדעל.

אויסער די חודש׳דיגע יארידען זיינען אויך געווען צוויי גרויסע יארידען, אין מיט׳ן זומער, וואס אלע קרעמער און בעל־מלאכות פלעגען מיט אומגעדולד ווארטען אויף זיי.

אויך די שיינקערס פלעגען ווארטען אויף די יארידען. ווען דער עולם האט זיך שוין גענומען פארנאנדערפאהרען פון יאריד, פלעגט דער גוי עפענען זיין „קאליטקע" (בייטעל) און זאגען צו זיין ווייב אדער שכן: „פאידים זאפיטי" (לאמיר גיין עפעס טרינקען). און דער גוי האט זיך געלאזט וואויל געהן, ביז וואנען ער האט געלאזען א פאר רובל אין שיינק.

די פיוניע (ביר־שיינק) איז געווען א פרנסה, מיט וועלכע א סך שיינע הארדעצער בעלי־בתים האבען זיך באשעפטיגט. אבער די פרנסה אליין איז ניט געווען קיין גאנץ אנגענעמע: מ׳פלעגט האבען צו טאן מיט שכור׳ע גויים און גוי׳עס וואס ניט איינעם איז דאס געווען דערווידער. אבער וואס טוט ניט א איד צוליב פרנסה?

צווישען דעם קרעמער, קליין־הענדלער און דעם ארבייטער איז געווען א קלאס וואס מ׳קען אים ניט צורעכענען צו איינעם פון די צוויי אויבענדערמאנטע קלאסען, דאס זיינען געווען די כלי־קודש: דער רב, חזן, שמש, שוחטים, מלמדים און לערער, וועלכע ווערען אין דער מאדערנער וועלט אנגערופען „גייסטיגער פראלעטאריאט".

אט דער דאזיגער פראלעטאריאט איז געווען זעהר א נוצליכער עלעמענט אין דעם אידישען לעבען. אן זיי האט דאס קהלה לעבען ניט געקענט פונקציאנירען. אבער זייער חיונה איז ניט געווען קיין פויגעלדיגע, זיי האבען געדארפט אנקומען צו די בעלי־בתים, וועלכע זיינען אליין קיין גרויסע גבירים ניט געווען. דאך האבען זיי אפגעלעבט די יאהרען, ווער מעהר און ווער ווייניגער, און אנדערע האבען נאך אפגעשפארט א פאר רובל אויף דער עלטער.

מ׳קען ניט זאגען אז הארדעץ האט ניט געהאט קיין ארימעלייט. עס זיינען אין הארדעץ אויך געווען ארימע, נויטבאדארפטיגע אידען, וואס זיינען אנגעקומען צו קצבה, אבער ניט בפרהסיה, זיי זיינען ניט געגאנגען איבער די הארדעצער הייזער. מ׳האט זיי אריינגעשיקט מתן בסתר. און אז איינעם האט ניט געשיכעוועט, מ׳האט געדארפט חתונה מאכען א טאכטער, און ס׳איז ניט געווען מיט וואס, אדער דאס גלייכען, פלעגט ער זיך ארויסלאזען אויף דער „וועלט" מיט פלעטן. און אז ער האט צונויפגעזאמעלט די נויטיגע סומע איז ער צוריקגעקומען קיין הארדעץ, און צוריק געווארען א שטאטישער בעל־הבית, ווי געווען.

אין אלגעמיין זיינען הארדעצער ארימעלייט ניט געגאנגען איבער די הייזער, ניט ביי זיך אין שטאט און ניט אין דער פרעמד. אויב זיי האבען שוין געמוזט אנקומען צו לייטען, האבען זיי עס געטאן אויף א מעהר אנשטענדיגען אופן.

ה.

מיט׳ן אויפקום פון פוילישען רעזשים זיינע אלטע פרנסות אונטערגעגאנגען און נייע זיינען אויפגעקומען אין הארדעץ. מיט׳ן נייעם שאסיי וואס די פאליאקען האבען געבויט, פון קאברין ביז הארדעץ, איז אויך צוגעקומען א נייער קוואל פון פרנסה, דאס איז דאס טרייבען אן אויטאבוס פון הארדעץ קיין קאברין, און צוריק, וועלכער פלעגט אויפנעמען פאסאזשירען און סחורה. דער אויטאבוס געשעפט איז געווען אין די הענט פון שמאי ראבינסקי, וועלכער

האָט געהאַלטען אַ ספּעציעלען מענשען צו פיהרען אָדער אַמאָל פאַרריכטען דעם אויטאָבוס.

אין די צייטען פון פּוילישען רעזשים איז אויך געווען אַ גרויסע פּאַראָווע מיל (דאַמפּף־מיל) וואָס האָט געהערט צו טאָדרעס דובין, און האָט געגעבען חיונה אים מיט זיין פאַמיליע. מיט'ן אומקום פון דער אידישער קהלה אין האָראָדעץ זיינען אויך אומגעקומען זייערע פּרנסות.

אין האָראָדעץ זיינען געווען שוסטער, שניידער, שניי־דערקעס, סטאָליאַרעס, בויערס, שמידען, קצבים, בעלי־עגלות און מוליאַרעס.

די שוסטערס און שניידער האָבן געאַרבייט אַליין, אָדער מיט 2־3 פּועלים. דאָס זעלבע אויך די שמידען און סטאָליאַ־רעס. אָבער בויער און מוליאַרעס פלעגן אָננעמען אַרבייט און אַרבייטען בשותפות אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, ניט ווויסענדיג אפילו אַז עס איז דאָ אַזאַ וואָרט ווי קאָאָפּעראַטיוו.

די באַדינגונגען פון די בויערס זיינען געווען גאַנץ אַנ־דערע ווי די אַנדערע בעלי־מלאכות. זייער אַרבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם זון אויפגאַנג און געענדיגט זיך מיט זון־אונטערגאַנג, זומער און ווינטער. די אַנדערע בעלי־מלאכות האָבן געאַרבייט אין זייערע היימען, אַליין אָדער מיט פּועלים ביי זייערע ווארשטאַטען אָדער קוזניעס. די אַרבייט פון די בויערס פלעגט זיין, מייסטענס, אין דער פרעמד, אין די אַרומיגע שטעטלאך אָדער דערפער, וואו ס'זיינען פאָרגע־קומען אָפטע שרפות, און מ'פלעגט דאַרפען אַמאָל איבער־בויען דאָס גאַנצע שטעטל אָדער דאָרף. מייסטענס האָבן די

אַ קוזניע

בויער געאַרבייט ביים קאַנאַל, וואו זיי פלעגן פאַריכטען און איבערבויען די שליוזען און די „בודקעס" (וואוינונג פאַר די באַאַמטע און וועכטער).

די בויערס פלעגן זעהר אָפט רעמאָנטירען דעם וואָק־זאַל און איבערבויען די באַן־בודקעס פון קאָברין ביז דראָ־היטשין. און אַזוי פלעגט זיך פירען: אַ „פּאָדראַדטשיק" (אַן אונטערנעמער) פון פינסק אָדער בריסק, פלעגט ביי דער רעגירונג אָננעמען די גאַנצע אַרבייט, און טייל אַרבייט פלעגט ער אַרויסלאָזען פאַר די בויערס, וועלכע פלעגן אַר־בייטען בשותפות. דער עלטסטער צווישען זיי איז, פאַר אַ סך יאָהרען, געווען שמערל דער בויער. שמערל איז געווען אַ קלוגער איד און אַ גוטער בעל־מלאכה. פאַר אַ לאַנגע צייט איז ער געווען דער מייסטער פון די האָראָ־דעצער בויערס. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז יאָסל באַנ־טשוק געוואָרען דער מייסטער. יאָסל באַנטשוק אַ הויכער איד, מיט אַ רויטער באָרד, איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך.

די גרעסטע צאָל מוליאַרעס איז געווען באַשעפטיגט ביים פאַרריכטען און איבערבויען אויוועס אין פּריוואַטע הייזער. אָבער פון צייט־צו־צייט פלעגן זיי אויך אויסמויערן אַ גאַנצע הויז, אָדער אַ פּריצישען „פּאָקאָי" (פּאַלאַץ). דעריבער האָבן די האָראָדעצער מוליאַרעס געאַרבייט אַ סך יאָהרען אין פּריצ'ס הויף און אויסגעבויט דעם פּאָקאָי און די אַנ-דערע נויטיגע הייזער. זיי האָבן אויך געאַרבייט ביים וואָק־זאַל און געהאָלפען פאַרשענערען און פאַרבעסערען די אַלע געביידעס אַרום וואָקזאַל.

דער האָראָדעצער געהילץ־מסחר האָט אויך געגעבען אַרבייט צו די פילשציקעס. זייער אַרבייט איז געווען פונאַנ־דערצוזעגען גראָבע קלעצער אויף ברעטער. פון פינסטער ביז פינסטער פלעגן זיי ציהען די זעג. אַלטער דער לוי פלעגט

אַלטער דער לוי
(צייכנונג פון ישראל זוסמאַן).

שטיין אין דער הויך, און מאַטעס — אונטען. יאָהר איין יאָהר אויס האָבן ביידע געצויגען זייער חיונה פון ציהען

די זעג. און כאָטש די אַרבייט איז געווען זעהר אַ שווערע דאָך האָט אַלטער דער לוי אַריינגעלעבט אין די טיפע נײַנ־ציגער.

דער אַרבייטס- טאָג ביי אַ בעל מלאכה פלעגט זיך אָנ־הויבען, געוויינטליך, אַרום 8 אַ זייגער אין דער פריה נאָכ'ן דאווענען, און זיך ציהען זומער אַ גאַנצען טאָג ביז פאַר מנחה. צו מנחה פלעגט ער גיין אין בית־המדרש, אָדער שטיבל, וואו ער פלעגט הערען אַמאָל אַ מגיד אָדער לערנען חיי־אדם, עין־יעקב. נאָך מעריב פלעגט ער געהן אַ היים. אויך אין ווינטער פלעגט זיך די אַרבייט אָנהויבען אַרום 8 אין דער פריה און זיך ציהען ביז מנחה־מעריב. צו מנחה־מעריב פלעגט מען אַמאָל גיין אין בית־המדרש. נאָך מעריב פלעגט מען קומען צוריק צו דער אַרבייט און וויטער אַרביי־טען, ביז 10 אָדער 11 ביינאַכט. ספּעציעל פאַר די אידישע ימים־טובים אָדער די גוי'אישע חגאות, ווען עס איז געווען אַ סך אַרבייט.

האַראַדעץ האָט אויך פאַרמאָגט אַ מאַליער (פאַרבער), אהרן לייב האָט מען אים גערופען. קיין אַרבייט איז פאַר אים ניט געווען צו שווער. זומער פלעגט ער זיך באַשעפטיגען מיט מאַליעריי. מייסטענס האָט ער געאַרבייט ביים קאַנאַל אָדער אייזענבאַן, וואו ער פלעגט פאַרבען די סלופּעס, וואָס פלעגען באַצייכענען די וויאָרסטען. די סלופּעס פלעגען זיין געפאַרבט אין ווייסע און שוואַרצע פּאַסען. און מ'פלעגט זיי האַלטען אין איין פאַרבען און פאַרבען. די אַרבייט פלעגט אָננעמען ווערען פון אַ האַראַדעצער פּאָדריאַדטשיק ווי חיים בערל, אָדער אייזיקל מאַטיעס. דער פּאָדריאַדטשיק פלעגט דאָס איבערגעבען צו אהרן לייב'ן, און אהרן לייב מיט זיינען 2 זיהן, אייזיק און נח, און אויך מיט זיין ברודער אברהם'ן, פלע־גען פאַרבען די סלופּעס. זיי פלעגען אויך פאַרבען די בלעך־כענע דעכער פון די האַראַדעצער און אַרומיגע קלויסטערס. די צאַרישע רעגירונג האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט אויף קלויסטערס, דעריבער פלעגט מען אַלע פאַר יאָהר איבערפאַר־בען זייערע דעכער.

אויך אויף די דעכער פון די קלויסטערס האָט אהרן לייב מיט זיינע העלפער ניט פאַרגעסען אַז זיי זיינען אידען.

עס איז געווען זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן ווי אויפ'ן שפּיץ קלויסטער, איבער דער קאַלאַקאַלניע (בוידעם וואו ס'הייגנען די גלאָקען צום קלינגען) אָדער אויפ'ן קופּאָל וואו ס'האָט געשטעקט אַ גרויסער צלם — שטייען אידישע מאַל־יערס מיט יאַרמעלקעס און טלית קטנ'ס, די ציצית אַרויס, און פאַרבען געשמאַק דעם צלם און זינגען דערביי „ויאתיו כל לעבדך" אָדער „ישמח משה".

ווינטער ווען קיין מאַליעריי איז ניט געווען, פלעגט אהרן לייב, אָן אַ ניי־מאַשין און אָן אַ שנייד־מאַשין, זיך באַ־שעפטיגען מיט איינבינדעריי. ער פלעגט אויך פאַרריכטען קאַלאָשען. פאַר פסח פלעגט ער קלעפען אביטשעס (טאַפּעטען) אין די הייזער.

די אייזענבאַן און דער טייך פלעגען געבען פרנסה אויך צו די האַראַדעצער בעלי־עגלות. אויסער מיט פיהרען פּאַ־סאַזשירען צום באַן און פון באַן פלעגען זיי אויך פיהרען משא. זיי פלעגען אויך פאָהרען מיט באַלניקעס אין די נאָהענטע דערפער צו קריגען אַרבייטער, אָדער פאָהרען באַטראַכטען די טראַנספּאָרטען געהילץ וואָס פלעגן שווימען אויפ'ן קאַנאַל.

די האַראַדעצער בעלי־מלאכות האָבען ניט געוואוסט פון קיין שיינקען ווי די אַרומיגע גוי'אישע באַפעלקערונג. דער־ריבער האָבען זיי געקענט אָפּשפּאָרען פון זייערע אָרימע פאַרדינסטען אַ הויז, אַ גאָרטען, 1 אָדער 2 בהמות. און דער קולטורעלער ניוואָ פון אידישען בעל־מלאכה איז אויך געווען גאַנץ ניש־קשה'דיג. מ'האָט געקענט לערנען אַ פּרק משניות, אַ שטיקעל עין־יעקב, און טייל האָבען אפילו פאַרשטאַנען אַ בלאַט גמרא.

אלטער דער שמיד

געוויסע האַראַדעצער בעלי־מלאכות האָבען אויך גע־האַט גאַנץ שעהנע שטימעס, און ימים־נוראים פלעגען זיי זיין בעלי תפלה'ס אין האַראַדעץ אָדער אין די דערבייאיגע שטעט. די יעניגע פון זיי וועלכע זיינען געקומען קיין אמעריקא זיינען געוואָרען גאַנצע חזנים. טייל פון זיי זיינען דאָ פאַר־רעכענט געוואָרען פאַר לומדים.

מיט שטאָלץ קען מען זאָגען, אַז זיי האָבען ניט פאַר־שעמט זייער שטעטל האַראַדעץ. לאָמיר האָפען, אַז זייערע קינדער וועלען פאָרזעצען די טראַדיציעס פון זייערע עלטערן און עלטערן'ס עלטערן!

די רבנים

דער בית הרב

פון הרב מרדכי גרינבערג

הקדמה

צוטרעטענדיג צו שרייבען אַן היסטאָרישע מאָנאָגראַפיע פון די האָראָדעצער רבנים, וועלכע נעמט אַרום אַ פּעריאָדע פון אַן ערך 150 יאָר, געפין איך פאַר נויטיג צו שילדערן אין קורצן די אַלגעמיינע כאַראַקטער-שטריכן פון די רבנים פון יענער צייט.

הרב מרדכי גרינבערג

אין דעם דיסציפּלי־נירטען רעליגיעזען לעבען פון יענער צייט איז דער רב געווען דער גרעסטער אוי־טאָריטעט ביי אידען. דער רב איז געווען הויך געאַכ־טעט ביי אַלעמען און האָט געדינט אַלס מאָראַלישער מוסטער, און אויסגעאיבט אַן אומגעהויערען איינפלוס אויף זיין געמיינדע. טראָצ־דעם וואָס מערסטענס איז ער געשטאַנען אויסערהאַלב די געזעלשאַפטליכע אינטע־רעסען, האָט זיך זיין דאָמי־נירענדע ראָליע געפילט אין אַלע שטאָטישע אָנגעלעגענהייטען. זיין אַרויסגעזאָגטע מיינונג האָט געהאַט אַ דעצירענדע ווירקונג אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אַלע האָבן זיך באַצויגן צום רב מיט גרויס ווירדע, אויסגעטיילט אים גרויס כבוד און ליבשאַפט. אין זיין קהילה איז דער רב געווען אַזוי ווי לויט'ן תלמוד'ישן אויסדרוק: „דומה לקיתון של זהב". — ער איז געווען גלייך צו אַ גאָל־דענעם בעכער; ער איז געווען די צירונג פון שטעטל.

אַ דראַמאַטישע בילד האָט זיך אָפּגעשפּילט ווען דער רב איז אַריינגעקומען אין בית-המדרש. אידן זיצן אַרום די טישן און לערנען. ווי נאָר דער רב האָט געעפענט די טיר און זיך באַוויזן — האָבן זיך גלייך אַלע אויפגעשטעלט, געבליבן שטיין ביז ער איז צוגעקומען צו זיין אָרט נעבן ארון קודש. אין בית-המדרש האָט קיינער ניט געוואַגט שמועסן אין דער אַנוועזנהייט פון רב. ווען מען האָט ניט געדאַוונט האָט יעדער איינער געהאַלטן אַ ספר. איינער האָט געלערנט גמרא, אַ צווייטער משניות, אַ דריטער עין יעקב, אָדער געזאָגט תהילים. אַלע שבת נאָכ'ן דאַוונען האָט יעדער איינער צוגעגאַנגען צום רב אָפּגעבן אים „גוט שבת", און קיינער האָט דאָס ניט פאַרפעלט.

וואָס זיינען געווען די אורזאַכן וואָס האָבן געשאַפן דעם גרויסן כבוד צום רב? דאָס איז באַשטאַנען אין זיין גרויסקייט אין תורה און זיין אָפּהיטען מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אַלע אידישע דינים און מנהגים. אַלע האָבן געפילט אַז דער רב איז גייסטיג הויך אויפ'ן געביט פון אי־דישן באַוואוסטזיין, אין תורה און טראַדיציע. אין יענער צייט איז אַ רב געווען, מער אָדער ווייניגער, קלאָר אין ש"ס, פּוסקים און די איבעריגע רבנישע ליטעראַטור. ער האָט שטענדיג געזעסן און געלערנט, קיינמאָל ניט פאַרנאַכ־לייסיגט זיין פרייע צייט. ער האָט בוכשטעבליך דערפילט דעם פּסוק: „והגית בו יומם ולילה", — דו זאָלסט לערנען תורה טאָג און נאַכט.

פאַר דעם רב פון יענער צייט איז אַזאַ איבערגעגעבענהייט צו לערנען תורה געווען אַ נויטווענדיגקייט, אַ באַזיס פאַר זיינע מאָראַלע פּרינציפּן און אַ קוואַל פון וועלכן ער האָט געשעפּט אינספּיראַציע און גייסטיגע הויכקייט. רבנים האָבן זיך געהאַלטן איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון זייער אויפגאַבע אַלס גייסטיגע פירער פון זייערע קהילות. זיי האָבן ניט גע־לאָזן קיין אָרט, אַז מען זאָל זיי גרינג שעצן.

צום ביישפּיל: רבנים האָבן זעלטן געזאָגט דרשות אין שולן. דורכפאָרנדע מגידים האָבן דאָס געטאָן. זיי פלעגן זאָגן זייערע דרשות אין אַן איינפאַכע שפּראַך, אַז אַלע זאָלן זיי קאָנען פאַרשטיין. זיי האָבן איינגעפּאַסט אין זייערע דרשות משלים און שיינע דערציילונגען און פלעגן דאָס אויסזינגען מיט ספּעציעלע ניגונים, לויט די שטימונג פון דער צייט.

אַזאַ סאָרט דרשה איז פאַר'ן רב געווען אַ דערנידערונג. מערסטנס פלעגט דער רב זאָגן נאָר צוויי דרשות אַ יאָר: שבת הגדול, דעם שבת פאַר פּסח, און שבת שובה, דעם שבת צווישן ראש השנה און יום-כיפור. די דאָזיגע דרשות זיינען געווען געצילט פאַר לומדים. די אַנדערע צוהערער

האָבן נאָר פאַרשטאַנען טיילווייז. דאָס אַליין איז שוין געווען פאַר זיי גענוג.

אויך האָט דער רב ניט געמוזט לערנען אַ שיעור פאַר'ן עולם לויט ווי עס פירט זיך דאָ אין אַמעריקע. אידן לומדים האָבן דאַן ניט געפעלט, האָט איינער פון זיי געזאָגט אַ שיעור אין גמרא, דער צווייטער אַ פּרק משניות, דער דריטער עין־יעקב, חומש מיט רש"י א. ד. גל. אויב דער רב פלעגט שוין אַמאָל זאָגן אַ שיעור, פלעגט ער זאָגן אַ פּילפּול פאַר די לומדים. אָבער לערנען איינפאַך האָט ניט געפּאַסט פאַר אים.

אין די גרעסערע שטעט האָט דער רב געהאַט צו זיך דיינים, וועלכע האָבן אויסגעפילט אַלע איינפאַכע רבנישע פונקציעס, ווי צום ביישפּיל: פּסק'נען שאלות, דין־תורה'ס, חתונות און גטין. בלויז די מער וויכטיגע פּראָבלעמען פלעגן פאַרגעבראַכט ווערן פאַר'ן שטאָטישן רב. אָבער אין די קליינע שטעטלעך, ווי האראַדעץ, האָט דער רב אַליין אויסגעפילט אַלע רבנישע זאַכן. דער רב האָט געהאַט אַ ספּעציעלן שמש, מ'האָט אים גערופען „בית־דין־שמש". מיט אָט דעם שמש האָט ער זיך באַנוצט ווען ער האָט באַדאַרפט רופען עמיצן צו אַ דין־תורה אָדער צו אַן אַנדער נויטיגע זאַך. אין פאַל ווען עס האָט זיך געפאָדערט אויפצורופן אַן אסיפה (פאַרזאַמלונג) פון דער גאַנצער שטעטל פאַר אַ נויטיגן צוועק, — איז דער שמש געגאַנגען אין יעדן בית־מדרש און אויסגערופן אין רב'ס נאָמען מען זאָל קומען צו דער אסיפה. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צום רוף און פּינקטלעך געקומען צו דער אסיפה. אויך פלעגט דער בית־דין־שמש אָנקלעפּן מודעות אין די בתי־מדרשים וועגן וויכטיגע ידיעות וואָס דער רב פלעגט לאָזן צו וויסן דעם עולם. און אויב עס איז געווען זייער אַ וויכטיגער ענין, וועלכער האָט געפאָדערט שטרענגקייט, האָט דער רב זיך באַנוצט מיט זיין אויטאָריטעט און שבת פלעגט ער שיקן דעם שמש אין יעדן בית־המדרש מעכב־הקריאה זיין. דער שמש פלעגט אויסרופן „דער רב האָט געהייסען מעכב־הקריאה זיין". דער עולם פלעגט ווערן צוטומלט און אַלע האָבן באַלד געדאַרפט קומען צום רב צו דער אסיפה, און באַשליסן וואָס צו טאָן. נאָך דער אסיפה פלעגן זיך אַלע צוריקקערן אין די בתי־מדרשים צו לייענען די סדרה און פאַרענדיקן דעם דאַווענען.

צווישן אַלע אַנדערע מיטלען מיט וועלכע דער רב פון יענער צייט האָט זיך באַנוצט כדי אָנצווענדן זיין איינפלוס, האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט דער איסור. אום צו באַשטעטיגן דעם באַשלוס פון אַן אסיפה האָט דער רב אויסגערופן דורכ'ן שמש אַן איסור אין די בתי־מדרשים אין דער צייט פון דאַווענען. יעדער איד האָט זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ פאַר'ן איסור און האָט מורא געהאַט איבערטרעטן אים. אַן איסור פלעגט דער רב אויסרופן אויף שחיטה, ווען עס האָט געבראַכט צו מחלוקת אין שטעטל א. ד. גל. מיט'ן חרם פלעגט זיך דער רב זייער זעלטען באַנוצען, סיידען אין אויסערגעוויינליכע אומשטענדען. דער וואָרט „חרם" אַליין האָט שוין אָנגעוואָרפען אַ שרעק. מ'האָט אפילו מורא געהאַט אַרויסרעדען דעם וואָרט, און אַנשטאַט דעם פלעגט מען זאָגען חי"ת, בלויז דעם ערשטען אות פון וואָרט „חרם".

הרב ר' משה צבי

מיט 150 יאָר צוריק איז האראַדעץ געווען, אין באַצוג צו רבנות, פאַראייניגט מיט דער נאָענטער שטעטל אַנטיפּאָליע (זיבען קילאָמעטער פון האראָדעץ) און דער האראָדעצער רב ר' משה צבי איז אויך געווען דר רב פון אַנטיפּאָליע.

הרב ר' משה צבי איז געווען דער זון פון הרב ר' ישראל ראַבינאָוויץ וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ לאַנגע קייט פון גרויסע און באַרימטע רבנים. הרב ר' משה צבי איז געווען באַרימט פאַר איינעם פון די גרויסע רבנים אין זיין צייט, גרויס אין נגלה און נסתר, און ווערט באַצייכנט אַלס גרויסער בעל־מקובל. ר' משה הירש איז געווען באַוואוסט ניט נאָר אין דער סביבה, נאָר פיל ווייטער און ווייטער. „עמך" פלעגט פאָרן צו אים נאָך אַ ברכה, אַ קמיע אָדער סגולה, און רבנים פלעגן זיך מיישב זיין מיט אים אין רבנישע אָדער קהל'שע ענינים *).

קיין ספרים האָט ר' משה צבי ניט געמאַכט, אָבער נאָך זיין טויט האָט זיין זון, הרב ר' יהושע יעקב, זיין ממלא מקום, אָפּגעדרוקט אַ קונטרס „חידושי הלכות ואגדות" פון זיין פאָטער [2]).

אין דעם קליינעם קונטרס קען מען שוין זעהן זיין

*) אַלס ביישפּיל קען דינען דער פאַקט, וואָס מיהאָט געבראַכט ר' משה צבי פון אנטיפּאליע און ר' יעקב ליפשיץ פון מינסק צו באַשטעטיגן די חתימה אויף דער פאַרפלאָנטערטער צוואה פון ר' שאול קארלינער (זע ייוו"א בלעטער, 13טען באַנד, ז. 405, ווילנע, 1938). — **עב"ע.**

2. זע „ישועות יעקב" פון הרב יהושע יעקב, וואַרשע, תרל"ח, ז. 144 — 120.

גרויסקייט אין לערנען. ר' משה צבי איז זיך ניט סתם מפלפל, כדי צו ציינען זיינע טיפע ידיעות אין ים התלמוד, נאר וויל איינלערנען א גמרא, א רמב"ם אדער א תוספות לויט'ן פשט. און ער נעמט אויך אמאל צו הילף דעם אבן־עזרא.

א גאונ'ישער איינפאל איז זיין איינטייטשונג „כפלח הרמון רקתך" (שה"ש ד', ג'), וואס די חז"ל זאגן אויף דעם אז „ריקנים שבך מלאים מצוות כרמון" (סנהדרין ל"ז), ד. ה. די פוסטע אידן זיינען פול מיט מצוות ווי א מילגרוים. דער מאמר איז זייער א שווערער און ער לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל. אבער ר' משה צבי טייטשט עס אויס אזוי:

„רמון" באטרעפט 296, און האלב („פלח") פון „רמון" באטרעפט 148, וואס איז דער זעלבער צאל ווי „קמח" (מעל). אין אנדערע ווערטער: די אידן, וועלכע זיינען פוסט פון תורה, גיבן אבער „קמח". זיי האלטן אויס די תלמידי חכמים, און דערפאר וועלן זיי קריגן א האלבן שכר אויף יענער וועלט.

הרב ר' משה צבי איז געזעסן אין הארארעץ און האט אויך אויסגעפילט זיינע רבנישע פונקציעס אין אנטיפאליע. ווען זיין זון, הרב ר' יהושע יעקב, איז געווארן א יאר צוואנציג, האט ער אים איבערגעגעבן די הארארעצער רבנות, און ער אליין האט זיך באזעצט אין אנטיפאליע (ארום 1822), [3]) וואו ער איז געווען דער רב ביז זיין פטירה [4]).

הרב ר' יהושע יעקב ז"ל

הרב ר' יהושע יעקב ז"ל ראבינאָוויץ, איז געווען א נידעריקער אין וואוקס, אָבער זייער הויך אין גייסט. שטענ־דיג האָט ער זיך געפונען אין א פרייליכער שטימונג, און פלעגט זייער אָפט זאָגן א וויץ, איינגעפאַסט מיט דברי תורה. זיינע וויצן זיינען געווען זייער שארפזיניג.

ר' יהושע יעקב איז געווען א שמח בחלקו, האָט ניט געוואָלט בייטן זיין רבנות־שטעלע אויף א גרעסערע שטאָט, ער האָט געוואָלט נאָר זיצן רוהיג אין הארארעץ, לערנען און פארפאַסן ספרים.

ר' יהושע יעקב האָט מחבר געווען די פאָלגענדע ספרים: „ישועות יעקב" (תרל"ח), „אמרי שפר", „תולדות יעקב", „אוהל יעקב" (תרמ"ט), „בית יעקב" (תרנ"ב), „משכנות יעקב" (תרנ"ד), „עין יעקב" (תרנ"ה) און „שמע יעקב" (תרס"א). דער אינהאַלט פון זיינע ספרים באַ־שטייט פון פארשידענע דרשות, חידושים אויף תורה און גמרא [5]), קיין איינקונפט האָט ער פון זיינע ספרים ניט געהאַט. ער האָט אפילו די הוצאות ניט ארויסגענומען. וואו האָט ער פאָרט גענומען געלט אויף דרוקן ספרים?

פאַר דעם צוועק האָט ער געהאַט א ספעציעלע קוועלע, וועלכע האָט אים אריינגעבראַכט גענוג געלט כדי ער זאָל קענען דרוקן זיינע ספרים. ר' יהושע יעקב איז געווען באַ־רימט פאַר א גרויסן צדיק. זיין נאָמען איז געווען באַוואוסט גאַנץ ווייט. ער פלעגט באַקומען א סך בריוו מיט בקשות פון ליידנדע. און פילע קראַנקע פלעגן אליין קומען צו אים ער זאָל זיי בענטשן און מתפלל זיין פאַר זיי. מערסטנס פלעגן דאָס זיין עפילעפּסיע־ליידנדע. ער פלעגט זיי געבן קמיעות, און פאַר דעם פלעגט ער קריגן א פדיון (געלט־באַלוינונג).

ער האָט געהאַט א באַזונדערע פּושקע, אין וועלכער ער פלעגט אריינלייגן די געלט, און דאָס געזאַמלט אויף דרוקן זיינע ספרים. פון ניט־פאַרמעגלעכע פלעגט ער קיין פדיון נעמען. ער פלעגט אויך אָנזאָגן יעדן באַזונדער ניט צו פאַר־לאָזן זיך אינגאַנצן אויף אים. ער זאָל אויך גיין צו א דאָקטאָר.

די קמיעות שרייבן האָט ער איבערגענומען פון זיין פאָטער, וועלכער האָט דאָס גאַנץ שטאַרק פּראַקטיצירט.

פון וואָס איז באַשטאַנען די קמיע? עס איז געווען אַן אויפגעלייגטער פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעשריבן ראשי־תיבות פון פסוקים פון תנ"ך און פאַר־חתמ'עט מיט טריוואַקס.

3. עס איז ווערט דאָ צו באַמערקן אַז אין „מפתח ההספדים" (סדר שלישי, עמ' 36) פון דובער וואַשטיין, האָט זיך אריינגעכאַפּט אַ מאָדנער טעות. לויט דעם ספר קומט אויס, אַז ר' יהושע יעקב האָט זיך אריבערגעצויגן קיין אנ־טיפּאַליע. דאָס איז גאָר געווען זיין פאָטער ר' משה צבי. עב"ע.

4. וועגן זיין צווייטן זון ישראל מיכל, זע דעם אַרטיקל „ד"ר ישראל מיכל ראַבינאָוויץ" פון ע. בן־עזרא. דער איי־דעם פון זיין טאָכטער י ע נ ט ע ר י י ז ל איז געווען הרב ר' שלמה יעקב אין פאַראַזאָווא און סאָקאָלע. זיין זוהן ר' ישראל איז געווען רב אין לאָפּי, לאָמזער גוב. דער מחבר פון „עין משפט" און „ישועת ישראל", וואַרשע, תרס"ג (זע די הקדמה פון „ישועת ישראל"). אין דעם לעצטן ספר איז אויך דאָ אַ הספד אויף דעם אַלטן רב. עב"ע.

5. זע דעם אַרטיקל „דער גייסטיגער געשטאַלט פון אַלטן רבי" פון עין הקורא. — עב"ע.

אָט איז אַ ביישפּיל פון אַ קמיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון די ראשי־תיבות פון פּסוק: „אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך, והישר בעיניו תעשה והאזנת למצותיו, ושמרת כל חקיו, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רפאך" (שמות ט"ו, כ"ו).

דער חולה פלעגט האַלטן די קמיע אין זיין קעשענע אָדער ער פלעגט עס איינייען אין זיין מלבוש.

אינטערעסאַנט איז, אַז ביידע ברידער, ר' יהושע יעקב און דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ, האָבען ביידע געהיילט עפּילעפּסיע, איינער מיט אַן אַלטען טראַדיציאָנעלען מיטל, און דער צווייטער מיט אַ ניי־ערפונדענעם מעדיצין־מיטל.

דעם רב'ס הכנסה איז באַשטאַנען פון פאַרקויפן זאַלץ. אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָבן די קרעמער אויסגעביטן אויף הייוועון מיט ליכט. (די רביצין פלעגט זיך מיט דעם פאַרנעמען). אויסער דעם האָט דער רב געהאַט אַ הכנסה פון שאלות ריאה און פון חתונות. פון יעדן הונדערט רובל גדן פלעגט ער קריגן 18 גילדן. דער גרעס־טער נדן אין יענער צייט איז געווען ביז 300 רובל. ער פלעגט אויך קריגן פאַר פאַרקויפן דעם חמץ פאַר פּסח. אַ דאַנק דעם וואַקזאַל, וואָס איז געווען נעבן שטעטל, פלעגן פאָרקומען אויפגעפּאַרענע חתונות פון פאַרשידענע שטעט, און אַ דאַנק דעם טייך וואָס גייט דורך אינמיטן פון שטעטל זיינען געווען פילע דורכרייזנדע סוחרים, וועלכע פלעגן זיך אָפּשטעלען צייטווייליג און אָפּהאַלטען דין־תורה'ס. אויך צו־ליב דעם טייך פלעגט מען קומען קיין האָראָדעץ זיך גט'ן. אַ גט דאַרף געשריבען ווערען אין אַ שטאָט וואו ס'פליסט אַ וואַסער. די אַלע זאַכען זיינען געווען אַ הכנסה פאַר'ן רב.

פונדעסטוועגן איז דער רב קיין גביר ניט געווען, ווייל די געלט האָט זיך ביי אים ניט איינגעהאַלטן. זיין האַנט איז געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס פלעגט צו אים אויסשטרעקן דאָס האַנט.

דער סדר היום פון ר' יהושע יעקב איז אַזוי געווען: אויפשטיין פאַרטאָג און לערנען. נאָכהער דאַווגען (ביי אים אין הויז איז געווען אַ מנין אַלע טאָג). די לעצטע יאָרן זיינע האָט ער אויפגעהערט צו זען, — פלעגט ער לערנען אויסנווייניג, און אין שרייבען זיינע ספרים פלעגט ער עמיצן דיקטירן און דער יעניגער פלעגט עס שרייבן.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק, אַ ירושה פון זיינע עלטערן, און עלטער־עלטערן. צווישן זיי זיינען גע־ווען פילע קבלה ספרים און זעלטענע ספרים. עס זיינען געווען צווישן זיי זייער אַלטע ספרים פון עטלעכע הונדערט יאָר, געשריבן מיט'ן האַנט און געבונדן מיט פאַרמעטענע טאָוולען. פאַר פּסח פלעגט מען ארויסנעמען די ספרים און זיי אויסלייגן אין גאַס, אום זיי זאָלן זיך גוט אויסלופטערן. זיי פלעגן פאַרנעמען אַ גרויסן טייל פון גאַס, און יעדער דורכגייער פלעגט זיך אָפּשטעלן נעבן זיי און מיט יראת־הכבוד קוקן אויף זיי און שטאָלצירן מיטן אַלטן רב, וואָס האָט אַזויפיל ספרים.

ר' יהושע יעקב ז"ל האָט געלעבט ביי אַ הונדערט יאָר און איז געווען רב אין האָראָדעץ קרוב צו 80 יאָר. צו זיין לוויה זיינען געקומען די רבנים פון אַלע אַרומיגע שטעט. זיי האָבן אים מספּיד געווען, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטעטל אָפּגעגעבן אים זיין לעצטן כבוד. אויף זיין קבר האָט מען אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט אַ געמויערטען אוהל.

די פּטירה פון אַלטען רב

פון אַלטער עלמאַן

דאָס איז געווען דאָנערשטאָג פאַרנאַכט, פּ' חיי שרה, תרס"ב [1]). דאָס שטעטל איז אַלאַרמירט געוואָרען: „דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרן!" אמת, עס איז ניט געווען קיין איבעראַשונג, ווייל דער רב איז שוין געווען זייער אַלט. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז 94 יאָר אַלט, און אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז ער איז גאַנצע הונדערט יאָר אַלט. אויסער דעם איז ער שוין געווען האַלב בלינד, און זיין אייניקל הרב ר' יעקב חיים גרינבערג, האָט אויסגעפילט זיינע רבני־שע פליכטן.

דער עולם איז געווען צוגעגרייט פאַר דעם מאָמענט, און דאָך איז עס געווען אַ קלאַפּ: נאָענט צו אַכציג יאָר געווען רב אין האָראָדעץ, דריי פיר דורות האָט ער געדינט אַלס רב, און געשטאָרבן!

בערל רודעצער, דער גביר פון שטעטל, האָט באַלד ארויסגעשיקט אַ קאַליאַסקע מיט אַ פּאָר גוטע פערד קיין קאָברין צו ברענגען צו דער לוויה דעם רב ר' מאיר אטלאַס און דעם דיין ר' פינינקע (ר' אליהו שיק'ס אַ זון). און פון אַנטיפּאָליע זיינען געקומען די רבנים ר' דוד שווארץ און ר' הערש.

1) עס איז כדאי דאָ צו קאָרעגירען אַ טעות, וואָס איז אריינגעפאַלן אין „אהלי שם" פון ש. נ. גאָטליב. עס ווערט דאָרטן געבראַכט (ז. 45), אַז ר' יהושע יעקב איז נפטר גע־וואָרן אין יאָר תרס"ג. די ריכטיגע דאַטע איז די אויבענ־דערמאָנטע. — עב"ע.

דערוויילע האָבן זיך די שטעטלדיגע בעלי־בתים צוזאַמענגעקומען אויף אַ אסיפה, באַטראַכטן ווי אַזוי מ׳זאָל אויספירן די צוואה פון „אַלטן" רב, וואו ער בעט דער קהילה, אַז נאָך זיין טויט זאָלן זיי אויפנעמען אַלס רב זיין אייניקל, ר׳ חיים. עס איז באַלד געצייכנט געוואָרן אַ כתב־רבנות פאַר ר׳ חיים׳ען, און די בעלי-בתים האָבן גע׳חתמ׳עט.

אויף מאָרגן, פרייטאָג, גאַנץ פרי, איז געווען די לויה. איידער מ׳האָט אַרויסגעטראָגן דעם ארון פון רב׳ס הויז האָט מען געבלאָזען שופר [2]), און די לוויה האָט זיך אָנגעפאַנגען. קינד און קייט זיינען געקומען צו דער לוויה.

דער ערשטער צו מספיד זיין איז געווען ר׳ מאיר אַטלאַס. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם פסוק: „כי עלה מות בחלונינו" (ירמיהו ט׳, כ׳), אַזוי ווי די פענסטער באַשיצן אונז פון קעלט, און צו דער זעלבער צייט ברענגען זיי אונז ליכט — אַזוי איז דער צדיק: ער איז דער מגין הדור. און ווען דער צדיק גייט אוועק האָבן מיר ניט ווער עס זאָל אונז באַשיצן."

ווען מ׳איז צוגעקומען צום בית־המדרש האָט מען דעם ארון אַריינגעטראָגן אינעווייניג, און ר׳ פינינקע האָט אים דאָרטען מספיד געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פסוק פון דער סדרה: „ואברהם זקן בא בימים" (בראשית כ"ד, א׳), אברהם איז געקומען מיט אַלע טעג, אויך ר׳ יהושע יעקב איז געקומען מיט אַלע טעג צו זיין רו, ווייל ער פלעגט שטיין און לערנען גאַנצע טעג.

און אויפ׳ן בית־עולם האָט ר׳ מאיר אטלאס דערלאַנגט ר׳ חיימ׳ען דעם כתב־הרבנות, און דער עולם האָט אים גע-וואונשן מזל־טוב. טרויער און פרייד האָבן זיך דאַן צונויפּגעמישט, און יעדער איינער האָט געפילט, אַז דער יונגער רב, ר׳ חיים, וועט ניט פאַרשעמען דאָס שטעטל האָראָדעץ, וועלכע איז געווען באַוואוסט מיט אירע רבנים.

די קהילה איז ניט אַנטוישט געוואָרן. סוף שבעה האָט דער נייער רב געמאַכט אַ הספד. אַלע זיינען געקומען אין בית־המדרש הערן דעם הספד פון נייעם רב. ער האָט גע-נומען דעם פסוק „ויהושע בן נון מלא חכמה, כי סמך משה את ידיו עליו" (דברים ל"ד, ט׳), דאָס איז געווען זייער אַ טרעפליכער פסוק, ווייל דעם „אַלטן" רב׳ס פאָטער האָט מען גערופן משה, וועלכער האָט אים, ר׳ יהושע׳ן, מסמיך געווען.

דער הספד וועלכער איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט הלכה און אגדה האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם אויף די צוהערער. און נאָך עד היום געדענקט זיך נאָך יענער הספד. און פון דאַן אָן איז ר׳ יעקב חיים, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן ר׳ חיים, געוואָרן דער מרא דאתרא, ביז אלול, 1915, ווען ער האָט עוואַקואירט צוזאַמען מיט אַלע אידן פון האָראָדעץ; און מיר, האָראָדעצער אידן, האָבן שוין מער ניט זוכה געווען אים צו זען און וואַרעמען זיך אין דער וואַרעמקייט פון זיין תורה. זאָל ער זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונז!

2) דער מנהג צו בלאָזען שופר ווען סיִשטאַרבט זייער אַ חשוביער איד — איז אַ זעלטענער (זע פילאָלאָגישע שריפטן, צווייטער באַנד, ז. 318. ווילנע, 1928). — עב"ע.



דעם אַלטן רב׳ס אהל

הרב ר' יהושע יעקב ז"ל

געמאָלען ספּעציעל פאַר'ן בוך „האָראָדעץ" פון ישראל זוסמאַן

די גייסטיגע געשטאַלט פון אַלטען רב [*]

פון עין הקורא

אויב מיר ווילען וויסען דעם פרצוף פון אַ געוויסען דור — זאָלען מיר אַריינקוקען אין זיין רבנישער ליטעראַטור. אין דער דאָזיגער ליטעראַטור שפיגלען זיך אָפּ די מאַטריעלע און גייסטיגע ראַנגלענישען פון פאָלק. פון דער רבנישער ליטעראַטור דערקענט מען אויך דעם קולטורעלען ניווא פון דור און זיינע שטרעבונגען און אידעאַלען.

ניט אומזיסט גריבלען זיך די היסטאָריקער אין די „שאלות ותשובות" פון פאַרשידענע צייטען, ווייל אין זיי ליגען איינגעוויקעלט גאַנצע שטיקער לעבען פון פאָלק. דורך זיי ווערט בולט אַרויסגעבראַכט דאָס טאָג-טעגליכע לעבען פון אַלע שיכטען, פון דעם לערנער ביז צום פשוט'ן איד און אידענע פון אַ גאַנץ יאָר, מיט זייערע פאַרשידענע פראָבלעמען.

און ניט נאָר אין דער „שאלות ותשובות" ליטעראַטור, וועלכע איז באַשטימט פאַר דעם רב, דעם גרויסען לערנער, נאָר אויך אין די רבנישע דרוש-ספרים איז דאָ אַ סך מאַטעריאַל וועלכער גיט דעם קולטור-פאָרשער און היסטאָריקער אַ בילד פון לעבען און שטרעבען פונ'ם איד, פון זיינע געדאַנקען און אנשויאונגען.

אין אויסטייטש פון אַ פסוק ליגט אָפטמאָל אַ גאַנץ קאַפּיטעל אידישע געשיכטע, און פון דער אויסטייטשונג פון אַ מדרש, קען מען זעהר אָפט אויסגעפינען די אידעאַלען און צילען פון אַ געוויסער עפּאָכע אין אידישען לעבען. אין אַ פילפול אויף אַ מאמר אָדער אַ אגדה זעהט מען ניט בלויז דעם געדאַנקען-גאַנג פון מחבר, נאָר דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דעם גאַנצען לאַנד אין יענער צייט.

„דור דור ודורשיו", יעדער דור האָט זיך זיינע דרשנים און זיינע אויסטייטשער, און לויט דעם דור נאָך — אַזאַ דרשה. עס איז ניט גלייך אַ לאָגישער פילפול אין אַ הלכה, צו אַ פילפול אין אַ אגדה. למשל, אין דער מעשה וועגען בלעמ'ס אייזעל ווערט אריינגעטייטשט אַ מחלוקת צווישען צוויי תנאים, אין וועלכער יעדער גייט לויט אַ באַשטימטער שיטה. און דער סיפור וועגען רינג וואָס אחשורוש האָט אָנגעטאָן המנ'ען, ווערט אויסגעשטייטשט לויט'ן דין פון מקח וממכר . . .

די אַכט ספרים פון „אַלטען רב" זיינען אַן ענציקלאָפּעדיע פון אַלע סאָרטען חידושי תורה, וואָס רבנים פון פאַרשידענע דורות האָבען געשריבען. עס זיינען אין זיי דאָ ריינע, טיפע הלכה זאַכען, אויסגעהאַלטען לויט די כללים פון לאָגיק. אין זיינע ספרים געפינען מיר טרעפליכע אויסטייטשונגען פון פסוקים, מדרשים, מיט וועלכע אַ הייַנטיגער דרשן וואָלט זיך געקענט גאַנץ שיין באַנוצען. אָבער ס'געפינט זיך אין זיי אויך פילפול'יסטיק, וואָס נעמט אַ שיינע אגדה און טייטשט איר אויס לויט פאַרשידענע שיטות פון דער גמרא. דאָס לעצטע איז בלויז אַ קליינער פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט די פיל גייסטרייכע פערלען, וועלכע ליגען פאַרבאָרגען אין דעם אַלטען רב'ס ספרים.

די כלים מיט וועלכע דער אַלטער רב באַנוצט זיך זיינען גאַנץ פשוט'ע און באַוואוסטע: תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, מדרשים, רמב"ם, מהרש"א, ר"ן, תוספות און אַ ביסעל פון די אחרונים. ער ווייזט אויך אַרויס אַ ידיעה אין אבן עזרא און אין דיקדוק, כאָטש ער באַנוצט זיך ניט מיט'ן דיקדוק . . .

ווי עס זעהט אויס האָט דער פירוש פון דובנער מגיד געהאַט אַ השפעה אויפ'ן אַלטען רב, און גאַנץ אָפט באַנוצט ער זיך מיט זיין מעטאָדע, נעמליך, מיט אַ משל. אָט פון די משלים קען מען זעהן, אַז ר' יהושע יעקב איז געווען באַקאַנט אין הוויות העולם, ער האָט געהאַט אויגען און אויערען, וועלכע האָבען געזעהן און געהערט וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט, און ער איז ניט געווען אַזאַ תמים, ווי מ'וואָלט געקענט מיינען.

פון אַ סך ערטער אין זיינע ספרים זעהט מען, אַז ער איז געווען באַהאַוועגט אין קבלה און אין חסידישע ספרים [1], און ער אפּערירט אויך מיט זייער מעטאָדע פון ראשי-תבות און גימטריאות. עס טרעפט זיך אויך, אַז זיין שכל הישר לאָזט אים ניט מיטגעריסען ווערען פון די פאַרשידענע ראשי-תבות אויסטייטשונגען, און זאָגט אַז דאָס איז מעהר ניט ווי „דרך הלצה" [2].

דער אַנאַליטישער שכל פון ר' יהושע יעקב כאַפּט אויך אויף אַ גרייז אין אַ רשב"ם אָדער אין אַן אַנדערען מפרש [3], און זיינע אויסבעסערונגען לעגט זיך אויפ'ן שכל. מיר גע-

---

*) דער „אַלטער רבי", רי יהושע יעקב ראַבינאָוויץ, איז דער מחבר פון די פאָלגענדע אַכט ספרים: „ישועות יעקב", „אמרי שפר", „תולדות יעקב", „אוהל יעקב", „בית יעקב", „משכנות יעקב", „עין יעקב" און „שמע יעקב". צום באַדויערען האָב איך ניט געקענט קריגען די צוויי ספרים „תולדות יעקב" און „אוהל יעקב".

1) זע „ישועות יעקב", ז. 43, 62; „שמע יעקב", ז. 99, 100; „עין יעקב", ז. 52.

2) „שמע יעקב", ז. 39, 118.

3) זע, למשל, „ישועות יעקב", ז. 32; „שמע יעקב", ז. 110, 112.

פינען אויך אין זיינע ספרים ראַציאָנאַליסטישע ערקלערונ־גען. ער זאָגט, אַז די חז"ל האָבען אָפטמאָל צופיל אָנגע־שראָקען, כדי מ'זאָל זיך אָפּהיטען פון אַן עבירה [4]), אָדער אַז אַ סך מאָל האָבען די חכמים אַרויסגעלערענט אַ דין פון אַ פסוק וואָס אין דער אמת'ן איז דער דין אין פסוק גאָר ניטאָ. זיי האָבען בלויז געוואָלט צוטשעפּען דעם דין צו אַ פסוק כדי מ'זאָל עס בעסער געדענקען [5]). דאָס זעלבע איז אויך מיט דער פאָלקס-טימליכער אויפפאַסונג פון גאָטהייט, וואָס מיר געפינען אין תנ"ך, אַז גאָט האָט פיס, זיצט אויף אַ שטול און דאָס גלייכען — איז מער ניט ווי אַ פּאָפּולאַ־ריזאַציע פון גאָטהייט, כדי דער פשוט'ער מענש זאָל עס בעסער פאַרשטיין [6]).

אויך געפינען מיר ביים אַלטען רב אַ מאָדערנעם אויס־טייטש פון אַ מאמר חז"ל אָדער אַ רש"י [7]). און אַז עס געפעלט אים ניט דער דרש פון חז"ל, זאָגט ער אָפען און ניט פאַר־שטעלט [8]). און אויב דער פשט פון תוספות ליגט זיך אים ניט אויפ'ן שכל — שעמט ער זיך ניט און זאָגט [9]), און דאָס זעלבע מיט רש"י'ן [10]).

אָבער שכל אליין איז ניט גענוג, דער עיקר איז טאָן מצוות. צוליב דעם דאַרף מען לערנען און פילפול'ן זיך. אָבער פילפול לשם פילפול איז ניט אזוי וויכטיג, — שוין בעסער טאָן אַ מצוה[11]).

מצוות טאָן איז דער תכלית פון לעבען, און דעריבער האַלט ניט דער אַלטער רב פון סיגופים און תעניתים, ווייל זיי שטערען צוטאָן מצוות [12]). און ער גייט נאָך ווייטער און זאָגט, אַז אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפען, איז פאַר דעם געַנוס פון ערליכען מענשען [13]).

און וואָס איז זיין דעפיניציע פון ערליכקייט? ווי זאָל זיך אַ איד אויפפירען כדי ער זאָל זיין אַן ערלכער איד? קען טאַקע אַ מענש זיין אַ פולשטענדיגער איד?

ר' יהושע יעקב פאַרשטייט, אַז אַ וועלט פון בלויז צדיקים איז אוממעגליך. ווייל ווען אלע וואָלטען נאָר גע־זעסען און געלערענט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט גע-האַט [14]). דעריבער האַלט ער, אַז ארבעט און לערנען גייען האַנט־אין־האַנט, אַז דער וואָס ארבעט און גלייכצייטיג לע־רענט ער און טוט מצוות איז אַ סך גרעסער פון יענעם לער־נער און מצוות-טוער וואָס ווערט אויסגעהאַלטען פון אַנ־דערע [15]).

דער אַלטער רב פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ס'איז אומ־מעגליך פאַר איין מענשען מקיים צו זיין אַלע מצוות, דע־ריבער האַלט ער, אַז נאָר דורך אחדות און שלום קען מען מקיים זיין די גאַנצע תורה [16]). ער וויים, אַז ניט אַלע מענשען זיינען גלייך. אַ מענש קען מתקן זיין און פוגם זיין, און ספּעציעל אַן אינטעליגענטער מענש קען מער איבערפירען ווי אַ פּראָסטערער . . . [17]).

און איבערפירען קען מען אפילו מיט אַ וואָרט, וואָס איז ניט אזוי ריין, און דער מענש מעג זיך זיין אַ גאַנץ שיינער לערנער, אויב אָבער זיין מויל איז ניט ריין, איז זיין לערנען אויך ניט ריין [18]). דעריבער בעט ער זיך, אַז מ'זאָל איינפלאַנצען די דאָזיגע דריי גוטע מדות: באַשיי־דענהייט, אָפּהיטען זיך פון רעדען שלעכטס און אחדות. אָט צוליב דעם וואָס מ'קלאַמערט זיך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין אין די דריי אויבענדערמאָנטע מדות זיינען מיר אין גלות [19]).

ר' יהושע יעקב האַלט אַז צופיל באַשיידענהייט פאַר אַ תלמיד-חכם טויג אויך ניט. און אויב ער נעמט זיך שוין אָן פאַר זיין כבוד — זאָל דאָס זיין נאָר פאַר'ן כבוד פון דער תורה [20]).

דורך רעדען שלעכטס אויף אַ צווייטען איז ניטאָ קיין שלום, און אויב ס'איז ניטאָ קיין שלום קען מען ניט מקיים זיין די תורה. דעריבער דאַרף מען ליב האָבען מענשען, ווייל ליבע צו מענשען איז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה [21]). און ווער ס'האָט פיינט אַ איד איז מצער גאָט, ווייל ס'איז אוממעגליך ליב האָבען גאָט און ניט ליב האָבען אַ אידען[22]). ער גייט נאָך ווייטער און זאָגט, אַז דער וואָס טוט שלעכטס אַ צווייטען איז אויך מצער גאָט נאָך מער ווי ער וואָלט געזינדיגט געגען גאָט[23]). זעהר טרעפליך זאָגט ער אריין די יעניגע וואָס היטען זיך אָפּ פון עסען חזיר, טריפה און נבילה, אָבער פון שנאת חנם מאַכען זיי זיך ניט וויסענדיג, כאָטש די דאָזיגע עבירה איז אַ פיל האַרבערע[24]). ר' יהושע יעקב האַלט, אַז די עבירה פון שנאת חנם וועגט איבער אַלע

4) זע „עין יעקב", ז. 9; „שמע יעקב", ז. 103.
5) דאָרט ז. 69.
6) דאָרט ז. 54.
7) דאָרט ז. 25, 107.
8) „משכנות יעקב" ז. 5, 30.
9) דאָרטען ז. 23.
10) דאָרטען, ז. 14; „בית יעקב" ז. 79; „עין יעקב" ז. 27.
11) „ישועות יעקב" ז. 41.
12) דאָרטען, ז. 78.
13) „שמע יעקב" ז. 109.
14) „ישועות יעקב" ז. 44.
15) „עין יעקב" ז. 58; „שמע יעקב" ז. 43־44.
16) „ישועות יעקב" ז. 43.
17) „בית יעקב" ז. 35.
18) „ישועות יעקב" ז. 68.
19) דאָרטען, ז. 69.
20) דאָרטען, ז. 64; „בית יעקב" ז. 26.
21) „עין יעקב" ז. 59.
22) „ישועות יעקב" ז. 46.
23) „עין יעקב", ז. 65־66.
24) דאָרטען.

עבירות צוזאמען[25]). און ער גיט א עצה, אז אויב א מענש וויל זיך אויסהיטען פון שונאים, זאָל ער אַלעמען ליב האָבען [26]), אפילו זיינעם א שונא [27]). אַנשטאַט צו היטען זיך פון שונאים הייסט דער אַלטער רב זיך היטען פון גוטע פריינד . . . און דאָ לייגט ער אריין דעם שפּריכוואָרט: „היט מיר גאָט פון מיינע פריינד — פון מיינע שונאים וועל איך זיך אליין היטען" אין פסוק „ה׳ לי בעוזרי — ואני אראה בשונאי" (תהלים קי"ח, ז׳) [28]).

***

די הויפּט פּרינציפּען פון אַלטען רב׳ס דרך קומען צום אויסדרוק אין א באַזונדער קונטרס [29]), וועלכער אַנטהאַלט צוויי־און־זעכציג הנהגות, וואָס זיינען בגימטריא „טוב מאד" (62). די דאָזיגע הנהגות זיינען ניט נאָר בנוגע גאָט און מענש — נאָר אויך ווי אַזוי א מענש זאָל זיך באַציהען אפילו צו א בעל־חי, ער זאָל עס ניט שלאָגען, ניט אָנלייגען קיין צופיל משא א. ד. ג.[30]). און דער „אַלטער רב" האָט דאָס טאַקע אַליין מקיים געווען. מ׳דערציילט: איינמאָל, גייענדיג פון בית־ המדרש מיט׳ן טלית-זעקעל אונטער׳ן אָרים, האָט ער געזען ווי א בעל־עגלה שלעפּט דעם פערד, וואָס איז פאַרקראָכען אין א בלאָטע, האָט ער, דער „אַלטער רב", צוגעגאַנגען און געהאָלפען שטופּען דעם וואָגען.

וועגען העלפען א צווייטען — זאָגט ער — דאַרף מען העלפען יעדען איינעם, אפילו דעם שונא[31]). און מ׳זאָל ניט מאַכען קיין אונטערשייד צווישען איד און גוי[32]). אויב אפילו איינער ווערט באַליידיגט פון א צווייטען, זאָל ער שווייגען און ניט ענטפערען [33]). פאַרקערט, ער זאָל זיך גוט

25) „ישועות יעקב", ז. 68.

26) דאָרטען, ז. 48.

27) דאָרטען, ז. 45; „אמרי שפר", קונטרס „אמרות טהורות, סעיף א. ב.

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז אין איין פּלאַץ זאָגט ער זיך ארוים, אַז מ׳דאַרף ליבען דעם צווייטען אויב ער איז ערליך („עין יעקב", ז. 27). אָבער ווי סיזעהט אויס איז דער „אַלטער רב" געגאַנגען נאָך ווייטער.

28) „ישועות יעקב", ז. 101.

29) „אמרות טהורות" צום סוף פון זיין ספר „אמרי שפר", וואַרשע, תרמ"ד.

30) דאָרטען, סעיף ג׳.

פון זיין אויסטייטשונג דעם תלמודישען מאמר „כשר שבטבחים שותפו של עמלק", קען מען זעהן זיין מיטגעפיל צו די בעלי־חיים, וועלכע ווערען געקוילעט יונגערהייט, און לויט זיין מיינונג איז דאָס אין אַ געוויסען זין אַן אכזריות (זע „משכנות יעקב", ז. 70).

31) דאָרטען, סעיף י׳.

32) דאָרטען, סעיף מ"ג.

33) דאָרטען, סעיף ה׳.

באַציהען צום שונא[34]). און ניט נאָר זאָל א מענש ניט שעלטען א צווייטען — נאָר אפילו זיך אליין זאָל ער ניט שעלטען[35]).

דער „אַלטער רב" וואָרענט געגען כעס, קמצנות, עצבות, דאגה א. ד. ג. מדות, וועלכע פאַרביטערען דעם מענשען׳ס לעבען. ער זוכט וועגען ווי אזוי צו פאַרבעסערען דעם מענ־שען׳ס מערכה. און א דאַנק זיין פּסיכאָלאָגישען קוק, פאַר־קוקט ער געוויסע קאָנווענציאָנאַליזמען פון זיין צייט, למשל, ער פאָדערט אַז עלטערען זאָלען לערנען זייערע קינדער אַן אומנות, כדי זיי זאָלען זיך קענען דערנעהרען, און אַז א מלאכה איז ניט קיין שאַנדע[36]).

דער „אַלטער רב" טרעט אַרויס געגען נאָך אַן אָנגע-נומענעם מנהג אין זיין צייט, נעמליך, געגען נעמען נדן. ער זאָגט בפירוש: קוק ניט אויף געלד. נעם ניט א פרוי, מיט א חסרון, דערפאַר ווייל זי האָט געלט. בעסער נעם א שיינע פרוי, כדי עס זאָל זיין ליבע און שלום צווישען מאַן און ווייב[37]).

אין דער „אַלטער רב" שטעלט זיך אפילו געגען דינים און מנהגים, וועלכע זיינען אָנגענומען מדורי־דורות, ווי, למשל, נעמען אָדער געבען פּראָצענט מיט א היתר עסקא, אָדער פאַרקויפען דעם חמץ דורכ׳ן רב. ער האַלט עס פשוט פאַר אָפּנאַרעריי[38]).

אינטערעסאַנט איז זיין מיינונג וועגען דאַוונען. ער האַלט ניט פון די וואָס נאַרען זיך אָפּ אין דאַוונען. בעסער דאַוונען א ביסעל, גוט מיט כוונה, און גוט אַרויסרעדען די אותיות מיט די נקודות, איידער דאַוונען א סך, גיך און געכאַפּט.

***

אין די הקדמות צו זיינע ספרים[39]) בעט זיך דער „אַל־טער רב", אַז מ׳זאָל ניט אַוועקלייגען זיינע ספרים אין א זייט, נאָר מ׳זאָל לערנען אין זיי.

זאָל די דאָזיגע קורצע אָפּשאַצונג פון „אַלטען רב" דינען אַלס אָנרעגונג צו לערנען זיינע ספרים און נאָכפאָלגען די פּרינציפּען וואָס ער האָט אין זיי אָנגעצייכענט. די דאָזיגע פּרינציפּען זיינען פון אַ גרויסען הומאַניסט, וואָס די וועלט האָט זעהר ווינציג געוואוסט וועגען אים, און ס׳איז כדאי אַז מ׳זאָל מאַכען א גרעסערע שטודיע וועגען דעם „אַלטען רב", ר׳ יהושע יעקב ראַבינאָוויץ.

34) דאָרטען, סעיף ז׳.

35) דאָרטען, סעיף ט׳.

36) דאָרטען, סעיף נ"ב.

37) דאָרטען, סעיף נ"ג, נ"ד.

38) דאָרטען, סעיף י"ד, י"ז.

39) „בית יעקב", „עין יעקב" און „שמע יעקב".

הרב ר׳ יעקב חיים ז״ל

פון הרב מרדכי גרינבערג

הרב ר׳ יהושע יעקב ז״ל האָט געהאַט דריי זין מיט 4 טעכטער, וועלכע זיין ערשטע פרוי בוניע האָט געבוירן. די עלטסטע טאָכטער איז געווען איטקע רחל, ע״ה. זי האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפטן פון איר פאָטער ז״ל: באַזעסן הומאָר, קלוג און שאַרפזיניג. האָט זיך אינטערעסירט צו העלפן די געדריקטע אין שטעטל, און געגעבן צדקה צו די נויטבאַדערפטיגע.

איטקע רעכיל (אזוי האָט מען איר גערופן) האָט געהאַט אַ טאָכטער אסתר, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר הרב ר׳ יעקב חיים ז״ל, דער צוקונפטיגער יורש פון כסא הרבנות אויף וועלכן ר׳ יהושע יעקב איז געזעסן ביי אַכט צענדליג יאָר.

הרב ר׳ יעקב חיים ז״ל איז געווען אַ געבוירענער פון אנטיפאָליע. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע אידן און בעלי־צדקה. אין זיין פריסטע יוגענט זיינען זיי געשטאָרבן פון אַן עפידעמיע, וואָס האָט דאַן געבושעוועט. זיין זיידע נאָך וועלכן ער איז אַ נאָמען, איז געווען אַ גרויסער למדן און אַן אויסערגעוויינלעכער מתמיד. ער האָט שטענדיג געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. ער פלעגט אָפּלערנען יעדן טאָג פערציג בלאַט גמרא. ר׳ יעקב חיים ז״ל האָט אין זיין יוגענט געלערנט ביי דעם אנטיפאָליער רב, ר׳ פינחס מיכאל ז״ל, וועלכער האָט זיך מיט אים זייער פאַראינטערעסירט. נאַכהער האָט ער געלערנט, אַלס פרוש, אין קאָוונער כולל. און הרב ר׳ יצחק אלחנן ז״ל, קאָוונער רב, האָט געשריבן אויף אים „הרב הגאון“.

אָנקומענדיג אין האָראָדעץ, אַלס אײדעם פון אַלטן רב׳ס טאָכטער, איז ער גלייך צוגעצויגען געוואָרן צו רבנות, ווייל הרב ר׳ יהושע יעקב ז״ל איז שוין דאַן געווען אַלט, האָט ער פון אָנפאַנג נאָר אים צוגעהאָלפן. נאַכהער זיינען אַלע פונקציעס פון רבנות אריבער צו אים. ער האָט נעקראָגן פאַר דעם אַ קליינעם געהאַלט. אין הויז איז אויך געווען אַ קליינע פרנסה, וואָס די רביצין און איר מוטער פלעגן זיך פאַרנעמען. פון דעם אַלעם האָט דער רב געמאַכט אַ געדריקטן לעבן.

הרב ר׳ יעקב חיים איז געווען אַ הויכער מיט אַ פאַטריארכאַלישן אויסזען. די באָרד איז געווען אַביסל געלבלעך אין זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן. פון זיין געזיכט האָט ארויסגעשיינט הייליקייט מיט גוטסקייט. ער איז געווען באַליבט ביי אַלעמען, האָט באַאיינפלוסט יעדן איינעם מיט זיין פריינדלעכע באַציאונג און עניוות. ער איז פשוט אַנטלאָפן פון כבוד.

ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן באַזונדער, סיי גרויס, סיי קליין און ארויסגעצייגט מיטגעפיל צו יעדן איינעם און געטאָן וואָס מעגלעך צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיגן. אין דער ערגסטער צייט פלעגט ער ברענגען אורחים אין הויז, אָרימע דורכרייזענדע, געגעבן זיין עסן און נדבות, דערמוטיגט זיי מיט זיינע פריינדליכע רייד און נאַכהער זיי באַגלייט, נאָכגעגאַנגען נאָך זיי און זיי מיטגעגעבן ברכות אויף זייער וויטערדיגע רייזע.

די דורכפאָרנדע זיינען געווען געפאַלענע מענשן, יורדים, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע פרנסות צוליב פאַרשידענע אורזאַכן. זיי פלעגן פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון שטעטל צו שטעטל נאָך הילף, האָבן ניט געקאָנט זיך אראָפּלאָזן און גיין אַליין איבער די הייזער קלייבן נדבות. אַזעלכע האָבען זיך געפילט דערשלאָגען און אַנטמוטיגט. גוטע רייד זיינען געווען פאַר זיי אַ באַלזאָם, האָבן זיי געשטאַרקט און געהויבן זייער מאָראַל. ר׳ יעקב חיים ז״ל האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. ער פלעגט זיך אויפריידן מיט זיי וועגן זייערע פראָבלעמען, אויסהערן זיי און אַרויסווייזן זיין מיטגעפיל.

זיין טעגליכער סדר איז געווען פאָלגענדער: ער פלעגט אויפשטיין אַלע נאַכט ארום דריי אַזייגער, ווען אַלע האָבן נאָך געשלאָפן, איז געזעסן איבער אַ גמרא און געלערנט. די גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף, און פון רב׳ס הויז האָט געלויכטן און די טענער פון זיין לערנען האָבן זיך געטראָגן אין דרויסן. ווען עס איז געוואָרן טאָג האָט זיך דער רב גענומען גרייטן צום דאַווענען. קומענדיג ארויס פון בית־המדרש האָט ער מערסטנס געהאַט צו דערליידיגן רבנישע אָנגעלעגנהייטן. ווי נאָר ער איז פאַרטיג געוואָרן מיט שאלות א. ד. גל. פלעגט ער גלייך פאַרזעצן זיין לערנען, קיינמאָל ניט געזעסן ליידיג און ניט גערעדט דברים בטלים (איינפאַכע רייד). נאָר שטענדיג געלערנט.

עס זיינען געווען צייטן ווען ער האָט שטאַרק געליטן אויף די אויגן, אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון לערנען. ניט קאָנענדיג אריינקוקן אין אַ ספר, פלעגט ער לערנען אויף אויסנווייניג. אַ דאַנק דעם שטעטלדיגן רופא, נפתלי ווייסמאַן, וועלכער האָט אים געפירט עטלעכע מאָל קיין וואַרשע צו אַ גרויסן אויגן פראָפעסאָר, און איז געזעסן דאָרטן מיט אים, זיינען זיינע קראַנקע אויגן אויסגעהיילט געוואָרן.

אין האָראָדעץ איז געווען אַ גרופּע מענשן, וועלכע האָבן אויסגעשריבן די טעגלעכע העברעאישע צייטונגען „המליץ“

און „הצפירה“. די צייטונגען האָבן צירקולירט אין זייער אַ ענגן קרייז, איבערגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן. אָט די דאָזיגע מענשן פלעגן זיך זייער אָפט פאַרזאַמלען און פירן געשפּרעכן וועגן אַלגעמיינע צייט־פראַגן. דער רב, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן צום לערנען, האָט אָבער געפונען פאַר נויטווענדיג צו אָנטייל נעמען אין אַזעלכע שמועסן. ער פלעגט דאָס ניט רעכענען פאַר דברים בטלים. ער האָט זיך געהאַלטן טאָלעראַנט צו יעדן איינעמ׳ס איבערצייגונגען, האָט געענטפערט מיט רוהיקייט און, אגב אורחא, אריינגעוואָרפן אַ תורה-ווערטל.

אין די ערשטע יאָרן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן מאַנכע דערוואַרטעט אַ גיכע גרינדונג פון אַ אידן־שטאַט אין ארץ־ישראל, דער רב האָט זיך באַצויגן צו דעם פּעסימיסטיש. זיין מיינונג איז געווען, אַז די פאָרשטייענדע גאולה וועט ניט קומען פאַר אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, און ס׳וועט נאָך נעמען פילע יאָרן. ער האָט דאָס געדרונגען פון דעם היסטאָרישן פאַקט פון די ערשטער איינגעמונג פון ארץ־ישראל, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע פערציג יאָר ביז די אידן זיינען ארויפגעטראָטן אויפן באָדן פון דער פאַרשפּראָכענער לאַנד, און נאַכהער איז פאַריבער זייער אַ לאַנגע צייט ביז זיי האָבן דערהאַבערט דאָס גאַנצע לאַנד. ער האָט געהאַלטן, אַז פון לאָגישן שטאַנדפּונקט איז דער מאָמענט נאָך ניט געווען צוגעפּאַסט, און די מלוכות זיינען געווען פיינטלעך געשטימט צו די אידן. אויך האָט ער ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די קומענדע גאולה זאָל האָבן אַ סינטעז מיט׳ן מאָראַל פון דער מענשהייט, דורך וועמענס הילף זי זאָל צושטאַנד קומען. ער האָט אויף דעם אָנגעוויזן פאַרשידענע שטעלן אין תנ״ך, תלמוד און מדרש. אָבער אין ישוב ארץ־ישראל איז ער געווען זייער פאַראינטערעסירט. ער האָט שטענדיג געזאָגט אַז מען דאַרף אויסקויפן וואָס מער באָדן און באַזעצן וואָס מער אידן אין ארץ־ישראל.

הרב ר׳ יעקב חיים ז״ל פלעגט האַלטן צוויי דרשות אַ יאָר, שבת הגדול און שבת שובה, אָדער אַמאָל אַ הספּד אויף אַ גרויסן רב. מערסטנס זיינען זיי באַשטאַנען פון פּילפּול, און גאָר ווייניג צוהערער האָבן אים פאַרשטאַנען.

איידער ער פלעגט האַלטן די דרשה פלעגט ער פאַרצייכענען די פסוקים און מאמרים אויף וועלכע זיין דרשה וועט זיין באַזירט. אָט איז דער אינהאַלט פון זיינע אַ דרשה:

ר׳ יעקב חיים ז״ל האַלט, אַז אַ מענש, וועלכער באַזיצט אַ צו גרויסע מאָס פון גאוה — האַלט זיך גרויס, אַזאַ מענש איז אָפּגעשטאַנען אין זיין זיטלעכקייט. ס׳איז פאַראַן אַ מיטל פאַר דעם דאָזיגן מענשן, ווען ער זאָל נאָר ארויפקוקן צו די וועלכע שטייען העכער פאַר אים—וועט ער זיך גלייך אַרומזען, אַז ער האָט ניט וואָס צו שטאָלצירן, און זיין גאוה וועט דאַן פאַרשוואונדן ווערן. דאַגעגן, אַ מענש וועלכער באַזיצט די שלעכטע מדה פון קנאה, איז מקנא אַ גרעסערן פון אים — אַזאַ מענש, אין געגענזאַץ צום ערשטן, דאַרף אַראָפּקוקן צו די וועלכע זיינען נידעריגער פון אים — וועט ער זיך גלייך אַרומזען, אַז ער דאַרף גאָר זיין צופרידן פון זיין שטאַנד אין וועלכן ער געפינט זיך, און האָט ניט וואָס צו מקנא זיין. איצט, ווי איז דער פאַל, אַז דער זעלבער מענש האָט זיך ביידע שלעכטע מידות, גאוה און קנאה, ער האַלט זיך גרויס און צו דעם איז ער נאָך מקנא יעדן איינעם, וואָס פאַר אַ מיטל איז פאַראַן פאַר אַזאַ מענשן? וואוהין זאָל ער קוקן? זאָל ער קוקן ארויף, צו אַ העכערן פאַר אים, וועט ער, אמת, דורכדעם זיך קאָנען באַפרייען פון דער מידה פון גאוה, ער וועט אויסגעפינען, אַז ער איז גאָרניט אזוי גרויס ווי ער האָט זיך איינגערעדט, וועט אָבער דאַן די מידה פון קנאה ארויפשווימען, די קנאה זיינע וועט זיך פאַרשטאַרקן, ער וועט מקנא זיין די אַלע וועלכע שטייען העכער פאַר אים.

זאָל ער ווידער קוקן אַראָפּ, צו די וועלכע זיינען נידעריגער פון אים, וועט ער דורכדעם זיך באַפרייען פון דער מידה פון קנאה, ער וועט ניט האָבן וועמען צו מקנא זיין, אָבער דאַן וועט די מידה פון גאוה ארויפקומען, ער וועט אין זיין פאַנטאַזיע דערשיינען צו שטיין העכער פאַר אַלעמען, און וועט ווערן דער אמת׳ער בעל־גאוה.

פאַר אַזאַ פערזאָן איז ניטאָ קיין מיטל. אויף אים זאָגט דער פסוק: „גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל“ (תהילים ק״א, ה׳) — האָפערדיגע אויגען פול מיט גאוה און אַ ברייטע האַרץ אָנגעפילט מיט קנאה, אים קאָן גאָט ניט ליידן. אַזאַ מענש וואָס באַנוגענט זיך ניט און וויל אַלעס, — דאָס איז אַ דילעמאַ. טעאָרעטי״ש איז עס אוממעגלעך צו לייזן אַזאַ פּראָבלעם. בלויז דער זאָגענאַנטער פערזאָן קאָן געפינען אַן אויסוועג דורך באַהערשן און קאָנטראָלירן זיך זעלבסט.

אין יאָר תרע״א, כ״ז מנחם אב, איז די רבי׳צן געשטאָרבן. דאָס האָט געמאַכט זייער אַ שלעכטן ווירקונג אויף דעם רב, אָבער אין לערנען האָט ער געפונען טרייסט און דערמוטיגונג. און אזוי האָט ער פאָרגעזעצט זיין לעבן אין האָראָדעץ ביז עס איז אָנגעקומען די ע ר ש ט ע װ ע ל ט־מ ל ח מ ה .

עס איז געווען אַ שבת אין חודש אלול, 1915, די גאַנצע שטעטל איז געווען פול מיט קאָזאַקן. הימל און ערד און קאָזאַקן. עס איז אָנגעפאַלן אַ שרעק אויף יעדן איינעם. אַלע דערפער אַרום האָראָדעץ האָבן געברענט. דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט פייערן פון אַלע זייטן. די גראַנאַטן האָבן געקנאַלט, מען האָט געהערט שטאַרק דאָס שיסן פון האַרמאַטן. עס האָט געהאַלטן אין איין „דונערן“. די מלחמה איז שוין געווען נאָענט צום שטעטל. אַ באַפעל איז אָנגעקומען, אַז אַלע איינוואוינער מוזן באַלד פאַרלאָזן האָראַדעץ צוליב דעם דערוואַרטעטן צוזאַמענשטויס מיט די פיינטלעכע אַרמייען.

טראָץ דער אָנגעשטרענגטער סיטואַציע זיינען אַלע גע־גאַנגען שבת פרי דאַוונען, אַזוי ווי אַלע שבת. אויף מאָרגן, זונטאָג פרי, זיינען אַלע אידן אַוועקגעפאָרן. די רייזע איז געווען אַ געפערלעכע. דער רב מיט זיין משפחה זיינען גע־פאָרן דריי וואָכן ביז זיי זיינען געקומען קיין יעקאַטערי־נאָסלאַוו..

אין יעקאַטערניאָסלאַוו זיינען דאַן געווען נאָר צוויי שולן וואו מ'האָט געדאַוונט נוסח אשכנז. האָט איינע פון די שולן באַלד אויפגענומען ר' יעקב חיים'ען אַלס רב, און אים געהאַלטן מיט גרוים כבוד. ער פלעגט לערנען פאַר אַן עולם משניות און גמרא, און אָפטמאָל זאָגן אַ דרשה פאַר אַ געוויסן צוועק. און ווי זיין סדר איז געווען אין האַראָדעץ, אַזוי איז זיין סדר געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו: אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זיצן און לערנען.

אַ דאַנק דעם איינפלוס פון רב האָבן די בעלי-בתים פון שול גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין צדקה, מער פון אַנדערע שולן, געהאַט אַ ספּעציעלן הילפס־קאָמיטעט פאַר דער גאַנ־צער שטאָט, וואָס קיין שול האָט דאָס ניט געהאַט. די שול איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַלע שולן פון יעקאַטערינאָסלאַוו.

ר' יעקב חיים איז נפטר געוואָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו שבת אָוונט, כ״ז אלול שנת תרע״ט, אין עלטער פון 63 יאָר. די לוויה איז געווען אויף מאָרגן, זונטאָג. די שטאָ־טישע רבנים מיט אַלע אַנגעפאָרענע רבנים, זיינען געקומען אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד. זיי האָבן אים מספיד געווען נעבן זיין שול און אויפן בית עולם. אַלע קראָמען פון יענעם טייל שטאָט וואו ער האָט געוואוינט זיינען געווען פאַר־מאַכט, און אַלע זיינען געקומען צו דער לוויה. נאָר די רבנים האָבן זיך מתעסק געווען מיט אים.

תהי נשמתו צרורה בצרור החיים! *)

* *
*

אַ דאַנק דער האַראָדעצער חברה „ישועות יעקב" פון ניו־יאָרק איז דערמעגלעכט געוואָרן צו שטעלן אַ מצבה אויפ'ן קבר פון הרב ר' יעקב חיים. דער קבר איז אויפ'ן נייעם בית־עולם פון יעקאַטערינעסלאַוו חלק 25, שורה 5, קבר 33.

עקזיסטירט נאָך דער קבר? האָבן די דייטשן, ימ״ש, ניט פאַרניכטעט דעם קבר אַזוי ווי זיי האָבן פאַרניכטעט אַנ־דערע אידישע קברים?

אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן מיר דאָס וויסן.

---

*) די קינדער וועלכע זיינען געבליבען נאָך אים זיינען: דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות, דר. צבי גרינבערג, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אויפין רוסישן פראָנט, און אַ טאָכטער, רייזל, וועלכע געפינט זיך אין ניו־יאָרק.



פאַקסימיליע פון די ראשי פרקים פון ר' חיים'ס אַ דרשה

דער לעצטער רב

פון הרב שלום פאדאלעווסקי

דער לעצטער רב פון הארא‌דעץ איז געווען הרב הגאון ר׳ ארי׳ גרינמאן. ער איז געווען א אנטיפאליער, א זון פון א אנטיפאליער שמיד, און אן איידעם פון א בריסקער גביר. אנגעקומען איז ער קיין הארא‌דעץ נאך גאר א יונגערמאן, גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה אלס א פליט, אויף דערוויילע, און ער איז שוין פארבליבען אין הארא‌דעץ אויף שטענדיק. ער איז געווען א גרויסער גאון וצדיק. זיינע בקיאות פלעגן באוואונדערען די גרעסטע מענ־שען. זיין זכרון איז געווען אזוי גוט אז ער האט עפעס נעזען האט ער שוין שטענדיק דאס גדעדיינקט. ער איז געווען דער אמת׳ער בקי בש״ס און האט געהאט אויך זייער א שארפע קאפ, אז מיט זיינע סברות און לערנען פלעגן זיך באנוצען די רבנים און ישיבה־בחורים פון די ארומיקע שטעטלאך *). דערצו איז ער געווען זעהר א גרויסער מתמיד. ער פלעגט לערנען יומם ולילה. זיין צדקות איז געווען אזוי גרויס אז קיין דין פון שלחן־ערוך האט ער קיינמאל ניט פארפעלט. ער איז געווען א איש תמים ובעל מדות טובות. און אונזער שטעטל האט טאקע מיט אים זייער שטאלצירט. קיין קינדער האט ר׳ ארי׳ ניט געהאט, האט ער געהאדעוועט א קרוב׳ס א יתומה ביי זיך אין הויז, און זי איז געווען פארערכענט ווי זיין אייגען קינד.

שפעטער ווען זיין פרוי איז געשטארבען און די יתומה האט חתונה געהאט און אוועק געפארען קיין ארגענטינע, איז ער שוין פארבליבען אליין. זיין הויז איז געווען די גרעס־טע און שענסטע פון הארא‌דעץ. זי איז געווען אויף דעם פלאץ, וואו ס׳איז געשטאנען פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה דאס קאברינער שטיבל. לכתחילה האט זיך דא צוריק אויסגעבויט דאס שטיבל פאר דעם געלט וואס די אמעריקא־נער האבען געשיקט, אבער די הארא‌דעצער האבען בא־שלאסען אז עס איז פיל וויכטיגער עס זאל זיין א בית הרב. און מען האט דאס הויז אוועקגעגעבען א מתנה דעם רב.. זיין הויז איז געווען א בית ועד לחכמים. אז עס פלעגט קומען א רבי אדער דורכפארען אמאל א רב אדער אזוי א שיינער איד פלעגט ער שוין איינשטיין ביים רב.

קיין שכירות פון שטעטל האט דער רב נישט בא־קומען. די איינציגע שכירות איז געווען די הייוועז און מכירת חמץ, פורים שלח מנות און אמאל א מתנה און צוביסלעך וואס זיין אמעריקאנער ברודער פלעגט אים שיקען. דער רב האט זיך געפירט אויף אן אייגנארטיגען אופן, וואס דאס האט ארויסגערופען באוואונדערונג און ערשטוינונג ביי פילע מענשען און איבערהויפט ביי די רבנים פון די ארומיקע שטעטלעך. דהיינו: ער פלעגט האבען א בהמה וואס ער פלעגט אליין טרייבען אין פאשע יעדען פרימארגען, גלייך מיט די איבעריקע בעלי־בתים. און מען פלעגט אפילו זאגען אז דער רב מעלקט אליין די בהמה. ער פלעגט האדעווען הינדעלאך, ער האט זייער ליב געהאט בעלי חיים, און איבערהויפט קליינע קינדערלאך, מיט וועמען ער פלעגט גאנץ אפט פארברענגען.

דאך האבען אים אונזערע הארא‌דעצער רעספעקטירט און אפגעגעבען גרויס כבוד, ווייסענדיק וואס פאר א גאון וצדיק ער איז און ווי רבנים רעכענען זיך מיט אים. זיין איינ־פאכקייט און פשטות פלעגט נאך צוגעבען מער ליבשאפט און צוגעבונדענקייט פון דער שטעטל צו אים. פילענדיק אז ער איז איינער פון זיי, פילט זיי מיט און טוט די זעלבע ווי אלע אידעלאך פון שטעטל.

**
*

ניטא דער רב אפילו זיין בילד איז ניטא. זאל לכל־הפחות פאראייבינט ווערען זיין האנטשריפט און דער שטעמפעל פון לעצטען רב אין הארא‌דעץ !



די פאקסימיליע פון זיין האנטשריפט

*) אבער ער פלעגט אויף זיך ניט שטעלן. זע זיין שאלה וועגן מאכן עירובין אין הארא‌דעץ, וואס ער האט געפרעגט הרב הגאון ר׳ אהרן וואלקין, דער אבד״ק פינסק־קארלין. (זקן אהרן, ח״א, סימן כ״א, דף 44, פינסק תרצ״ב).

עב״ע

בתי מדרשים

די קאַלטע שוהל

(זכרונות)

פון הרב ד"ר יעקב באָסניאַק

מיין שטעטעלע הוראדעץ האָט זיך געגרויסט מיט דער אַלטער קאַלטער שוהל. דורכרייזענדע האָלץ-הענדלער וועלכע פלעגען שבת האַלטען אין הוראדעץ — פירענדיג זייער סחורה דורך אונזער טייך נאָך דאַנציג — האָבען קיין מאָל פאַרפעלט צו דאַווענען אין דער שול, וועלכע איז בעטראַכט געוואָרען אַלס אַנ'אמת'ער מקום קדוש. די סטאָלינער חסידים פלעגען זיך באַרימען אַז ר' אהרן קארלינער, אָדער ר' אהרן הגדול, ווען ער האָט זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, איז געגאַנגען מיט אַלע חסידים פון שטיבל, צו דאַווענען אין דער אַלטער שול.

די שוהל איז געווען באַרימט ניט צוליב איהר אַרכיטעקטור וואָס איז געווען גאַנץ איינפאַך. נאָר טאַקע צוליב איר אַלטקייט. קיינער האָט ניט געוואוסט ווען זי איז געבויט געוואָרען. די הערשענדע מיינונג איז געווען דאָס זי איז גאַנצע אַכט הונדערט יאָר אַלט.

אין איהר אַלטקייט און איינפאַכקייט איז זי ווירקליך געווען אימפּאָזאַנט, אינוויינינק און אויסענווייניק. איך געדיינק איהר גאַנץ גוט פון דער צייט איידער זי איז רעמאָנטירט געוואָרען. אַלס קינד ווען מיינע עלטערען פלעגען קומען פון דאָרף אין שטאָט אויף ימים נוראים, האָבען מיר געדאַווענט אין דער שוהל, וואו מיין פאָטער האָט געהאַט אַ „שטאָט", בשותפות מיט'ן פעטער זלמן, אַ ירושה פון זיידען מנשה. איך בין געווען בעצויבערט פון איר אויסזען, ווי פון איר אַטמאָספערע פון קדושה און עהרענפורכט.

די שול איז געווען די העכסטע געביידע אין שטאָט, אַן ערך פון 50 פוס הויך, פון פונדאַמענט ביז דעם שפּיץ דאַך, און די פענסטער זיינען געווען ביי 20 פוס הויך פון דער ערד. די ווענט זיינען אויסענווייניק געווען גרוי-שוואַרץ פון אַלטקייט. די האָלץ אויסערליך געשפּאָלטען, ווי די קנייטשען אין פּנים פון אַן אַלטען מאַן. אין פילע ערטער פלעגען מאָך און גראָז אַרויס וואַקסען פון די שפּאַלטען, און אונטער די געזימשען פון שינדעל-דאַך זיינען געווען פילע פויגעל-נעסטען, געבויט פון די שוואַרצע פעטע בלאָטע פון יענעם געגענד.

אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק האָט די שוהל געמאַכט פון אינווייניג. ווייל די פענסטער זיינען געווען זייער הויך איבער'ן קאָפּ פון מענטשען,, און די שויבען פון אַ גאַנץ דיקער און ניט ריינער גלאָז, איז די ליכט פון דער זון קיין מאָל געווען שטאַרק. דער מענטש האָט זיך געפילט ווי אָפּגעשלאָסען פון דער אויסערער וועלט. אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט אינווייניג וואָס האָט געשאַפען אַן אַטמאָספערע פון פורכט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך הערען אַ שוואַכער ברומען פון אַ טויב, אָדער דאָס פּישטשען פון אַ פייגעלע אונטער דעם געזימס. מיר פלעגט אויסווייזען אַז איך הער

די קאַלטע שוהל
געצייכענט פון ישראל זוסמאַן לויט'ן זכרון און אָנווייזונגען פון עלטערע האָראָדעצער אידען.

דעם „קול דממה דקה" וואָס אליהו האָט געהערט אויפ'ן באַרג כרמל.

די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט פאַרשיידענע מאַלערייען. אָבער שוין שטאַרק אָפּגעבלאַקירט. אויף אַן אָפּגרונט, וואָס איז אַמאָל געווען ווייס, אָבער אין מיין צייט איז שוין געווען געל, אָדער שוואַרץ פון שטויב, זיינען געווען געמאָלען די פיר חיות וואָס ווערען דערמאָנט אין מאמר פון יהודה בן תימא: אַ צורייצטער לעמפּערט, אַ פליהענעדער אָדלער, אַ לויפענדער הירש, און אַ שטאַרקער לייב. אין פילע געפּאַרבטע ראַמען זיינען געווען אויסגעשריבען געוויסע תפלות פון סדור: ווי בריך שמיה, די ברכות התורה, דער יהי רצון פון ראש חודש בענטשען, די יהי רצון'ס וואָס מען זאָגט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און אַנדערע פסוקים און ברכות. אויף דער מזרח וואַנט זיינען געווען געמאָלען וויין־פלאַנצען מיט גרויסע היינגלעך טרויבען. אין מיינע יונגע יאָהרען בין איך געווען זיכער אַז דאָס האָט פאָרגעשטעלט דעם אשכול ענבים וואָס די מרגלים האָבען געבראַכט פון לאַנד כנען. דער ארון קודש האָט געהאַט פון ביידע זייטען געשניצטע העלץ אין פאַרשיידענע קאָלירען מיט'ן מאָטיוו פון וויין־פלאַנצונגען מיט גרויסע בלעטער מיט הענגלעך פון טרויבען.

גרויסע, שווערע היינג־לייכטער זיינען געהאַנגען אויף קייטען פון סאָפיט, וועלכער איז באַשטאַנען פון געל־גרויע דיקע ברעטער, געלייגט איבער שווערע באַלקעס. דער סאָפיט איז קיין מאָל געווען געפאַרבט. עס האָט אויסגעקוקט אַז די קהילה האָט שוין קיין געלט געהאַט צו ענדיקען די אַרבייט פון דעקאָרירען דעם סאַפיט.

די שול איז געווען אַן ערך 50 פוס ברייט, פון דרום צו צפון, און ביי 75 פוס לאַנג, פון מזרח צו מערב. די בימה איז געשטאַנען ניט אין מיטן, נאָך דעם מנהג פון די אשכנזים, נאָר אין דעם ערשטן דריטעל פון אַריינגאַנג, ווי עס איז דער מנהג ביי די ספרדים, דאָס הייסט די שפּאַנישע אידען.*) אין דעם שטח פון דער בימה ביז דעם עמוד, אויף ביידע זייטן פון ארון קודש, זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע קאַסטענס, אַן ערך דריי ביי פינף פוס, אָנגעפילט מיט ווייסען זאַמד. די זאַמד־קאַסטענס האָבען געהאַט אַ טאָפּעלטן צוועק. אויף יום כפור פלעגען די בעלי־בתים אָנשטעלען אין דעם זאַמד גרויסע סטרינאַווע אָדער וואַקסענע ליכט; און אַ גאַנץ יאָר פלעגען די צוויי מוהלים פון שטעטל דאָרטען באַהאַלטן די ערלה'ס פון די ברית'ן.

אַרום די ווענט, אַזוי גוט ווי אַרום די קאַסטענס, און ביי דעם פאָדערשטען טייל פון דער בימה, זיינען געווען בענק פון דיקע ברעטער, איינגעטיילט אין „שטעט" איבער וועלכע עס זיינען געווען געשריבען די נעמען פון די בעלי־בתים צו וועמען זיי האָבען באַלאַנגט. הינטער דער בימה זיינען קיין בענק געווען. ווי ווייט איך געדיינק, איז קיינער געזעסען הינטער דער בימה אין דער קאַלטער שול. סטענדערס, גרויסע און קליינע, פון פאַרשידענע פאָרמאַטען און קאָלירען, האָבען אָנגעפילט די שול נעבן אַלע בענק.

די פאָדלאָגע איז באַשטאַנען פון פאַרהאַרטעוועטע ליים, אָדער צעמענט. עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטיינערנע פאָדלאָגע. ווען איך האָב געפרעגט וואָרום מען שפּרייט אויס היי אָדער שטרוי אויף יום כפור, האָט מען מיר ערקלערט כדי מען זאָל זיך ניט בוקען, אָדער פאַלען כורעים אויף די שטיינערנע פאָדלאָגע. אויב די פאָדלאָגע איז ניט צוגעדעקט, איז עס גלייך ווי צו דינען עבודה־זרה.

גאָר אַמאָל איז קיין באַזונדערע עזרת נשים אין דער שול ניט געווען. נור צו דער דרום וואַנט איז געווען צוגעבויט אַ פאַלוש, וואו עטליכע עלטערע פרויען פלעגען קומען דאַווענען אין די זומער מאָנאַטען, און אויף די ימים נוראים. דער פאַלוש איז געווען נידריג, האַלב־פינסטער און זייער שמוציג. די פרויען האָבען ניט געקענט הערען דעם חזן אין שול. עס איז נור געווען צוויי פירקאַנטיקע לעכער, אַן ערך זעלכס אינטשעס ביי פיר. און אַז אַ פרוי האָט זיך געשטעלט אויבן באַנק, האָט זי געקענט אַריינקוקען אין שול און כאַפּען אַ וואָרט פון חזן.

אַ צווייטער נידעריגער פאַלוש איז געווען צוגעבויט צו דער מערב וואַנט וועלכע האָט געהאַט פונקט אין מיטן צוויי שווערע טירען וואָס האָבען אַריינגעפירט אין שול. דער פאַלוש איז געווען צוטיילט אין דריי טיילן. דער מיטעלסטער איז געווען די פאָר־שטוב וואָס האָט געפירט צום אַריינגאַנג. צו רעכטס און צו לינקס זיינען געווען צוויי קליינע צימערן וועלכע זיינען קיינמאָל באַנוצט געוואָרען. די צימערן זיינען געווען אָנגעוואָרפען מיט „שיימעס" און אַלטע צוריסענע טליתים. דאָרט האָט זיך אָנגעזאַמעלט דער שטויב און דער שמוץ פון צענדליגע, פיליכט פון הונדערטע יאָרען.

דער שטח צווישען דער שול און דעם בית־המדרש, אַן ערך פון אַ האַלבען אַקער לאַנד, האָט זיך גערופען דער שול־הויף, דער פּלאַץ וואו אַלע חופות פון שטעטל פלעגען פאָרקומען. איידער די ענדע פון פאָריגען יאָר הונדערט, איז דיזער פּלאַץ געווען זייער פאַרנאַכלעסיגט. אין רעגענדיגען וועטער איז עס געוואָרען אַ ים פון שוואַרצע בלאָטע. אין טרוקענעם וועטער — פול מיט גריבער און גריבלעך און שטויב. אָבער אין די ניינציגער יאָרען איז אַרויס אַ קלאַנג אַז די אַלטע שול האַלט חלילה ביי איינפאַלען פון אַלטקייט. פילע האָבען געדיינקט אַז די ווענט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בויגען. די בעלי־בתים האָבען באַשלאָסען צו שטאַרקען און רעמאָנטירען די שול. דאַן איז אויך געקומען די דערלייזונג פון שול־הויף.

דער הויפּט פון אַלע קהל'שע אַרבייטער איז געווען בערל רודעצער, דער גביר פון שטעטל. איך געדיינק אים נאָך גאַנץ גוט. אַן עלטערער שווערער איד, פון מיטעלען וואוקס, מיט גרייז־גרויע האָר, און מיט גאַנץ ברייטע לענדען, באַפּוצט מיט אַ זילבערנער שווערער קייט אויף דער קאַמזעלקע. ער פלעגט שטענדיג טראָגען אַ לאַנגען דינעם קאַפּטאַן, מיט אַ שוואַרצער געוויינליכער היטעל.

*) איך גלויב אַז דער פאַקט צייגט אַז די אָריגענעלע בויער פון דער שול האָבען געהאַט די ספרדיישע טראַדיציע, און פיליכט געקומען פון די מזרח לענדער אָדער זיינען געווען פון די גולי־שפּאַניע. מיין פאַמיליע נאָמען „באָסניאַק" מיינט אין יעדער שפּראַך, אַ מאַן וואָס קומט פון באָסניע, וואו די אידען זיינען אַלע געווען פון די גולי־ספרד.

פאַר אַ מאַן פון זיין עלטער און שווערען פיגור, איז ער געווען גאַנץ לעבעדיג און ענערגיש. מיט אַ יוגענדליכען ברען האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט פון רעמאָנטירען די שול.

פון וואָס פאַר אַ קוואַל דאָס שטעטל האָט געקראָגען די נויטיגע סומע געלד אויף דער אַרבייט, האָב איך קיין מאָל נעוואוסט. אָבער איין פרימאָרגען האָב איך מיט פרייד באַמערקט די גרויסע קופּעס פון נייע געהילץ — לאַנגע ברייטע ברעטער — אָנגעוואָרפען אַרום דער שול. זיסקע דער סטאָליער מיט אַ פּאָר געהילפען האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט. די אַרבייט האָט געדויערט אַ גאַנצען זומער. ראש־השנה האָט מען שוין געדאַוונט אין אַ בענייטער שול. די פיר ווענט פון אינעווייניג און אויסענווייניג, אַזוי גוט ווי דער סאַפיט און די פּאָדלאָגע, זיינען באַדעקט געוואָרען מיט נייע ברעטער. די אַלטע שול — אין נייע קליידער. עס איז טאַקע געוואָרען ריינער און ליכטיגער, אָבער די אַטמאָספערע פון קדושה איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען. ניט געווען מער די פיר חיות מיט די פילע יהי רצון׳ס, און ברכות די שווערע היינג־לייכטער מיט די כטענדערס, און זאַמד־קאַסטענס זיינען טאַקע פאַרבליבען ווי פריער. אָבער די ווענט זיינען געווען ליידיג. דער אויג האָט ניט געפונען אויף וואָס זיך אָפּצושטעלען. פּערזענליך האָב איך געפילט ווי אין אַ גרויסער קאַסטען צוזאַמען געקלאַפּט פון גלאַטע ברעטער, און דער ריח ניחוח פון פרישע האָלץ־רעזין האָט אָנגעפילט די אַטמאָספערע.

דער פּאָלוש ביי דער דרום־וואַנט איז אין גאַנצען צוגענומען געוואָרען. עס איז נאָר געבליבען אַ הויכער ביירעל מיט אַ דאַך איבער די טרעפּ וואָס האָט געפירט צום באַלקאָן וואָס איז געמאַכט געוואָרען אַלס עזרת נשים פאַר די פרויען. דער פּאָלוש ביי דער מערב־וואַנט איז געבליבען ווי געווען. נור איינע פון די צימערען איז אָפּגעריינעגט געוואָרען. עס פלעגט באַנוצט ווערען אַלס אַ „חדר" פאַר עטליכע גמרא איינגלאַך אין די זומער־מאָנאַטען.

דער שענסטער און בעסטער תיקון פון דער באַנייטע שול איז נאָך מיין מיינונג געווען דער פּאַרקאַן וואָס בערל רודעצער האָט געבויט אַרום שוהל־הויף. עס איז באַשטאַנען פון קייליכדיגע פלעקער, אַלע איין מאָס, שטאַרק געבויט מיט ברייטע טויערען, צו דער לינקער זייט פון בית־המדרש וועלכע זיינען געווען שטענדיג פאַרשלאָסען. זיי פלעגען געעפענט ווערען נור פאַר אַ חופּה צו שטעלען. יעצט האָט די שול־הויף געהאַט אַ גאַנץ עסטעטישען אויסזען. די הינער וואָס פלעגען זיך טאַשטשען אין דעם זאַמד, און די חזירימלעך וואָס פלעגען דאָרט כאַפּען אַ דרימעל אין דער בלאָטע — זיינען גלייך פאַרשוואונדען. אַ שיינער גראָז האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען, און אַ פּאָר טוצען בוימער זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרען. צוזאַמען מיט די הויכע ווענט פון שול, האָט עס געהאַט אַ יום־טוב׳דיגען אויסזען.

דער צוטריט צו דער שול איז געווען דורך אַ זייטיגע־געסעל. אין פראָנט — אַ צובראָכענער פּאַרקאַן פון אַ גאָרטען וואָס האָט באַלאַנגט צום פעטער בנימין. רעכטס — דער פּאַרקאַן פון שוהל־הויף, און לינקס — אַן אַלטער פּאַרקאַן פון אַ גאָרטען וואָס האָט באַלאַנגט צו דער שטאָטישער באָד. די געסעל וועלכע האָט נור געהאַט אַ פינף־זעקס קליינע אַלטע הייזקעס, געגענאיבער דער באָד און דעם „הקדש", האָט געפירט צום „בית־עולם". אַלע לויות פלעגען פאַרבייגיין די שול. ווען דער מת איז געווען פון די חשוב׳ע בעלי־בתים פלעגט מען זיך אָפּשטעלען ביים שול צו מאַכען אַ הספד.

דער פאַקט וואָס די געסעל האָט אויך געפירט צום בית־עולם האָט געהאַט אַ זאָנדערבאַרען פּסיכאָלאָגישען איינדרוק. איינוואוינער זיינען געווען זיכער אַז די מתים פון בית־עולם זאַמלען זיך אויף צו דאַוונען בצבור אין דער שול דורך דער נאַכט, אין זייערע ווייסע תכריכים און דריי ציצית׳דיגע טליתים. געוויס האָט זיי קיינער געזען. אָבער יעדער איינער איז געווען זיכער אַז דאָס איז אַזוי. ביי־נאַכט איז מען ניט פאַרבייגעגאַנגען די שול, נור מען איז פאַרבייגעלאָפען. אַ כך מענער און פרויען פון שטעטעל וואָלטען צו יעדער צייט געשוואָרען אַז זיי האָבען געהערט פאַרשידענע אומעטיגע קלאַנגען פון שול ווען זיי זיינען דאָרט פאַרבייגעגאַנגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

איך האָב אפילו אַלס אינגעל ניט געגלויבט אין די לעגענדעס וועגען מתים אין שול. איך האָב געגאַנגט צו פאַרברייגען אַ שטונדע איינער אַליין אין דעם היילינגען פּלאַץ. דאָרט איז געווען אַזוי שטיל און רוהיג, אַזוי אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט, אַזוי נאָענט צו גאָט. אָבער מיין שטרייננגע מוטער ע"ה האָט קיין מאָל מיר ערלויבט דאָס צו טאָן. זי האָט שטאַרק געגלויבט אין די פאַנטאַסטישע און „באָבע־מעשיות", און האָט גאַנץ ענטשלאָסען געזאָגט אַז דער בית־המדרש איז גוט גענוג, און אין שול טאָר איך אַליין ניט גיין.

אָבער ניט אַלע מאָל האָב איך געקענטביישטיין דעם נסיון ניט צו גיין לערנען אויף אַ שטונדע אין שול. פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אַריינ׳גנב׳ענען, ווען קיינער האָט געזען, און פאַרשליסען די טיר, און פאַרברייננען אַ פּאָר שטונדען מיט אַ גמרא אָדער אַן אַנדער ספר. עס איז מיר אָנגעקומען ניט שווער דאָס צו טאָן, ווייל מיין קרוב, ידידיה זלמן׳ס, איז געווען דער אָפיציעלער שמש פון שול. פרייטאָג פלעגט ער קומען אַ ביסעל פריער און אַריינשטעלען און אָנצינדען די ליכט אין די היינג־לייכטערס. ער פלעגט אַלע מאָל זיין דער לעצטער צו פאַרלאָזען די שול, כדי צו פאַרשליסען די טיר. אין די ווינטער מאָנאַטען, אין די גרעסטע קעלטען, איז ער שטענדיג געווען פון די ערשטע „מתנדבים", מיט אַנדערע יונגע לייט, וועלכע פלעגען זיך אָנטאָן אין פעלצען, און מאַכען דאָרט אַ מנין אַלע שבת פרי, כדי ניט צו פאַרשעמען די שול. איך האָב אויסגעפונען אַ וואו ער פלעגט האַלטען דעם גרויסען שליסעל. שטילערהייט פלעג איך צו־

גנב'נען דעם שליסעל, און דורך זייטיגע וועגען פלעג איך זיך אריינכאַפּען אין שול, ווען קיינער האָט געזען.

אזוי האָב איך געטאָן אַ סך מאָל, און עס פלעגט מיר גאַנץ פיין געלינגען. אָבער דער גנב מוז סוף־כל־סוף גע־כאַפּט ווערען. איין זומערדיגען טאָג בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און אַוועק אין בית־המדרש צום דאַוונען, אָבער דער שול־שליסעל איז ביי מיר פאַרבליבען אין קעשענע נאָך פון פאַריגען טאָג. און עס האָט מיר געצויגען צו דער שטילקייט, און אָפּגעשלאָסענקייט פון דער אַלטער שול. איך האָב געוואוסט אז די מאַמע ערוואַרטעט מיר פאַר אָנבייסען מיט אַ פּאָר שטונדען שפּעטער. האָב איך געגלויבט אז איך בין געווען זיכער.

איך האָב אָבער אַ טעות געמאַכט אין חשבון. דורך אַ צופאַל בין איך געכאַפּט געוואָרען ביי דער האַנט, און עס איז געווען מיין לעצטע התבודדות אין דער אַלטער שול.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך פאַרטיפט אין לערנען און זיך הערצליך צוזונגען אמר רבא . . . אמר אביי . . . האָב איך פלוצלונג דערהערט אַ שטאַרקען קלאַפּען אין טיר, מיט צושראָקענע קולות: עפען . . . עפען . . . ווען די טיר האָט זיך געעפענט איז פאַר מיר געשטאַנען מיין מוטער, אַ צו־שראָקענע, אָן אָטעם, דער פּנים בלייך ווי קאַלך. נעבען איר איז געשטאַנען מיין פעטער אהרן איטשע־לייזער'ס, שטאַרק אין כעס. וואָס זיי האָבען געזאָגט צו מיר, געדיינק איך ניט, וויל איך בין געוואָרען צושראָקען, קוקענדיג אויף דער מאַמע. איך געדיינק נור אז זי האָט אַליין פאַרשלאָסען די שול, אריינגעלייגט דעם שליסעל אין איר קעשענע, און געזאָגט: דו זאָלסט ניט וואגען צו נעמען דעם שליסעל אין דיין האַנט. קום . . .

אַ פאַרשעמטער, די קאָפּ אַרונטער געלאָזען, בין איך געגאַנגען צווישען זיי, ווי אַ ריכטיגער גנב וועמען מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט . . . געגענאיבער דעם בית־המדרש זאָגט צו מיר די מאַמע שטרייננ: גיי אריין און דאַווען־אָפּ, און קום גלייך אַ היים.

שנעל בין איך אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ פון בית־המדרש. דער דאַוונען איז שוין מיר ניט געלעגען אין זינען. איך האָב געטראַכט וועגען די שטראָף וואָס ערוואַר־טעט מיר אין הויז; און געקלערט וואָס צו טאָן אז מיינע חברים אין חדר זאָלען זיך ניט דערוויסען פון דער גאַנצער מעשה. ווען זיי דערוויסען זיך וואָס עס האָט פּאַסירט, וועט שוין מיר קיין חרפּות־וביושים ניט פעלען . . .

שטילערהייט בין איך אריין אין הויז. די מומע פויגעל (ידידיה'ס מוטער. מיר האָבען געוואוינט צוזאַמען אין איין הויז) האָט מיר צוגעוואָרפען אַ שאַרפען בליק, אָבער גאָר ניט געזאָגט. צו מיין גרויס וואונדער האָט די מאַמע אויך געשוויגען. און געבענדיג מיר אַ גוטען אָנבייסען האָט זי נור געזאָגט: וועסט שוין מער ניט טאָן אזוינע זאכען?
— ניין — האָב איך שוואַך געענטפערט.

אין אָוונט האָט מיר די מאַמע דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען.

גראַדע דעם פרימאָרגען האָט פּאַסירט אַז דער פעטער, אהרן איטשע לייזער'ס, איז געקומען דאַוונען אין בית־המדרש. אין מיטען דער וואָך פלעגט ער זעלטען קומען, וויל ער פלעגט האַנדלען איבער די דערפער, און האָט גע־דאַוונט אין מארק. פון בית־המדרש איז ער געגאַנגען הינטער'ן באָד, און פאַרבייגעגאַנגען די שוהל. צופעליג האָט ער דערהערט מיין קול. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אָבער איך האָב ניט געהערט און ניט געענטפערט.

בעצם איז דער פעטער אהרן געווען אַ וואוילער איד. איך האָב אים פיל רעספּעקטירט. אָבער ער האָט ליב געהאַט צו מישען זיך אין יענעמ'ס זאַכען. ער האָט ליב געהאַט צו בייזערען זיך, און פלעגט זיך גאַנץ אָפט פּאַנאַנדערשרייען אויף די גאָר הויכע טענער.

ווען ער האָט שוואַך געקלאַפּט אין טיר און איך האָב ניט געהערט, האָט ער זיך דערשראָקען פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע און זיין אבערגלויבען. אַלע מעשיות פון מתים שדים, און רוחות זיינען אים געקומען אויפ'ן געדאַנק, און ער איז געלאָפען צו מיין מוטער. אָן אָן אָטעם איז ער גע־קומען אין הויז און דער פאָלגענדער געשפּרעך איז פאָר־געקומען:

— וואו איז יעקב?

— ער איז אַוועק דאַוונען אין בית־המדרש.

— אזוי דיינקסטו, אָבער אין בית־המדרש איז ער ניטאָ. איך ווייס אז ער האָט זיך פאַרשלאָסען אין שול און לערענט דאָרט איינער אַליין. איך האָב געהערט זיין קול. איך האָב געקלאַפּט אין טיר, און ער האָט מיר ניט געעפענט. אזוי גיבסטו אַכטונג אויף דיין קינד? דו בינסט דאָך זיין מוטער און פאָטער. (מיין פאָטער איז שוין דאַן געווען אין אַמעריקע). אַליין אין שול — איז ער אין דער גרעסטער סכנה. גאָט ווייס וואָס עס קען מיט אים חלילה פּאַסירען . . .

מיין גוטע מאַמע האָט זיך נעבאַך געפילט שולדיג. זייער דערשראָקען איז זי געלאָפען מיט'ן פעטער אהרן, און מיט אַלע כוחות געקלאַפּט אין טיר ביז איך האָב דערהערט און געעפענט.

מיט דעם עפּיזאָד האָט זיך געענדיגט מיין התבודדות־וויזיטען אין דער אַלטער שול. אָבער ניט מיין ליבע צו דעם הייליגען פּלאַץ. דער שליסעל פון שול איז שטאַרק געהיט געוואָרען און איך האָב אים שוין מער ניט געזוכט. ניט לאַנג נאָך דער פּאַסירונג האָב איך פאַרלאָזען האָראָדעץ און געפאָרען זיך לערנען אין אַ ישיבה.

מיין גאַנצען לעבען אין אַמעריקע האָב איך געהאָפט און געחלומ'ט אז איך וועל נאָך פאָרען קיין אייראָפּאַ צו זען מיין שטעטעלע האָראָדעץ; און זיך נאָך אַ מאָל פאַר־שליסען אין דער אַלטער שול. אָבער עס איז יעצט צו שפּעט. ניט דאָס שטעטל און ניט די שוהל עקזיסטירען שוין מער.

פיל ערע צו זייער אָנדיינקען!

אַנמערקונגען וועגן דער קאַלטער שוהל

פון ע. בן־עזרא

גענוי ווי אַלט איז געווען די האָראָדעצער קאַלטע שול קען מען ניט וויסען. אָבער אַז זי איז שוין געווען אַן אַלטע שוהל אין יאָר 1632 לערנען מיר אַרויס פון „פּנקס מדינת ליטא“. אין יענעם פּנקס (ז.116) ווערט דערציילט אַז אויף דער סעסיע פון „וועד הקהלות“ אין כאָמסק, דעם 6־טען טבת, (1632) איז אַסיגנירט געוואָרען 25 גילדן אויף צו רעמאָנטירן די האָראָדעצער שול. דאָס איז געווען אַ היבשע סומע פאַר יענער צייט. ווייל אויף דער דאָזיגער אסיפה איז אויך אַסיגנירט געוואָרען פאַר פּינסקער שוהל די זעלבע סומע גילדן.

נאָך אַ באַווייז אויף דער אַלטקייט פון דער קאַלטער שול קען דינען דער פאַקט וואָס אין אַמאָליגע יאָרן איז אין דער שוהל ניט געווען קיין עזרת נשים, אַזוי ווי אין די גאָר אַלטע אייראָפּייאישע שולן ווי ווארמס א. ד. ג.

אויך דער אַלטער ארון־קודש האָט שוין געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט. און ווען מען האָט רעמאָנטירט די שוהל האָט מען באַמערקט דעם פאָלגענדן אויפשריפט אויפ'ן ארון קודש: „בזאת יבוא אהרן אל הקדש“, און אויף געוויסע אותיות איז געווען אָנגעצייכענט, פון וועלכע מ'האָט געקענט אויסלערנען אַז דער ארון־קודש איז שוין אַ 190 יאָהר אַלט.

אויך אין ענדע פון לעצטען יאָהרהונדערט איז נאָך געווען אַן אַלטע טס אויף וועלכער עס איז געווען פאָלגענדער אויפשריפט: „אלוף התורני ר' זרח . . .“ און אַ „לפ"ק“, פון וועלכען מ'האָט געקענט אַרויסדרינגן אַז דעם טס האָט ר' זרח געגעבען מיט אַ 170 יאָר צוריק.

דער לעצטער רעמאַנט וואָס איז געמאַכט געוואָרן, אָדער ווי מ'האָט דאָס גערופן „געשאַלעוועט“, איז געווען אין יאָר 1904, און עס האָט זיך געענדיגט אַרום שבועות צייט. די געלד אויף דעם רעמאַנט איז געקומען פון שמואל קאַליקער'ס ירושה, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין צוואה, אַז אַ געוויסער טייל פון זיין געלד זאָל גיין אויף רעמאָנטירען די שוהל.

די האָראָדעצער שול האָט אויך געדינט אַלס פעסטונג אין צייט פון מלחמה אָדער אָנפאַלן, אַזוי ווי די שולן אין לוצק, אוסטרא, טולטשין א. א. און כמעט די זעלבע לעגענדעס האָבן זיך געוועבט אַרום דער האָראָדעצער שול. נעמליך, אַז ווען עס איז געווען די זאַקסישע מלחמה (?) האָבן זיך די אידן דאָרטן באַהאַלטן. דער שונא האָט געשאָסן אויף דער שול, אָבער, ער האָט קיינעם ניט געטראָפן, אויסער וואָס ער האָט געמאַכט לעכער אין דער שול. אָט די לעכער האָט מען נאָך געקענט זעהן איידער מ'האָט געשאַלעוועט די שוהל, וואו די נייע ברעטער האָבן פאַרשטעלט די לעכער.

די ברעטער זיינען געשטאַנען אין דער הויך. קינדער פלעגן זאָגען אַז דאָס דערמאָנט אין משכן, וואו זיינע ברעטער זיינען אויך געשטאַנען אין דער הויך. דער פּאָלוש פון דער שול פלעגט אין אַמאָליגע יאָרן אויך דינען אַלס תפיסה פאַר אַ אידען, אַזוי ווי אין אַנדערע קהלות. אויב איינער האָט זיך פאַרזינדיגט — האָט מען אים אַריינגעזעצט אין פּאָלוש, און זיינע פיס האָט מען אַריינגעשטעלט אין קלעצלאַך (לויט אַ שמועה וואָס ר' אַלטער שעפּעס האָט געהערט).

אַרום דער לעצטער רעמאַנטירונג פון דער שול איז פאָרגעקומען אַ שטיקעל מחלוקת אין שטעטל. די מתנגדים האָבען געוואָלט אַרונטערוואַרפן דער אַלטער הילצערנער שול און בויען אַ נייעם געמויערטן שול. אָבער, די חסידים, וועלכע זיינען געווען זעהר איינפלוסרייכע אין האָראָדעץ זיינען געווען דאַגעגן, און זיי האָבן אויסגעפירט. זיי האָבן געהאַט בקבלה אַז אין דער האָראָדעצער שוהל האָט געדאַוונט ר' אַהרן הגדול, דער גרינדער פון דער קאַרלינער־סטאַלינער דינאַסטיע (1739־1772). אויך האָבן דאָרטן געדאַוונט ר' זושא פון האַניפּאָליע און ר' אלימלך פון ליזענסק, ווען זיי האָבן געפּראַוועט גלות (אַרום 1747). און ווען דער אַלטער סטאַלינער (72־ 1802) פלעגט קומען קיין האָראָדעץ, פלעגט ער אויך דאַוונען אין שול. ס'איז ביי אים געווען אַזוי באַליבט די שול, אַז איינמאָל, ווען ער איז געקומען אין שול דאַוונען, האָט ער געקושט די ווענט און געזאָגט צו זיינע חסידים: „וואו נעמט מען די שול אויף ימים נוראים אין סטאָלין“.

וועגן דעם אָרט פון דער בימה איז כדי זיך אַביסל אָפּשטעלן: דער ווירדיגער רב ר' יעקב באָסניאַק מאַכט אַ השערה, אַז וויבאַלד די בימה איז געווען נעהענטער צו דער טיר — איז פון דעם געדרונגן אַז די שול איז געבויט געוואָרן לויט'ן ספרד'ישן סטיל, און די ערשטע האָראָדעצער אידישע איינוואוינער זיינען געווען אונזערע ספרד'ישע ברידער. די השערה איז אַ גאַנץ שיינע, אָבער ניט קיין איבערצייגענדע. אויך אין דער אַלטער ווילנער שוהל איז די בימה געווען נאָהענט צום טיר (לויט אַ בריוו פון פּראָפ. לוי גינזבערג צו הרב באָסניאַק), און דער ווילנער גאון באַמערקט וועגן דעם אין זיין ביאור אויפ'ן או"ח, הלכות ביכ"נ, סימן ק"ן. דער גאון שטיצט זיך אויפ'ן „כסף משנה“, יד החזקה, הלכות תפלה, פּרק י"א, הלכה ג'. דער „כסף משנה“ גיט אָן אַן אורזאַכע פאַר מאַכן די בימה נעבן טיר, ווייל אין אַמאָליגע יאָרן, ווען די שול איז געווען זעהר גרויס — האָט מען געדאַרפט מאַכען די בימה אין מיטן שול, אום דער עולם זאָל קענען הערן דעם חזן אָדער רב, אָבער היינטיגע יאָרן, ווען די שול איז קליין — איז שענער אַז די בימה איז ניט אין מיטן.

און אגב אורחא איז כדאי צו באַמערקן אַז די שדים־לעגענדעס אַרום דער שול — זיינען ניט קיין ספּעציפיש האָראָדעצער. אַזעלכע לעגענדעס זיינען אַרומגעגאַנגען אויך איז אַנדערע שטעט וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַלטע שולן. (זע מ. ליברמן-וויינער האגדות על־דבר בית הכנסת הישן בעיר פוהרבישצה פלך קיוב, („רשמות" ד' עמ' 394; פילאָלאָגישע שריפטן 2, 328, ווילנא 1928, ייוו"א; יידישער פאָלקלאָר ז. 154, ווילנא. ייוו"א).

די שול האָט באַלאַנגט צו אַלע אידן פון האָראָדעץ, אָן אויסנאַם, צו ער איז אַ מתנגד אָדער אַ חסיד. יעדער בעל־הבית האָט געהאַט אַ „שטאָט" אין שול. און די „שטאָט" פלעגט איבערגיין בירושה, פון פאָטער צום זון.

אין שול פלעגט מען נור דאַוונען שבתים און ימים־טובים, אפילו אין די קאַלטסטע שבתים פון ווינטער. אום עס זאָל זיין אַ מנין אין די ווינטערדיגע שבתים — פלעגט מען קומען דאַוונען נאָך דער ריי נאָך. יעדן שבת אַנדערע בעלי־בתים. מ'פלעגט דאַוונען אין פוטערס און אויף שנעל.

אַזוי האָט פאַרבונדען די קאַלטע שול אַלע אידן פון האָראָדעץ ביז'ן ענדע יאָר תרע"ה (1915), ווען דער דייטש איז אַריין אין האָראָדעץ. דער רוסישער מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיינע פּאָזיציעס, און האָט געברענט די טריט איידער ער איז צוריקגעגאַנגען, צו שטערן דעם שונא. אין האָראָדעץ איז געווען איינע פון די פּאָזיציעס וואו אַ געפערליכער שלאַכט איז אָבגעהאַלטן געוואָרן.

און דאָס איז געווען אין חודש פון פורעניות, אין חודש אב, דאָ האָבן די רוסן אונטערגעצונדן האָראָדעץ. און לויט ווי די באָבע שפרה ע"ה פלעגט דערציילן (זי און דער זיידע אהרן יאָסיל זיינען געווען די איינציגע אידן וועלכע זיינען פאַרבליבן אין האָראָדעץ אין דער צייט פון דעם אַריינקומען פון די דייטשן) האָבן די רוסן איניגע מאָל אָנגעצונדן דער שול — אָבער די שוהל האָט זיך ניט געלאָזט ברענען. און סוף־כל־סוף איז זי אַוועק מיט'ן רויך, און מיט איר צוזאַמען זיינען אויך אַוועק די פאַנטאַזיעס פון די אידן וועלכע האָבן דורות־לאַנג געשפּונען לעגענדעס אַרום דער מערקווירדיגער שול.

דער בית המדרש

פון מ. רובינשטיין

צום גרויס באַדויערען, האָבען מיר ניט קיין פאָטאָגראַפישען בילד פון בית־המדרש, וועלכער איז געבויט געוואָרען אין די זיבציגער יאָרען פון לעצטען יאָהרהונדערט*), און איז פאַרברענט געוואָרען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוגלייך מיט דער שול.

אויב מיר האָבען ניט קיין פאָטאָגראַפיע — וועל איך לכל־הפחות פּרובירען געבען אַ בילד פון אָט דעם בית־המדרש וואו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס לעבען פון דער האָראָדעצער קהלה פאַר צענדליגער יאָרען, אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער פונדאַמענט פון בית־המדרש איז געווען אַ הויכער. אַלע פיר ווענט פון בית-המדרש האָבען געהאַט גרויסע פענסטער, ווייס געפאַרבט. דער דאַך שפּיציג, פון אַלע פיר זייטען. פון פאָרנט, אין דאַך, זיינען געווען צוויי האַלבקיילעכדיגע פענסטערלאַך.

דער אַריינגאַנג אין דעם מענערשען בית־המדרש, אין צפון־זייט, אין פאָרענט פון דער גאַס, האָט געהאַט אַ גרויסע, הויכע פּלאַטפאָרמע מיט טרעפּ פון דריי זייטען. די טרעפּ האָבען אַרויפגעפירט צו טאָפּעלע טירען, וואָס זיינען געווען געשאַלעוועט דרייעקיג, און פאַרשטאַרקט מיט טשוועקעס, וועלכע זיינען ספּעציעל געמאַכט געוואָרען ביי אַ שמיד, וואָס האָבען אויסגעקוקט ווי קנעפּ. עפענענדיג די טירען איז מען אַריינגעקומען אין אַ פירהויז וועלכע האָט פאַרמאָגט פענסטער און בענק. און פון פירהויז האָט געפירט אַן אַריינגאַנג צום בית־המדרש. דער אַריינגאַנג האָט פאַרמאָגט אַ טאָפּעלע טיר.

אין אַריינגאַנג, אין אַ ווינקעל צו צפון־מערב זייט, נעבן דער טיר, איז געשטאַנען אַ האַנטפאַס, צו וואַשען די הענט.

ביי דער וואַנט פון דער טיר, דאָס איז אין דרום־זייט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק, איינע צום וואַנט, און די צווייטע אַנטקעגן מיט אַ פאַרענטשע. די וואַנט האָט געהאַט דריי פענסטער, וועלכע האָבען אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. איבער'ן טיש זיינען געהאַנגען צוויי פּראָסטע לאָמפּען.

ביי דער מזרח־וואַנט, אין מיטען איז געווען אַ פּלאַטפאָרמע, אַרומגענומען מיט שטאַכעטן. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געווען דער ארון־קודש, צו וועלכען מ'איז אַרויפגעקומען מיט אַ טרעפּעל פון פאָרענט.

---

*זע די דרשה וואָס דער אַלטער רב האָט געהאַלטען ביים חנוכת הבית (יהושע יעקב, „ישועות יעקב", ז. 82־86. וואַרשא, 1878).

צום רעכטען זייט פון טרעפּעל איז געשטאַנען דער עמוד. צום לינקען זייט פון טרעפּעל, ביים מזרח וואַנט איז געווען משה מרדכי'ס „שטאָט", וואו ס'זיינען געשטאַנען אַ ביינקעל און אַ סטענדער.

פון ביידע זייטען ארון-קודש זיינען געשטאַנען לאַנגע טישען מיט בענק פון ביידע זייטען, די בענק פון פאַרענט האָבען געהאַט פאַרענטשעס, און די בענק נעבען דער וואַנט זיינען געווען אָן פאַרענטשעס. דאָס איז געווען די מזרח-וואַנט, וואו דער רב און די „פּני" האָבען געהאַט זייערע „שטעט". די וואַנט צו צפון-זייט האָט געהאַט צוויי פענס־טער, וועלכע האָבען אַרויסגעקוקט צו פיניע דעם קצב'ס הויז. איבער די טישען זיינען געהאַנגען צו צוויי לאָמפּען אויף קייטען, וואָס ציען זיך אַרויף און אַראָפּ.

די וואַנט צו מערב-זייט האָט אויך געהאַט דריי פענס־טער, וואָס קוקען אַרויס צום שול, מיט אַ לאַנגען טיש מיט צוויי בענק פון ביידע זייטען, אַזוי ווי אין דרום-זייט. ביי דעם טיש זיינען געהאַנגען פּראָסטע לאָמפּען.

אין מיטען וואַנט אין דער הויך האָט געהאַנגען אַ לאַנגער וואַנט-זייגער, וועלכע משה מרדכי פלעגט אים אָנ־ציען אַלע פרייטאָג אויף זיין אייגענעם שטייגער, אום ער זאָל צולויפען אַ ביסעל, כדי מ'זאָל זיך שטעלען פריער דאַוונען . . .

ביים עק פון דער דאָזיקער וואַנט, צו דער ווייבער-שול, איז געשטאַנען אַ שאַפע מיט פאָליצעס און אויף דער שאַפע אין דער הויך, זיינען געווען נאָך פאָליצעס, וואו ס'זיינען געשטאַנען די גרויסע ספרים, ווי אַן אַלטער ש"ס און אַ נייער ש"ס, אויך משניות'ן, עין יעקב'ס, מדרשים און נאָך אַזוינע ספרים.

אין דער מערב-זייט, וואָס טיילט אָפּ דעם מענערשען בית-המדרש פון דעם ווייבערשען, זיינען אין מיטען געשטאַ־נען צוויי הויכע אויוועגס. זיי האָבען דערגרייכט כמעט צום סטעליע. צווישען ביידע אויוועגס איז געווען אַ טיר, דורך וועלכער מ'קען אַריינגיין אין ווייבערשען בית-המדרש.

אין איין זייט פון אויווען, צו דרום זייט, איז געווען אַ נידעריגע וואַנט, און איבער דער וואַנט, ביז צום סטעליע, זיינען געווען הילצערנע שטאַכעטען, כדי די פרויען זאָלען קענען הערען דעם חזן.

נעבען דער דאָזיגער וואַנט איז געשטאַנען אַ טישעל מיט אַ שופליאָד, וואו ס'זיינען געווען תהילים'ס. אויפ'ן טישעל איז געשטאַנען אַ שאַפע אָן טירעלאַך, מיט אַ סך פאָליצעס. דאָרטען זיינען געלעגען חומשים, „ספּארבעס" (עשרים-וארבע) און נאָך אַזעלכע ספרים.

ביים צווייטען אויווען, צו צפון-זייט, איז אויך געווען אַ וואַנט מיט שטאַכעטען, אַזוי ווי אין דרום-זייט. אויף דער דאָזיקער וואַנט פלעגט מען הייגנען די פאַלטעס.

נעבען די צוויי אויוועגס זיינען געשטאַנען טישען מיט בענק נאָר ביי די אויוועגס. איבער די טישען זיינען גע־האַנגען פּראָסטע לאָמפּען.

אין מיטען בית-המדרש איז געשטאַנען די בימה. פון דרום-זייט און פון צפון-זייט זיינען געווען טרעפּ. אין פאַרענט פון דער בימה, אין מזרח-זייט זיינען געווען בענק מיט סטענדערס. אויף דער בימה אַנטקעגען דעם ארון-קודש איז געשטאַנען אַ שולחן צום לייענען די תורה. אונטער דעם שולחן, אין דיל איז געווען אַ לאָך אויף אַריינשטעקען דאָרטען די „שמות".

אויף דער בימה, הינטער דעם שולחן, צום זייט פון דער ווייבערשער בית-המדרש, איז געשטאַנען אַ קאַסטען צו האַלטען וויין פאַר קידוש און הבדלה, אַ טס, אַ יד א. ד. ג.

אַנטקעגען דער בימה, צום ארון-קודש, זיינען געהאַנגען דריי בליי-לאָמפּען, אום עס זאָל זיין גענוג ליכטיק.

דער ווייבערשער בית-המדרש האָט געהאַט צוויי אַריינ־גאַנגען: איינער פון גאַס, פון מערב-זייט, מיט אַ סך טרעפּ, און דער צווייטער אַריינגאַנג פון מענערשען בית-המדרש, דאָס הייסט פון פיר-הויז פון מענערשען בית-המדרש.

פון מערב-זייט איז געווען אַ פירהייזל, פול מיט האָלץ אָנגעגרייט פאַר'ן ווינטער צו הייצען די אויוועגס. אויפ־עפענדיג די טיר, ביים דרום-זייט זיינען געווען דריי פענס־טער, וועלכע האָבען אויסגעקוקט צום שול. די מערב-וואַנט האָט אויסגעקוקט צום געסעל, וואו מ'פלעגט גיין צום שול. די צפון-וואַנט האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס און אין מזרח-וואַנט זיינען געווען די צוויי אויוועגס וועלכע האָבען אָפּגעטיילט דעם ווייבערשען בית-המדרש פון מענערשען.

דער ווייבערשער בית-המדרש איז געווען פיל מיט בענק און מיט קליינע פאַרענטשעס פון ביידע זייטען. און ביי די בענק זיינען געווען סטענדערס. יעדע פרוי האָט זיך געהאַט איר שטענדיקען „שטאָט" (אָרט), אַזוי ווי אין מענערשען בית־המדרש. ביים וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם בית־המדרש, זיינען געווען די „שטעט" פון דער רביצין און די אַנדערע געהויבענע פרויען.

די בית-המדרש דאַוונערס

פון הרב דר. יעקב באָסניאַק

דער גייסטיגער, און צו אַ געוויסער מאָס, דער סאָצי־אַלער לעבען פון שטעטעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין בית־המדרש, דורך דעם שבת'דיגען טאָג. די שענסטע און גייסט־רייכסטע שטונדען פון דעם הייליגען טאָג, זיינען געווען די פון בעפאָר מנחה, ווען דער עולם איז געקומען לערנען. אין אונזער בית-המדרש זיינען ניט געווען קיין סטענדערס — אחוץ אין עזרת נשים. נאָר צוויי מענטשען זיינען געזעסען איבער סטענדערס — דער רב און משה מרדכי דער בעל־קורא, וועלכער האָט געהאַט זיין „שטאָט" אין אַ ווינקעל, אויף דער לינקער זייט פון די טרעפּ וואָס האָבען געפירט צום ארון-קודש. אויף דער רעכטער זייט איז געשטאַנען דער עמוד פאַר'ן שליח ציבור. דער חלל פון בית-המדרש

איז געווען פאַרנומען מיט פיר לאַנגע טישען און בענק — צוויי ביי דעם מזרח וואַנט פוןביידע זייטען פון ארון־קודש, אַ דריטער ביי דעם דרום וואַנט, און אַ פירטער ביי דעם צפון וואַנט, מיט צוויי קירצערע טישען ביי די צוויי גרויסע ציגעלנע אויווענס, און דריי שמאָלע טישלעך פון פאָרנט פון דער בימה.

אַלע טישען זיינען געווען באַזעצט מיט מענטשען וועלכע האָבען געלערענט אָדער סתם אַזוי אַריינגעקוקט אין אַ ספר. אין איין ווינקעל האָט גדליה־יודל, דער קרעמער, געלערענט עין־יעקב מיט זיין אייגענאַרטיגען ניגון, מיט אַן עולם פון 20־30 מענטשען, וועלכע פלעגען זיצען אָדער שטיין אַרום אים, און צוהערען זיך צו יעדער וואָרט. אין אַ צווייטען ווינקעל איז שמעון'קע* — גדליה יודל'ס פאָטער — געשטאַנען איבער אַ גמרא, געגלעט די באָרד, און אומזיסט געמאַטערט זיך צו פאַרטיפען זיך אין אַ ענין. אָבער זיין זונ'ס ניגון פלעגט אים דערגרייכען, און אַ נחת'דיגער שמייכעל פלעגט זיך צושפרייטען אויף זיין פנים. ניט ווייט פון אים איז געזעסען זיין שכן שמואל דער שוסטער און שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן איבער אַ גרויסער גמרא. אָפטער פלעגט ער אויך שעפען נחת פון זיין זון משה, וואָס פלעגט אַמאָל קומען לערנען אַ בלאַט גמרא. אין אַנאַנדער ווינקעל זיינען געזעסען בערל־לייב דער קצב און עובדיה דער בעקער און געלערענט מדרש צוזאַמען פון איין ספר. סנדר דער מלמד פלעגט „זאָגען" דעם זוהר. אהרן, איטשע לייזער'ס, פלעגט לערנען משניות. דאָ און דאָרטען, ביי יעדען טיש האָבען אידען געלערענט: אייניגע האָבען געלערענט חומש מיט רש"י, אַנדערע פלעגען זאָגען תהלים מיט מעמדות, אָדער גאָר פּרק. עס איז ווירקליך געווען אַ גייסטיגער פאַרגעניגען פאַרברייננגען שבת אין בית־המדרש, די שטונדען פון פאַר מנחה.

גאַנץ אַנדערש פלעגט פּאַסירען אין דער שטונדע פאַר מעריב, בין השמשות, ווען עס איז געווען טונקעל־פינסטער, איידער דער שמש האָט אָנגעצונדען די לאָמפּען. אין יענער שטונדע פלעגען אַלע עלעמענטען פון שטעטעל זיך צוזאַמען קומען צו דאַוונען מעריב. דער גרעסטער טייל פון עולם פלעגט זאָגען תהלים, פּסוק ביי פּסוק. עס פלעגט דאַן הערשען אַן אַטמאָספערע פון באַגייסטערונג. אַ ביינקענדע שטימונג פון חשבון הנפש פלעגט אַרומכאַפּען יעדען מענטשען וואָס פלעגט נאָכזאָגען די פּסוקים פון „אשרי תמימי דרך". אָבער ניט אַלע אָנוועזענדע זיינען געווען אונטער דעם צויבער פון זאָגען תהלים מיטן אומעטיגען טראַדיציאָנאַלען ניגון. די יונגוואַרג פלעגט ווערען אומגעדולדיג וואַרטענדיג אויף די שטערען אין הימעל. אום צו פאַרווייַלען די צייט פלעגט מען זיך וואַרפען מיט „פּעקלאַך". שטילערהייט אין דער פינסטער פלעגט מען מאַכען אַ קנויל פון שווערען, נאַסען

האַנטוך, און עס וואַרפען אימיצען אין קאָפּ. דאָס איז אימער געווען דער אָנפאַנג פון קולות, געשרייען, קריגערייען, און ס'פלעגט ברייגגען אויך צו געשלעגען אין בית־המדרש.

נאָך עפּעס ערגער פלעגט אַמאָל פּאָרקומען שבת אין דער פרי ביי קריאת התורה. די אורזאַכע איז געווען משה־מרדכי, דער בעל קורא. דער איד איז געווען אַ זאָנדערבאַרער טיפּ. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז נאָר ער מוז זיין דער בעל־קורא, כאָטש דער גאַנצער עולם האָט אים ניט געוואָלט. ער פלעגט לייענען מיט גרויס התלהבות און דבקות, אָבער זיין קול איז געווען גאַנץ הייזעריק. עס פלעגט גרילצען אין די אויערען און איז ניט געווען אַנגענעם. מיט גוטענס און מיט בייזענס פלעגט זיך קהל בעטען ביי אים אַז ער זאָל צולאָזען אַן אַנדער בעל־קורא צום שלחן, אָבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. די אייביגע אידישע עקשנות האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם משה־מרדכי'ן. ניט איין מאָל האָט מען אים געוואָרפען אַ פּעקעל אין קאָפּ אין מיטען לייענען. ניט איין מאָל האָבען זיך מענטשען פאַרמאָסטען אים אַראָפּצוּוואַרפען פון דער בימה, אָבער זיי האָבען גאָר ניט אויסגעפירט. ער פלעגט זיך צובינדען מיט'ן גאַרטעל צום שלחן, וועלכער איז געווען איינגעבויט אין דער בימה, און מ'האָט אים ניט געקענט רירען פון אָרט. ניט איין מאָל איז ער צושלאָגען און צובלוטיגט געוואָרען, אָבער ער איז פאַרבליבען דער איינציגער און שטענדיגער בעל־קורא, אין בית־המדרש.

אויך צום עמוד פלעגט ער אָפט לויפען, געוואָלט נאָר דאַוונען ביי עמוד, אָבער מען האָט אים פון דעם אָפּגעהאַלטען. ווען מען פלעגט אים אָפט פרעגען: „ר' משה מרדכי', פאַר וואָס זייט איר אַזוי איינגעשפּאַרט?", פלעגט ער נאָכגעבען און שמייכלען. אָבער ווען עס פלעגט קומען דער מאָמענט פון קריאת התורה פלעגט ער אַלעס פאַרגעסען און טאָן זיינס. ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט באַהערשען.

נאָך אַ שוואַכקייט האָט משה מרדכי געהאַט — בלאָזען שופר. נאָר ער איז ראוי צו בלאָזען שופר, און ניט קיין אַנדערער. דער עולם מתפללים איז טאַקע געווען געגען זיין בלאָזען שופר — נאָר גיי קריג זיך מיט אים אין דעם הייליגען טאָג ראש־השנה, ווען ס'ציטערט אַ פיש אין וואַסער. משה מרדכי האָט טאַקע אויסגענוצט די געלעגענהייט, ווייל ער האָט געוואוסט אַז ראש־השנה וועט מען זיך מיט אים ניט קריגען, און מ'וועט אים ניט אַראָפּוואַרפען פון דער בימה.

נו, משה מרדכי האָט שוין אָפּגעזאָגט מיט זיין הייזעריקע שטימע דעם „למנצח", ער נעמט זיך צום שופר — אָבער ס'גייט ניט. באין ברירה הויבט ער אָן רופען: „נו, נו", ס'מיינט: העלפט מיר, זאָל אימיצער אַנדערש אַרויפגיין אויף דער בימה און בלאָזען. ס'נעמט ניט לאַנג, און סעדיה, אַ געזונטער יונגער איד מיט פּלייצעס גייט אַרויף אויף דער בימה, נעמט דעם שופר אין האַנט, לייגט אים צו צום ווינקעל פון דער רעכטער זייט פון מויל, און — תקיעה,

*מען פלעגט איהם אַזוי רופען ווייל ער איז געווען אַ קליינער דאַרער און לעבעדיגער אידעל.

שברים, תרועה. עס גייט אַ גאַנג. און דער עולם אָטעמט אָפּ פרייער, און איינער צום צווייטן זאָגט: „ניט ווער עס זאָגט למנצח —קאָן בלאָזן . . .״

אָט די ווערטער זיינען געוואָרן אַלס שפּריכוואָרט אין שטעטל אויף דעם וואָס טוט אַ האַלבע מלאכה . . .

דער בית־המדרש און זיינע אורחים

פון מ. ג. ק.

משולחים און מגידים

דער בית־מדרש איז ניט נאָר געווען אַ פּלאַץ וואו די שטעטלדיגע אידען פלעגען זיך אויסלעבען — נאָר ער איז אויך געווען אַן אָרט וואו אורחים פון דער גאַנצער וועלט פלעגען געפינען דאָרטען אַן אָרט צו פאַרזעצען זייער טע־טיקייט.

אמאָליגע יאָרען פלעגען האָראָדעצער בחורים זיצען אין בית־המדרש און לערנען. אויך פלעגען זיך דאָרטען געפינען אַ פּאָר פרעמדע בחורים, וואָס זייער גלוסט צו לערנען תורה איז געווען זייער גרויס — האָבען זיי אוועקגעלאָזען זייערע געבורטס־פלעצער און זיך געזעצט לערנען אין האָראָדעצער בית־המדרש.

צווישען די לערנער פלעגט מען אויך געפינען אַ פּאָר „פּרושים״, וועלכע האָבען פאַרלאָזען ווייב און קינדער, פּרנסה און עולם הזה — און זיך אוועקגעזעצט זיך לערנען לשמה.

אָט די אַלע פרעמדע האָבען געוואוסט אַז האָראָדעצער אידען וועלען זיי ניט פאַרלאָזען, אַז מ׳וועט זיי באַזאָרגען מיט „טעג״ און נאַכט־לעגער, און נאָך געבען זיי אַ פּאָר גראָשען אין קעשענע.

האָראָדעץ איז געווען אַ זאַמעל־פּונקט פון משולחים, מגידים און אָרימע לייט. די בירזשע איז געווען אין בית המדרש. כמעט יעדען טאָג פלעגט זאָגען אַן אַנדער מגיד. זיי פלעגען צוזינגען און זאָגען תורה, אָבער ניט אַלע האָבען געקענט צוציען דעם עולם. אייניגע פון זיי זיינען שוין געווען גוט באַוואוסט צו די האָראָדעצער, אַזש מ׳פלעגט זיי רופען מיט צונעמען, ווי „פּעכאָטנער״ מגיד א.ד.ג. איינער אַזאַ מגיד האָט געהאַט דעם צונאָמען „קעלבערנער״ מגיד. ער איז געווען אַ נידעריגער מיט אַ רויטליכען באָרד. ער פלעגט קומען אויף אַ ווינטערדיגען שבת. זיין „עולם״ איז געווען זייער אַ קליינער, אָבער אַ לייזיגער פלעגט ער ניט פאַרלאָזען דאָס שטעטל.

אויב דער מיטעלמעסיגער דרשן פלעגט האַלטען זיין דרשה אין מיטענוואָך — פלעגט מען שטעלען אַ טעלער ביים אַרויסגאַנג פון בית־המדרש, און יעדער איינער פלעגט אַריינ־וואַרפען אַ מטבע, לויט זיין מעגליכקייט.

אין געגעזאַץ, ווען ס׳פלעגט קומען אַ באַוואוסטער מגיד אָדער משולח דאַן פלעגען אַלע האָראָדעצער זיך צונויפזאַמ־לען אין בית־המדרש און זיך צוהערען צו דער דרשה. נאָך דער דרשה פלעגט מען שוין דעם מגיד באַזאָרגען מיט עסען און שלאָפען. עמיצער פלעגט אים איינלאַדען צו זיך, אָדער דער שמש פלעגט אים אַריינשיקען צו איינעם פון די בעלי־בתים. צוויי בעלי־בתים פלעגען אַרויסגיין איבער׳ן שטעט־טעל און אויפקלייבען נדבות פאַר אים אָדער פאַר דער ישיבה וואָס ער פאַרטרעט. אַזוי אַרום פלעגט ער מאַכען מער געלט. אָבער אויב זיין דרשה איז ניט געווען קיין ער־פאָלג, אָדער אויב ער האָט גאָר קיין דרשה ניט געהאַלטען, האָט מען אים צוגעגעבען אַ מענשען, ער זאָל גיין מיט אים. אַ מגיד, אַ משולח, אָדער אַזוי אַ חשוב׳ן אורח פלעגט מען ניט לאָזען גיין אַליין איבער די הייזער, נאָר מען פלעגט אים געבען אַ באַגלייטער. דאָס האָט געהייסען מער בכבוד׳יג, און אַזוי אַרום פלעגען זיי קריגען גרעסערע נדבות.

דער קאָוונער משולח

איינער פון די חשוב׳ע משולחים וואָס פלעגען קומען קיין האָראָדעץ, איז געווען אַ משולח פון קאָוונע. ער איז געווען געקליידעט אַזוי ווי אַ חסידישער רבי און געטראָגען אַ שטריימעל. אין האָראָדעץ האָט ער געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ צדיק, אַ בעל מופת. ווען ער פלעגט קומען, פלעגט אין שטעטעל זיין אַ גאַנצער יום טוב. די רייכסטע בעלי בתים אין שטעטעל פלעגען אים וועלען האָבען ביי זיך אין הויז צו נעכטיגען און עסען. וועמ׳ס עס האָט אים געקראָגען, האָט געהאַט אַ זכיה און האָט זיך געפילט גליקליך. פאַר אים פלעגען גיין צוויי פון די שענסטע בעלי בתים אויפצוקלייבען די יערליכע נדבות פאַר זיין אנשטאַלט

ביי טאָג פלעגט ער מערסטענטייל זיין ביים רב אין הויז. אַלע פון שטעטעל פלעגען קומען אים געבען שלום. מען פלעגט קומען מיט די קינדער ער זאָל זיי בענטשען. ווייבער פלעגען קומען נאָך ברכות, די הויז איז געווען פול מיט מענשען, די גאַנצע צייט פון זיין געפינען זיך אין שטעטעל.

ער איז געווען אַ קלוגער איד און פלעגט זיין ריידען צופּוצען מיט תורה ווערטלאַך.

די דריי ישיבה בחורים

אַרום 1900 האָבען זיך אין האָראָדעצער בית־המדרש אויפגעהאַלטען דריי ישיבה בחורים. ניט אין איין צייט זיינען זיי געווען. איינער איז אַוועק געפאָרען — איז דער צווייטער געקומען. דערנאָך איז געקומען דער דריטער. זיי זיינען געזעסען גאַנצע טעג אַליין, און געלערנט גמרא. גע־ענדיגט איין מסכתא האָבען זיי אָנגעהויבען אַ צווייטען מסכתא, און אַזוי ווייטער. זיי האָבען ניט געגעסען „טעג״ נאָר האָראָדעצער ווייבער פלעגען זיי באַזאָרגען מיט אַלעם. זיי פלעגען זיי ברענגען צו עסען אין בית־המדרש פון דאָס בעסטע. מען האָט זיי געהאַלטען אַזוי ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זיי זיינען געווען גרויסע לומדים. צו דעם אויך קלוגע, און

האָבען פאַרשטאַנען ווי צו האַנדלען מיט זייערע באַזאָרגער. זיי זיינען געווען מער ווייניגער וועלטליך. ווען זיי האָבען אַם ענדע, חתונה געהאַט, האָבען זיי פאַרלאָזען דאָס שטעטעל.

אַם אינטערעסאַנטסטען איז געווען דער דריטער און לעצטער ישיבה בחור. ער איז געווען אַ מאָדנער טיפּ. געווען אין גאַנצען אַרויסגעטאָן פון עולם הזה. ער האָט געמאַכט דעם בית־המדרש פאַר זיין היים. דאָרט האָט ער געלערענט, דאָרטען איז ער אויך געשלאָפען. אָבער ער האָט זייער וויניג געשלאָפען. נאָר שטענדיג געהאַלטען אין איין לערנען. מערסטענס פלעגט ער ריידען לשון קודש. רעדלאָך פלעגען שטיין אַרום אים און זיך איינהערען צו זיינע רייד, וואָס ער פלעגט ריידען וועגען לערנען. ער איז געווען גאַנץ קלאָר אין ש״ס. ער האָט געלערענט זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים.

פאַר די וויבער איז שוין געווען ארבעט, און מען פלעגט אים בריינגען עסען פון דאָס בעסט, אָבער ניט אַלעס פלעגט ער עסען. ער איז געווען אַ וועגעטעריאַנער. ער האָט ניט געגעסען קיין פלייש.

מערסטענס האָט ער ליב געהאַט קיכלאָך. האָבען די וויבער אים געבראַכט די בעסטע קיכלאָך. האָט ער געוואָלט קיכלאָך אָן צוקער — האָבען זיי אים געבראַכט קיכלאָך אָן צוקער. בייטאָג פלעגט ער זיך דורכגיין, קומען צוריק אין בית־המדרש, און זעצען זיך לערנען. לאַנג איז ער אין האַ־ראָדעץ ניט געווען. ער איז אַוועקגעפאָרען און מער קיין ישיבה בחורים זיינען שוין ניט געקומען.

אַ „שבתי־צבי׳ניק"

דאָס איז געווען דעם ווינטער פון 1912. עס איז אַרויס־געגאַנגען אַ קלאַנג אַז אין בית־המדרש געפינט זיך אַ מאָדנער איד: אַ גאַנצע וואָך עסט ער גאָר ניט, אויסער געבראָטענע קאַרטאָפּעל וואָס ער בראָט אָפּ אין בית־מדרש אויוון. און ווען ס׳קומט שבת — ווערט ביי אים שבת ניט ווי ביי אַלע אידען, פרייטיק פאַר נאַכט, נאָר ער איז מקבל שבת פרייטיק־צו־נאַכט, אַרום 12 אַזייגער. און די שבת׳דיגע סעודה איז ביי אים גאַנץ אַנדערש ווי ביי אַלע אידען: צוועלף חלות, צוועלף שטיקלאָך פיש און מאכלים וואָס האָראָדעצער אידען זיינען ניט געוואוינט צו עסען.

ס׳האָבען זיך געפונען אַנדערע וועלכע זיי פלעגען צו־שטעלען דעם מאָדנעם אידען מיט די אַלע „פּאַטראַוועס". און אויך פיינע בעלי־בתים, ווי זיידל דער קצב און חיים ראַסל׳ס פלעגען זיך פאָרען אַרום דעם אידען.

כ׳קען ניט זאָגען אַז אַלע האָראָדעצער אידען זיינען געווען איינשטימיג מיט די אויסטערלישע מנהגים פון דעם אידען. אַנדערע האָבען גאָר געהאַלטען אַז ער איז אַ „שבתי־צבי׳ניק" און מ׳דאַרף אים אַרויסטרייבען פון בית־המדרש, און מ׳טאָר אים ניט נאָכגעבען אַלע זיינע משוגעת׳ן.

די אַנדערשקייט פון דעם איד האָט מיר פאַראינטערע־סירט. און איינמאָל, אַ שבת נאָכ׳ן עסען, בין איך אַוועק־געגאַנגען אין בית־מדרש זען דעם מאָדנעם אידען.

כ׳האָב פאַר זיך געזען אַ מיטעל־וואוקסיגען אידען, אַ גאַנץ פעטליכער מיט אַ שוואַרצע באָרד איינגעוויקעלט אין אַ טלית, און אַלע מאָל לויפט ער צו דער שאַפע־ספרים, נעמט אַרויס אַ גמרא, אַ משניות, אַ מדרש אָדער אַ קבלה־ספר, מישט אויף יעדען שטעל וואו ס׳רעדט זיך וועגען שבת, גיט אַ ברומקע — און שטעלט צוריק אַוועק אין שאַפע.

דער עולם האָט זיך שוין צונויפגעקומען דאַווענען מנחה. ער גייט אַרויף אויף דער בימה און האַלט אַ דרשה אין — לשון קודש. אייניגע אידען שרייען: „אַרונטער שבתי־צבי׳ניק"! אַנדערע זאָגען: "זאָל ער רעדען". און דער איד רעדט אַזוי ווי ניט אים מיינט מען. דער עולם שטעלט אָן אויגן און אויערען — אָבער מ׳פאַרשטייט ניט קיין וואָרט. עפּעס אַ מאָדנעם לשון־קודש רעדט דער מאָדנער איד. ער האָט אָפּגערעדט, אַרונטער פון בימה, געמאַכט קידוש און ווייטער געדאַוונט, און ווייטער געלערענט.

ס׳איז שוין געווען נאָך הבדלה און דער מאָדנער איד איז נאָך אָנגעטאָן אין זיין טלית אַזוי ווי ער וויל זיך ניט שיידען פון טלית און פון שבת. ביי אים איז נאָך אַלץ שבת. דער עולם פאַרויכערט שוין, ווער אַ פּאַפּיראָס, ווער אַ ליולקע — אָבער דער איד טוט זיינס. ביי אים איז נאָך שבת. פאַרוואָס טוט ער אַזוי? פאַרוואָס איז ער זיך פורש מן הצבור? ווער וועט עס אים גיין פרעגען? און אפילו ווען מ׳וואָלט אים געפרעגט, וועט ער פאַרשטיין אידיש? און אויב אפילו ער וועט פאַרשטיין וואָס מ׳רעדט צו אים — וועט דער פרעגער פרשטיין דעם ענטפער? ער רעדט דאָך עפּעס אַ לשון־קודש וואָס קיינער פאַרשטייט ניט!

בלייבט אַז מ׳זאָל קוקען און שווייגען. אָבער ביז ווי לאַנג קען מען זיצען אין בית־מדרש אָן וועטשערע (אָוונט־ברויט)? און וואָס איז טאַקע מכח שלאָפען? איז עס אַ פּלאַן כ׳זאָל שלאָפען אין בית־המדרש אויפן הארטען באַנק?

כהאָב באַשלאָסען, כ׳וועל גיין אַ היים, און מאָרגען אין דער פרי וועל איך צוריקקומען אין בית־המדרש זעהן ווען ס׳ווערט אויס שבת ביי דעם „שבתי־צבי׳ניק".

זונטאַג אין דער פרי — איך בין דאַ. דער עולם האָט שוין אָפּגעדאַוונט, שוין אויסגעטאָן די תפלין און געגאַנגען אַהיים צום טאָג־טעגליכען לעבען — און דער „שבתי־צבי־ניק" האַלט נאָך ביים מעריב פון מוצאי־שבת. דער איד האָט צייט, צו וואָס זיך איילען. גאָט צו דאַנקען, ער האָט שוין געענדיגט מעריב. עס איז שוין אַ זייגער צוועלף בייטאָג, ער האַלט שוין ביי הבדלה.

און איך בין געווען דער „גליקליכער". איך האָב גע־האַלטען די גרויסע „הבדלה" ליכט איבער וועלכער דער „שבתי־צבי׳ניק" האָט געמאַכט הבדלה.

אַזוי האָט דער מאָדנער איד געפּראַוועט זיינע שטיק אַ פּאָר וואָכען אין האָראָדעץ — ביז וואַנען ער האָט איר פאַרלאָזען.

ס׳איז כדאי זיך פאַרטראַכטען אין דעם דאָזיקען איד, אפשר זיינען פאַראַן נאָך אַזעלכע אידען אויף דער וועלט.

דאָס סטאָלינער שטיבל

פון ישראל זוסמאַן

די סטאָלינער־קאַרלינער חסידים האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דעם לעבן פון האראדעץ. הגם זיי האָבן נאָר באַטראָפן אומגעפער אַרום אַ פערטל פון דער אידישער באַפעלקערונג, דאָך האָבן זיי געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָליע, סיי אין קולטורעלן לעבן, און סיי אין געזעלשאַפטליכן. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז צו זיי האָבען באַלאַנגט אַרום אַ העלפט פון אַלע האָראָדעצער מלמדים, דער סטאַראָסטע, דער קאַזיאָנער ראַבינער — און סתם שיינע בעלי־בתים.

דאָס סטאָלינער שטיבל האָט פאַרמאָגט זעהר גרויסע למדנים, ווי יאַנקל דער חסיד, אליהו יאַנקל דער שוחט, ישראל לייב דער מלמד. שעפּע, יהודה עוזר און אין שפּעטערדיגע יאָרן זיינען געווען זייער אָנגעזען ר׳ שלום איציק׳ס, אשר דוד דער שוחט און אַנדערע.

דאָס שטיבל איז געווען פאַררוקט הינטער מאַטיע הלל׳ס הויז. און כדי צוצוקומען צו איר האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ שמאָלע געסל, צווישען מאַטיע הלל׳ס הויז און חנה פעלטע׳ס און שפּעטער־צו חוה אהרן יאָסל׳ס הויז. און כאָטש דאָס שטיבל איז געווען אָן אַ זייט — דאָך האָט זי פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די האָראָדעצער בתי־מדרשים.

און אין שטיבל גופא איז געווען לעבעדיג, פריילין. דאָ האָט מען געלערנט אַ בלאַט גמרא,, דאָ האָט מען געלערנט אַ פּרק משניות אָדער גאָר דערציילט מעשיות פון רביים, און ספּעציעל פון דער קאַרלינער דינאַסטיע, וואָס שטאַמט פון ר׳ אהרן הגדול, איינער פון מעזעריטשער׳ס תלמידים.

זעהר אויפגעלייגט פלעגן ווערן די חסידים אַ פּאָר וואָכן פאַר ראש השנה. מ׳פלעגט זיך צונויפנעמען עטליכע חסידים און דינגען אַ פור צו פאָרן קיין סטאָלין אויף ימים נוראים, וועלכע האָט אויסגעמאַכט צו דריי אָדער פיר רובל אַ פּערזאָן. דאָס איז געווען איידער די אייזנבאַן ליניע איז געמאַכט געוואָרן, און אין יענער צייט איז אַ דריי־פיר רובל געווען אַ שיינע מטבע. אַנדערע חסידים, ווי ראובן מאיר דער סטאָליער, האָט געהאַלטן פון דער מצוה „עולה רגל" זיין, און ער פלעגט גיין ממש צופוס קיין סטאָלין. אמת, טאַקע, עס האָט אים גענומען אַ צוויי וואָכן, אָבער ער האָט געפילט דעם טעם פון „עולה רגל" זיין קיין ירושלים, און דאַוונענדיג אין רבי׳נס שול האָט מען געפילט ווי מ׳איז אין בית־המקדש, און ר׳ אהרן זצ"ל[1]), דערנאָך ר׳ אשר[2]), אָדער דער „ינוקא"[3]), איז דער כהן גדול.

מ׳איז געפאָרן קיין סטאָלין זיך אָננעמען מיט קדושה און משפיע זיין אויף די אַרומיגע. און די גרויסע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף די קליינע, וועלכע זיינען צוגעבונדן געוואָרן צום שטייגער־לעבן פון די קאַרלינער חסידים.

ספּעציעל האָט זיך דאָס געמערקט אַ יום־טוב, אַ הילולא, ווען די חסידישע קינדער האָבן אָנטייל גענומען צו־גלייך מיט די גרויסע. זיי האָבען געטאַנצט צוזאַמען מיט די טאַטעס און זיידעס און געגעסן מיט זיי ביים טיש.

ר׳ ישראל ז"ל (דער „סטאָלינער רבי")
און פאַקסימיליע פון זיין אונטערשריפט

זעהר אָנזעהענד איז געווען די לעבהאַפטיגקייט צווישן די חסידי׳שע קינדער ווען ר׳ אהרנ׳ס הילולא פלעגט געפּראַוועט ווערן. די אינגלעך פלעגן מאַכן ליימענע לייכטערלעך און אָנצינדען 256 ליכטלעך, בגימטריא „אהרן".

---

1)רבי אהרן, אָדער ווי מיהאָט אים גערופען דער „אַלטער רבי", איז נפטר געוואָרן י"ז סיון, תרל"ב.

2) ר׳ אשר, דער „יונגער רבי", איז נפטר געוואָרען ט"ז אב, תרל"ג. אַ טייל פון זיין תורה איז געדרוקט אין זיין פאָטער׳ס ספר „בית אהרן", בראד, תרל"ה

3) דער „ינוקא", ר׳ ישראל, איז נפטר געוואָרען ב׳ דר"ה תרפ"ב.

אינגיכן וועט ארויסגיין אַ העברעאישע מאנאגראפיע וועגן „ינוקא" פון ע. בן־עזרא. **רעדאַקציע.**

די קינדער פלעגט מען אויך מחנך זיין ביי אנדערע געלעגענהייטן. אט זיצט מען אחרון של פסח ביים טיש, מ'באגלייט דעם פסח. יאנקל כאדלינער הויבט אן דעם באַוואוסטן קארלינער „והיא שעמדה".

מ'איז מכבד יעדן איינעם מיט „אדיר במלוכה", און אויך די קינדער ווערן צוגעטיילט.

***

זייער איינדרוקספול איז געווען יום־כיפור. מ'פלעגט אויסשפרייטן דעם דיל מיט שטרוי אדער היי און די ערלעכע אידן פלעגן זיצן א גאנצע נאכט אין זייערע ווייסע שקארפעטן.

משה כאנטשע'ס האט געהאט א חזקה צו דאווענען ימים־נוראים שחריתים, און אויך אויף זיינע יערליכע גרייזן, ווי „שעוה" (וואקס) אנשטאט „שועה" (געשריי), „יוחקו" פלעגט ער פארבייטן אויף „יורקע" . . . איציקל האט געהאט א חזקה צו זינגען דעם „היום" נאכ'ן „ונתנה תוקף" מיט דער הילף פון זיינע קינדער: ישראל, יודל און ניאמקע.

„והיא שעמדה".

(זמר ל„סדר" של פסח).



דאס איז אן אלטער קארלינער ניגון, אין וועלכן די קארלינער חסידים זינגען נאך היינט „והיא שעמדה"

דאָס איז געווען אַ ניגון וואָס איציקל האָט געבראַכט פון סטאָלין. ער האָט עס אַליין געהערט פון יאַנקל טעלעכאַנער, דער הויף־קאָמפּאָזיטאָר פון סטאָלין.

צום שענסטן האָט מען אָבער געפּראַוועט ביי די סטאָלינער חסידים „שמחת בית השואבה", די פיר אָוועטעז פון סכות'דיגן חול המועד. מ'פלעגט זיך צונויפקומען נאָך וועטשערע אין שטיבל, מאַכן אַ לחיים און עסן פּרוכט וואָס יעדער חסיד פלעגט ברענגען. מיט עסן פּרוכט האָט מען זיך זיך נישט באַנוגנט. מ'פלעגט זינגען און טאַנצן — אָבער טאַקע דעם אמת'ן ריקוד'ל . . . און שמעון אייזיק האָט אַקאָמפּאַנירט אויף דעם פּייקל. יאַנקל כאַדלינער מיט זיין הדרת פנים, איז געגאַנגען אַפריהער מיט אַ מיושב'דיגן ריקוד'ל, און אפילו דער כלומרשט שטייפער מאטיע הלל'ס האָט אויך צוגעברומט צום טאַקט — און ס'איז געווען „ליהודים" ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, און די סטאָלינער „שמחת בית השואבה" האָט געהאַט אַ גרויסן און פאַרדינטן נאָמען.

שמחת בית השואבה איז געווען ווי אַ פאָרשפּיל צו שמחת תורה, וואו צו הקפות האָט מען זיך ערשט פונאַנדערגעטאַנצט און פונאַנדערגעזונגען. מ'איז געקומען דאָס זען פון דער גאַנצער שטעטל, — און דאָס איז געווען דער איינציגער פאַל אין יאָר ווען די טירן זיינען געווען ברייט אָפן אפילו פאַר פרויען און מיידלעך. מ'פלעגט קומען זען מיט וועלכער התלהבות סטאָלינער חסידים טאַנצן און זינגען לכבוד שמחת תורה.

אויף מאָרגן נאָכ'ן דאַווענען און נאָך די הקפות פלעגט מען גיין אויף קידוש פון איין חסיד צום אַנדערן, און ניט סתם „גיין", מ'פלעגט גיין טאַנצענדיג, און ביז מ'איז פאַרטיג געוואָרן מיט'ן לעצטן קידוש האָט מען שוין געדאַרפט דאַווענען מנחה . . .

***

שבת פאַר'ן דאַוונען איז יעדערער פאַרנומען. אָט זיצט ביים פענסטער, צפונית מזרחית, איטשע בנימינ'ס, אָדער ווי מען האָט אים גערופען „איטשע דער גייער", ווייל ער פלעגט גיין מיט'ן פּאַק איבער די דערפער פאַרקויפען די גוי'עס נאָדלען, פאָדעם, פאַטשיילקעס און אַנדערע קליינע זאַכען.

איבער'ן טיש, אַנטקעגען אים, זיצט זיין זוהן יעקב און לערנט מיט אים משלי מיט'ן מלבי"ם. איטשע בנימינ'ס איז פאַרקאָכט אין מלבי"ם. אין מלבי"ם געפינט ער אַלע טעמים אַז ער צעזינגט זיך מיט'ן מלבי"ם — פשוט באַלעקט ער זיך, אַזוי ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון אַ זיסע זאַך. אַלע פירושים זיינען ביי אים ווי גאָרנישט אַנטקעגען דעם מלבי"ם. און אַז יעקב'ס קינדער וואַקסען אויף — פאַרנעמען זיי דעם אָרט פון זייער פאָטער, און אויך זיי שאָקלען זיך איבער'ן משלי מיט'ן מלבי"ם.

אָבער איידער איטשע בנימין לערנט די אייניקלעך משלי — לערנט ער מיט שמחה יודל'ען משניות, און אגב־אורחא דערציילט „איטשע דער גייער" מעשיות פון זיינע דערפאַרונגען אַלס גייער און זיינע העלדענטאַטן פון אַמאָל.

„איינמאָל — דערציילט ער — קום איך אריין אין אַ קרעטשמע, זע איך ווי דער מלמד לערנט מיט די קינדער דעם ביאור. ווען דער עולם איז אַנטשלאָפן געוואָרן האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט פון געלעגער, צוגעגאַנגען צום טיש וואו דער ביאור איז געלעגן און אים אריינגעוואָרפן אין ראשקע"...

און אָט זיצט ביים אויווען חיים לייב, אַ געוועזענער „גביר", זיצט און לערנט חומש מיט רש"י, און אַלעמאָל פילט ער אָן זיינע נאָזלעכער מיט טאַבאַק און לערנט ווייטער.

חיים לייב איז אַ איד אַ כעסן. מאַכט מען חיים לייב'ן אַ באַמערקונג, אַז זיין פשט אין רש"י איז ניט ריכטיג צו־כעס'ט ער זיך, אַזוי ווי חס וחלילה מ'האָט אים כ'ווייס־ניט־וואָס געטאָן. און אַז מ'זאָגט אים: אַנטשולדיגט ר' חיים לייב, מ'דאַרף זאָגן „יוצר המאורות" און ניט „יוצר המיורות" — צושרייט ער זיך: „אַוועק, דו שייגעץ יונגאַטש"!

אויבן־אָן, נעבן פענסטער, מזרחית־דרומית, זיצט ר' שלום איציק'ס און האַלט אַ גמרא. דאָס לערנט ער פאַר זיין אייגענער הנאה. אַ גאַנצע וואָך לערנט ער פאַר'ן עולם עין־יעקב, צווישן מנחה און מעריב. אָבער שבת פאַר'ן דאַוונען וויל ער זיך אַליין מתייחד זיין מיט דער גמרא און פאַרברענגען מיט רש"י, תוספות און מהרש"א.

צו שלש־סעודות זיצט מען ביים לאַנגען טיש, ביי דעם צפון'דיגן וואַנט; אויפ'ן טיש אַ שטיקעל חלה, אַ ווידעל פון אַ הערינג, מ'איז טועם, מ'דערציילט אַ מופת און מ'פאַרבייסט מיט אַ קאַרלינעם האַלב אומעטיגען־האַלב־פרייליכען ניגון. עס איז שוין גוט פינסטער, און דער עולם וויל זיך ניט שיידען מיט דער שבת המלכה. אָבער, מ'דאַרף גיין אין קראָם אָדער צו אַן אַנדער פרנסה. מ'דאַוונט מעריב און מ'באַגלייט דעם שבת מיט געזאַנג און אַקאָמפּאַנירט פון שמעון אייזיק'ן מיט דעם פּייקל.

און מיט שווערע געמיטער אַז מאָרגען איז שוין זונטאָג, מ'איז שוין ניט קיין בן־מלך און מ'דאַרף ווייטער זאָרגען וועגן מאָרגען — צוגייט מען זך אַ היים.

און מערקווירדיג ווי קאַרלינער חסידים ווערן צוריק לעבעדיג, זיי קריגן די נשמה יתירה אפילו אין מיטענוואָך, ווען דער רבי האַלט אין קומען. אזוי האָט טאַקע געטראָפן ווען ר' ישראל, דער „ינוקא", איז געקומען אין אַ פּשוט'ן דאָנערשטאַג קיין האָראַדעץ. די וואָכעדיגקייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און אַ יום־טוב'דיגקייט האָט אַרומגענומען די סטאָלינער חסידים אין זייער שטיבל, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפרייט מיט'ן רבי'ן, וואָס האָט זיי באַערט מיט אַ וויזיט. ווייל ר' ישראל האָט זיך ניט געפירט ווי אַ רבי וואָס קומט אַלע יאָר צו זיינע חסידים, זאָגט

תורה און איז מאריך אין דאוונען. פאַרקערט, זיין „שמונה־עשרה" איז געווען די קירצסטע. ער האָט זיך געפירט ווי אַ סוחר, געווען אָנגעטאָן ווי אַ סוחר, און וואו־ניט־וואו זיך צושריען אויף רוסיש, מעשה רוסישער סוחר.

* *
*

געלעבט האָבן די סטאָלינער חסידים אין אחדות, איי־בערגעגעבן איינער צום צווייטן, שטענדיג געווען גרייט מיט אַ טובה פאַר דעם אַנדערן, שטענדיג פול מיט התלהבות און מיט גוטסקייט צו מענשן. אַז ס'איז געווען ביטער אויפ'ן האַרצן — האָט מען גענומען אַ לעק בראָנפן און פאַרביסן מיט בטחון; און אַז ס'האָט צופיל געדריקט דער וועלט־שמערץ האָט מען פאַרצויגן אַ ניגון און אוועק אַ ריקוד'ל...

חסידים טאַנצען

געצייכענט ספּעציעל פאַרן בוך „האָראָדעץ"
פון דבורה זוסמאַן, ישראלים טאָכטער.

(די צייכנונג האָט געוואונען דעם צווייטען פרייז אויף דער „סקאָלאַסטיק" אויסשטעלונג)

דאָס קאָברינער שטיבל

פון שלמה פּאָדאָלעווסקי

דער חסידיזם אין האָראָדעץ איז געווען אַנדערש ווי אין די אַרומיקע שטעטלעך. דער חסידיזם האָט נישט געשלאָגען קיין שטאַרקע וואָרצלען אין אונזער געגענד. אין די מערסטע שטעטלעך זיינען גאָר קיין חסידים ניט געווען, און אויב זיי זיינען שוין יאָ געווען זיינען דאָרט געווען נאָר מנינים. אייגענע שטיבלעך ווי אין האָראָדעץ האָבן זיי ניט פאַרמאָגט..

האָראָדעץ איז ניט קוקענדיג וואָס זי איז געווען קלענער ווי די אַנדערע שטעטלעך, איז אַ חוץ אַ שוהל און א בית-המדרש, האָט זי געהאַט צוויי חסידים שטיבלעך, אַ סטאָלינער און אַ קאָברינער. די סטאָלינער חסידים זיינען מערסטענס געווען די פּני פון שטעטל, ווי קאַרלינסקי און אַנדערע. און די קאָברינער חסידים זיינען באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות, קצבים, אַ פּאָר קרעמער און אַ פּאָר מלמדים.

ביז מיט איינינגע יאָהר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי ניט געהאַט זייער אייגען שטיבעל נאָר גערדאַווענט אין פּריוואַטע הייזער. גאָר אַמאָל האָבן זיי גערדאַווענט אין הויז פון פּיניע דעם קצב, אויף יענער זייט בריק, שפּעטער האָבן זיי גערדאַווענט פאַר אַ לאַנגע צייט ביי יצחק אהרנ׳ען, נעבען טייך, און שפּעטער, האָבן זיי אָפּגעקויפט דאָס הויז וואָס בנימין דער רופא האָט געבויט פאַר זיין טאָכטער פּערל, אַנטקעגען דעם רב׳ס הויז, און געמאַכט אַ שטיבעל צום דאַווענען.

עס געדענקט זיך נאָך די פרייד ווען די קאָברינער חסידים האָבן געמאַכט דעם חנוכת־הבית. דאָס איז געווען פּורים, 1910. דאַן איז אויסגעפאַלען פּורים אום פרייטאָג און אין שטעטעל איז גראַד דאַן געווען אַ זוהן פון משה דעם קלעזמער פון קאָברין, אויך אַ קלעזמער. דער עולם האָט אַריינגעמאַרשירט אין שטיבעל באַגלייט פון געזאַנג און פלייט. יונג און אַלט האָבן זיך געפרייט אַז סוף־כל-סוף וועלען די קאָברינער חסידים זיין מיט לייטען גלייך, און ניט זיין אין דירה ביי יענעם, טאַקע אָן געצאָלט — אָבער דאָך ביי יענעם.

דורך ווערען איינגענע בעלי־בתים זיינען די קאָברינער חסידים געוואָרען ביי זיך שטאָלצער, געהויבענער, און אויפגעהויבען דעם קאָפּ. ווייל די קאָברינער דינאַסטיע איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע, אינגאַנצען אַ יאָר 75.(*

די קאָברינער רביים האָבן ניט געהאַט קיין סך חסידים, און זייער שטייגער פון לעבען איז געווען זייער פּשוט און באַשיידען. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטאַלען מיט פערד און פּאַלאַצען. דער „הויף" פון רבי דוד, דער דריטער דור, איז געווען א קליין מויערעל אין קאָברין אויף ראַטנער גאָס, און האָט זיך גאָרניט אונטערשיידט פון די אַנדערע בעלי־בתישע מויערען. דערפאַר איז די אינערליכע פיהרונג פון דער קאָברינער דינאַסטיע געווען גאַנץ אַנדערש פון די אַנדערע חסידישע דינאַסטיעס, ספּעציעל אין זייער אַרט דאַוונען,, ווי איינער קען ניט כאַפּען דעם אָטעם.



ר׳ דוד שלמה ז״ל (דער „קאָברינער רבי")

אַלע יאָהר נאָך סוכות, פלעגט דער רבי אַרויספאָהרען איבער די שטעטלאך וואו ער האָט געהאַט זיינע חסידים. אין האָראָדעץ פלעגט ער דאָס רוב קומען אויף שבת פרשה ויצא.

דער רבי איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסען, מיט ווייסע זאָקען און אַ ווייסען שלאָפראָק, און אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ. דער פּנים איידעל, ווייס, מיט אַ לאַנגער רויטלעכער באָרד,

---

*) דער גרינדער פון דער קאָברינער חסידות איז געווען ר׳ משה זצ״ל. ער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מרדכי לעכעוויטשער. ר׳ משה איז געווען רבי 26 יאָהר. ער איז נפטר געוואָרען כ״ח ניסן, תרי״ח. זיינע חסידישע געדאַנקען געפינען זיך אין זיין ספר „אמרות טהורות". זע אויך מ. בובער, אור הגנוז, ז. 462־447. ירושלים, תש״ז.

נאָך זיין פטירה איז געווען רבי זיין אייניקעל, רבי נח נפתלי, זיינע תורה ווערטער געפינען זיך אין ספר „אמרות טהורות". ער איז נפטר געוואָרען כ״ו מנ״א, תרמ״ט.

זיין זוהן ר׳ דוד שלמה האָט פאַרנומען זיין פלאַץ. ער איז נפטר געוואָרען י״א חשון, תרע״ט. **רעד.**

6354

ערטערווייז גרוי. צו קבלת שבת און מעריב פלעגען איניגע חסידים אויף גיך אָפּעסען די שבת'דיגע וועטשערע און קומען צוריק אין שטיבעל ווען דער רבי פלעגט ערשט אָנהויבען פראַווען דעם טיש. פון נאָך מעריב אָן פלעגט דער רבי זיצען פאַרמאַכט אין אַ צימער און לערנען. שפּעטער ווען דער עולם חסידים פלעגט זיך צונויפקלייבען, פלעגט ער אַרויסגיין, און גיין גלייך צום טיש און דער עולם פלעגט זיך אויפשטעלען.

דער שמש און צוגלייך דער גבאי, אַ נידריגער איד מיט אַ שוואַרצע באָרד, פלעגט אים דערלאַנגען די קוואָרט מיט וואַסער און דער רבי פלעגט וואַשען די הענט און באַלד אָנהויבען זאָגען „אתקינו סעודתא" מיט די חסידים וועלכע זיינען ניט געגאַנגען אַ היים עסען. מען פלעגט זאָגען מיט היץ, מיט ברען. שפּעטער פלעגט זיך דער רבי וואַשען, זאָגען „שאו ידיכם" און מאַכען קידוש. נאָך יעדען געריכט פלעגען די חסידים כאַפּען שיריים. ספּעציעל פלעגט זיך אויסצייכנען מיט'ן כאַפּען די שיריים די קינדער פון אהרן לייב, דעם מאַלער, נח מיט אייזיק'ען. עס שטייט נאָך פאַר מיינע אויגען ווי אייזיק אהרן לייב'ס מיט אַ פולע האַנד לאָקשען קוגעל וואָס ער האָט געכאַפּט, עסט פון הויפען און זינגט.

שבת אין דער פרי צום דאַווענען פלעגט דער רבי ר' דוד, זיין פאַרמאַכט אין אַ חדר מיוחד ביז נשמת. צו נשמת פלעגט ער אַריינגיין אין שטיבל. דעם רבי'נס נשמת איז געווען אויסטערליש: פון איין זאַץ ביז'ן צווייטען פלעגט ער זיך „פאַרגיין" און דער עולם פלעגט שטיין פאַרגאַפט, און אַז מ'פלעגט הערען אים ווידער אַרויסרעדען אַ וואָרט — איז דאָס געווען ווי דער רבי וואָלט צוריק לעבעדיק געוואָרען.

אויסער פרייטיק־צונאַכטס, פלעגט דער רבי פראַווען טישען אויך שבת נאָכ'ן דאַווענען און שבת־צונאַכטס, ביי דער מלוה־מלכה. דער שבת־פאַרנאַכטיקער שלש-סעודות פלעגט דער רבי זאָגען תורה. דער עולם פלעגט אָנשטעלען שוין געווען גוט נאַכט ווען דער רבי פלעגט ענדיקען דעם שלש־סעודות און זיך שטעלען דאווענען מעריב. צום רבי'נס טיש פלעגען קומען ניט נאָר חסידים — נאָר אויך אַ סך מתנגדים און סטאָלינער־קאַרלינער חסידים. ביי יעדען טיש פלעגט דער רבי זאָגען תורה. דער עולם פלעגט אָנשטעלען אויגען און אויערן הערען דעם רבי'נס תורה. דער געדראַנג איז געווען ניט צו באַשרייבען. מ'איז געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ, יעדער איינער האָט געוואָלט כאַפּען עפּעס אַ וואָרט פון רבי'ן. דער רבי האָט געזאָגט זיין תורה שטיל, פארגלאָצט די אויגען, געשלונגען אַ וואָרט, „פאַרגאַנגען" און ניט דערזאָגט.



נאָטען פון ר' משה קאָברינער'ס אַ ניגון צו „יה אכסוף" פון ר' אהרן הגדול.
(פאַרצייכענט פון רי ברוך ז"ל „קאָברינער רבי" און בעאַראַבייט פון משה נתנזון).

און די קאָברינער חסידים האָבען פארגאַפּט, מיט דורשט געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבען אויפגעכאַפּט. כאָטש זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען — דאָך איז זיי געווען ליב און טייער יעדעס וואָרט וואָס גייט ארויס פון זיין הייליגען מויל. און נאָך יעדער שטיקעל תורה האָט מען פאַרביסען מיט אַ פריילּיכען ניגון אָדער אַ טענצעל, מיט וועלכע די קאָברינער חסידים האָבען זיך אויסגעצייכענט.

דעם רבינ׳ס קומען אין שטעטל איז געווען אַ דערפרישונג, עס איז געווען א המשך צו שמחת־תורה, און ס׳האָט אַריינגעבראַכט יום־טוב׳דיקייט אין מאָנאָטאָנעם לעבען פון שטעטל. פילע שטילע, רואיקע מענשען פלעגען ווערען לעבעדיק אין דער וואָך ווען דער רבי פלעגט זיך פאַרזאָמען אין האָראָדעץ.

משה בורשטיין, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופען, משה דער גרויסער, אַן איידעלער איד, אַ לערנער, פון דעם אַלטען רב׳ס משפחה, אַ איד אַ שווייגער, פלעגט ווערען גאָר אַן אַנדערער ווען דער רבי פלעגט קומען. משה בורשטיין איז געווען אַ שווייגער אַ גאַנץ יאָהר. נאָר צוויי מאָל אין יאָהר פלעגט ער ווערען אַ רעדעוודיגער: ווען דער רבי פלעגט קומען און שמחת תורה. ביים רבי׳נס טיש איז ער געווען דער געזאַנגס־מייסטער און שמחת־תורה פלעגט ער אַרומקלייבען אַרום זיך אַלע קידער און ער האָט געזונגען: „יבוא גואל במהרה, יבוא אליהו בקרוב”. און דאן פלעגט ער פרעגען די קינדער: ווען־זשע, ווען־זשע, וועט ער קומען? און מען פלעגט ענטפערען: במהרה בימינו! במהרה בימינו, יבוא משיח צדקנו” און אזוי ווייטער. שמחת־תורה פלעגט מען זיך ערלויבען נאָך אַנדערע זשאַרגאָנישע לידלעך, ווי „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר — אָבער אידען זיינען מיר“

א. ד. ג.

דאס קאָברינער שטיבעל איז געווען אַ גאַנץ שיין בית־מדרש׳ל, אינמיטען מארק ניט ווייט פון קלויסטער, אַרום־גערינגעלט מיט בוימער און מיט אַ גערטענדעל. אַ שמש איז געווען אברהם עזרא דער בויער, שמערל׳ס אַ זון. פאַר׳ן שמש איז געווען אָפּגעטיילט א באַזונדערע דירה. אברהם עזרא׳ס ווייב האָט מען ניט גערופען שמש׳טע נאָר שטיביליכע, ווייל זי האָט געהאַלטען דאָס שטיבעל זייער ריין.

איינמאָל האָט אַ שונא־ישראל אַוועקגעשיקט אַ פּאַפּיר וואו מ׳דאַרף אַז דאָס שטיבל שטייט צו נאָהענט צום קלויסטער. פאַרן צאַר איז געווען א געזעץ אז צווישען דער צערקווע און אַ געבעט־הויז פון אן אנדערע רעליגיע דאַרף זיין אַ געוויסער שטח. געדענק איך ווי מ׳האָט געמאָסטען מיט אַ לאַנגען שטריק פון דער צערקווע ביז׳ן שטיבעל און כאָטש עס איז געווען לויט׳ן געזעץ פונדעסטוועגען האָט געקאָסט עטלעכע רובל אַז דאָס שטיבעל זאָל שטיין אויף דעם אָרט. עס זעט אויס אז אַ שענק נאָענט צום צערקווע איז געווען כשר, אַ ראיה שמואל חיים׳ס שענק וועלכע איז געווען זייער נאָהענט צום קלויסטער...

שבת בייטאָג פלעגט אַלטער דער שמיד לערנען פאַר׳ן עולם „עין יעקב”. א חוץ דעם פלעגען עלטערע אינגלעך לערנען גמרא, אליין פאַר זיך.

אויסער די קאָברינער חסידים פלעגט אויך דאווענען אין מיטען דער וואָך אין שטיבעל, דער רב ר׳ חיים ז״ל, וועלכער האָט געוואוינט איבערן וועג. דאָס האָט צוגעגעבען מער חשיבות דער שטיבעל און זיינע חסידים. דער נאָמען פון דעם קאָברינער שטיבעל איז געשטיגען און געשטיגען, ביז וואַנען ס׳איז אויסגעבראָכען די ערשטע וועלט־מלחמה. און ווען דאָס גרעסטע טייל פון שטעטל איז פאַרברענט געוואָרען — איז אויך דאס קאָברינער שטיבעל אַוועקגעגאַנגען מיט׳ן פייער, און מיט איר צוזאַמען די זיסע ליבע, עראינערונגען.

אינסטיטוציעס

די „חברה קדישא"

פון א. ס. האָראָדעצער

הקדמה

איינע פון די עלטסטע, איינפלוסרייכסטע און רייכסטע חברות אין שטעטל איז געווען די חברה קדישא. עס איז געווען אַ גרויסער כבוד צו באַלאַנגען צו דער חברה קדישא. און ווער רעדט וועגן ווערן אַ גבאי אין דער דאָזיגער חברה. זייער ווינציג האָבן געקאָנט צוקומען צו דער מדרגה פון ווערן אַ גבאי פון דער חברה קדישא, וואָס ס'איז געווען אַ סאָרט פּרעזידענט. נאָר יחידי סגולה, די לומדים פון שטעטל, ווי ר' ישראל יאָסל מאַזורסקי, ר' הלל און ר' שלום קאָסטרינסקי, האָבן צו דעם כבוד זוכה געווען.

ווערליג עס זעט אויס האָט די דאָזיגע חברה זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט קרקע און טויטע. זי האָט אויך אַריינגענומען אין אירע טהעטיגקייטען אַנדערע קהלה'שע פונקציעס. אָט די אַלע טהעטיגקייטען פלעגען פאַרשריבען ווערען אין פנקס פון דער חברה קדישא.

צום גרויס באַדויערען איז דער אַלטער פנקס, וואו ס'זיינען פאַרשריבען געוואָרען פילע ווערטפולע געשעהעניי־שען, פאַרניכטעט געוואָרען, און דער נייער פנקס, וועלכער האָט זיך באַגרעניצט נאָר מיט חברה קדישא אַנגעלעגענ־הייטען, איז ניטאָ. דער פנקס איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די האָראָדעצער איינוואוינער זיינען זיך צולאָפען, און פילע הייזער זיינען פאַר־ברענט געוואָרען.

מיר וועלען זיך מוזען באַנוגענען מיט די זכרונות וואָס האָבען אונז צוגעשטעלט ר' אַלטער עלמאַן, ר' מרדכי גרינ־בערג און אַנדערע האָראָדעצער.

די פליכטען

עס איז געווען איינגעפירט אַז ווען איינער האָט זיך געוואָלט איינקויפען אין דער חברה — האָט ער געדאַרפט באַצאָלען 25 רובעל און אויך מאַכען די יערליכע סעודה, ערב ראש חודש שבט. און אויב די סעודה איז ניט געווען אַזאַ שיינע, האָט מען געקענט שטראָפירען דעם חברה קדישא־מאַן מיט אַן אַנדער סעודה, אַ בעסערע.

אויך האָט דער נייער חברה קדישא־מאַן געדאַרפט זיין אַ חברה קדישא־שמש פאַר די קומענדיגע דריי יאָר. די ראָלע פון דעם דאָזיגען שמש איז געווען, אַז אויב אימיצער איז געשטאָרבען, האָט ער געדאַרפט גיין רופען די חברה־לייט צו טאָן זייער פליכט *).

די חברה קדישא־לייט זיינען געווען פּטור פון באַצאָלען קבורה־געלט. אָבער ווען ביי איינעם, וועלכער האָט ניט באַלאַנגט צו דער חברה קדישא איז געטראָפען אַ טויטען־פאַל — פלעגען דאַן די חברה קדישא מיט'ן גבאי אָפּשאַצען וויפיל מ'זאָל נעמען קבורה־געלט.

די האָראָדעצער חברה קדישא האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע באַזונדערע טראַדיציעס און פאַרשידענע מנהגים, ווי אַלע ערב ר"ח קומען אין בית־המדרש דאַוונען, צוזאַמען זאָגען יום כפור קטן און מאַכען יערליכע סעודות.

די גרויסע סעודה

צווישען אַלע אַנדערע טראַדיציעס פון דער חברה קדישא האָט זיך אַמערסטען אויסגעצייכענט די ווינטערדיגע סעודה, ערב ראש חדש שבט **). איידער די סעודה פלעגט

---

*) כמעט די זעלבע באַדינגונגען זיינען אויך געווען אין דער חבורה קדישא פון זאבלודאָווע (גראָדנער גוב.): „אין משך פון די ערשטע דריי יאָר מוז דער נייער חבר בלייבען אין דער נידעריקסטער מדרגה פון אַ משרת ביי דער חברה... און אין משך פון דריי יאָר מוז ער מאַכען פאַר חברה אַ סעודה" (זע ירוחם באַכראַך מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פון ביאַליסטאָקער געגענט, „ייווא בלעטער" ווינטער 1946, באַנד 28, נומ 2 ז. 323; זע אויך דאָרטען, ז. 325; ז. 236)

**) א"ין זאַבלודאָווע און אין גראָדנע פלעגט מען מאַכען די יערליכע סעודות חול־המועד פסח (זע דאָרטען ז. 333, 336).

אין אַנדערע קהלות פלעגט מען מאַכען די סעודה אין איינע פון די פאָלגענדע טעג: י"ד כסלו, ט"ו כסלו, י"ט כסלו און כ' כסלו (זע אברהם אליעזר הירשאָוויץ, מנהג ישרון, ז. 215. ווילנא, 1914).

געפּראַוועט ווערען האָבען אַלע חברה־לייט געפּאַסט און געזאָגט סליחות אין בית המדרש.

די סעודה פלעגט פאָרקומען אין גבאי'ס הויז. און אויב ס'איז ניט געווען קיין נייער מיטגליד וועלכער זאָל מאַכען די סעודה, לויט די תקנות פון דער חברה קדישא — האָט די חברה אַליין געמאַכט די סעודה, ס'איז טאַקע געווען „כסעודת שלמה בשעתה", אַזוי ווי שלמה המלך'ס סעודה. מען פלעגט באַקען ספּעציעלע גרויסע חלות, סערווירט גרויסע חלקים פיש, פלייש, עוף, צימעס, קאָמפּאָט. ס'האָט אויך ניט געפעלט קיין וויין און בראָנפען. ס'איז געווען אַ גאַנץ פריילעכע שטימונג. מ'פלעגט זינגען פאַרשידענע ניגונים אויפ'ן הויכען קול. ביי דער דאָזיגער יערליכער סעודה פלעגט מען אויסקלייבען נייע בעאַמטע פאַר דעם קומענדען יאָר. און כמעט שטענדיג פלעגען די זעלבע בעאַמטע אויסגעקליבען ווערען.

דער עולם פלעגט גיין פריילעך אַ היים, מיטנעמענדיג אין טיכלעך חלקים פון דער סעודה פאַר די פרויען און קינדער.

די שמחת תורה סעודה

אַ צווייטע סעודה, אַ קלענערע, פלעגט פאָרקומען שמחת תורה, אויך ביי דעם גבאי אין הויז. עס האָט זיך אָנגעהויבען שמיני עצרת פאַרנאַכט און פאַרצויגען ביז שפּעט אין אָוונט. די סעודה איז באַשטאַנען פון פרוכטען, טאָרט און בראָנפען. אין דער סעודה האָט זיך געפילט די שמחת־תורה'דיקע פריילעכקייט. נאָך דער סעודה פלעגען אַלע אַרויסגיין אין גאַס און מיט געזאַנג פלעגט מען פירען דעם גבאי אין שול אַריין. אַלע האָבען געטראָגען אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט און געזונגען גאַנץ הויך חסידישע און מתנגד'ישע ניגונים. די קינדער פון שטעטעל פלעגען גיין פאָראויס און מיטגעהאָלפען זינגען. קומענדיג אין שול האָט מען פאָר־געזעצט די שמחה מיט געזאַנג און טענץ, געהענדיג הקפות אַרום דער בימה.

אַלע פון שטעטעל, אָן אונטערשייד פון חסידים און מתנגדים, פלעגען קומען אין שול אַנטייל נעמען אין די הקפות.

אַן אויפשטאַנד

די חברה קדישא האָט געהאַט אַ פאַרהעלטענמעסיג גרויסע הוצאה: אַרומצאַמען דעם בית־עולם, צאָלען דעם קברות־מאַן, סעודות וואָס זיינען געווען פאַררעכענט פאַר זייער וויכטיג צוליב'ן חיזוק פון דער חברה און נאָך אַזעלכע זאַכען. וואו נעמט מען אָבער אויף אַלעם? האָט די חברה געזוכט צו דעקען אירע אויסגאַבען דורך אַרויפלייגען אַן אָפּצאָל אויף די מתים, לויט דעם פינאַנציעלען שטאַנד פון די קרובים. אַ קאָמיטע איז געווען באַשטימט פאַר דעם צוועק אָפּצושאַצען וויפיל צו נעמען פאַר יעדען מת פאַר דער קבורה.

די שאַצערס האָבען שוין געזען אַז עס זאָל דער חברה ניט פעלען אויף אַלעם וואָס עס האָט זיך געפאָדערט. דעם אמת מוז מען זאָגען אַז די שאַצערס זיינען ניט געווען זייער פּינקטליך אין זייער שאַצען.

עס איז געווען אין די יאָרען ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דעם צאַרישען רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען שפּראָצען, די פרייהייטס באַוועגונג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז אויך אַריינגעדרונגען אין האָראָדעץ. די ערשטע סימנים פון דיזער באַוועגונג האָט זיך אָפּ־געשפּיגעלט אין דער חברה קדישא, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ היבש ביסל ביוראָקראַטישע טענדענצען. אַן אויפשטאַנד האָט זיך אויפגעהויבען געגען דער חברה קדישא. מענשען זיינען אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט מיט טענות געגען די אָרדענונגען פון דער חברה קדישא. זיי האָבען געפאָדערט מער גערעכטע האַנדלונגען בנוגע קבורה־געלט. די חברה קדישא האָט אָבער געהאַט אירע אייגענע באַרעכ־טיגטע מאָטיוון און ניט געוואָלט נאָכגעבען די „רעוואָלו־ציאָנערען". אַזוי אַרום האָט זיך אויפגעהויבען אַן אמת'ע מחלוקת אין שטעטעל, די באַוואוסטע מחלוקת פון חברה קדישא.

אַ גרופּע יונגע, שטאַרקע און פעהיגע מענשען האָבען זיך פאַראייניגט און געגרינדעט אַ נייע חברה קדישא, און זיי האָבען אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט דער אַלטער חברה. אַז ס'איז ביי איינעם אימיצער געשטאָרבען, פלעגען זיי קומען פריער און צוכאַפּען דעם מת, אָן קיין געצאָלט, אַוועקטראָגען אויפ'ן בית־עולם און געענדיגט. די אַלטע חברה קדישא איז פאַרבליבען אָן אַ שטאָך אַרבעט: ניט קיין מתים און ניט קיין געלט. זיי האָבען אָבער אויך ניט געשוויגען. ווען זיי האָבען זיך אַרומגעזען אַז עס איז שלעכט, אַז זיי האַלטען שוין ביים „באַנקראָט", האָבען זיי זיך ערוואַכט און אָנגעהויבען אויך צו איילען זיך. פלעגט טאַקע טרעפען אַז ביידע חברות פלעגען שטיין און וואַרטען אויף צו כאַפּען דעם מת. עס איז געוואָרען אַ פראַגע פון אמבי־ציע: ווער זאָל וועמען באַזיגען, וועלכע חברה זאָל אַוועק־גיין און וועלכע זאָל פאַרבלייבען.

דער אַנאַרכישער צושטאַנד האָט געדויערט ביי דריי יאָר. ביידע צדדים זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרען. ווען די מחלוקת איז אָפּגעקילט געוואָרען האָבען ביידע חברות איינגעשטימט אויף אַ דין־תורה.

מען האָט געבראַכט רבנים פון קאָברין און אַנטיפּאָליע, וועלכע זיינען געזעסען אין דער דין־תורה צוזאַמען מיט'ן אַלטען רב, הרב ר' יהושע יעקב זצ"ל. אויסהערענדיג די טענות פון ביידע צדדים, האָבען די רבנים אַרויסגעטראָגען פאָלגענדען פּסק־דין וואָס איז באַשטאַנען פון 4 פּונקטען:

א) די אַלטע חברה קדישא זאָל פאַרבלייבען און די יונגע חברה קדישא זאָל אויפגעלייזט ווערען;

ב) איין פּרייז — 3 רובעל זאָל מען נעמען פאַר יעדען מת, און ניט מער;

ג) פון אַ ניט פאַרמעגליכען זאָל מען גאָר ניט נעמען קיין געלט;

ד) פון אַ פאַרמעגליכען קאָן מען נעמען מער, אָבער דער רב דאַרף אָפּשאַצען און באַשטימען דעם פּרייז, ניט די חברה.

ביידע חברות זיינען געווען צופרידען פון דעם פּסק־דין. די אַלטע חברה קדישא איז געווען צופרידען מיט דעם, וואָס זי איז פאַרבליבען און וועט ווייטער עקזיסטירען. די נייע חברה קדישא איז געווען צופרידען, וואָס זי האָט געזיגט אין פּרינציפּ און האָט דורכגעפירט איר פּראָגראַם. און אין שטעטעל איז געוואָרען צוריק שלום ושלוה.

די קליינע חברות

פון א. עלמאַן

אויסער די זעהר איינפלוסרייכע „חברה קדישא" האָבען אין האָראָדעץ עקזיסטירט נאָך חברות, וועלכע האָבען סטימולירט דעם געזעלשאַפטליך־קולטורעלן לעבן פון די האָראָדעצער אידישע איינוואוינער.

ווי ס'איז באַוואוסט איז אַמאָל געווען אין האָראָדעץ אַ חברה „עין יעקב"*). ווי לאַנג די דאָזיגע חברה האָט עקזיס־טירט איז ניט באַוואוסט, און ווען זי איז אויפגעלייזט גע־וואָרען איז אויך ניט באַקאַנט.

מיט אַ פינף און זיבציג יאָר צוריק איז אויך געווען אַ חברה ש"ס אין האָראָדעץ. מ'פלעגט זיך פאַרזאַמלען איינ־מאָל אין יאָר אין הויז פון יאָסל ליבער'ס (פון די מאַזורסקי'ס) און צוטיילען דעם ש"ס, און דאַביי געמאַכט אַ סיום. אויך די חברה איז בטל געוואָרען, אָבער אויב עס איז ניט געווען אַ שטאָטישע חברה ש"ס — איז געווען אַ קליין חברה ש"ס אין דער קאַרלינער שטיבל. חנוכה אָדער חמשה־עשר בשבט פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען אין שטיבל, מאַכען אַ סיום און פאַרבייסען מיט אַ סעודה.

עס איז אויך געווען אַ חברה משניות וואָס האָט פונקציאָ־נירט אַ היבש ביסל יאָרן, אָבער צוליב דער מחלוקת פון די שוחטים**) איז זי בטל געוואָרען. דעם סיום צוזאַמען מיט אַ סעודה, ניט קיין גרויסע סעודה, פלעגט אָפּגעהאַלטען ווערן חנוכה אָדער חמשה־עשר באב, אין אַ הויז פון אַ מיטגליד, ווי אַלטער שואל'ס. די קאָסטען פון דער סעודה פלעגט גע־דעקט ווערען פון די 3 רובל וואָס די נייע מיטגלידער פלעגען איינצאָלען חברה־געלד. און אויב ס'איז ניט געווען קיין סך נייע מיטגלידער — פלעגן די אַלטע חברה־לייט זיך צונויפ־לייגען און מאַכען די יאָרליכע סעודה.

ביים סיום פלעגט מען לייענען די הקדמה צום פּנקס פון דער חברה משניות וואָס הרב ר' משה צבי ז"ל האָט געשרי־בען. מ'פלעגט אויך לייענען די נעמען פון די נייע צוגעקו־מענע מיטגלידער. דער מזכיר איז געווען ר' שלום קאַסטרינ־סקי, און איינמאָל בין איך געווען דער שרייבער. און דאָס איז געווען דער נוסח: „היום . . . שנת . . . התאספנו בבית אַלטער ראַבינאָוויץ, ובא חבר חדש לפני החברה ר' בר' . . . ושלם לחברה סך שלשה רובל לבד ביר עבור החברה".

ביים סיום פלעגט מען אויך מאַכען אַ קלפּי, וואו מ'פלעגט אויסקלייבן פינף בוררים, און זיי פלעגן שוין אויסקלייבען די גבאים. איינמאָל בין איך אויסגעקליבן געוואָרען אַלס בורר, און איך בין געווען דער מחזיק הפּנקס. כ'האָב געהאַלטען דעם פּנקס עטליכע יאָהר, און צום סוף, האָב איך עס אָפּגע־געבען ר' מרדכי קאַסטרינסקי'ן.

איינע פון די שענסטע חברות איז געווען די חברה „תלמוד־תורה". דער צוועק פון דער חברה איז געווען צו צאָלען שכר־לימוד פאַר די אָרימע קינדער. דער גבאי איז געווען ר' שלום קאַסטרינסקי, און דער נאמן איז געווען ישראל יאַנקעל קאַ־מענעצקי, אָדער יודל דער מלמד, און אַמאָל איז אויך געווען זיידל יאַרמוק.

די איינקונפט פון דער חברה „תלמוד־תורה" איז געקומען פון די פאָלגענדע קוואַלען: מיטגלידערשאַפט־ אָבצאָל, חלה־געלד און פון כפּרות־פעדערן.

יעדע פרוי האָט געדאַרפט געבען אַ גראָשען אַ וואָך חלה־געלד, וועלכע פלעגט אַריינוואַרפען אין אַ באַזונדערער פושקע. אָט די איינגאַהמע פלעגט אַריינברייגען אַ דריי רובל אַ חודש. און דער שטאָט־שמש אָדער אַן אַנדערער פלעגט גיין צונויפ־קלייבען די פאָר גראָשן.

חול־המועד פּסח און חול־המועד סוכות פלעגט מען זיך צונויפקלייבען ביים גבאי אין שטוב און באַשטימען וויפיעל קינדער מ'דאַרף שטיצען און וויפיעל געלד מ'דאַרף באַ־צאָלען דעם מלמד אָדער יענעם מלמד*).

---

*) זע דעם אַרטיקעל „דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ". רעד.

**) זע „די מחלוקת". רעד.

---

*) עס איז אויך געווען אַ גמילות־חסדים, און איר קאַסי־רער איז געווען מאָטיע הללים. אַ חוץ די שטעטלידיגע גמילות־חסדים זיינען געווען אַ פּאָר אידען וועלכע האָבען געהאַט פּריוואַטע גמילות־חסדימים, ווי אַ שטייגער חיים איציקים, וועלכע פלעגען אויסלייהען אַ פּאָר גילדן. רעד.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז צו דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואו די אַלטע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען זיינען צעטרייסעלט געוואָרען, און קיין נייע זיינען ניט געשאַפען געוואָרען, און מיט דעם קנאַלען פון די האַרמאַטען זיינען אַוועקגעגאַנגען פילע אַלטע לעבענס־שטייגערס און מיט זיי גאָר אַלטע, ליבע אינסטיטוציעס.

דער הכנסת אורחים

פון י. יצחקי

איינענטליך איז דער הכנסת אורחים ניט געווען קיין קהל'שע, עס איז געווען אַ פּריוואַטע אינסטיטוציע. דער הכנסת אורחים האָט געהייסען איציק'ס הכנסת אורחים.

אָפיציעל איז ר' איציק'ס הכנסת אורחים געגרינדעט געוואָרען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איציק איז געוואָרען אַ „גביר"*). אין גאָר אַמאָליגע יאָרען איז געווען אַ הקדש ביים באָד. און ווי אַלע הקדשים איז דאָרטען געווען קאַלט, נאַס און אַ פּאָר צוריסענע סיניאַקעס. ר' איציק'ס הכנסת אורחים איז געווען מער בעל-הבית'יש ווי אַן אַנשטאַלט, מ'האָט זיך געפילט ווי אין דער היים.

איציק'ס הכנסת אורחים איז אַ באַזונדער קאַפּיטעל אין האָראָדעצער היסטאָריע פאַר די לעצטע פופציג יאָר. נאָך איידער ער האָט אָפיציעל געמאַכט זיין הויז פאַר אַ הכנסת־אורחים — איז געווען אַ טראַדיציע ביי זיין משפחה אַז זיין הויז איז געווען אָפען פאַר אַלע אָרימעליט. ס'איז כמעט ניט געווען דער טאָג ווען ס'פלעגט ניט זיין קיין אָרימאַן אין הויז. אין געוויסע טעג פלעגען נעכטיגען פון 9 ביז 10 אָרימעליט. יעדער פלעגט קריגען אַ געלעגער מיט אַ קישען צוקאָפּענס, און אויך אַ טעלער געקעכטס. זיי פלעגען שלאָפען אויף די שלאָפבענק, אין אַלקער, אין דער סאַליע און זומער אין דער קרעטשמע און אויפ'ן בוידעם. ביים אויסבעטען די געלעגערס פאַר אָרימעליט פלעגען די קינדער קאָנקורירען צווישען זיך ווער ס'קען שנעלער און בעסער מאַכען דעם געלעגער.

מ'דערציילט אַז איינמאָל אין אַ הייסען זומער־טאָג איז עפּעס געווען אַ גרויס „געדרעטעניש" אויף אָרימעליט, אַרום 10 מאַן. איינער איז געווען געקליידט ווי אַ פראַנט, מיט לאַקירענע שיך און אַ ליאַקירענעם דאַשיק. קומט צוגעהן איינער פון די אָרימעליט, רופט אָפּ איציק'ען אָן אַ זייט און זאָגט: „איר ווייסט, ר' איציק, אָט דער אָרימאַן מיט'ן דאַשיק איז אַ גנב, אַ מערדער, אַ רוצח און וואָס אין דער קאָרט שטייט, גיט אַכטונג אויף אים. ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און איציק איז נאָך אַליין געזעסען איבער אַ ספר און געלערענט. אַלע זיינען שוין געשלאָפען אויסער דער „פראַנט" מיט'ן דאַשיק. גייט צו דער פראַנט צו איציק'ען און פרעגט אים פאַרוואָס ער געהט ניט שלאָפען. זאָגט איציק: „איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, יונגערמאַן, איך האָב געהערט, אַז איר זייט . . . האָב איך מורא גיין שלאָפען." רופט זיך אָפּ דער פראַנט: „יאָ ר' איציק, ס'איז אמת אַז איך בין אַ גנב און אַ מערדער — אָבער אייך וועל איך ניט טשעפען — איר קענט גיין שלאָפען." ר' איציק איז געגאַנגען שלאָפען און אין דער פרי איז דער יונגערמאַן שוין ניט געווען, אָבער אין הויז האָט קיין זאַך ניט געפעלט.

ר' יצחק פלעגט גרויס הנאה האָבען פון פאַרשטעלען זיך, און הערען אויף זיין חשבון וואָס דער עולם האָט צו זאָגען וועגען אים און זיין הכנסת אורחים. ס'איז כדאי איבערגעבען דעם פאָלגענדען אינצידענט: ער איז אַמאָל דורכגעפאָרען אַ קליין שטעטעל און איז אַריין אין שוהל דאַווענען. גייט צו אַ איד, גיט אים „שלום עליכם" און פרעגט אים פון וואַנען ער קומט. דערהערט אַז ער איז אַ האָראָדעצער, פרעגט ער אים צי ער קען ר' איציק זוסעלמאַן דעם מכניס אורח. רופט זיך אָן ר' איציק: „אַ מכניס אורח איז ער? אַ שייגעץ איז ער; טרייבט יעדען אָרימאַן ארויס פון הויז, לאָזט קיינעם ניט אויפ'ן שוועל."

— וואָס רעדט איר, — זאָגט דער איד, — איר רעדט לשון הרע אויף אַ טייערען מענשען. ער האָט אַ גרויסען שם דאָ. אַלע אָרימעליט קענען זיך ניט אָפּלויבען פון אים.

— ווייס איך וואָס! — זאָגט ר' איציק, — איך קען אים בעסער פאַר אייך. איך זאָג אייך אז ער איז אַ שייגעץ, זאָג איך אייך. ער קען ניט אָנקוקען קיין אָרימאַן . . .

איציק האָט אָבער לאַנג ניט געקענט שפּילען די קאָמעדיע און ער האָט זיך מודה געווען אַז ער איז ר' איציק . . .

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָפּ דער איד, — זייט איר טאַקע אַ שגץ . . .

---

*) זע דעם אַרטיקעל „פּאַניע שאַף".

רעד.

אַז מ'רעדט וועגען איציק'ס „הכנסת־אורחים" קען מען ניט פאַרבייגעהן די וואונדערבאַרע געשטאַלט פון דער צדיקת אַלטע זוסעלמאַן, איציק'ס פרוי, וועלכע איז געווען די נשמה פון הכנסת־אורחים. ס'איז כדאי צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר פאַלען צו אילוסטרירען איר ליכטיגע פערזענליכקייט, וועלכע איז געוואָרען כמעט לעגענדאַריש.

יעדען אָוונט, איידער זי פלעגט געהן שלאָפען פלעגט זי לאָזען ברענען אַ קליין קעראָסין־לעמפּל אויפ'ן פענסטער, אַז טאָמער קומט אַן אָרימאַן שפּעט ביינאַכט ווען דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט, און ס'איז פינסטער, זאָל דאָס לעמפּל דינען אַלס וועג־ווייזער, וואוהין אַריינצוגעהן איבערנעכטיגען.

ניט איינמאָל פלעגט זי אַוועקגעבען איר „וועטשערע" (נאַכט־מאָלצייט) צו אַ הונגעריקען אָרימאַן, זאָגענדיק דערביי, אַז זי האָט שוין געגעסען און נאַכהער פלעגט מען איר „כאַפּען" עסען אַ שטיקעל ברויט מיט טיי שטי־לערהייט ערגעץ אין אַ ווינקעל.

אַז ס'פלעגען זיין מער אָרימעלייט ווי קישענס אין הויז, פלעגט זי באַשטיין אַז נאָר זי זאָל אַוועקגעבען איר קישען. און טאָמער פלעגט עפּעס פעלען אין הויז, אָדער אַז מ'פלעגט עמיצען „כאַפּען ביי דער האַנט" — פלעגט זי קיינ־מאָל ניט ווערען אין כעס, נאָר זאָגען: „נו, מסתמא האָט ער דאָס באַדאָרפען האָבען".

אַלטע זוסעלמאַן
(געצייכענט פון איר זוהן ישראל)

אפילו געשטאָרבען איז זי אין דינסט פון די אָרימע און נויטבאַדערפטיגע, ווי אַ סאָלדאַט אויף איר פּאָסטען, באַדינענ־דיג די געפערליך טיפוס־קראַנקע אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זאָגענדיג דערביי: „אַז אויב גאָט דאַרף מיר — קען ער מיר שטענדיג צונעמען".

און אַזוי איז טאַקע געווען. זי האָט זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס און „גאָט האָט איר צוגענומען".

געבענשט זאָל זיין איר אָנדענק!

איציקל אין פראָנט פון זיין הכנסת־אורחים

די שטעטלדיגע אויטאָנאָמיע

פון **שלמה ליבערס**

א. די „אופּראַווע"

האָראָדעצער „מעשטשאַנסקאַ אופּראַווע" איז בעשטאַנען אינגאַנצן פון אידן: אַ ראַבינער, אַ אידישער סטאַראָסטע, (עלטסטער), 13 אידישע דעפּוטאַטען, אַ אידישער שרייבער. און אַ קאַנצעלאַריע מיט אַ גרויסע סקאַזקע (רשימה) פון נכתבים, נעלמים און געשטאָרבענע. ניט קוקענדיג, וואָס די מעשטשאַנסקע אופּראַווע איז געווען אינגאַנצן פון אידן, איז בערך אַ צען יאָר געווען סטאַראָסטע, דער פעלדשער אפען, דער איינציגער גוי'אישער מעשטשאַנין (שטאָט־איינוואוינער), אין שטעטל, וועלכער איז געווען אַ משומד.

ווי אַזוי קומט אַ משומד צו ווערן אַ פירער ביי אידן?

איז די מעשה אַזוי:

מיט אַ זעכציג יאָר צוריק איז געווען ר' שלום קאַסטרינסקי סטאַראָסטע, און זיין ברודער מאָטיע איז געווען ראַבינער. צוויי בכבוד'יגע אידן, וועלכע האָבן איבערגענומען בירושה פון זייער פאָטער ר' איציק דאָס קהל'ן זיך אין שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן. די צוויי ברידער זיינען געווען קאַרלינער חסידים. דער נאָמען „חסידים" האָט שוין געוואָרפן אַ שאָטן אויף זיי. און די מתנגדים פון שטעטל האָבן אָנגעהויבן מורמלען: „וואָס איז דאָס? די קאָסטרינסקי'ס האָבן אַלעס גענומען פאַר זיך? ממש ווי משה און אהרן אין זייער צייט?"

מ'האָט אַזוי לאַנג גערעדט און „געאַרבייט" ביז וואַנען ר' שלום קאַסטרינסקי האָט געמוזט אַנטלויפן נאָך אַמעריקע, און מענדל דער מילנער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס סטאַראָסטע.

דער מענדל איז געווען אַ גאַנץ ערליכער איד, ער האָט געקענט גאַנץ שיין לערנען און שרייבן, אָבער נאָר פון רעכטס צו לינקס. פון לינקס צו רעכטס האָט ער נעבאך ניט גע'יכול'ט. דאָ האָט זיך שוין אריינגעמישט דער גובערנאַטאָר בכבודו ובעצמו און האָט געמאַכט אַ „פּשרה": אפען זאָל זיין דער סטאַראָסטע. אפען איז געווען אַ גאַנץ גוטער מענש. מ'האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון האָראָדעץ, פון די געכאַפּטע אידישע קינדער, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעגעבן דינען יונגערהייד, אין דער צייט פון ניקאָליי דעם ערשטן.

און שרייבער איז געוואָרן לייבל ישראל'ס, אַ הויכער איד מיט אַ „פּראַנץ־יאָזעף" באָרד: איין שפּיץ צו רעכטס, און דער צווייטער שפּיץ צו לינקס. ווי ער וואָלט געזאָגט: אז אירווילט, גיי איך רעכטס, און אַז איר ווילט, גיי איך לינקס, עס ווענד זיך נאָך...

ווי געזאָגט, איז אפען געווען אַ משומד. דאָס איז געווען דערווידער די האָראָדעצער אידן, אַז אַ משומד זאָל זיין זייער סטאַראָסטע. זיי האָבן שוין געזען, אַז אַ איד, אַ האָראָדעצער, זאָל ווערן סטאַראָסטע. און זיי האָבן טאָקע אויס־געפירט: ר' מאָטיע קאַסטרינסקי איז געוואָרן סטאַראָסטע. און ווען צאַר ניקאָליי דער צווייטער, האָט אין יאָר 1899 אַרויסגעגעבן אַן אַמנעסטיע, און ר' שלום קאַסטרינסקי איז צוריקגעקומען פון אַמעריקא — איז ער געוואָרן ראַבינער פון שטעטל, ביז אין יאָר 1915, ווען דייטשלאַנד האָט אָפּגענומען האָראָדעץ.

און נאָכ'ן טויט פון מאָטיע קאַסטרינסקי איז געוואָרען סטאַראָסטע אייזיקל מאָטיעס, (איזראַעל) אַ איד אַ האָלץ־סוחר, וועלכער האָט זייער ווינציק געוואוסט אין קהל'שע זאַכען, און קנאַפּ וואָס געקענט דעם איספּראַווניק . . .

אייזיקיל'ס „מלוכה" האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, אינגאַנצען אַ פּאָר יאָר, ביז וואַנען די „אופּראַווע" איז אונטערגעגאַנגען, בשעת דער דייטשער הערשאַפט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

וואָס זיינען געווען די פונקציעס פון דער אופּראַווע?

לויט די געזעצען פון די רוסישע צאַרן, זיינען אַ סך מענטשן געווען צוגעשריבען צום אָרט וואו זיי האָבען געוואוינט. זיי האָבען געמעגט וואוינען אין וואַרשע, אין פּעטערבורג אָדער אין ערגעץ אַנדערש, אָבער צוגעשריבען זיינען זיי געווען ערגעץ דאָרטען, וואו זייערע טאַטעס אָדער זיידעס זיינען געבוירען געוואָרן און זיי אַליין זיינען דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

אַ פּאַספּאָרט האָבן זיי געדאַרפט נעמען אין דעם העק וואו זיי זיינען געווען צוגעשריבען, וואו מ'האָט זיי ניט געקענט. געוויינטלעך האָבן זיי געדאַרפט דערפאַר באַצאָלן דעם שרייבער, סטאַראָסטע און די איבעריגע. שטעלען זיך צום פּריזיוו האָבן זיי ניט געטאָרט אין דער שטאָט וואו זיי האָבן געוואוינט. נאַר געדאַרפט פאָרן אין יענם העק און דאָרטען זיך שטעלן צום פּריזיוו. אַלע אָפּצאָלונגען וואָס עס פלעגן דאַרפן צאָלן די איינוואוינער פון שטעטל, פלעגן דאַרפן צאָלן די נכתבים וואָס האָבן געוואוינט גאָר אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך. אַזוי אַרום זיינען די נכתבים וואָס האָבן געוואוינט אין אַנדערע מקומות געהאַט אויף זיך אַ גאַנץ פיינעם פּעקל. נכתבים וועלכע האָבן געוואוינט ווייט, און געווען פאַרמעגלאַך, פלעגן דינגען עמיצן אַ קאַליקע, וואָס איז געפאָרן זיך שטעלן צום פּריזיוו פאַר דעם אמת'ן פּריזיוניק, און דער רייכער איז דורכדעם באַפרייט געוואָרען פון

מיליטער דינסט. געוויינטלאַך, האָבן אַזעלכע זאַכען געקענט אויספירן נור די רייכע.

גאָר אַמאָל האָט האָראָדעץ בשותפות מיט דיווין, און דערנאָך בשותפות מיט אַנטיפּאָליע, געדאַרפט געבען איין סאָלדאַט אַ יאָר. אין אַנדערע ווערטער, האָראָדעץ האָט גע־דאַרפט געבן אַ סאָלדאַט איינמאָל אין צוויי יאָר.

די „כאַפּער״־פּעריאָדע האָט אויך געלאָזן אירע נאָכ־וועהענישן אין האָראָדעץ. די „כאַפּערס״ פלעגן זייער אָפּט אָפּשניידן גאַנץ שלעכט, אַלס נקמה פלעגט מען פאַרברענען זייערע הייזער אָדער זיי אָנטאָן אנדערע צרות. דער נאָמען „לאָוושציק״ (כאַפּער) איז געוואָרען אַ צונאָמען, וועלכער האָט בעדייטעט רשעות, אומ׳רחמנות׳דיגקייט, שלעכטס און בייזוויליגקייט. דער נאָמען האָט באַגלייט דעם „כאַפּער״ ביז אין קבר אריין און ער האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

אין דער דאָזיגע סיטואַציע איז איינגעפירט געוואָרן אַ שטיקל אָרדנונג. ס׳איז געוואָרען אַ מנהג, אַז מ׳פלעגט קויפן אַ סאָלדאַט, און אים געבן אַ 500־600 רובל. און אַז מ׳האָט שוין געקויפט דעם „קרבן״ — פלעגט מען אים געבן גוט עסן, ביז וואַנען ער איז אַוועק דינען.

די געלט פלעגט מען אויפזאַמלען פון פאַרשיעדענע שטעטלאַך פון געגנד, און יעדער איד איז געווען מחויב צו ביישטייערן צו דעם דאָזיגן פאָנד, וועלכן מ׳האָט גערופן „רעקרוטאַוועס.

דערנאָך איז איינגעפירט געוואָרן, אַז יעדער איינער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו, אָבער ניט אַלע פלעגן דאַרפן דינען. עס זיינען געווען „פּראַווילנע״ (געזעצליכע), דריטע לעגאָטע, צווייטע לעגאָטע און ערשטע לעגאָטע. ערשטע לע־גאָטע איז געווען אַ בן יחיד, וועלכער איז פּטור פון דינסט. אָבער אַזוי ווי די געזעצליכע פלעגן זיך בעהאַלטען, כדי די לעגאָטניקעס זאָלן זיי געבן געלט, און אויב ניט, פלעגן גע־נומען ווערן אויך די, וועלכע זיינען פּטור פון מיליטער. דארום פלעגן די לעצטע זיך אויך אויסבעהאַלטן, ביז וואַנען ס׳פלעגט פאַרפולט ווערן די קוואָטאַ. און אַ פּרייז איז געווען, אַז אַ סאָלדאַט פלעגט קריגן 2 הונדערט אָדער 3 הונדערט רובל פון די באַפרייטע.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך ארומגעזען אַז די אויס־באַהאַלטעניש וועט איר ניט ברייגען קיין סך סאָלדאַטן, האָט זי ארויסגעגעבן אַ אוקאַז, אַז ווער ס׳שטעלט זיך ניט צום פּריזיוו, דאַרפן זיינע נאָהענטע באַצאָלן 300 רובל שטראָף. דער געזעץ איז חל געווען נאָר אויף אידן.

דאַן האָבן די אידן זיך ווייטער אַן עצה געגעבן, ווייל דינען פאָניע׳ן האָט מען ניט געוואָלט, צוליב פאַרשיעדענע אורזאַכן: מ׳האָט געדאַרפט עסן טרפות, זיין אונטעריאָכט פּראָסטע, אונוויסענדע שקצים און זיין דערנידערט אַלס אידן, וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט אַלעמאָל אויסגעקלערט אַ נייעם אוממענשלעכן געזעץ געגן זיי.

ב. די „קאראבקע״

די „קאָראָבקע״, דער פלייש־אָפּצאָל, איז אַן אַלטע אינ־סטיטוציע, וועלכע האָט פונקציאָנירט אין די פּוילישע און ליטווישע קהלות. שוין אין „ועד ארבע הארצות״ ווערן פאַר־האַנדעלט פערשידענע פּראָבלעמען אין שייכות מיט דער „קאראבקע״ און איר ראָליע אין אידישען לעבן, און הויפּט-זעכליך, איז זי, באַוואוסט דורך מענדעלע׳ס „טאַקסע״. אָבער וואָס פאַר אַ ראָליע האָט זי געשפּילט אין לעבן פון די האָראָ־דעצער אידן?

די „קאָראָבקע״ איז געווען אַ געוויסער אָפּצאָל אויף פלייש וואָס מ׳האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר קוילענען, פון אַן אָקס ביז אַ הון, און די געלדער האָבן געדאַרפט אויסגעגעבן ווערן אויף שטאָטישע אידישע הצטרכות׳ן.

איז טאַקע אַזוי געווען? האָבן די אידן טאַקע הנאה געהאַט פון די „קאָראָבקע״־געלדער? ווי אַזוי האָט מען פאַרוואַלטעט מיט די געלדער?

איז ראשית כל, פלעגן זיין אָפּיציעלע רעגירונגס טאָר־געס (קויפן), איינמאָל אין דריי יאָר. דער פּרייז איז געווען פון 400 ביז 500 רובל אַ יאָר. דער וואָס האָט אָפּגעקויפט די „קאָראָבקע״ האָט געדאַרפט איינצאָלן דעם פּרייז דער „אָר־פּראַוועס״. עס איז געווען אָנגענומען, אַז קיינער טאָר ניט שטייגן, אויסער די דעלעגאַטן פון דער „אופּראַווע״, וועלכע האָבן געוואוסט דעם פּרייז. דערנאָך פלעגט מען עס פאַרקויפן אויף דער בימה פון בית המדרש צו דעם, וועלכער גיט מער. אָבער צופיל האָט מען ניט „געטאָרט״ געבן, ווייל ממילא איז דאָס געלד ניט פאַרנוצט געוואָרן פאַר אידישע צוועקן. און אויב איינער האָט איבערגעשטיגן, האָט מען אויף יענעם אויסגערופן אַ חרם *). אַז קיינער טאָר ניט גיין צו אים אין הויז, און נית רעדן מיט אים; און ניט קוילענען קיין פלייש אין שטעטל.

דער וואָס פלעגט קויפן די „קאָראָבקע״ פלעגט מאַכן אַ בוך מיט קבלות און דער שוחט האָט ניט געטאָרט קוילענען אָן אַ צעטל פון „קאָראָבקע״־האַלטער. פאַר אַ הון איז געווען דער פּרייז 2 קאָפּיקעס און אַ בהמה — 2 רובל. אַז אַ אידענע

*) ווערדליג ווי סיזעט אויס, איז אַ חרם, אין שייכות מיט דער „קאָראָבקע״ שוין פּראַקטיצירט געוואָרן איבער אַ 300 יאָר צוריק. (זע פּינקס מדינות ליטא, עמוד 210) עב״ע

האָט געוואָלט קוילענען אַ הון פאַר אַ קראַנקען (ווייל קיין געזונטע האָבן אין האראדעץ ניט געגעסן קיין הינער) פלעגט זי, ערשטנס, דאַרפן גיין צום אידן, וואָס האָט געהאַלטן די „קאָראָבקע" נאָך אַ צעטל, ברייננען עס צום שוחט און באַצאָלן שחיטה־געלט. און דאָס זעלבע, ווען אַ קצב האָט געשאָכטן אַ רינדל. די „קאָראָבקע"־געלדער, האָבן געדאַרפט גיין אויף אויסצוהאַלטן דעם בית־מדרש, מרחץ, א. ז. וו. אָבער עס איז געווען עפּעס אַנדערש: די קלויסטערס זיינען געשטאַנען אויף האָראָדעצער שטאָטישער טעריטאָריע, הייסט דאָס, אַז זיי האָבן באַלאַנגט צו דער שטאָט און די „אופּראַווע" האָט זיי געדאַרפט אויסהאַלטן; און ניט קוקענדיג, וואָס אין דער שטאָטישער „אופּראַווע" איז קיין איין גוי ניט געווען — האָבן די אידן מיט זייערע אָרעמע געלטער געדאַרפט אויסהאַלטן די קלויסטערס. דער גלח איז געווען אַ מלוכה־בעאַמטער און געקראָגן געהאַלט פון דער רעגירונג, און אַז זי פלעגט אָפּנעמען דאָס געלד פון דעם אידן וואָס האָט געהאַלטן די אַרענדע פון דער „קאָראָבקע", זיינען די ערשטע געלטער אַוועק אויף דער הצטרכות פון דעם קלויסטער, און די גוים זענען געווען פּטור פון דעם דאָזיגן פליכט. אמת, אַ קליינע סומע פלעגט אַוועקגיין פאַר דעם געהאַלט פון דעם „אופּראַ־ווע"־ש־ייבער און סטאַראָסטע און פאַר דער שול און בית־מדרש פלעגט גאָרניט בלייבן. אַזוי אַרום זיינען די שוהל און בית המדרש אויסגעהאַלטן געוואָרן פון פּריוואַטע נדבות.

ווי אויבן דערמאָנט, פלעגט מען אַמאָל אויסרופן אַ חרם צוליב דער „קאָראָבקע" איבערשטייגונג. און אַזאַ מעשה איז טאַקע אַמאָל פּאַרלאָפן אין האָראָדעץ. איינמאָל האָט ש. ח. וועלכער האָט געוואוסט דעם אמת'ן פּרייז פון דער „קאָראָבקע" אַריינגעשיקט אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אַ נאָדערויף אויף אַ העכערן פּרייז ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן ביי די דעלעגאַטן און די „קאָראָבקע" איז טאַקע געבליבן ביי אים. און צו ש. ח. איז נאָך געווען אַ שותף, א איד פון קאָברין. הכלל, די האָראָדעצער קהלה האָט אויסגערופן אַ חרם אויף די „קאָראָבקע"־קויפער. און אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך, ביז די קויפער האָבן אויפגעגעבן די „קאָראָבקע" און פאַרלאָרן דעם נאַדערויף.

דער אינצידענט האָט זיך איינגעקריצט אין די מוחות פון די האָראָדעצער בעלי־בתים, און פון דאַן אָן האָט קיינער ניט געוואַגט איבערצושטייגן דעם אָנגענומענעם פּרייז פון דער „קאָראָבקע", און כמעט שטענדיג איז עס געבליבן ביי די זעלבע מענשן.

יום טובים

(זכרונות)

פון צביה גרינגלאז

ראש השנה

וואס ווייטער עס רוקען זיך די יארען פון מיין קינדהייט, אלץ שטארקער ווערט איינגעקריצט אין מיין זכרון די ימים־טובים מיט די טראדיציעס און מנהגים פון דער היים. איך וואנדער מיט'ן געדאנק פון „גאס" צום „מארק", פון שטוב צו שטוב, פון מענטש צו מענטש און פון יום־טוב צו יום־טוב — איך קען זיך ניט אנזעטיגען.

עס איז ראש-חדש אלול. דער הימעל איז קלאר, בלויט אין זיין שיינקייט. אבער די ביימער, די גראזען — זיי גרינען שוין ניט, זיי געלען. די בלעטער אויף די ביימער, אפגעשוואכט פון עלטער, קענען ניט ביישטיין דעם קלענסטען אלול־ווינטעל — פאלען זיי אין אנמאכט און באדעקען מיט געלקייט די אויסגעטריקענטע גראזען און ווייכע זאמדען ארום.

עס הערט זיך א בלאז פון א שופר. דער ערשטער אנזאג, אז ראש-השנה, דער יום-הדין, איז נאהענט. און אט וועקט דער שמש צו סליחות. און זיין קול — אזוי טרויעריג, מיט א ניגון ציט ער אויס די עטליכע ווערטער: „שטייט אויף צו סליחות!"

און אין מיטען דער נאכט שטייען אידען אויף, לויפען צו סליחות, איילען ארפווארפען פון זיך די שווערקייט פון זינד. א געפיהל פון מורא אויסגעמישט מיט יראת הכבוד באהערשט אפילו דאס קינדער'שע הארץ.

ערב ראש־השנה. געפאקטע פוהרען מיט מענער, פרויען קינדערלאך, בעטגעוואנד און שפייז קומען איינציגווייז פון מעכוועדעוויטשער געסל און פון דער גוי'אישער זייט פון קאברינער גאס. דאס קומען אן אידישע ישוב'ניקעס אין שטעטל ראש־השנה האלטען, תפלה צו טאן צו גאט, מחילה בעטען צוזאמען מיט'ן אידישען צבור.

הארадעצער —

הארадעצער אידען זיינען גרויסע מכניסי אורחים. מען טיילט זיך מיט די דארפסלייט מיט בעטען און שלאפבאנקען, מ'שלאפט אויף דער פאדלאגע (דיל) און מ'נעמט אויף ברידערליך, מיט שמייכלענדיגע פנים'ער און מיט אפענע ארעמס, די שכנים פון די דערפער. און אט זעה איך זיך שוין אין דער אלטער. קאלטער שוהל, אין מזרח וואנט, לעבען מיין מאמען און באבען. איך קוק ארוים דורך די שפאלטען פון וואנט, פון עזרת נשים צו די מאנסבילען.

די שוהל איז געפאקט מיט אידען אלטע, יונגע. אלע שטייען זיי איינגעהילט אין טליתים. א דריי, פיר אידען שטייען אויף דער בימה, איינגעוויקעלט אין ווייסע קיטלען און טליתים. אין מיטען דער בימה — דער בעל־תקיעה מיט דעם שופר — גרייט צו בלאזען. א הייליגע שטילקייט באהערשט די שוהל. א טיפער ציטער גייט דורך איבער'ן לייב. עס הערט זיך דאס בלאזען פון שופר. די טענער צוטראגען זיך איבער'ן גאנצען שוהל־געסל. עפעס פיהלט זיך אין די טענער פון שופר א השתפכות הנפש, א צובראכענער געמיט פון הונדערטער, הונדערטער גלות־יאהרען, אויסגעמישט מיט א דערנאהענטקייט צו גאט.

און דער שליח־צבור, ר' יאנקל כאדלינער, בעט זיך ביי גאט און שיקט מיט געוויין זיינע תפלות ארויף.

יע, עס וועט זיך קיינמאהל ניט אויסשעפען מיין בענקשאפט צו דיר, מיין שטעטעלע הארадעץ!

יום־כפור

די ימים-טובים פון מיינע קינדער יאהרען זיינען אזוי איינגעווארצעלט אין מיין הארצען און נשמה, אז ווי עס קומט נאר א יום־טוב, הויבען זיך אן פאנאנדערוויקלען אין מיינע זכרונות זעהונגען. איינע נאך די אנדערע פליהען זיי אדורך אין מיין מח, ווי וואלקענדלאך אין הימעל.

עס איז ערב יום־כפור א יאר אדער צוויי נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר זיינען פליכטלינגע, וואוינען אין יעקאטערינאסלאוו. די משפחה געבליבען ניט קיין גרויסע, ווער געשטארבען און ווער פארלארען געגאנגען. די נויט פון יענע הונגער יארען אין רוסלאנד איז געווען גרוים. מען האפט אריינצופאלען אין גורל פון די, וועמען די סאוועטישע רעגירונג שיקט צוריק צו זייער חרוב געווארענע היימען. כאטש מיר איז שווער זיך אפצורייסען, פארלאזען מיין נייער היים אין וועלכער עס האט זיך אנטוויקעלט און איינגעווארצעלט מיין באוואוסטזיין.

וואָס נעהענטער עס ווערט די מעגליכקייט צו פאָהרען צו דער אמת'ער היים — קיין האַראַדעץ, אַלץ שווערער דער געדאַנק אָפּצורייסען זיך פון דער נייער היים, כאָטש די אַלטע היים איז אַזוי טייער און נאָהענט, צו וועלכער די נשמה בענקט אַזוי. אַ מיש-מאַש פון בענקשאַפט, ווייטאָג און עלענד נאָגט דאָס האַרץ. דער נסיון, דוכט זיך, איז גרויס, אָבער עס איז נאָך דאָ גרעסערע נסיונות.

יע, אַ פּאָר טעג פאַר יום־כפּור קריגען מיר אַ ידיעה פון קאָמיסאַריאַט, אַז מיר זאָלען זיין גרייט צו דער רייזע אַהיים צו פאָהרען. אונזער טראַנספּאָרט פליכטלינגע שיקט מען אַרויס פון יעקאַטערינאָסלאַוו אין צוויי טעג אַרום, פּונקט אין דער נאַכט פון כ ל ־ נ ד ר י !

אין הויז ווערט אַ טומעל, מ'איז צורודערט, מ'ווייס ניט וואָס צו טאָן. ניט פאָהרען — איז דער הונגער גרויס, און ווער ווייס אויב עס וועט נאָך געגעבען ווערען אַן אַנדער מעגליכקייט אויף אַרויס צופאָהרען. און אויך די האָפּענונג קיין אַמעריקע צו פאָהרען וואָלט אויסגעלאָשען געוואָרען. און יע פאָהרען — קען זיך דען עמיצער פאָרשטעלען, אַז דער אמת ערליכער איד, מיין אַלטער פרומער זיידע, רב שלום קאַסטרינסקי, זאָל מחלל יום־כפּור זיין?

מיין זיידע, אַ פריילאַכער, אַ לוסטיגער פון נאַטור, אַ שמח-בחלקו'ניק אפילו אין די גרעסטע נויטען, האָט מיט דער לעצטער נויט מער קיין שלום ניט געקענט מאַכען.

אַ וואָלקען באַדעקט זיין שיינעם, קלוגען פּנים. ווי אַ שאָטען גייט מיין זיידע אַרום. און די צייט דערווייל פליהט. עס ווערט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם יום-הדין. מיין זיידע האַלט זיך עצות מיט פריינד און מיט'ן רב. ערב יום־כפּור אין דער פרי קומט מיין זיידע פון שוהל און זאָגט: קינדערלאַך, אייערע לעבענס וועל איך ניט מקריב זיין דורך הונגער. מיר פאָהרען! אונז, דעם זיידענס קינדער, ווערט פריילאַכער אויפ'ן האַרצען פון זיידענס פעסטען באַשלוס.

עס איז ערב יום־כפּור פאַרנאַכט, כל נדרי צייט. מיר זיצען אין באַן אויף יעקאַטערינאָסלאַווער סטאַנציע. דער פראַכט וואַגאָן איז פול מיט פּעק און פּעקלאַך, מיט אידען און קריסטען. קיין שמוץ פעלט אויך ניט. אַ טונקעל ליכטעל באַלויכט דעם וואַגאָן אָן פענסטער. אַ צענדליג אידען שטייען פאַרטרויערט אין אונזער וואַגאָן, וואָס דינט אַלס שוהל. ווער אין טליתים ווער אָן טליתים. זיי שטייען געבויגען אַרום דאָס טונקעל ליכטעל. די געדריקטע שטימונג פרעסט די הערצער און מוחות. און אָט אין דער מורא'דיגער אַט-מאָספערע דערהערט זיך דער טראַדיציאָנעלער, האַרציגער ניגון פון „כל נדרי".

מען שלינגט טרערען, מען שלוקערצט אַרויס אַ געוויין. אָבער מען לאָזט ניט' וויינען קיין אידען. באַלד קומט אַריין אַ סאָלדאַט און, אין מיט'ן כל נדרי, צוטרייבט די מתפּללים צו זייערע וואַגאָנעס, וויל דער באַן פאָהרט באַלד אָפּ. אין וואַגאָן, ביי דער טונקעלער ליכטעל, פאַרבלייבט נאָר מיין זיידע און נאָך אַ פּאָר אידען פון זעלבען וואַגאָן. די קריסט־ליכע שכנים אונזערע זיצען שטיל אין די ווינקעלאַך אויף די פּעקלאַך און באַנעמען זיך מיט גרויס דרך־ארץ צו דעם אידישען גאָט'ס געבעט.

איך קוק אויפ'ן זיידען און איך קען זיין צער ניט צוזעהן. איך מאַך צו מיינע אויגען. און אַזוי זיצענדיג מיט פאַר־מאַכטע אויגען שווימט אַרויס אין מיין זכרון דער ערב יום-כפּור און דער כל־נדרי פון מיין היים האַראַדעץ.

אָט זע איך אידען פון „גאַס", אַלטע, יונגע און קינדער. פרויען, אָנגעטאָן אין ווייסען. אַלע איילען זיך גיין אין שוהל, אין בית־המדרש, צו די חסידים שטיבלאַך, כדי אַריינכאַפּען אַ תפלה, אַ תחינה פאַר כל נדרי.

כמעט יעדער איינציגער טראָגט מיט זיך אַ ליכט, ווער אַ לאַנגע און ווער אַ קליינע ליכט, איינער טראָגט אַ גראָבע און אַ צווייטער אַ דינע ליכטעל. איילענדיג ווינשט מען זיך איינער דעם אַנדערען אַ חתימה־טובה. ברוגז'ע שטעלען זיך אָפּ און בעטען זיך איבער ווינשענדיג איינער דעם אַנדערען אַ גוט יאָהר. די לופט אין גאַס איז, דוכט זיך, פול מיט קדושה.

און אָט איז אונזער אַלטע, אַלטע שוהל, אַרום וועלכער עס טראָגען זיך פאַרשיידענע לעגענדעס. איך זעה די שוהל באַ-לויכטען מיט בליץ-לאָמפּען און מיט צענדליגע און צענדליגע ליכט. אויף דער בימה אין מיטען שוהל שטייט ר' יאנקל כאָדלינער איינגעהילט אין גאַנצען אין ווייסען און זינגט אַרויס מיט אַ זיסען טרויער זיינע תפלות און געבעט. און אָט דערהער איך זיין געוויין ווי ער בעט זיך ביי גאָט: „אל תשליכנו לעת זקנה"! און סתם אידען איינגעהילט אין ווייסע קיטלען און טליתים פילען אָן מיט קדושה און יראת הכבוד די אַלטע הייליגע שוהל.

איך פאַרגעס וואו איך בין — איך געפין זיך אינגאַנצען אין שוהל פון מיינע קינדער יאָהרען.

אַ שטאַרקער טרייסעל ברייננגט מיך צוריק צו דער ווירק־ליכקייט. איך עפען מיינע אויגען — מיר פאָהרען. מיין זיידע שטייט געבויגען איבער דאָס טונקעל ליכטל, וועלכע האַלט שוין ביים אויסגיין.

צער, בענקשאַפט, גלות פון הונדערטער דורות דריקן אויס זיין געזיכט און זיינע אויגען. אָט דעם צער, מיין זיי־דענס, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. אין דער טיפעניש פון מיין נשמה האָב איך זיין ווייטאָג באַהאַלטען און וועל אים טראָגען אין זיך ביז דעם סוף פון מיין „איך".

סוכות

דער זומער איז פאַרגאַנגען. לייכטע ווינטעלאַך צושפּרייטן זיך און צופּען אַרונטער די געלע אָפּגעשוואַכטע בלעטער פון די ביימער, כאַפּען זיי אויף אויף זייערע פליגלען און וואַרפען זיי צו די פיס פון פאַרבייגעהער — עס רוקט זיך דער הערבסט.

פאַרענדיגט האָט זיך דאָס פאַרבייגעהן פון די שניטער מיט די פולע וועגענער תבואה, אָבער אין דער לופטען טראָגט זיך נאָך דער אָפּקלאַנג פון זייער האַרציגען געזאַנג, געזאַנג פון פעלד, שניט און פרייד.

אונזערע אידען האָבען טאַקע ניט דורכגעלעבט דעם פריידיגען געפיהל פון פעלד און שניט, אָבער דעם יום־טוב, דעם יום-טוב פון דער נאַטור פייערען מיר דאָך, מיט אונזער סוכה, אתרוג און לולב.

אויף מאָרגען נאָך יום־כפור. אידען טראָגען אַלטע ברעטער, טישען, לאָדענס. מען הויבט אָן די סוכה צו בויען. איך פלעג שטענדיג מקנא זיין די אייניקלאך און קינדער פון די זיידעס און טאַטעס, וועלכע פלעגען העלפען בויען די סוכה, שלעפען ברעטער, ברייגנען טשוועקעס און דאָס גלייכען.

אין אונזער הויז און אין מיין זיידענס הויז זיינען געווען איינגעבויטע סוכות. מען פלעגט נאָר דאַרפען עס אויפרוימען, אויסוואַשען, באַפּוצען מיט פרוכט, עפענען די פליגלען — און די סוכה איז געווען גרייט מקבל פנים צו זיין דעם חשוב׳ן יום־טוב סוכות. אָבער די צייטווייליגע אויפגעשטעלטע סוכה האָט גאָר אַן אַנדער טעם געהאַט. מיט מיה זי אויפגעשטעלט און מיט הרחבה אין איר געזעסען. די מצוה פון „לישב בסוכה" האָט זיך באמת געפילט אין אָט דער אויפגעקלאַפּ־טער סוכה. אָבער דערפאַר, ווען דער רעגען פלעגט אָנהויבען גיסען אין סוכה אַריין, פלעגט מען אים (דעם רעגען) גלייך אָפּשטעליַן — פאַרמאַכט די פליגלען — און פטור. אין דער אויפגעשטעלטער סוכה פלעגט ווערען אַ געיעג, אַ אייל־עניש — אַראָפּכאַפּען די ליכט , דאָס טישטוך, די קישען און קאָלדרע, זיי זאָלען ניט ווערען צונעצט, און לויפען מיט די אַלע מכ־שירים אין שטוב אַריין; אָבער טאַקע אין דעם לויפען איז געלעגען אַ אידישער חן . . .

און ווער געדענקט עס ניט דעם פאַרגעניגען פון חול־המועד. דאָס פאָהרען צו געסט אָדער מקבל־פנים זיין געסט. אונזער סטאַנציע האָט אויפגעלעבט חול־המועד; קאַזניאַ (רעגירונג) איז ממש רייך געוואָרען פון די אידישע חול־המועד פאָרערס. דער קלימאַקס פון פרייד און פאַרגעניגען פון יום־טוב איז געקומען ערשט מיט׳ן לעצטען טאָג סוכות — שמחת־תורה.

ביי מיין זיידען אין שטוב איז פריילאך. עס שטייען טישען געגרייט מיט וויין, טאָרט, ניס, צוקערקעס און פרוכט. דאָס האָט מיין זיידע, דער גבאי פון „חברה קדישא", פאַר־בעטען דאָס שטעטעל צו אַ שמחת־תורה קדוש.

מען טרינקט, מען זינגט און מען טאַנצט. און אָט פיהרט מען שוין דעם גבאי אין דער אַלטער שוהל. די „גאַס" איז באַלויכטען מיט צענדליגע ליכט, וואָס ווערען אַרויפ־געשטעלט אויף די פענסטער און גאַניקעס אין דער גאַנצער לענג פון קאברינער גאַס, ביז צו דער שוהל. קינדער טראָגען באַנירען (פאָנען) מיט געצונדענע ליכט אין דער הויך — ממש אַן אילומינאַציע. מען זינגט דורך פאַפּירענע טרובעס מען פויקט אין קופּערנע טעצלאך און פענדלאך. אַ גערויש פון קולות, קלינגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. אונטער די טענער פון געזאַנג צופלאַקערט זיך אַ שמחת־תורה טאַנץ מיט׳ן גבאי און דערמיט.

און אין שוהל — אַ ליכטיגקייט פון בליץ־לאָמפּען און ליכט פאַרבלענדעט די אויגען. מען טאַנצט ווידער, מען טאַנצט אַרום די ספרי־תורה׳ס, וועלכע געהן איבער פון האַנט־צו-האַנט און מען קושט זיי.

אָ, ווי די קאַלטע שוהל האָט עס געוואַרעמט די הערצער פון אידישע קינדער!

איצט — די סוכה פאַרברענט, דער געזאַנג פאַרשטומט און דער טאַנץ פאַרענדיגט.

אַ בענקענדיגע נאָגעניש צוקט דאָס האַרץ. . .

חנוכה

ס׳איז חנוכה. איך קוק אויף דעם חנוכה־לאָמפּ מיט די ברענעדיגע ליכטלעך און אַ בענקשאַפט נאָגט דאָס האַרץ.

עס בענקט זיך נאָך די קינדער־יאָרן, נאָך דער היים, וועלכע איז אזוי איינגעבאַקן אין אונזערע הערצער און וועלכע איז חרוב און טויט אויף אייביג, אָבער וועלכע לעבט מיט אונז —אין אונזערע נשמות און אונזערע געדאַנקען. עס בענקט זיך נאָך די ליבע געזיכטער, וועלכע זיינען אַוועק פון אונז אין דער אייביגקזט מיט אַ נאַטירליכן גאַנג און נאָך מער בענקט זיך נאָך די, וועלכע זיינען ברוטאַל פאַר־פייניגט געוואָרן און וועלן שוין קיינמאָל מער ניט זיין מיט אונז. עס בענקט זיך נאָך די היימישע יום-טוב׳דיקייט פון אפילו יעדן קליינעם יום־טוב.

איך הויב זיך אויף אויף די פליגל פון זכרונות און פלי צו מיין פאַרגאַנגענהייט, צו מיינע קינדער־יאָרן. און אָט בין איך אין דער היים, צוריק אין מיין שטעטעלע האראדעץ.

אינדרויסן איז קאַלט — דער פראָסט „ברענט." די „גאַס", דער „מאַרק", דער טייך און די פעלדער אַרום — ביז׳ן האָריזאָנט, זיינען איינגעהילט אין אַ שניי־ווייס טוך. ביי־מער — ווייס, דעכער ווייס, אַלץ, אַלץ ווייס, אַחוץ דער טונקל-גרויער רויך, וועלכער שלענגלט זיך איבער די ווייס־קייט.

אָט זיץ איך אין חדר ביי חנא׳ן. ער דערציילט אונז די מעשה פון חנוכה און פון דעם אויפשטאַנד פון די גרויסע פירער, די חשמונאים. די מעשה וועגן חנה׳ן און אירע זיבן זין — רירט אונז, קינדער, ביז טרערן. דער רבי ענ־דיגט דערציילן די חנוכה־געשיכטע און לכבוד דעם ליכטיגן יום־טוב, שיקט ער אונז אהיים פריער ווי אַלעמאָל.

איינגעהילט אין מאַנטלען, שאַלן און טיכלעך, לויפן די קינדער אהיים. איך גיי ניט אהיים, איך לויף צו מיין זיידן, וואו מיין גוטע מאַמע, מיינע שוועסטער און ברודער וואַרטן אויף מיר. איך לויף — און דער שניי סקריפּעט אונטער מיינע פיס, דער פראָסט קניפּט דעם נאָז און די אויערן.

איך לויף אָן אַן אָטעם, און אָט איז מיין זיידענ׳ס שטוב. דער זיידע, די באָבע, די מאַמע און דאָס גאַנצע הויז־געזינד איז דאָ. מיין זיידע וואַרט אויף מיר מיט בענשן די חנוכה-ליכט.

דער חנוכה־לאָמפּ — אויפ׳ן פענסטער. דער זיידע צינדט דעם שמש, זינגט די ברכות מיט אַ האַרציגן, זיסן קול, און די ערשטע חנוכה־ליכטל איז געצונדן.

די קנייטלעך פון די חנוכה־לאָמפּן אויף די פענסטער פון די הייזער באַלויכטן די גאַס אַרום, און וואַרעמען די נשמות פון קינדער. איך שטיי און קוק אויף דאָס ברענענ־דיג ליכטל און פאַר מיינע אויגן מאַרשירן פאַרביי חנה מיט אירע זיבן זין, וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס כדי ניט צו פעלשן אין זייער גלויבן און אין זייער פאָלק. אָט זע איך מתתיהו הכהן, יהודה המכבי מיט זיין חייל, און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס חנוכה־ליכטל איז גאָר אַ יאָר־צייט־ליכט נאָך די געפאַלענע גבורים. איך קוק און קוק — קען זיך ניט אָפּרייסן פון דער חנוכה־ליכטל. — ביז אַ וואַרעמע, ליבע האַנט רירט מיך אָן. עס דערוועקט מיך צו דערווירקלעכקייט — און מיין זיידע זאָגט: „מיין קינד, אָט האָסטו חנוכה־געלט.” אויף געשווינד פאַרגעס איך אָן חנה מיט אירע זין, אָן די חשמונאים. איך כאַפּ די חנוכה־געלט, נעם אַרום מיין זיידן און קוש אים מיט מיין גאַנצן קינדערשן כוח. איך כאַפּ אַרויס פון קעשענע מיין ציינערנע דריידל, וואָס מיין ברודער משה האָט אויסגעפורעמט פאַר מיר, און די דריידל־שפּיל פאַנגט זיך אָן.

און שפּילן, שפּילן מיר דווקא מיט קנעפּלעך, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעריסן פון די אייגענע קליידלעך, הויזן, מאַנטלען און בלוזקעס. מיטאַמאָל — אַהאַ, עס דערגרייכט צו אונזערע נעזער דער ריח פון געפּרעגלטע קאַרטאָפּעל לאַטקעס. אויף געשווינד רעכענען מיר זיך אָפּ מיט אונזערע קנעפּלעך פאַרדינסטן און זעצן זיך וואַרטן אויף די לאַטקעס.

עס נעמט ניט לאַנג — און די באָבע איז ביים טיש מיט אַ פולע שיסל לאַטקעס. אין הויז ווערט פריילעכער: מען עסט לאַטקעס, מען שפּילט אין קאַרטן, אין דאַמקע און קינדער באַנייען דאָס דריידל־שפּיל.

און — דאָס חנוכה־ליכטל צאַנקט און צאַנקט ביז עס גייט אויס . .

איצט, ווען איך קוק אויף די ברענענדיגע חנוכה־ליכט־לעך — זע איך דעם אויפשטאַנד פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין די געטאָס. און זע אונזערע קדושים איינגע־הילט אין פלאַם־פייער אין די קאַלך־אויוונס און הער, דוכט, זיך, זייער לעצטן געשריי:

„שמע ישראל!”

יאָ, איך קוק אויף די חנוכה ליכטעלעך און זע יאָרצייט־ליכט נאָך אונזערע קדושים און טייערסטע.

חמשה עשר בשבט

(דער ראש־השנה פון די ביימער)

ס׳רוישט דער וואַלד אום ראש־השנה
מורמעלט תפילות מיט כוונה.
ביימער איינגעהילט אין שניי —
אין טליתים שטייען זיי.

ניט קיין וואַלד נאָר זע — אַ שול,
און מיט קדושה איז זי פול.
און דער אַלטער בוים פון קהלה
איז דער חזן, דער בעל־תפלה.

און דער ווינט — הער זיך צו:
בלאָזט דעם שופר — טרו־רו־רו.
און די ביימער בעטן גאָט
ער זאָל טאָן מיט זיי גענאָד.

מיט אַ גוטען יאָר זיי בענשען:
פּירות זיסע פאַר די מענשען.
שטיל געבויגען שטייען זיי.
אין דרויסען פאַלט אַ ווייכער שניי.

פורים

ס'איז סוף ווינטער. די זון וואַרעמט שטאַרקער. די טעג ווערן ביסלעכווייז לענגער און לענגער. און די האַרטע, פאַרפראָרענע ערד הויבט זיך אָן אויסשיילן פון איר פאַר־גליווערטקייט. די וואַסערן פון די צוגאַנגענע שניי און אייז לויפן אין די גראָבנס, און פון די גראָבנס גלייך אין די „פריקאַנאַלקעס" אריין. אָבער גענוג וואַסער פאַרבלייבט נאָך אויפ'ן פלאַך פון דער ערד. און פון פראָצעס פון אויס־מישונג — וואַסער און ערד — ווערט געבאָרן אַ פרישע ווייכע ב ל אָ ט ע. אָבער די בלאָטע קימערט קיינעם ניט.

דאַרף מען גיין פון איין הויז צו דער צווייטער — לייגט מען אוועק אַ ברעטל, אַ צוברעכענעם לאָדן אָדער עטלעכע ציגל, און מען גייט אַריבער, אָדער מען שפרינגט אַריבער, און מען איז שוין אויף יענער זייט. פאַר קינדער איז עס ממש אַ פאַרגעניגען. מען דאַרף זיך שוין אַזוי ניט טוליען צום אויוון. די זון שמייכלט צו זיי און די ליוזשקעס וואַסער ווינקען, זיי זאָלן ארויס אין גאַס און זיך שפּילן אין דער פריי. אין דער לופט פילט זיך דער אָנפאַנג פון פרילינג.

און אָט איז פורים.

אסתר־תענית פילט זיך שוין יום־טוב'דיג אין שטעטל. פון דאָ און דאָרט שמעקט שוין פרישע געבעקס: המן־טאַשן, פורים-קוכנס, לעקעך, טאָרטן, פלאַדנס און שטרודלס. און קינדער האָבן ווידער אַ שמחה. מען גיט אַ לעק פון איין שיסל, פון אַ צווייטער, מען פאַרזוכט די אָפּגעשניטענע ברעגעס פון פלאָדן, און מען וואַרט מיט אומגעדולד צו גיין צו דער מגילה, צו „פאַרטויבן" המנ'ען מיט די גראַגערס.

דער בית־המדרש, די קאַרלינער און קאָברינער שטיב־לעך נעמען אריין צו דער מגילה, כמעט די גאַנצע באַפעל־קערונג פון האראדעץ. און די גראַגערס אַרבעטן גאַנץ געשמאַק.

דער הויפּט יום־טוב קומט, אָבער, ערשט מיט דער סעודה. אַ פּאָר שטונדן נאָך פאַר דער סעודה, זעט מען שוין אין גאַס טראָגן איבערגעדעקטע טעלערלאַך, דאָס זיינען די שלח־מנות טרעגער. ווען איך פלעג דערזען דורכ'ן פענסטער אַ ווייס־צוגעדעקט טעלערל, פלעג איך פּשוט פילן ווי אַרויסצו־לויפן און אַראָפּרייסן דעם צודעק און אַ קוק טאָן: וואָס טוט זיך עפּעס דאָרט, דאָרט, אין טעלערל? הייגט, אַז דער שלח־מנה טרעגער פלעגט זיך אריינרוקן מיט'ן טעלערל צו אונז אין הויז, פלעג איך שוין גאָרניט וואַרטן אויף דער מאַמע'ן זי זאָל עס צונעמען.

דערזען אין טעלער אַ צוקערקע אין פורעם פון אַ פערדעלע, אַ ליאַלקע אָדער אַ פייגעלע — פלעג איך עס גלייך צונעמען און ניט געוואָלט אָפּגעבן צוריק. פלעגט שוין דערפאַר דער מאַמע'ן די שלח־מנה טייער קאָסטן, ווייל אנשטאַט דאָס פייגעלע פלעגט זי ארויפלייגן אַ צוויי־דריי גרויסע מאַרמעלאַדנע צוקערקעס, און אנשטאַט אַ ליאַלקעלע — אַ גרויס שטיק שטרודל, און אנשטאַט דאָס פערדעלע — אַן עפּל, און פלעגט דערביי אַראָפּנעמען דעם ציטרין (לעמאָן) און ארויפלייגן אַן אַפּעלסין (אַפּעלסינען זיינען געווען אַ סך חשוב'ער אין האראדעץ ווי ציטרינען). באַצאָלט דעם שלח־מנה טרעגער פאַר'ן גאַנג און — צוריקשיקן די געביטענע שלח־מנה.

און אָט איז שוין פאַרנאַכט.

אַ לאַנגער, לאַנגער טיש איז געגרייט אין עס-צימער ביי מיין זיידן אין הויז.

אַ הויך געוואָקסענער קוכן באַשיינט דעם אויבן־אָן פון טיש. ליכט ברענען אין די אויסגעפּוצטע מעשענע לייכ־טער. פלעשלאַך ווין און גלעזלאַך אַרום די פלעשלאַך. קרובים, פריינד זיינען געלאַדן צו דער סעודה. עס פילט זיך ווידער יום־טוב'דיג. די געמאַראַנירטע הערינג מיט דעם פורים־קוכן האָבן אַלע טעמים, אָבער ווי קען מען איינזיצן ביים טיש און עסן, אַז יעדע ווײַלע קומען אריין שלח־מנות און מען מוז אַריינקוקן אין די טעלערלאַך און טאַקע אַראָפּכאַפּן אַ נאַש. אַז מיין באָבע ווערט שוין נע־בעך מיד צו בייטן די שלח־מנות — נעמט זי די שלח־מנה, וואָס מאַטיע קאַרלינסקי האָט געשיקט און שיקט אַוועק צום רב, און דעם רב'ס שלח־מנה שיקט זי צוריק צו קאַרלינסקי'ן. דעם פעטער חיים'ס שלח-מנה שיקט זי צו דעם פעטער אהרן יאָסל, און דעם פעטער אהרן יאָסל'ס שיקט זי צו דעם פע־טער מאָטיע'ן, און דעם פעטער מאַטיע'ס צו דער מומע מינדל און אַזוי בייט זי איבער דעם שלח־מנות פון איין טעלער אויפ'ן צווייטן און שיקט זיי אָפּ און דערלייגט ניט בשעת מעשה קיין פיצל לעקאַך . . . מיין באָבע איז געווען פיל שפּאָרזאַמער פון מיין מאַמע'ן.

און אָט, אינמיטן פון די בייטענישן קומען אריין פורים־שפּילער, אויסגעפּוצט אין מעשענע קנעפּ און מיט סאַזשע־פאַרשמירטע פּנים'ער. זיי שטעלן זיך אַוועק און שפּילן אָפּ די מעשה פון פורים, פון אָנהויב ביז'ן סוף. אַ שרעק פלעגט אָנוואַרפן אויף מיר דער רויטער המן. עס שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן המן הרשע מיט די גלאַנצנדיגע קנעפּ און פון סאַזשע נעדרייטע וואָנצעס און אין רויטן היטל.

טראַכטענדיג פון די המנ'ס, די פורים־שפּילער פון מיינע קינדער־יאָרן, שיילט זיך אויס אין מיין געדאַנק די צענדליגע המנ'ס, די פייניגער פון מיין פאָלק, און פון מיינע נאָענטסטע. אָ, וואו נעמט מען אַזאַ זיפּץ, וואָס זאָל פאַרגרינגערן דעם צער פון האַרצן!

פסח

פון דוד קאַפּלאַן

ווי נאָר דער פּורים איז אַריבער,, איז געוואָרען פרעהלאך אין האָראָדעץ. מען האָט זיך גלייך גענומען גרייטען צום פּסח. מען דאַרף דאָך מצה אויף פּסח! זיינען געווען שוואלניעס אין „מאַרק" און אין „גאַס". מ׳האָט ארויסגענומען די מעבעל פון די דאָזיגע הייזער, אריינגעשטעלט גרויסע טישען און אַנדערע כלים, וואָס געהערען צו אַ שוואלניע. מערסטענס איז די ארבייט געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע: יעדער איינער האָט געהאָלפען דעם צווייטען באַקען די מצות. וועלגערען די מצות האָבען אלע געקענט, דאָס איז געווען די ווייבערשע מלאכה, אָבער רעדלען — דאָס האָבען געקענט בלויז איינציגע מענער. עס איז געווען אַ כבוד צו רעדלען די מצות. איך אליין האָב אויך זוכה געווען רעדלען אין ישראל יאנקעל׳ס שוואלניע. דאָס איז געשעהן אַ דאַנק די גרויסע אינגלאך, וועלכע האָבען מיר געגעבען אַ געלעגענהייט. אַז די מצות זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָט מען זיי גלייך אַריינגעלייגט אין אַ גרויסער באָדניע (אַזאַ פאַס), פאַרשלאָסען ביז פּסח. קיינער האָט זיך ניט געטאָרט צוריהרען צו די מצות, ווייל מען האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ניט זיין גענוג אויף פּסח. קויפען אַנדערע מצות האָט מען דאָך ניט געקענט, און באַקען אויך ניט. אלע ווייבער זיינען געווען פאַרנומען, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. אין יעדען הויז פלעגט ברענען פייער אַ גאַנצע נאַכט, מען האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט פאַרשלאָפען אויפצושטיין באַקען די מצות.

און וואָס איז מכוח אויסקאַלכען די שטוב? און ווער וועט אָפּסקראבען און אָפּשייערען די בענק, שלאָפבענק און אַנדערע הויז־כלים? בקיצור, די ווייבער זיינען געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט. עפּעס אַ קליינינקייט? דער פרעהליכער פּסח קומט!

קינדער זיינען אויך געווען פאַרנומען: מען דאַרף דאָך העלפען דער מאַמען, ווער מיט דערלאַנגען דעם דערקאַטש (אַן אָפּגעריבענעם בעזים) און ווער מיט דערלאַנגען די קאַלך, אָדער גאָר אַראָפּנעמען די פּסח׳דיגע געפעס פון בוידעם. שוין גלייך נאָך פּורים האָבען מיר אָנגעהויבען אָפּריכטען גלות. מ׳האָט אַרויסגעוואָרפען די בענקלאך, טישען און שלאָפבענק אין גאָרטען, און אין מיטען שטוב האָט מען אריינגעשטעלט אַ פאַס, אויף דער פאַס אַ ברעט — דאָס איז געווען אַ טיש. און שלאָפען? — ווער אויף דער פאָדלאָגע, ווער אויפ׳ן אויווען. דאָס עסען איז אויך ניט געווען אזוי אַי־אַי, דערפאַר זיינען געווען אַנדערע גוטע זאכען, ווי אַ באַלוינונג: מען איז געלאָפען צום שניידער אָנמעסטען דעם גראַניטור, און צום שוסטער אָנמעסטען די נייע שיך.

גאָט צו דאַנקען, מ׳האָט שוין דערלעבט ערב פּסח. מ׳געהט ניט אין חדר. מען איז אַ פרייער פויגעל, מען קען געהן וואוהין מען וויל און ווען מען וויל. די שטוב איז ריין, ציכטיג, אויסגעקאַלכט, אויף דער פאָדלאָגע איז אויסגעשאָטען געלער זאַמד און מען גרייט זיך שוין צום סדר. ס׳איז עפּעס פרעהלאך אויפ׳ן האַרצען און אויך אין קעשענע (ווייל זיי זיינען אָנגעפילט מיט ניס). מען איז אָנגעטאָן אין אַ נייעם גראַניטור און אויף די פיס נייע שיך אָדער שטיוועל. אמת, טאַקע, ס׳האָט געקוועטשט אַביסעל אין די פינגער, אָבער דער שוסטער האָט געזאָגט: ביז איבער פּסח וועט זיך איינגעהן. נו, מען דאַרף אים גלויבען . . .

פּסח נאָכ׳ן יום׳טוב׳דיגען מיטאָג האָט זיך די יונגוואַרג ארויסגעלאָזען אויפ׳ן שאָסיי. אלע האָבען שטאָלצירט מיט זייערע נייע גראַניטורען און מיט די פולע קעשענעס ניס. ווי נאַר מען איז אַוועק אַביסעל ווייטער פון שטעטעל, האָבען זיך אלע גענומען צום קנאַקען די ניס. יעדער איינער איז געווען פרעהליך און מונטער.

חול־המועד האָבען זיך די מלמדים גענומען צום צוזאַמענשטעלען זייערע חדרים פאַר׳ן זומער. יעדער מלמד האָט זיך באַמיהט אויסצוזעהן שעהנער. ער האָט פאַרקעמט די באָרד, פאַרדרעהט די וואָנצעס און מיט אַ שעהנעם שטעקען אין האַנט איז ער געגאַנגען אין די הייזער צונויפקלייבען זיינע תלמידים. פאַר די אינגלעך איז דער וויזיט ניט געווען אזוי אַנגענעהם, ווייל ווען דער מלמד איז געקומען אין שטוב האָט מען זיי פאַרהערט, און ניט אלע האָבען געוואוסט און געדענקט וואָס זיי האָבען געלערענט. נאָר דער מלמד האָט זיך שוין אַ עצה געגעבען, ס׳זאָל אויסקומען אַז דער אינגעל וויים. ער האָט אים דאָך געדאַרפט האָבען אין חדר פאַר׳ן זומער! די אינגלעך האָבען קוים דערלעבט אַז דער מלמד זאָל שוין אַוועקגעהן. דאַן האָבען זיך אלע אינגלעך צוזאַמענגענומען און אַוועק צום וואָקזאַל. דאָס איז געווען אַן האָראָדעצער מנהג משנים קדמוניות, אַז חול המועד געהט מען צום וואָקזאַל. אלע צוזאַמען זיינען געגאַנגען פון באַן צוריק אין שטעטעל און געזונגען. מיט איין וואָרט, עס איז געווען לעבעדיג און לוסטיג.

אזוי ווי דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבען אַוועקרוקען איז געוואָרען קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען. מען האָט באַדאַרפט צוריקגעהן אין חדר, און דאָס האָט קיינער ניט ליב געהאַט. אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן? אזוי האָט עס געמוזט זיין! דערפאַר האָבען מיר אָבער געהאַט אַ שטיקעל קאָמפּענסאציע: מ׳האָט געהאָלפען ארויפטראָגען די פּסח׳דיגע כלים אויפ׳ן בוידעם און ס׳איז געווען נאָך אַ המשך פון פּסח.

וואו נעמט מען אַ האָראָדעצער פּסח?

ל״ג בעומר

(„חדר״-יאָהרען)

פון שלמה גרעין

אַ יום־טוב איז געגליכען צו אַ מענשען: ער בייט זיך, ער ווערט באַווירקט פון אומגעבונג און צייט. יעדער יום־טוב האָט אויך זיין לאָקאַלען כאַראַקטער און קאָלאָריט.

ל״ג בעומר אין האָראָדעיי, דערציילט מען, איז אַמאָל געווען גאָר אַנדערש ווי אין מיינע „חדר״-יאָהרען, וועלכע זיינען אויסגעפאַלען אין די צוואַנציגער יאָהרען פון היינטיגען יאָהרהונדערט. אַמאָל, דערציילט מען, פלעגען די „חדר״-אינגלאך מאַכען פייל און בויגען און אַרויסגיין אויף מלחמה איין חדר אויף אַ צווייטען, מיט גענעראַלען, פעלד־מאַרשאַלען און אַלע קלאַפּערגעצייג פון אַן אַרמיי. אין מיינע „חדר״-יאָהרען, זעהט אויס, זיינען די האָראָדעצער אינגלאך שוין געווען זאַט פון מלחמות. זיי האָבען זיך שוין אָנגעזעהן די מלחמות צווישען דייטש און רוס, פּעטלורצעס, באַלאַכאָוועס, פּאָזנאַנטשיקעס, האַלערטשיקעס און צום סוף די רוסיש־פּוילישע מלחמה. נו, האָבען די האָראָדעצער אינגלאך געזאָגט: גענוג מלחמות!

מ׳גיט אויך איבער, אַז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגט מען ל״ג-בעומר עסען מילכיגס, ווי קעז, און אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער פלעגט מען אַרונטערלאָזען די לאַדענס און עסען בלינצעס . . . וואָס עפּעס אַרונטערלאָזען די לאָדענס? — דאָס איז אַנטקעגען דעם אַז מ׳זאָל ניט באַרעדען.

פאַרוואָס האָט מען געגעסען מילכיגס? דאָס איז ניט מיין פאַך. אויף דעם איז אַ מומחה צו ענטפערען דער רעד־דאַקטאָר, ע. בן־עזרא, ער איז זיך מתעסק מיט פאָלקלאָר — זאָל ער פאַרענטפערען אָט די הארבע קשיא *).

ווען דאָס סטאָלינער „שטיבל״ איז געשטאַנען, פלעגען דאָרטען די סטאָלינער חסידים מאַכען אַן אמת׳ע סעודה מיט פיש און פלייש, ס׳איז דאָך עפּעס די הילולא פון ר׳ שמעון בר יוחאי און די „חדר״ אינגלאך פון די סטאָלינער מלמדים פלעגען אָפּלעקען אַ ביינדעל . . .

נאָך אַ סימן איז געווען אַז דער ל״ג-בעומר איז שוין דאָ: גאַנץ פרי פלעגט זיך באַווייזען אַן אַנטיפּאָליער שערער, וועלכער פלעגט קומען פון דער נאָהענטער שטעטל אָפּצושערען די האָראָדעצער אידען, וועלכע האָבען זיך ניט געשאָרען אין די ספירה טעג, צווישען נאָך פסח און ל״ג-בעומר. אין מיינע צייטען איז דער סימן שוין פאַרשוואונדען געוואָרען. אנשטאָט דעם אַנטיפּאָליער שערער פלעגען מיר ערוואַרטען אַ מחנה אנטיפּאָליער תלמוד־תורה אינגלאך, וועלכע פלעגען קומען צו פוס יעדען ל״ג-בעומר קיין האָראָדעץ.

מיר „חדר״-אינגלאך, האָבען אויסגעקוקט אויף דעם טאָג אַ גאַנץ יאָהר. אין דעם דאָזיגען טאָג האָבען מיר זיך געפילט מונטערער, לעבעדיגער און שטאַרקער: מיר האָבען שוין ניט מורא געהאַט פאַר די האָראָדעצער שקצים. מיר זיינען דאָך עפּעס פיל מעהר אין צאָל!

אויסער וואָס מיר האָבען זיך געפילט פריי און שטאָלץ קעגען די שקצים — זיינען מיר געווען פריי ביי זיך אַליין: ערשטענס, מ׳לערנט ניט אין „חדר״. צווייטענס, מיר קענען טאָן וואָס מיר ווילען. ס׳איז ניטאָ קיין „טאָרניט״ ווי אין אַן אַנדער יום־טוב. מיר האָבען זיך ערלויבט דעם פאַרגעניגען פון באָדען זיך אין האָראָדעצער טייך, און טאַקע צוזאַמען מיט די אַנטיפּאָליער אינגלאך, וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען פאַר דעם צוועק.

צוליב די דאָזיקע געסט פלעגען מיר אויפשטיין גאַנץ פרי, ווען די בהמות געהען אויף פּאַשע. דאָס אַליין איז שוין געווען אַן איבערלעבעניש! ווען פלעגט אַ אינגעל זעהן ווי דער פּאַסטוך געהט פון שטוב צו שטוב טרייבען די בהמות אין פעלד אַריין?

די „גאַסער״ אינגלאך האָבען זיך אַרויסגעלאָזט מיט פייל און בויגען אין די הענט. און טאַקע אַזוי מאַרשירענדיג איבער׳ן הילצערנעם בריק האָבען זיי געפּרואווט שיסען אין די קראָען, וועלכע פלעגען האָבען זייערע נעסטען אויף אַן אַלטען דעמב, וואָס איז, לויט אונזער קינדער׳שער פאַנטאַזיע, געשטאַנען פון ששת ימי בראשית.

דער פאַרזאַמלונגס־פּונקט איז געווען ביי דער „פּאַזשאַרנע״ אויפ׳ן „מאַרק״. דאָרטען פלעגען אויך קומען די „גאַסער״ אינגלאך. מ׳פלעגט זיך אויסשטעלען אַזוי ווי דער אָרקעסטער פון דער קאָברינער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע״, וועלכער פלעגט קומען אַלע יאָהר דעם „דריטען מאַי״ קיין האָראָדעץ.

אין די הענט האָט מען געהאַלטען בלעכען, טאַצען און פייפלאך, געמאַכט פון לאָזע און מ׳האָט מאַרשירט מיט אַ פּוילישען מאַרש פון איין עק שטעטל ביז׳ן אַנדערען, ביז מיר האָבען אַריינגעמאַרשירט אין דער גאַסל, וואו ס׳איז אַמאָל געווען דער פּוילישער קלויסטער. וואָס עפּעס אין יענער געסל?

*) עס איז גאָר פשוט בתכלית הפשטות:

ל״ג־בעומר פאַלט אויס אין פרילינג, ווען ס׳איז דאָ גענוג מילך. ווייל וועלכער האָראָדעצער איד האָט עס ניט געהאַט אַ בהמה? און מ׳מאַכט בלינצעס צוליב יום־טובי־דיגקייט.

רעד.

מ׳האָט געזאָגט אַז דאָרטען געפינט זיך אַ משומדת, און ווי ס׳זעהט אויס, איז דאָס געווען אַן אינסטינקטיווער פּראָטעסט קעגען אָט דער משומדת.

אַרויסגעגאַנגען פון געסל האָבען מיר זיך גענומען מאַרשירען צום אַנטיפּאָליער וועג, מקבל פּנים זיין אונזערע געסט. מיר פלעגען זיך אָפּשטעלען אין אַ קליין וועלדל ניט ווייט פון די „מאָגילקעס" (גוי׳אישער בית־עולם). דאָס איז געווען אין זכות פון ל״ג בעומר וואָס מיר זיינען אַרום אַזוי ווייט אַזש נעבען די „מאָגילקעס" וואו ס׳געפינען זיך „ניט־גוטע", סיי טויטע און סיי לעבעדיגע . . . .

מיר האָבען זיך צולייגט אויפ׳ן גראָז און געוואַרט אויף די אָנקומענדיגע געסט. און אַזוי ליגענדיג פלעגט אונז הערשל יעקב מאיר׳ס דערציילען וואונדערבארע געשיכטעס וועגען אידישע העלדען.

אָבער ניט אַלע האָבען געהאַט גערולד זיך צוצוהערען צו אַלע מעשיות פון די אידישע גבורים. אַנדערע האָבען אַליין געוואָלט זיין גבורים. נו, וואָס טוט מען? מ׳לאָזט זיך אַרויס איבערשרעקען די בושאַנעס. מ׳דערזעהט אַ בושאַן, שרייט מען: „בושאַן, בושאַן, פּאָזשאַר!" און דער בושאַן הויבט טאַקע אויף די לאַנגע פיס מיט די ווייסע פליגעל און פליהט אַוועק.

אַנדערע פלעגען זיך לאָזען מיט פייל און בויגען גיין שיסען פייגעלאך און קליינע וואַלד חיה׳לאך.

און דאָ הויבט מען שוין אָן זעהן די מחנה תלמוד־תורה אינגלאַך פון אַנטיפּאָליע. ממש אַן אַרמיי: היטעלאַך מיט „מגן־דוד׳ס", רוק־זעק אויף די פּלייצעס, און מאַרשירט האָבען זיי ווי אמת׳ע סאָלדאַטען. לויט זייער גאַנג און קוק האָבען זיי זיך געפילט גאַנץ שטאָלץ לגבי די האָראָדעצער „חדר" אינגלאַך. מיר האָבען זיי געלאָזט גיין פאָראויס און מאַרשירט נאָך זיי, ביז מיר זיינען געקומען צו איציקל׳ס סאָד. זיי האָבען זיך צוזעצט און גענומען זיך אָפּ׳חיה׳ן מיט די אַלע גוטע זאַכען וואָס זיי האָבען געבראַכט פון אַנטיפּאָליע. מיר האָבען געקוקט מיט קנאה און געשוויגען. דערפאַר האָבען מיר זיך נוקם געווען אין די אַנטיפּאָליער אינגלאַך ווען מיר זיינען צוגעקומען צום טייך. דאָרטען האָבען מיר זיי שוין געוויזען וואָס מיר, האָראָדעצער אינגלאַך, קאָנען אויפטאָן אין טייך.

מיר האָבען זיי געוויזען אַזעלכע קונצען וואָס זיי האָבען אויף זייער לעבען ניט געזעהן, ווייל אין אַנטיפּאָליע איז קיין טייך ניטאָ. מיר האָבען געשוואומען שטייענדיג, געליגט „קלאַפּטער", געשפּרונגען אין טייך אַריין און נאָך און נאָך.

ס׳איז געווען אַ טאָג פון גבורה און אונערשראָקענהייט און אַ גאַנץ יאָהר האָבען מיר געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם דאָזיגען טאָג ל״ג־בעומר.

שבועות

פון צביה גרינגלאַז

קומט שבת און יום־טוב — וואַכט אויף בולט׳ער אין מיין זכרון די בילדער פון מיין קינדהייט. זיי שטייען לעבענדיג פאַר מיינע אויגען, זיי שטייען אויף תחית־המתים.

ניט נאָר מענטשען, נאָר אויך ימים־טובים האָבען, קענטיג, זייערע מזלות, און דער מזל׳דיגסטער יום־טוב פון אַלע איז, דוכט זיך מיר, שבועות. (כאָטש פסח קען זיך אויך גאָר ניט באַקלאָגען אויף זיין מזל). אדרבא, וועלכער נאָך אַ יום־טוב פאַלט אויס אין מיטען בליהען און גרינען ווי דער יום־טוב שבועות?

יונגע, פרישע גראָזען באַשפּראָצען די הייפען, גערטענדלאך און סעדעלאך אַרום. די ביימער נעבען די הייזער צושפּרייטען גאוה׳דיג זייערע פליגעל־צווייגען, באַגרינען די געסלאַך און באַפּוצען די נידעריגע הייזלאַך.

די זאַמד אונטער די פיס איז ווייך און טרוקען, קיין שפּור מער פון בלאָטעס; דער הימעל — בלוי, קלאָר, אַזש דורכזיכטיג. די צוויי פריקאַנאַלקעס (זייטיגע טייכלאַך) וועלכע ציהען זיך פּאַראַלעל פון ביידע זייטען טייך, זיינען באַדעקט מיט הויכע, גרינע טשעראָט און פּליסניאַק (גראָזען אַזעלכע) און מיט פאַרשידענע וואַסער־בלומען און בלימעלאַך. און אָט וואַקסען אַרויס פאַר מיינע אויגען די העלבלויע, זייער באַשיידענע פעלד־בלומעלאַך די „ניעזאַבודקעס" (פאַרגעס מיך ניט).

וואָס וואָלט איך ניט אָפּגעגעבען, ווען איך זאָל נאָך אַמאָל קענען אַ קראַנץ פלעכטען פון אָט די בלומעלאַך פון די פעלדער אַרום מיין שטעדטל.

מיר, קינדער, האָבען זעהר געהאַלטען פון דעם מנהג צו באַפּוצען די הייזער מיט ביימער־צווייגען, גראָזען און בלומען לכבוד דעם יום־טוב שבועות. האָבען זיך קינדער אויסגעטאָן באָרוועס און גרופּענווייז געגאַנגען „חרוב" מאַכען די פריקאַנאַלקעס. פאַרהויבענדיג די קליידלאַך און פאַרקאַטשענדיג די הייזלאַך פלעגען מיר מיט סכנת־נפשות בראָדזשען (קריכען) אין די מוטנע וואַסערען פון פריקאַנאַלעק, אויפכאַפּען אַ בלימעל, עס אַרויסרייסען און מיט עטליכע שעה שפּעטער פלעגען מיר זיך לאָזען אַ היים מיט גרויסע בוקעטען

בלומען, גרעסער פון זיך אַליין. געקומען אַהיים, צוטיילט די בלומען אין בלומענטעפּלאַך, סלויען, פלעשער און גלעזער — נאָך זייער גרויס נאָך, עס אַוועקגעשטעלט אויף די פענסטער און טישען. און ווי באַשיינט האָבען זיי אונזערע הערצער און הייזער!

נו, האָבען מיר שוין בלומען אויף יום־טוב. וואָס׳זשע טוט מען אָבער מיט גרינע צווייגען לכבוד שבועות? דאָס, זעט איר, איז שוין געווען אַ מער קאָמפּליצירטער ענין.

ווער וועט עס לאָזען ברעכען זייערע אייגענע ביימער? איז געווען ביים פריץ פון שטעטל, אַ וועלדעל, ניט ווייט פון אייזערנעם בריק, האָט עס אויסגעזען ווי פאַרלאָזען — הפקר. פלעגט זיך די קליינע קאָמאַנדע אַוועקלאָזען צו דעם וועלדעל — צווייגען רייסען. איז אַמאָל האָט עס אָפּגעגאָלטען, און מיט׳ן ערשטען מאָל גיין — פלעט מען ברייגען אַהיים גאַנצע צווייגען באַפּוצט מיט גרינע בלעטער. אָבער אָפטער פלעגען דעם פריץ׳ס בייזע הינט דערשמעקען די חברה קונדסים און מיט ווילדע קולות זיי צוטרייבען און צויאָגען.

און חברה האָט זיך צולאָפען אַהיים, ווער דורך די באַטש־וועניקעס (ברעגען פון טייך), ווער דורך דעם אייזערנעם בריק און די באַן רעלסען. אָבער די קולות און הינטישע זידלערייען האָבען אונז, קינדער, ניט צופיל דערשראָקען און ניט געשטערט אונז צו קומען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. גרינס אויף שבועות האָט געמוזט זיין!

אַ באַזונדער׳ן יום-טוב׳דיגען טעם האָבען אויך פאַר־מאָגט די שבועות׳דיגע פּוטער־קיכלאַך און קעז בלינצעס. איין שכנה האָט שוין ניט געפרעגט דער צווייטער, וואָס זי האָט געקאָכט, נאָר געפרעגט ווי געראָטען עס זיינען די בלינצעס.

די „גאַס" האָט געשמעקט מיט בלינצעס, מיט קאַווע און צוקאָריע. דער „מאַרק", מן הסתם, דאָס גלייכען. (אונזער הויז איז געווען אין „גאַס") און נאָך דער וועטשערע, (אָוועגד מאָלצייט) ווי זיס און זיכער עס איז געווען צו שלאָפען אונ־טער די טענער פון „תיקון שבועות".

עפּיזאָדען

פון ע. קאָסטראָמעצקי

א. די מחלוקת

ווען מ׳פרעגט אן עלטערן אידן פון האראדעץ: „געדענקט איר די מחלוקת?" וועט ער באלד פארשטיין, אז דאָס מיינט מען די באוואוסטע האראדעצער מחלוקת וועגן שוחטים, וואָס האָט זיך געצויגען ביי א יאָר צייט (1892-1893), און זי האָט געמאכט א רושם אין די ארומיגע שטעט און שטעטלעך, און אַזש צו ר׳ יצחק אלחנן ז״ל האָט זיך דערטראָגן.

אָט די מחלוקת איז ניט געווען סתם א מחלוקת, אַזוי ווי ס׳פירט זיך אין אידישע קהילות. עס איז ניט געווען א מחלוקת וועגן דעם שוחט אָדער יענעם שוחט. די דאָזיגע מחלוקת איז געווען דער קלימאקס פון דער אלטער שנאה צווישן חסידים און מתנגדים אין האראדעץ.

האראדעץ איז געווען א חסיד׳ישער פעסטונג פאר דער קארלינער־סטאלינער דינאסטיע. זייערע רביים פלעגן קומען גאנץ אָפט קיין האראדעץ, וואו זיי האָבן געהאט א גאנץ שטארקע נאָכפאָלגערשאפט. און אלס רעזולטאט פון דעם האָבן די קארלינער חסידים געהאט א שטארקן איינפלוס אויף דעם קהילה־לעבן פון האראדעץ. צום בעסטן האָט זיך זייער איינפלוס געמערקט אויף דעם צוזאמענשטעל פון די כלי־קודש. אמת טאקע, דער רב איז ניט געווען קיין חסיד, אָבער א קעמפער געגן חסידים איז ער אויך ניט געווען. דערפאר האָבן די חסידים געהאט א העלפט פון דער שחיטה, אין אנדערע ווערטער: די חסידים האָבן געהאט א חסיד׳ישען שוחט, און אלעס וואָס מ׳האָט געשאָכטן אין שטעטל איז געווען בשותפות מיט׳ן שטעטלדיגן שוחט־חזן.

כאָטש ס׳איז געווען אן אָפּמאך — דאָך האָבען די מתנגדים אלע מאָל בטל געמאכט דעם אָפּמאך. און דאָס זעלבע האָבן די חסידים געזוכט פּגימות אויף דעם מתנגד׳ישען שוחט. מ׳דערציילט, אז ס׳איז געווען מיט א הונדערט יאָר צוריק א שוחט מיט׳ן נאָמען שמואל. דער דאָזינער שמואל פלעגט געבן קמיעות און נעמען פאר זיי געצאָלט. האָבן זיך די חסידים אָנגעכאפּט אָן די קמיעות, און דער שוחט האָט געמוזט גיין.

דערנאָך איז געווען שוחט־חזן איינער א ר׳ דוד. ר׳ דוד איז געווען א שטילער אָרענטלעכער מענש, וועלכער האָט זיך דערווייטערט פון מחלוקת׳ן. און פאר א שטיקל צייט איז געווען שטיל אין האראדעץ. מיט א יאָר 80-70 צוריק איז געווען אויך א שוחט ירמיה זרח, א פארברענטער מתנגד, וואָס האָט זעהר פיינט געהאט א חסיד, און פארשטייט זיך, אז קיין מחלוקת האָט שוין דאן ניט געפעלט.

אויף דעם ירמיה זרח׳ן דערציילט מען, אז ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין זון, איטשע מאיר, איז געוואָרן א חסיד — האָט ער געריסן „קריעה" און געזעסן שבעה. דער דאָזיגער זון איז מיט יאָרן שפּעטער געווען רב אין רעציצע, מינסקער גובערניע. און גאָט האָט „געשטראָפט" ירמיה זרח׳ן, אז זיין צווייטער זון, פיניע, איז געוואָרן א קאברינער חסיד, דאָס איז פיניע דער קצב . . .

עס זיינען פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן צווישן די חסידים און מתנגדים. כ׳איז אמאָל געקומען דער סטאלינער רבי, ר׳ אהרן זצ״ל (דער „אלטער" רבי) — האָבן די מתנגדים קאליע געמאכט די מקוה, אום דער רבי זאָל ניט קענען זיך טובל זיין.

פון חסיד׳ישן צד געדענקט מען גאנץ גוט דעם שוחט ר׳ אליה יאנקיל, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן, האָט געקענט אויף אויסנווייניג גאנץ ש״ס. ווען ער איז געוואָרן זיבעציג יאָר אלט האָט זיך אָנגעפאנגען א „רעוואָלוציע" געגן אים, טאקע אין די אייגענע רייען, כ׳מיין צווישן זיינע אייגענע חסידים, און דער אָנפירער פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע איז געווען דער יונגערמאן אשר דוד *), יאנקל חסיד׳ס איידעם. ער האָט גע׳טענה׳ט אז ר׳ אליהו יאנקל איז שוין צו־אלט און טאָר ניט שעכטן.

דער סוף איז געווען, אז די חסידים האָבן אוועקגעשיקט אשר דוד׳ן אויף א יאָר, אויף זייערע הוצאות, קיין פינסק זיך לערנען שחיטה, און ביז וואנען ער איז צוריקגעקומען האָבן זיי אויסגעהאלטן אשר דוד׳ס פרוי און קינדער.

ווען אשר דוד איז צוריקגעקומען פון פינסק מיט קבלה אויף שחיטה — האָט זיך דאן אָנגעפאנגען די אמת׳ע מחלוקת. דאָ האָבן די מתנגדים געפונען א געלעגענהייט זיך אָפּרעכענען מיט זייערע שונאים: „סטייטש, א יונגערמאן

---

*) זע וועגן אים דעם ארטיקל „ר׳ אשר דוד". רעד.

און ער זאָל קריגן גלייך אויף גלייך מיט'ן שטאָטישן אַלטן שוחט!"

און דער שטאָטישער שוחט-חזן איז דאַן געווען איינער אַ משה מאיר. ער האָט טאַקע געקענט גוט לערנען, אָבער ער האָט אויך געקענט גוט די מלאכה פון מאַכן מחלוקת. ער האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די מתנגדים, אַז די חסידים זאָלן קריגן אַ דריטל פון דער שחיטה איינקונפט.

און אין וואָס איז באַשטאַנען דער איינקונפט? אויסער אַ געוויסן געלט-באַלוינונג וואָס דער שוחט האָט געקראָגן, פלעגט ער אויך קריגן אַ קישקע מיט שמאַלץ פון יעדע געשאָכטענע בהמה.

די מתנגדים האָבן געווירקט אויף די ניט-חסיד'ישע קצבים, אַז זיי זאָלן ניט רופן דעם חסיד'ישן שוחט, און אַז דער חזן זאָל קוילענען זייערע „שטיקלעך", און פאַרשטייט זיך, אַז ער זאָל אויך קריגן די קישקעס. און אַז זיי פלעגן געבן אַמאָל אשר דוד'ן אַ געלעגנהייט צו שעכטען אַ קעלבל, איז אָבער די קישקע געווען אַ גאַנץ קליינע. אָט די קליינע קישקע האָט אויפגעבלאָזן דעם פייער: „פאַרוואָס זאָל אשר דוד ניט האָבן דעם זעלבן חלק קישקע ווי דער חזן?"

צווישן די צוויי פייערן זיינען געווען די קאַברינער חסידים. זיי זיינען, קען מען זאָגן, געווען נייטראַל. די אורזאַכע איז פאָלגענדע: זיי זיינען ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך אין זין פון חסידות. די דינאַסטיע פון זייערע רביים איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע, אין גאַנצן דער דריטער דור רביים. דער ערשטער רבי זייערער, ר' משה איז ניט געווען אַ רבי'ס אַ זון, נאָר איז געווען אַ חסיד. אויך די צאָל פון די קאַברינער חסידים איז געווען קליין — זיינען ניט געווען קיין איינגעוואָרצלטע חסידים, און די מערהייט פון זיי זיינען באַשטאַנען פון געוועזענע מתנגדים. זיי האָט נאָך געפעלט דער שטאָלץ און איבערגעגעבנהייט וועלכע אמת'ע חסידים האָבן דאַן פאַרמאָגט. ס'איז געווען נאַטירליך אַז זיי זאָלן ניט מיטגיין מיט די קאַרלינער חסידים. זיינען די קאַברינער חסידים אינגאַנצן געווען צוטומלט. עס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע פּראָבלעמע מיט וועמען צו מיטגיין, האָבן זיי אָנגענומען אַ פּאַסיווע שטעלונג.

די חסידים האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי, געקומען צום רב, הרב ר' יהושע יעקב ראַבינאָוויץ זצ"ל און געפאָדערט גערעכטיגקייט, אַז מ'זאָל האַלטן דעם אַלטן אָפּמאַך. דער רב האָט אויסגעפונען, אַז אין דער זאַך זיינען די חסידים גערעכט. האָט ער געשיקט דעם שמש, אַז ער זאָל אויסרופן אין שול אַן איסור אויף דעם חזנ'ס שחיטה. און אויך אַן איסור אויף אַריינגעפירטע פלייש קיין האַראָדעץ, ביז וואַנען מ'וועט זיך אויסגלייכן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. ווייבער זיינען געקומען פרעגן שאלות וואָס זיי זאָלן טאָן מיט די כלים פון וועלכע זיי האָבן געגעסן די גע'אסר'טע פלייש. פילע האָבן אַרויסגעוואָרפן די טעפּ מיט די טעלער, וועלכע זיי האָבן געניצט ניט וויסנדיג פון דעם אסור. קיין פלייש איז ניט געווען אין שטעטל. זיינען די מתנגדים געוואָרן צייטווייליגע וועגעטעריאַנער, און אויך די שבתים זיינען געווען מילכיגע.

און אַ מרה שחורה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף האַראַדעץ. די שבתים זיינען געווען פאַרשטערטע. טאַטעס און קינדער זיצן ביי די שבת'דיגע טישן, זינגען זמירות, און פלוצלונג אויס זינגען. וואָס איז?

ווי קען מען זינגען „בשר ודגים" (פלייש און פיש), אַז קיין בשר טאָר מען ניט אָנקוקן, און אַנשטאָט פלייש עסט מען זויער-מילך מיט קעז, שטשאַוו און דאָס גלייכן. וואו נעמט מען אַ שטיקל פלייש?

דער פייער פון דער מחלוקת האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט. די מתנגדים האָבן אָנגענומען, אַז דער רב האַלט מיט די חסידים. דאַן האָבן די מער עקסטרעמע מתנגדים צונויפגערופן אַלעמען אויף אַן אסיפה, טאַקע אין רב'ס הויז, אום צו ווירקן אויפ'ן רב, אַז ער זאָל צוריקרופן דעם איסור. אין זייער אויפרעגונג האָבן זיי אויך פאַרלאָרן דעם מאָראַלישן גלייכגעוויכט. דער רב, וויסענדיג, אַז ער פילט אויס די פונקציעס פון גערעכטיגקייט, האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן צו דער צוהיצטער פאַרזאַמלונג.

פילע רבנים מיט ר' יצחק אלחנן זצ"ל, האָבן זיך אַריינגעמישט צו מאַכן שלום. און ווען די האַראַדעצער מתנגדים האָבן איינגעשטימט אויף אַ דין-תורה — ערשט דאַן האָט דער אַלטער רב אַרונטערגענומען דעם איסור אויף דער שחיטה. און ר' דוד'ל פון אַנטיפּאָליע איז געקומען צו דער דין-תורה, פון וועלכע די חסידים זיינען אַרויס די זיגער.

נאָכדעם ווען ס'איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דער פסק-דין זיינען די מתנגד'ישע אָנפירער געקומען צום רב זיך אַנטשולדיגן און געבעטן פאַרצייאונג. דער רב האָט זיי באַרוהיגט מיט אַ פּאָר שאַרפע תורה-וויצן און האָט זיי געגעבן זיין ברכה.

מיט דער צייט איז די אָנשטרענגונג פון די מתנגדים מיט די חסידים אין האַראַדעץ אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און עס האָט געהערשט שלום און שלוה.

ב. די טהרה-ברעט

אין דעם צווייטען העלפט פון 19טן יאָהר הונדערט האָט געלעבט אין האַראָדעץ אַ איד מיט'ן נאָמען שמואל קאַליקער. אָט דעם נאָמען האָט ער געקראָגן צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ קאַליקער אויף בידע פיס, כמעט ווי פאַראַליזירט. ער פלעגט גיין אויף צוויי קוליעס. מערסטענס פלעגט ער זיצן אויף איין אָרט. אויך זיינע הענט זיינען ניט געווען נאָרמאַל, צודרייט, רחמנא ליצלן. אָבער זיין גייסט איז געווען קלאָר ווי קריסטאַל, און זיין נאַטירליכער פאַרשטאַנד צו אַנאַליזירן זאַכען האָט געהאַט אַ שם איבערען גאַנצן

געגענד. מ׳זאָגט אַז ער איז געווען אויך אַ בקי בש״ס. ער האָט געקענט די מסכתות בבא מציעא, פּסחים און חולין מיט רש״י און מהר״שא אויף אויסענווייניג. אויסערדעם האָט ער געקענט דקדוק, רוסיש, פּויליש און אויך געוואוסט אַ ביסל אין הלכות דאָקטאָריע.

ניט אומזיסט איז זיין הויז געווען אַ צענטער פאַר מענשען פון פאַרשידענע קלאַסען. פון פאַרשידענע שטעט פלעגט מען קומען צו אים נאָך עצות, צו באַראַטען זיך וועגען פאַרשידענע פּראָבלעמען. מערסטענטייל איז דאָס געווען וועגען מסחר פּראָבלעמען. צום ביישפּיל: אַ איד האָט געדונגען אַ פּאַכט פון אַ פּריץ פאַר אַ באַשטימטען פּרייז, האָט, פאַרשטייט זיך, איינגעצאָלט אַ געוויסע סומע, אָבער די רוסישע רעגירונג לאָזט אים ניט האַלטען דעם פּאַכט. דער איד איז אין אַ גרויסע פאַרלעגענהייט: די געלט זיינע האָט ער אָפּגעגעבען דעם פּריץ, האָט אים געגלויבט, און דעם פּאַכט האָט ער ניט. וואָס טוט דער איד? ער קומט צו שמואל קאַליקער׳ן און דורך זיין עצה ווערט ער געהאָלפען. אָדער אַ איד זיצט אין אַ דאָרף, האַלט אַ שיינק און מאַכט אַ לעבען. צאָלט דעם פּריסטאַוו ער זאָל אים לאָזען זיצען אין דאָרף, וואָס דאָס איז געווען געגען געזעץ. אין אַ שיינעם פּרי־מאָרגען הייסט מען אים אַרויסקלייבען זיך פון דאָרף. עס איז שלעכט. דער איד לויפט צו שמואל קאַליקער׳ן און מ׳גיט זיך אַן עצה.

וואַלד־סוחרים, תבואה־סוחרים און פון אַנדערע פאַרשידענע בראַנזשעס, אַלע פלעגען קומען אויף באַראַטונגען צו שמואל קאַליקער׳ן. זיינע עצות זיינען געווען אַ הילף צו אַלע וואָס האָבען געהאַט שווערע פּראָבלעמען, און שמואל קאַליקער פלעגט זיך מיט אַלע זיינע חושים אָריענטירען אין יעדען איינעמ׳ס פּראָבלעם, און יעדען איינעם אויפנעמען בסבר פנים יפות, און אַלעם אָן געצאָלט, ווייל ער אַליין איז געווען אַ פאַרמעגליכער איד. ער האָט געהאַט אַ תבואה־געשעפט.

ביי שמואל קאַליקער׳ן אין הויז איז געווען דער געזעלשאַפטליכער צוזאַמענקונפט. מען פלעגט דאָרט שמועסען, דעבאַטירען וועגען אָרטיגע און וועלטליכע פראַגען. ווער עס האָט געוואָלט לעזען צייטונגען האָט ער עס געקאָנגען אין שמואל קאַליקער׳ס הויז, סיי העברייאישע און סיי רוסישע. אויסער אידישע ספרים האָט ער אויך געהאַט ביכער פון וויסענשאַפט און ליטעראַטור. אַז איינער האָט געוואָלט וויסען צו זיין זון האָט אַ גוטע קאָפּ, פאַרשטייט אַ תוספות און אַ מהרש״א, אָדער דער חתן וואָס מ׳רעדט זיין טאָכטער איז טאַקע אַ זעלכער און אַ זעלכער — פלעגט ער אים ברייננען צו שמואל קאַליקער׳ן אים פאַרהערען.

אין פאַרהערען די קינדער האָט זיך שמואל קאַליקער אויסגעלעבט, ווייל קיין אייגענע קינדער צום פאַרהערען האָט ער ניט געהאַט. ער איז געווען קינדערלאָז.

***

שמואל קאַליקער האָט איבערגעלאָזען אַ צוואה אין וועלכער ער האָט אָפּגעשריבען דעם גרעסטען טייל פון זיין פאַרמעגען אויף פאַרשידענע צדקה צוועקען. ער האָט באַשטימט 7 אַפּיטרופּסים אום אויסצופירען דער צוואה. נאָך זיין טויט, ווען מ׳האָט געעפענט די צוואה, האָבען די אַפּיטרופּסים אויסגעפונען אַז דער גרעסטער טייל פון דעם פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון וועקסלען, חובות פון פאַרשידענע ערטער. זיי האָבען געפאָדערט פון זיין פרוי זי זאָל זיי איבערגעבען אַלעס וואָס עס איז פאַרבליבען. זי האָט אָבער אַרויסגעגעבען בלויז אַ קליין טייל פון דעם פאַרבליבענעם פאַרמעגען און זיך ענטזאַגט אָפּצוגעבען די איבעריגע, מאָטיווירענדיג אַז זי ווייסט ניט פון קיינען אַנדערע זאַכען, מער פון דעם וואָס זי האָט אַרויסגעגעבען.

די אַפּיטרופּסים האָבען געבראַכט דעם אַנטיפּאָליער רב, ר׳ דוד, ער זאָל זיין צו הילף דעם האָראָדעצער רב.ביידע רבנים האָבען געשיקט דעם שמש צו דער פרוי רופען איר צו אַ דין־תורה — זי איז געקומען מיט אירע נאָענטע פריינד צום בית דין.

די רבנים זיצען און ריידען צווישען זיך, „טוב שם טוב משמן טוב, ויום המות מיום הולד״ (קהלת). דער פּסוק איז ריכטיג צוגעפּאַסט צום נפטר — פאַר׳ן לעבען איז ער געווען באַרימט מיט אַ שם טוב און יעצט — מיט זיין צוואה. זיי לייענען די צוואה: אַ טייל פאַר זיין פרוי, נאַכהער קומען די שול, דער בית המדרש, חסידישע שטיבלעך, תלמוד תורה, און נאָך פאַרשידענע אַנשטאַלטען.

די רבנים הייסען דעם שמש אַריינרופען די צדדים. עס קומט אַריין די פרוי גוטעל, און ר׳ הלל קאַרלינסקי, דער עלטערער פון די אַפּיטרופּסים, אַלס זייער פאָרשטייער, וועלכער איז אויך געווען דער גבאי פון חברה קדישא. די דין־תורה הויבט זיך אָן.

ר׳ הלל קומט אַרויס מיט זיינע טענות. די רבנים הערען אים אויס. נאַכהער ווענדען זיי זיך צו דער פרוי, זי זאָל געבען אַן ענטפער, און דערביי באַמערקען זיי איר אַז דעם פאַרלאַנג פון אַ פאַרשטאָרבענעם מוז מען אויספילען. די פרוי ענטפערט אַז זי ווייסט ניט פון מער וויפיל זי האָט איבערגעגעבען. די רבנים ריידען צו איר ווייטער און זאָגען אַז אויב זי געדיינקט ניט וועלען זיי איר געבען צייט צו איבערדיינקען זיך, און זיי לייגען אָפּ די דין־תורה אויף אַ פּאָר שטונדען.

די צדדים און אַלע אַנדערע אָנוועזענדע קומען אַרויס פון בית דין שטיבל. ישראל משה, דער קברות מאַן, קומט אַריין, ר׳ הלל רופט אים אָפּ אָן אַ זייט און באַפעלט אים ער זאָל גלייך גיין צום בית עולם און ברייננען פון דאָרטען דער טהרה־ברעט צום רב אין הויז. ישראל משה הערט אויס דעם באַפעל מיט גרויס פאַרוואונדערונג. ר׳ הלל באַמערקט דעם אויסדרוק אויף זיין פנים און זאָגט צו אים: „ישראל משה! פרעג ניט קיין שאלות! דער גבאי פון חברה קדישא רעדט צו דיר, ברייננ דער טהרה־ברעט אין

א זייטיגען חדר, קיינער זאָל ניט באמערקען, און וואַרט ביז איך וועל דיר זאָגען וואָס צו טאָן".

ישראל משה פאָלגט אויס דעם גבאי'ס באַפעל און ברייננגט דער טהרה־ברעט צום רב'ס הויז. ווייבער אין גאַס באַמערקען עס און פרעגען: „ווער איז געשטאָרבען?" פרעגט איינע. „קיינער איז ניט געשטאָרבען אין שטעטעל", ענטפערט א צווייטע. „דאָס טראָגט ער א נשמה פון בית עולם אויף דער טהרה־ברעט". „וועמענס א נשמה? וואָס פאַר א נשמה?", פרעגען אַלע מיט אַמאָל. אַלע גייען נאָך ישראל משה'ן ביז צום רב'ס הויז.

די רבנים עפענען אויפסניי דער דין תורה, הייסען דעם שמש אַריינרופען ביידע צדדים, ריידען עפּעס צווישען זיך. ביידע צדדים קומען אַריין. די רבנים ווענדען זיך צו די צדדים: „אויב איך איז שווער צו שטיין קאָנט איר זיך זעצען. נאָר ביידע צדדים דאַרפען זיצען. איינער זאָל שטיין און דער צווייטער זאָל זיצען איז ניט ערלויבט". זיי זעצען זיך. דאַן פרעגען די רבנים דער פרוי: „האָט איר יעצט עפּעס צו זאָגען אונז מער ווי פריער?" „ניין", ענטפערט זי. „איך ווייס ניט פון מער".

די רבנים ריידען ווייטער צווישען זיך. ר' הלל ווענדעט זיך צו זיי: „ערלויבט מיר רבותי, צו שטעלען דער פרוי איינינע פראַגען און ריידען צו איר דירעקט". די רבנים ריידען זיך דורך צווישען זיך און ענטפערען: „איר קענט ריידען צו איר, אָבער איר מוזט זיך האַלטען רוהיג, ניט ריידען מיט כעס".

ר' הלל הויבט אָן: „גוטעל, האָסטו געהערט וואָס די רבנים האָבען דיר פריהער געזאָגט, אז דער ווילען פון א געשטאָרבענעם וואָס איז אויסגעדריקט אין א צוואה, איז הייליג און מוז אויסגעפילט ווערען?"

„יאָ", ענטפערט זי, „איך האָב געהערט".

„ווייסטו", רעדט ווייטער ר' הלל, „אז דער געשטאָרבענער שמואל געפינט זיך יעצט דאָ אין בית דין און וואַרט אויף דיין ענטפער? זאָלסטו וויסען זיין אז שמואל איז דאָ! אָט שטייט ער! „ישראל משה!" שרייט אויס ר' הלל. ישראל משה קומט אַריין מיט דער טהרה־ברעט. פון גרויס איבעראַשונג, ניט וויסענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט. „לויף גיכער אַהיים", שרייט ר' הלל צו דער פרוי, „ברייננג אַלעס אַהער, שמואל וועט דאָ וואַרטען ביז דו וועטס קומען צוריק. נאָר זאָם זיך ניט, לאָז אים ניט וואַרטען צו לאַנג".

גוטעל לויפט צו זיך אַהיים. און ר' הלל זאָגט צו ישראל משה'ן: „דו קאָנסט דער ברעט אַוועקנעמען", און שטילערהייד ניט ער צו: „האַלט דער ברעט אין גאַס און וואַרט ביז גוטעל וועט קומען".

גוטעל קומט צוריק פון איר היים מיט א פּעקעל אונטערען האַנט, כאַפּט א קוק אויף דער טהרה־ברעט אין גאַס, לויפט אַריין אין דעם רב'ס הויז. די רבנים זיצען און וואַרטען. זי לייגט אַוועק דעם פּעקעל אויפ'ן טיש, זאָגט א גוטען טאָג און גייט אַוועק אַהיים. ישראל משה נעמט דער טהרה־ברעט און טראָגט איר אַוועק אויף דעם בית עולם.

די אַפּיטרופּסים ריידען צווישען זיך. זיי מאַכען א פאָרוואורף ר' הלל'ן פאַר וואָס ער האָט ניט געפרעגט די רבנים דאָס צו טאָן. „וואו א שאלה דאַרט איז א תשובה", ענטפערט זיי ר' הלל. „די רבנים וואָלטען געוויס ניט ערלויבט צו נעמען אַזא שריט געגען דער פרוי". דערווייל האָבען די אַפּיטרופּסים זיך געזעצט און געעפענט דעם פּעקעל, אַלעס איבערגעקוקט, און דער חשבון פון דער צוואה שטימט.

מיט דער צייט האָבען די האָראָדעצער כלל־טוער איינגעמאָנט אַלע חובות — דאָס האָט טאַקע געדויערט א פּאָר יאָר. מיט א טייל פון געלט האָט מען רעסטאַווירירט דער שוהל, מען האָט צוגעריכט דעם בית־המדרש, קינדער האָט מען געשיקט צו מלמדים און די איבעריגע געלט האָט מען אויסגעטיילט אויף פאַרשידענע צדקה־זאַכען, און שמואל קאַליקער'ס נאָמען איז פאַרבליבען לשם ולתפארת.

ג. אַ בלוט־בלבול

האָט איר געקענט טשערנעצקי'ן? געדענקט איר אַז אין האָראָדעץ איז געווען אַ גוי, אַ שוסטער, וועלכער האָט גערעדט אידיש ווי אַ איד?

אויב ניט, וועל איך אייך געבען נאָך סימנים: ער האָט געהאַט פלעקען אויפ'ן פּנים און געווען אַ . . . שכור. ווען ניט זיין שכרות וואָלט מען אים געקענט אָננעמען פאַר אַ איד.

אָט איז אַמאָל געקומען דער קאָברינער רבי אויף אַ שבת אין האָראָדעץ, און טשערנעצקי איז אריין צום רבי'ן זיך „פּראַווען" בזה הלשון: „ווינשט מיר, רבי, אַז איך זאָל אויפהערען טרינקען". און דער רבי האָט אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט: „זאָל דיר גאָט העלפען".

צו גאָט האָט געהאָלפען טשערנעצקי'ן אַז ער זאָל אויפהערן שיכור'ן ווייס איך ניט, ווייל טשערנעצקי אַליין האָט זיך ניט געהאָלפען. ווי דער שפּריכוואָרט זאָגט: „גאָט העלפט דעם — וועלכער העלפט זיך אַליין".

און טשערנעצקי האָט טאַקע ניט אויפגעהערט טרינקען. טאָג און נאַכט איז טשערנעצקי געווען שכור. אָבער צו זיין שבח מוז מען צוגעבן אַז טשערנעצקי איז געווען אַ גוטער גוי, און אפילו שכור'דיגערהייד פלעגט ער ניט שלאָגן קיין איד, אַזוי ווי די אַנדערע שכור'ע גויים פון שטעדטל, אַז עס איז פּשוט געווען אַ מורא זיי פאַרבייגיין.

וועדליג עס זעט אויס, האָט טשערנעצקי ניט געהאַט קיין פאַמיליע. מ'האָט אים שטענדיג געזען אין אידישע הייזער. ביי טאָג פלעגט ער אַרבייטן ביי נחום דעם שוסטער, און ביינאַכט פלעגט ער שלאָפען ביי אַלטער דעם שמיד אויפ'ן בוידעם.

**
*

ויהי היום, בעסער געזאָגט: ויהי הלילה, און עס איז געווען אין איין נאַכט, צווישן פּורים און פּסח אין יאָר 1912, און טשערנעצקי איז געשלאָפן, שכור ווי לוט, אויפ'ן בוידעם ביי אַלטער דעם שמיד, און פּלוצים: טראַך!

די הויז־געזינד האָבן זיך אויפגעכאַפּט ניט־טויט־ניט־לעבעדיג, אַרויסגעלאָפן פון די בעטן, אָנגעצונדן אַ ליכט און מ'זוכט און מ'זוכט ווער האָט דאָס פאַראורזאַכט דעם שטאַר־קען קלאַפּ. מ'גיט אַ קוק: טשערנעצקי ליגט אין פאָרהויז. ניט אַנדערש, ווי טשערנעצקי איז אַראָפּגעפאַלען פון בוידעם. מ'גייט צו צום אַראָפּגעפאַלענעם, מ'בעטאַפּט אים — אַזוי ווי ניט אים מיינט מען.

לאָה — שרייט אַלטער מיט אַן איינגעהאַלטענער שטימע צו זיין פרוי — ער איז טויט.

— וואָס זאָלן מיר טאָן, אַלטער? די גויים וועלן זאָגן אַז מיר האָבען אים גע'הרג'ט.

— שאַ, גיי אַריבער צום פעטער ליבער, ער איז אַ קלו־גער איד, ער וועט דיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן — רופט זיך אָב איר זון משה.

און ניט גערעדט קיין צוויי ווערטער, האָט לאָה אַרויפ־געצויגען אויף זיך די פאַטשיילע און זיך געלאָזען איבער'ן בריק צו איר ברודער ליבער.

— עפן, עפן, דאָס בין איך לאָה — קלאַפּט לאָה אויפ'ן פענסטער פון ליבער'ס שלאָף־צימער.

ליבער איז אַראָפּגעלאָפען פון בעט און שטילערהייד גע־עפענט די טיר אום ניט אויפוועקען די קינדער, און שעפּטשענ־דיג האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז?

— אוי, עס האָט אונז אַ צרה געטראָפען: טשערנעצקי איז אַראָפּגעפאַלען פון בוידעם און גע'הרג'עט געוואָרען. וואָס זאָל מען טאָן? וואוהין טוט מען אים אהין? זיין גאַנצן לעבן האָבען די גויים פון אים ניט געוואָלט וויסען, און יעצט וועלן זיי ווערן אַלע זיינע קרובים און זיך אָננעמען זיין קריוור־דע, און דאָס וועט אויסגיין צו אונז און צו אַלע אידן פון האָראָדעץ. וואָס טוט מען, מיין טייערער ברודער?

— זיי רוהיג, מיין שוועסטער. פּאַקט אים איין אין אַ זאַק און זאָל משה אים אַוועקפירען ערגעץ נעבן וועלדל און דאָרט אים איבערלאָזען. משה איז אַ געזונטער בחור. ער קען דאָס אַליין טאָן. און וואָס ווייניגער מענשען — איז אַלץ בעסער. די נאַכט איז אַ פינסטערע, און קיינער וועט ניט זען און הערן.

— נו, גוט, מיר וועלן דאָס טאָן.

— און ווייסטו נאָך וואָס, מיין שוועסטער, פאָר גלייך צו צום כאַלאַזשינער, און זאָל גאָט זיין מיט אייך און מיט אַלע אידן.

און גלייך איז לאָה געגאַנגען אַהיים מיט דער עצה אין מויל. און טאַקע אין יענער פינסטערער נאַכט, איז אַ זאַק מיט אַ טויטן מענשען איבערגעלאָזען געוואָרען אין וועלדעל. און לאה איז אַוועקגעפאָרען צום כאָלאָזשינער נאָך אַ ברכה.

דער טייך האָט שוין געלאָזן. די קריעות זיינען שוין פאַר־שוואונדן, און איבער'ן גאַס און מאַרק שמעקן די פריש־געבאַ־קענע מצות וואָס די האָראָדעצער אידן באַקן אין די שוואַל־ניעס אָדער טאַלאקעס. און טראָגענדיג די מצות באַמערקט איינער צום צווייטן:

האָסטו שוין געהערט: מ'האָט געפונען טשערנעצקי'ן אַ טויטן.

— מ'זאָגט אַז ער איז געווען אין אַ זאַק.

די גויים זאָגן אַז די אידן האָבן אים געטויטעט, אום צו פאַרנוצען זיין בלוט אין די מצות.

— ער ליגט אויפ'ן מאַרק נעבן קאַנצעלאַריע ביז וואַ־נען עס וועט קומען דער פּריסטאַוו פון אַנטיפּאָליע און מ'וועט אים פאַלמעסן.

— זאָל גאָט העלפן און זאָל אַריבער כשורה. עפּעס אַ קליינינקייט: די וועלט איז יעצט פול מיט בלוט־בלבולים. מעשה־ביילים האָט פאַר'סם'ט די מוחות אפילו פון די בעסטע גויים.

און יעדער איינער כאַפּט זיך אריין אין שטוב אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס באַגאַנגען אַן עולה. בעסער מ'זאָל ניט אויפרייסען די אויגן. מאַן און ווייב ווינשן זיך: הלואי זאָל מען עסן די מצה אין פריידן!

און קליינע קינדער פילן, אַז דער היינטיגער פאַר פּסח איז ניט ווי אַלע יאָהר. עפּעס ניטאָ די פרייד פון באַקן מצה. מ'גייט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, און דער רבי איז מער פאַר־מרה'שחורה'דיג ווי שטענדיג.

— צו האָסטו געהערט — רופט זיך אָב יודל דער מלמד צו זיין שרה ביילע'ן — די גויים זאָגן: „זשידי יעוואָ זאַדושילי" (די אידן האָבן אים דערשטיקט). און אַנדערע גיבן נאָך צו, אַז מיר האָבן אויסגעצאַפּט זיין בלוט און אַריינגעטאָן אין די מצות.

— זאָג מיר דעם אמת. יודל, איז טאַקע ניטאָ קיין דין אַז מ'זאָל אַריינטאָן בלוט אין די מצות?

— וואָס רעדסטו? ווייסטו דען ניט אַז מיר טאָרן ניט עסן אפילו אַן איי מיט אַ בלוט־טראָפּן. היינט ווי קען גאָר אויף דיינע גערדאַנקען אַרויפגיין אַזאַ זאַך?

— אַ אידענע בלייבט אַ אידענע. וואָס ווייס אַ אידענע? דאַוונען, טייטש־חומש און אָנשרייבן אַ אידישן בריוול.

דער פּריסטאַוו איז שוין דאָ. אויך דער דאָקטאָר פון קאָברין איז שוין געקומען. טשערנעצקי ליגט אויף דער היי־לער ערד אויפ'ן מאַרק נעבן קאַנצעלאַריע, און אַרום אים שטייען גויים און גויה'ס, שקצים און שיקסעס. אַלע קוקן, אַלע אויקען אויף דעם הרוג טשערנעצקי'ן.

— „וואָט, זשידי פאַרכאַטי" (אָט שמוציגע אידן) — שרייט איין גוי.

— „נאַש טשערנעצקי, אָני פאָהיבילי" (אונזער טשער־נעצקי'ן האָבן זיי אומגעבראַכט) — האַקט אים איבער אַן אַנדער גוי.

— „יעגאָ קראוו, אָני פילי״ (זיין בלוט האָבן זיי געטרונקען) — העלפט אים אונטער א דריטער.

— „זשידאָווסקי פּאַסכאַ״ (אידישער פסח) — צושרייט זיך א גויה.

און דער דאָקטאָר טוט זיינס: שניידט דעם בויך, קוקט אריין אין דעם אינגעווייד; עפענט אויף דעם שארבן, בע־טראַכט אים, האַלט אים אין האַנט, וועגט, מעסט. און אין דער זעלבער צייט ווערט געוואויגען און געמאָסטען דער גורל פון די האָראָדעצער אידן: לחיים או למות. און אין האַנד פון דאָקטאָר ליגט יעצט זייער לעבן. די גויים שפּיצן אָן די אויערן: זיי ווילן הערן דעם פּסק־דין פון דאָקטאָר, וואָס וועט זאָגן דער דאָקטאָר, וועט ער זאָגן דאָס וואָס זיי זאָגן, אָדער עפּעס אַנדערש. וועלן זיי קענען א הוליע־טאָן, אָדער גיין צורייק אן זייערע כאַטעס און פעלדער.

און דער דאָקטאָר לייגט אַנידער דעם שארבן אויף דער ערד, און געלאַסענערהייד גיט ער א זאָג אין רוסיש:

„אָן ביל פּיאַני, אופּאַל אי ראָזביל יעווואָ מאָזג״ (ער איז געוועזן שיכור, ער איז אַראָפּגעפאַלן און צוקלאַפּט זיין מאַרך).

די גויים האָבען אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. איינציגווייז און פאַרשעמטע זיינען זיי פאַנאַנדערגעגאַנגען, און נעבן דעם געפּאַלמעסטן טשערנעצקי׳ן זיינען געבליבן שטיין דער דיאַק און שאַכנאָוו, דער אוריאַדניק. דער ערשטער צו טאָן דאָס „רעכט״, און דער צווייטער, צו זען אַז קיין בייז זאָל ניט געשעהן.

און קיין בייז איז טאַקע דאָן ניט געשען, און די האָ־ראָדעצער אידן האָבן פריי אָבגעאָטעמט, און ווידער אַרויס פון די הייזער, צו גרייטן זיך אויף דעם ליבן יום־טוב פסח, וואָס זיי האָבן געוואַרט א גאַנצן יאָר.*

---

*) דיזער אינצידענט איז באַשריבען געוואָרען אין זיי[illegible] צייט אין דער אַמעריקאַנער פרעסע.

גוטע אידען

האָראָדעצער רבנים

פון ק. רושעווסקי

עס איז אָנגענומען: אַ רב איז ניט קיין רבי, און אַ רבי איז ניט קיין רב. דער רבי באַווייזט מופתים מיט סגולות און רפואות, און זיינע חסידים זיינען די פּראָסטע, עם־הארצ'ישע אידן. אָבער דער רב — ער איז דער למדן, דער וואָס שווימט אין ים פון תלמוד, דער יעניגער וואָס פלעכט אריין אַ פּילפּול אין זיין לערנען, פרעגט אַ הארבע קשיא און מיט זיין לאָגישן שכל און גרוים בקיאות פאַרענטפערט ער די קשיא.

אזוי האַלט דער עולם. אָבער היסטאָרישע פאַקטן קומען און לייקענען אָפּ די אויבענדערמאָנטע „אקסיאמע". אין דער אידישער היסטאָריע געפינען מיר פילע, פילע גרויסע רבנים, וועלכע זיינען געווען אין אַ געווויסן גראַד אויך רביים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט ניט נאָר גרויסע ידיעות אין תלמוד און זיינע נושאי כלים — נאָר האָבן אויך געהאַט גרויסע פילענדע הערצער פאַר'ן כלל און פאַר'ן פרט.

נאָך איידער דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרן זיינען געווען ר' יהודה החסיד, דער מהר"ל מפּראג, און אַנדערע גרויסע רבנים, וועלכע האָבן פאַראייניגט אין זיך די אַלע מעלות פון אַ גרויסן רב און רבי. און אפילו נאָכדעם ווי דער בעש"ט איז שוין באַוואוסט געוואָרן אויף דער אידישער וועלט — האָבן זיך נאָך געפונען גרויסע רבנים צו וועלכע מ'איז געפאָרן נאָך אַ ברכה, אַ סגולה און אַ עצה, ווי צו ר' זעקיל לייב ווארמעסער („דער בעל שם פון מיכעלשטאַט"), ר' יהושע גוטמאכער פון גריידיץ, און זייער גליכן. און ניט אומזיסט האָט דאָס פאָלק גערופן אָט די גרויסע אידן מיט'ן נאָמען „גוטע אידן", ווייל ביים „גוטן אידן" האָבן זיי געפונען אַ גוט וואָרט, אַ גוטע עצה, און דער עיקר, אַ גוטע אידישע האַרץ, וועלכע האָט געוויינט פאַר דעם אומגליקליכן און געפּלאגטן, און געזוכט צו לינדערן זיינע ווייטאָגען.

אויך האראדעצער אידן זיינען ניט געווען אַ יוצא מן הכלל. דער „גוטער איד" איז געווען אַ טייל פון האראדעצער איד, סיי אין ליידן און סיי אין פריידן. איז געווען, חלילה, אַ צרה אין הויז, אימיצער איז קראַנק געוואָרן, אָדער דער פריץ האָט געוואָלט ארויסוואַרפן דעם אידן פון דער פּאָסעסיע — איז מען געלאָפן צום „גוטן איד". איז געווען עפּעס גוטס, ס'האָט זיך געמאַכט קויפן אַ וואַלד אָדער אַן אַנדער מסחר — איז מען ווייטער געגאַנגען צום „גוטן איד" נאָך אַ ברכה אָדער אַ עצה.

מיט אַ איבער הונדערט יאָהר צוריק האָט אַ האָראָדעצער איד ניט געדאַרפט פאָרן צו אַ „גוטן אידן", ער האָט אים געהאַט ביי זיך אין שטעטל, און ועל כל צרה שלא תבוא איז מען געלאָפן צום רב ר' משה צבי זצ"ל און דערנאָך צו זיין זון ר' יהושע יעקב ז"ל, וועלכע פלעגן געבן אַ ברכה אָדער אַ קמיע.

און ניט נאָר האראדעצער אידן פלעגן קומען צו זייערע רבנים נאָך אַ סגולה, נאָר פרעמדע אידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך פלעגן ברענגען זייערע חולאים צו די אויבענדערמאָנטע רבנים, וועלכע זיינען געווען באַוואוסט פאַר גרויסע מקובלים, ספּעציעל דער גאָר אַלטער רב, ר' משה צבי זצ"ל. (אַלס באַווייז קען דינען די פילע קבלה ספרים, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים רב).

מ'פלעגט אויך קומען צו זיי מיט דיבוקים און פאליגע לײַדנדע. צו היילן די עפּילעפּטיקער, דערציילט מען, איז געווען אַ גרויסער מומחה דער אַלטער רב ר' יהושע יעקב ז"ל. ער האָט געהאַט אַ געוויסע סגולה פאַר אָט דער קראַנקקייט, און פון נאָענט און פון ווייט פלעגט מען פאָרן צו אים נאָך דער דאָזיגער סגולה. און פילע אידן דערמאָנען נאָך עד היום מיט אַ ברכה אויף זייערע ליפּן דעם אַלטן האראדעצער רב, וועלכער האָט געראַטעוועט זיי אָדער איינעם פון דער משפחה, און אַ דאַנק דעם צדיק זיינען זיי ניצול געוואָרן.

ר׳ פינחס מיכאל ז״ל

פון עב״ע

איינער פון די „גוטע אידן“, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די האראדעצער אידן, איז געווען הרב ר׳ פינחס מיכאל ז״ל פון אנטיפאָליע (זיבן קילאָמעטער פון האראדעץ), דער גרויסער רב און צדיק, וועלכער איז געוואָרן אַ לעגענדארישע פיגור און איז אריין אין דער אידישער־העברעאישער ליטעראַטור[1].

ר׳ פינחס מיכאל ז״ל איז געווען אַ תלמיד מובהק פון ר׳ אשר הכהן, דער רב פון ישערשעוו און טיקטין (גראָדנער גוב.), וועלכער איז געווען דער מחבר פון די באַוואוסטע ספרים „ברכת ראש“ אויף די מסכתות „ברכות“ און „נזיר“.

אזוי ווי זיין גרויסער רבי — אזוי האָט אויך ר׳ פינחס מיכאל ניט געוואָלט מאַכן אַ לעבן פון רבנות. נאָר יומם ולילה איז ער געזעסן און געלערנט, און זיין פרוי איז געווען די שפּייזערין. פילע שטעט האָבן אים אָנגעבאָטן דעם כסא הרבנות, אָבער ר׳ פינחס מיכאל האָט זיי אָנטזאגט, און האָט פאָרגעזעצט לערנען, און צוביסלעך פאַרצייכנט זיינע חידושים. זיין בקיאות און חריפות זיינען געווען אונער־שעפּליך, און צו זיין עניוות און צדקות איז גאָר קיין גרעניץ געווען. פאַר יעדן איינעם האָט ער געהאַט דרך־ארץ, אפילו אַ קינד פלעגט ער „אירצן“. און אויב אימיצער איז געווען אין אַ נויט — איז ר׳ פינחס מיכאל געווען דער ערשטער צו העלפן, סיי גייסטיג און סיי מאַטעריעל.

ווען דער „ברכת ראש“ איז נפטר געוואָרן און די שטאָט שערשעוו האָט געקליבן אַ רב — זיינען די שטאָטישע בעלי־בתים צונעשטאַנען צו ר׳ פינחס מיכאל׳ען, אַז ער מוז אָנ־נעמען די דאָרטיגע רבנות, און ר׳ פינחס מיכאל האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און געוואָרן שערשעווער רב (ער איז שוין דאַן געווען עטליכע־און־פערציג יאָר אַלט).

ר׳ פינחס מיכאל איז געווען רב אין שערשעוו אינגאַנצן זעקס יאָר, און דערנאָך האָט אים אנטיפּאָליע אויפגענומען אַלס מרא דאתרא (אין יאָר 1864), וואו ער איז געזעסן אויף זיין כסא הרבנות ביז זיין פטירה, י״ז אדר, תר״ן.

1. ז. משה סטאַווסקי, „לקבר ישראל“ „מולדת“, כרך ג׳ חוברת בי, יפו, תרע״ג.

מ. ליפסון, „מדור דור“, ח״א, 6־135; 4־143; „די וועלט דערציילט“, 53, 6־105. זע אויך אין „אוצרות פון אי־דישן הומאָר“ פון ר׳ יצחק אשכנזי, ז. 8־47.

די לעצטע יאָרן האָט אָפּגעדרוקט א. ראבינאָוויץ אין דעם תל־אביבער רבנישן זשורנאַל „הפוסק“, איינינע אנעק־דאָטן און עפּיזאָדן פון ר׳ פינחס מיכאל זצ״ל.

אין „פינקס פון דער שטאָט פּרוזשענע“, ז. 153 איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע לעגענדע וועגן דעם אויבנדערמאָנטן צדיק.

און באַלד ווי ר׳ פינחס מיכאל האָט זיך באַזעצט אין אנטיפּאָליע, איז אנטיפּאָליע געוואָרן אַ פּונקט וואוהין טויזנטער מענשן האָבן זיך געצויגן. צו ר׳ פינחס מיכאל פלעגן פאָרן סיי אָרים און סיי רייך. און פאַר יעדן איינעם האָט ער געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט, אַ ברכה אָדער אַ סגולה, און דער עולם איז אַוועקגעפאָרן אַ צופרידענער.

ר׳ פינחס מיכאל האָט קיין שכירות ניט געוואָלט נע־מען. זיין מאָגערע הכנסה איז געווען פון פאַרקויפן הייוון. „דער אידישער רובל איז זייער אַ שווערער“ — פלעגט ער זאָגן — דארום האָט ער ניט געוואָלט נעמען קיין געלד פון די וועלכע פלעגן קומען צופאָרן. און אויב איינער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דער צדיק מוז פון אים נעמען אַ פּדיון — פלעגט ער עס צוטיילן אויף צדקה.

אוים דעם זעלבן שטאַנדפּונקט נעמט זיך אויך, וואָס דיזער גרויסער גאון איז געווען אַ גרויסער מיקל. פילע מעשיות ווערן דערציילט מיט וואָסערע אופנים ר׳ פינחס מיכאל פלעגט פסק׳נען לקולא, ווייל ער האָט געוואוסט ווי שווער ס׳קומט אָן אַ מענשן צו פאַרדינען אַ גראָשן, און ספּעציעל אַ אידן.

ר׳ פינחס מיכאל איז ניט נאָר געווען פּאָפּולער ביי אידן, נאָר אויך ביי גויים, סיי פּראָסטע און סיי געבילדעטע, ווייל ר׳ פינחס מיכאל׳ס גוטע הארץ איז אויך געווען ברייט אָפן פאַר די גויים. „אויך אַ גוי דאַרף לעבן“ — פלעגט ער זאָגן.

איז דאָ אַ שׂרפה אין שטעטל, דער עולם כאַפּט ראַ־טעווען די גביר׳ישע הייזער און אָן די אָרימע פאַרגעסט מען אין גאַנצן — אָבער ר׳ פינחס מיכאל פאַרגעסט זיי ניט. וואָס טוט ר׳ פינחס מיכאל? גייט ארויף אויפ׳ן דאַך פון אַ הויז פון אַן אָרימען אידן און זיצט. דער עולם פייער־לעשער זעט אַז דער רב זיצט אויפ׳ן דאַך, אָט, אָט צינדט זיך אָן דער דאַך צוזאַמען מיט׳ן רב, אָבער דער רב וויל ניט אַרונטערגיין ביז וואַנען מ׳וועט אָפּראַטעווען אויך דעם אָרימאַנ׳ס הויז[2].

ר׳ פינחס מיכאל איז ניט באַגרעניצט אין זיין אנשוי־אונג. ער דרינגט אריין מיט זיין שאַרפן אויג אין די פאַר־שידענע פּראָבלעמען פון דער אידישער לאַגע. ער זעט אַז רוסלאַנד איז אויסגעשפּילט פאַר אידן, און איבער׳ן אַטלאַנ־טישן ים עפענען זיך נייע האָריזאָנטן פאַר די אידן. אמת טאַקע, אידישקייט איז דאָרטן זייער שוואַך, אָבער אמעריקע איז דאָך אַ מקלט פאַר טויזנטער אידן. און דארום פלעגט

2. דער עפּיזאָד איז געדרוקט געוואָרן פון ע. בן־עזרא אונטערן נאָמען „הצדיק על הגג“, „העברי הקטן“. חובי ג׳, עמי 4־3, תש״ב, שיקגו.

ר׳ פינחס מיכאל מסכים זיין צו די וועלכע זיינען געקומען פרעגן צי זיי זאָלן פאָרן נאָך אמעריקע. „פאָרט קיין אמעריקע, דאָרט וועט זיין פרנסה, נאָר פאַרגעסט ניט אָפּהיטן שבת" — איז געווען זיין ענטפער.

אָננעמען שבת פרי איז געווען איינע פון זיינע עיקרים. ער פלעגט זיך פשוט מקריב זיין צוליב דעם פרינציפּ. און אלע ערב שבת פלעגט ער באַצייטנס אריינגיין אין מרחץ מיט אַ בעזימל אין האַנט און ארויסטרייבן דעם עולם, ווייל ווען אַ איד היט אָפּ שבת ווי ס׳דאַרף צו זיין — וועט ער אָפּגעהיט פון חטאים, און גאָט היט אים אָפּ פון צרות.

ניט קוקנדיג וואָס ר׳ פינחס מיכאל איז געווען אַ כבד־פה, דאָך פלעגן צו אים פאָרן גרויסע רבנים און סתם אידן למדנים, וועלכע האָבן געוואָלט שמועסן מיט אים אין תורה און נאַשן פון אים אַ חידוש, אָדער אַ פשט אין דער גמרא צי אין די מפרשים.

ר׳ פינחס מיכאל האָט זייער געהאַלטן פון פירוש רש"י, ווייל רש"י איז קורץ און שאַרף און לאָגיש אויסגעהאַלטן. ער האָט געהאַלטן פון בקיאות און ניט פון קאָפּ־גימנאַסטיק [3]) און אויב ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַ מפרש — שעמט ער זיך ניט און זאָגט אַז ער פאַרשטייט ניט [4]) און אויב מיט זיין געוואַלטיגער בקיאות כאַפּט ער, אַז ס׳איז דאָ אַ טעות אין ראַ"ש — זאָגט ער אַרויס קלאָר און שאַרף [5]).

און עס איז ניט קיין וואונדער, אַז זיין אַנאַליטישער לאָגישער שכל האָט אים געבראַכט צו ארויסגעבן זיין פירוש „לקט הקוצרים" אויף נזיר, תמורה, מעילה און תמיד, וועלכע איז קורץ און שאַרף און צום פונקט, און אָן פילפול. אָט די אויבנדערמאָנטע מסכתות, וועלכע ווערן געלערנט זייער ווינציג, און צוליב דעם זיינען זיי ניט פאַרשטענדליך צום רוב לערנער — האָט געבראַכט ר׳ פינחס מיכאל׳ן צוזאַמענ־נעמען און צונויפקלייבן פון די אַלטע און נייע מפרשים און אויך צוגעבן זיינע אייגענע קורצע פירושים און מאַכן די דאָזיגע מסכתות פאַרשטענדליך אויך צו דעם פשוט׳ן לערנער.

3. זע, למשל, „דברי פינחס", דף מ"א, וואַרשאַ, תר"ץ.
4. דאָרט, דף ל"ז, מ"ד, נ"ג, נ"ח.
5. דאָרט, דף 72, 74.

דער פירוש „לקט הקוצרים" האָט געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער למדנישער וועלט, און מיר געפינען אויף אים הסכמות און לויב-געזאַנגען פון ר׳ צבי הירש ארענשטיין פון בריסק. זיין רבי ר׳ אשר הכהן, וואָס האָט אליין געמאַכט אַ פירוש אויף נזיר, און אַנדערע.

זיין ספר „דברי פינחס", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פילע יאָרן נאָך זיין טויט (תר"ץ) דורך זיין אייניקל ר׳ אייזיק ראבינאָוויץ, איז פול מיט חידושים און ביאורים אויף ש"ס, רש"י, תוספות, רי"ף, ראַ"ש, ר"ן און אַנדערע מפרשי הש"ס. אויך דיזער ספר איז לויט ר׳ פינחס מיכאל׳ס שיטה: אָן פילפול, לאָגישע הסברה, בקיאות און שאַרפזיניקייט.

דער דאָזיגער ספר האָט אויך געוואונען די אנערקענונג פון די גרעסטע רבנים, ווי פון בריסקער רב ר׳ יעקב מאיר פאַדוואַ, און אויך פון ר׳ חיים סאַלאָווייציק און אַנ.

אויסער הלכה-ספרים איז אויך דאָ אַ געדרוקטע צוואה פון ר׳ פינחס מיכאל ז"ל („צוואת הרב הגאון והצדיק המפורסם ר׳ פינחס מיכאל זצ"ל". פינסק, תרע"א). אין דער דאָזיגער צוואה שפּיגעלט זיך אָפּ די אידעאַלן פון דעם גרויסן צדיק, וועלכער האָט ניט נאָר געפּרעדיגט, נאָר אויך זיי רעאַליזירט אין לעבן, און געוואָלט אז זיי משפחה און נאָכפאָלגער זאָלן זיי אָפּהיטן אין לעבן. אין דער צוואה זעט מען די גרויסע נשמה פון ר׳ פינחס מיכאל, זכר צדיק לברכה!



פאַקסימיליע פון ר׳ פנחס מיכאל׳ס אַ רפואה

ר׳ מרדכי׳לע

פון **מ. מירשקין**

ר׳ מרדכי ווייצעל־ראָזענבלאַט, באַוואוסט איבער דער וועלט אונטער׳ן נאָמען „ר׳ מרדכי׳לע סלאָנימער״, אָדער „ר׳ מרדכי׳לע אָשמענער״, איז געווען איינער פון די פאָרנעמסטע גאונים פון לעצטען דור.

ער האָט אויפ׳ן פעלד פון הלכה איבערגעלאָזט א געדרוקטען ספר מיט שאלות ותשובות, ווי אויך אין מאַנוסקריפּט, וועלכע צייגען אויף זיין הויכקייט אַלס וועלט־גאון.

אָבער בעת זיין גאונות איז ער געווען אָבגעשאַצט אין



ר׳ מרדכי׳לע
(צייכנונג פון ישראל זוסמאַן).

דער וועלט, נאָר פון רבנים און תלמידי־חכמים, איז ער, צוליב זיינע אַנדערע זעלטענע אייגענשאַפטען און מדות, מיט זיינע גרויסע מעלות, וואָס האָבען אַרויסגעקוועלט פון זיין הויכער פערזענליכקייט אין באַרירונג און באַציהונג מיט דעם טאָג־טעגליכען מענשען, געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די זעלטענסטע אין זיין דור.

ר׳ מרדכי׳לע סלאָנימער איז געווען באַרימט אַלס בעל־מופת. איבער׳ן גאַנצען אַמאָליגען אידישע תחום און ווייט איבער זיינע גרענעצען האָט זיך זיין נאָמען געטראָגען פון מויל צו מויל אַלס א הייליגער, וועמענ׳ס א ברכה אָדער צוזאָג מוז מקוים ווערען, און וועמענס אַן עצה, א ראַט, איז שטענדיג גליך און לאָזט זיך אויס גוט.

פול מיט וואונדער און טשיקאַוועקייט זיינען די הונדערטער מעשה׳לעך און געשיכטעס וועגען די מופתים, וואָס ער האָט באַוויזען, מיט דער קראַפט פון זיינעם א וואָרט צו היילען און צו ווירקען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פילע פון זיי זיינען מגוזם׳דיג, פאַרגרעסערט. פילע מופתים טראָגען אויך אַן ענליכקייט צו יענע נסים און וואונדער, וואָס ווערען דערציילט וועגען בעל שם טוב, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, און אַנדערע גרויסע חסידישע רביים.

אָבער טאַקע דער פאַקט וואָס א טייל פון יענע מופתים ווערען פאַרשריבען אויף זיין נאָמען, גיט א באַגריף וועגען זיין גרויסקייט.

עס זיינען געווען פאַקטען, ווען ר׳ מרדכי׳לע פלעגט אָנשרייען אויף איינעם, פלעגט יענער פאַרגעסען זיין געוואוינהייט צו פינטלען נאָכאַנאַנד מיט אַן אויג. אנדערע, אַריינגייענדיג הינקענדיג פלעגען אַרויסגייענדיג שפּרייזען גלייך, האַלבע משוגעים זיינען געוואָרען קלאָר.

דאָס זיינען טאַקע געווען מופתים, אָבער זיי האָבען זיך לייכט געלאָזט דערקלערען, דורך דעם אונגעהויערען איינפלוס וואָס זיין ליכטיגע פערזענליכקייט האָט אויף זיי אויסגעאיבט.

געבאָרען געוואָרען איז ר׳ מרדכי׳לע אין יאָר תקצ״ז (לויט אַנדערע תקצ״ו, אָדער תקצ״ד) אין שטעטעל אַנטיפּאָליע, גראָדנער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען א מילנער, און פון דעם נעמט זיך ר׳ מרדכי׳לעס ערשטער פאַמיליען־נאָמען ווייצעל.

נאָך אַלס קינד האָט ער זיך שוין אויסגעצייכענט מיט זעלטענע פעהיגקייטען און גוטע מדות. זיין פאָטער, א פשוט׳ער ערליכער איד, האָט אים געשיקט אין ישיבות לערנען, און ער איז פון דאָרט געקומען א בקי אין ש״ס און פוסקים.

ווען ער איז אַלט געווען פערצען יאָר, האָט אים, ווי דער שטייגער אין יענער צייט, אויסגעכאַפּט פאַר אַן איידעם א רייכער בעל־הבית אין שטעטעל, וועלכער האָט אים גענומען אויף „קעסט״. ערשט איצט, אָן דאגת פרנסה, האָט ר׳ מרדכי׳לע זיך געווידמעט צום לערנען מיט מער ברען. ער פאָרט אַוועק אין ישיבות אַלס „פּרוש״, און ווערט באַרימט אַלס גדול בתורה.

ר׳ מרדכי׳לע קומט צוריק אין אַנטיפּאָליע, ווערט א געוויינליכער בעל־הבית, כאָטש אַרומיגע און ווייטע שטעט באָטען אים אָן זייער כסא הרבנות.

אין אַנטיפּאָליע איז דאַמאָלט געווען רב דער וועלט־באַרימטער בעל־מופת ר׳ פּנחס מיכאל, צו וועמען מען פלעגט פאָרען פון גאָר דער וועלט. ר׳ מרדכי׳לע ווערט ר׳ פּנחס מיכאל׳ס ערשטע האַנט, העלפט אים אין ענינים פון רבנות, און לערענט זיך פון זיינע מעשים.

ער, ר׳ פּנחס מיכאל, האָט עס אים געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דעם געדאַנק, אַז עס איז אַ גמילת חסד צו העלפען אומגליקליכע מיט אַ ברכה, גוטע רייד און ערמוטיגונג, און אַז עס איז אַ חוב צו נעמען אויף זיך דעם יאָך, אויב מען פילט, אַז מען קען עטוואָס אויפטאָן צו פאַרגרינגערען אַן אומגליקליכען.

ר׳ מרדכי׳לעס נאָמען הויבט אָן דערווייל צו וואַקסען, און ער קען זיך מער פון רבנות ניט אויסדרייען. עס קומען אַראָפּ צו אים בעלי־בתים פון שטעט און שטעטלעך, בעטען אים און גיבען אָן, אַז זיצענדיג אויף אַ כסא רבנות קען ער פיל אויפטאָן פאַר תורה און חזוק היהדות. ר׳ מרדכי׳לע שטימט איין, אָבער אַנטיפּאָליע וויל אים ניט אַרויסלאָזען.

אין יאָהר תר״ל קומען בוטענער בעלי-בתים ביינאַכט אין אַנטיפּאָליע און „קידנעפּען״ ר׳ מרדכי׳לען, נעמען אים אַרויס בגנבה פון שטאָט, ברענגען אים מיט גרויס פּאַראַד אין בוטען, און ערקלערען אים אַלס מרא דאתרא.

אַלס רב ווערט ר׳ מרדכי׳לע נאָך מער מפורסם. עס הויבען זיך שוין אָן טראָגען ארום אים לעגענדעס, וואונדערליכע געשיכטעס, און מען הויבט אָן צו פאָרען צו אים נאָך ברכות.

בוטען איז שטאָלץ מיט איר ר׳ מרדכי׳לען, אָבער וואָס בוטען האָט געטאָן צו אַנטיפּאָליע, האָט מען געטאָן צו איר. פון שטעטל קארעליץ זיינען אַראָפּגעקומען בעלי־בתים, אַליין אָנשטאָט פערד זיך געשפּאַנט אין אַ וואָגען, אַרויפגעזעצט ר׳ מרדכי׳לען, און אַזוי מיט געוואַלט אים אַוועקגענומען פון בוטען.

אויך אָבער אין קארעליץ האַלט זיך ר׳ מרדכי׳לע ניט לאַנג. אָשמענע איז גרעסער, און ר׳ מרדכי׳לע ווערט דאָרט מרא דאתרא. מיט עטליכע יאָר שפּעטער, ווען אין סלאָנים איז נפטר געוואָרען דער גאון ר׳ יוסף שלופער, ווערט ער מיט גרויס כבוד געבראַכט דאָרט און ער פאַרבלייבט סלאָנימער רב ביז זיין פּטירה.

ר׳ מרדכי׳לע האָט זיינע מאָטיוועז, וואָס האָבען אים געבראַכט קיין סלאָנים, ניט פאַרנאַכלעסיגט אויסצופירען. כאָטש ער איז פאַרנומען מיט ענטפערען בקשות, געפינט ער צייט אַכטונג צו געבען אויף שטאָט זאַכען, זעהט ער אַז די סלאָנימער ישיבה זאָל זיך ענטוויקלען, און אַז שבת זאָל שטריינג אָפּגעהיט ווערען.

עס איז געווען אַ פּאַטעטיש בילד צו זען יעדען שבת, ווי דער אַלטער ר׳ מרדכי׳לע, מיט דער האָרענער שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ, אין דער לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע, שפּרייזט שנעל, שנעל, ווי גאָר אַ יונגער מאַן, באַגלייט פון שמש איבער׳ן מאַרק און וואַרפט מיט די אויגען אין אַלע זייטען, צו איז ערגעץ ניט אָפען אַ שפּאַלט פון אַ טירעל אין דער לאַנגער שורה קראָמען, און צו מען האַנדעלט ניט בגנבה.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אומעטום איז געווען פאַרמאַכט טיר און לאָדען. איינמאָל, אָבער, האָט זיך דאָך געפונען אַ שערער, וועלכער האָט זיין צירולניע געהאַלטען אָפען שבת. דאַן האָט דער שטילער ר׳ מרדכי׳לע געמאַכט גרויסע געוואַלדען און איז ניט אָפּגעטראָטען ביז דער ווידערשפּעניגער שערער האָט געמוזט צושליסען זיין צירולניע. פון דאַמאָלט אָן אין דעם שערער׳ס נאָמען געבליבען אַ שם־דבר אויף לאַנגע יאָרען.

דערמאָנענדיג אין זיין ביאָגראַפיע ר׳ מרדכי׳לעס נאָענטקייט צו ר׳ פּנחס מיכאל, איז כדאי צו דערציילען די וואונדערליכע מעשה־פּלא, וואָס האָט אין איר צייט אויפגערודערט די וועלט.

די מעשה, אָדער לעגענדע, לויטעט אַזוי:

אין דער נאַכט פון ערב יום כפּור, תרמ״א, האָט ר׳ מרדכי׳לע געזען אין חלום אַ שיינעם מענשען, באַגלייט פון צוויי אַנדערע מענשען ביי ביידע זייטען. די באַגלייטער האָבען געזאָגט צו ר׳ מרכי׳לען, אַז זיי זיינען עדות, און עס איז ניט סתם אַ חלום, נאָר אַן אמת׳ע זאַך צו געדענקען אויף וואהר, און זיינען פאַרשוואונדען. דאַמאָלט האָט דער פאַרבליבענער מענש געזאָגט ר׳ מרדכי׳לען, אַז ער קומט פון עולם האמת, און אַז אויף אים, ר׳ מרדכי׳לען, איז דאָ אַ שווערע גזירה.

ר׳ מרדכי׳לע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווער האַרץ, און אויף מאָרגען, יום כפּור, מתפּלל געווען מיט גרויס אימה, און זייער פיל געוויינט.

שמיני עצרת האָט ער ווידער געזען דעם מענשען אין חלום, אָנגעקליידעט אין ווייסע תכריכים, און יענער האָט צו אים געזאָגט:

„זיי וויסען, אַז מיט דיינע טרערען און תפלות האָסטו פיל אויפגעטאָן, אָבער נאָך ניט מבטל געמאַכט די גאַנצע גזירה.״

ר׳ מרדכי׳לע איז צו אים צוגעשטאַנען מיט טרערען, ער זאָל אים דערציילען, אין וואָס באַשטייט די גזירה, און צוליב וואָס פאַר אַ חטא איז עס אויף אים געקומען.

האָט אים דער מענש דאַן דערציילט אַזאַ געשיכטע.

ער אַליין איז מהר״י בן לב, אַ רב אין אַ שטאָט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ ספר פון תשובות. איינמאָל, ווען ער האָט גע׳פּסק׳נט אַ דין תורה, האָט איינער פון בעלי־דברים, וועמען דער מהר״י בן לב האָט באַשולדיגט, אויסגעבראָכען אין אַ כעס, און אים, דעם מהר״י בן לב, אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש.

פון דאַמאָלט אָן האָט יענע נשמה ניט קיין תקומה, און ער וויל איר העלפען, און אַזוי ווי ר׳ מרדכי׳לע שטאַמט פון יענעם בעל־דבר מוז ער מתקן זיין יענע נשמה, וויל ער טראָגט איר זינד.

אַן אויפגעציטערטער האָט ר׳ מרדכי׳לע געפרעגט

שטאַמלענדיג, וואָס זאָל ער טאָן אום צו מתקן זיין די נשמה, און דער מהר"י בן לב האָט אים געהייסען, ער זאָל קויפען זיין ספר תשובות און עס אויסלערנען אויף אויסווייניג, וועט דאָס זיין אַ תקון.

ר' מרדכי'לע האָט אים דאַן געפרעגט, וואו קען ער קריגען זיין ספר. און דער מהר"י בן לב האָט אים געהייסען שיקען קיין אַנטיפּאָליע צו ר' פּנחס מיכאל'ן געלט פאַר'ן ספר. און ר' פּנחס מיכאל וועט דאָס געלט האָבען צו שטייער צו דרוקען זיין ספר.

ר' מרדכי'לע האָט אויסגעפאָלגט דעם פאַרזאָג פון חלום, און וועגען דעם סוד געשריבען ר' פּנחס מיכאל'ן אין אַ בריף פון בוטען.

ר' פּנחס מיכאל פלעגט אַלע ערב שבת אויסליידיגען אַלע קעשענעס און געבען אַלע בריף צו זיין אייניקעל, אַלטער, צו פאַרברענען, איבערלאָזענדיג נאָר הלכה זאַכען.

אַזוי איז צו אַלטער'ן אויך אַריינגעפאַלען ר' מרדכי'לעס בריף, אָבער אַנשטאָט צו פאַרברענען, ווי ר' פּנחס מיכאל האָט אים געהייסען, האָט ער עס איבערגעגעבען צו ר' משה שרייבער, עס איבערצושרייבען, און אַזוי אַרום איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרען איבער דער וועלט.

ווען פּנחס מיכאל האָט זיך דערוואוסט, אַז דער סוד איז באַוואוסט געוואָרען, איז ער געוועען אין כעס אויף זיין אייניקעל, און קורץ נאָכדעם איז טאַקע דער אייניקעל פּלוצלונג געשטאָרבען. אַז ר' פּנחס מיכאל האָט געהערט פון זיין טויט, האָט ער געזאָגט: „ער האָט ניט גערדאַרפט זיין קיין נאַר."

ווי געזאָגט, קען מען ניט גאַראַנטירען פאַר די ריכטיגקייט פון דער געשיכטע, כאָטש עס זיינען דאָ קאָפּיעס פון בריף, און זיי זיינען דאַטירט: „בוטען, ו' בחודש שבט, ה'תרמ"ה" *).

ר' מרדכי'לע איז נפטר געוואָרען כ"ה אָדר, התרע"ו.

פאַרשידען זיינען געוועען די סאָרטען מענשען. רייכע אידען, ווינטערצייט מיט טייערע פוטערס אויף די פּלייצעס, האָבען זיך געמישט מיט איינגעקאָרטשטע אידענעס אויף פּעק און קלומקעס. יונגע פרויען, עקרות, וועלכע זיינען געקומען בעטען אויף קינדער האָבען זיך געמישט מיט אינוואַלידען, האָרבאַטע, הינקעדיגע, וועלכע זיינען געפירט געוואָרען פון זייערע נאָענטע צום רב.

די דאָזיגע פיל־פאַרביגע מענגע מענשען פלעגט טעגליך אָנפילען אַלע האָטעלען און אכסניות אין שטאָט. ספּעציעלע בעל־עגלה'ס פלעגען טעגליך פאָרען צום באַן, צו פירען צו ר' מרדכי'לען די אָנגעקומענע בעטער, אַ גרויסער טייל שטאָט האָט פון זיי געצויגען חיונה.

און ניט נאָר אידען זיינען געפאָרען צו אים. גאַנץ אָפט האָט מען אויך געקענט טרעפען קריסטען, רייכע און אָרימע, וועלכע האָבען זיך געצויגען צו ר' מרדכי'לען אויסגיסען פאַר אים זייערע שווערע הערצער.

און די געקומענע זיינען קיינמאָל ניט אַוועקגעפאָרען ענטוישט.

קיין באַצאָלט האָט ר' מרדכי'לע פאַר זיינע ברכות און עצות ניט גענומען. האָט איינער פון די רייכע געסט אָנגעבאָטען אַ „פּדיון", האָט אים ר' מרדכי'לע אָנגעוויזען אויף אָנגעקלאַפּטע פאַרשלאָסענע צדקה־פּושקעס פון ישיבות און אַנדערע אינסטיטוציעס, וואו יענער קען אַריינוואַרפען זיינע אַ קופּערנע אָדער זילבערנע מטבע.

פאַרקערט נאָר, עס זיינען אַרומגעגאַנגען פילע געשיכטעס וועגען אָרימע לייט, וועמען ר' מרדכי'לע פלעגט העלפען פון זיין אייגענער קעשענע, און אַנדערע אָרימע, קומענדיג ביי אים בעטען אַן עצה ווי זיך צו העלפען נאָך אַ שרפה אָדער אַנדער אומגליק, האָט ער שנעל אַריינגעשפּאַרט אין די הענט עטליכע אַסיגנאַציעס, און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט די ברכות צו אַנדערע, ניט געבענדיג קיין מעגליכקייט אים צו דאַנקען.

געהאַלטען האָט ר' מרדכי'לע, אַז אַ גרויסער טייל מענשען זיינען אומגליקליך נאָר ווייל זיי האָבען זיך איינגעשמועסט, אַז זיי זיינען אומגליקליך. אַנדערע ליידען פון שרעק, דענקען זיי, אַז זיי זיינען קראַנק. אַנדערע זיינען אַזוי נערוועז, מעלאַנכאָליש, שוואַך און צעבראָכען. וואָס אַזוינע מענשען דאַרפען איז נאָר ערמוטיגונג, צוטרוי און היפּנאָטישען־גלויבען אין איינעם וואָס זאָל זיי הייסען אויפלעבען, אונטערנעמען, און זיי וועלען אים פאָלגען, און אַזוי אַרום אַרויפגעפירט ווערען אויפ'ן וועג פון לעבען.

ר' מרדכי'לע האָט דערשפּירט, אַז ער באַזיצט די קראַפט פון אַרויסרופען צוטרוי, און דאָס האָט אים באַוואויגען ער זאָל זיך אונטערנעמען צו ווערען זייער דאָקטאָר און זיי העלפען.

און עס איז ווירקליך געוועען אַזוי, און מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע דער סוד פון פילע מופתים.

באַפליגעלטע מיט נייע כחות פלעגען די בעטער אַרויסגיין פון ר' מרדכי'לעס הויז פול מיט קוראַזש און מוט. ווי אָפּגעווישט דורך אַ צויבער־האַנט פלעגען מיט אַמאָל ווערען אַלע מיחושים, פעלערען, און פילע זיינען געוואָרען צוריק געזונטע און ניצליכע מענשען אין דער געזעלשאַפט.

* באַמערקונג: דער גאַנצער בריף איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען אין „קבוצת קונטרסים", מחברת ראשונה, פון יצחק הירשענזאָהן, ירושלים.

דער רעדאַקטאָר באַמערקט אַז דער בריף איז צו אים געקומען דורך אַ תלמיד פון „שנות אליהו", וואָס איז דורכגעפאָרען אַנטיפּאָליע און איז איינגעשטאַנען ביי ר' פּנחס מיכאלין און ווען ער האָט דאָרט געעפענט אַ ספר אין אים אַריינצוקוקען, האָט ער געפונען דעם אויבענדערמאָנטען בריף, וועלכען ער האָט איבערגעשריבען.

דער בריוו איז אויך געדרוקט אין די פאָלגענדע אויסגאַבעס:

המורא הגדול, פון דוד ווייסמאַן, תרס"ג. מוסדות האמונה, פון מרדכי אריה ניסענבוים, צווייטע אויסגאַבע, ניו יאָרק, תרפ"ד. חלום נורא דרוק תלפיות, תל־אביב, תרצ"ט. — רעד.

דער כאַלאָזשינער

פון גדליהו קאַפּלאַן

ער איז געזעסן אין א קליין דאָרף, ניט ווייט פון פינסק. ביימאָג פלייסיג געאַרבעט אין זיין קוזניע, געקלאַפּט מיט'ן האַמער אויף דער קאָוואַדלע, און ביינאַכט געזעסן פאַרטיפט אין לערנען משניות, ביז דעם גרויען פרימאָרגען. אין טאָג־טעגליכען לעבען איז ער געווען א פרומער, ערליכער איד פון א גאַנץ יאָר, מיט לאַנגע שוואַרצע ברעמען אַרום זיינע ליכטיגע אויגען. דאָס איז געווען דער באַוואוסטער „כאַלאַזשינער", אָדער ר' אליה מרדכי ב"ר חיים לעווענזאָהן. זייער אָפט איז ער געגאַנגען צופוס קיין קאַרלין לערנען תורה



דער כאַלאָזשינער

ביי דעם קאַרלינער רב, פון וועלכען ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרען פון זיין לערנען וועלכע האָבען גע־האַט צו טאָן מיט זאַכען וואָס זיינען שייך בין אדם למקום, נאָר אויך בין אדם לחברו. דער „כאַלאַזשינער" האָט נעהאַלטען אז בין אדם לחברו איז אזוי וויכטיג ווי בין אדם למקום. דאַרום איז ער געווען א האַרציקער ליבער פריינד צו יעדען מענטשען, צו ער איז א איד אָדער א קריסט.

ער איז געאַכטעט און פאַרהייליקט געוואָרען אויך ביי די קריסטען, און ווען א פויער איז געקומען שאַרפען דעם אַקער־אייזען, א סערפּ אָדער קאָסע, האָט ער טיף אין האַרצען געגלויבט אז אויב דער „כאַלאָזשינער" האָט עס נעהאַלטען אין זיינע הענט — וועט שוין דעם יאָר זיין א מזל ברכה אין זיין פעלד. ניט נאָר די קריסטען האָבען געגלויבט, נאָר אויך אידען. דער דאָרף כאַלאָזשין איז שטענ־דיג געווען פול מיט מענטשען, אָנגעלאָדען מיט שווערע הערצער, וועלכע זיינען געקומען צו איהם קריגען א ברכה.

זיין ברכה איז געווען פּראָסט און פשוט, מיט די פאָל־גענדע ווערטער: „רב איד, זעט נאָר האָט גלויבען אין גאָט, און שטעלט זיך פאָר דאָס גאָטהייט איז „מלא כל הארץ כבודו", ער איז דער עמוד האש. פאַרגעסט ניט פון „שויתי ד' לנגדי תמיד" — וועט אייך גאָט העלפען. ניט געזאָרגט ברידער אידען. האָט ליב גאָט, וועט גאָט אייך ליב האָבען, ווי אויך דעם גאַנצען אידישען פאָלק".

אָפטמאָל פלעגט ער טרייסטען מיט דוד המלך'ס א פסוק: „גול על ה' דרכך ובטח עליו והוא יעשה". גייט אין די וועגען פון דער תורה וועט איר ניצול ווערען פון אלע שלעכטס. אונזער פאָטער אין הימעל פאַרלאָזט אונז ניט ווייל „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל". מיר האָבען דורכגעמאַכט די גרעסטע געפאַרען און ער האָט אונז געהאָלפען אַלעם איבערקומען. מיר זיינען ווי ביימער אין ווינטער, און ווען עס קומט פרילינג וואַקסען זיי און בליהען צוריק".

ווי אזוי איז דער „כאַלאָזשינער" נתגלה געוואָרען? עס ווערט דערציילט אז ווען טויזענטער מענטשען זיינען גע־פאָרען קיין סלאָנים צו דעם וועלט־באַרימטען ר' מרדכי'לען, האָט ער אויף זיינע עלטערע יאָרען זיך אנטזאָגט צו אויפ־נעמען זיינע פאַרערער, און האָט צו זיי געזאָגט: „פאַרוואָס פאָרט איר צו מיר? בעסער פאָרט צו דעם שמיד אין כאַלאַזשין! ער וועט אייך געבען א ברכה וואָס וועט מקוים ווערען". און ווען דער געדראַנג קיין כאַלאָזשין איז געוואָרען גרעסער, און טויזענטער מענטשען האָבען באַלאַגערט דעם קליינעם דאָרף כאַלאָזשין, זיינען די גוים אויפגעלעבט גע־וואָרען, ווייל די אָנפאָרער האָבען איינגעקויפט זייער עסנ־וואַרג פון די גוים. און דער עולם איז געפאָרען צו דעם „כאַלאָזשינער", וועד נאָך א ברכה, און וועד נאָך אן עצה. ער האָט אויף א באַשיידענעם אופן אַרויסגעקוקט אין א קליין ספר'ל וואָס האָט זיך גערופען „מיכאל און עוזיאל",

וועלכער האָט ענטהאַלטען רפואות און סגולות, און ער האָט געגעבען אַ סגולה אָדער אַ רפואה.

צום מערסטען איז דער „כאַלאָזשינער" פּאָפּולאַר געוואָרען אין אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די אידישע יונגוואַרג האָט ניט געוואָלט גע'הרג'עט ווערען פאַר דער אַנטיסעמיטישער צאַרישער רעגירונג. דאַן האָבען בני ישראל געפאָרען צום "כאַלאַזשינער" נאָך אַ ברכה, און ווי מ'דערציילט איז טאַקע זיין ברכה מקוים געוואָרען. דער „כאַלאַזשינער" פלעגט אויך אַמאָל געבען אַ קמיע. און זיינע אַ קמיע איז געווען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר און אין זעהר אַ פאָלקסטימליכען סטיל. אָט איז דער נוסח פון אַ קמיע וואָס ער האָט געגעבען אַ אידישען סאָלדאַט: „שומר ישראל. שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל". און אָט איז אַן אַנדער נוסח פון אַ קמיע, וועלכע ענטהאַלט אַ פּסוק פון תהילים: „קרוב ה' לנשברי לב. ואת דכאי רוח יושיע". אויך פלעגט ער געבן אַ „פּירערל", אַ רוסישע 2 קאָפּיקעס, אַ סגולה מ'זאָל זיך פירן אין גלייכען וועג.

אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה האָט ער פאַרלאָזען כאַלאַזשין, און האָט זיך באַזעצט אין דער נאָהענטער שטעטעל דראָהיטשין. די פּוילישע רעגירונג האָט אויסגענוצט די־דאָזיגע געלעגענהייט און האָט הינטער דער שטאָט געבויט אַ ספּעציעלע סטאַנציע פון פּאָליעסער אייזענבאַן, וואָס האָט זיך גערופען „סטאַנציא ראַבינא". דורך דיזער סטאַנציע פלעגען שטראָמען מענטשען וועלכע זיינען געקומען נעמען אַ ברכה פון דעם גוטען אידען.

דער כאַלאָזשינער שמיד איז געוואָרען דער גוטער איד פון די מאַסען, צו וועלכע ער איז געווען זעהר נאָהענט און האָט גערעדט זייער לשון. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד וועגען זיין פאָלקסטימליכקייט: איינמאָל איז אָפּגעברענט געוואָרען אַ גאַרבאַרניע. דער גאַרבאַרניק אין שטעטעל איז געבליבען הייל־נאַקעט. גראַדע האָט זיך געמאַכט דאָס אַ רייכער ישובניק איז געקומען נאָך אַ ברכה, דאָס מען זאָל ניט גנב'נען זיינע פערד. האָט אים דער כאַלאָזשינער געזאָגט ער זאָל גיין צום גאַרבער און געבען אים הונדערט רובעל, ער זאָל קענען אויפבויען אַ נייע הייזקע, און ער וועט אים געבען אַ הונט וועלכער וועט אייננהיטען זיינע פערד. אַזוי איז טאַקע געווען. דער ישוב'ניק האָט געגעבען הונדערט רובעל דעם אָרימען גאַרבער, און דער גאַרבער האָט אים געגעבען זיין שוואַרצען הונט. דער ישוב'ניק איז אַוועקגעפאָרען זייער צופרידען, ווייל פון דער צייט אָן זיינען מער קיינע גנבות געווען ביי אים.

ויהי היום, דאָס איז געווען פּסח, האָט דעם ישוב'ניק'ס שוואַרצער הונט געבראַכט אַ האַלבען לאַבל ברויט. דערזען די נבלה האָט דער ישוב'ניק געהאַט זייער גרויס צער און איז חול־המועד אַוועקגעפאָרען צו דעם „כאַלאַזשינער". ער איז אַריינגעפאַלען מיט אַ היסטערישען געוויין: „רבי טייערער! איך האָב אַ גרויסע זינד, עס קומט מיר כרת יאָהרן. דער הונט האָט געגעסען חמץ אום פּסח". באַרוהיגט אים דער „כאַלאַזשינער" און זאָגט: „טייערער פריינט, זייט ניט אַזוי איבערגעשראָקען. כרת קומט נאָר צו מענטשען, אָבער ניט צו הינט . . . שרעקט זיך ניט, אייער הונט וועט דאָס ניט שאַדען".

ווען דער שרייבער פון די שורות איז פאַר זיין אָפּפאָר נאָך אַמעריקע, געקומען זיך געזעגענען, האָב איך אים געטראָפען אַ פאַרטראַכטען, אַ פאַרטראָגענעם. אין געגענזאַץ צו דעם הויפּשטריך פון דעם מעקווירדיגען מענטשען וואָס איז געווען באַוואוסט מיט זיין איינפאַכקייט. האָט ער צו מיר געזאָגט: „פאָר געזונט אין דעם נייעם לאַנד אַמעריקע". ער האָט מיר אויפגעמישט אַ חומש דברים און געוויזען דעם פּסוק: „תמים תהיה עם ה' אלהיך — זיי אַ גאַנצער איד". און דערביי האָט ער מיר דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגען אַ ישוב'ניק וואָס האָט געהערט אַז אויב מען קויפט אַן אתרוג, אַ הדר — גיט גאָט אַ גוט יאָר. לויפט דער ישוב'ניק צו דעם רב און זאָגט: „רבי, גיט מיר אַן אתרוג אַ הדר". ענטפערט דער רב: „געוויס וואָלט איך דיר געבען. ליידער איז שוין צו שפּעט. איך האָב בלויז איינעם, איז ער שוין באַשטעלט פאַר ר' שמולקען דעם נגיד". זאָגט דער ישוב'ניק: „רבי טייערער, גיט מיר בלויז אַ קוק טאָן ווי אַזוי זעט אויס אַ הדר". ווען דער רבי האָט עס אים געוויזען, כאַפּט אַרויס דער ישוב'ניק אַ קעשענע־מעסערל, צושנייט דעם אתרוג און זאָגט: „זאָל איך האָבען אַ האַלבען, און שמולקע אַ האַלבען". דאַן האָט דער רב אַ געשריי געטאָן: „דער אתרוג איז פּסול, ווייל אַן אתרוג איז כשר נאָר ווען ער איז אַ גאַנצער . . ."

אין דעם טאָג ווען ער איז נפטר געוואָרען, חול־המועד סוכות, תר"ץ, אין עלטער פון 90 יאָר, זיינען געקומען די גרעסטע רבנים פון אַלע שטעט און שטעטלאַך אַרום דראַהיטשין און געוואָלט האָבען דעם זכות צו טראָגען זיין מיטה. אידען פון אַנטיפּאָליע, האָראָדעץ, באַמסק און אַנדערע שטעט זיינען געקומען אָפּגעבען דעם „כאַלאַזשינער" זיין לעצטען כבוד.

ווען די דייטשען, ימח שמם, האָבען צענומען אַלע מצבות פון נייעם דראַהיטשינער בית עולם — האָט דערציילט אַ פּליט פון דראַהיטשין — איז די מצבה אויף דעם קבר פון דעם „כאַלאַזשינער" געבליבען ניט גערירט פון אָרט. זאָל זיין די מצבה פון „כאַלאַזשינער" אַן אייביקער דאַנקמאָל, אַן אַנדענקונג אָן די ליכטיגע גייסטער וועלכע האָבען געלייכט דעם וועג פון אונזער פאָלק אין זיינע ליידען און אין זיינע פריידען! *)

*זע וועגען „כאַלאַזשינער" אויך פון באַוואוסטען אידיש־העברייאישען שרייבער ר' מרדכיילע (חיים צעמערינסקי), עיירתי מוטילי, „רשמות" ב', ז. 82־81.

— רעד.

קולטור באַוועגונגען

די רעוואָלוציע

פון א. ש.

די פרילינג ווינטען, וועלכע האָבען געבלאָזען אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, האָבען אויך דערגרייכט דאָס קליין שטעטעלע האָראָדעץ, אָבער אין אַ קליינעם מאסשטאב. די סיבה איז געווען אַ פּשוט'ע: קיין פאַבריקען זיינען אין האָראָדעץ ניט געווען, און אַ פּראָלעטאריעט אין פולען זין פון וואָרט האָט דאָרט ניט עקזיסטירט. עס זיינען געווען איינציגע געדונגענע פועלים אין שטעטעל: ביי די שניידערס, שניידערקעס, שוסטערס, סטאָליארעס און שמידען, ביי וועלכע ס'האָבען געאַרבייט איינער אָדער צוויי פועלים, און די בעלי־בתים האָבען געאַרבייט צוזאַמען מיט זיי, פון פריהמאָרגען ביז שפּעט ביינאַכט.

לויטען סיסטעם פון יענער צייט פלעגט מען דינגען אַ פּועל אויף אַ יאָר, אָדער דריי יאָר, מיט עסען און מיט אַ פּאָר שטיוועל (ביי די שוסטערס), אָדער אַ גראַניטור (ביי די שניידערס). אַזוי־אַרום איז דער פּועל געוואָרען אַ אמת'ער בן־בית, ממש ווי אַן אייגען קינד. דער פּועל פלעגט אויך טאָן הויז־אַרבייט, ווי אַרויסטראָגען די פּאָמויניצע אָדער האָדעווען דעם בעל־בית'ס קינדער; און דער בעל־הבית איז אויך ניט געווען אַן עקספּלוטאַטאָר לויט'ן מאָדערנעם באַגריף. דעם בעל־הבית פלעגט געוונג דאַרען דער מוח, וואו צו נעמען די פּאָר רובעל צו באַצאָלען זיין פּועל.

דער איינציגער אמת'ער פּראָלעטאַריער וואָס איז גלייך צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין האָראָדעץ און געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט, איז געווען פיישע יאַנקעל'ס, וועלכער האָט אַלץ געטאָן כדי נאָהענטער צו ברענגען די רעוואָלוציע.

---

1) נאָך דער רעוואָלוציע איז פיישע אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק איז ער געווען אַן אַרבייטער, דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא, און דאָרטען געעפענט אַ שוך־געשעפט. פיישע איז געשטאָרבען אין יאָהר 1934. **רעד.**

פיישע איז געווען אַן אָנגעדונגענער שוסטער ביי איינעם פון די שוסטער בעלי־בתים אין שטעטל. ער איז געווען אַ אמת'ער פּראָלעטאַריער, אַ זוהן פון דורות האָראָפּאַשניקעס, וועלכע האָבען געלעבט פון יגיע כפּים. פיישע איז געווען גרייט אויף אַלץ. ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקען, אפילו פאַר'ן אוריאַדניק און גלח האָט ער אויך ניט געציטערט [1].

פיישע יאַנקל'ס (ראָזענבוים)

פּאָטענציעל איז די האָראָדעצער אַרבייטערשאַפט געווען גרייט פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרבייט. ס'האָבען אָבער געפעלט אָרגאַניזאַטאָרען. אויך דער עלעמענט איז צוגעקומען, אין געשטאַלט פון צוויי יונגע האָראָדעצער בחורים'לעך, אברהמ'ע חיים הערש'ס (נאַדריטשני) און איטשע שאיעס (פאַרבער), וועלכע האָבען געלערענט אין פּינסק[2]. אין פּסח, 1905, ווען זיי זיינען געקומען אַהיים אויף יום־טוב, האָבען זיי זיך גענומען צו רעוואָלוציאָנירען דעם האָראָדעצער אַרבייטער.

---

2) אַברהמ'ע איז שפּעטער אַוועקגעפאָרען קיין וואַרשע און זיך אויסגעלערענט פאַר אַ ציין־טעכניקער. דערנאָך האָט ער געהאַט אַ ציין־לאַבאָראַטאָריע אין לאָדז, ביז וואַנען די דייטשען האָבען אים מיט זיין משפּחה אומגעבראַכט. ה׳ יקום דמם!

איטשע שאיעס — דאָס איז אונזער איבערגעגעבענער לאַנדסמאַן דר. י. פאַרבער.

רעד.

איטשע שאיע'ס
(דר. י. פארבער)

אברהם און איטשע זיינען געווען זעהר נאהענט צו די עס. עסאווצעס (ס.ס.). די ס. ס. פארטיי איז געווען א געמיש פון פועלי־ציוניזם און פון טעריטאריאליזם. אין 1905 האט פינסק פארנומען גאר א חשוב'ען ארט אין דער ס. ס. באוועגונג.

גאנץ שנעל זיינען אברהמ'ע און איטשע געקומען צום שכל, אז די וועלט באשטייט ניט נאר פון אידען אליין, אז ס'זיינען אויך פאראן גויים און מ'דארף זיי צוציהען צו דער ארבייט. דאס איז שוין געווען א שווער שטיקעל ארבייט, און אויך געפערליך. מיט גויים שפילט מען זיך ניט. פונדעסטוועגען האט זיך זיי איינגעגעבען צו ארגאניזירען א גאנץ היבשע גרופע פון די ארטיגע ניט־אידישע יוגענד. גרויס פרעסטיזש האט זיי צוגעגעבען וואניא סווערדיוק, דער אינגערער זוהן פון מאקסים סווערדיוק, א הארעדעצער גוי, וועלכער איז געווען גאנץ רייך און א שרייבער אין קאנצעלאריע.

אברהם הערש נאדריטשני

ווען מען האט איינגעלאדען וואניא סווערדיוק'ען עד זאל קומען אדרעסירן א פארזאמלונג, האט ער עס גלייך אנגענומען. אבער אזוי ווי קיין רעדנער איז ער ניט געווען, האט ער פארגעשלאגען אז ער וועט פארלייענען עפעס פאסענדיגעס. די פארזאמלונג איז דורכגעפירט געווארען הינטער'ן שליוז און ס'איז געווען אן ערפאלג.

אברהמ'ע און איטשע האבען זיך ניט באנוגענט מיט פארלעזונגען. זיי זיינען געגאנגען דירעקט צום פאלק: מ'האט געבראכט פראקלאמאציעס און איינער פון דער גרופע שקצים האט איינגעשפאנט זיין פערד און וואגען, און דיביידע אנפירער האבען זיך אנגעטאן אין גוי'אישע קליידער, פיישע האט געמאכט „פאפ" (קליי), און אין מיטען נאכט זיינען זיי ארומגעפארען איבער די ארומיגע דערפער און געקלעפט פראקלאמאציעס אויף די צלמים, וואס פלעגען שטעהן ביי יעדען עק פון דארף, אויף די קאנצעלאריעס, אויף פליטען א. ד. ג. די סביבה האט וועגען דעם גערעדט א לאנגע צייט.

אביסעל שפעטער איז צו די צוויי ארגאניזאטארען צוגעשטאנען אהרן קארלינסקי, מאטיע הלל'ס זוהן, איינער פון די גאר גרויסע מיוחסים פון הארדעץ. אט דער אהרן קארלינסקי איז געווען א ציוניסט, און אים האט געצויגען צו פראקטיש'ע און קולטורעלע ארבייט. לויט זיין איניציאטיווע זיינען געגרינדעט געווארען פרייע אווענד־קורסען, וואו מ'האט געלערענט אידיש און רוסיש. נאטירליך האבען דארט געלערענט מערסטענס מיידלעך, ווייל די אינגלעך האבען דאך אמאל געלערענט אין א חדר. אלע שניידערקעס, ארימע מיידלעך האבען זיך דארטען געלערענט. די לערערינס זיינען געווען רוחמה אייזיקל'ס (איזראעל) און מייטע שמעון אייזיק'ס (גלאצער).

אהרן קארלינסקי האט אויך גע'חלומ'ט וועגען גרינדען קאאפעראטיווען אין הארדעץ. זיינע ארגומענטען זיינען געווען פאלגענדע: אין הארדעץ דרעהען זיך ארום א סך יונגע מיידלעך אהן א שטאך ארבייט, דעריבער דארפען געגרינדעט ווערען קאאפעראטיווען, כדי צו פראדוקטיוויזירען דעם הארדעצער עולם.

גאנץ אפט פלעגט דער פינסקער צענטראל קאמיטעט פון ס. ס. שיקען קיין הארדעץ אגיטאטארען. איינער פון די דאזיגע יונגע חברים, וועלכער איז געווען אין 1906 דער ארומפארענדער אגיטאטאר, איז געווען דער 18־יעריגער אהרן אשר וויינבערג, דער איצטיגער ניו־יארקער אדוואקאט און פועלי־ציון טוער[3]).

די ערשטע לעקציע וואס א. וויינבערג האט געלייענט אין הארדעץ איז געווען אין וועלדעל הינטער דער ציגעלניע. ער האט רעפערירט איבער דעם היסטארישען מאטעריאליזם, וועלכער מוז סטיכיש פירען צום טעריטאריאליזם. דאס איז געווען אין א זומערדיגען שבת. דאס גאנצע יונגוואַרג איז יענעם שבת פארשוואונדען געווארען פון שטעטעל, סיי ארבייטער און סיי בעל־בית'ישע קינדער. טאטע־מאמע זיינען ארומגעלאפען פאר'חידוש'טע: וואו זיינען אהינגעקומען די זיהן און די טעכטער? ניט איינער האט זיך אנגעשטויסען אויף דער סיבה פון דאס נעלם ווערען. פארנאכט־צו, ווען די יונגוואַרג איז שוין אהיים געקומען, האט ניט איינער אדער איינע געכאפט קלעפ . . .

די צווייטע לעקציע, וואס וויינבערג האט געהאלטען אין הארדעץ, איז געווען איבער דער קאנצענטראציע פון קאפיטאל וואס פירט דירעקט צום מאטעריאליזם. דעם צווייטען מאל, דאכט זיך, האט ער געלייענט אין חנה פעלטע'ס הויז.

די לעקציעס האבען געמאכט א גרויסען רושם אויפ'ן עולם־צוהערער, סיי צוליב זייער רייכען אינהאלט און סיי צוליב דעם אויסערליכען אויסזעהן פון לעקטאר, וועלכער האט געטראגען א גרויסע פאטריארכאלישע בארד (צוליב פארשידענע פאליטישע אורזאכען).

אויסער די עס. עסאווצעס זיינען אין הארדעץ אויך געווען בונדיסטען, אבער זיי זיינען געווען א קליינע מינ־

3) זע „טויזענט יאר פינסק", ז. 156, 432.
רעד.

דערהייט. דער „בונד“, וואָס זיין פּראָגראַם איז צו שאַפען אַ אידישען ארבייטער קלאַס האָט, ווי אויבען שוין באַמערקט, ניט געהאַט פאַר זיך קיין ארבייטער-קלאַס אין האָראָדעץ. דעריבער האָט דער „בונד“ קיין קיום ניט געהאַט אין האָראָדעץ. דאָך אינגאַנצען אומבאַמערקט איז ער ניט געווען. ער האָט ארויסגערופען סטרייקען, געקעמפט פאַר ווינציגער ארבייטס שעה'ן, בעסערע באַדינגונגען, העכערע שכירות א. ד. ג.

דער פאַרשפּרעכער פון די בונדיסטען איז געווען ירמיה אהרן אשר'ס (רודעצקי), אַ זוהן פון אַ פּאסעסאָר, און אַ גאַנץ רייכער איד[4].

צו דער פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער ארבייט האָט זיך אויך געפאָדערט טאָג-טעגליכע אויפקלערונגס-ארבייט, און דאָס האָט ניט געקענט צופרידענשטעלען אַ לעקציע פון אַ פרעמדען אָדער אַן אייגענעם מענש. צו דער דאָזיגער אויפגאַבע איז געשאַפען געוואָרען אַ ביבליאָטעק, וועלכע איז באַשטאַנען פון אידישע ביכער מיט אַ סאָציאַליסטישען אינהאַלט פון די טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, ווי קארל מארקס, קאוטסקי א. ד. ג.

די ביבליאָטעק איז געווען ביי שלמה'ן, משה דעם גרויסענ'ס (בורשטיין), אין הויז. ער איז אויך געווען דער ביבליאָטעקאר.

שלמה בורשטיין

צום גרויסען באַדויערען האָט די ביבליאָטעק לאַנג ניט עקזיסטירט, ווייל די לייענער האָבען צו-ביסלעך איבערגעלאָזט די ביכער ביי זיך אין דער היים.

אין סוף 1906, ווען די וויכטיגע מיטגלידער און אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער גרופּע זיינען זיך צופאָרען, ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין וואַרשע, אָדער אַנדערע שטעט, איז מיט זייער אַוועקגעהן פון האָראָדעץ אויך אַוועק דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, און נייע ווינטען האָבען אָנגעהויבען בלאָזען אין שטעטל.

---

4) מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ער געוואָרען אַ לערער אין האָראָדעץ אויף רוסיש, און אין אַמעריקע איז ער געווען אַן ארבייטער ביז וואַנען ער איז געשטאָרבען, דעם 8טען אויגוסט, 1934.

רעד.

ציוניזם

די ערשטע טריט

פון א. ציוני

מען קען אָנפאַנגען מיט דער פראַגע: ווער איז אין האראדעץ ניט געווען קיין ציוניסט? ווער איז אין האראדעץ ניט געגאַנגען אין בית־המדרש דריי מאָל א טאָג און איבערגעזאָגט אלע מאָל די זעלבע תפילות אין וועלכע מ'האָט געבעטן גאָט צוריקצוקומען צו דער הייליגער לאַנד? און וועמען האָט זיך אין האראדעץ געלעבט אזוי גוט, אז ער אָדער זי זאָל זיין צופרידן מיט דעם טאָג־טעגליכן לעבן און האָראָדעץ זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון ארץ־ישראל?

די שווערקייטן וואָס די אַמאָליגע רוסישע מלוכה האָט ארויפגעלייגט אויף די אידן האָבן געמאַכט אַלע אידן אין האראדעץ פאַר ציוניסטן. אָבער ציוניזם אין דעם מאָדערנעם זין פון וואָרט, דער פּאָליטישער ציוניזם פון דר. הערצל, איז געווען גאַנץ פרעמד דעם אַלגעמיינעם אידן פון האראַדעץ. נאָר איינציגע זיינען געווען, וועלכע האָבן געלייענט דר. הערצל'ס שריפטן און האָבן געהאַט אַ אהנונג וועגן הערצליאנישן ציוניזם.

ווען דר. הערצל איז ארויף אויף דער אידישער ארענא און די גאַנצע וועלט האָט אָנגעהויבן דיסקוטירן דעם פּאָליטישען ציוניזם — האָט אויך אין האראדעץ דערגרייכט דער עכאָ פון יענעם שופר־בלאָזן, וועלכער האָט גערופן צו דער באַפרייאונג פון דאָס אידישע פּאָלק און דאָס צוריקקערן צו זיין אייגן לאַנד, ארץ־ישראל.

אין יענע יאָרען פון נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג איז די הויז פון חיה דבורה'ן געווען דער גייסטיגער צענטער וואו די ציוניסטען פלעגען זיך פאַרזאַמלען און דיסקוטירען די ציוניסטישע פּראָבלעמען. ביי חיה־דבורה'ן אין הויז פלעגט מען הערען זינגען אַ העברעאיש ליד פון איר גראָטענע יונגע טאָכטער אסתר, וועלכע איז געווען א גרויסע קענערין פון העברעאיש און געהאַט זייער אַ שיין קול.

חיה דבורה

חיה דבוריה'ס שטוב איז שפּעטער געוואָרען די איינציגע שטוב וואו מ'האָט געהערט רעדען העברעאיש אין טאָג־טעגליכען לעבען. אסתר מיט איר באַוואוסטען מאַן אברהם באַרטענבוים, פלעגען אפילו רעדען העברעאיש מיט זייער הינטעל, וועמען זיי האָבען גערופען „נבחן" און ווען אסתר האָט געבוירען הרצל'ען און דערנאָך חיימ'ען — זיינען די קינדער ערצויגען געוואָרען אין העברעאיש אַלס מוטער־שפּראַך *).

אין דער קליינער ציוניסטישער גרופּע האָט אויך גענומען אַן אַקטיווען אָנטייל אהרן קארלינסקי, מאטיע הלל'ס זון. אהרן קארלינסקי איז געווען זייער אַ באַוואוסטזיניגער און אידעאַליסטישער בחור, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָר־

*) אברהם באַרטענבוים איז געווען מיטאַרבייטער פון „הצפירה". ער האָט אויך געהאָלפען פאַרפאַסען די באַוואוסטע לערען־ביכער „הדבור העברי" און „הסגנון העברי".

ער איז געשטאָרבען אין וואַרשע, ענדע זומער 1907.

אסתר, זיין פרוי, איז געווען פאַר פילע יאָרען לערערין אין וואַרשע אין די העברעאישע שולעס פון קרינסקי, ש. ל. גארדאן, פוגאטשאוו און אַנדערע.

אסתר און אירע זין זיינען אומגעקומען דורך די נאַצישע בעסטיעס. הי"ד!

רעד.

פען מיט זיין גאַנצען ברען פון דער נשמה אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. און ווען דר. הערצל האָט ארויסגעלאָזען זיין לאָזונג „נעמט איין די קהילות“ — האָט אהרן זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסען אין אַ גרויסע געגנערשאַפט מצד די אָרטאָדאָקסישע אידען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט אָפּטרעטען זייער אָרט צו דעם אינגערען עלעמענט. זיי האָבען געזעהן אין דעם פּאָליטישען ציוניזם אַ געפאַר פאַר דער טראַדיציאָנעלער אידישקייט. אין האָראָדעץ, אַזוי ווי אין דער גרויסער וועלט, איז אויך פּאָרגעקומען אַ קאַמף, אָבער קיין גרויסען זיג האָבען אין האָראָדעץ די ציוניסטען ניט געוואונען. אין בית־המדרש נעבען אויווען האָט זיך געטומעלט, צי מ׳דאַרף וואַרטען ביז משיח וועט אַליין קומען, אָדער מ׳דאַרף טאָן, ווי וויט מעגליך, אויף צו־איילען משיח׳ס טריט.



אסתר און אברהם באַרטענבוים

איינינגע האָבען ניט געוואַרט אויף משיח׳ן, האָבען געקויפט שקלים און אַקציעס פון קאָלאָניאַל באַנק, אָבער צו אַ פּאָלקס־באַוועגונג איז דאָס ניט געקומען. אהרן קאַרלינסקי האָט ניט גערוט, פלעגט רעדען פּריוואַט, געהאַלטען רעדעס אין בית־המדרש, אָבער ווען אַ מגיד פלעגט אריינקומען — פלעגט מען בעסער גיין הערען דעם מגיד איידער אַהרנ׳ען.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו דערמאָנען נאָך איינעם, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט ליבע צו ארץ־ישראל, דאָס איז יעקב הערש העלערשטיין, דער עקספּעדיטאָר, וועלכער האָט געוואוינט נעבען וואקזאל.



יעקב הערש העלערשטיין

העלערשטיין איז געווען אַ חסיד׳ישער איד. ער פלעגט דאַווענען אין דער סטאָלינער שטיבעל, אָבער ער איז געווען אַ בשכיל. ביי אים אין הויז איז געווען אַ שיינע העברעאישע ביבליאָטעק, און אַז עמיצער האָט געוואָלט אַ העברעאיש בוך — איז ער געגאַנגען צו העלערשטיינ׳ען. העלערשטיין פלעגט זיך אָפּט באַטייליגען, אונטער אַ פּסעוודאָנים, אין „הצפירה“ און „הזמן“, און זיין הויז איז געווען אַ בית ועד לחכמים.

העלערשטיין איז ניט געווען קיין רעדנער, ער איז מער געווען אַ מענש פון פּעדער, און איינמאָל ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט האַלטען אַ ציוניסטישע רעדע — איז ער געבליבען שטיל און ניט געקענט רעדען, און ער האָט זיך געמוזט אַנידערזעצען.

אָבער אויף זיין שטילען באַשיידענעם וועג האָט העלערשטיין זייער אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם פעלד פון אויפקלערונג, און ער האָט געהאָלפען צו אַקערען די הערצער און זיין גרייט שפּעטער אויפצונעמען די זוימען פון נאַציאָנאַלען רענעסאַנס.

עהרע זיין אָנדענק!

ווען דאָס קליינע הייפעלע ציוניסטען זיינען זיך צופּאָרען, און די שאַלונג פון רעוואָלוציע האָט זיך געלאָזט הערען אין רוסלאַנד — איז דער קול פון דער נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג אויף דערווייל שטיל געוואָרען אין האראדעץ.

אהרן קארלינסקי האָט אָנגעהויבען זיך דערנעהענטערען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און העלערשטיין האָט זיך אויף דערווייל צוריקגעצויגען, און האָט זיך מער אָפּגעגעבען מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען זיין איינציגע באַפרידיגונג אין זיין לעבען.

א „פּאָליטישער פאַרברעכער"

פון נפתלי גאָלדבערג

אין די יאָרען פון 1905 ביז 1912 איז האָראָדעץ געווען זעהר שטיל בנוגע ציוניזם. קיין אַקטיווע באַוועגונג איז דאָרט דאַן ניט געווען. דער עלטערער עלעמענט האָט געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז משיח קען קומען צו יעדער צייט, אויסער שבתים, יום-טובים און ערב שבת וערב יום-טוב. דער אינגערער עלעמענט איז געווען פאַרטאָן, ווער אין מסחר און ווער אין „עקסטערניטשאַיען", אַ טערמין וואָס איז גוט באַוואוסט געווען דער אידישער יוגענט אין רוסלאַנד, וועלכע מען האָט ניט אַריינגעלאָזען אין די גימנאַזיעס.

קיווע

פּלוצלינג איז אויסגעוואַקסען אַ קליין בחור'ל פון אַ יאָהר פופצעהן, מיט רויטע האָר און מיט טעמפעראַמענט, און האָט אָנגעהויבען שאַפען אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין האָראָדעץ. אָט דעם רויטען בחור'ל האָט מען גערופען קיווע צייטעל'ס, אויפ'ן נאָמען פון זיין מוטער צייטעל, ווייל זיין פאָטער איז געווען אין אַמעריקא (היינט רופט ער זיך עקיבא בן-עזרא, דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון בוך „האָראָדעץ").

דער דאָזיגער יונגער קיווע האָט אָנגעהויבען לייענען פאַרשידענע ביכער און בראָשורען וועגען ציוניזם. ער האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט זיין פערזענליכען ציוניזם, נאָר ער האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטען די ציוניסטישע אידעע אין האָראָדעץ בכלל, און צווישען זיינע דריי חברים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלערנט, בפרט.

דער ערשטער חבר איז געווען ליבער פּאַליאַק, וועלכער איז אומגעקומען מיט די זעקס מיליאָן קדושים. דער צווייטער איז געווען מאָטעל ווינאַגראַד, וועלכער האָט שפּעטער שטודירט אין בעלגיע, און דערנאָך געוואָרען פּראָפעסאָר פון כעמיע אין דעם אוניווערזיטעט פון יאַסי, רומעניע, און אין די לעצטע יאָרען האָט ער פאַרנומען זעהר אַ הויכען אַמט ביי דער רומענישער רעגירונג. דער דריטער חבר איז דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל.

קיווע האָט געגלויבט, אַז אין ארץ-ישראל ליגט די צוקונפט פון אידענטום. ער פלעגט קריגען אַ סך מאַטעריאַל, ביכער און בראָשורען, און פלעגט צונויפרופען זיינע חברים, וועלכע פלעגען עס צוזאַמען לייענען און דיסקוטירען. ביסלעכווייז האָבען מיר אויך אָנגעהויבען פאַרשטעהן דעם גייסט פון ציוניזם, און אונזער האָפנונג איז געווען, אַז ווען מיר וועלען אויפוואַקסען וועלען מיר געהן קיין ארץ-ישראל.

קיווע פלעגט אויסנוצען יעדע געלעגענהייט צו אַגיטירען ציוניזם צווישען די אינגלעך פון זיין עלטער. אַז ס'איז געקומען זומער און יאַנקעלע מאָטיע איציק'ס (קאַסטרינסקי) איז געקומען אויף וואַקאַציע — האָט ער אים איינגעלאַדען צו האַלטען לעקציעס פאַר דאָס יונגוואַרג אין איציקל'ס סאַד, אָדער ביי זיך אין הויז. און מיט לעקציעס פאַר די אינגלעך און מיידלעך האָט ער זיך ניט צופרידענגעשטעלט. ער האָט אויך אַראַנזשירט לעקציעס פאַר ערוואַקסענע. און איינמאָל, אין אַ זומערדיגען שבת-צו-נאַכטס, האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון דער נאָהענטער שטעטעל אַנטיפּאַליע אַ לעקטאָר. די לעקציע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין חיים ניסל'ס הויז, וואו וואַנדערענדע טרופּען פלעגען געבען קאָנצערטען, און עס פלעגען דאָרטען איינגעאָרדענט ווערען פאַרשיידענע אַנדערע פאַרוויילונגען.

קיווע האָט זיך באַשעפטיגט ניט בלויז מיט אויפקלערונגס אַרבייט, ער פלעגט מיט זיינע חברים טאָן אויך פּראַקטישע אַרבייט, ווי פאַרקויפען נאַציאָנאַל-פאָנד מאַרקעס, שקלים און שטעלען קערות ערב יום-כפור אין די בתי-מדרשים לטובת דעם אָדעסער קאָמיטעט. און אויב איינער האָט ניט געהאַט אַ גאַנצען האַלבען רובעל פאַר אַ שקל — פלעגט ער אים דאָס אויסצאָלען ביסלעכווייז. דאָס זעלבע אויך מיט די קערה געלט ערב יום-כפור. און פון יאָר צו יאָר איז די הכנסה געשטיגען.

אָבער דאָס אַלץ האָט נאָך קיווע'ן ניט צופרידענגעשטעלט. ער האָט אָנגעהויבען פאַראינטערעסירען דעם האָראָדעצער עולם אין אַ ביבליאָטעק, וועלכע זאָל געבען גייסטיגע שפּייז פאַר אַלט און יונג. אַ דאַנק זיין איניציאַטיווע איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט אויף צו קלייבען געלט און קויפען ביכער. אין דער אַקציע האָבען אַנטייל גענומען אַ סך האָראָדעצער בעלי-בתים. די ביבליאָטעק איז, פאַרשטעהט זיך, געגרינדעט געוואָרען ניט לעגאַל. די ביכער זיינען געווען אין אייזיקל'ס (איזראַעל) הויז. אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פלעגט מען קומען אַהין לייהען ביכער. דער אויסוואַל פון די ביכער איז געווען אַ גאַנץ שעהנער: העברעאישע, אידישע און אויך רוסישע ביכער זיינען דאָרטען געווען.

אין דעם אויסוואַל פון די ביכער האָט אַ סך געהאָלפען

אסתר חיה דבורה'ס, וועלכע איז געזעסען אין ווארשע, אין צענטער פון דער אידיש־העברעאישער קולטור.

קיווע'ס נאָמען איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער ניט נאָר אין הארדעץ, נאָר אויך אין געגענד אַרום, און פון ווייט און נאָהענט האָט מען מיט אים קאָרעספּאָנדירט, אַזוי ווי מיט אַן ערוואַקסענעם. זיין קאָרעספּאָנדענץ איז געווען זעהר אַ גרויסע, און דאָס האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. אויסער בריוו פון ציוניסטישע צענטערען פלעגט ער אויך באַקומען בריוו פון פּועלי־ציוניסטישען צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים און געוואָלט אים צוציהען צו פּועלי־ציוניסטישער אַרבייט.

און ווי אַזוי קומט זיין אַדרעס אין צ. ק. פון די פּועלי־ציון?

איז די מעשה אַזאַ:

שלמה ליבער'ס (פּאַדאַלעווסקי) איז געווען אַ פּועלי־ציוניסט, אַ טעטיגער מיטגליד פון די פּועלי־ציון אין בריסק. שלמה האָט דאָס איבערגעגעבען זיין אַדרעס.

אונטער'ן צאַר'ס רעזשים האָט פּועלי־ציוניזם געשמעקט מיט רעוואָלוציע, ווייל די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט געהאַט צו טאָן מיט דער אַרבייטער באַוועגונג. די רעגירונג האָט דעריבער געקוקט אויף די פּועלי־ציון ווי אויף רעוואָלוציאָנערען.

וועגען ציוניזם האָט די צאַרישע רעגירונג אָפטמאָל געמאַכט זיך ניט ווייסענדיג, פאָרט אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע איז אָפיציעל ניט פאַרבונדען מיט געגענוואַרטיגע לאָקאַלע אַרבייט, און געלט האָט מען געקליבען, אונטער דעם אויסרייד, פאַר דער „אבשצעסטווא וואספּאמאשעסטוואוואניע יעווריעאם זעמלעדעלטזאם אי רעמעסלעניקאם וו סיריאי אי פּאַלעסטינע" („געזעלשאַפט צו העלפען די אידישע ערד־אַרבייטער און בעלי־מלאכה אין סיריע און פּאַלעסטינע"), באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „דער אָדעסער קאָמיטעט".

אין אַ חשון'דיגען פרימאָרגען (ה' חשון, תרע"ד) איז אָנגעקומען אַ זשאַנדאַר פון בריסק, אַרומגעשטעלט פּאָליציי אַרום הויז וואו קיווע האָט געוואוינט, געמאַכט אַן „אביסקע" (רעוויזיע) און געפונען גאַנצע פּעק מיט פאַרבאָטענע „סחורה": סידורים, חומשים, ביכער, זשורנאַלען, בראָשורען, נאַציאָנאַל־פאָנד מאַרקעס, בריוו פון דער גאַנצער וועלט און . . . בריוו פון צענטראַל קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון. און אין מיטען דער „אביסקע" האָט דער בריוו־טרעגער אַריינגעבראַכט נאָך צוויי בריוו פון פּועלי־ציוניסטישען צ. ק. דער סך־הכל איז געווען, אַז מ'האָט קיווע'ן אַרעסטירט און מ'האָט אים אַוועקגעפירט.

גאַנץ האָראָדעץ האָט זיך געטומעלט. די שרעק פאַר ווייטערדיגע אַרעסטען איז געווען ביי אַלעמען אויפ'ן געדאַנק. אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט קיווע'ן אַוועקגעפירט קיין קאָברין, און פון קאָברין האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין בריסק און מ'האָט אים אַריינגעזעצט אין דער דאָרטיגער תפיסה, אָפּגעשלאָסען איינער אַליין אין אַ צימער. גאַנץ האָראָדעץ האָט זיך גענומען צום האַרצען קיווע'ס גורל. מ'האָט אָנגעהויבען געהן צו די הויכע פענסטער, זוכען אַ וועג ווי אַזוי אים אַרויסצוקריגען פון תפיסה. ביי דער רוסישער מלוכה איז געווען זעהר גרינג אַריינצופאַלען — אָבער זעהר שווער אַרויסצוקומען. וואָכען זיינען פאַרבייגעגאַנגען און קיווע, דער גרויסער „פאַרברעכער", איז נאָך אַלץ געווען אונטער גראַטעס.

אויף דער צעהנטער וואָך פון זיין אַרעסט האָט מען אונז, זיינע חברים, אָנגעזאָגט, אַז די רעגירונג וועט שיקען קיין האָראָדעץ דעם פּראָקוראָר פאַר אַן אויספאָרשונג.

איין פרימאָרגען האָט מען אונז, די דריי חברים גערופען אין זעמסטוואָ, און פּאָליציילייט אויף פערד האָבען נאָך אונז געריטען, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיין פאַרברעכער. נאָכ'ן אָפּוואַרטען עטליכע שעה'ן זיינען אַריינגעקומען אַ פּראָקוראָר פון גראָדנאָ, און דער פּאָלקאָווניק פון בריסקער זשאַנדאַמעריע אָנגעטאָן אין זייערע מונדירען מיט די גאָלדענע עפּאַלעטען, און מ'האָט אָנגעהויבען די אויספאָרשונג. די פּאָליציילייט האָבען אונז די גאַנצע צייט שטרענג באַוואַכט, אַז מיר זאָלען זיך ניט צונויפרעדען.

מיט פּחד בין איך אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער וואו ס'זיינען געזעסען דער פּראָקוראָר און דער פּאָלקאָווניק. כ'האָב זיך ממש געטרייסעלט, נאָר מיין קאָפּ האָב איך ניט פאַרלאָרען. אויסער וועגען קיווע'ס „רעוואָלוציאָנערע" טעטיגקייטען האָבען זיי אויך געוואוסט, אַז אין האָראָדעץ איז דאָ אַ ביבליאָטעק (אָבער מיין פאָטער און נאָך איינציגע איידען האָבען אַריינגעלייגט די ביכער אין קאַסטענס, אויסגעגראָבען אַ טיפע גרוב און באַהאַלטען). זיי האָבען מיר געפרעגט וועגען דער ביבליאָטעק און צי איך בין אַ ציוניסט, און דער עיקר'שט צי קיווע איז אַ פּועל־ציוניסט. אויף דעם האָב איך זיי גלייך געענטפערט, אַז קיווע איז ניט קיין פּועל־ציוניסט, נאָר אַן אַלגעמיינער ציוניסט.

די פראַגעס וואָס מ'האָט די אַנדערע צוויי חברים געפרעגט זיינען געווען פון דעם זעלבען כאַראַקטער. פאַרנאַכט צו זיינען מיר, די דריי חברים, געווען די העלדען פון טאָג.

נאָך דער אויספאָרשונג האָט גענומען אַ פּאָר וואָכען און מיט פיל מיה פון באַוואוסטע ציוניסטען אין גראָדנאָ, בריסק און פּעטערבורג, איז קיווע באַפרייט געוואָרען (י' שבט), אָבער נאָר פאַר אַ קורצער צייט, ביז וואַנען זיין משפט וועט פאָרקומען. דערווייל איז ער געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. קיווע און זיין מוטער האָבען קיין צופיל צייט ניט פאַרלאָרען און האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צום שטילען אַנטלויפען קיין אַמעריקע. און איין אָוונט איז קיווע געקומען אַרומגעוויקעלט מיט אַ באַשליק איבער'ן קאָפּ זיך געזעגענען מיט מיר.

ניט לאַנג נאָך דעם איז אויסגעבראָכען די ערשטע וועלט־מלחמה, און מיט איר האָט זיך, צייטווייליג, אָפּגעשטעלט די ציוניסטישע אַרבייט אין האָראָדעץ.

די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג

פון שמואל הויזמאַן

אין 1919 ווען די געפאַנגענע און די „בעזשענצעס" (פּליטים) האָבען אָנגעהויבען צוריקצוקומען קיין האָראָדעץ, האָט ווידער אָנגעהויבען פּולסירען אַ ציוניסטיש קולטור־לעבען אין שטעטל. דאַן איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַן אומפּאַרטייאישער קולטור־קאָמיטעט, ס'איז באַנייט געוואָרען די ביבליאָטעק און ס'האָט זיך געגרינדעט אַ כאָר.

שלמה בורשטיין איז געווען דער ביבליאָטעקאר, הערשעל דער לערער האָט אָנגעפירט מיט'ן כאָר, און ישראל איציקל'ס (זוסמאַן) איז געווען דער פאָרזיצענדער פון קולטור- (לייען: ציוניסטישער) קאָמיטעט.

די פאַרזאַמלונגען פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען אין „שקאָלע" (פוילישע שולע), און אין „פּאקאי" (פּאַלאַץ), וואָס איז געווען האַלב צושטערט. דאָרט פלעגען אויפגעפירט ווערען פּיעסען, צו וועלכע ס'פלעגען קומען מענשען אויך פון קאָברין און אנטיפּאָליע, און די הכנסה פלעגט גיין פאַר די ציוניסטישע פאָנדען, ווי „קרן קיימת" און „קרן הגאולה".

אין פרילינג פון 1920, ווען אין סאַן־רעמא האָט מען באַשטעטיגט די באַלפור דעקלאַראַציע, איז אין האָראָדעץ ערקלערט געוואָרען אַ יום־טוב. מ'האָט זיך אָנגעטאָן אין יום־טוב'דיגע קליידער און געגאַנגען אין בית־המדרש זאָגען הלל. נאָך מיטאָג האָט מען אָרגאַניזירט אַ פּאַראַד פון דער גאַנצער שטעטל, יונג און אַלט, מיט דער בלוי־ווייסער פאָן אין שפּיץ, און מ'האָט מאַרשירט צום „פּאקאי". אין „פּאקאי" זיינען די האָראָדעצער קליינוואַרג אויסגעזעצט געוואָרען אין אַ האַלבען קרייז און געזונגען לידער. ישראל האָט געהאַלטען אַ רעדע מענינא דיומא און דער עולם האָט ארויסגעוויזען זיין ענטוזיאזם מיט וואַרפען מטבעות אין די בלוי־ווייסע פּושקעס. אפילו גויים און פוילישע סאָלדאַטען האָבען געוואָרפען געלט אין די פּושקעס.

אָבער די דאָזיגע התלהבות האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען: ישראל און אַנדערע פון דער גרופּע זיינען אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע, און אַ שטיקל צייט האָט אין האָראָדעץ געהערשט אַ שטילשטאַנד. בלויז איין אינסטיטוציע, די ביבליאָטעק, האָט נאָך פונקציאָנירט, אָבער זי איז געווען זעהר אָרים.

און דאָ איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל, ליבער יעקב'ס (פּאָליאק), און ער האָט גענומען אין זיינע הענט די ביבליאָטעק, צוגעצויגען עטליכע פון דער יוגענד, וועלכע זיינען נאָך געבליבען אין שטעטל, און זיי האָבען פאַרשטאַרקט די ביבליאָטעק, סיי גייסטיג און סיי מאַטעריעל. במשך פון אַ קורצער צייט איז די ביבליאָטעק רייכער געוואָרען מיט ביכער און לייענער (אידישע ביכער). שפּעטער־צו איז זי אויך באַרייכערט געוואָרען מיט העברעאישע ביכער, און אויך מיט אַ העברעאישער קינדער־ביבליאָטעק.

אָט די קליינע גרופּע האָט אויך אויפגעלעבט דעם נאַציאָנאַל פאָנד און „קרן היסוד" אין האָראָדעץ, און ס'האָט זיך געגרינדעט אַ „החלוץ", וועלכער איז באַשטאַנען פון 14 מיטגלידער (אינגלעך און מיידלעך), און ליבער אַליין, וועלכער איז געוואָרען אין האָראָדעץ אַ לערער פון אַלגעמיינע לימודים, האָט געקליבען פּרוטה צו פּרוטה אויף רייזע־הוצאות קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אויך אויסגעלערענט סטאָליעריי כדי ער זאָל קענען זיין נוצליך פאַר ארץ־ישראל *).

צו ליבער יעקב'ס איז דאַן צוגעקומען אַ פּינסקער בחור, יעקב אדרעזשינסקי, וועלכער האָט געענדיגט די רעאַל־גימנאַזיע אין פּינסק. דער דאָזיגער בחור איז געוואָרען אַ לערער אין האָראָדעץ און שוין דאָרטען פאַרבליבען. אַ דאַנק די צוויי אידעאַליסטען איז דער נאַציאָנאַלער געפיל ערוואַכט געוואָרען און אריינגעבראַכט באַפאַרבונג אין דעם שטילען און מאָנאָטאָנעם לעבען פון דער האָראָדעצער יוגענט. באַטירליך איז דאָס בלויז געווען אין אַ מיניאַטור פאָרם, ווייל די האָראָדעצער יוגענט איז געווען קליין אין צאָל און האָט פאַרמאָגט ווייניג אינטעלעקטועלע כוחות.

ליבער און יעקב האָבען אויך אָרגאַניזירט אַ „חלוץ הצעיר" פון די אינגערע קינדער, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „החלוץ הבוגר", ווען זיי וועלען אַלט ווערען אַכטצען יאָר.

זיי האָבען אויך אָרגאַניזירט קורסען און געגעבען לעקציעס וועגען אידישע און אַלגעמיינע היסטאָריע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ציוניסטישע באַוועגונגען, העברעאישע און אידישע ליטעראַטורען.

דאָס אָרגאַניזירען און גרינדען דעם „החלוץ" אין האָראָדעץ איז געווען אַ גאַנץ שווערע אַרבייט, און נאָך שווערער איז געווען דאָס אָנפירען פון דער קולטורעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבייט, צוליב פאַרשידענע שטערונגען, הן מצד דער רעגירונג און הן מצד אינערליכע לאָקאַלע שוועריגקייטען.

און דאָך איז די „החלוץ" באַוועגונג אין האָראָדעץ געווען זעהר אָנגעזעהן אין דעם צ. ק. פון וואַרשע. אַ סך מאָל זיינען אַראָפּגעקומען פאָרשטייער פון וואַרשע און פּינסק,

*) ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז שוין דאַן ווערט ליבער, גייסטיג, אַ בירגער פון ארץ־ישראל, און אַנשטאַט ליבער פּאָליאַק — חתמ'עט ער זיך חביב בן־יעקב.
רעד.

וועלכע האָבן געהאַלטען רעפּעראַטען און זעהר שטאַרק גע־לויבט די האָראָדעצער חלוצים. אַ סך פון די האָראָדעצער חלוצים זיינען געפאָרען אויף הכשרה אין די פּוילישע קיבוצים און האָבן פאַרנומען אָנפירענדע פּאָסטענס.

אויסער די קולטורעלע ארבייט האָבן די חברים גע־טאָן הכשרה ארבייט אין האָראָדעץ גופא: זיי האָבן גע־דונגען אַ גאָרטען, געאַקערט, געזייט און זיך צוגעגרייט צו ערד-אַרבייט. נאָך אַ קורצער צייט האָבן איינינע חברים זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. אויך ליבער איז שוין געווען גרייט אין וועג אריין, אָבער ס׳איז אים ניט באַשערט געווען צו רעאַליזירען זיין לעבענס־חלום.

זומער פלעגט מען זיך אַממערסטען צונויפזאַמלען אויפ׳ן „באָטשעוווניק" (ברעג־טייך) אָדער אין וועלדעל ביים וואָק־זאַל. ערגער איז אָבער געווען ווינטער. מען האָט געמוזט בייטען יעדעס מאָל דעם פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, אַלעמאָל ביי אַן אַנדער חבר אָדער חברה.

עס זיינען אויך געווען צייטען, ווען יעדער סניף פון „החלוץ" האָט געמוזט האָבן זיין לאָקאַלע לעגאַליזאַציע, און בכדי דאָס צו קריגען האָט מען געמוזט האָבן אַ מיני־מום צאָל פון חברים, ווי אויך אַן איינגענעם לאָקאַל, און פאַר דער האָראָדעצער יוגענט איז דאָס געווען שווער נאָכצוקו־מען. אזוי אַרום האָט מען געמוזט אָנפירען די אַרבייט אומ־לעגאַל, און דאָס האָט נאָך מער באַשווערט די אַרבייט פון דעם האָראָדעצער „החלוץ".

אויך די ביבליאָטעק, פון וואַנען די האָראָדעצער יו־גענט האָט געצויגען איר גייסטיגע יניקה, האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס. אין יאָר 1936 האָט אַ פּאָרשטייער פון קאָברינער סטאַראסטווא דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דער ביבליאָטעק, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מ׳האָט די ביבליאָטעק געשלאָסען, אונטער׳ן אויסרייד אז ס׳זיינען דאָ צופיל ראַ-דיקאַלע ביכער.

די האָראָדעצער יונגוואַרג איז ניט אַנטווישט געוואָרען. זי האָט זיך באַמיט צוריק צו עפענען די ביבליאָטעק און ווייטער אָנגיין מיט דער צוגרייטונגס־ארבייט פאַר דער עליה. דאָ האָבן זיך אָנגערוקט די וואָלקענס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. גלייכצייטיג מיט׳ן אומקום פון פּוילישען אי־דענטום זיינען אויך אומגעקומען די האָראָדעצער אידען צו־זאַמען מיט זייערע אידעאַלען און חלומות.

פאַרשאָלטען אויף אייביג זאָלען זיין די נאַצישע מער־דער! מחה תמחה דעם מאָדערנעם עמלק!

עהרע אייך, אומגעקומענע אויף קידוש השם! מיר וועלען אייך קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסען!

שטייענדיג פון רעכטס צו לינקס: סנדר לאָנדאָן, פ׳ הויזמאַן, בלומע ריכטער, ליבע גאַנילסקי, זלאַטע אָרלאָווסקי, רייזעל יאַרמעצקי יאָסל מאַנטאַק.
זיצענדיג: יעקב הערש הויזמאַן, ריווע קופּריאַנסקי, פרומע קאַמינסקי, רוחמה וואָליניעץ, יודל פּאָדאָלעווסקי.

פערזענליכקייטען און טיפּען

ד״ר ישראל מיכל ראַבינאָוויץ

פון ע. בן־עזרא

איינער פון אונזער פאָלקס גרעסטע חסרונות איז וואָס ער קען ניט אָדער אונטערשעצט זיינע געלעהרטע חכמים און גרויסע לייט. און אויב ער הויבט שוין אָן זיך דערמאָנען אָן זיי, פאַרשטעהען און אָפּשאַצען — איז דאָס נאָכ'ן טויט, און ווי טיפזיניג איז דער אידיש העברעאישער עפּיגראַם „אחרי מות קדושים אמור". און ווי נאָר עס געהען אַריבער אַ פּאָר צענדליג יאָר ווערען זיי אין גאַנצען פאַרגעסען.

אָט צו די יענע וועניג באַוואוסטע ביים לעבען און פאַר־געסענע נאָכ'ן טויט געהערט דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ. אום צו אָפּשאַצען דיזע גרויסע פּערזענליכקייט, מוזען מיר אָננעהמען די באַוואוסטע דריי מאָסען מיט וועלכע מיר באַ־נוצען זיך אום אָפּצושאַצען יעדע גרויסע פּערזענליכקייט, נעמליך: די משפחה פון וואַנען דער פּערזאָן קומט אַרויס, דאָס לאַנד וואו ער האָט זיך ערצויגען, און די צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפען. אָט די דריי פאַק־טאָרען וואַרפען אַ ליכט אויף דעם לעבען פון דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ.

דער נאָמען אַליין „ראַבינאָוויץ" איז שוין אַן אָנדייַ־טונג אויף זיין משפחה. דער נאָמען ראַבינאָוויץ שטאַמט פון וואָרט „ראַבין" (רב אין רוסיש), און ווירקליך ער קומט אַרויס פון אַ רבנישע משפחה, אַ גאַנצע קייט פון רבנים, און ס'איז אַ סברה, ס'ציהט זיך הינטער אים אַ קייט פון פיר און צוואַנציג דורות רבנים.

ישראל מיכל איז געבוירען געוואָרען אין האָראָדעץ, קרייז קאָברין, גראָדנער גובערניע, אין יאָר 1818 ב' סיון, צו זיין פאָטער דעם רב און מקובל משה הירש וועלכער איז געוועזן רב אין האָראָדעץ אויף זיין פאָטערס פּלאַץ, און אויף זיינע לעצטע יאָרען איז ר' משה הירש געוועזן רב אין אַנטיפּאָליע (אַכט וויאָרסט פון האָראָדעץ).

נאָך אַלס קליין קינד האָט זיך ישראל מיכל אַרויסגע־צייגט מיט זיין גרויסען זכרון און תפיסה. וואָס ער האָט געלערענט איז ביי אים געווען כמונח בקופסא.

אין דעם פּנקס פון האָראָדעצער חברה „עין יעקב" אין יענער צייט געפינען מיר ישראל מיכל'ן פאַרשריבען אַלס חבר מיט פאָלגענדע באַמערקונג: „ילד שעשועים ישראל מיכל בן הרב משה צבי". אָט דיזע קליינע אויפשריפט זאָגט זעהר אַ סך. אָבוואָהל, די חברה איז באַשטאַנען פון לערנען „עין יעקב" וועלכער איז ניט זעהר קיין טיפער למוד, פונ־דעסטוועגען האָבען באַלאַנגט צו איר ערוואַקסענע און ניט קיין קינדער, מעגען זיי זיין אפילו דעם רב'ס קינדער, און אויב ישראל מיכל האָט באַלאַנגט צו דער אויבענדערמאָנטער חברה, מסתמא האָט ער עס פאַרדינט אום מ'זאָל מאַכען מיט אים אַן אויסנאַם.

אין די גאָר יונגע יאָרען האָט ער געלערענט אין זיין געבורטס שטאָדט האָראָדעץ, און נאָך אַלס יונגער אינגעל איז ער שוין אַוועקגעפאָרען לערנען אין דער בריסקער תלמוד תורה, וועלכע איז דאַן געווען מיט אַ גרויסען בערוף. דער־נאָך האָט ער געלערענט אין גראָדנער ישיבה, דאָרטען האָט ער שוין אָנגעהויבען אַרויסווייזען זיין עלוי'אישען קאָפּ און סימנים פון דעם שפּעטערדיגען דר. י״מ ראַבינאָוויץ. פאַר דיזער צייט האָט ער אין זיך איינגעזויגען דעם גאַנצען תלמוד און זיינע נושאי־כלים. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער האָט געקראָגען סמיכה זעהר יונג, אָבער ער האָט זיך ניט באַנוצט מיט רבנות.

נאָך גאָר יונג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון בריסק, אָבער ער האָט מיט איר ניט געלעבט אַ לאַנגע צייט, און זיי האָבען זיך גע'גט. ווען ישראל מיכל איז שוין אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָר איז ער פאַרפאַלען געוואָרען.

די לעגענדע דערציילט אַז אין מיטען דרשה'נען אין דער אַנטיפּאָליער שוהל איז ער נעלם געוואָרען. און ס'איז גע־וואָרען אַ טומעל אין שטעטעל: דעם רב'ס זוהן איז פאַר־פאַלען געוואָרען, מען האָט איבערגעגעבען פון מויל צו מויל אַז ישראל מיכל איז געוואָרען אַ „בערלינטשיק", אַן אַפּיקורס און דאָס גלייכען.

די חרפּה פון רב'ס משפּחה איז ניט איבערצוגעבען, און פון דאַן אָן האָט מען ניט געטאָרט דערמאָנען זיין נאָמען אין דער געגענוואַרט פון רב'ס משפּחה. די לעגענדע דערציילט ווייטער, אַז זיין פאָטער האָט אים געוואָלט ברייננגען אויף אַ שטעקען אָבער ער האָט ניט געקענט באַווייזען „ווייל ער איז שוין געווען צופיל פאַרקראָכען אין דער סטרא אחרא".

וואָרום איז ישראל מיכל פאַרפאַלען געוואָרען?

וואוהין איז ער פאַרפאַלען געוואָרען? און וואָס מיינט „בערלינטשיק?" אום דיזע פראַגעס צו פאַרענטפערען מוזען מיר געבען אַן איבערבליק אויף דיזע פינף און צוואַנציג יאָר פון 1818 ביז 1843. וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער אידישער וועלטעל און ווי האָבען יענע געשעהענישען געווירקט אויף ישראל מיכל'ן.

דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ

(געצייכענט ספּעציעל פאַר'ן בוך פון ישראל זוסמאַן)

אָט דיזער פּערטעל יאָהרהונדערט האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם שטראָם אין אונזער גייסטיגען לעבען. מענדעלסאָנ'ס באור אויף דעם תנ"ך מיט דער דייטשער איבערזעצונג און אידישע אותיות האָט אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין אידישע הייזער און ישיבות. אָבוואָהל ס'איז געווען פאַרבאָטען מצד אונזערע רעליגיעזע אידען, דאָך איז דיזער תנ"ך געלערענט געוואָרען אונטער דער גמרא, באַהאַלטענערהייט. פון דיזער צייט הויבט מען אָן באַצייכנען יעדען איינעם וועלכער קוקט אַריין אין אַן אַנדער ספר אויסער די רעליגיעזע אַלס „בערלינטשיק", אַ תלמיד פון מענדעלסאָנ'ען וועלכער האָט פאַרבראַכט זיינע גייסטרייכע יאָהרען אין בערלין און פון דאָרטען פאַרשפּרייט זיינע אידעען.

דורך דיזען תנ"ך האָבען די יונגעלייט אָנגעהויבען צו פאַרשטיין אַ פּסוק ווי ס'דאַרף צו זיין און זיך באַקענען מיט חכמות חיצוניות פון וועלכע מ'געפינט דאָ און דאָרט אין דיזען פּרוש. צו דעם אַלעם האָבען זיי זיך אָנגעפאַנגען לערנען די דייטשע שפּראַך פון דער איבערזעצונג ביים זייט פון אָריגינאַל.

מענדעלסאָנ'ס באור איז געווען דער רעהר דורך וועלכען די השכלה האָט אָנגעהויבען שטראָמען. אין רוסלאַנד האָט צוגעהאָלפען ניקאָלאַי דער ערשטער (55—1882), און ניט פון נוטסקייט חלילה נאָר פון זיין שנאה צו אידען און תלמוד — האָט ער געוואָלט אַז אָט די אידען זאָלען גיין אין די „שקאָלעס" (שולען), און דורכדעם זאָלען זיי זיך אַסימילירען און שמד'ן כדי עס זאָל ניט זיין קיין אידענפראַגע, נאָר איין רוסיש פאָלק.

איינער פון זיינע אָפיציעלע אַדיוטאַנטען אין דיזער מיסיע איז געווען דר. ליליענטהאַל, אַ דייטשער איד מיט אַסימילאַטאָרישע טענדענצען. דר. ליליענטהאַל האָט דורכגערייזט כמעט אַלע אידישע צענטערען און געפּריידיגט אַז מ'זאָל גיין לערנען אין די „שקאָלעס" און ווערען מיט לייטען גלייך, אַז דאַן וועט דעם אידען גאָרניט פעלען, ווייל די טויערען פון וועלטליכע חכמה וועלען זיין פאַר זיי אָפען.

ליליענטהאַל האָט געפונען אַ זעהר גרויסע געגנערשאַפט צו זיין שליחות מצד די אידען; אָבער פונדעסטוועגען האָבען זיינע רייד געווירקט אויף אַ גרויסען טהייל פון דער יוגענד פון יענע צייט. פון דער אַנדערער זייט האָט דער פּילזייטיקער געלערענטער יצחק בער לעווינזאָן מיטגעהאָלפען אין דיזער הייליגער אויפגאַבע, אין פאַרשפּרייטען ליכט אין די אידישע הייזער.

אין יאָהר 1829 גיט ער אַרויס זיין באַוואוסטען בוך „תעודה בישראל" וואו ער ווייזט אויף מיט פּסוקים און מאמרים פון תלמוד אַז די אידען דאַרפען לערנען וועלטליכע ידיעות און שפּראַכען. דיזער בוך האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם צווישען די אידען. אויך אין יענער צייט לעבט דער העברעאישער שרייבער מרדכי אהרן גינצבורג, וועלכער הויבט אָן אַריינברענגען וויסענשאַפט אין די אידישע הייזער דורך זיינע העבראישע ביכער איבער פאַרשיידענע געגענשטאַנדען וועלכע האָבען קיין ספּעציפיש אידישען מאָטיוו. צו דיזער אַרבייט העלפט אויך מיט דער דאַמאָלסדיגער גרויסער משורר אד"ם הכהן לעווענזאָן מיט זיינע שירים איבער דער השכלה „בת השמים".

די מענדעלסאָנישע שוהלע וועמעס צענטער איז געווען אין בערלין ווען מענדעלסאָן האָט געלעבט און אַ צייט נאָך זיין טויט — טראָגט זיך איבער קיין גאַליציע, און בראָד ווערט איינע פון די השכלה'שע שטאַרקע פעסטונגען. אין בראָד לעבט און שאַפט יצחק ערטער דער העברעאישער סאַטיריקער וועלכער לאַכט אָפּ פון די חסידים און זייערע רביים (אַ געוואַגטע שטיקעל אַרבייט), דאָרט גייט אַרויס דער העברעאיש וויסענשאַפטליכער זשורנאַל „החלוץ" דורך

יהושע העשיל שור אלס רעדאקטאר. דיזער זשורנאל האט געמאכט א מהפכה אין דעם אידישען לעבען, ער האט אנגעהויבען צו רופען צו בילדונג, נאכדענקען און נאכקלערען וואס מ׳לערענט ביי אידען.

אט אין דיזען קולטורעלען אידישען צענטער, בראד, איז ישראל מיכל געקומען. ער האט זיך אנגעהערט וועגען השכלה און אויך געלעזען די השכלה׳שע ספרים אין יענער צייט — דארום האט ער געוואלט זיין אין צענטער און שטילען זיין גייסטיגען דורשט פון קוואל גופא.

יעצט איז זייער מעגליך צו פארשטיין די אורזאכע פאר וואס ער האט זיך גע׳גט מיט זיין פרוי און זיין אנטלויפען. ער האט געשטרעבט ארויסצוגיין אויף דער פרייער אויסערליכער וועלט, און דאס איז ניט געווען אין אנקלאנג מיט זיין פרוי און אומשטענדען פון יענער צייט. קיין גענויע ידיעות וועגען זיין אין בראד האבען מיר ניט, אבער דאס ווייסען מיר באשטימט אז קיין לאנגע צייט האט ער זיך דארטען ניט אויפגעהאלטען.

פון בראד פארט ישראל מיכל קיין ברעסלוי. ברעסלוי איז א שטאט מיט חכמים און אין דער שפיץ שטעהט דאן דער פרעדיגער פון ברעסלויער טעמפעל אברהם גייגער. אויך געפינט זיך דארטען א גרויסע אוניווערזיטעט. אין ברעסלוי באקענט זיך ישראל מיכל מיט דעם שפעטער באוואוסטען פראפעסאר כוואלסאן, און דער לעצטער באפריינדעט זיך זייער גוט מיט ישראל מיכל׳ן. אין צוויי יאהר צייט גרייט ער אים צו אריינטרעטען אין דארטיגען אוניווערזיטעט. אין אוניווערזיטעט לערענט ישראל מיכל פילאלאגיע, ווייל די שפראכען קענטנים און פארשונג איז דער אינהאלט פון זיין לעבען. נאכהער געהט ער אריבער אין מעדיצינישען פאקולטעט וואו ער לערענט מיט גרויס חשק. נאך זייענדיג אין ברעסלויער אוניווערזיטעט, אין יאר 1851, גיט ישראל מיכל ארויס זיין ערשטען בוך, א העברעאישער דקדוק בוך אין דער דייטשער שפראך, ער באצייכענט אים אלס א נייע מעטאדע צו ערלערנען די העברעאישע שפראך און גראמאטיקע. דיזער בוך איז אויך איבערזעצט געווארען אין פראנצויזיש.

פון ברעסלוי קומט ישראל מיכל קיין פאריז אין יאר 1854, פארפאלקאמען זיך אין מעדיצין. פאריז איז אין יענער צייט געווען די עיר מקלט פאר אלע פרייהייטס שטרעבענדע נשמות און רעוואלוציאנערען, דארום איז זעהר פארשטענדליך ווארום ער האט געמאכט פאריז אלס זיין היים. דארטען האט ער געקענט זאגען וואס ער ווייס און וואס ער דענקט.

אין 1865 קריגט ער דעם טיטול דאקטאר מעדיצין. ישראל מיכל ראבינאוויטץ ווערט א דאקטאר אין א פאריזער האספיטאל, און אלס אזעלכער מאכט ער א גוטען פראגרעס. אבער אויף דעם פעלד פון מעדיצין איז ניט זיין פלאץ און אים ציהט צום בוך, צום אידישען בוך, צו חכמת ישראל. דר. ישראל מיכל ראבינאוויטץ גיט אויף זיין מעדיצינישע פראקטיק און גיט זיך איבער אין גאנצען צו פאפולאריזירען דעם תלמוד.

באוואפענט מיט גרינדליכע ידיעות אין תלמוד, דעם רוימישען קאדעקס, די לאטיינישע, גריכישע און די איראפעאישע שפראכען, מיט א טיפע ידיעה אין מעדיצין און אנדערע וויסענשאפטען — געהט ער צו צו שאפען א קאלאסאלע ווערק, די איבערזעצונג פון תלמוד אין דער פראנצויזישער שפראך, די אינטערנאציאנאלע שפראך פון יענער צייט.

דער תלמוד וועלכער האט זיך אנגעהויבען שאפען מיט צוויי הונדערט יאר פאר דער קריסטליכער צייט רעכענונג און זיך געענדיגט ביי 500 יאר נאך קריסטוס טויט, איז ניט נאר אן אפשפיגלונג פון דעם אידען׳ס לעבען פון יענער צייט, נאר האט פעסטגעשטעלט די פרינציפען פון דער אידישער אנשויאונג אויף דעם לעבען, מאראל א. ז. וו. צו דערזעלבער צייט איז דער תלמוד געווען ווי א ספר חתום פאר דער אויסערליכער וועלט. דארום איז דאס וואס יעדער אנטיסעמיט, אפילו ביז היינטיגען טאג, וועלכער וויל אויסקלערען עפעס א בלבול אויף אידען, גיט ער אן זיין מקור אין תלמוד. אט דיזע אורזאכען האבען באוועגט דר. ישראל מיכל ראבינאוויץ צו אונטערנעמען דיזע גרויסע און פאראנטווארטליכע ארבייט, אום צו צייגען דער מענשהייט די פארטגעשריטענהייט פון די אידען אויף פארשידענע געביטען פון וויסענשאפט.

זיינע פרוכטבארסטע יארען זיינען פון יאר 1871 ביז 1880. דורך דיזער צייט גיט ער ארויס אויסציגע פון די סדרים: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים און טהרות מיט איינלייטונגען און באמערקונגען. אויך גיט ער ארויס די דריי בבות מיט הקדמות און קאמענטארען. די מסכתות סנהדרין, מכות און עדיות ווערען ארויסגעגעבען אויף די קאסטען פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

אום צו רעאליזירען זיין געדאנק פון פארשפרייטען דעם אמת וועגען תלמוד — שיקט ער זיינע איבערזעצטע גמרות צום צאר אלעקסאנדער דעם צווייטען פון רוסלאנד, דער זון פון דעם צאר וועלכער האט געווארפען שמוץ אויף דעם תלמוד און אים געוואלט פארניכטען צוזאמען מיט זיינע אנהענגער.

אין 1877 גיט ער ארויס א בוך איבער דער שחיטה און טרפות לויט דער מעדיצין. דיזער בוך האט געעפענט די אויגען פון אונזערע שונאים וועלכע האבען געוואלט פארבאטען די אידישע שחיטה אנגעבענדיג פארשידענע אורזאכען.

מיר וועלען דא אויסרעכענען די הויפט ביכער וועלכע ער האט ארויסגעגעבען אין פראצויזיש:

„די מעדיצין און תלמוד", „קרימינעלע געזעצע אין תלמוד", „די רעליגיאן פון די אידען", „איינלייטונג צום תלמוד" וועלכע איז אויך איבערגעזעצט געווארען אין דייטש און העברעאיש. אויך האט ער ארויסגעגעבען פראנצויזישע,

ענגלישע, רוסישע, לאַטיינישע און פוילישע גראַמאַטיקעס. די אויפגאַבע פון זיין פוילישער גראַמאַטיקע איז צו באַווייזען דעם פאַרגלייך פון דער פוילישער שפּראַך מיט דער העברעאישער און דייטשער שפּראַך. אויך האָט דר. ראַבינאָוויץ אַרויסגעגעבען אַ וויסענשאַפטליכען דקדוק־בוך געשריבען אין דייטש. צו דעם אַלעמען זיינען פאַרשפּרייט זיינע פילע פאַרשידענאַרטיגע אַרטיקלען אין פאַרשידענע זשורנאַלען.

אָבער דר. ראַבינאָוויץ'ס טעטיגקייט האָט זיך ניט געענדיגט אויף דעם פעלד פון חקירה און איבערזעצען דעם תלמוד. מיר געפינען אים אויך אַלס קעמפער אין די רייהען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין די אַכציגער יאָרען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דיזע יאָרען האָבען געמאַכט אַ נייע עפּאָכע אין אונזער גלות לעבען, און אונזערע אינטעליגענציע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבען מיט ניהיליזם, מיט דעם געדאַנק פון ברידערליכקייט און מיט דעם אויפקלערען דעם מוזשיק — האָבען זיך מתיאש געווען. דער מוזשיק האָט זיי געגעבען מיט'ן פוס אין פּנים אַריין, און ניט געוואָלט אָננעמען זייער תורה, פון דער אַנדער זייט האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ ווינט פון נאַציאָנאַליזם אין דער וועלט. ס'איז געווען נאָך די באַלקאַן מלחמה. די באַלקאַן מדינות זיינען געוואָרען זעלבסטשטענדיג מיט רוסלאַנדס הילף; און דער געדאַנק פון זעלבסשטענדיגקייט, פון אַן אייגען לאַנד האָט אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין דער אידישער גאַס. צו דעם האָבען געווירקט די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד וועלכע זיינען געקומען אַלס פאַרבייסען צו די אידישע צרות אין יענעם לאַנד.

דאָס אַלעס האָט געווירקט צו דער ענשטעהונג פון די „חובבי ציון" באַוועגונג. און אַזוי ווי די זונען שטראַלען האָט זיך דיזע באַוועגונג פאַרשפּרייט אין אַלע טיילען פון דער וועלט, און אויך קיין פּאַריז דערגרייכט. זי האָט געטראָפען אין דר. ראַבינאָוויץ אַלס איינעם פון די איבערגעגעבענסטע צו דיזער באַוועגונג און אין נאָוועמבער 1884 ווען ס'פאַרזאַמעלט זיך די ערשטע ציוניסטישע וועלט קאָנפערענץ אין קאַטאוויץ — געפינען מיר דאָרט אויך דר. ראַבינאָוויץ, אָבוואָהל אַלט און שוואַך, אָבער דאָך יונג אין גייסט און קאַמפּלוסטיג. ער נעמט דאָרט זעהר אַ טעטיגען אַנטהייל אין די דעבאַטעס און גייט אַריין אין איינע פון די וועדים.

שפּעטערצו ווען דער אַלטער וויסאָצקי האַלט ביי פאָרען קיין ארץ ישראל אין דער שפּיץ פון די „חובבי ציון" קאָמיסיע, ווערט פאַרהאַנדעלט מיט דר. ראַבינאָוויץ אַז ער זאָל צושטעהען צו דער קאָמיסיע אַלס איר סעקרעטאַר, נאָר צוליב פאַרשידענע אורזאַכען נעמט ער ניט אָן דיזע שטעלע.

אין יאָר 1888 איז ער דער פאָרזיצענדער פון דער „אגודת דורשי ציון" אין פּאַריז.

אין דיזען יאָר ווערט דר. ראַבינאָוויץ 70 יאָר, און די רוסישע אידען פייערען זיין יובילעאום מיט טעלעגראַמעס און . . . קויפען זיינע ביכער. און דאָס קויפען זיינע ביכער איז ביי אים אפשר טייערער געווען ווי די ברכות, ווייל זיין גאַנצער אידעאַל איז געווען פאַרשפּרייטען זיינע ביכער און אים ערמעגליכען אַרויסגעבען נייע ביכער און פאָרזעצען די איבערזעצונג פון תלמוד. דאַרום נעמט ער זיך אונטער אַ רייזע קיין רוסלאַנד, נאָך זיין געבורטס לאַנד, וואו דער גרעסטער טייל פון די אידען האָבען דאַן געוואוינט, דאָס מיט זייער הילף וועט ער קענען פאַרווירקליכען זיין וואונש. און צו דער זעלבער צייט וועט ער זיך זעהן מיט זיין משפּחה צו וועלכער ער איז אין האַרצען געווען די גאַנצע צייט צוגעבונדען.

אין יאָר 1889 פאַר שבועות קומט דר. ראַבינאָוויץ קיין האָראָדעץ. מיט גרויס כבוד פאָרט מען אים אַנטקעגען פון שטעטעל צוזאַמען מיט זייער רב, זיין ברודער, און מען ברייננגט דר. ראַבינאָוויץ אין שטאָדט. שבועות דרשנ'ט דר. ראַבינאָוויץ אין שוהל אָבער אין דייטש, ווייל די אידישע שפּראַך איז אים שוין ניט געווען צוגענגליך. די לעגענדע דערציילט, אַז ער האָט געזאָגט אין יענער דרשה דאָס ער ענדיגט די דרשה וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען בעפאָר זיין אָפּפאָרען. די זעלבע לעגענדע צירקולירט אויך אין אַנטיפּאָליע, אַז ווען ער איז דאָרטען געווען אויף אַ באַזוך און גערעדט אין שול האָט ער געזאָגט דאָס ער ענדיגט די דרשה וועלכע ער האָט ניט געענדיגט דורך זיין נעלם ווערען.

און אין זומער פון 1892 (י"ב סיון, מאי 18טען) שטאַרבט דר. ראַבינאָוויץ. אָרים און עלענד איז ער געשטאָרבען מאַטעריעל, אָבער גייסטיג האָט ער איבערגעלאָזען אַ רייכטום און אַ גרויסע שורה מיט פריינד־ביכער, די וועלכע זיינען געווען זיינע לעבענס באַגלייטער אויף זיין האַרט־פּעלזיגען וועג, אין די וועלכע ער האָט געפונען אַ טרייסט פאַר זיין אָרימקייט און איינזאַמקייט.

און אויב אונזערע ברידער האָבען ניט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצען דר. ראַבינאָוויץ ביי זיין לעבען, האָט דאָס אַן ערליכער פראַנצויז יאָ פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען דער אייגענטימער פון אַ פּאַריזער קאַפע וואו ער האָט געגעבען דר. ראַבינאָוויץ אַ באַזונדער טישעל אין אַ ווינקעל מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, אום ער זאָל קענען טאָן זיין אַרבייט אונגעשטערט. און ביי דיזען קאַפע טישעל האָט דר. ראַבינאָוויץ געשאַפען זיינע ווערק וועלכע עפענען די טויערען פון דער אידישער קולטור און ערמעגליכען יעדען געלערנטען קריסט בעסער צו פאַרשטיין דעם איד.

מאָטיע הלל'ס.

פון א. מ. צייטלזאָן

איינע פון די עלטסטע, פאַרצווייגטע און איינפלוסרייכע משפחות פון האראדעץ איז געווען די מאַזורסקי'ס. מען דערציילט אַז בנימין מאַזורסקי, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ 150 יאָר צוריק, איז געווען דער פריץ פון שטעטל און אומגעגענד, און ער פלעגט איינמאָנען די צינזען פאַר דער רעגירונג. די לעגענדע דערציילט, אַז ביי אים זיינען געווען פעסער מיט גאָלד.

דער רייכער גוטבעזיצער ר' בנימין מאַזורסקי האָט געמוזט אויפגעבען זיינע גיטער מיט די צינזען אָבער וועלענדיק מאַכען אַ ספעקולאַציע ער זאָל קאָנען אָנהאַלטען זיין פאַרמעגען, האָט ער אָפּגעזוכט אַ פוילישען שלאַכטשיץ צו וועמען ער האָט געהאַט פיל צוטרוי, און האָט אָפּגעשריבען אויף זיין נאָמען אַלעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער שלאַכטשיץ איז אָבער געווען געטרייער זיך זעלבסט מעהר ווי מאַזורסקי'ן — האָט ער צוגענומען אַלעס פאַר זיך. אַזוי אַרום איז בנימין מאַזורסקי געוואָרען אוים גביר, פאַרלאָרען זיין גאַנצען פאַרמעגען. ער האָט זיך גע'משפט מיט'ן שלאַכטשיץ און האָט אויף דעם אויסגעגעבען אַלעס וואָס ער האָט נאָך געהאַט.

איין ירושה האָט ער אָבער איבערגעלאָזען זיינע קינדער, דאָס איז דער יחוס פון דער פאַמיליע מאַזורסקי.

ר' בנימין מאַזורסקי איז געווען דער פרנס־חודש פון שטעטל. אויך דיזער אַמט, אין אַן אַנדער געשטאַלט, איז איבערגעגאַנגען בירושה: מיטגלידער פון דער מאַזורסקי פאַמיליע האָבען באַקליידעם דעם אַמט פון גבאי פון חברה קדישא, און זיי האָבען געפירט ביד רמה. אָבער צו זייער שבח מוז מען צוגעבען אַז זיי פלעגן זען טאָן שידוכים מיט למדנ'ישע משפחות.

ר' בנימינ'ס אַן איניקל, איז פאַר'שדכ'נט געוואָרן צו אַ פינסקער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען הלל קאַפּלאַן, אַ וואויל לערנער מיט אַ גוטן קאָפּ, און אויך אַ ביסל געכאַפּט אין השכלה, און צו דעם אַ גרויסער מתנגד. הלל פלעגט אַזוי זאָגן: „דאָס וואָס ביי חסידים זיינען אַלע גלייך, דער גאָר גרויסער חסיד מיט'ן קלענערן חסיד — איז זעהר אַ גוטע זאַך, אָבער אַז דער קלענערער איז גלייך מיט'ן גרעסערן — דאָס טויג ניט". און פונדעסטוועגן זיינען זיינע זין געוואָרן הייסע קאַרלינער חסידים. און איינער פון זיי, מאָטיע, האָט פון גרויס איבערגעבענהייט צו דער קאַרלינער דינאַסטיע געביטן זיין נאָמען, פון קאַפּלאַן אויף קאַרלינסקי, און אַזוי אַרום איז פאַרבליבן דער נאָמען קאַרלינסקי.

מאָטיע הלל'ס אָדער ווי מ'האָט אים שפּעטער גערופן מאָטיע קאַרלינסקי, איז געווען אַן איידעם פון אַלטן האראַדעצער רב, וואָס האָט פאַר אים זעהר געפּאַסט, סיי צוליב זיין יחוס און סיי צוליב זיינע ידיעות אין תלמוד.

אין דער יוגענד איז מאָטיע הלל'ס געווען זעהר פרום, און זיך אויפגעפירט ווי אַ גרויסער חסיד: געטראָגן ווייסע זאָקן מיט פאַנטאָפל, געדאַווענט מיט התלהבות, אַרומגייענדיק אין הויז אָדער אין שול הין און צוריק, האַלטענדיק אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנד, קנאַקן מיט די פינגער און דערביי הויך אויסזינגען מיט כונה פערשידענע פסוקים פון דאַווענען, „אתה הוא, עד שלא נברא העולם ואתה הוא משנברא העולם" „אתה עשית את השמים ושמי השמים"; ואתה מחיה את כלם"; א. ד. ג.

אויף די עלטערע יאָרן איז מאָטיע הלל'ס געוואָרן אַ שטיקל „אַריסטאָקראַט". אַ דאַנק זיינע געבילדעטע קינדער פלעגט ער גיין אָנגעטאָן אין געפּוצטע מאָדערנע שיך, אַ ווייסע „הערצל" מיט אַ שיינעם שניפּס, מאַנזשעטן מיט ספּינקעס, און יום־טוב פלעגט ער אויך אַ מאָל אָנטאָן אַ צילינדער מיט אַ סורדוט, און מעשה פראַנט אַריינשפּאַצירען אין סטאָליִנער שטיבעל.. דער עולם דאַווענט שוין, אָבער מאָטיע הלל'ס האָט נאָך צייט, ער קוקט אַריין אין אַ ספר, אַזוי ווי מען מיינט אים גאָר ניט, אָט האַלט מען שוין נשמת אויף די הויכע כלים, און ר' מאָטיע איז פאַרטיפט אין אַ ספר — ווער ווייסט עס האָבען די העזה אַריינקוקן אין וועלכען ספר ער איז מעיין, אָט האַלט שוין חיים לייב „ברכו", און דאָ גיט אַ כאַפּ ר' מאָטיע דעם טלית, איינס־און־צוויי און דער טלית איז שוין אויף זיינע פּלייצעס, און יאָגט זיך איבערן שטיבל מיט דער נאָזטיכל אין דער לופטן, און ביים סוף שמונה־עשרה, ווען דער עולם איז שוין אויסגעגאַנגען האָט שוין ר' מאָטיע דעריאָגט דעם עולם, און דער גאַנצער עולם וואַרט ווען ר' מאָטיע וועט ענדיגן שמונה־עשרה, און דאָ הערט מען ווי ער ברומקעט אונטער מיט אַ ספּעציעלען ניגון: „עושה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל", און חיים לייב וויים שוין אַז ער דאַרף אָנהויבן די הויכע שמונה־עשרה.

מאָטיע הלל'ס איז געווען פאַררעכענט פאַר אַ למדן מיט אַ שאַרפן קאָפּ. פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקומען צום רב ר' חיימ'ן דעם מרא דאתרא און לערנען צוזאַמען גמרא, ווי די מסכתות שבת, עירובין, פסחים און בכורות.

אויסער גמרא פלעגט ער אויך אַריינקוקען אין אַנדערע ספרים פון זיין שעהנער ביבליאָטעק.

מאָטיע הלל'ס האָט געהאַט אַ מאַיאָסטעטישן אויסזען: אַ הויכע גלייכע פיגור, אַ לאַנגע שעהן פאַרקאַמטע געלבליכע באָרד, מיט קלוגע שאַרפע אויגן, וועלכע פלעגן דורכשפּיזן יעדן איינעם וועלכער פלעגט זיך דערנענטערן צו זיי. און אויף אַלעס האָט ר' מאָטיע געהאַט אַ וויץ אָדער אַן אַנעקדאָט. זיינע הומאָריסטישע מעשיות שפּיגלן אָפּ דעם געדאַנקענגאַנג פון דעם פענאָמען קאַרלינסקי.

אָט דערצעלט ער אַזאַ מעשה: ס'איז אַמאָל געווען אַ

גרויסער עם־הארץ, וועלכער איז געוואָרן זעהר רייך, און פארקערט מיט די גרעסטע און געלערנטסטע פון זיין צייט. צום סוף איז דער רייכער עם־הארץ געוואָרן א גאנצער וויסער, און אָנגעהויבן זאָגן דעות וועגן רבנים, חזנים, א. ד. ג. האָט אים איינער אמאָל געפרעגט: מילא אז איר ווייסט וועלטליכע זאכן — ווייל איר קומט זיך צונויף מיט געלערנטע מענטשן, און אויב איר קענט שוין לערנען — איז ווייל איר פארקערט מיט גרויסע רבנים; אָבער, איך בעט אייך, פון וואנען קענט איר די שטילע שמונה־עשרה? . . .

אויך ר' מאָטיע'ס קלוגע ענטפערס האָבן געהאַט א שם: איינמאָל איז ר' ישראל, דער סטאָלינער רבי, געווען אין האראדעץ און האָט איינגעשטאַנען ביי קארלינסקי'ן. ווען דער רבי האָט דערזען זיין שיינעם ש"ס, און יעדע גמרא איז געווען אריינגעשטעלט אין א באַזונדער שיידל, האָט דער רבי אים א פרעג געטאָן: מאָטיע, וויפיל רוקענס האָבן דיינע גמרות? און ניט טראכטענדיג האָט ער באלד געענטפערט, „ניט קיין צוויי (ווייל צוויי רוקענס וואָלט געמיינט, אז ער עפענט זיי קיינמאָל ניט) . . .

מאָטיע הלל'ס הויז, וועלכע איז געווען די שענסטע אין שטעטל, איז אויך געווען א שטיקל אכסניא, אהין פלעגן פארפארן וואלד־סוחרים, פריצים און אזוי אינטעלעגענטע מענטשן. די הויז איז געווען א בית־ועד לחכמים. מ'פלעגט שמועסן פאָליטיק, דיסקוטירן פארשידענע פראָבלעמען, וועלטליכע ווי אידישע, און אגב אורחא זאָגן א דבר תורה, א וויץ אָדער אזוי א שארפזיניג וואָרט. מאָטיע הלל'ס הויז איז געווען די אריסטאָקראַטישסטע הויז אין שטעטל. און ווען די קינדער האָבן אונטערגעוואקסן האָט מען אויך אָנגעהויבן הערן א רוסיש וואָרט אין שטוב, און די הויז איז געוואָרען אויס מאָטיע הלל'ס — נאָר קארלינסקי'ס, און קארלינסקי'ס הויז האָט געגעבן דעם טאָן אין שטעטל.

אויסער דאָס גאַסט־הויז האָט מאָטיע הלל'ס געהאַט א שניט־קראָם, וועלכער האָט זעהר ווינציג באַדינט די הארא־דעצער איינוואוינער, דאָס איז געווען א קראָם מעהר פאַר פריצים ווי פאַר אידן און דאָרטן זיינען געווען מעהר שיינע פושקעס ווי סחורה.

אזוי האָט מאָטיע קארלינסקי'ס הויז פונקציאָנירט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען דער דייטש האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו האראדעץ, און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו עוואַקואירען — האָט ר' מאָטיע קארלינסקי מיט זיין פרוי אויך אנטלאָפען, און באַזעצט זיך אין יעקאטערינאָסלאַוו און דאָרטען געשטאָרבען.

און מאָטיע הלל'ס פרעכטיגע הויז אין האראדעץ איז פאַרברענט געוואָרן גלייך ווי די אַנדערע אידישע הייזער, און צוזאמען מיט דער הויז איז אויך אוועקגעגאנגען דער לעצטער מאהיקאַנער פון דער פאמיליע מאַזורסקי, וועלכע האָט געשפילט זעהר א גרויסע ראָליע אין האראדעץ.

ר' יצחק אהרן

פון הרב מרדכי גרינבערג

א פאראדאקסאלע פערזענליכקייט איז געווען אָט־דער ר' יצחק אהרן: א פרומער איד ווי אלע פרומע אידען, געהאַט א טיפע ידיעה אין תלמוד, „יד החזקה", זוהר א. ד. ג. און צו דער זעלבער צייט געלעזען וויסענשאַפטליכע ביכער, האָט זיך אינטערעסירט אין השכלה, תנ"ך, דיקדוק, און מערסטענס האָט ער זיך אינטערעסירט אין אויגעניקע (Eugenics) . די גרינסען אין זיין גאָרטען זיינען געווען גאַנץ אַנדערש פון געוועהנליכען סאָרט, זיי זיינען געווען אויסערגעוועהנליך גרויס. זיינע אוגערקעס, רעטאַכער און קאַרטאָפעל, האָבען געהאַט א שם מיט זייער זאַפטיגקייט און גרויס.

זיינע הינער זיינען געווען הויך כמעט ביז'ן טיש, פון וואַנען זיי פלעגען עסען. אפילו אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען איז ר' יצחק אהרן געווען אַנדערש. אלע פרימאָרגען פלעגט ער אַרויסנעמען פון א שאַפע א פושקעלע מיט בשמים, א טרייסעל טאָן און אָנשמעקען זיך גאַנץ גוט. נאָכהער פלעגט ער נעמען אַביסעל בשמים אין מויל אריין, און אין הויז פלעגט זיך פאַרשפרייטען א בשמים־ריח, די הויז פלעגט ווערען פול מיט אַזא סאָרט ריח, וואָס אין אדם יכול לעמוד בפני ריחה . . . עס איז געווען צו־שטאַרק צו פאַרנעמען, עס פלעגט שמעקען אין הויז א גאַנצען טאָג. גאַנץ אָפט פלעגט ר' יצחק אהרן אָפּפרישען דעם ריח, אַרויסנעמען נאָכאַמאָל די פושקעלע, א טרייסעל טאָן און שמעקען.

אויסער זיין קענטעניש אין אויגעניקע, מיט וועלכער ער האָט עקספּערעמענטירט אויף זיינע הינער, קאַטשקעס, אינדיקעס ביי זיך אין הויז און אין גאָרטען, איז ער אויך געווען אַן אַרכיטעקט.

עס האָט זיך אים אַמאָל פאַרוואָלט עפּעס אויפטאָן אויף דעם געביט פון אַרכיטעקטור, איז אים אַרויף אויפ'ן געדאַנק, אַז די גרינסען אין גאָרטען זיינען וואונדערבאַר גרויס און געשמאַק, אָבער אַז ווען זיי ליגען עטליכע טעג אין שטוב זיינען זיי ניט בעסער פון אַנדערע, מ'דאַרף זיי אַרויסוואַרפען. איז ער אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, און האָט זיך צום סוף צו עפּעס דערטראַכט: אַזוי ווי ער האָט א ציגעלניע, אין וועלכער ער האָט געמאַכט א גאַנץ נייעם סאָרט ציגעל (אמת, זיי זיינען ניט אנערקענט געוואָרען פאַר בעסער פון אַנדערע, אָבער ביי אים זיינען זיי געווען פאַררעכענט פאַר די בעסטע פון דער וועלט), האָט ער אויסגעפּלאַנעוועט

און געמאַכט אַ געמויערטע הייזל פאַר אַ קעלער. אָבער ניט סתם אַ געוועהנליכען קעלער האָט ער אויסגעבויט, ער האָט ניט באַנוצט קיין האָלץ, קיין אייזען, בלויז ציגעל. און אין די ווענט האָט ער איינגעמויערט פלעשער.

די הויפּט־קונסט פון דעם קעלער איז געווען אינווייניג: קײלעכדיגע דיקע ווענט מיט אַ קײלעכדיגען סופיט אויסגעפאַרבט מיט אַ הימעל־קאָליר. עס איז געווען אַזוי דעקאָרירט, אַז ס'האָט אויסגעזעהן אין דער טונקעלער שיין ווי אַ הימעל. עס האָט נאָר געפעלט אין יענעם הימעל די זון און די לבנה מיט די שטערען.

די טיפקייט איז געווען אינווייניג די זעלבע מאָס ווי די אויסערליכע הויכקייט פון דער געבײדע. עס זיינען ניט געווען קיין טרעפּ אויף אַראָפּצוגעהן, נאָר אַ לאַנגער בריקעל.

אין דעם קעלער איז זומער געווען קאַלט, אַזוי ווי אין אַ ווינטערדיגען טאָג. דאָרטען פלעגט ער האַלטען די גרינסען פון זיין גרויסען גאָרטען און זיי פאַרקויפען נאָר צו געוויסע בעלי־בתים און בעלי-בית'טעם.

ר' יצחק אהרן האָט אין דער דאָזיגער שאַפונג געפונען אַ באַפרידיגונג צו זיין דורשטיגער נשמה, וואָס האָט געדורשט נאָך קונסט און וויסענשאַפט. אָבער ניט לאַנג האָט דער קעלער עקזיסטירט, אין גאַנצען איז ער געשטאַנען אַ פּאָר יאָר. עס האָט זיך ארויסגעצייגט אַז איין ארכיטעקטור האָט עפּעס געפעלט ר' יצחק אהרנ'ען. דאָס הייזל מיט די גראָבע ווענט און גראָבען סופיט איז פּלוצלינג איינגעפאַלען, גליקליכערווייזע אָהן אַ קאַטאַסטראָפע.

אויך ר' יצחק אהרנ'ס סוכה האָט געהאַט אַ שם. ער האָט ניט געמאַכט אַ סוכה ווי אַלע אַנדערע אידען: אַ פּאָר ברעטער, אַ צובראָכענע טיר, אַ שטיקעל פענסטער, סכך — דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלע אידישע סוכה. אָבער יצחק אהרנ'ס סוכה איז געווען גאָר פון אַנדערע מאַטעריאַלען: פלעקער געפלאָכטען מיט שטרוי און געשמירט מיט ליים, און סכך האָט ער געמאַכט פון די קאקארוזע־שטעקענס, וועלכע זיינען געוואָקסען ביי אים אין גאָרטען. דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש, אימפּאַזאַנטער. אַלע פלעגען געהן באַטראַכטען זיין סוכה, און זי האָט אויסגעהאַלטען די קריטיקע. מ'האָט ניט געפונען קיין פסול. אַלעס לויט'ן דין.

צו אַלע זיינע „ערפינדונגען" און געשעפטען האָט ר' יצחק אהרן אויך צוגעקנעלט. אָבער זיין קנעלונג איז ניט געווען צוליב פרנסה, נאָר צוליב אידעאַל. צו אים פלעגען אריינקומען ערוואַקסענע בחורים'לאַך זיך לערנען לשון-קודש, דיקדוק און רוסיש.

דער אַרט לערנען זיינער מיט די תלמידים איז געווען אַן אייגענאַרטיגער: ער האָט ניט געהאַלטען פון קיין מעטאָדען, פון טעקסט ביכער. ער האָט געהאַט זיין אייגענע מעטאָדע אין לערנען דיקדוק: גענומען דעם סידור, אַנאַליזירט אַ פּאָר זאַצען — און געענדיגט.

אָבער ביי אים אויפ'ן טיש פלעגן זיך געפינען דער „מסלול" און דער „תלמוד לשון עברי". אָבער זעהר זעלטען פלעגט ער אריינקוקען אין זיי.

ווען ער פלעגט לערנען תנ"ך, פלעגט ער פריהער ערקלערען דעם אינהאַלט פון קאַפּיטעל, און דערנאָך הייסען דעם תלמיד אַליין לייענען. ער האָט געוואָלט אַז דער תלמיד זאָל זיין זעלבסטשטענדיג און אַליין אויסגעפינען וואָס ער ווייס און וואָס ער ווייס ניט. דאָס איז געווען זיינע אַן אייגענע מעטאָדע.

אויך אין זיין דאַווענען איז ער געווען אַנדערש פון אַנדערע. כאָטש ער איז געווען אַ קאָברינער חסיד, פלעגט ער דאָך דאַווענען ביחידות, און אין געוויסע שטעלען פלעגט ער זיך אָפּשטעלען און אויסזינגען אויף אַן אייגען־אַרטיגען אופן. צום ביישפּיל: „עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעתו", אָדער „משפיל גאים עדי ארץ ומגביה שפלים עדי מרום" און „ועוזר דלים". ער האָט דורכדעם אויסגעדריקט זיינע אידעאַלען אין באַצוג צו די מענשליכע ליידען און אַ פּראָטעסט געגען דער אומגלייכהייט און דער סאָציאַלער אָרדנונג פון דער וועלט.

אויך אין זיין עסען איז ער ניט געווען ווי אַלע. עס איז געווען אַ פּעריאָדע אין זיין לעבען וואָס ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ וועגעטריאַנער. פּאַר זעקס יאָר צייט האָט ער ניט געגעסען קיין פליייש, נאָר ער האָט געלעבט אויף ברויט מיט גרינסען פון זיין גאָרטען.

און עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש זיין באַמערקונג וועגען שפּייז, וועלכע גיט אַן אָנדייטונג וועגען זיין וועגעטריאַנישער פירונג. ער פלעגט אַזוי זאָגען: „ווילסטו זיין אַן אמת'ער פרומער איד, נעם אַן ערדענעם (ליימענעם) טעפּעל, גיה צום טייך, פיל עס אָן מיט שטיינדלעך, קאָך־אָפּ די שטיינדלעך און עס זיי" . . .

ר' יצחק אהרנ'ס אנשויאונג אין לעבען איז געווען אַ זעלבסטשטענדיגע. ער האָט זיך ניט געבויגט צום דעת-הקהל, און האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכענט מיט אָנגענומענע מיינונגען, מעגען זיי זיין פאַרבונדען מיט טויט אָדער לעבען.

אָט דערצעהלט מען אַ מערקווירדיגען פאַקט וועגען זיין שטאַרקען כאַראַקטער. עס איז געווען פאַר פסח אין יאָר 1888. דער טייך האָט געלאָזען, און איז אריבערגעגאַנגען די ברעגען. די, וועלכע האָבען געוואוינט נעבען טייך האָבען זיך אריבערגעצויגען אין הייזער וועלכע זיינען ניט געווען אָנגערירט פון געוויסער. אָבער ר' יצחק אהרן האָט זיך ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט. זיין משפחה האָט זיך ארויסגעקליבען פון הויז, ווייל זי איז געשטאַנען נעבען טייך, און ער איז געבליבען אויפ'ן בוידעם, און אַליין געפּראַוועט דעם כדר . . .

און ניט אומזיסט האָבען די האָראָדעצער אידען געקוקט אויף ר' יצחק אהרנ'ען ווי אויף אַ משוגע'נעם, און אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופען. אָבער מ'האָט זיך גערעכענט מיט אים. און ספּעציעל איז געווען אָנגענומען זיין מיינונג וועגען די עירובין. אַלע פרייטאָג נאָכמיטאָג פלעגט ער ארויסגעהן מיט די בלויע ברילען אויף די אויגען, זיין

שטעקען אין האַנט און געגאַנגען באַקוקען די עירובין, צי זיי זיינען ניט צוריסען און לויט דעם דין נאָך. ער איז געווען דער פוסק אחרון וועגען די עירובין. אז ער האָט געזאָגט אַז מען טאָר ניט טראָגען אום שבת — האָט מען גלייך אויסגערופען אין די בתי־מדרשים: „מ׳טאָר ניט טראָגען", און ס׳האָט גאָרניט געהאָלפען.

אָבער ניט עירובין און ניט זיינע „ערפינדונגען" זיינען געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבען. דאָס קען מען זעהן פון דעם וואָס האָט באַהערשט זיין וועזען זיינע לעצטען יאָרען, און ווי ס׳זעהט אויס איז דאָס אויך געווען זיין אידעאַל פאַר פילע, פילע יאָרען. אין אַ געוויסען טאָג, אין יאָר 1907, האָט מען געהערט, אז ר׳ יצחק אהרן פאָרט נאָך ארץ־ישראל. ער האָט פאַרקויפט זיין שטוב און גאָרטען און אַלע כלים, אפילו די ספרים האָט ער פאַרקויפט, געמאַכט אַלעם צו געלט, זיך ארויפגעזעצט אויף אַ וואָגען צוזאַמען מיט זיין פרוי און היידא צום באַן, קיין ארץ־ישראל.

אָבער דער שיקזאַל האָט ניט געוואָלט אז ר׳ יצחק אהרן זאָל זיך אויסלעבען זיינע יאָרען אין ארץ־ישראל. אין דעם איז ער פּאַראַליזירט געוואָרען און זיך געמוזט צוריקקערען.

די לעצטע יאָרען איז ער געלעגען אַ פּאַראַליזירטער ביי זיין טאָכטער רייזעל אין קאברין. כאָטש ער איז שוין געווען געליימט, בלינד און קוים וואָס ער האָט געקענט ארויסזאָגען אַ וואָרט — אויך דאַן, זעהט אויס, האָט דער דיקדוק פאַרנומען זיין געדאַנק. און אויב ער האָט נאָר געכאַפּט אַ בחור׳ל וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעל ידיעה אין דיקדוק, פלעגט ער באַלד מיט אים אָנהויבען „קנעלען" דיקדוק, אויף זיין שטייגער.

* *
*

אַ פּאָטענציעלער גרויסער ערפינדער, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, אַ מענש מיט אידעאַלען וואָס ער האָט זיי ניט פאַרווירקליכט — איז געווען ר׳ יצחק אהרן. ער איז פאַרגעסען געוואָרען, אָבער פאַר די אַלע, וועלכע האָבען אים גוט געקענט איז ער ניט פאַרגעסען.

ר׳ שלום קאַסטרינסקי

פון יעקב קאַסטרינסקי (רחובות)

פון די פיר ברידער איז דער פעטער שלום געווען דער חשוב׳סטער, סיי מיט זיין נאָמען און סיי מיט זיינע אידישע און וועלטליכע ידיעות. ער איז אויך געווען רעספּעקטירט צוליב זיין טאָלעראַנטער באַצהונג צו מענשען פון געגנערישע אידעעס. אַזוי ווי איצט געדענק איך איהם: אַ נידעריג־געוואוקסיגער, אַ קלאָרען צאַרט־ליבליך שמייכעלדיג פּנים, מיט אַן אויסדרוק פון אַ תלמיד־חכם. דאָס איז די געשטאַלט פון פעטער שלום. קלאָר אין תלמוד און פוסקים און אין דער רבני־שער ליטעראַטור, אַ בקי אין תנ"ך, און אויך ניט פרעמד פון דער רוסישער שפּראַך, און וועלטליכע ענינים. אין גרונד אַ ווייכער פון נאַטור, פלעגט ער דאָך אין דער זעלבער צייט אין באַוואוסטע צופאַלען זיך אויסצייכנען מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער. זייענדיג אַ וועלטליכער מענש, איז ער אין דער זעלבער צייט געווען אַ גרויסער מאמין און האָט געהאַט זעהר טיפע רעליגיעזע געפיהלען. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען ווייט פון פאַנאַטיזם. די יוגענד פלעגט זיך פיהלען זעהר גוט אין זיין געזעלשאַפט. ביז היינט קען איך ניט פאַרגעסען דאָס גרויזאַמע בילד, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען רושם און וואָס ווייזט, ווי ווייט עס איז שטאַרק געווען דער רעליגיעזער געפיהל און שטייפער כאַראַקטער פון פעטער שלום ז"ל.

פיר טעכטער האָט ער געהאַט: העניע, חיה־דבורה, רחל־הדס און חוה — די אינגסטע. איך געדענק גוט דאָס בילד, הגם איך בין דאַן נאָך געווען אַ קליין קינד. די יונגסטע טאָכטער זיינע, חוה, איז געשטאָרבען אין קינפּעט. זי איז געשטאָרבען פרייטאָג פאַרנאַכט. דאָך האָט דער פעטער שלום מקבל־שבת געווען אין דער סטאָלינער שטיבל און געדאַוועט ווי ס׳וואָלט גאָר ניט געשעהן. צומאָרגענס פרי איז ער ווידער געקומען דאַוונען אין שטיבל, ווי געוויינטליך, און אויף איהם איז גאָר ניט געווען צו דערקענען די שרעקליכע טראַגעדיע וואָס איז פאָרגעקומען ביי איהם אינווייניג. נאָר וואָס מעהר וואונדערליך: נאָכ׳ן דאַוונען איז ער געגאַנגען אַ היים. אריינגעגאַנגען אין חדר וואו זי איז געלעגען און מיט אַ הויכען קול האָט ער געזאָגט, צוגייענדיג צו איר קערפּער: „גוט־שבת דיר, מיין טאָכטער!" איך געדענק נאָך יעצט דעם ציטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען איבער מיין גאַנצען קערפּער, הערענדיג דעם דרייסטען און זיכערען טראַדיציאָנעלען „גוט-שבת" אין אַזאַ מאָמענט. איך קען נאָך ביז יעצט זיך ניט געננוג אָפּוואונדערען פון דער גרויסער פעסטער אמונה פון פעטער שלום, פון זיין גרויסען גייסטיגען כח און שטאַרקייט צו באַהערשען זיך. און דאָס אַלץ ווייל לויט׳ן שולחן־ערוך טאָר מען ניט קלאָגען אויף אַ מת אין שבת.

אבער נאך הבדלה, האט זיך פון זיין הארץ ארויסגעריסען די גאנצע שרעקליכע פארביטערקייט מיט א שטילען יאמער־געוויין.

דער פעטער שלום איז ניט נאר געווען אנגענומען אין זיין משפחה, נאר אויך אין גאנצען שטעטל און אין די ארומיגע שטעטלאך, הן צוליב זיינע פערזענליכע מעלות און הן צוליב זיין אמט אלם קאזיאנער ראבינער. א סך מענשען פלעגען קומען זיך האלטען עצות מיט איהם, ווייל ער האט פארמאגט א קלארען און לאגישען שכל.



ר׳ שלום קאסטרינסקי

דאס, זעהט אויס, איז געווען די סיבה וואס מ׳האט איהם אויסגעקליבען אלם גבאי פון חברה קדישא, נאך הלל׳ם טויט, א התמנות וואס מ׳פלעגט באקליידען דעם חשוב׳סטען איד אין הארדעץ.

צוליב א מסירה וועגען א לעגאטע האט דער פעטער שלום געמוזט אין די 90־ער פון פאריגען יאהרהונדערט אוועק־פאהרען קיין אמעריקע. אויך אין זיין נייער היים איז ער געווען טעטיג אין כלל־זאכען. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער סטאלינער שטיבל „בית ישראל” אין ניו־יארק.

אפזייענדיג אין אמעריקע א זיבען יאהר, איז דער פעטער שלום צוריק געקומען קיין הארדעץ, און איז ווידער געווארען קאזיאנער ראבינער. אין 1915 איז ער אנטלאפען פון מלחמה־פייער טיפער קיין רוסלאנד, געוואנדערט דארט פון שטאט צו שטאט, ביז צום סוף פון דער מלחמה.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען קיין אמעריקא צו זיינע טעכטער. ער האט זיך באזעצט אין ספרינג־פיעלד, מאס. ביי זיין טאכטער רחל־הדס. אויך אין דער דאזיגער שטאט איז ער באלד באליבט געווארען, סיי ביי אידען און סיי ביי קריסטען, און יעדע שוהל האט איהם געוואלט האבען אלם מיטגליד.

פונקט ווי אין הארדעץ אזוי אויך אין ספרינגפיעלד האט דער פעטער שלום געלערנט מיט אן עולם אידען, וועלכע האבען זעהר הנאה געהאט פון זיין אופן פון לערנען, וואס איז געווען געווירצט מיט א משל, א גלייכווערטל אדער א מעשה שהיה.

דער פעטער שלום האט געהאט זעהר א שטארקע לײדענשאפט צו שרייבען בריוו. צו אלע קרובים און באקאנטע פלעגט ער שרייבען בריוו. דעם מזרח זיין וועגען אונטערשטיצען אן אייגענעם אין איראפע, דעם דערמאנען א מאמר אדער אזוי א מעשה וואס האט זיך פארלאפען גאר אמאל. זיין שפראך איז געווען תלמודיש, און זיין כתב קלאר, יעדער אות זיינער איז געווען ווי א פערל. ס׳איז געווען א פארגעניגען צו לייענען זיינע בריוו. אויך פון זיין האנדשריפט האט מען געקענט ארויסלערנען זיין קלארען פארשטאנד.

ווען דער פעטער שלום איז זיך אזוי געזעסען און ניט געשריבען קיין בריוו, פלעגט ער פיהרען דעם ווייז־פינגער איבער׳ן טיש אזוי ווי ער וואלט געשריבען, ווי ער וואלט וועלען אויסדריקען זיינע געפיהלען און געדאנקען וואס האבען אנגעפילט זיין הארץ און מוח. דאס איז געווים געווען די סיבה פון זיין שרייבען א סך בריוו.

זייער פאפולער זיינען געווען זיינע אנעקדאטען. אט א שטייגער פלעגט ער זאגען צו עמיצען: „פארוואס ביסטו מיר א שונא? כ׳האב דיר דען א טובה געטאן ?“

אדער נעמט אזא „סך־הכל”: „די קלענסטע גובערניע פון רוסלאנד איז גראדנא, און דער קלענסטער אויעזד (קרייז) פון גראדנא איז קאברין, און די קלענסטע שטעטל אין קאברינער אויעזד איז הארדעץ”. אז מ׳פלעגט זאגען: ר׳ שלום, וואס רעדט איהר? פלעגט ער ענטפערען: דו ווילסט דאך זאגען אז איך זאג א ליגען, זאג בעסער: ס׳דאכט זיך אייך”. זאלסט קיינמאהל ניט זאגען: איהר זאגט א ליגען, דו זאגסט א ליגען. זאג: ס׳דאכט זיך אייך, ס׳דאכט זיך דיר. ס׳איז שעהנער, סאיז איידעלער”.

אזוי האט דער פעטער שלום גערעדט ביז קרוב צו הונדערט יאהר, ווען איינמאהל, שוין זייענדיג בלינד און טויב־ליך, איז ער ניט ווילענדיג ארויסגעפאלען פון פענסטער און געשטארבען.

תנצב"ה !

מאָטיע איציק'ס

פון ע. קתרוסי

צוויי „מאָטיעס" זיינען געווען אין שטעטל: איינער מאָטיע הלל'ס*), און דער צווייטער — מאָטיע איציק'ס. אָט דער לעצטער איז געווען דער יונגסטער ברודער פון די פיר ברידער קאַסטרינסקי, די זין פון ר' איציק חיים'ס, וועלכע האָבען פאַרנומען זעהר אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין האָראָדעץ.

מאָטיע איציק'ס, אויסער וואָס ער איז געווען אַ האָראָדעצער חשוב'ער בעל־הבית, איז ער געווען דער יעניגער, וועלכער איז געווען פאַר פילע יאָרן דער סטאַראָסטאַ, דער אָפּיציעלער ראש פון דער אידישער קהלה, אַן אמט וואָס וואַרפט אַרויף פילע התחייבות'ן און פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף די האָראָדעצער אידישע איינוואוינער אָדער צו די צוגעשריבענע פון דער האָראָדעצער קהלה, וועלכע האָבן געוואוינט אין אַנדערע שטעט אָדער שטעטלאך.

מאָטיע א־ציק'ס (קאַסטרינסקי)

אָט זיינען אידן אין צאַרישן רוסלאַנד געווען אַרומגערינגעלט מיט פאַרשידענע אויסנאַם געזעצן, און וועלכער איד וואָס האָט געוואָלט לעבן האָט ניט אַמאָל איבערגעטראָטן דעם געזעץ, — איז מען געלאָפן צו מאָטיע איציק'ס, ער קען דאָך דעם פּריסטאַוו פון אַנטיפּאָליע, איז גאָר אַ גוטער ברודער מיט'ן איספּראַווניק פון קאָברין און איז אויסגעקאָכט מיט די אַנדערע נאַטשאַלסטוואָ (בעאַמטום). נו, ער וועט שוין אַן עצה געבן וואָס צו טאָן, און מיט וואָס צו טאָן . . .

ספּעציעל, איז מאָטיע איציק'ס געוואָרן פאַרנומען גלייך נאָך סוכות, עס איז דאָך עפּעס פּריזיוו־צייט. מ'רופט דינען פּאָניע'ן. אָט די דאָזיגע ווערטער האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף אידישע יונגעלייט, ווייל די צייט פון מיליטער־דינסט איז געווען פיר יאָר, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. די דיסציפּלין איז געווען זעהר אַ שטרענגע, שווערע אונאינטערעסאַנטע אַרבייט, צוזאַמען מיט אונאַלפאַבעטישע מוזשיקעס. און צו דעם האָט מען ניט געקענט אָפּהיטן עסן כשר. און ווער וויל דאָס זיין אין סלוזשבאַ (מיליטער־דינסט)? אפילו גוים האָבן געזוכט עצות זיך צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט.

און ר' מאָטיע איז פאַרנומען. מ'דאַרף זיך „זען" מיט'ן איספּראַווניק, מ'דאַרף „איבערעדן" מיט'ן דאָקטאָר און מיט נאָך אַ פּאָר אָנגעזעהענע מענשען, וועלכע זיצן אין פּריסוטסטוואַ (מיליטער־קאָמיטעט). אמת טאַקע, ר' מאָטיע איז ניט קיין גרויסער רעדנער אין רוסיש, אָבער דאָס וואָס ער קען ניט דערזאָגן אין רוסיש — דערזאָגט ער מיט אַ גלעט, מיט אַ שמייכעל און דאָס גלייכען. און די בעאַמטע „פאַרשטייען" שוין אים, און ס'ווערט רעכט . . . די נאַטשאַלסטוואָ זיינען צופרידען, דער קאַנדידאַט פאַר מיליטער־דינסט איז אויסגעלייזט און ר' מאָטיע'ן טוט אויך הנאה.

מ'קען ניט זאָגן אַז שטענדיק גיט זיך איין. פאַרשטייט זיך אַ רייכער פּריזיוונִיק דרייט זיך גיכער אויס פון מיליטער־דינסט. אָבער אַזוי איז שוין משנים קדמוניות. דעם רייכן איז גוט.

אָבער ר' מאָטיע איז פון זיינע שתדלנות קיין גביר געוואָרן. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ בעל־הבית. געהאַט אַ שיינע הויז, גאַנץ נישט־קשה'דיגע מעבל, ריין, ציכטיג. אָנגעטאָן גאַנץ בעלי־הבית'יש און דאָס אַלעס.

ר' מאָטיע האָט געהאַט אַ גאַנץ גרויסע משפּחה, זין און טעכטער, אָבער זיי האָבען געוואוינט אין די גרויסע שטעט ווי בריסק, יעקאַטערינאָסלאַוו, און פלעגן קומען אַ מאָל זומער אויף באַזוך. דאַן פלעגט די שטוב אָפּלעבן: ס'האָט זיך געטומעלט, פריינט זיינען געקומען באַזוכען די גרויסשטעטישע, מ'האָט דיסקוטירט וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען — און ר' מאָטיע מיט זיין פרוי פייגע ריווע האָבן געשעפּט נחת: אַ קלייניגקייט! מ'רעדט רוסיש ווי אַ וואַסער!

אַ דאָפּעלטן פאַרגעניגען האָבן זיי געהאַט ווען זייער מיזיניק יאַנקעלע איז געקומען פון דער מירער ישיבה אָדער פון דער טעלזער, מיט וועמען ס'האָט געקאָכט דאָס גאַנצע שטעטל, און אַפילו ר' חיים ז"ל, דער בריסקער רב, האָט אים זעהר שטאַרק געלויבט.

„אָט דאָס איז אַ נחת פון טאַטע־מאַמע" — פלעגן טאַטעס און מאַמעס באַמערקען. און אפילו שפּעטער, ווען יאַנקעלע

* זע דעם אַרטיקעל "מאָטיע הלל'ס". — רעד.

איז געוואָרן אַ תלמיד פון דער אָדעסער ישיבה, און דערנאָך געענדיגט די גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכנונג — זיינען נאָך געווען געווען מענשען וואָס אין הארצן האָבן זיי מקנא געווען. אָבער ר׳ מאָטיע׳ן זיינען די קנעפּ ניט געווען צום האַרצען, ער איז דאָך עפּעס אַ סטאָלינער חסיד, פּאָרט אַמאָל צום רבי׳ן, זיצט אין שטיבל ביי אַ בלאַט גמרא — און דאָ האָסטו גאָר אַ זון מיט מעשענע קנעפּ. אָבער, מ׳גיט זיך אַן עצה: אַז יאַנקעלע קומט אַהיים אויף קאַניקול (וואַקאַציע), טוט ער אויס די גוי׳אישע בגדים, און איז אַ איד מיט אידן גלייך.

אויסער וואָס מאָטיע איציק׳ס האָט באַלאַנגט צו דער גאַנצער שטעטל, איז ער געווען דער גאַנצער „טאַטע" פון דער משפחה: איז געווען אַ צרה — דער פעטער מאָטיע איז דאָ. איז אַ שמחה — איז ער אַוודאי דאָ. טרעפט זיך עפּעס מיט איינעם אָדער איינער פון דער משפחה, וועלכער גייט אַ ביי־סעלע אַראָפּ פון דעם אַלטען אויסגעטראָטענעם וועג — פעטער מאָטיע איז דאָ, שרייט, זידעלט, און אַז מ׳דאַרף, גיט ער אַ קלאַפּ אויך. און ניט חלילה פון שלעכטסקייט, — נאָר פון איבערגעגעבענהייט מישט ער זיך, זאָגט אַ דעה און איז דער הויפּט־פירער פון דער קאַסטרינסקי פאַמיליע.

און אָט אַזוי האָט מאָטיע געפירט דאָס שטעטל אין זיין משפחה ביז 1912, ביז וואַנען ער איז געשטאָרבען. תנצב״ה!

בערל רודעצער

פון איטקע פּאַדאָלעווסקי

בערעל רודעצער איז פילע יאָרען געווען אַ שם־דבר אין האָראָדעץ און אומגעגענד. דאָס איז געווען אַ פּערזאָן אָהן זכות־אבות און אָהן יחוס, נאָר אַ זעלבסט־ארויפגעאַרבייטער איד, וואָס יגיע־כפּים און שכל האָבען געמאַכט פאַר אים אַן אָרט צווישען די רייכע און מיוחסים.



בערל רודעצער

ביי מער גינסטיגע באַדינגונגען, און ניט ווי אין די צייטען פון צאַר, וואָלט אַזאַ פּערזאָן געשפּילט אַ נאַציאָ־נאַלע ראָליע, ווייל ער האָט געהאַט אַלע מעלות און פעהיג־קייטען פון אַ פירער. אין דער יוגענד איז בערעל רודעצער געווען אַ שמיד אין דאָרף רודעץ (לעבען האָראָדעץ). אין יענער צייט האָבען אַ סך פּריצים אָנגעהויבען פאַרלאָזען זייערע גיטער. עס איז געווען באַלד נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים. די פּריצים זיינען געוואוינט פון דור־הדורות צו לעבען פון דער אומזיסטער שקלאַפערשער אַרבייט פון די פּויערים און פירען אַ פּאַראַזיטישען הולטאים־קען לעבען. ווען מען האָט דעם פּויער געדאַרפט אָנהויבען צאָלען מיט געלט און אליין פירען אַ ווירטשאַפט, איז דער פּריץ ניט געווען בכוח אָדער ניט געוואָלט פירען זיין ווירט־שאַפט. פלעגט ער מערסטענס פאַרדינגען זיין גוט (פּאָ־סעסיע) צו אַ אידען און דער איד מיט זיין שפּאָרזאַמקייט און שווערע אַרבייט פלעגט אַרויסציהען פון דעם גוט גענוג געלט פאַר די פּויערים, פאַר זיך און אויף צו צאָלען דעם פּריץ. עס האָבען זיך אין יענע צייטען פאַרמערט די אי־דישע אַרענדאַטאָרען, אָדער פּאַסעסאַרען, ווי מען האָט זיי ביי אונז גערופען.

דער ערשטער גוט וואָס בערעל רודעצער האָט גענומען אין אַרענדע איז געווען רודעץ, אין דעם זעלבען דאָרף וואו ער האָט געוואוינט. דורך שווערער אַרבייט האָט ער באַלד אָנגעהויבען רייך ווערען, אַזוי אַז גאָר שנעל האָט ער גע־נומען אַ צווייטען הויף אין אַרענדע, און גאָר גיך איז ער געוואָרען אַ פּאָסעסאַר איבער זיבען גיטער. און אַ מערק־ווירדיגע זאַך: דער איד וואָס האָט ניט געקענט לייענען און שרייבען אין קיין אַנדער שפּראַך, אויסער אידיש, און אונטערשרייבען זיין נאָמען אין רוסיש — איז געוואָרען אַ בעל־הבית איבער אַ גרויסען טייל פון קאַברינער קרייז מיט הונדערטער אַקער לאַנד. שפּעטער האָט ער געקויפט פאַר זיך אַליין אַ קליין הייפעל, דוואַרישץ. לויט דעם דאַמאָלס־

דיגען צאַרישען געזעץ איז אַ אידען געווען פאַרבאָטען ארענדירען אָדער קויפען ערד. זיינען די אַלע ארענדעס און קויפונגען געמאַכט געוואָרען אויפ'ן נאָמען פון אַ האָראָדעצער גוי מיט'ן נאָמען מאַקסים סווערדיוק. ער איז געווען אַ רייכער גוי און זייער אַ קלוגער.

פון יאָר צו יאָר איז בערעל רודעצער געוואָרען רייכער, און מיט זיין רייכטום איז אויך געשטיגען זיין אידישער געשמאַק. ער האָט חתונה געמאַכט זיינע טעכטער פאַר אייזעמס למדנים און יחסנים. דער גדן פלעגט זיין דאָס וואָס ער פלעגט באַזעצען יעדען איידעם אין איינעם פון זיינע הויפען, און ער אליין האָט זיך אריינגעצויגען קיין האָראָדעץ. ער האָט אָפּגעקויפט אין גאַס לעבען הילצערנעם בריק אַ גרויסען שטיק פּלאַץ און אויסגעבויט צוויי גרויסע הייזער. די הייזער זיינען אין יענע יאָרען געווען די שענסטע אין שטעטעל. הינטער די הייזער איז געווען אַ גרויסער גאָרטען, וואו ס'זיינען געוואָקסען פאַרשידענע גרינסען פון בעסטען סאָרט. זונטאָג פלעגען זיך צונויפפאָרען פון די הויפען אַלע זיינע קינדער און איניקלעך מיט זייערע פערד, קאַלאסקעס און באַדינער, אַ גאַנצע מלוכה. און אין שטעטעל פלעגט מען קוועלען און שטאָלצירען מיט בערעל רודעצער, איבערהויפּט בעלי־מלאכות און פּראָסטע אידען, וואָס האָבען געהאַלטען בערעל רודעצער פאַר אַן אייגענעם מענשען. באַזעצענדיג זיך אין האָראָדעץ האָט בערעל רודעצער אָפּגעקויפט פיר „שטעט" אין מזרח־וואַנט פון שוהל און בית־המדרש. זייענדיג באַזאָרגט מיט פרנסה און באַפרייט פון זיינע געשעפטען, וועלכע די איידעמס האָבען געפירט, האָט ער זיך גענומען צו קהל'שע ארבייט. ער האָט איבערגעבויט די שוהל, וועלכע האָט שוין געהאַלטען ביים איינפאַלען. ער האָט אויך איבערגעבויט, להבדיל, די באָד, וועלכע איז געווען אַלט און אָפּגעלאָזען.

ביים איבערבויען די שוהל און, להבדיל, די באָד, האָט ער אויסגענעבען זיין אייגען געלט. שפּעטער האָט ער דאָס געדאַרפט איינמאָנען פון דעם שטעטעל, וואָס אַ גרויסען טייל האָט ער קיינמאָל ניט געקראָגען צוריק.

אויך האָט ער איבערגענומען די קאַראָבקע, אין וועלכער עס איז געווען אַ סך שווינדעל. ער האָט געזעהן, אז פון דעם ביסעל געלט, וואָס פלעגט איבערבלייבען, זאָל זיין פאַר די הצטרכות פון שטעטעל, און עס זאָלען ניט אריינפאַלען אין די קעשענעס פון באַאַמטע פון דער אופּראַווע. ער האָט אויך געמאַכט אָרדנונג אין דער חברה קדישא. געוועהנליך האָט ער געקראָגען אַ סך שונאים, נאָר „עמך" איז שטענדיג געווען מיט אים, און די איבעריגע האָבען געשוויגען פאַר מורא און דרך־ארץ מחמת זיין פאַרבינדונג מיט די פּריצים, און ספּעציעל מיט שטער'ן, דעם פּריץ פון שטעטל, וועמענס הויפען ער האָט געהאַלטען אין אַרענדע. דער דאָזיגער שטער איז געווען אַ סטאַטסקי סאָוועטניק (אַ הויכער באַאַמטער) אין דער צאַרישער רעגירונג, וועלכער פלעגט אויך זיצען אין פּריסוטסטווע ביים צונעמען אין מיליטער. בערעל רודעצער האָט אויך גע'פועל'ט אז אַ סך אידישע יונגע לייט זאָלען באַפרייט ווערען פון מיליטער. דאָס איז געווען זעהר אַ וויכטיגע זאַך אין יענער צייט. פאַר די טובות דורך שטערען האָט ער קיינמאָל ניט גענומען קיין גראָשען.

בערעל רודעצער'ס פיהרונג איז געווען ווי פון אַ גביר אַ פאָלקס־מענש: געגעבען נדבות מיט אַן אָפענער האַנט, חתונה געמאַכט אָרימע קרובים, יתומים און יתומות.

בערעל רודעצער האָט אריינגעלעבט אין הויכען עלטער, ביז פיר־און־אכציג יאָר, און ביז זיין טויט איז ער געווען פול מיט ענערגיע און לוסט צום לעבען. שוין זייענדיג אַ בן־שבעים, האָט ער צום דריטען מאָל חתונה געהאַט, און דווקא מיט אַ יונג ווייבעל, וועלכע האָט אים געבוירען צוויי קינדער, אַ מיידעל און אַ איינגעל. און מערקווירדיג, בערעל רודעצער, אַן אַלטער גרויער, פלעגט זיך אַרומשפּילען מיט די דאָזיגע קינדער ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס איז אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה.

בערעל רודעצער איז געשטאָרבען ארום 1915. ס'איז שוין איבער דרייסיג יאָר, אָבער זיין נאָמען געדענקט זיך נאָך, און וועט נאָך לאַנג, לאַנג דערמאָנט ווערען.

אַ חתונה אין האָראָדעץ פון בערל רודעצער׳ס אַן אייניקל
(אין אָנפאַנג פון 20טן יאָהרהונדערט)

ערשטע רייהע שטעהענדיג פון רעכטס צו לינקס: ירמיהו רודעצקי, דער פאַקטער, פ. בורשטיין, בוטשע בירשטיין, סנדר שטשופּאַק, ירמיהו שוב, יוסף רויטקאָפּ, אהרן אשר וואָליניעץ, לייבע שוב, אברהם ראַוויטש, בנימין ליפשיץ, חיים דינעס, טאַנטע מינדל,ביילע שטשופּאַק און אַ בריסקער איד.

צווייטע רייהע: צירל רודעצקי, סאָניא רודעצקי, איטקע ברעגמאַן, (צוויי ניט באַקאַנט) שיינע נאָוואָסעלקער, (ניט באַוואוסט), שרה פעשע דובין, עטיע שוב, בנימין בור־שטיין, חיה׳קע רודעצקי, צירל ליפשיץ, נעימה דינעס, צביה סטאַווסקי, רבקה דינעס, באַשקע שוב.

דריטע רייהע זיצענדיג פון רעכטס צו לינקס: שכנא רודעצקי, ביילע די פרוי פון יאַנקל כאָדלינער, פרוי שטשופּאַק, איציקל דער סטאָליאַר, אַ בריסקער איד, מאַשע בורשטיין, אהרן אשר רודעצקי, בערל רודעצער, גאָלדע דינעס, אסתר דבורה ליפשיץ, חיה צירל שוב, גיטל ראַוויטש, מאיר ליפשיץ.

פירטע רייהע: פריידע רודעצקי, יהודית רודעצקי, אברהמ׳ל רודעצקי, מנשה רודעצקי, משה דינעס, איציל ליפשיץ, משה ליפשיץ, קלמן ראַוויטש.

„פאניע שאף"
(איציקל)

פון י. זים

„פאניע שאף" — אזוי האט אים גערופען דער הארא־דעצער פריץ, שטער. אבער די הארעדעצער אידען האבען אים גערופען פשוט: „איציק דער סטאליער" אדער אין קורצען: „איציקל".

אייגענטליך איז איציקעל געווען מער דריי־קאפ ווי סטאליער. ער אליין איז א קנאפער סטאליער געווען; ער פלעגט אננעמען ארבייט אויף פאדראט און האט אנגעשטעלט בעלי־מלאכות וואס פלעגען טאן די ארבייט לויט זיינע פלענער.

סתם ארבייט פלעגט איציקעל ניט אננעמען. ער האט געהאט צו טאן מיט פריצים און ספעציעל מיט שטער'ן, וועלכער איז געווען גאר א גרויסער מקורב צום צאר ניקאלאי. און די פאלאצען (אדער די „פאקאיעס", ווי מ'פלעגט זיי דעמאלסט רופען), וואס ער האט אויסגעבויט האבען גע־קראגען א שם אין יענער געגענט.

ניט נאר האט איציקעל געהאט צוטאן מיט פריצים — ער האט אויך געבויט די הייזער פון סטאלינער רבי'ן, אין סטאלין, און אזוי־ארום איז ער געווארען א בן־בית אין סטאלינער „הויף" ביים רבי'ן ר' ישראל. אבער קיין פא־נאטישער חסיד איז איציקעל ניט געווען. ער האט ליב גע־האט אלע מענשען; חסידים און מתנגדים, פרומע און פרייע, יונגע און אלטע, ארימע און רייכע. ער האט ליב געהאט הערען און זאגען א גוטען וויץ — אבער צום מייסטען האט ער ליב געהאט צו טאן מענשען טובות. צוויי סארטען מענ־שען, אבער, האט ער פיינט געהאט; א פאנאטיקער און א קארגען. די דאזיגע צוויי טיפען־מענשען פלעגען אים אריינ־ברענגען אין כעס און ניט איינמאל פלעגט ער זיך קריגען מיט זיי.

ווי געזאגט, איז איציקעל געווען מער דריי־קאפ ווי בעל־מלאכה — האט זיך אים איינמאל פארגלוסט איינ־ריידען שטער'ן ער זאל פארקויפען זיינע הויפען. איציקעל איז טאקע געווען דער מעקלער און אויף זיין חלק איז אויסגעקומען צו קריגען עטליכע טויזענט רובעל מעקלער־געלט — און אט־אט איז איציקעל שיעור ניט געווארען א גביר. אבער — פאמעלעך, איציקעל, כאפ ניט! שטער האט אים טאקע באצאלט טויזענט רובעל, אבער אנדרא־נאווסקי, דער פריץ וואס האט געקויפט דעם הויף האט ניט געוואלט באצאלען די פינף טויזענט רובעל וואס האט אים געקומט לויט'ן אפמאך. איציקעל האט אים אנגעקלאגט אין געריכט און נאך עטליכע יאר משפט'ען וואס האט אים גע־קאסט א סך געלט, האט ער אויפגעגעבען די האפנונג פון איינמאנען די געלט. וואס טוט אבער איציקעל מיט די טוי־זענט רובעל וואס ער האט באקומען פון שטער'ן? אין אין איין שבת־צו־נאכטס ווערט ניט די געלט! ווי אזוי? גאנץ איינפאך: ער האט געטיילט צדקה רעכטס און לינקס — ווער ס'האט נאר געבעטען. ער האט געגרינדעט א גמילת־חסדים מיט עטליכע הונדערט רובעל, פארבעסערט דעם הכנסת אורחים, איבערגעבויט דאס קארלינער שטיבעל, גע־מאכט נייע שאפעס פאר די ספרים און אריינגעגעבען א נייעם ווילנער ש"ס. איז נאך געבליבען א פאר רובעל — האט ער זיך פארנומען אויף א פריצישען דרך: געפלאנצט א גרויסארטיגען סאד מיט כל המינים פרוכט־ביימער אויס־געשריבען פון „זאגראניצע" און . . . און גענומען די זעג מיט'ן הובעל און האמער און מיט די אייגענע הענט אויס־געבויט א . . . טויבענשלאג.

— וואס מאכט איר, ר' איציק? — פרעגט אים זיין שכן.

— א טויבענשלאג, — ענטפערט איציקעל.

— א טויבענשלאג?



ר' יצחק זוסעלמאן (איציק'ל)
געצייכענט פון זיין זוהן ישראל

און דער שכן גייט אַוועק אַ צוטומעלטער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ; וואָס איז איציקעל, חסר דעה — איז ער אַראָפּ פון זינען — צו וואָס די פריצישע שטיק? אָבער איציקעל האָט געזאָגט אַ „טויבענשלאַג'' — איז געוואָרען

איציקיל'ס טויבענשלאַג

מיט „ער'ן" און „זי'ן" און אַלערליי מינים „ווערבליעס'', אַ „טויבענשלאַג" מיט 32 צימערלעך פאַר 32 „פּאָרלאך'', וואָס האָראָדעצער אידען האָבען אויף זייער לעבען ניט גע־זען און ניט געהערט — און ס'איז געווען לעבעדיג אין שטעטעל. אַז ער פלעגט האָבען אַן אורח אויף שבת פלעגט ער לאָזען קוילענען אַ פּאָר טויבען און מכבד זיין דעם אורח לכבוד שבת.

אָבער לאַנג האָט איציקעל'ס „רייכקייט" ניט אָנגע-האַלטען; ער איז פאַרשלאַפט געוואָרען אויף די פיס, גע־לעגען אַ לענגערע צייט אין אַ וואַרשעווער שפּיטאָל ביז דער סטאָלינער רבי האָט אים געהאָלפען פאָרען קיין ווין וואו מ'האָט אים אפערירט און אָפּגעשניטעןביידע פיס ביז אונטער די קני כדי ראַטעווען זיין לעבען. ער איז געקומען צוריק פון ווין (מיט זיין פרוי אַלטע, די צדקנית, וואָס האָט אויף אים כסדר אַכטונג געבען) מיט גומענע פיס. און ווען ער איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקען האָט מען כמעט ניט דערקענט אז ער גייט אויף גומענע פיס. דאָס אַלץ האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט — און אויס „גביר".

קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער גע־פאָרען קיין מאָסקווע זיך באַראַטען מיט אַ גרויסען דאָקטאָר — און איז שוין דאָרט פאַרבליבען ביז נאָך דער מלחמה.

איציקעל איז געקומען אַהיים פון מאָסקווע נאָך דער מלחמה אַ שטיקעל „גביר". ער האָט דאָרט געמאַכט עט־ליכע טויזענט רובעל און ער הויבט זיך אָן ווייטער פירען מיט דער ברייטער האַנט ווי אין די אַמאָליגע יאָרען *)

דערווייל עמיגרירען זיינע קינדער נאָך אַמעריקע פון וואַנען זיי שיקען אים צו אַלעמאָל אַ פּאָר דאָלאַר מיט וועלכע ער קען אָנפירען זיין וואוילטעטיגע ארבייט. און אָבוואָל איציקעל לעבט אין גרויסע קערפּערליכע יסורים (זיינע פיס זיינען קיינמאָל ניט פאַרהיילט געוואָרען ווי ס'בעדאַרף זיין) האַלטען אים אָבער די כלל־זאַכען אויף ביים לעבען און גיבען אים מוט און קוראַזש ער זאָל ווייַ־טער קענען אָנגיין מיט זיין ארבייט און טאָן טובות.

אָט אַזוי פירט ער זיך אויף ביז די דייטשען ימח שמם אקופּירען האָראָדעץ.

די געלט שטיצע וואָס די קינדער פלעגען אים שיקען הערט אינגאַנצען אויף, און זיין קהל'שע טעטיגקייטען ווערען פלוצלונג אָפּגעהאַקט.

ס'קומען אָן טראַגישע טעג; די דייטשען, ימח שמם וזכרם, באַנוגענען זיך ניט וואָס זיי האָבען אים אָפּגעשניטען אַלע קוואַלען פון חיונה — זיי מאַכען פון אים אַ ציל־ברעט פון שפּאָט און אָפּלאַכונג, ביז ער קומט אום, צוזאַמען מיט זיין הויז, זיין בית־המדרש און ספרים, מיט אַ טראַגישען טויט **).

ד' ינקום את דמו השפוך!

---

*) וועגען זיינע ווייטערדיגע קהלישע טעטיגקייטען זע דעם אַרטיקל „אונטרין פוילישען רעזשימיי פון הרב שלום פּאָדאָלעווסקי.

) זע דעם אַרטיקעל „דער סופיי. **רעד.

אַ כּלל־טוער

פון ש. בן־חביב

ווען איך דערמאָנט דעם נאָמען חיים־איטשע פאַר אַ האראדעצער אידען אָדער אַנטיפּאַליער און אויך פאַר פילע פון דעם גאַנצען געגענט אַרום האראדעץ וואָס האָבען געלעבט אין יענעם געגענט, פון 1925 ביז 1941, רופט דער נאָמען ביי זיי אַרויס ליבשאַפט, רעספּעקט און שטאָלץ. ווען איך פרעגט אַ דאָרפס איד פון יענעם געגענט און פרעגט: ווייסט איר וועגען חיים איטשע ? — וועט ער אייך דערציילען לעגענדאַרישע מעשיות וועגען חיים איטשען און אויך פילע גלייכווערטלאַך, וויצען וואָס חיים איטשע האָט געזאָגט ; און בשעת מעשה פאַרגלאַצען די אויגען און זאָגן : „ער איז געווען אַ איבערמענשליכער מענש, מיט אויסערגעוויינליכע קלוגשאַפט, און דער עיקר, אונזערער אַ ברודער". דער נאָמען חיים איטשע איז געווען גוט באַוואוסט צווישען קרעמער, אַרבייטער און פּויערים. און יעדער איינער האָט געזאָגט אַז ער איז זייערער אַ מענטש.

אָבער ווער איז דאָס געווען חיים איטשע, און ווי אַזוי האָט ער געקראָגען זיין גרויס'ען נאָמען, און פון וואַנען האָט ער געשטאַמט?

חיים איטשע

חיים איטשע איז טאקע געווען אַ האָראָדעצער, ליבער'ס אַ זון. חיים איטשע איז געווען דער צווייטער זון פון די 12 קינדער וואָס ליבער האָט געהאַט.

אַלס קינד האָט חיים איטשע קיין גאָר שטאַרקע פייאיגקייטען ניט אַרויסגעוויזען, געלערנט מיט אַלע קינדער אין די חדרים. צו 14 יאָהר ווערט ער אַ מלמד אין אַ דאָרף. שפּעטער פאָרט ער אוועק קיין אַנטיפּאָליע און לערענט זיך פאַר אַ שטעפּער. ווען ליבער'ס פרוי צביה שטאַרבט אין עלטער פון 40 יאָהר, העלפט ער זיין פאָטער האָדעווען די קינדער. שפּעטער צו אַרבייט ער אויף די פעלדער, האַנדעלט מיט פערד, בהמות, האָט ליב צו זאָגן א וויץ און אַ חכמה'לע. ער האָט האַלט פּאָליטיק, לייענט ביכלעך, און פירט זיך ווי אַלע האראדעצער בחורים. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה ענדיקט זיך, קומט פאָר די ערשטע סענסאַציע אַרום חיים איטשע'ן : ער פאָרט אַוועק אין בריסק, קומט אָן אַרבייטען ביי דעם גרעסטען לעדער־סוחר פון בריסק, בעקאַנט זיך דאָרטען מיט דער בריסקער אַרבייטער־באַוועגונג און וואַרפט זיך אַריין מיט אַלע כחות צו אָרגאַניזירען די בריסקער אַרבייטער־פאַרבאַנדען, וואָס אין פּוילען איז דאָס דאַן געווען פאַרבאָטען. ער באַהאַלט זיך אויס אונטער אַ פאַלשען נאָמען, און ווערט דער סעקרעטאַר פון די בריסקער אַרבייטער. אין דער פרייער צייט לייענט ער זייער פיל און שטודירט דעם אַרבייטער־לעבען.

און דאָ דערוויסט זיך די בריסקער פּאָליציי פון חיים איטשען, און זוכט אים אַרום אַלס פּאָליטישען פאַרברעכער און גרינדער פון אַ יוניאָן. חיים איטשע באַהאַלט זיך אויס אַ שטיקעל צייט אין בריסק, און ווען ער קען זיך מער ניט אויסבאַהאַלטען פאַרלאָזט ער בריסק מיט די אַרבייטער־באַוועגונג און קומט צוריק קיין האָראָדעץ, און האָט דאָרט חתונה מיט איינע פון די שענסטע מיידלעך פון שטעטל. די יונגע פּאָרפאָלק באַזעצען זיך אין אַנטיפּאָליע און חיים איטשע עפענט אויף אַ לעדער געשעפט.

און דאָ הויבט זיך אָן חיים איטשעס קאַריערע. פון אָנפאַנג הויבט ער אָן זעהר קליין, מאַכט זיין קראָם אויף פינסקער גאַס. אָבער אין אַ קורצער צייט ציט ער צו אַלע שוסטערס און פּויערים פון די דערפער און בויט אויס אַ גרויסע הויז מיט אַ גרויסע קראָם, נאָהענט פון מאַרק נעבן מויערדיקען בית-המדרש.

שפּעטער קויפט ער אָפּ נאָך אַ קראָם אין אַנטיפּאָליער ראַד־קראָמען, אויך קויפט ער פיל ערד אויף די פינסקער מאַרגעס און הויבט אָן צו שפּילען אַ גרויסע ראָליע: ער גיט זיך איבער ניט נאָר מיט דעם געשעפט, ער וואַרפט זיך זייער שטאַרק אַריין אין געזעלשאַפטליכען לעבען. און ווען אין אַנטיפּאָליע גרינדעט זיך די קהלה — ווערט ער דער אָנפירער פון דער קהלה און דער טאָן געבער פון שטעטל. און ווען עס גרינדעט זיך אין אַנטיפּאַליע אַ באַנק, ווערט ער דער אָנפירער פון דער באַנק און נעמט אפילו אַ גרויסען אַנטייל אין אויפבויען די באַנקען אין פּוילען. ער פאָרט קיין וואַרשאָ אויף קאָנפערענצען, און מען רעכענט זיך זעהר שטאַרק מיט זיין מיינונג. און ווען האראדעצער דאַרפען אַ הלואה, ווייסען זיי שוין אַז זייער לאַנדסמאַן וועט זיי העלפען צו קריגען עס אין דער אַנטיפּאָליער באַנק. און פון טאָג צו טאָג ווערט דער נאָמען חיים איטשע באַרימט אין געגענט, ער ווערט זייער באַפריינדעט מיט דעם אַנטיפּאָליער רב ר' יצחק וואלקין, און צוזאַמען בויען זיי אַ גרויסע תלמוד־תורה ניט נאָר פאַר די אַנטיפּאָליע קינדער — נאָר אויך פאַר די קינדער פון די האראדעצער און אומגעגענט.

און יעדען אָוונט טרעפט מען אידען קומען פרעגען עצות ביי חיים איטשען. און חיים איטשע האָט שטענדיק אַ שמייכעל פאַר יעדען איינעם און גיט זיי זיינע קלוגע עצות.

חיים איטשע פאָרט צו די העברערע בעאַמטע אין קאָברין און בריסק זיך משתדל זיין פאַר זיינע אָרימע ברידער. און ניט איינמאָל האָט פּאַסירט ווען אַ באַאַמטער פלעגט קומען וועגן שטייערען און ער פלעגט אָנהויבען שרייבען אַ פּראָטאָקאָל — פלעגט חיים איטשע צורייסען די פּאַפּירען און צוברעכען די פען. און פיל מי פלעגט שוין דאַן קאָסטען — ביז וואַנען עס פלעגט פאַרווישט ווערען די זאַך. אויך די ארבייטער ווען זיי האָבען געדאַרפט עפּעס דורכפירען פלעגט חיים איטשע זיין ביי זיי דער רעדנער און עצה געבער.

שפּעטער ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט חיים איטשע אַ גאַנצער טוער ביי די סאָוועטען. (וואָס פאַר אַ ראָליע ער האָט דאַן געשפּילט איז אונז דערוויַל ניט באַקאַנט).

ווען די היטלעריסטען ימ"ש, האָבען באַפאַלען רוסלאַנד, גייט חיים איטשע אַוועק קיין רוסלאַנד. וואָס עס איז געוואָרען פון אים איז קיינעם ניט באַקאַנט. לעבט נאָך דער קלוגער חיים איטשע? טוט ער נאָך פאַר די מענטשהייט עפּעס אויף? לייענט ער נאָך גאַנצע נעכט רוסישע, פּוילישע, אידישע, העברייאישע ביכער? וועלען מיר נאָך אַמאָל הערען פון אים? אָדער די היטלעריסטען האָבען אים אויך געכאַפּט אונטערוועגנס און אומגעבראַכט? און ווען אַפילו ער לעבט, לעבט ער נאָך פאַר אונז? וועט די רוסישע רעגירונג אים אַרויסגעבען?

איין גאָט ווייס!

דער שטאָט לץ

פון דוד קאַפּלאַן

יעדע שטאָט און שטעטעל האָט געהאַט איר לץ. ווילנא האָט געהאַט מאָטקע חב"ד, אָסטראָפּאָליע האָט געהאַט הערשלען, א. ד. ג. דער אידישער לץ איז געווען אַנדערש פון דעם גויאישען הויף־נאַר. דער הויף־נאַר האָט געדינט דעם מלך, דעם פּריץ, דעם רייכען. זיין ראָליע איז געווען פריילעך מאַכען זיין האַר, און אגב אורחא פלעגט ער אויך אַ לאַך טאָן פון די אָרומיגע. זיין וויץ איז געווען אַן איינגעהאַלטענער, אַ פאַרבאָרגענער. זיין הומאָר איז געווען אַ באַהאַלטענער. אָבער דער אידישער לץ, איז געווען פריי אין זיין הומאָר, ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט, אַלע זיינען דורכגעגאַנגען זיין רוט, פון רב ביז'ן בעדער.

דער אידישער לץ איז געוואָרען דער שפּיגעל אין וועלכען מ'זעט דעם אידישען געטאָ־לעבען מיט זיינע קליינליכע באַגריפען און זיין וועלט־אַנשויאונג. דער אידישער לץ האָט אויך אויסגעדריקט דעם צער און פאַרביטערונג וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין הארץ פון אונטערדריקטען איד נעגען זיינע אונטערדריקער, סיי גוי, סיי איד.

ניט אומזיסט איז געוואָרען דער אידישער שטאָט־לץ דער ליבלינג פון שטאָט, ווייל ער איז געווען דער שופר, דורך וועמען זיי האָבען געלאָזט הערען זייער פּראָטעסט און וויטאַג מיט גאַליקען הומאָר.

טוביה דער שוסטער איז געווען אַ מענש פאַר זיך אַליין. אַ קליין מענשעלע מיט דאַרע פיסלעך, מיט אַ הארב פון פאָרענט און הינטען. ווען ער פלעגט גיין אין גאַס האָט אים קיינער ניט געקענט נאָכגיין, ווייל ער פלעגט ניט גיין, נאָר לויפען זייער שנעל. שטענדיג האָט ער אויסגעזען בלאַס, און די שפּיצינע בערדעלע זיינע פלעגט זיך ביי אים וואַרפען פון זיך אַליין. ער האָט געוואוינט אין גאַס מיט זיין ווייב ביילע און זעקס קינדער אין איין צימער. דאָרט האָט ער אויך געהאַט זיין וואַרשטאַט מיט זיינע געצייג און געאַרבעט שווער. קיין סך נייע שיך פלעגט ער ניט נייען. ערשטענס, האָט ער די מלאכה ניט געקענט צו גוט, און צווייטענס, האָט ער ניט געהאַט קיין געלט צו קויפען די לעדער. טאָמער האָט אים אימיצער געגעבען געלט פאָראויס, צו קויפען לעדער און מאַכען אים אַ פּאָר שיך, האָט ער שוין די שיך קיינמאָל ניט געזען, ווייל טוביה האָט שוין געהאַט אַ ביל־כערע זאַך וואָס צו טאָן מיט'ן געלט. ער פלעגט גלייך גיין צו אַבערעמקע דעם קצב — ער איז געווען זיינער אַ שכן — און גלייך קויפען אַ גרויסען שטיק לונג מיט מילץ און ברייננען צו זיין ווייב, זי הייסען קאָכען אַ גוטען מאָלצייט, און נוט אָפּעסען. אז מען פלעגט קומען נאָך די שיך האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט ניט פאַרוואָס צו קויפען די לעדער. שטייטץ, טוביה, וואו איז די געלט וואָס איך האָב דיר געגעבען פאָראויס? פלעגט ער ענטפערען קורץ און שאַרף: אין בויך! און עס איז געווען פאַרפאַלען.

זומער פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט פלעגט ער אויסטאָן דעם פאַרטוך און די הויזען מיט די לאַטעס, אָנטאָן אַן אַנדער פּאָר הויזען מיט נייע לאַטעס און אַרויסגיין פאַר אַ שפּאַציר. ער פלעגט אַוועק שפּאַצירען אין מאַרק. דאָרט פלעגט ער זיך אָפּשטעלען ביי מאָטיע קאַרלינסקי'ס קראָם, איינער פון די שענסטע בעלי־בתים אין שטעטעל, און פּראַוועז זיינע שטיק פאַר די מיידלאַך פון מאַרק. זיין בעסטער וויץ איז געווען אַז ער האָט זיי צו פאַרקויפען מאַסלינקע געפּאַקט אין ראָנזשעס. די מיידלעך פלעגען אָנהויבען לאַכען — פלעגט ער זיי אַרויסשטעלען דעם צונג מיט צוויי פינגען און אַנטלויפען צוריק אין גאַס.

אין מארק האָט געוואוינט משה בורשטיין דער קרעמער. פלעגט טוביה אריינקומען צו אים אין קראָם, ווען קיינער פלעגט ניט זעהן, געכאַפּט אַ הערינג, אָפּגעריסען דאָס קאָפּ און אַ זאָג געטאָן צו משה'ן: וויפיל קאָסט דער הערינג אָן דעם קאָפּ? פלעגט משה ווערען אין כעס און שרייען: „ארויס דו הארבאַטער זשוליק פון קראָם". טוביה פלעגט זיך ניט איבערשרעקען, געכאַפּט דעם הערינג און געלאָפען אהיים, און גיי לויף אים נאָך. מיט איין שפּרייז פלעגט ער ניט ווערען. אָפּטמאָל פלעגט ער אין מיטען דער נאַכט אָנקלאַפּען אין פענסטער ביי אברעמקע דעם קצב, און שרייען: „די ציגען זיינען אָנגעקומען, גייט קיילעט זיי וואָס שנעלער, איך האָב זיי שוין אויסגעמאָלקען". פלעגט אברעמקע אים גוט אָנשילטען, זאָגענדיג: „אַ שווארצער חלום אויף דיין קאָפּ". און טוביה האָט אים ארויסגעשטעלט דעם צונג און אנטלאָפען.

לעבען טוביה'ן האָט געוואוינט חיים־הערש. איז איינמאָל זיין זון אברהם'ע געקומען צופאָרען מיט זיין ווייב פון לאָדזש, וואו ער איז געווען אַ דענטיסט־מעכאַניק. זיין ווייב האָט געהייסען אַניוטע. זי איז געווען אַ שוואַכע פרוי, האָט מען פאַר איר געקאָכט שעפּסענע פלייש. טוביה האָט זיך דערוואוסט פון דעם מאכל, האָט ער זיך איינמאָל אריינגע'גנב'עט אין חיים־הערש'ס הויז, ארויסגענומען דאָס טאָפּ מיט די פלייש, געבראַכט צו זיך אין הויז און געזאָגט צו זיין ווייב ביילע: „ביילע, פון יעצט אָן און ווייטער הייסטו ביי מיר אַניוטע, ווייל דו עסט דאָך שוין אויך שעפּסענע פלייש".

אָט כאַפּט זיך טוביה אריין אין יעקב פּאָליאַק'ס מאַנופאַקטור־קראָם. די קראָם איז פול מיט קונים. טוביה גיט אַ כאַפּ אַ ווייסע שטיק סחורה און גיט אַ זאָג: „איר זעט, איך און יעקב'ס יורש וועלען ליגען אויפ'ן זעלבען בית־עולם אין די זעלבע תכריכים".

אָט כאַפּט טוביה אַ הערינג אין שמאי'ס שפּייז־קראָם, צוברעכט דעם רוקען און זאָגט: „אוים מיוחס, ער האָט אַ הויקער ווי טוביה . . ."

צום מערסטען פלעגט זיך טוביה אויסלעבען אין אַ יריד, ווען די פויערים פון די ארומיגע דערפער פלעגען קומען מיט זייערע בהמות, פערד, הינער און אייער; און שוסטער און שניידער פלעגען קומען פארקויפען זייער סחורה, און קליין־הענדלער פלעגען קומען האנדלען און מעקלען — דאַן פלעגט טוביה פארלאָזען זיין ווארשטאַט מיט די גויים וואָס פלעגען קומען אָפּנעמען זייערע שטיוועל, און היידא אין מארק אריין. דאָרטען פלעגען זיך ארום אים צוזאמענקלייבען פויערים, הענדלער און אויך קינדער — און טוביה פלעגט זאָגען זיינע קלוגע און שארפע וויצען. ניט איין פויער פלעגט בשעת מעשה צוברעכען די אייער לאַכענדיג, און פילע הענדלער פלעגען דורך דעם פארפעלען מאַכען געשעפט.

און האָראָדעץ האָט געהאט צו דערציילען און לאַכען ביז דעם קומענדיגען יריד.

טוביה דער הארבאַטער האָט אויך דורכגעמאַכט אַלע פּורעניות וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה און אירע רעזולטאַטען האָבען געבראַכט. ווי טראַגי־קאָמיש איז געווען ווען די פּאָליאַקען זיינען אריינגעקומען אין האָראָדעץ און געכאַפּט טוביה'ן אַלס „קאָמוניסט". רייטער האָבען געריטען אויף פערד, פון פאָרענט און פון הינטען, און דער קליינער, פלינקער טוביה האָט געדארפט נאָכלויפען די רייטער, וועלכע האָבען אים געטריבען נאָך קאָברין געשאָסען צו ווערען *).

וואָס האָט טוביה געטראַכט? ווי האָט ער דאַן רעאגירט?

עס איז שווער צו ענטפערען, ווייל טוביה און זיין „טאַווארישטש" הערשעל דער לערער, האָבען ניט געטאָרט אַ וואָרט אויסרעדען. זיכער איז אַז אויך דאַן, ווען ער וואָלט ערלויבט געוואָרען צו ריידען וואָלט ער געוויס געזאָגט אַ וויץ וועגען דער פּוילישער מלוכה און אירע אָרדנונגען.

טוביה איז אויך דורכגעגאַנגען דעם גיהנום וואָס די דייטשען, ימח שמם, האָבען אָנגעגרייט אין האָראָדעץ. וואָס האָט דאַן טוביה דער „קאַלטער לונג און לעבער" געזאָגט? אויף וועמענס חשבון האָט ער זיך דאַן געוויצעלט?

עהרע דעם פריילעכען קבצן טוביה!

*) זע דעם אַרטיקל „הערשעל דער לעהרער".
רעד.



פון ע מ י

סנדר דער מלמד

ווען אַ האָראָדעצער איד הערט דעם נאָמען סנדר, לויפט באַלד פאַר אים דורך, אַזוי ווי אויף דער סינעמאַ־לייוונט, זיין גאָר פריהסטע יוגענד. ווען מ׳האָט אים איינ־געוויקעלט אין אַ טלית און געבראַכט צו סנדר׳ן אין חדר, אַ קליין אידעלע מיט אַ לאַנגען טלית־קטן פון וועלכע די ציצית פלעגען זיך אים פּלאָנטערען צווישען די פיס.



סנדר דער מלמד

ס׳געהט דורך איין בילד נאָכ׳ן אַנדערען: אָט זיצט ער ביים לאַנגען טיש,. פאַר אים ליגט אַן אַלף־בית, דער „מלאך" וואַרפט אַמאָל אַ גראָשען, אַמאָל אַ צוקערקע, לע־קאַך אָדער טאָרט. אָט איז ער אַ קליין חדר־אינגעל, שפּילט זיך מיט די אַנדערע קינדער אופ׳ן גאָרטען, קריגט אַמאָל מיט די „לאָקשען", ווערט אַמאָל „קראַנק" און וויל ניט גיין אין חדר. אָט אַזוי ווי נעכטען: ס׳איז ווינטער, אין דרויסען איז קאַלט, גליטשיג, די קינדערלעך געהען ניט אַ היים עסען וואַרמעס, סנדר ברענגט זיי די טעפּלעך עסען פון דער היים, ער שטעלט זיי אַריין אין אייוועלע אָנצוואַ־רעמען, מ׳עסט דעם קרופּניק, מ׳פאַרבייסט מיט אַ שטיקעל חלה, אָדער ברויט, און מ׳לערנט ווייטער: קמץ אַלף אָ, קמץ בית באָ. פאַרנאַכט פירט סנדר אַליין אָפּ די קינדערלעך אַהיים.

ס׳געהט פאַרביי איין בילד און ס׳קומט אַן אַנדערעס: מ׳הויבט אָן חומש. דער חומש איז ויקרא. וואָס עפּעס ויקרא? ויקרא הויבט זיך אָן מיט קרבנות, וועלכע זיינען מטהר — זאָל אַ אידיש קינד אָנהויבען מיט קרבנות, וועט ער אויך זיין אַ טהור. מ׳מאַכט אַ סעודה, מ׳עסט, מ׳טרינקט און מ׳איז פריילעך.

ווער פון די האָראָדעצער האָט ניט געלערענט ביי סנדר׳ן?

זעהר אָפט האָט געטראָפען, אַז אַ זיידע, זוהן און איי־ניקעל זיינען געווען סנדר׳ס תלמידים. אַלע, אַלע זיינען דורכגעגאַנגען סנדר׳ס חדר. און סנדר אַליין איז געווען צו־פרידען פון דעם, כאָטש זעהר אָפט פלעגט ער זאָגען: „כ׳בעט דיר גאָט, כאָטש איין יאָהר פאַר מיין טויט איך זאָל ניט זיין קיין מלמד". זיין בקשה איז טאַקע מקוים געוואָרען. דעם לעצטען יאָהר פאַר זיין טויט איז ער שוין געווען שוואַך און אַלט (ער איז געשטאָרבען אין עלטער פון קרוב צו 80 יאָהר).

כ׳ווייס ניט צו סנדר האָט דאָס געמיינט אויף אַן אמת אָדער אין אַ שפּאַס, ווייל סנדר איז בטבע געווען אַ לץ. זעהר אָפט פלעגט ער זאָגען אַ גלייכוואָרטעל אָדער אַזוי זיך שפּאַסען, אויף זיין אייגענעם חשבון.

סנדר האָט זעהר ליב געהאַט קליינע קינדער. ער פלעגט אַזוי זאָגען: „אַז כ׳וועל שטאַרבען זאָל מען מיר לייגען צווישען די קליינע קינדער". און ווען מ׳פלעגט אים פרעגען: „וואָס עפּעס צווישען די קליינע קינדער און ניט נעבען רב?" פלעגט ער ענטפערען מיט אַ שמייכעל:

„פשוט, כ׳זאָל קענען ביי זיי אויסנאַרען די פרייטאָגדיגע באַנדעס" (בולקעס).

אויף מלמדים פלעגט סנדר זאָגען: „אז אַ מלמד קריגט ניט קיין טשעכאַטקע (טובערקולאזיס) נאָך איין יאָר לערנען — איז ער קיין מלמד ניט . . . " געוויס האָט ער זיך אויך אריינגענומען אין כלל מלמדים. אָבער ווי ס׳זעהט אויס איז סנדר געווען אַ מלמד, אַ בעל־פועל, אויב ניט וואָלט ער אַזויפיל יאָרען ניט געווען קיין דרדקי מלמד אין האָראָדעץ, ביי וועמען ס׳פלעגט לערנען אַ צוואַנציג קינדערלעך, און טאַקע אָהן אַ באַהעלפער.

סנדר איז אויך געווען אַן אָנגעזעהענער מענש ביי דער מלוכה, און ער האָט זיך דערדינט צום ראַנג „דיעסיאַטניק", וועלכער פלעגט אָנזאָגען ווער ס׳זאָל געהן אויף דער וואַרטע, היטען דאָס שטעטעל אז ס׳זאָל חלילה ניט אויסברעכען אַ שׂרפה. דעם דאָזיגען אַמט פלעגט סנדר אָפּהיטען גאַנץ שטרענג, און פלעגט ניט מאַכען קיין אונטערשייד צווישען רייך און אָרעם. אַלע זיינען ביי אים געווען גלייך. דער געפיל פון יושר איז ביי אים געווען זעהר שטאַרק, דעריבער האָט ער געפיהלט אַ שטאַרקען האַס צו דער ראָמאַנאָוו רעגירונג און אַ ליבע צו די פּאָליאַקען. ער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון די פּאָליאַקען און געוואָלט דערלעבען זייער באַפרייאונג.

ווי שוין געזאָגט, איז סנדר דער מלמד געווען אַ מענש פון יושר. ער האָט ניט געקענט פאַרליידען, למשל, אז אַ פאַרמעגליכער איד זאָל בעטלען אַ שמעק טאַבאַק ביי אַן אָרימאַן. האָט ער פאַר דעם צוועק געהאַט צוויי פּושקעס, איינע פאַר די רייכע אידען און אַ צווייטע פאַר די אָרימע. אַז אַן אָרימער איד פלעגט ביי אים בעטען אַ שמעק טאַבאַק — האָט ער אים דערלאַנגט אַ פולע טאַבאַק פּושקע, האָט אָבער אַ רייכער איד ביי אים געבעטען אַ שמעק־טאַבאַק — האָט ער אים דערלאַנגט אַ ליידיגע פּושקע . . .

סנדר דער מלמד האָט זיך אויך באַמיהט צו העלפען עקאָנאָמיש די האָראָדעצער אידען — אויף זיין שטייגער. אַז אַ בהמה האָט אויפגעהערט געבען מילך, אָדער זי איז פאַרפאַלען געוואָרען, איז מען געקומען צו סנדר׳ן, ער זאָל אָפּשפּרעכען. און סנדר האָט דאָס ברצון געטאָן, און געווען זעהר צופרידען מיט זיין טאַט.

ווען סנדר איז אַלט געוואָרען און זיין באָרד האָט שוין אָנגעהויבען גרוי ווערען, האָט ער געזאָגט:

„ס׳איז שוין ווערנע (פריהלינג), עס בליהט, אויך מיין באָרד בליהט".

צוליב די קאַטאַוועסען, וואָס סנדר דער מלמד פלעגט פּראַווען, האָט מען שוין אויף זיין נאָמען צוגעשריבען אַ סך זאַכען. אַזוי האָט מען געזאָגט אין האָראָדעץ, אַז ווען ס׳דונערט באַהאַלט זיך סנדר אין קוטשקע, אָדער אַז ער טרינקט ריצענאויל מיט ברויט. מאַלע וואָס מ׳זאָגט! ווער האָט דאָס דען געזעהן? זאָלען מיר בעסער זאָגען זאַכען וואָס מיר האָבען אַליין געזעהן און געהערט פון סנדר׳ן, וועלכער איז געווען דרדקי מלמד אין האָראָדעץ ביז מיט אַ יאָר פיערציג צוריק.

זאָל ער זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונז אַלעמען!

שמואל דער שוסטער.

אין האָראָדעץ איז יחוס באַשטאַנען ניט אין רייכקייט און ניט אין באַשעפטיקונג, נור אין געלערזאַמקייט, ספּעציעל אין אידישע געלערזאַמקייט. אויב איינער איז געווען אַ תלמיד־חכם האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס זיין באַשעפטיקונג איז געווען אָדער פון וואַנען ער שטאַמט. אין אַנדערע ווערטער: יחוס עצמו איז געווען די הויפּטזאַך, וואָס עס איז באַשטאַנען פון פרומקייט, ערליכקייט און זיין אַ יודע־ספר. און וועלכער איד איז אין האָראָדעץ ניט געווען אַ יודע־ספר? אויב ער האָט ניט געקענט אַ בלאַט גמרא, — האָט ער געקענט אַ פּרק משניות. און אויב ניט קיין פּרק משניות — איז לכל־הפּחות אַ פּסוק חומש מיט רש"י. אָבער פּרוש המלות וואָס ער האָט געדאַווענט האָט יעדערער פאַרשטאַנען, אויסער איין איד, און ער איז ניט געווען קיין האָראָדעצער, וועלכער האָט צוגעהונקען אויפ׳ן דאַווענען . . .

דאַרום זיינען אין האָראָדעץ ניט געווען קיין באַזונדערע בתי־מדרשים פאַר בעלי־מלאכות, אַזוי ווי אין די אַנדערע שטעטלאַך, ווייל אַלע אידען זיינען כמעט געווען גלייך.

אָט דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַכע אַז אין האָראָדעץ איז געווען אַ רב, אַ שוסטער׳ס אַ זון, אָדער אַ זון פון אַ שמיד — אַבי דער רב איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ערליכער איד.

צוליב דער זעלבער אורזאַכע האָט געקענט טרעפען אַז אין האָראָדעץ איז אַ איד געווען יאָרען לאַנג אַ שוסטער, און דערנאָך איז ער געוואָרען אַ מלמד. און עס איז ניט געווען קיין חסרון. די איינציגע זאַך — מ׳האָט אים גערופען „שוסטער" ביז זיין לעצטען אָטעם.

שמואל דער שוסטער איז געבוירען געוואָרען אין פּינסק. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ איד אַ למדן און אַ סוחר

פון תבואה. זיינע באַרקעס מיט תבואה זיינען געגאַנגען אויף דעם דניעפּער אין אַלע גרויסע שטעט. איינמאָל איז געווען אַ גרויסער שטורעם און עס זיינען דערטרונקען געוואָרען זיבען באַרקעס מיט תבואה. איז ער פאַראָרימט געוואָרען. ער האָט זיך גענומען צום האַרצען און איז געשטאָרבען. שמואל איז נאָך דאַן געווען אַ קינד. אַלס אָרימער יתום אָן אַ טאַטען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט. אַמאָל פלעגט ער אַריינגיין אין בית המדרש וואו די בחורים פלעגען זיצען און לערנען — פלעגען זיי מיט אים לערנען. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גוטען, און אַ זכרון אַ שטאַרקען, זיינען זיי אים צוניץ געקומען. ווען די בחורים האָבען זיך געלערנט לייענען די תורה — פלעגט ער האַלטען דעם תיקון, און אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען די תורה. און אַז ער איז אַלט געוואָרען 20 יאָר, האָט

שמואל דער שוסטער

ער זיך באַרעכענט אַז מען דאַרף דאָך מאַכען אַ לעבען און קלערען פון אַ תכלית. האָט ער זיך גענומען לערנען פאַר אַ שוסטער. און אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט ביי דעם שוסטער 12 וואָכען איז ער שוין געוואָרען אַ שוסטער פאַר זיך.

אין האָראָדעץ האָט ער געהאַט אַ שטיפבּרודער פון איין מוטער, מיט'ן נאָמען תנחום בער, האָט ער גערעדט שמואל'ן אַ שידוך מיט ליפשען, מיכל דעם שניידער'ס טאָכטער. האָט ער מיט איר חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין האָראָדעץ אַלס שוסטער, געהאַלטען אַ פּאָר אַרבייטער און געהאַט פרנסה.

אָבער שמואל דעם שוסטער האָט מער געצויגען צום בית־המדרש ווי צו שוסטעריי, און אַזוי ווי זיין הויז איז געווען איבער דעם וועג, אַנטקעגען דעם בית המדרש, פלעגט ער אַלע טאָג זיך אַריינכאַפּען פאַר'ן דאַווענען לערנען אַ פּרק משניות, און בין מנחה למעריב לערנען אַ שטיקעל עין־יעקב. און אויב נור ער האָט געהאַט צייט — פלעגט ער אין מיטען טאָג אויך זיך אַריינכאַפּען אין בית־המדרש און אַריינקוקען אין אַ ספר. תנ"ך האָט ער געקענט אויסענווייניג.

אויף שבת, איז געווען זיין גאַנצער פאַרגעניגען צו קריגען אַן אורח, אַ איד אַ תלמיד־חכם; כאַפּען מיט אים אַ שמועס אין לערנען, הערען פון אים אַ גוט וואָרט, אַ פּשט, אַ דרש, און טאַקע האָבען אַ עונג שבת. ווארום, מ'שטיינס געזאָגט, פון דער דראַטווע וועט ער עפּעס נאַשען?

אַזוי האָט זיך שמואל דער שוסטער געטאָן זיין אַרבייט, אָבער ער איז מער געווען אין בית־המדרש ווי ביים קאַפּיל, און לערנען האָט ער טאַקע געקענט בעסער ווי שוסטעריי, ביז עס זיינען אויפגעקומען יונגערע שוסטערס, בעסערע בעלי־מלאכות פון אים און שמואל דער שוסטער האָט זיך שוין געמאַטערט מיט פרנסה. דאַן זיינען די אינגערע שוסטערס, וועלכע האָבען געהאַט דרך ארץ פאַר שמואל'ן, געקומען און אים אָנגעבאָטען ער זאָל ווערען דער מלמד פון זייערע קינדער. גאַנץ פאַרשטענדליך, האָט ער זייער אָנבאָט אָנגענומען און געוואָרען אַ מלמד, און געלערנט מיט די אינגלעך פון א"ב ביז חומש מיט רש"י. אַזוי איז שמואל דער שוסטער געוואָרען אַ מלמד. זמן נאָך זמן, יאָר נאָך יאָר האָט ער געקנעלט מיט האָראָדעצער אינגלאַך, ביז עס איז געשטאָרבען יאָסעל פינעס, דער שמש, אין האָראָדעץ. איז איינגעפאַלען די בעלי בתים אַז קיין בעסערער שמש פון שמואל'ן קען ניט זיין: אַ איד וואָס קען לערנען, קען לייענען די תורה, וויים ווי צו האַלטען די ספרים אין אָרדנונג און קען דאַווענען פאַר'ן עמוד אויך, און וואוינט טאַקע נעבען בית־המדרש. אָט אַזוי איז שמואל געוואָרען אַ שמש אויף די עלטערע יאָרען. דאָ האָט ער זיך געפונען ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט טאַקע געקענט זיצען און לערנען אויך.

אַזוי האָט שמואל דער שוסטער־מלמד־שמש געלעבט זיין וועלטעל ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ווען דער בית־המדרש איז פאַרברענט געוואָרען האָט שמואל אויסגעוואַנדערט קיין אַנטיפּאָליע, וואו ער האָט געהאַט צוויי טעכטער. דאָרטען איז ער געשטאָרבען 10 טעג אין סיון, אין יאָר תרע"ז, אין עלטער פון זעקס־און־זיבעציג יאָר.

זאָל ער רוען אין גן־עדן!

חיים איציק׳ס

אַז מ׳האָט געפרעגט אַ האָראָדעצער אינגעלע פון אַ יאָר 6־7 : וואו לערנסטו ?" — האָט ער באַלד געענטפערט : „ביי חיים איציק׳ן". אין דער אמת׳ן איז דעם מלמד׳ס נאָמען געווען חיים איציק׳ס, נאָר ביי די קליינע קינדער איז ער אַזוי פאַרגרייזט געוואָרען, און אויף דעם אופן האָט עס אָנגעהאַלטען איבער אַ יובל יאָרען. קינד און קייט האָבען געקענט חיים איציק׳ס, דאָס קליינע אידעלע מיט דער גרויסער רויטליכער באָרד. פרייליך, און לעבעדיק, מיט אַ פיין־פילענדיג האַרץ פאַר קליין און גרויס.

חיים איציק איז געווען אַ קאָברינער חסיד, און טאַקע אַ פאַרברענטער חסיד. אָן רבי׳ן האָט ער זיך ניט אַ דריי געטאָן. געפאָרען צום רבי׳ן אויף ראש־השנה און יום־כפור, און גלאַט אַזוי אין מיטען יאָר צוגעפאָרען צום רבי׳ן.

חיים איציק׳ס

אין חיים איציק׳ס חדר האָט מען שוין געלערענט חומש, ס׳פלעגט טרעפען אַז מ׳האָט שוין ביי אים אָנגעהויבען „לקח טוב". חיים איציק׳ס פלעגט לערנען לויט דער פרשה פון דער וואָך. אַ מאָל מערער און אַ מאָל ווינציגער.

ביי חיים איציק׳ן אין „חדר" פלעגט מען אויך שרייבען : מ׳פלעגט אָנפאַנגען פון אלף־בית, דערנאָך תשר"ק, און צום לעצט, אַז דער תלמיד האָט שוין געקענט דעם גאַנצען אלף־בית, היין און צוריק, פלעגט ער אָנשרייבען אַ „פיר־כתב", לאמר, אַזוי צו זאָגען : „אי"ה נאָך שבת פ׳ חיי שרה וועט זיין אַ יריד". אָט דעם „פיר־כתב" פלעגט מען קאָפירען וואָכען לאַנג, ביז וואַנען ער איז צוריסען געוואָרען. און דערנאָך פלעגט דער רבי אָנשרייבען אַן אַנדער „פיר כתב", ענליך צום ערשטען, און מ׳פלעגט ווייטער האַלטען אין איין איבערשרייבען.

חיים איציק׳ס האָט קיין „פעדאַגאָגיע" ניט געלערענט, אָבער אין אַ געוויסען גראַד איז ער געווען אַ פעדאַגאָג, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דעם פיזישען און גייסטיגען געבוי פון קינד. אָט האָט ער אָנגעקלאַפּט לייסטלעך פון איין פוס טיש ביז׳ן אַנדערען, כדי די קליינע קינדער זאָלען קענען אָנשפּאַרען די פיסלעך. און די טינטערס האָט ער אַריינגעשטעלט אין סאַרדין־שאַכטעלעך און זיי צוגעבונדען פון איין ברעג צום אַנדערען, אַז די קינדער זאָלען זיי ניט איבערקערען.

און דאָס לערנען איז געווען האַרציג־זיס, צוזינגענדיג (חיים איציק׳ס האָט געהאַט אַ שעהן קול. ער איז אויך געווען אַ בעל־תפלה).

אָט זיצען די קינדערלעך אַרום לאַנגען טיש. אויפ׳ן טיש ליגען די לאָקשען, וואָס דער רבי האָט אַליין געמאַכט, איבער׳ן קאָפּ הענגט דער קליינער לאָמפּ און חיים איציק׳ס לערענט די סדרה ויחי. אָט קומט מען צום פסוק : „ואני בבואי מפדן", וואו יעקב אַנטשולדיגט זיך פאַר יוסף׳ן פאַרוואָס ער האָט באַגראָבען זיין מוטער רחל אין מיטען פעלד. ביים רבי׳ן ווערען פאַרכמורעט די אויגען און אויף אַ נידעריגען קול הויבט ער אָן :

„וויני" (ואני)—און איך, יעקב—כאָטשע איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, אָבער צו דיין מוטער רחל האָב איך ניט אַזוי געטאָן. איך האָב זי ניט באַגראָבען אין דער מערת המכפלה, און זי אפילו ניט געפירט קיין בית לחם. אָבער דאָס איז אַלעס געווען על־פי הדבור, אַזוי האָט גאָט געהייסען. אַז נבוזראדן וועט פאַרטרייבען די אידען אין גלות אַריין, וועלען זיי פאַרבייגיין רחל׳ס קבר, און רחל וועט אויפשטיין, שרייען און וויינען און בעטען רחמים. וועט ענטפערען אַ בת־קול : — יש שכר לפעולתך — עס איז דאָ געצאָלט צו דיין טועכץ, ושבו בנים לגבולם — און עס וועלען זיך אומקערען די קינדער צו זייער גרעניץ".

און ביי די לעצטע ווערטער ווערען פייכט ביים רבי׳ן די אויגען, און די קינדערלעך הויבען אָן וויינען.

און די קינדערשע הערצלעך האָבען געוואוסט פאַרוואָס זיי וויינען ; אַז זיי און זייערע עלטערען זיינען אין גלות.

שוין אַריינקומענדיג אין חדר, האָבען זיי שוין געוואוסט אַז די אידען זיינען אין גלות, און מיר טאָרען זיך ניט פרייען ווי ביי לייטען. אַריינגייענדיג, איז אויבען איבערען טיר, ניט געווען פאַרקלעפּט מיט פאַפּיר, אַזוי ווי די פיר ווענט פון צימער, נור עס איז געווען אַ שטיק פינסטערע וואַנט, אַ זכר לחורבן.

און ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט דער רבי באַטאָנען דעם גלות, און עס וועט נאָך קומען משיח בן דוד, און די אידען וועלען צוריק גיין קיין ארץ ישראל, און מיר וועלען ווייטער האָבען מלכים, אַזוי ווי דוד המלך און זיין זון שלמה המלך.

שלמה המלך איז געווען דער סימבאָל פון קלוגשאַפט, רייכקייט און נביאות. דאָס האָט דער רבי אַם־בולט'סטען אויסגעטייטשט ווען מען האָט פאַר פסח געלערענט שיר השירים. און חיים איציק'ס האָט אויפגעהויבען זיין קול און זיך צעזונגען: „שיר השירים — דאָס איז דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען. אַלע געזאַנגען זיינען הייליג — דאָס געזאַנג — איז נאָך הייליגער. אַלע געזאַנגען זיינען פון אַ מלך — דאָס געזאַנג איז פון אַ מלך בן מלך, אַ נביא בן נביא, אַ חכם בן חכם, אשר לשלמה — וואָס איז צו שלמה'ן, וואָס צו אים באַלאַנגט דער שלום פון דער גאַנצער וועלט".

און שלום האָט חיים איציק'ס ליב געהאַט ווי דאָס לעבען. אויב עמיצער האָט אים באַליידיגט, האָט ער זיך מיט יענעם ניט געקריגט, נאָר — ברוגז געוואָרען, און ניט גערעדט. אין שטעטעל זיינען געווען אַ פּאָר בעלי־בתים מיט וועלכע ער איז ברוגז געווען. איינער פון זיי איז געווען אפרים איצעל, און וועגען וואָס איז געווען דער „ברוגז"?

אָט הערט אַ מעשה:

אין שטעטעל קומען אָרימעלייט. געבען זיי אַ גראָשען— איז אַ גרויסע מטבע, ניט יעדער איינער איז אַזאַ „גביר" וואָס איז פאַרמעגלעך צו געבען אַ גאַנצען גראָשען יעדען אָרימאַן. וואָס זשע טוט מען? זאָל אַן אָרימאַן אַוועקגיין מיט ליידיגען? האָט דער אַלטער רב, ר' יהושע יעקב, געמאַכט אַזאַ תקנה:

ער האָט אָנגעשריבען אויף צעטעלעך „חצי ג"פּ, צדקה לעניים. פּה האָראָדעץ" *) פלעגען קומען בעלי־בתים און בעלי־בית'טעס קויפען ביים רב די האַלבע גראָשענס, צו קענען געבען אַן אָרימאַן אַ נדבה. אַז אַן אָרימאַן פלעגט ענדיגען אַרומגיין איבער די הייזער פלעגט ער קומען צום רב מיט די פּרוטות זיי צו אויסבייטען אויף אמת'ע גראָשענס. אַז דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען, האָט חיים איציק'ס איבערגענומען די דאָזיגע „באַנק־געשעפטען".

אפרים איצעל האָט זיך מתקנא געווען אין חיים איציק'ס „באַנק־געשעפטען", און האָט אויך געמאַכט פּרוטות. אָט די „קאָנקורענציע" האָט געבראַכט צו דעם „ברוגז".

פאַקסימיליע פון אפרים איציל'ס פּרוטה

די פּרוטות האָט חיים איציק'ס געהאַלטען אין אַ באַזונדערע פּושקעלע, און דאָס פּושקעלע איז געווען אין דעם פאַרשלאָסענעם טיש־קעסטעל. אָט אין דעם פאַרשלאָסענעם טיש־קעסטעל איז געווען אַ גאַנצער אוצר. דאָרטען איז געווען אַ באַזונדער פּושקעלע פאַר מאַכאָרקע, אַ באַזונדער פּושקעלע פאַר פּראָס (פּאַפּיראָס)־פּאַפּיר. אין יענעם טיש־קעסטעל איז אויך געווען אַ פּושקע פאַר ארץ־ישראל געלד, אַ פּאָר טייסטערס אָנגעפילט מיט פּאַפּירען, אַ פּען מעסערעל מיט וועלכען חיים איציק'ס פלעגט מאַכען טייטלען. חיים איציק'ס איז געווען אַ מייסטער אויף מאַכען טייטלען. אָט ליגט אָן אַ זייט אַ ביין־טייטעל, וואָס חיים איציק'ס האָט אַליין אויסגעשניצט. דאָס טייטעל איז אַ פלאַכס, כמעט ווי אַ מעסער, און עס האָט גאָר אַ באַזונדערע אויפגאַבע, און גאָר אַ געהויבענע. די תלמידים האָבען דאָס דאָזיקע טייטעל בעסער ליב געהאַט ווי דאָס טייטעל וואָס חיים איציק'ס האַלט אין האַנט, ווייל מיט דעם טייטעל פלעגט דער רבי אויסשאַבען די כאַלוואַ וואָס פלעגט זיך צוקלעפּען צום פּאַפּיר, און געבען דעם קינד, אַזוי אַז עס זאָל ניט גיין אין ניוועץ. עס איז דאָך עפּעס אידיש געלט. זאָל אַ קינד האָבען נאָך אַ לעק כאַלוואַ מיט ברויט!

און חיים איציק'ס האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון יענעם'ס, אפילו לאור הנר. יעדעס קינד פלעגט ברייננגען אַ פונט גאַז (נאַפט), לויט דער ריי נאָך, כדי עס זאָל זיין גענוג ליכט בשעת'ן לערנען אין די ווינטער נעכט. און תיכף אַרום 8 אַזייגער אָוועגט, ווען די קינדער פלעגען זיך אָנטאָן צו גיין אַהיים — פלעגט חיים איציק'ס אַרויפציען זיין אייגענעם לאָמפּ און פאַרלעשען דעם לאָמפּ וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט גאַז וואָס די תלמידים פלעגען ברייננגען.

חיים איציק'ס פלעגט ניט לאָזען די קינדער גיין אַליין אַהיים. ער פלעגט זיי באַגלייטען ביז אין שטוב אַריין. און אויב אַ קינד פלעגט אַמאָל קראַנק זיין אָדער עס איז געווען אַ גרויסער שניי, צי בלאָטע — פלעגט חיים איציק'ס קומען אין הויז פון תלמיד און מיט אים לערנען כדי עס זאָל ניט זיין קיין ביטול־תורה, און אידיש געלט זאָל ניט ווערען אַרויסגעוואָרפען.

און קינדער האָבען געלערענט, ווער מער, ווער ווייניצער. טאָג איין, טאָג אויס, פון ניין אַזייגער אין דערפרי

---

*) גייפּ מיינט גדול פּויליש אָדער גרוש פּוילין (זע „פּנקס ועד ארבע הארצות" פון י. האַלפּערן, ז. 538; „פּנקס מדינת ליטאַ" פון שמעון דובנאָוו, ז. 342).

אַ גילדען האָט ענטהאַלטען 30 גדולים, ס'מיינט 30 גראָשען. אין קורצען, „חצי גייפּ" מיינט אַ האַלבער גראָשען.

אַזעלכע האַלבען גראָשענס זיינען אויך אָנגעגאַנגען אין די אַרומיגע שטעטלאַך, ווי מאָטעלע (זע ר' מרדכיילי, עיירתי מוטילי, (רשמות ב', ז. 23).

אין גאָר אַמאָליגע צייטן פלעגט מען אין האָראָדעץ געבן אַן אָרימאַן אַ פּרוטה וואָס איז געשריבען געוואָרען אויף אַ שטיקעל פּאַרמעט אָדער בלעכעל, און ס'איז ווערט געווען אַ דריטעל פון אַ גראָשען. אין יאָהרען שפּעטער האָט מען זיך „אַרויפגעאַרבייטיי" און אָנגעהויבען געבען אַ „חצי גייפּ", אַ האַלבען גראָשען. **רעד.**

ביז אַכט אָווענט ווינטער, און זומער פון ניין אין דערפרי ביז וואַנען די בהמות פלעגען גיין פון דער פאַשע. דאַן זיינען די קינדערלעך שוין אויך געווען פריי צו גיין אַהיים.

אָבער פרייטאג זיינען די קינדערלעך געוואָרען פריי צוועלף בייטאָג. מ׳דאַרף זיך אויסצוואָגען און זיך נעמען גרייטען צו שבת. אָבער חיים איציק׳ס איז פריי ניט געוואָרען, אפילו פרייטאג נאָך האַלבען טאָג. ערשט דאַן פלעגט זיך פאַר אים אָנפאַנגען די אמת׳ע אַרבייט. ער פלעגט עפּעס איבערבייסען, נעמען דעם ווייסען זויבערען זאַק אויף דער פליצע און גיין איבער די הייזער. און יעדער איינער האָט געוואוסט נאָך וואָס חיים איציק׳ס קומט. ער קומט נאָך חלות פאַר אָרימלייט. און ווען בעלי־בית׳טעס פלעגען באַקען חלות, פלעגען זיי אויך באַקען אַ בולקע פאַר חיים איציק׳ן, און פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג זיי אַריינוואַרפען אין זיין זאַק. חיים איציק׳ס פלעגט דאָס אַוועקטראָגען צו וועמען מ׳בעדאַרף, אָן טומעל און אָן רעש, אַ סאָרט מתן בסתר.

לצים פלעגען זאָגען, אַז חיים איציק׳ס גייט מיט׳ן זאַק ווייל ער וויל זיך איינשאַפען אַ הספד לאחר מאה שנה. אָבער דער גורל האָט געבראַכט צו דעם, אַז ער איז געשטאָרבען אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען מענטשען פלעגען פאַלען ווי די פליגען, אָן אַ הספד און אפילו אָן אַ בכבוד׳יקער לויה פאַר אַזאַ שטילען און באַשיידענעם אידען ווי חיים איציק׳ס. זאָל ער רוען אין גן־עדן.

משנתו המוסיקאלית של רש״י



די נאָטען פון „ווייני״

יאַנקל כאָדלינער

כאַדלין איז אַ דאָרף ניט ווייט פון האָראָדעץ. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק זיינען דאָרטען געזעסען אויך אידישע פאַמיליעס. און צוליב די שלעכטע גוים, וועלכע האָבען באַזעסען דעם דאָרף כאַדלין, האָבען די אידען זיך אַרויס־געצויגען פון דעם דאָרף. אָט דער דאָרף האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר זיינע שלעכטע גוים, און אידען פלעגען אויס־מיידען דעם דאָרף. זיי פלעגען בעסער אָנלעגען וועג, אַבי ניט דורכפאָרען כאָדלין. און כאָדלין איז געוואָרען ריין פון אידען. כאַדלין איז געוואָרען אַ סינאָנים צו רשעות און שנאת ישראל. און ווייל כאָדלין איז געווען אידען־ריין, פלעגט מען זאָגען אויף איינעם וועלכער וואַקסט צו זיין אַ גאַנץ שיינער עם־הארץ: „ער וועט זיין אַ רב אין כאָדלין״.

יאַנקל כאָדלינער איז געבוירען געוואָרען אין כאָדלין ווען אין כאַדלין זיינען נאָך געווען אידען, אָבער כמעט זיינע גאַנצע יאָרען האָט ער געלעבט אין האָראָדעץ. און צוליב זיין שטאַם האָט מען אים גערופען יאַנקל כאָדלינער. אָבער אַז מ׳פלעגט אַרויסריידען דעם נאָמען יאַנקל כאָדלינער, פלעגט מען אַרויסריידען מיט יראת הכבוד. סיי חסידים און סיי מתנגדים פלעגען האָבען אָפּשיי פאַר יאַנקל כאַדלינער. אַ איד וואָס האָט געקענט שיין לערנען אַ בלאַט גמרא. ער האָט פאַרמאָגט אַ שעהנעם קול און איז געווען א מעורב בין הבריות. און אויסערדעם האָט ער געהאַט אַ שעהנעם

אויסקוק: א הויכער, דיקליכער מיט א ווייס־זילבערנע באָרד; א פּאָר קלוגע אויגען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

אָבער אין „חדר" האָט זיך זיין שמייכעל אָפּגעטאָן. דאָרטען איז ער געווען ערענסט ביז גאָר. ער זיצט אויבען אָן פון לאנגען טיש. ביי די זייטען פון טיש זיצען א צעהן אינגלאך. אויפ'ן טיש ליגט די לאנגע פאלקע, ער זאָל קענען דערלאנגען אויך ביים אנדערען עק טיש. ביי יאנקל כאדלינער פלעגען לערנען חומש־קינדער. מ'האָט אויך אָנגעפאנגען ביי אים „ספארבע", ווי יהושע, שופטים. ער האָט אויך געלערענט שרייבען „אזבוקע", אָנשרייבען א רוסישען אדרעס און א אידישען בריוו. יאנקל כאדלינער איז געווען פארערכענט פאר א שטרייגנען מלמד, אָבער א גוטער מלמד, א בעל פועל.

יאנקל כאָדלינער

ארויסגעהענדיג פון „חדר" איז ער געוואָרען אן אנדערער, א זיסער, ליבער איד. פלעגט ליב האָבען צו זאָגען א ווערטל, דערציילען א מעשה פון אלטען סטאָלינעם רבי'ן און פון „יונגען", און אמאָל פון „ינוקא". און ווען יאנקל כאדלינער ווערט פארטיג מיט'ן „חדר", נעמט ער זיך זיין שטעקען, און גייט זיך דורך פאמעלאכדיג איבערען „גאס". און אזוי שפּאצירענדיג שפּאצירט ער אריין אין בית־המדרש און זעצט זיך לערנען.

יאנקל כאדלינער איז געווען א חשוב אין דער סטאלינער שטיבל. ער איז דאָרטען געווען דער בעל קריאה און אָפּטמאָל דער שבת'דיגער אָדער יום־טוב'דיגער בעל מוסף, אָבער ניט דער ימים־נוראים'דיקער. ימים־נוראים פלעגט ער דאווענען מוסף אין בית־המדרש און אין שוהל ביי די מתנגדים. אמת טאקע, עס איז ניט אזוי צום הארצען דער דאווענען ביי די „עולם'שע", מ'בלאָזט ניט שופר אין דער שטילער שמונה־עשרה, נישטאָ די סטאלינער התלהבות — אָבער וואָס טוט מען ניט צוליב חיונה? די פּאָר רובעל ווערען צוניץ קומען.

יאנקל כאָדלינער'ס „מתנגדישע" התנהגות איז ניט געווען אזוי לרצון די סטאָלינער חסידים. אָבער מ'טאָר ניט רעדען אויף א אידען. מסתמא דאַרף ער עס האָבען. ווער קען דאָס ארייננקוקען יענעם אין קעשענע אריין?

און די מתנגדים פלעגט עס גראדע הנאה טאָן וואָס יאנקל כאָדלינער דאווענט ביי זיי ימים־נוראים און ייי וועלען עפּעס נאשען פון אים, א שטיקעלע „כבקרת" אָדער „לאל עורך דין" א. ד. ג.

און אז יאנקל כאָדלינער פלעגט זיך צוזינגען ביים דאווענען אין דעם מתנגד'ישען בית־המדרש — פלעגט ער אינסטינקטיוו א ביסעלע צושפּרינגען, מעשה סטאלינער חסיד. און די „עולם'שע" פלעגט דאָס גאנץ געפעלען. ניט איינער פלעגט קומען אהיים און זאָגען צו זיין ווייב: „ווי געפעלט דיר עפּעס יאנקל כאדלינער'ס „האוחז ביד"?

אן אנדערער פלעגט וועלען נאָכמאכען יאנקל כאדלינער'ס תנועות, זיין צוהעצקען זיך און „מאך" מיט'ן האנט. אם מערסטען האָט ער געהאט אן עפעקט אויף די קליינע קינדער וועלכע פלעגען דאווענען אין בית־המדרש. זיי פלעגען אים גאנץ פיין נאָכמאכען.

קומענדיג א היים פון בית־המדרש פלעגט אן אינגעל נעמען א האנט־טוך, ארויפטאָן אויפ'ן קאָפּ, מעשה טלית, און „דאווענען" ווי יאנקל כאדלינער. טאטע־מאמע קוקען און שמעלצען זיך פון נחת: „ער וואקסט א יאנקל כאדלינער".

און יאנקל כאדלינער'ס נאָמען איז טאקע נאָך היינט איינגעקריצט ביי פילע און פילע האָראָדעצער. זאָל ער זיין א גוטער מליץ!

אַ מלמד - סוחר

אין שטעטל האָט מען אים גערופן אַלטער שעפּע׳ס. און קינד און קייט האָבן געקענט אַלטער שעפּע׳ס. און ניט נאָר אידען האָבן מיט אים געהאַט צו טאָן — נאָר אפילו גויים פון האַראָדעץ און אומגעגענד האָבן מיט אים געהאַט פאַרבינ־דונגען.



ר׳ אַלטער שעפּעס (עלמאַן)

ערשטענס, איז ער געווען אַ מלמד. און ניט קיין דרדקי מלמד נאָר טאַקע אַ גמרא מלמד. און וואָסער אינגעל איז ניט אַמאָל אויסגעקומען צו לערנען ביי אַלטער שעפּע׳ס?

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסען אַז די גמרא האָט מען געדאַרפט פּרייטאָג קענען אויף אויסענווייניג. און ווער קאָן דאָס פאַר־געסען אַזאַ געשעהעניש?

און וואָס איז מכה דער סדרה פון דער וואָך מיט צוויי פּרשות ר״שי? הכלל, מ׳האָט געקענט אַלטער שעפּע׳ס דעם מלמד.

און ווער האָט ניט געוואוסט פון אַלטער שעפּע׳ס כליעב־נעם קוואַס? מ׳האָט עס גערופען „כליעבנע", אָבער ס׳איז ניט געמאַכט געוואָרען פון ברויט. גאַנצע אַכט מינים זיינען אריינ־געטאָן געוואָרען אין דעם קוואַס (וועלכע מינים? דאָס איז אַלטער שעפּע׳ס סוד), און שיינקערס און ישוב׳ניקעס פלעגען קויפען דעם קוואַס, און אויך גויים פלעגען קומען אין די זונ־טאָגס אָדער אין די ירידים זיך קוויקען מיט אַלטער׳ס קוואַס. ער איז געווען שפּאָט־ביליג: אין גאַנצען צוויי קאָפּיקעס אַ פלאַש. און ווער האָט עס ניט אין זיין לעבען פאַרזוכט אַל־טער׳ס קוואַס?

אָבער אַלטער שעפּע׳ס האָט זיך ניט באַנוגענט מיט מאַכען אַ פּראָסטע משקה — ער פלעגט אויך מאַכען אַ גאָר געהוי־בענע משקה, אַ משקה, וואָס איז גוט פאַר קידוש און הבדלה. אָט די משקה פלעגט ער מאַכען פון ראָזשינקעס. דער הויפּט געשעפט איז געווען פאַר פּסח. דאַן פלעגט ער אראָפּברייינגען צו זיך דעם וויין, וואָס ער פלעגט מאַכען אין פרעמדע הייזער, אום מ׳זאָל אים ניט כאַפּען. און דריי סאָרטען וויין זיינען געווען: 80 קאָפּיקעס פּשוט׳ע וויין, אַ רובל מיט 20 קאָפּיקעס מיטעלע וויין, און איין רובל מיט פופציג קאָפּיקעס מובחר. און אַ טומעל און אַ גערודער איז געווען אין שטוב און אין שפּייכלער: מ׳פאַרזוכט דעם וויין, מ׳זאָגט מבינות, מ׳דינגט זיך, מ׳קלויבט אויס בונקעס, פלעשער, מ׳באַצאָלט אַ ביסל, די רעשטע פאַרשרייבט מען אין בוך, און דער געשעפט גייט אָן.

אָבער פון די אַלע פּרנסות קען נאָך אַלטער שעפּע׳ס קיין לעבען מאַכען. ער האָט אַ ווייב, וועלכע באַשענקט אים אַלע צוויי יאָר מיט אַ אינגעל אָדער מיידעל, און מ׳דאַרף טאַקע האָבען. וואָס טוט מען?

עפענט מען אַ קרעמעל: אַ ביסעל קאַלך, שמאַרעווידלע, זאַלץ, אַ הערינג, אַ בולקע מיט קוואַס — אָט די אַלע פּראָ־דוקטען וואָס אַ גוי קען אָן זיי ניט אויסקומען.

אָבער, וואו נעמט מען דעם גוי, אַז יעדע שטוב האָט איין קרעמל אָדער צוויי?

אָבער, אַ איד גיט זיך אַ עצה: מ׳דאַרף האָבען מעהר ירידים אין האַראָדעץ. די צוויי ירידים, איינער פאַר שבועות, און איינער אין מיטן זומער — זיינען ניט גענוג. מ׳דאַרף האָבען אַלע חודש אַ יריד, וואו די גויים פון די ארומיגע דערפער זאָלען קומען אין שטאָט, און דערוויילע וועט מען לייזען. נו, האָט אַלטער שעפּע׳ס מיט שמואל חיים׳ען געפּאַלען אויף אַ פּלאַן, גענומען חתימות אַז מ׳דאַרף האָבען ירידים, געקראָגען אַ הלואה פון קאַראַבקע (אויף קיינמאָל ניט אָפּגעבן) צו געבען דעם איספּראַווניק פון קאָברין, דעם פּריסטאַוו פון אַנטיפּאָליע און דעם האַראָדעצער אוריאַדניק, און אַלע „פּערווע" (ערשטען פון חודש) איז געווען אַ יריד. און האַראָדעץ האָט אַ ביסעל אויפגעלעבט.

אמת טאַקע, איידער די ירידים זיינען איינגעשטעלט געוואָרן איז געוואָרען אַ געשריי אין שטעטל: עס וועט ווערען ערגער, מ׳וועט אָנפירען שוכוואַרג, שניידעריי, א. ד. ג. און די שטעט־טעלדיגע בעלי-מלאכה׳ס וועלען גאָר ליידען פון די ירידים, אָבער, אַלטער שעפּע׳ס איז געווען גערעכט. די ירידים האָבן געבראַכט פּרנסה אין שטעטל.

פונדעסטוועגען, גענוג פּרנסה איז נאָך אַלץ ניטאָ: מ׳דאַרף האָבען אַ מלבוש, אַ קינד וואַקסט אונטער, מ׳דאַרף אים שיקן אין אַ גרויסער שטאָט זיך לערנען אַ תכלית — אַלטער שעפּע׳ס זוכט אויס נאָך אַ פּרנסה. אמת, די פּרנסה איז ניט קיין טאָג־טעגליכע, אָבער, מ׳מאַכט אַ פּאָר רובל, און אויב אפילו

דער געשעפט איז איינמאָל א יאָר, איז ער אָבער א ריינער, א ציכטיגער און טאַקע א אמת־אידישער, דאָס איז דער אתרוגים־האַנדעל.

אַלטער שעפּע'ס האָט שוין געהאַט א „מאָנאָפּאָל" אויף די אתרוגים. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט אז ביי אַלטער שעפּע'ס זיינען דאָ אתרוגים, לולבים און הדסים מכל המינים.

דער אתרוגים האַנדעל איז געווען א גליק פאַר אַלטער שעפּע'ס תלמידים, ניט איין איינגעל האָט געוואָלט לערנען ביי אַלטער שעפּע'ס, נאָר צוליב, די אתרוגים: שוין גלייך נאָך יום־כפור פאָרט אַוועק אַלטער שעפּע'ס קיין קאָברין, און פאַרזאַמט זיך דאָרטען ביז ערב סוכות. און דערווייל איז מען פּטור פון לערנען, ס'איז הפקר פּעטערישקע: מ'קען גיין וואוהין מ'וויל, מ'קען טאָן וואָס מ'וויל, און ס'איז חי געלעבט.

אז מ'וויל זאָגן איז אפילו אין מיטן יאָר אויך ניט אזוי שלעכט צו לערנען ביי אַלטער שעפּע'ס: ער איז ניט קיין שטרענגער מלמד, שלאָגט ניט ווי די אַנדערע מלמדים, און די דיסציפּלין איז ניט אזא שטאַרקע. אָט גייט דער רבי אַוועק פאַר א פּאָר מינוט עפּעס אַראָפּנעמען פון דער פּאָליצע און דערלאַנגט זיין ווייב דבורה'ן, און דאָ העלפט ער איר אַרויס אין קרעמעל. און אין מיטן דעראינען זאָגט מען אז דער אַקציזניק גייט — דאַרף מען אַרויסראַמען די וויין, און די קינדער לעבן אָפּ.

אַלטער שעפּע'ס דאַוונט אין דער קאַרלינער שטיבל, אָבער מ'קען ניט זאָגן אז ער איז א הייסער קאַרלינער חסיד. יע, ער גיט „מעמד" דעם רבי'ן אָבער פון פאָרן קיין סטאָלין איז ער ווייט.

איז ער טאַקע ווייט פון חסידות, אָדער פּשוט ער האָט ניט קיין צייט, אָדער אויף הוצאות צו פאָרען, קיין סטאָלין?

ס'קען זיין אז ביידע זאַכען . . . און שטענדיג איז ער פאַרנומען, קיינמאָל, האָט ער קיין צייט ניט. קוים, קוים וואָס ער כאַפּט זיך אריין אין שטיבל צו מנחה, עס איז שוין גאַנץ פינסטערליך ווען אַלטער שעפּע'ס לויפט אריין, און דער קאַזיראַק איז פאַרדרייט. עפּעס א קליינינקייט. א ווייב, קינדער, א בהמה, א חדר, א קראָם, קוואַס, בולקעס און נאָך און נאָך. און דאָ דאַרף ער באַלד נאָכ'ן „חדר" גיין צו קיוועלע'ן מיט אים לערנען משניות, עין־יעקב. און דאָ האָט זיך אים, דעם בן־יחיד קיוועלע פאַרגלוסט צו לערנען דניאל מיט'ן מלבי"ם. וואָרום טאַקע מיט'ן מלבי"ם? ווייל דער מלבי"ם איז מגלה דעם קץ. און קיוועלע'ן גלוסט זיך נאָר וויסען דעם קץ, ער וויל שוין וויסען ווען וועט דער בית-המקדש צוריק אויפגעבויט ווערן. מ'דאַרף טאַקע אבערקוקען דעם מלבי"ם איידער מ'גייט מיט קיוועלע'ן לערנען. ער קען נאָך פרעגען קשיות און ניט וויסען וואָס צו ענטפערן.

הכלל, אַלטער שעפּע'ס איז שטאַרק פאַרנומען.

אַלטער שעפּע'ס האָט זיך געהאַלטען אין איין יאָגען, ביז די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים אָנגעיאָגט, אַן דאָ איז ער געבליבען אָן איין פּרנסה. אָט אזוי האָט ער איבערגעשטופּט די פּאָר מלחמה־יאָרן, און איז מיט זיין פאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע. דאָ איז ער געבליבען ביי מלמדות, וועלכע האָט אים געגעבען אויף חיונה, און מער צייט צום לערנען א בלאַט גמרא.

מיר ווינשען אים, אז ער זאָל אויסלעבען מיט זיין אַלטיטשקער פּילע, פּילע געזונטע יאָרן, און נחת האָבען פון די קינדער און זיינע תלמידים!

ר' שמעון אייזיק

שמעון אייזיק איז געווען א שם־דבר. אז מ'האָט געזאָגט: „ער לערענט ביי שמעון אייזיק'ן", האָט עס געמיינט אז דער איינגעל לערענט אויך שרייבען, לשון קודש און דקדוק. ער איז געווען דער איינציקער מלמד אין שטעטעל וועלכער האָט געלערנט „פּקד-פּקדתי" און איבערזעצען אויף לשון־קודש. און אזוי איז געווען דער סדר הלמוד: ניין אַזייגער אין דער פרי זעצט מען זיך צו ביים לאַנגען טיש, א צען־צוועלף איינגלעך. ר' שמעון אייזיק זיצט אויבען אָן, און ביי ביידע זייטען פון טיש זיצען אויסגעזעצט די תלמידים. איבער דער לענג פון טיש ליגט די לאַנגע פּאַלקע (שטעקען) און מ'לערענט חומש. ביי שמעון אייזיק'ן לערענט מען חומש כסדר, און טאַקע מיט א ניגון, וועלכער צוגייט זיך אין אַלע גלידער. פּשוט עס גלוסט זיך לערנען און לערנען. ר' שמעון אייזיק האָט געהאַט א באַזונדערען ניגון פאַר תנ"ך, ספּעציעל פאַר ישעיה. ווער עס האָט א מאָל געלערענט ביי שמעון אייזיק'ן דעם נביא ישעיה — מעגלעך אז די ווערטער האָט ער פאַרגעסען, אָבער דעם זיסען, ליבען ישעיה־ניגון האָט ער ניט פאַרגעסען; ער איז אים געוואָרען איינגעבאַקען אין הארצען און אין דער נשמה, און אים באַגלייט אויף אַלע זיינע וואַנדער־לענדער.

אָפּגעלערענט א פּאָר שעה חומש, איינציקווייז, פאַרוויז און די גאַנצע כתה צוזאַמען — פלעגט מען גיין עסען מיטאָג. און טאַקע אויף א גאַנצער שעה. די תלמידים גייען א היים און אויך דער רבי. דער רבי גייט זיך פּאַמעלעך, קוקט נאָך די תלמידים ווי זיי גייען, אָדער אפשר לויפען זיי גאָר. לויפען איז ניט קיין אידישע מדה, און בפרט נאָך אז מ'גייט אַרויס פון חדר, עס קוקט אויס ווי מ'אַנטלויפט עפּעס פון דער תורה. דאָס איז ניט קיין דרך־ארץ.

די תלמידים האָבען שוין אָפּגעגעסען מיטאָג, און באַלד געקומען צוריק אין חדר אריין. אָבער דער רבי איז נאָך

ניטאָ. ר' שמעון אייזיק איילט זיך ניט, די שעה איז נאָך ניט אריבער. דערווייל כאַפּט ער אַ שמועס מיט מאָטיע קאַר־לינסקי אויף זיין גאַניק. אַ מאָל געפינט זיך נאָך אַ איד אויפ'ן זעלבען גאַניק, און מ'שמועסט פּאָליטיק.

שמעון אייזיק איז אַ גאַנצער פּאָליטיקער. ער לייענט דאָך עפּעס די „בלעטער". פּאָליטיק איז זיין לעבען. דאָ ווייזט ער זיין גאַנצע קענטעניש און דערפאַרונג. ער ברענגט ראיות פון דעם ווייטען און פון נאָהענטען עבר, און ספּעציעל פון פערעכרעסט. אַבי וואָס — פערעכרעסט. פערעכרעסט דאָ — פערעכרעסט דאָרטען. „אין פערעכרעסט האָט מען געזאָגט אַזוי און אַזוי". „אין פערעכרעסט איז פאַרלאָפען דאָס און דאָס". דער צושויער קען מיינען אַז פערעכרעסט איז אַ כרך גדול, אַ סאָרט וואַרשאַ אָדער פּאַריז. אָבער אין אמת'ן איז פערעכרעסט אַ הויף ביים טייך, עטליכע מייל פון האָראָדעץ, און דאָרטען איז שמעון אייזיק געווען אַ מלמד עטליכע יאָר. און דאָרט האָט ער זיך דערוואָרבען די שבע חכמות פון די פאַרשידענע סוחרים וועלכע פלעגען קומען צוליב מסחר.

ר' שמעון אייזיק

אָפּגעפערעכרעסטעוועט ביי אַ האַלבע שעה אויפ'ן גאַניק גייט שוין שמעון אייזיק צו זיינע „ראַסקאַלצעס" (אַזוי האָט ער גערופען זיינע תלמידים). ווען די תלמידים הערען אַז דער רבי גייט — זעצען זיי זיך אויס ביים טיש, ווי דער שטייגער איז, און מאַכען זיך ווי זיי וואָלטען חזר'ן מעשה מתמידים. אָבער דער אמת זאָגענדיק, האָט מען איבער־געקערט דאָס חדר איידער דער רבי איז אָנגעקומען, אָדער מ'האָט געשפּילט אין שטעקלעך צי אַן אַנדער שפּיל אין געסעל נעבען חדר. און איינער פון די תלמידים איז געווען אַ שומר. ער האָט פּאַרוקט דעם קאַזיראַק אויף הינטען, און ליגענדיג פאַר'גנב'ט ביים אַריינגאַנג אין געסעל, האָט ער געהערט צו דער רבי גייט. און ווי נאָר ער האָט דערזעהן פון דערווייטענס אַז דער רבי פאַרקירעוועט זיך אין געסעל — איז ער פייל־פון־בויגען אַריינגעלאָפען אין געסעל. דאָס איז געווען דער סיגנאַל אַז דער רבי גייט און מ'דאַרף זיין שטאַטעטשנע קינדער.

נאָכמיטאָג איז געווען די צייט פון שרייבען. צוויי כתות האָט שמעון אייזיק געהאַט; אַ קלענערע און אַ גרעסערע. ווען איין כתה האָט געלערנט — האָט די צווייטע געשריבען, און פאַרקערט. אָט לערנט דער רבי שרייבען לשון קודש. ער האַלט אין האַנט דעם „המתרגם" פון אינ־דיצקי און זאָגט: „די פערד שטייען אין שטאַל", און איינער פון דער כתה זאָגט: „הסוסים עומדים בארוה". דערנאָך זאָגט דער רבי ווייטער: „מיין ברודער איז אַ גרויסער און דיין ברודער איז אַ קליינער". אַן אַנדער תלמיד, לויט דער ריי נאָך, זאָגט: „אחי גדול ואחיך קטן". און אַלע תלמידים פון דער כתה שרייבען אין זייערע העפטען די זעלבע איבער־זעצונגען.

אָפּגעשריבען מיט איין כתה, נעמט זיך דער רבי צו דער אַנדערער — לערנען אַ לשון־קודש'דיק ביכעל. שמעון אייזיק איז ניט געווען קיין גרויסער איבערקלייבער פון ביכלעך. אַלע ביכלעך זיינען גוט אויב מ'ווייסט ווי אַזוי צו לערנען פון זיי. אַ מאָל נוצט ער דעם „שפה חיה" און אַ מאָל דעם „הדבור העברי" פון קרינסקי אָדער גאָר דעם „בית־ספר עברי" פון גראַזאָווסקי'ן. און יעדען ספּור אָדער שיר האָט מען געדאַרפט קענען אויף אויסווייניג, וואָרט־פאַר־וואָרט, אַניט האָט מען געקענט כאַפּען קלעפּ. שמעון אייזיק איז ניט געווען פון די מלמדים וואָס שלאָגען קינדער, פונ־דעסטוועגען פּטור בלי כלום אי אפשר. צו וואָס ליגט דער שטעקען אויפ'ן טיש? ער ליגט ניט פאַר שיינקייטס־וועגען. און צו וואָס האָט דער רבש"ע געגעבען אַ מלמד אַ פּאַר הענט? הלואי זאָל מען זיי ניט באַדאַרפען. און שמעון אייזיק האָט געהאַט נאָך אַ סאָרט שטראָף (מען זאָל גאָרנישט געשטראָפט ווערען), וועלכע מ'קען ניט רופען פּאַטש און עס איז ניט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען. דאָס איז מיר־ניט־דיר־ניט. אָבער ווער עס האָט געהאַט די זכיה דאָס אַריינצוכאַפּען, און ספּעציעל די וועלכע זיינען געזעסען נעבען אים, האָבען געפילט אַ טעם. אין פּראָסטען לשון האָט מען דאָס גערופען אַ שטורך. שמעון אייזיק'ס אַ שטורך האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערען טעם, און דאָס איז די סיבה דערפון:

ווען ער איז געשטאַנען צום פּריזיוו — האָט ער זיך געמאַכט אַ מום. דעם מיטעלסטען פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט מען אַרויסגענומען פון שטעל און אָפּגערוקט פון אָרט, אַזוי אַז דער פינגער וואָס איז דער גרעסטער — איז געוואָרען גלייך מיט זיינע חברים, פון ביידע זייטען. און ווען שמעון אייזיק פלעגט פאַרמאַכען די רעכטע האַנט, פלעגט אַרויס סטאַרטשען דער מיטעלסטער גליד פון דעם מיטעל

פינגער מער ווי די אַנדערע און מיט דעם גליד פלעגט ער מכבד זיין דעם תלמיד.

פונדעסטוועגן פלעגט מען ליב האָבען שמעון אייזיק'ן, ווייל ביי אים איז אַלעס מיט אַ סדר: יעדער לימוד האָט געהאַט זיין שעה. די בעסטע שעה איז געווען ווען מען פלעגט לערנען ישעיה. אַ באַזונדער ליבע האָט שמעון אייזיק געהאַט צו ישעיה. און זיין ליבע צום נביא איז אויך איבערגעגאַנגען צו זיינע תלמידים.

דאָס „קאַפּיטל" פלעגט מען זומער לערנען פאַר־נאַכט און ווינטער אָווענט ביז ניין אַזייגער. אַז גאָט האָט געהאָלפען אַז דער זייגער האָט זיך איינגעהאַלטען פלעגט מען אַהיים גיין אַרום האַלב נאָך ניין, און ניט זאָגען קיין וואָרט קעגען דעם. פון ראש חודש חשון ביז ראש חודש אדר פלעגט מען לערנען אין די אָווענטען, אַ חוץ ניטל און חנוכה. חנוכה איז דער רבי ניט געווען אַזוי שטרענג. ער פלעגט שפּילען אַ דאַמקע מיט די תלמידים, אַ „ציג־און־וואָלף" און זיך ניט מאַכען זענדיג ווען מ'פלעגט אַ דריי טאָן מיט אַ דריידעל. אָבער אין אַנדערע טעג האָט מען געלערענט און גע'חזר'ט, אָדער געשריבען. ווינטער איז כמעט קיין יומא דפגרא ניט געווען, אויסער אַ האַלבען טאָג תענית־אסתר און פּורים. דערפאַר האָט זומער געהאַט אַ פּאָר יומא דפגרא'ס ביי שמעון אייזיק'ן אין חדר וועלכע תלמידים פון אַנדערע מלמדים האָבען ניט געהאַט: ט"ו בסיון, די הילולא פון אַלטען קאַרלינער, און ט"ו אב, די הילולא פון יונגען רבי'ן, ווען די סטאָלינער חסידים פלעגען מאַכען סעודות. און שמעון אייזיק איז געווען זייער אָנגעזען ביי די הילולא'ס. ערשטענס, איז ער געווען אַ סטאָלינער חסיד. און וועלכער סטאָלינער חסיד וועט ניט זיין ביי דער סעודה? און צווייטענס איז שמעון אייזיק געווען דער פּייקלער. סטאָלינער חסידים באַנוגענען זיך ניט בלויז מיט עסען און טרינקען און דערציילען מעשיות וועגען רבי'ן; זיי זינגען און גייען דאַביי אַ טענצעל. און ווי אַזוי גייט מען עפּעס אַ טענצעל אָן כלי־זמר? און אויב עס איז ניטאָ אַן אַנדער איסטרומענט איז אַ פּייקעל אויך גוט. און שמעון אייזיק האָט געהאַט חזקה אויפ'ן פּייקעל. ביי יעדער סטאָלינער שמחה, ווי שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה, נאָך מחדש זיין די לבנה, מוצאי יום טוב, אַ הילולא, א. ד. ג.

און ווען שמעון אייזיק האַלט דאָס פּייקעל אין דער האַנט פאַרגעסט ער אַלעס: זיין קראַנקע פרוי, זיינע טעכטער וועלכע עס איז שוין צייט פון חתונה מאַכען, די „ראַסקאַל־צעס", די וועלט־פּאָליטיק און אפילו — פּערעכרעסט. און מיט אַן ערנסטקייט פּויקט ער אין פּייקעל אַזוי ווי ער וואָלט אויסגעשפּילט אַ קאָמפּאָזיציע פון מענדעלסאָן.

כ'וויים ניט צו שמעון אייזיק האָט געוואוסט פון קאָמפּאָזיטאָר מענדעלסאָן — אָבער פון זיין זיידען, משה מענדעלסאָן, דער פּאָטער פון דער השכלה באַוועגונג, האָט ער גאָר גוט געוואוסט. אין „חדר" ביי דער טיר אין ווינקעל, איז געשטאַנען אַן עמוד, און אונטען, אונטער די אויבערשטע ספרים זיינען געלעגען ישעיה און ירמיה, מיט'ן ביאור. דאָרטען האָט מען אויך געקענט געפינען דעם „תלמוד לשון עברי" פון בן־זאב, אַ העברייאיש־אידישען ווערטער־בוך און אַ פּאָר יאָר־גאַנג פון „עולם קטן" וואָס ער האָט געבראַכט פון זיינע פּערעכרעסטער תלמידים.

אויסער דעם עמוד און דעם לאַנגען טיש מיט די בענק ביים זייט, איז אין דעם חדר גאָר ניט געווען. דאָס איז אייגענטליך געווען די „עזרת נשים" פון דער סטאָלינער שטיבעל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון שטיבעל מיט אַ קליין ווענטעל וואָס איז געשטאַנען צווישען אויווען און פענסטער. און דאָס ווענטעל איז ניט דערגאַנגען ביז צו דער סטעלע, כדי דאָס קול פון בעל־תפלה זאָל דערהערט ווערען צווישען די פרויען. און אין דער לייננ איז געווען אַ ווענטעל וועלכער האָט אָפּגעצאַמט אין מיטען, אַ דירה פאַר'ן שמש. אָט אין דעם שמאָלען „חדר" האָט שמעון אייזיק אַ סך יאָרען געקנעלט מיט זיינע „ראַסקאַלצעס", פון וועלכע זיינען אַרויסגעקומען גאַנץ שיינע און שטאָלצע אידען, וועלכע טראָגען מיט כבוד דעם נאָמען פון זייער רבי'ן שמעון אייזיק.

ר׳ אשר

אויף אשר'ן קען מען זאָגען אַז ער איז אַ געבוירענער מלמד. נאָך גאָר יונג, אַ בחור'ל פון אַ יאָר צוועלף, איז ער שוין געוואָרען אַ מלמד אויף אַ דאָרף. ער אַליין, אַ קליינינ־קער, האָט געלערנט מיט גרויסע בחורים, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער. ער איז נאָך אַליין געווען אַ תלמיד, ער אַליין האָט נאָך געדאַרפט לערנען — און איז שוין געוואָרען אַ מלמד. און ווער איז שולדיג אין דעם? ניט זיין פּאָטער ר' אהרן יאָסל, און ניט זיין מוטער שפרה, וועלכע שטאַמט פון למדנים — נאָר די ביטערע עקאָנאָמישע לאַגע.

און אשר דורשט נאָך לערנען, ער וויל ווערען אַ למדן ווי זיין ברודער ר' חיים מענדעל, וועלכער שם'ט אַלס גרויסער לערנער, און אַ גרויסער סטאָלינער חסיד, וואָס צוליב זיין גרוים חסידות וויל ער ניט אָננעמען אַ רבנות־שטעלע. און אויב ניט ווי זיין עלטערער ברודער ר' חיים מענדל, לכל־הפּחות, וויל ער זיין ווי זיין צווייטער ברודער עזרא, וועלכער איז אַ גמרא־מלמד, ביי די לאָדזער פאַבריקאַנטען, די ראָזענבלאַטס.

און וואָס טוט אשר?

ער בינדט אָן דעם האָן צום בעט, און אין דער פרי ווען דער האָן הויבט אָן קרייהען כאַפּט ער זיך אויף און הויבט אָן לערנען. אשר שלינגט אַלעם וואָס קומט אים אין האַנד, פון אַ פּרשה חומש מיט רש״י ביז אַ בלאַט גמרא, און אַליין פון זיך. און אויב ער האָט ניט פאַרשטאַנען די סוגיא גוט — האָט ער איבערגעלערנט איינציגע מאָל.

יאָר איין, יאָר אויס, אַ דאָרף דאָ, אַ דאָרף דאָרטען, גוטע תלמידים, שלעכטע תלמידים, און אשר לערענט אַליין און לערענט מיט יענעם — ביז אשר ווערט קלאָר אויף אויסענווייניג אין גאַנץ תנ״ך, לערענט אַליין גאַנץ גוט אַ בלאַט גמרא מיט אַ תוספות און אַ מהרש״א, און קריגט דעם נאָמען פאַר אַ גוטען מלמד, טאַקע אַ מלמד להועיל, ווייל אשר לאָזט זיך אַליין ניט נאַרען, און ער וויל ניט אַז זיינע תלמידים זאָלען זיך נאַרען.

אשר האָט חתונה, די ווייב עפענט אַ קרעמעל, און אשר ווערט אַ קרעמער. אָבער אשר קען קיין קרעמער ניט זיין.

ר׳ אשר

ער שטאַמט פון אַ משפחה מלמדים, און ניט פון קרעמער, און אשר ווערט אַ מלמד אין האָראָדעץ. ער קריגט אַ צען־צוועלף אינגלאַך, דינגט אַ „חדר״ ביי איציקלען, אַ גאַנץ גרויסע שטוב, און הויבט אָן קנעלען. אָבער אשר איז ניט ווי די אַנדערע מלמדים. ראשית, שאַפט ער אָפּ דעם נאָמען רבי, ער הייסט זיך רופען ר׳ אשר, אַזוי ווי מ׳רופט אידען אין האָראָדעץ. ער דענקט אַז מ׳דאַרף זיך מתקרב זיין, און ניט מטיל אימה זיין אויף די תלמידים. צווייטענס, איז ביי אשר׳ן אין חדר ניטאָ קיין „פּאַלקע״, ניט מעשה מלמד, און דריטענס איז ניטאָ די מורא פאַר׳ן דאָנערשטאַג, ווי ביי אַנדערע מלמדים, וועלכע פלעגען אַ גאַנצע וואָך לערנען איין זאַך און דאָנערשטאַג האָט יעדער געדאַרפט קענען דעם שעור —און אויב ניט — איז געווען אַן אָך און וויי צום תלמיד!

ביי אשר׳ן האָט מען געקענט אָנפאַנגען אַ נייעם ענין יעדען טאָג, אַבי מ׳האָט נאָר געקענט. און קענען האָט יעדער איינער געמוזט קענען, און טאַקע אויף אויסענווייניג הין און צוריק. און ווי אַזוי קען מען דאָס אַזוי גוט? פּשוט בתכלית הפשטות; מ׳חזרט אַזוי לאַנג — ביז וואַנען מ׳קען. חזר׳ן איז ביי אשר׳ן דער אלף און דער ת״ו פון קענען. און ניט נאָר חזר׳ן פאָר־ווייז אָדער כתה־ווייז. ביי אשר׳ן איז כמעט קיין כתה ניט געווען. יעדער תלמיד איז געווען אַ כתה פאַר זיך. האָט זיך אַן אינגעל פאַרפריט און געקומען אין „חדר״, זאָגט צו איהם אשר: „זעץ זיך חזר׳ן״! דאָס אינגעל זעצט זיך און אשר נעבען אים און חזר׳ט. איז צוגעקומען נאָך אַ אינגעל — הייסט ער אים אויך זיך אָני־דערזעצען חזר׳ן.

און אַז אַן אינגעל קען זיין שעור ווי ס׳דאַרף צו זיין — מעג ער גיין אין הויף זיך שפּילען. עס מאַכט ניט אויס, דאָס אינגעל וועט נאָך בעסער לערנען נאָך אַזאַ אָפּפרישונג, און זיין ליבע צו למודים וועט נאָך זיין שטאַרקער. אשר האָט דאָס פון פּראַקטיקע געוואוסט. מ׳טאָר ניט באַלעסטיגען צופיל אַן אינגעל. אַן אינגעל בלייבט אַן אינגעל. ער דאַרף זיך אויך שפּילען. און ניט נאָר שפּילען העלפט דעם לערנען, נאָר אויך זינגען און טאַנצען.

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסען אַז אשר איז אַ סטאָלינער חסיד, מיט ברען און פייער. אַ סטאָלינער חסיד דינט גאָט מתוך שמחה. און לערנען גאָט׳ס תורה מיט אידישע קינדער איז דינען גאָט ברוך הוא. און ווי דינט אַ סטאָלינער חסיד דעם אויבערשטען? מיט אַ טענצעל און זמר. און אַז אשר האַלט שוין ביים פאַרענדיגען דעם טאָג לערנען מיט זיינע תלמידים און זעהט אין זייערע למודים אַ סמן ברכה — נעמט ער זיינע תלמידים ביי די הענט און גייט מיט זיי אַ רקוד׳ל. אשר גלויבט אַז מיט דעם פלאַנצט ער אין זיי איין אידישקייט. עפּעס אַ קליינינגקייט: אַ סטאָלינער ניגון און אַ חסידישער רקוד׳ל.

נאָך אַ מיטעל האָט אשר מיט וועלכען ער פלאַנצט ליבע צו גאָט און צו זיין תורה, דורך לערנען משלי. משלי איז דער ספר וואָס איז צום בעסטען באַליבט ביי אשר׳ן. משלי איז פול מיט חכמה און מוסר. און אויב אַ קינד קען אויף אויסווייניג משלי — איז אשר זיכער אַז ער וועט שוין זיין אַ גוטער איד און אַן איבערגעגעבענער זון צו זיין טאַטע־מאַמע.

אויסער משלי לערענט אשר מיט די תלמידים אויך איוב. אמת, איוב איז טאַקע שווערליך — אָבער דורך לער־נען איוב ווערט מען אַ געלערענטער איד, מ׳נעמט אַראָפּ אַ מוסר השכל פון איוב׳ן און זיינע יסורים. און אָפטמאָל פלעגט אשר לערנען מיט די קינדער אויך תרי־עשר. אמת טאַקע דער „ספּארבע״ (עשרים־וארבע) ניגון איז געווען אַ און איינגעטייטשט זיינען געבליבען איינגעקריצט אין האַר־צען, אַזוי ווי אין משלי שטייט.

אשר האָט זיך ניט באַנוגענט מיט רשי״ס פירוש אָדער „מצודת״. ער פלעגט אויך איבערקוקען, פאַר יעדעס מאָל לערנען, אַ נייעם קאַפּיטעל, דעם מלבי״ם. און וואו־ניט־וואו געבען אַן אייגענע אויסטייטשונג, לויט דעם פאַרשטאַנד פון תלמיד.

דאָס־זעלבע פלעגט ער טאָן איידער ער איז געגאַנגען לערנען די גמרא. אַליין דורכגעגאַנגען די סוגיא מיט אַלע מפרשים, און דערנאָך איר געלערענט מיט די קינדער. גע־וויסע מסכתות פלעגט ער לערנען. די באַליבסטע מסכתא איז ביי אים געווען מסכת קדושין. ער פלעגט ניט אַוועקגיין צו אַ צווייטען עמוד ביז וואַנען מ׳האָט געקענט דעם ערשטען און פלעגט אַזוי פיל מאָל לערנען דעם עמוד ביז עס פלעגט צו־ריסען ווערען. דאָס איז שוין איינמאָל געלערענט!

ביי אשר׳ן האָט מען געלערענט, אָבער ניט געשריבען. שרייבען האָט מען געלערענט ביי אַ לערער. דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט אַן עקסטרא הוצאה, און ניט יעדער האָראָדעצער פאָטער איז געווען גענוג פאַרמעגליך, אַז ער זאָל קענען באַצאָלען פאַר אַ מלמד און אַ לערער באַזונדער. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות וואָס אשר׳ס „חדר״ איז געוואָרען קלענער און קלענער, און צום ענדע האָט ער געמוזט אַוועקפאָרען קיין אַמעריקא.

אויך אין אַמעריקא, אין דעם לאַנד פון מעגליכקייטען, איז אשר געוואָרען אַ מלמד. צווישען זיינע תלמידים דאָ ציילען זיך פילע קינדער פון רבנים, מיט וועלכע ער לערענט תנ״ך און גמרא.

מיר ווינשען אָשר׳ן, וועלכער איז שוין יעצט ניט קיין יונגערמאַנטשיק, פילע געזונטע יאָרען, ער זאָל קענען נאָך אַרויסגעבען פילע גוטע תלמידים, און קענען דינען גאָט אויף דעם אמת׳ן סטאַלינעם דרך.

יודל דער מלמד

קוקענדיג אויף יודלען דעם מלמד וואָלט מען געקענט זאָגען אַז דער נאָמען מלמד פּאַסט אים גאָרניט. אָט גייט אַ שטאָלצער, זויבערער איד, גייט פּאַמעלאך, פאַרטראַכט, מעשה פילאָזאָף. ווער וואָלט געזאָגט אַז דער איד איז אַ מלמד?

יודל דער מלמד

יאָ, דאָס איז יודל דער גמרא־מלמד. אַ דאַרער מיטל־געוואוקסיגער אידל מיט אַ קליין בלאָנד בערדל, קורץ גע־קליידעט אין אַ מאַנטל אויף די אַקסלען. דאָס גייט ער עסען מיטאָג. אָפּגעלערענט מיט די אינגלעך אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, פאַרמאַטערט, אַ ביסל הונגעריק, גייט ער זיך פון זיין „חדר״ וואָס געפינט זיך אין „גאַס״, צו זיין הויז אין מאַרק, צו זיין שרהביילה׳ן און קינדערלעך.

יודל דער מלמד האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ מסביר מיט אַ לאָגישען, שכלדיקן דרך. ער האָט אויך געקענט דער־קלערען אַ שווערען אבן־עזרא און אויפקלערען אַ גאָמעט־רישען אָדער אַן אַלגעברישען חשבון. אַז איינער האָט געהאַט אַ פאַרפּלאָנטערטען געשעפטלעכען ענין, פלעגט ער קומען זיך האַלטען אַן עצה מיט יודלען. צו אַ בוררות פלעגט דער רב רופען יודלען. און אין בית־המדרש איז יודעל געווען דער וואָרט־פירער. אין שטעטעל איז ניט געטאָן גע־וואָרען קיין זאַך אָן יודלען.

יודעל אַלס מלמד, איז געווען אַ דיסציפּלינאַר פאַר עקסעלאַנץ. אַן אייזערנע דיסציפּלין האָט געהערשט אין זיין חדר. די קינדער האָבען געציטערט פאַר אים אימת מות.

נאָך מיטאָג פלעגט יודעל צוריקגיין אין חדר אַריין. די קינדער פלעגען שוין זיצען אויסגעזעצט אַרום לאַנגען טיש, און ער פלעגט זיך צולייגען אַ ביסל. די קינדער זיצען אַרום טיש און שרייבען. אין חדר איז שאַ, שטיל, דער רבי שלאָפט.

ביי יודלען דעם מלמד פלעגען לערנען די גוטע גמרא קעפּ. אַזוי אַ אינגעל פלעגט ער ניט נעמען. ער איז געווען אַן איבערקלייבער, און זיין חדר איז באַשטאַנען פון אַן 8־10 תלמידים. און שכר־למוד האָט מען יודלען געצאָלט מער ווי אַן אַנדערען מלמד. אַ קלייניקייט! ער לערענט דאָך גמרא.

יודעל איז ניט געווען נאָר אַ מלמד פאַר קליינע — נאָר

אויך פאר גרויסע. אין די ווינטערדיגע פרייטיק־צו־נאכטס פלעגט ער לערנען משניות אין בית המדרש פאר גאר א היבשען עולם. דארט זיינען געזעסען ביים לאנגען טיש אידען בעלי־בתים, וואס האבען אליין געקענט לערנען א פרק משניות. ס'פלעגען אויך זיצען ביים טיש בעלי־מלאכות, וואס האבען פארשטאנען וואס מ'לערענט מיט זיי, און בפרט ווען יודעל איז מיט זיין פערעלדיגען מויל מסביר מיט א משל און א נמשל פון היינט און פון נעכטען. ער פלעגט אנהויבען מיט דער סדרה פון דער וואך, אריינפלעכטען די געשעהענישען פון דער וואך, און ביסלעכווייז איבערגיין צו דער משנה וואס מ'האט געענדיקט לעצטע וואך און די משנה וואס מ'גרייט זיך לערנען. און אידען פלעגען שלינגען יעדעס ווארט וואס גייט ארויס פון יודעל'ס מויל. און דא פלעגט יודעל דערציילען א מעשה פון דער גרויסער שטאט ניו יארק, וואו ער איז געווען ביי א יאר צייט, און די צוהערער פלעגען אנשטעלען מויל און אויערען, און הערען יעדע איינצעלהייט.

יודעל האט זיך א מאל געלאזט איבעררעדען פון זיין משפחה אין ניו־יארק, און איז אראפגעקומען קיין אמעריקא. פארלאזט זיין שרה ביילע'ן מיט איר ווייבערשער שניידעריי, אוועקגעפארען פון זיינע קינדערלעך (אזוי האט ער זיי גע־רופען) אין דער ווייטער אמעריקא. אבער יודעל האט זיך ניט געקענט דארט איינלעבען. פרעמד איז אים געווען דאס לאנד און פרעמד זיינען אים געווען די מנהגים, און ספעציעל די אידישע עם־הארצ'ישע מנהגים, וואו מ'לערענט קדיש און קדוש. יודעל האט דארט צוביסלעך צוגעקנעלט און צוביסלעך צוגעפעדעלט מיט ווייב און שנאפס, און א מאל מיט א „צעטעל". אבער קיין „לעבען" האט ער ניט געמאכט. עס האט אים געצויגען נאך האראדעץ, נאך דער ווייב, די קינדער, האראדעצער תלמידים און קהל'שע זאכען. און יודעל איז צוריקגעקומען קיין האראדעץ. אמת, ער איז געווען זייער א קורצע צייט אין אמעריקא, אבער ער האט געהאט זייער פיל צו דערציילען וועגען דער גאלדענער מדינה וואו אפילו די שטיינער זיינען „טריף", און א ריכ־טיגער איד דארף זיך פון איר דערווייטערען. און צו יעדער געלעגנהייט פלעגט יודעל דערציילען וועגען אמעריקא און אירע מאדנע אידען.

אט אזוי האט זיך געפלאסען דאס לעבען פון יודלען דעם מלמד, ביז וואנען די ערשטע וועלט־מלחמה האט אויס־געבראכען. און דאן איז צובראכען געווארען זיין שטאלץ און ווירדע. דאס הויז איז פארברענט געווארען, און יודעל מיט זיין משפחה האבען אנגעהויבען פראוווען גלות.

נאך דער מלחמה האט שוין יודעל ניט געקענט מאכען א חדר, און ער איז אויף די עלטערע יארען פארוואגלט געווארען אויף א דארף אלס מלמד. די קינדער האבען אונ־טער געוואקסען, עטלעכע זיינען געשטארבען, א פאר אוועק־געפארען קיין ארגענטינא, און יודל מיט שרה ביילע'ן זיינען געבליבען עלענד און ארים. און ווער ווייס וואו זיי האבען באגעגענט זייער טויט?

ערע זייער רו!

ר' אשר דוד

א זשוואווער איד איז געווען ר' אשר דוד; ער איז געווען א שוחט, א מוהל, א מלמד און א בעל־תפילה (די ערשטע צוויי צוליב פרנסה, און די לעצטע צוויי, ווייל ער האט דאס ליב געהאט און געהאלטען פאר א מצוה). און טראץ די צוויי בכבודיקע פרנסות איז ער געווען „כמעט" אן ארימאן און געלעבט בצימצום. עס זאגט זיך „כמעט אן ארימאן", ווייל די האראדעצער אידען, בפרט די „שיינע" אידען, פלעגען פאר־גלעטען און צודעקען זייער ארעמקייט.

דערצו נאך איז ר' אשר דוד געווען א סטאלינער חסיד, און פלעגט מיט די אפגעשפארטע פאר גראשען פארען קיין סטאלין צום רבי'ן אויף די צווייטע טעג סוכות.

ער איז געווען קליין געוויקסיג, אבער ער האט דאס אפגעמאכט מיט זיין ענערגיע. ער פלעגט ניט גיין נאר לויפען. מיט דראבנע טריט, שנעל, שנעל, ווי ער וואלט מורא געהאט עפעס צו פארשפעטיקען.... אזוי פלעגט ער לויפען אין יאטקע שעכטען, און פון יאטקע צוריק צו זיך אין חדר אריין, און ווידער אנהויבען דאס איבערגעהאקטע לערנען מיט די קינדער; און מיט די זעלבע שנעלע טריט פלעגט ער לויפען אין שטיבעל דאוונען, און שבת פארטאג־צו און פון דער קאלטער מקוה, זיך טובל זיין פארן דאוונען...

זיין חדר איז באשטאנען פון גמרא אינגלעך, און אלס אזעלכע פלעגען זיי האבען אביסעל מער זעלבסטשטענדיגקייט. ניט איינמאל כ'לעגט טרעפען אז מ'פלעגט זאים אוועקרופען צו א קצב עפעס קוילענען. האמאלסט פלעגען די אינגלאך אליין לערנען אדער מאכען א „לייענען".

די צאל תלמידים איז ניט געווען קיין גרויסע. ביי א אכט־צען קינדער. מערסטענס, קינדער פון חסידישע עלטערן. מ'פלעגט לערנען א גאנצע וואך דעם זעלבען עמוד. גמרא. און אז ס'פלעגט קומען דאנערשטיק האט מען געמוזט קענען דעם שיעור, און אויב ניט? — פרעגט שוין ניט . . . דארום פלעגען געפעשטשעטע קינדער ניט לערנען ביי ר' אשר דוד'ן . . .

אויסער גמרא פלעגט מען אויך לערנען די סדרה פון דער וואך מיט רש"י. דא איז שוין געווען א ביסעלע גרינגער, מ'איז געווען מער היימישער מיט'ן אינהאלט און אויך מיט דער „עברי". און אז עס זיינען געקומען די סדרות פון

משכן האָט מען גאָר אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דאַן האָט ר׳ אשר דוד ארויסגעצייגט זיינע ארכיטעקטאַרישע קענטניס, און די תלמידים האָבען פון, דעם שטארק הנאה געהאַט. ערשטענס, איז דער רבי ניט געווען אזוי שטרענג און צווייטענס, איז ער געווען פארנומען מיט מאַכען די שוועלען און די יריעות פון משכן. ער פלעגט נעמען עטליכע האַנטיכער, זיי אויסשפריי־טען אזוי ווי די יריעות אין חומש און געבען די קינדער צוהאַלטען. און די שוועלען פלעגט ער מאַכען פון קארטאָפלעס צוגעשניטען און צוגעפּאַסט מיט אלע פּיטשעווקעס.

און אז מען האָט געלערענט ווי אזוי די מחנות האָבען געגאַנגען אין מדבר — האָט דאַן ר׳ אשר דוד ווייטער געוויזען זיין וויסען. און די קינדער האָבען פארגעסען אז מ׳זיצט אין אשר דוד׳ס חדר — מ׳האָט זיך איבערגעטראַגען ווייט-ווייט אין מדבר אַריין מיט די דגלים, עס האָט נאָר געפעלט דער עמוד האש אָדער אַ וואָלקען איבער די קעפּ.



ר׳ אשר דוד דער שוחט
געצייכענט פון דעם פּאַרשטאָרבענעם באַוואוסטען מאָלער עלייעס מ. גראָסמאַן.

מיט שרייבען פלעגט ר׳ אשר דוד זיך ניט אָפּגעבען. אָנפאַנג זמן פלעגט ער אָנשרייבען א „פיר־כתב", און די תלמידים פלעגען נאָכשרייבען דעם „פיר־כתב" ביז וואַנען עס פלעגט צוריסען ווערען. עס געדענקט זיך נאָך די ערשטע פּאָר שורות פון דעם דאָזיקען „פיר־כתב", לאמר, אזוי צו זאָגען:

„לאדוני אבי הרבני הנגיד, אקוה בעז״ה שלא יהיה למודי על צחיח סלע". צו יעדער פּאָטער איז געווען א רבני און א נגיד — איז נאָך געווען א ספק. און אז דאס לערנען וועט ניט זיין ארויסגעוואָרפען ווי מ׳זאָל זייען אויף אַ וויסטען פעלז — ניט ביי יעדען תלמיד איז דאס מקויים געוואָרען.

אין אלגעמיין געגומען זיינען אשר דוד׳ס תלמידים געבליבען ביים לערנען, ביי איינעם מער, ביי איינעם ווינציקער.

ווי געזאָגט איז ר׳ אשר דוד געווען אַ שוחט, אז ס׳פלעגט זיך איינגעבען אַ שחיטה—פלעגט ער זיין פריילאך און לערנען מיט די קינדער מיט גרויס חשק, אָבער טאָמער האָט חלילה, געטראָפען א סירכה, און נאָך אַ פּאָר שעה ארבייטען אויף די לונגען האָט דער רב דאָך געפסקנט טריף — איז ער געווען אומעטיק, געלערענט אָן חשק און אַרומגעגאַנגען אַ טרויערי־קער, ווי ער וואָלט עפּעס פארלוירען... ער האָט געטרויערט אויפ׳ן קצב׳ס היזק און האָט זיך געפילט שולדיק טראָץ דעם וואס די סירכה איז געווען מן השמים..

כאָטש ער איז געווען שטארק פארנומען האָט ער געפונען צייט צו לערנען אַ בלאַט גמרא יעדען טאָג, און אויך אַ פרק משניות צווישען מנחה ומעריב. ער האָט, ווי געזאָגט, ליב געהאַט צו דאַוונען ביים עמוד אלס שליח ציבור — איבעהויפּט מוספים, ראש־השנה און יום־כפור — און עס איז צוליב דעם אַ פּאָר מאָל אויסגעבראָכען מחלוקות אין קארלי־נער שטיבעל. און דאַוונען פלעגט ער מיט אזוי פיל הארץ און נשמה אַז ס׳איז געווען צו באַוואונדערען וואו נעמט זיך דאָס אזויפיל התלהבות און ענערגיע אין אזא קליינעם קערפּער. יעדעס וואָרט פלעגט ער ארויסזאָגען שארף און קלאָר, אַז אַפילו אַן עם־הארץ האָט געקענט פארשטיין, און שמונה־עשרה פלעגט ער שטיין לענגער פאר אלעמען. איבערהויפּט פלעגט ער קערן וועלטען שמחת־תורה צו הקפות. און אַז ער פלעגט טאנצען פלעגט די ערד ברענען אונטער זיינע פיס, און פלעגט אָנצינדען אַנדערע מיט זיין התלהבות. עס האָט זיך געפילט ווי אשר דוד וואָלט וועלען מיט זיין התפשטות הגשמיות אריבערגעטראָגען ווערען אין סטאלין ביים „ינוקא" צו הקפות.

ר׳ אשר דוד איז געווען דער אמת׳ער „סטאלינער חסיד. ער איז געווען דורך און דורך אַ „סטאָלינער,", אפילו זיין פאמיליע־נאָמען איז געווען סטאלינסקי, ווייל אזוי האָט ער געוואָלט: „אַ סטאָלינער חסיד דארף זיך רופען סטאלינסקי".

ער איז געווען אַ איד אַ מקפיד און אַ קפדן. ער האָט מקפיד געווען יענעמס ניט אָנצורירען. ער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט אַז עמיצער זאָל זיינס אָנרירען. דאַן איז ער געווען דער אמת׳ער קפדן . . .

און אלעס וואס ער האָט געטאָן איז געווען מיט פייער און דבקות. און ס׳פלעגט גאנץ אפט טרעפען אז פון גרויס דבקות פלעגט ער ביי א ברית מאַכען די ברכה „על השחיטה"....

מ׳פלעגט זאָגען אין שטעטל אז ר׳ אשר דוד קען אַ מאָל מאַכען אַ טעות, אז ביים שעכטען אַן אָקס מאַכט ער די ברכה „על המילה".....

ר׳ אשר דוד האָט אויף די עלטערע יאָרען געחלומט אויסלעבען זיינע יאָרען אין ארץ־ישראל, און ער האָט דאָס אויסגעפירט; ער האָט געשפּאָרט גראָשען צו גראָשען און געהאַלטען דאס געלט פארשטעקט אין באלקען, פון דער סטעליע. און אז מ׳האָט אים אַמאָל געפרעגט צו ער האָט ניט

קיין מורא פאר אַ פייער אָדער א גנבה — איז זיין ענטפער געווען אזעלכע געלט גנבעט מען ניט, און אַ פייער האָט צו זיי קיין שליטה ניט...

אַרום 1930 איז ער מיט זיין פרוי אַוועקגעפאָרען קיין ארץ־ישראל. ער האָט איינגעצאָלט אין אַ ירושלימער מושב־זקנים, וואו ער מיט זיין פרוי האָבען געהאַט אַ באזונדער צימער. פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געשטאָרבען, אין הויכען עלטער פון ארום 100 יאָר.

געלעבט און געשטאָרבען ווי ער האָט געוואָלט און פארדינט.

זאָל די ארץ־ישראל ערד זיין גרינג פאר אים צו ליגען אויף איר.

אַ חדר מתוקן

פון אַ „חדר מתוקן", וואו מ'לערנט העברייאיש אויף אַ מאָדערנעם אופן — האָט מען אין האָראָדעץ זעהר ווינציג געוואוסט. אמת טאַקע, האָראָדעץ איז ניט ווייט פון פינסק, וואָס איז געווען די וויגעלע פון די „חדרים מתוקנים" — אָבער, האָראָדעץ האָט פון דעם סאָרט „שקאָלעס" ניט געהאלטען. מ'האָט געלערנט אין די חדרים ביי אַ לאַנגען טיש, פון אין דער פרי ביז גאַנץ שפעט אין אָוועגד, אַזוי ווי די טאַטעס און זיידעס האָבען זיך געפירט. און אַז דער אינגעל איז עלטער געוואָרען, האָט ער דאַן אָנגעהויבען אַריינקוקען אין אַ לשון־קודש'דיגען ביכעל און אַ שמעק געטאָן אין אַ דקדוק־ביכל. נאָר איין שמעון אייזיק האָט אַריינגענומען דאָס לערנען לשון־קודש אין זיין סדר הלימוד. אָבער אַז העברעאיש זאָל ווערען דער הויפט־לימוד — פון דעם האָט מען גאָרניט גע'חלומ'ט.

און די מלמדים האָבען אָנגעגאַנגען מיט זייער אויסגעטראָטענעם וועג, און האָבן געלערנט ווי זייערע מלמדים האָבן זיי געלערנט: קמץ אלף אָ, סדור, תהילים. חומש לויט דער סדרה אָדער כסדר, לקח טוב, גמרא, ספארבע (עשרים וארבע), רש"י און אַ ביסעל שרייבען — און מיט דעם האָט זיך געענדיגט.

און פלוצלינג אין 1907 הערט מען אַז אין האָראָדעץ וועט ווערן אַ „חדר מתוקן" אַזוי ווי אין די אַנדערע שטעט. און ווער איז דאָר דער לערער? — אליה זאַוויל'ס.

ווער איז דער אליה זאַוויל'ס? מ'הויבט זיך אָן דערמאָנען אַז ער איז זאַוויל דער קצב'ס זון. נאָך גאָר אַ יונגער אינגל. ער איז געוואָרען אַ מלמד אין אַ דאָרף. און אַזוי ארום האָט ער געקראָגען זיין בילדונג אין די דערפער, וואו ער איז געווען אַ מלמד. מיט אַנדערע ווערטער: אליהו זאַוויל'ס איז אַן אויטאָדידאַקט, דאָס וואָס ער קען — איז אַלעס פון זיך אַליין. מ'זאָגט אַז ער איז אַ גאַנצער קענער, און ער לערנט די קינדער אויף אַ מאָדערנעם אופן, טאַקע פון ביכלאך.

און ווער זאָגט עס? — די פאָר בעלי־בתים וואָס זיינען פאראינטערעסירט אַז אליהו זייוויל'ס זאָל מאַכען אַ חדר.

און דאָ דארף מען וויסען: אַ צוויי־דריי בעלי־בתים וועלכע יעדער איינער איז געבענשט מיט אַ דריי־פיר אינגלאך — אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון מלמד: אַז זיי ווילען קענען זיי אויפבויען דעם מלמד, און אַז זיי ווילען ניט, קענען זיי אים רואינירען, זיי נעמען צו פון אים זייערע קינדער — איז ער אויס מלמד.

נו, האָבען זיך מיישב געווען אַ פאָר בעלי־בתים וועלכע פאַרמאָגן זיהן און האָבען אויפגענומען אליה זאַוויל'ס אַלס דעם מלמד פאַר זייערע קינדער. און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ „חדר מתוקן" אין האָראָדעץ.

וואָס מיינט אַ „חדר מתוקן" אין האָראָדעץ?

ערשטענס, האָט אליה זאַוויל'ס געדונגען אַ באַזונדערע דירה פאַר דעם חדר. דאָס איז געווען ביי חיים הירש'ן אין שטיבל. ס'רעדט זיך „שטיבל", אייגענטליך, איז דאָס געווען אַ שמאָלער האַלב פינסטערער צימער. דאָרטען איז געווען דער זאָגענאַנטער „חדר מתוקן". אין דעם חדר זיינען געשטאַנען, „סקאַמייקעס", פראָסטע לאַנגע הילצערנע שרייבטישען, און נעבען זיי, לאַנגע ביינקלאך, און אויבען אָן איז געזעסען ביי אַ קאַטעדרע אליה זייוויל'ס, און ביים וואַנט איז געשטאַנען אַ טאַפעל, ממש ווי אין „שקאָלע", להבדיל.

און פון וואָס פאַר ביכעל האָט אליה זייוויל'ס געלערנט?

דאָס איז געווען שניידער'ס „בית־ספר", וואו איידער דער תלמיד גייט צו צום לערנען די פאָר פאַרקירצטע פסוקים פון חומש, פאַרטייטשט ער אין אידיש די נייע ווערטער, האָט איבונגען, פראַגען און דאָס גלייכען.

דער „בית־ספר" איז געווען דער הויפט־לימוד אין אליה זייוויל'ס חדר. אָבער אין גאַנצען אַוועק פון אַלטער חדר איז ער ניט. מ'האָט דאָרטען אויך געלערנט חומש, ראשונים, און פאַר פסח — האָט מען געלערנט ווי אין אַלע חדרים: די הגדה.

דערפאַר איז אליה זייוויל'ס חדר געווען אַנדערש פון די אַנדערע חדרים מיט דעם, וואָס די קינדער האָבען ניט געלערנט אין די ווינטער אָוועגדען, און מ'האָט אויך ניט געלערנט שבת ביי־טאָג.

אָט די אַלע מעלות האָבען טאַקע געצויגען די האָראָדעצער אינגלאך צו אליהו זייוויל'ס חדר, אָבער, די טאַטעס און מאַמעס האָבען זיך ווייט געהאַלטען פון אליהו זייוויל'ס חדר. זיי האָבען בעסער געגעבען דעם פאָרצוג דעם אַלטען חדר.

אויך די טאַטעס וועלכע האָבען געמאַכט אליה'ן דעם חדר, האָבען זיך ארומגעזעהן אז זייערע זין מאַכען ניט קיין גרויסע פעולה אין זיין חדר — האָבען זיי אַרויסגענומען זייערע קינדער און זיי צוריק געבען צו די פאַרשידענע מלמדים, און אליה זייוויל'ס חדר איז בטל געוואָרען. ער האָט טאַקע לאַנג ניט עקזיסטירט, אין גאַנצען א פּאָר יאָר.

אָבער דאָ זאָל פאַרצייכענט ווערען אז אויך האָראָדעץ האָט געהאַט א „חדר מתוקן", אָבער, אויף איר שטייגער . . .

הערשעל דער לעהרער

יאָרען לאַנג האָבען האָראָדעצער אינגלעך געלערענט ביי מלמדים, און מיידלעך ביי לערער. די אינגלעך האָבען געלערענט חומש, „ספאַרבע", און גמרא. און מיידלאך האָבען געלערענט דאַוונען, לייענען און שרייבען אידיש. און אז דער אינספּעקטאָר איז געקומען — זיינען געוואָרען אויס חדרים. אָבער אז אינגלאך און מיידלאך זאָלען לערנען צו־זאַמען, ווער האָט עס געהערט? און וואו האָט מען עס געזען אז דער אינספּעקטאָר קומט אין שטאָט — און די קינדער זיצען און לערנען, אזוי ווי זיי מיינט מען עס ניט?

אָט די נייעסען און אנדערע חידושים האָט אַריינגע־בראַכט אין האָראָדעץ הערשעל דער לערער.



הערשל דער לערער

ווער איז געוועזן הערשעל דער לערער? פון וואַנען קומט ער? ווער זיינען זיינע טאַטע און מאַמע? און וואו האָט ער גענומען אָט די עדוקאַציע?

ווען מ'האָט געשטעלט הערשלען אָט די אַלע פראַגען— פלעגט ער זיך אליין פאַרפּלאָנטערען, ווייל מלא כל הארץ כבודו, ער איז אומעדום געוועזן, און יעדער שטעטל און דערפעל האָט אין אים א חלק, אָדער ער האָט אין איר א חלק, ווייל פון יעדען פלאַץ וואו ער איז געוועזן האָט ער עפּעס גענאַשט, און די אַלע „נאַשערייען" האָט ער געבראַכט קיין האָראָדעץ, אין יאָר 1909.

הערשעל איז געוועזן א געראָטענער בחור: ער האָט געהאַט א טייער'ן זכרון און א מויל — ער האָט פּשוט אַריינגעלייגט די ווערטער דעם תלמיד אין מויל אַריין. און צו דעם האָט ער געקענט שעהן זינגען, (ער איז א מאָל געוועזן א משורר ביי חזנים), און טאַקע א ביסעל געלייענט נאָטען, צוגעשפּילט אויף א פידעל. און ער אליין א הויכער, שוואַרצער בחור, מיט שוואַרצע וואָנצען, אָנגעטאָן אין א פאַלירינע, א שוואַרצען שטעקעל מיט א זילבערנע הענטעל אין האַנט, ווי איינער זאָגט: קוק מיך אָן, דאָס בין איך, הערשעל דער לערער?!

און אַלע האָבען אים טאַקע אָנגעקוקט און נאָכגעקוקט. יעדער איינער פלעגט פרעגען אַן אנדער פראַגע.

„וואוהין גייט ער?", פלעגען פרעגען טאַטעס.
„צו וועמען גייט ער?", פלעגען פרעגען מאַמעס.
„מיט וועמען גייט ער?, פלעגען פרעגען טעכטער.

און ווי טאַקע קומט ער קיין האָראָדעץ? דאָס איז א מעשה פאַר זיך, ווי ער האָט עס אַליין א מאָל באַשריבען אין „טאָגעבלאַט" מיט'ן נאָמען „די פאַרביטענע כלות". עס איז אים געוועזן באַשערט אז ער זאָל נעמען חיים איציק'ס מוזינקע, און האָראָדעץ איז געוועזן באַשערט אז אירע אינג־לאך און מיידלאך זאָלען לערנען העברייאיש, רוסיש און חשבון, אזוי ווי עס פירט זיך אין די גרויסע שטעט.

הערשעל האָט געמאַכט פון חיים איציק'ס שטוב, וואָס ער האָט דאָס געקראָגען אין נדן, א קלאַס. טאַקע א קלאַס ממש, און חיים איציק'ס האָט געדאַרפט דינגען אין ערגעץ אַנדערש א „חדר". אין קלאַס זיינען געוועזן „סקאַמייקעס" (קלאַס־ביינקלאך) מיט ביכער, סיי העברייאישע און סיי רו־סישע, און באַזונדערע העפטען צום רעכנען. און אויפ'ן וואַנט איז געהאַנגען א שיין (ערלויבניש) און אין צימער איז אויך געוועזן א טאַפעל מיט קרייד.

און א האַנט־שריפט האָט הערשעל געהאַט — אויף אַלע אידישע קינדער. די אידישע קינדער האָבען טאַקע אָנגע־הויבען זיך ציען צו הערשלען אין קלאַס. עס איז געוואָרען א מהומה אין שטעטל: הערשעל נעמט צו די פּרנסה פון

די מלמדים! און אויב מ׳האָט ניט אָפּגענומען אַן אינגעל פון אַ מלמד און אָפּגעגעבען צו הערשלען אין קלאַס — האָט מען כאָטש געדונגען הערשלען אַז ער זאָל קומען אין הויז און געבען אַ שעה. אָרימע עלטערען פלעגען צונויפנעמען צוויי־דריי אינגלאַך און הערשעל פלעגט זיי געבען אַ שעה.

און וואָס פלעגט הערשעל לערנען?

ערשטענס פלעגט ער אָנפאַנגען לערנען פון אַביכעל, וואו יעדעס וואָרט האָט באַדייטונג. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ נייעס. צווייטענס פלעגט ער לערנען מיט אַ העברעען קלאַס העברייאיש, פון אַ כריסטאָמאַטיע. און מיט לערנען אַ מעשה אַליין האָט זיך הערשעל ניט באַנוגענט. ער פלעגט אויך לערנען דקדוק פון אַ ביכעל. און אַז מ׳האָט פאַרשטאַנען וואָס מ׳לייענט — פלעגט ער אויסשרייבען דעם „החבר" אָדער „הפרחים", אַזש פון לוגאַנסק.

און דריטענס, האָט ער געלערענט רוסיש ממש. און אַז מ׳האָט געענדיגט איין טייל — האָט מען געלערענט אַ צווייטען טייל, און אפילו אַ דריטען טייל פון זעלבען רוסישען ביכעל. צו דעם אַלעס גראַמאַטיקע, אַריפמעטיקע און געאָגראַפיע.

חומש האָט ער געלערענט פון אַ קיצור. אָבער תנ"ך מיט׳ן „מקרא מפורש" פון טריוואוש און נאַטעק. און דאָ האָט זיך געפונען פאַר הערשלען אַ פלאַץ צו ווייזען זיינע ידיעות אין תנ"ך און דקדוק, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט. ער האָט געקענט כמעט דעם גאַנצען תנ"ך אויף אויסענווייניג.

און ווען הערשעל האָט דערזען אַ אינגעל, אָדער אַ מיידעל מיט פעהיגקייטען — האָט ער זיך ניט באַנוגענט מיט דער צייט וואָס ער לערענט זיין תלמיד, נאָר איז געוואָרען אָן אָפטער איינגייער אין הויז פון תלמיד אָדער תלמידה, פאַרפירען שמועסען מיט זיי, און אגב אַ שמועס עפּעס אַריינגנב׳נען, צו אַ טייטש אין תנ"ך, צו אַ כלל אין דקדוק. און טאַטע־מאַמע זיינען געווען צופרידען. הערשעל האָט געמאַכט זייערע קינדער פאַר גאַנצע קענער.

הערשעל האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דעם טרוקענעם לערנען. ער האָט גענומען צו הילף זיינע ידיעות אין מוזיק, און געזונגען לידלאַך מיט זיינע תלמידים, אויך געמאַכט ספּעקטאַקלאַך א.ד.ג.

הערשעל האָט זיך אַ מאָל אָנגעטאָן אַ כח און צוגעגרייט אַן אמת׳ן חנוכה־קאָנצערט. די קינדער האָבען זיך געגרייט אַ היבש שטיקעל צייט. די עלטערען האָבען געוואָלט קלייבען נחת, און דאָס שטעטעל גופא האָט אויך גערעדט צו עפּעס נייעס. אַלעס איז שוין געווען גרייט, אפילו שאַכנאָוו דער אוריאַדניק . . . ער האָט געדונגען די גרויסע הויז פון חיים ניסעל׳ן פאַר דעם צוועק. געמאַכט אַ ביהנע מיט אַ פאָרהאַנג, ממש אַ טעאַטער. די הויז איז געווען פול מיט תלמידים, עלטערען און געסט פון אַנדערע שטעטלאַך. אַלע וואַרטען מיט אומגעדולד אַז דער פאָרהאַנג זאָל זיך אויפהויבען, און אין מיטען דערינען קומט אַריין אַ פאָליציי־מאַן און פרעגט פאַר אַן ערלויבניש. הערשלען ווערט פינסטער אין די אויגען. ער האָט געמיינט אַז ער האָט גע׳פועלט ביי שאַכנאָוו׳ן איז שוין גענוג — אָבער עס הויבט זיך ניט אָן. דינג זיך אַהער, דינג זיך אַהין, דער פאָליציסקער לאָזט זיך ניט ריידען און לאָזט ניט די קינדער ריידען. דער עולם האָט געמוזט מיט ווייטאָג פאַרלאָזען דעם זאַל, און הערשעל האָט געמוזט אויפגעבען דעם געדאַנק פון מאַכען אַ קאָנצערט כל־זמן דער צאַר ניקאָליי דער צווייטער האָט געלעבט*).

* *
*

הערשעל איז געווען דער לערער (באַטאָנט „דער") פון האָראָדעץ ביז די ערשטע וועלט־מלחמה. דער עולם איז צולאָפען, די רוסען האָבען פאַרברענט אַ גרויסען טייל פון שטעטעל. דער דייטש איז אַריינגעקומען מיט זיינע אָרדנונגען, און הערשעל איז געבליבען אָן אַ קלאַס. און וואָס טוט אַ איד מיט אַ פרוי און פיר טעכטער וועלכע מען דאַרף געבען עסען, באַשוכען און באַקליידען? ער אַרבייט אין פעלד, מעג ער זיך זיין הערשעל דער לערער. ער אַרבייט שווער, אַקערט, זייט, שניידט א.ד.ג. און ווען דער דייטש עפענט אַ פאָלקס־שולע ווערט ער דאָרטען אַ לערער, און לערענט דייטש און אַנדערע לימודים.

אָבער הערשעל לעבט זיך ניט אויס אין דער פאָלקס־שולע. אים ציט צו זיין העברייאישע שולע. דער דייטש גייט אַוועק פון האָראָדעץ, און די פאָליאַקען קומען אַריין און ברייגנען אַריין זייער סאַדיסטישע שנאה צו אידען, מ׳רייסט אידישע בערד אין מיטען גאַס, מ׳שיסט אידען אָן קיין אורזאַכע. און אויך הערשעל און טוביה דער הארבאַטער ווערען געכאַפּט פון די פאָליאַקען אויף צו שיסען. פּוילישע רייטער יאָגען זיך אויף די פערד און טרייבען הערשלען מיט טוביה׳ן קיין קאַברין געשאָסען צו ווערען. עס העלפט ניט קיין בעטען, קיין געוויינען. דער פאָליאַק שרייט: „זשידזשי קאָמיניסטי", און הערשעל און טוביה זיינען „קאָמוניסטען" און מ׳דאַרף זיי שיסען.

קוים לעבעדיקע, אָן אַן אָטעם, זיינען הערשעל און טוביה אָנגעקומען קיין קאַברין. דער קאַברינער עולם איז צושראָקען. יעדער איינער האָט מורא טאָמער וועט ער זיין דער קומענדיגער אומשולדיגער קרבן. אָבער עס געפינען זיך מוטיגע אידען און קומען בעטען די פאָליאַקען אַז די מענשען זיינען גאָרניט שולדיג, אַז זיי זיינען ערליכע, שטילע מענשען. און צווישען די שתדלנים איז אויך געווען דער קאַברינער פּוילישער גלח וועלכער איז געקומען בעטען פאַר הערשלען און טוביה׳ן דעם הארבאַטען. און נאָך פיל מי, זיינען זיי האַלב־טויטע באַפרייט געוואָרען.

נאָך דעם טרויעריגען אינצידענט האָט הערשעל געזען אַז האָראָדעץ איז שוין ניט פאַר אים, אַז ער מוז אַנטלויפען פון דער בלוט־דורשטיגער פּוילען נאָך דער פרייער אַמעריקא. און פאַר פּסח, 1921, איז הערשעל געקומען קיין אַמעריקא.

הערשעל, כאָטש ער האָט נאָך ניט געקענט גוט ענגליש

*) דער אינצידענט איז געווען באַשריבען אין „היינט",1911.

און די מנהגים פון אַמעריקאַ, קריגט ער באַלד אַ לערער־שטעלע אין דער ספרינגפעלדער תלמוד־תורה, און פּאָמעראַנץ, אַזוי רופט מען אים, ווערט באַליבט ביי זיינע תלמידים און עלטערן און אויך געאַכטעט פון די כלי־קודש וועלכע זיינען די דעה־זאָגער פון דער תלמוד־תורה.

דער לערער פּאָמעראַנץ ווערט באַוואוסט אין דער גאַנצער סביבה דורך זיין אַרט לערנען און מאַכען קאָנצערטען. ער ווערט אויך טעטיג אין קהל'שע זאַכען. און ווען אין 1923 גרינדעט זיך אין ספרינגפעלד די העברייאישע אגודה „בן־יהודה" איז פּאָמעראַנץ איינער פון אירע טעטיגע חברים, און איז אויך פון די גרינדער פון דער דאָרטיגער העברייאישער ביבלאָטעק. און כאָטש ער האָט זיך אין אַ געוויסען זין אויסגעלעבט אין ספרינגפעלד — דאָך ציט אים נאָך דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. ער ציט זיך אַריבער קיין ניו־יאָרק און באַזעצט זיך אין פלעטבוש וואו ער ווערט אַ לערער אין אַ פּריוואַטע שולע, נוסח אַמעריקאַ. פאַרבינדט זיך מיט אַ שול, האַלט נאָך אַ לערער, וויל עפּעס אויפטאָן — אָבער עס לאָזט זיך ניט. עס איז ניט האָראָדעץ, און אפילו ניט ספּרינגפעלד. און אָפטמאָל מאַכט ער אפילו אַ פּרואוו פון אַראַנזשירען אַ קאָנצערט — און עס גייט ניט. דער געוועזענער הערשעל דער לערער און דער אַמעריקאַנער „ראַביי" פּאָמעראַנץ ווערט צובראָכען גייסטיג און קערפּערליך, און ווי אַ שאָטען גייט ער אַרום. רעדט וועגען זיין פאַרגאַנגענהייט, דערמאָנט זיין אַמאָליקע הצלחה און אויפטואונגען, און ווי אַ יורד רעדט פון זיינע אַמאָליקע עשירות — אַזוי רעדט הערשעל וועגען זיינע גוטע און גלענצענדע יאָרען וואו ער איז געווען געאַכטעט ביי יונג און אַלט. אַזוי רעדט הערשעל ביז פרייטיק צו נאַכט, דעם 9טען אַפּריל, 1943, ווען ס'ווערט אים ניט גוט, און אויפ'ן וועג צום האָספּיטאַל, שטאַרבט ער.

יהי זכרו ברוך!

משה חיה דבורה'ס

מיט יאָהרען צוריק, איז חיה דבורה'ס הויז געווען אַ סאָרט קלוב־הויז אין שטעטל. חיה דבורה, שלום קאַסטרינסקי'ס טאָכטער, איז געווען אַ היינט־וועלטיגע, און אויפגעקלערטע. זי איז געווען די ערשטע פרוי אין האָראָדעץ, וועלכע האָט אויסגעטאָן דעם פּאַרוק. אין דעם גייסט האָט זי אויפגעבראַכט אירע דריי טעכטער: אסתר, מחלה, איר בן־יחיד משה און צביה.

משה חיה דבורה'ס

חיה דבורה'ס הויז איז געווען אָפן פאַר יונג און אַלט. האָט איינער געוואָלט הערן אַ קלוג וואָרט — איז ער געגאַנגען צו חיה דבורה'ן, ווייל זי איז געווען זעהר אַ קלוגע פרוי, און אויב איינעם האָט זיך פאַרגלוסט אַ זינג טאָן, צו אַ שפּרינג טאָן — איז ער אויך געגאַנגען צו חיה דבורה'ן, ווייל ביי חיה דבורה'ן אין הויז פלעגן זיך צונויפקלייבן יונגוואַרג; מיידלאַך און יינגלאַך. מ'פלעגט פאַרברענגען און שטיפן. אויך רעדן וועגן ארץ־ישראל און זינגען אַ העברעאיש לידל.

פרומע טאַטע־מאַמע פלעגן ניט ערלויבן זייערע קינדער גיין צו חיה דבורה'ן, ווייל דאָרט איז מען געזעסן אָן אַ היטל, און זיך ערלויבט נאָך אַזעלכע קליינע פרייהייטען.

אין אָט דער הויז, איז משה חיה דבורה'ס אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. און ווי עס פירט זיך, האָט ער אויך געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע ערציהונג: געלערנט ביי מלמדים, געגאַנגען דאַווגען א. ד. ג. אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט שוין חיה דבורה פאַר אים געזוכט אַן אַנדער תכלית ווי די אַלע אַנדערע בחורים'לאַך פון שטעטל האָבן זיך אויסגעקליבן. און חיה דבורה האָט באַשלאָסן, אַז איר משה מיט זיין גוטן קאָפּ איז ניט באַשאַפן פאַר אַ בעל־מלכה, ניט פאַר אַ קרעמער און ניט אפילו פאַר אַ מלמד. אלא, וואָס דען? — משה דאַרף זיך לערנען רוסיש און אַלגעמיינע בילדונג. משה איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַן אינטעלעגענטער מענש, און דאַן וועט די וועלט זיין פאַר אים אָפן.

און וואָס טוט מען?

משה פאָרט אַוועק קיין וואַרשאַ און לערנט דאָרטן אין גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכענונג און קומט צוריק קיין

הארֲאדעץ. יום־טוב און קאַניקול (וואקאַציע) זעהען אַלע אַז משה איז אַ גימנאַזיסט. ער גייט דאָך אָנגעטאָן אין קנעפּ! אָבער משה אליין, איז שטיל, באַשיידן, בלאָזט גאָרניט פון זיך.

אָבגעלערנט אַ שטיקל צייט אין וואַרשאַ, פאָרט משה אוועק קיין ווילנאַ און לערנט דאָרטן אין אינסטיטוט און איז איינער פון די בעסטע תלמידים. און ווען ער קומט צוריק קיין הארֲאדעץ גייט די שטעטל כאָראָדאָם; און איינער זאָגט צום צווייטן:

— איר האָט שוין געזען משה חיה דבורה'ס?

— ווי געפעלט אייך עפּעס זיינע קנעפּ?

אָט די לעצטע פראַגע האָט צום מעהרסטן באַקימערט חיה דבורה'ן אַליין. וואָס וועט יעצט זיין? וואָס איז דער תכלית אַרומגיין שלינג און שלאַנג? אמת טאַקע, ער האָט שוין גע'פּטר'ט דעם פּריזיוו. וועט זיין משה'ס תכלית אַזוי ווי דער תכלית פון אַלע בחורים, חתונה האָבן?

אָט די אַלע פראַגן האָבן געעגבערט חיה דבורה'ס מוח. און דערווייליע, ביז וואָס־ווען, איז משה געוואָרן אַ לערער אין שטעטל, אָבגעגעבן „אוראָקן" (שעה'ן). ווער עס האָט געוואָלט אַז זיין זון אָדער טאָכטער זאָלן זיין געבילדעטע קינדער — האָבן געלערנט ביי משה חיה דבורה'ס. משה האָט זיי געלערנט רוסיש, מאַטעמאַטיקע, געאָגראַפּיע און אויך דייטש.

צום בעסטן האָט משה ליב געהאַט לערנען מאַטימאַטיקע. אין דעם לימוד האָט ער זיך אויסגעלעבט. די אַנדערע למודים זיינען געווען אַ ביי־זאַך, אַבי אָפּגע'פּטר'ט. אָבער ווען עס איז געקומען צו אַלגעבראַ אָדער געאָמעטריע, אָט דאָ, איז משה אויפגעלעבט געוואָרן. אַזוי, איז משה געווען אַ שטילער, אַ פאַר'חלום'טער.

און וועגן וואָס האָט משה גע'חלום'ט? האָט משה גע'חלום'ט וועגן אַן אַנדער גראַניטור אָן מעשענע קנעפּ און אָן אויסגעריבענע אַרבעל? האָט אפשר משה גע'חלום'ט וועגן אַ מיידל? אָדער האָט ער געטראַכט וועגן אַ בעסערן תכלית ווי געבן „אוראָקן"?

ניין, ניט דאָס האָט פאַרנומען זיין וועלטל.

משה איז געווען אַ מסתּפק במועט: אַ פּאַפּיראָס איז דאָ — איז ער שוין צופרידן. אמת, ער האָט ניט קיין שוועבעלע, ווייל ער האָט עס פאַרגעסן אין דעם תלמיד'ס הויז — אָבער ניט גדאגה'ט, ער וועט שוין קריגן אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן דעם האַלבן פּאַפּיראָס. און וואָס נאָך דאַרף משה? — ווינטער גיין אַ גליטש־טאָן אויפ'ן טייך. איי, ער האָט ניט קיין „קאָנקעס"? ער וועט שוין קריגן, אַנטלייען אַ פּאָר „קאָנקעס" (גליטשערס). ניטאָ קיין שלעכטע מענשן. און זומער? — זיך באָדען אין טייך. דאָס קאָסט שוין

אוודאי ניט קיין געלד. און טובות דאַרף מען אויך ניט בעטן. דער טייך איז גוט צו אַלעמען. אַבי מ'קאָן שווימען. און משה חיה דבורה'ס קאָן שווימען, אַ הארֲאדעצער בחור ווי אַלע אַנדערע בחורים.

אָבער, פאָרט, וועגן וואָס טראַכט משה? פאַרוואָס רעדט ער אַזוי ווייניג?. פאַרוואָס שווייגט ער? וועגן וואָס חלום'ט ער?

אַז משה איז פול מיט געדאַנקען, האָט מען געקענט זען פון זיין האַנדשריפט. ווען משה האָט גענומען די פעדער אין האַנד — האָט זיך געבונדן איין אות אין אַן אַנדערן, און דער עיקר געפלעקט, ווי זיינע געדאַנקען וואָלטן זיך וועלן אויסגיסן פאַר איין מאָל. און משה פלעגט שרייבן און שרייבן. און וועגן וואָס פלעגט ער שרייבן? שרייבט ער לידער אָדער שרייבט ער דערציילונגען אָדער גאָר אַרטיקלען אין רוסיש?

דאָס איז געווען אַ סוד. נאָר די סאַמע נאָענטע האָבן געוואוסט וועגן וואָס משה שרייבט. דאָס איז געווען אַ בוך וועגן מאַטעמאַטיק. און משה האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ גאַנצן בוך, פאַרהאַנדעלט מיט אַ ביכער־פאַרלאַג, אַרויסצוגעבן זיין בוך.

און פּלוצלונג ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. געשעפטן ווערן חרוב, דרוקערייען ווערן פאַרברענט, מענשן לויפן וואו די אויגן טראָגן. און צווישן די אַלע לויפנדע איז אויך משה מיט זיינע נאָענטסטע, וועלכע באַזעצן זיך אין רוסלאַנד. און משה ווערט ווייטער אַ לערער. נייע שטעדט, נייע תלמידים. זיינען אויך משה'ס געדאַנקען נייע? האָבן — זיינע חלומות געקראָגן נייע פליגלען? איז משה באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע־שטימונג אין רוסלאַנד? און וואָס זיינען דאַן באַשטאַנען משה'ס אידעאַלן? האָט ער געטראַכט וועגן וועלט־פּראָבלעמען?

ווער ווייס? משה איז געבליבן דער זעלבער שוויינענדער און פאַר'חלום'טער משה. ער האָט ווייטער געטראַכט וועגן פאַרשיידענע פאַרפּלאָנטערטע מאַטימאַטישע פּראָבלעמען און אַ וועג ווי אַזוי זיי צו לייזן. ווען משה האָט נאָר אַביסל פרייע צייט, ס'מאַכט ניט אויס צו ער האָט וואָס צו עסן, צו ניט — משה זיצט און טראַכט זיינע חשבונות. און איינמאָל, איז דער פאַר'חלומ'טער משה פאַרשוואונדען געוואָרן ווי אַ חלום. און עד היום ווייס מען ניט וואו משה איז אהינגעקומען.

איז משה געשטאָרבען אַ נאַטירלעכן טויט? צו איז ער פון הונגער אויסגעגאַנגען? אָדער דער'הרג'עט געוואָרען?

קיינער ווייסט ניט. זאָל משה'ס נאָמען פאַרצייכנט ווערן אין אונזער בוך, און זאָל זיין אָנדענק בלייבן ביי אַלע הארֲאדעצער!

מיידעלשע חדרים

פיעלע מאָל זיינען געפרעגט געוואָרען די פאָלגענדע פראַגעס: „וואו האָבן זיך אויסגעלערנט אונזערע מאַמעס און באָבעס צו דאַוונען, לייענען דעם טייטש־חומש, שרייבן אַ אידיש בריוול און אַנדערע האָבן געקענט אויך אָנשרייבן אַ רוסישען אַדרעס? ווער זיינען געווען זייערע מלמדים, אַז איינ־יגע פון זיי האָבן מעהר־ווינציגער אויך פאַרשטאַנען וואָס זיי דאַוונען?"

אמת, טאַקע, אין האָראָדעץ האָט מען ניט געלערנט די מיידלאַך חומש, אָבער דעם „צאינה וראינה" פלעגן זיי לייענען אַלע שבת, און אַז די באָבע האָט שבת ניט געענדיגט די סדרה האָט זי איר פאַרענדיגט אין מיטן־וואָך. און וועלכע מאַמע איז ניט געגאַנגען שבת אין בית־המדרש דאַוונען? און אויב זי האָט ניט געקענט אַזוי גוט דאַוונען אָדער אויפמישן „וואו מ'האַלט" — פלעגט זי זיך צוזעצען צו אַן אַנדערע, אַ קענערקע, און זי פלעגט איר נאָכזאָגען

ווער האָט דאָס אַריינגעגבן אָט דעם רעליגיעזן געפיל אין די הערצער פון די אידישע פרויען?

וואו האָט זיך עס גענומען דער רעליגיעזער פונק ביי אונזערע באָבעס, אַז זיי פלעגן גיין אפילו דאַוונען מנחה און מעריב? און פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אָט די הייליגע מורא ביי פיעלע פון די עלטערע אידענעס אַז ראש־השנה און יום־כפור פלעגן זיי שטיין דעם גאַנצען דאַוונען און זיך ניט צוזעצן?

מ'מוז צוגעבן אַז די גייסטיג־רעליגיעזע אַטמאָספערע האָט געשאַפן די דאָזיגע אומשטענדען, אַז מ'זאָל קענען אויסוואַקסען אַזעלכע מאַמעס און באָבעס, אָבער ניט קיין ביסל האָבן צוגעגעבן די רבי'צינס וועלכע פלעגן זיי לערנען. אָט די מלמד'יכעס זיינען אַליין געווען זייער פרומע און אָפּגעהיטענע אידישע פרויען, און טאַקע זיי פלעגן אויספורעמען די צוקינפטיגע אידישע מאַמעס.

די מלמד'יכע אָדער רביצין, ווי מ'האָט איר גערופן, איז געווען אַנדערש פון מלמד. דאָס רוב מלמדים זיינען געווען מלמדים די גאַנצע יאָרן, ביז וואַנען זיי פלעגן שטאַרבן. אין געגענזאַץ די רביצין האָט אָנגעהאַלטען איר מלמדות צייטווייליג, ביי איר איז דאָס געווען אַ נעבן־זאַך, און טאַקע פאַר אַ קליינע צייט, און אָפּטמאָל איז דאָס געווען ביי איר אין דער בחינה פון אַן „עזר כנגדו", דעם מאַן'ס אַן ארויסהעלפערין.

אָט האָט געלעבט אין האָראָדעץ, מיט אַ הונדערט יאָר צוריק מרים די רבי'צין. זי איז געווען ירמיהו זרח'ס ווייב. ירמיהו זרח איז געווען אַ שוחט און אַ מלמד, און זיין ווייב מרים איז געווען אַ מלמד'כע פאַר מיידלאַך. מיידלאַך פלעגן קומען צו איר אין שטוב לערנען.

מ'זאָגט אַז זי איז געווען אַ גאַנצע מלומדת. און וואָס האָט זי געלערנט אירע „מיידלאַך"?

זי האָט זיי געלערנט דאַוונען, לייענען דעם טייטש־חומש, אָנשרייבן אַ בריוול דעם צוקונפטיגען חתן — און די רעשטע האָט שוין די מאַמע דערלערנט, ווי כשר'ן פלייש און די אַנדערע מצוות וואָס אַ אידישע טאָכטער דאַרף וויסן.

און אַז ווישקע, אייזיק'ס ווייב, איז געוואָרען אַן אלמנה האָט זי געעפענט אַ „חדר" ביי זיך אין שטוב און גענומען קנעלען מיט די האָראָדעצער מיידלאַך די זעלבע תורה וואָס מרים די רביצין האָט געקנעלט.

וועדליג עס זעט אויס האָט די אויבענדערמאָנטע בילדונג ניט צופרידענגעשטעלט דעם נייעם דור: „נייע פויגל — נייע געזאַנג", און דער עולם האָט אָנגעהויבען פאָדערן אַז די מיידלאַך דאַרפען אויך קענען אָנשרייבען אַ רוסישן אַדרעס, און דאָ האָט זיך שוין געפאָדערט אַ מאַן, וואָס קען אויך אַ ביסעל רוסיש און וואָס איז שוין מער מאָדערן. די דאָזיגע פונקציעס האָט שוין ווישקע ניט געקענט ערפילן.

דאַן האָט זיך שוין באַוויזן אברהם משה, דער זון פון אי־טשע סילקע'ס, אַ יונגערמאַן וועלכער האָט שוין אַריינגעקוקט אין אַ טריף־פסול און איז געוו׳ן אַ האַלבער אינטעליגענט, ער ער פלעגט שוין אַריינקומען צו דער מיידעל אין שטוב אַריין, און דאָרטען מיט איר לערנען. ער פלעגט שוין אויך מיטברייגען אַ בריפענשטעלער און איינקנעלען מיט דער מיידעל ווי צו שרייבען אַ בריוול צו אַ חתן, אַ מחותן און דאָס גלייכען.

כמעט יעדע האָראָדעצער מיידעל האָט געקראָגען אַזאַ סאָרט בילדונג. די טעכטער זיינען געווען צופרידען און אויך די עלטערן האָט דאָס הנאה געטאָן, ווייל ס'האָט זיך אויסגעלאָזען צו עטליכע גילדן, און די מיידעל איז אויסגעוואָקסן אַ אידישע טאָכטער.

אָבער, דער פראָגרעס שטייט ניט אויף איין אָרט: נייע ווינטען הויבן אָן בלאָזן, און אויך אין האָראָדעץ פאַרבלאָנדזשען זיי. מ'איז שוין ניט צופרידען מיט'ן בריפענשטעלער און אַ רוסישן אַדרעס, מ'וויל שוין אויך קענען לייענען אַ רוסישן ביכל, און אַנדערע האָבן גאָר חשק צו לייענען לשון קודש. אויך דער פאַרלאַנג ווערט ערפילט, און טאַקע דורך אַן האָראָדעצער בחור, און דאָס איז שמשון (לייען: שאַמשען) אַלטער וויסאָצקי'ס. אָט דער שמשון האָט געשטאַמט פון אַ מיוחס'דיגער פאַמיליע פון דער מאַזורסקי'ס, און אַליין איז ער אויך געווען אַ יחסן: אַ שעהנער בחור, געקענט העברעאיש און רוסיש און אויף חשבונ'ען איז ער געווען אַ מאַדים.

שמשון האָט געמאַכט אַ „חדר" פאַר מיידלאַך' ער האָט זיי געלערנט שרייבן אידיש און רוסיש און אויך חשבון. דאָס איז שוין געווען אַ דערגרייכונג. אָבער, אויף לאַנגע יאָרן האָט זיך שמשון'ס „חדר" ניט אָנגעהאַלטען. ווי פריהער געזאָגט, דער מיידעלשער „חדר" איז געווען אַ צייטווייליגע

פרנסה, ביז וואנען ס'וועט זיך מאכען עפעס בעסערס. און שמשון איז אוועקגעפארען קיין ווילנא און איז געווארן א בוכהאלטער.

אבער וואס טוט מען פארט מיט די הארַאדעצער מיידלאך וואס דורשטן נאך בילדונג?

דא האט זיך אונטערגעכאפט יודעל חיה מרים'ס, א יונגער בחור, וועלכער האט פארמאגט זכות אבות און אויך זכות עצמו: ער האט געשטאמט פון דער צווייטער יחוס'דיגע משפחה, די קאסטרינסקי'ס און אליין איז ער געווען א וואויל געלערנטער. יודעל איז געגאנגען אין שמשונ'ס פוס־טריט, און ער האט פארטגעזעצט זיין דרך הלימוד. אבער אויף לאנגע יארן האט דאס ניט אנגעהאלטן, ווייל זעהר יונג איז יודעל געשטארבן.

און גאט פארלאזט ניט הארַאדעץ: אין גאס ווערט א מיידיל'שער „חדר" און דער לערער איז א מלמד בן מלמד, דאס איז חנא צדוק'ס. חנא האט שוין אויך געלערנט מיט די מיידלאך התחלת חומש, געקנעלט דעם בריפענשטעלער און אויך דעם „רוסקאיא רעטש", און אויב מ'האט ניט פארשטאנען די דייטשמערישע ווערטער אין בריפענשטעלער — איז אויך גוט געווען. און די הארַאדעצער מיידלעך זיינען פון אים ארויס גאנצע „קענערקעס".

אויך, חנא'ס „חדר" האט לאנג ניט עקזיסטירט. ס'איז אונטערגעשפרונגען אונערווארטעט א גאר פרעמדער און מיט אים האט זיך אנגעפאנגען א נייע עפאכע אין הארַאדעצער חינוך, דאס איז הערשל פאמעראנץ. און חנא'ס „חדר" האט אנגעהויבן אונטערגיין, ביז וואנען חנא איז אליין אוועקגעגאנגען פון הארַאדעץ און זיך באזעצט אין אמעריקע.

***

פיעלע וואסערן זיינען אריבערגעלאפן און מיר קוקן אויף צוריק און זאגן: א דאנק אייך פרומע, ערליכע רביצינס און מלמדים וואס איר האט געלערנט אונזערע מאמעס און באבעס. זאל אייך דער דאזיגער זכות בייסטיין!

רופאים

נפתלי דער רופא

פון הרב מרדכי גרינבערג

א.

נפתלי דער רופא איז אייגענטליך ניט געווען אַ האָראָ־דעצער געבוירענער, אָבער ער האָט זיך אַזוי איינגעבירגערט און איינגעלעבט אין האָראָדעץ, אַז מען האָט אַנדערש ניט



נפתלי (ווייסמאַן) דער רופא

געטראַכט ווי אַז ער איז אַ האָראָדעצער פון אבות אבותיו. געשטאַמט האָט נפתלי פון דראָהיצין, ניט ווייט פון האָראָדעץ. זיין פאָטער איז געווען ר׳ שמעון, דער באַוואוס־טער רופא אין דראָהיצין און אומגעגנד. ווי עס זעט אויס האָט נפתלי געקראָגען זיינע ערשטע ידיעות אין מעדיצין פון זיין פאָטער.

אין האָראָדעץ איז נפתלי אָנגעקומען נאָכ׳ן טויט פון זיין זיידען, בנימין דער רופא, וועמענס אָרט ער האָט פאַר־נומען. ער האָט שוין געהאַט אַביסעל פּראַקטיקע מיט אַ נאָמען פאַר אַ גוטען רופא. דאָס האָט אים געגעבען אַ באַרעכטיגונג צו יערליכע געהאַלט פון הונדערט רובל אַ יאָר, וואָס דאָס שטעטל האָט אים געגעבען. לויט׳ן אָפּמאַך האָט נפתלי געזאָלט נעמען אַ באַשטימטען פּרייז פאַר אַ וויזיט — אויסער מעדיצין, וואָס ער פלעגט אַליין צוגרייטען — איין פּרייז פאַר אַלע, רייכע און אָרימע, דער זעלבער פּרייז. אָבער נפתלי האָט ניט געוואָלט נעמען געצאָלט פון די ניט־פאַרמעג־ליכע פּאַציענטען. ער פלעגט זיי קורירען אומזיסט און אפילו געבען מעדיצין אָן געלט. ער פלעגט נאָך אָפט געבען זיי הילף — געלט פון זיינע קליינע פאַרדינסטען.

נפתלי איז געווען זייער אַ פריינדליכער פּערזאָן. אַלע־מען האָט ער געשעצט און אַרויסגעצייגט ברידערליכקייט. איבערהויפּט איז זיין באַציאונג צו אָרימע לייט געווען אויסערגעוויינטליך פריינדליך. ער פלעגט אַרויסווייזען צו זיי סימפּאַטיע און געשטרעבט מאַכען זיי גוט פילען. ווען ער פלעגט באַגעגענען אַן אָרימען מענשען אין גאַס, פלעגט ער אים פריהער באַגריסען. שבת נאָכ׳ן דאַווענען אין שול, פלעגט ער זאָגען צו יעדען איינפאַכען און אָרימען אידען „גוט שבת”. קומענדיק צו אַ חולה אין הויז, פלעגט נפתלי אַריינברענגען פרייד און ערמוטיגונג. זיין מאָטאָ איז געווען דער פסוק פון איוב: „כושל יקימון מליך” — „דעם גע־שטרויכעלטען זאָלען אויפשטעלען דיינע רייד”. דעריבער פלעגט ער געבען דעם חולה די גייסטיגע מעדיצינען וואָס זיינען נויטיג פאַר אים, שטאַרקען אים מיט רייד און צייגען אים מיטגעפיל. אַזוי אַרום פלעגט ער אים געבען גייסטיגע

ווייטאַמינען און אַריינגעבען אין אים האָפענונג, אַז ער וועט גיך געזונט ווערען. דאָס אַלעס האָט אַרויסגערופען אַנערקענונג צו אים פון אַלע האַראָדעצער איינוואוינער. אַלע האָבען באַקומען גרויס צוטרויען צו אים. אידען און גוים האָבען אים געשעצט און גערימט. ער איז געווען אויך באַוואוסט פאַר די פיל צדקה'ס און גמילות חסדים וואָס ער פלעגט געבען מיט אַן אָפענע האַנט.

די ערשטע יאָרען האָט נפתלי ניט געקאָנט מאַכען קיין לעבען אין האַראָדעץ. פאַרשידענע אורזאַכען האָבען מיטגעבראַכט צו דעם, אורזאַכען פאַרשטענדליכע פון דעם אַרט לעבען וואָס ער האָט געפירט. און די הויפּט אורזאַכע איז געווען קאָנקורענץ. אין האַראָדעץ זיינען דאַן געווען נאָך צוויי רופאים, גויאישע. אמת, זיי האָבען געוואוסט אַ „קרענק". זיי האָבען אָבער פאַר זייער וויסען זיך באַנוגענט מיט ווינציג. זיי האָבען גענומען אַ קליינעם פּרייז. די מערסטע פּאַציענטען זיינען באַשטאַנען פון פּויערים פון די אַרומיגע דערפער, זייער קולטור איז געווען נידעריג, פלעגען זיי גיין נאָר צו די גויאישע פעלדשערס, און נפתלי איז געבליבען אַ רופא אָן פּאַציענטען.

ניט האָבענדיג קיין פּרנסה, איז נפתלי אַוועקגעפאָרען קיין וואַרשא און געוואָרען אַ סטודענט. זיין פאָטער האָט אים געגעבען די פינאַנציעלע מעגליכקייט פאַר דעם.

נפתלי איז געזעסען אַ צייט אין וואַרשא, געגאַנגען אויף קורסען, און געקומען צוריק אין האַראָדעץ אַלס דענטיסט. ער האָט געבראַכט מיט זיך די גאַנצע געציייג וואָס עס פאָדערט זיך צו דעם, און הויבט אָן פּראַקטיצירען דענטיסטריי. פון דאַן אָן הויבט מען אים אָן רופען מיט'ן צווייטען נאָמען, „וויסמאַן", און פון אַלע שטעטלאך און דערפער אַרום האַראָדעץ, קומט מען צו אים היילען ציין. נפתלי פּראַקטיצירט נאָך צו דעם אויך אַלס רופא. אָבער דער פּראָבלעם פון פּרנסה איז נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט. דענטיסטריי האָט אים ווינציג אַרויסגעהאָלפען. ער פאָרט אַ צווייטען מאָל קיין וואַרשא, ווערט ווייטער אַ סטודענט. דעם מאָל זיצט ער אין וואַרשא אַ לייגגערע צייט, גייט נאָך אַמאָל אויף קורסען און קומט צוריק אַלס אויגען־דאָקטאָר. אַזוי אַרום איז נפתלי געוואָרען אַ דרייפאַרכיקער דאָקטאָר, אָבער אָן אַ דיפּלאָמע. די באַגרענצונגען וואָס די צאַרישע רוסלאַנד האָט דאַן געמאַכט פאַר אידישע סטודענטען, האָבען געמאַכט פאַר אים אוממעגליך אַז ער זאָל קריגען דעם אָפיציעלען טיטול „דאָקטאָר".

די פּראָבלעם פון פּרנסה בלייבט די זעלבע ווי געווען. זיין פרוי דינה שטאַרבט אָפּ און לאָזט אים איבער מיט עטלעכע קליינע קינדער. נפתלי איז פאַרצווייפעלט אָבער ער גייט אָן מיט זיין אַרט לעבן ווי פריער, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געטראָפען אין זיין פּערזענלעכען לעבען. דאַן הויבט ער אָן זוכן וועגען, צו פאַרבעסערען זיין מאַטעריעלען שטאַנד. ער הויבט אָן קלעהרען וועגען פאַרלאָזען האַראָדעץ און אַרויספאָהרען אין אַ גרעסערער שטאָט. אים איז שווער צו שיידען זיך מיט האַראָדעץ, ער וויל ניט, אָבער ער איז געטריבען צו אונטערנעמען דעם שריט, דורך זיין גרויסען נויט.

נאָך אַ שווערן און אינערליכען קאַמף, באַשליסט נפתלי צו פאַרלאָזן האַראָדעץ און באַזעצט זיך אין דער נאָהענסטער גרעסערער שטאָט קאָברין, ווערט דאָרטן גלייך באַפריינדעט מיט די אָרטיגע דאָקטוירים. ער ווערט זייער קאָלעגע און ווי אין האַראָדעץ, אַזוי איז ער אויך אין קאָברין; אַ טעגלאַכער באַזוכער ביי די דאָרטיגע רבנים, און היילט די ניט פאַרמעגלאַכע גאַנץ אומזיסט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרלאָזט נפתלי קאָברין און באַזעצט זיך אין בריסק. דאָרטן פּראַקטיצירט ער שוין נאָר בלויז אַלס אויגן־דאָקטאָר און קריגט באַלד אַ גוטן נאָמען, אַלס גוטער אויגן־דאָקטאָר און ווערט באַפריינדעט מיט אַלע אָרטיגע דאָקטוירים. אָבער נפתלי, זעצט פאָר דעם זעלבען רוטינעם לעבן זיינעם, ווי אין האַראָדעץ. ער לערנט תורה, היילט אומזיסט און פאַרברייננגט זיין צייט מיט רבנים אין תורה שמועסן. נפתלי פאַרבלייבט דער זעלבער גביר ווי געווען, ווייל פון אַזאַ סאָרט לעבן, איז שווער צו מאַכן אַ לעבן. ער איז געווען ערפאָלגרייך בלויז אין גייסטיגן זין, אָבער ניט אין מאַטעריעלישען, ער האָט פאַרמאָגט תורה אָן קמח.

נפתלי איז געווען אַ בוך־מענש, אים האָט געצויגען נאָר צום ספר. אין אַ בריוו צו מיר, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, שרייבט ער מיט באַגייסטערונג, אַז אַם ענדע, האָט ער מחבר געווען אַ דרוש־ספר, אַ סאָרט ענציקלאָפּידיע פון אַלע דרשות חז"ל, וואָס זיינען צושפּרייט אין תלמוד מדרשים און זהר. ער שרייבט אויך, אַז די בריסקער רבנים האָבן אים געגעבן זייערע הסכמות אויפן ספר און גערימט דעם ספר אַלס נוצלעכן פאַר יעדען. די מלחמה איז אָנגעקומען און מער קיין בריוו האָב איך שוין ניט ערהאַלטען פון אים. וואָס עס איז געוואָרן פון זיין ספר איז ניט באַקאַנט.

אַ זעלטענער פּערזאָן איז געווען נפתלי דער רופא. באַזעסן תורה מיט חכמה, מדות ומעשים טובים. אַ מוסטער פון גייסטיגער הויכקייט און ראַפינירטע זיטלעכקייט. געווען אַ פאָלק־מענטש און מיט אַלעמען גלייך. ער איז איינגעקריצט אין זכרון פון אַלע וואָס האָבן אים געקאַנט.

עהרע זיין אָנדענק!

וויטקין

פון מחלה טימאָנער

אַז נפתלי דער רופא איז אַרויסגעפאָרען פון האָראָדעץ, איז דאָס שטעטעל געבליבען זעהר פאַרטרויערט: ווי קען מען עס לעבען אָן אַ רופא? ס'איז דאָך אַ בפירוש'ע גמרא (ירושלמי סוף קידושין): „אסור לדור בעיר שאין בה לא רופא ולא מרחץ" (מ'טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָט אָן אַ רופא און אָן אַ מרחץ), און מ'האָט אָנגעהויבען זוכען אַ רופא. אָבער ניט יעדער רופא האָט געקענט פאַרנעמען נפתלי'ס פּלאַץ. סוף־סוף האָט זיך אָפּגערופען אַ רופא פון אַן אַנדער שטאָט און די האָראָדעצער בעלי־בתים האָבען איינגעשטימט, אַז ער איז ראוי צו זיין רופא אין האָראָדעץ. ערשטענס, איז ער אַ רופא מומחה; צווייטענס, האָט ער אַ גאַנץ היבשע משפּחה, און דאָס מיינט אַז ער וועט ניט אַזוי גיך פאַרלאָזען דאָס שטעטעל און דריטענס, ער האָט אַ זון אַ שערער. דאָס לעצטע איז געווען איינע פון די מעלות, וואָס איז אָנגעגעבען געוואָרען אין נדן, ווייל אין האָראָדעץ איז קיין שערער ניט געווען. און אַז אַ איד האָט זיך גענדאַרפט אָפּשערען, איז ער געפאָרען קיין אַנטיפּאָליע, אָדער קאָברין זיך שערען, אַ ניט פלעגט דאָס ווייב אָדער עמיצער אַן אַנדערער פון דער משפּחה פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ שערער. זעהר זעלטען פלעגט אַן אַנטיפּאָליער שערער קומען קיין האָראָדעץ אָפּשערען די פאַרוואָקסענע קעפּ, דאָס פלעגט טרעפען אַ ל"ג בעומר אָדער אַמאָל פאַר אַ יום־טוב.

די האָראָדעצער האָבען טאַקע מיט'ן רופא כ. קיין טעות ניט געמאַכט. אָבער צוויי חסרונות האָט ער געהאַט: ער האָט ליב געהאַט מאַכען אַ „פּאַרך", דאָס הייסט, ערגער מאַכען די קריינק, כדי מ'זאָל זיך דאַרפען ביי אים לאַנג היילען (אַזוי האָט מען געזאָגט אין שטעטעל), און צווייטענס, האָט ער ליב געהאַט דעם ביטערען טראָפּען . . .

די האָראָדעצער בעלי־בתים האָבען זיך אַרומגעזען אַז ס'איז שלעכט, און מ'האָט אָנגעהויבען זוכען עצות ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם דאָזיגען רופא. נאָכ'ן אָפּזיין אַ פּאָר יאָר איז ער מיט זיין משפּחה אַרויסגעפאָרען פון שטעטעל. האָראָדעץ איז צוריק געבליבען פאַר'חושכ'ט, און ווידער האָט מען אָנגעהויבען מאַכען אסיפות, זוכען מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס שטעטל און קריגען אַ גוטען, ערליכען רופא. מ'האָט געלאָזט דרוקען אַנאָנסען אין די גאַזעטען און רופאים פון רוסלאַנד און פּוילען, יונגע און אַלטע, האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף האָראָדעץ. ס'איז ניט געווען קיין טאָג אַז ס'זאָל ניט קומען אַ נייער רופא אויף פּראָבע. איינער אַ רופא, ער איז געווען אַן עלטערער איד מיט אַ באָרד, האָט זיך ספּעציאַליזירט אין שטעלען באַנקעס. און אַז שטעלען באַנקעס — זאָל זיין געשטעלט אפילו אויף ליידענדע פיס פון רומאַטיזם . . .

אַזוי אַרום האָט מען זיך אָנגעפּלאָגט ביז וואַנען ס'איז אָנגעקומען דער רופא דוד וויטקין.

וויטקין איז אויך געווען אַ דיפּלאָמירטער ציין־דאָקטאָר, צו וועלכען מ'איז געקומען היילען ציין פון גאַנצען געגענד. און אויסער וואָס ער איז געווען אַ רופא און אַ דענטיסט, איז זיין פרוי געווען אַ געענדיגטע פּראַקטיצירטע אַקושאַרקע. אַ זאַך אין וואָס האָראָדעץ האָט זיך שטאַרק גענויטיגט. און ביידע, דער פעלדשער און זיין פרוי, האָבען געבראַכט גרויס נוצען האָראָדעץ. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען פון 1908 ביז'ן זומער 1915, ווען מ'האָט אָנגעהויבען אַנטלויפען פאַר'ן דייטש. דעמאָלט איז דער פעלדשער מיט זיין משפּחה אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד. דאָרט איז ער געוואָרען אַ מיליטערישער דאָקטאָר.

וויטקין'ען האָט מען ניט גערופען רופא, ווי די פריהערדיגע האָראָדעצער רופאים. אים האָט מען שוין באַטיטעלט מיט דעם רוסישען נאָמען פעלדשער, ווייל ער און זיין גאַנצע הויזגעזינד זיינען געווען זעהר רוסיפיצירט. ביי וויטקין'ען האָט מען ניט געהערט רעדען קיין אידיש. ער און זיין פרוי האָבען די ערשטע צייט גערעדט זעהר אַ שלעכטען אידיש, און זייער הויז איז געווען די ערשטע אידישע הויז אין האָראָדעץ וואו מ'האָט גערעדט נאָר רוסיש. דאָרטען האָט מען אויך געקענט קריגען די רוסישע טעגליכע צייטונגען פון פּעטערבורג אָדער מאָסקווע. און אַז איינער האָט געוואָלט אַריינקוקען אין אַ ליבעראַלען רוסישען זשורנאַל, האָט מען עס געפונען ביי וויטקין'ען. בכלל, איז זיין הויז געווען דער צענטער פון דער האָראָדעצער רוסיפיצירטער אינטעליגענץ. דאָרטען פלעגען זיך אויך צוזאַמענקומען ביי אַ גלעזעל טיי דער פּאָסט־בעאַמטער און אַנדערע שטאָטישע בעאַמטע.

כאָטש וויטקין איז געווען שטאַרק רוסיפיצירט, און איז נישט געווען אויסגעמישט מיט'ן האָראָדעצער אידישען עולם, האָט ער דאָך געהאַט זעהר אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט צווישען די אידען פון האָראָדעץ און אומגעגענד, אַ דאַנק זיין ערליכקייט און זיין ברייטער האַנט, סיי פאַר אידען און סיי פאַר קריסטען. סיי קריסטען, סיי אידען האָבען פון אים שטאַרק געהאַלטען. זיין קאַבינעט איז שטענדיג געווען פול מיט פּאַציענטען. אין זיין פרייער צייט איז ער שטענדיג געווען פאַרנומען מיט מאַכען רעצעפּטען.

עד היום דערמאָנען נאָך די האָראָדעצער דעם פעלדשער וויטקין מיט אַכטונג און דרך־ארץ.

צווייטער טייל

אַ פערטל יאָהרהונדערט

(1914—1939)

אַ פּערטל יאָרהונדערט

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

פון בנימין שלמה זוסמאַן

„דער אויסלייזער"

די גרויזאַמע מלחמה האָט שוין געבושעוועט איבער דער וועלט פאַר שיינע עטליכע מאָנאַטען. מען האָט גערעדט, און די צייטונגען האָבען געשריבען, אַז דער דייטש רוקט זיך אַלץ נעענטער אויף בריסק, און אָט שלאָגט מען זיך אין בריסק. פלוצלונג (עס איז געווען, דענק איך, אין אַ דאָנערשטאג אין דער פרי) האָט מען דערהערט דעם גערויש פון דעם ערשטען דייטשישען עראָפלאַן. אַלע זיינען אַרויסגעלאָפען אין גאַס, אָנגעשטעלט די אויגען אויפ'ן הימעל און, יא, מען זעט עפּעס אַ קליינס, אָדער ווי אַ גרוים פויגעל, פליט אין דער לופטען און מאַכט אָן אַ געוואַלדיגען רויש. מען האָט דעם רויבער־פויגעל מער ניט געזען ווי אַ פינף מינוט. ער איז ערגעץ וואו פאַרשוואונדען געוואָרען אין די הימלען. דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל פאַר אַלעמען, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן שנעל, אַנטלויפען, זיך באַהאַלטען, ווייל די מורא איז געפאַלען אויף אַלעמען אַז אָט, אָט, און די מלחמה וועט שוין דאָ זיין, ביי דעם האָראָדעצער טייך „דניעפּער־בוג". אָבער וואוהין לויפט מען? און מיט וואָס? און מיט אַמאָל האָט גאַנץ האָראָדעץ גענומען לויפען צום וואָקזאַל, און אָט פאַרוואָס: די רוסישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבען אַן אָרדנונג: אַז די וועלכע ווילען אַוועקלויפען טיף אין רוסלאַנד, און אויסמיידען דעם אָנקומענדען דייטש — וועט זי זיי פירען פריי מיט'ן באַן. האָבען כמעט אַלע גויים פון אונזער שטעטעלע האָראָדעץ איינגעפּאַקט וואָס זיי האָבען נאָר געקענט און געפאָרען צום וואָקזאַל. און אַזוי ווי זיי האָבען ניט געקענט מיטנעמען מיט זיך זייערע פערד און וועגענער האָבען זיי דאָס פאַרקויפט שפּאָט ביליג. דערפאַר זיינען אַלע געלאָפען צום וואָקזאַל אָפּקויפען די פערד און וועגענער. דערהערט אַזאַ זאַך, לויף איך שוין אויך צום וואָקזאַל. איך האָב איינגעהאַנדעלט אַ ווייס פערדעל וואָס האָט צוגעהונקען אויף איין פוס, מיט אַ שיינעם וואָגען, גראָדע מיט פיר גאַנצע רעדער, און קום אַ היים. מיין פאָטער איז דאַן געווען אין מאָסקווע, וואו ער איז געפאָרען זיך היילען אויף זיינע קראַנקע פיס. מיין שוועסטער

באַבעל און ברודער יודעל זיינען שוין געווען אין אַמעריקע, שוין פון עטליכע יאָר. מיין ברודער ישראל איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי. גאַנץ האָראָדעץ האָט זיך געפּאַקט, און איך און מיין מוטער האָבען זיך אויך געפּאַקט. מיר האָבען מיטגענומען אַ ביסעל בעט־געוואַנט, מלבושים, אַ בענקעל, אַ טישעל, צוגעבונדען דער בהמה מיט אַ שטריקעל צום וואָגען, און היידא אין וועג אַריין. ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעפאָרען אויפ'ן שאָסיי, וואָס פירט קיין אַנטיפּאָליע, האָט אונז די רוסישע פּאָליציי גלייך אָפּגעשטעלט. מיט'ן שאָסיי האָט מען קיינע ציווילע פורען ניט דורכגעלאָזט, ווייל דער וועג האָט באַדאַרפט זיין פריי פאַר דעם מיליטער, וועלכער איז געלאָפען ווי היישעריקען, צום פראָנט און פון פראָנט (דאָס לעצטע מער). זיינען מיר שוין אַרונטער פון שאָסיי און גענומען בלאָנדזשען דורך פעלדער אין פאַרשיידענע אומבאַקאַנטע וועגען. און אַזוי האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע שורה פון הונדערטער וועגענער פון האָראָדעץ און אומגעגענט, געפאָרען, געלאָפען אָן אַ ציל, געלאָפען זוכען אַ באַהעלטעניש פון פייער.

נאָך אַכט שעה שלעפען זיך איבער די פרעמדע פעלדער און וועגען, זיינען מיר אָנגעקומען קיין אַנטיפּאָליע. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבען מיר באַשלאָסען ווייטער ניט פאָרען. אַ סך מענטשען זיינען געפאָרען ווייטער, נאָר מיר האָבען זיך דאָ אָפּגעשטעלט. מיר האָבען זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט: איך האָב אויסגעגראָבען אַ גרוב און באַגראָבען די ביסעל האָב־און־גוטס וואָס מיר האָבען מיט זיך געבראַכט, און אַליין האָבען מיר זיך אַוועקגעלאָזט מיט'ן פערד און וואָגען עטליכע ווי־אָרסט הינטערען שטאָט איבערצואוואַרטען ביז די דייטשען וועלען אַריין. אין שטאָט איז געוואָרען אומעגליך צו בלייבען. אַלע זיינען אַנטלאָפען. אויפ'ן פעלד זיינען געווען בוכשטעבליך טויזענטער מענטשען מיט זייערע פערד און וועגענער און בהמות. דאָרטען זיינען מיר אַזוי „אָפּגעזעסען" דריי טעג און דריי נעכט. די שרעק און די צרות וואָס מיר האָבען דאַן דורכגעלעבט איז ניט גרינג צו באַשרייבען. מיר פלעגען ליגען באַנאַכט

אויף די פעלדער, און די קוילען פון די האַרמאַטען זיינען ממש געפלויגען איבער אונזערע קעפּ. דעם צאַר'ס סאָלדאַטען פלעגען אַלע מאָל קומען צו אונז און צונעמען יונגע מענער מיט זייערע פערד און וועגענער פאַר דער ארמיי. און ווייל אונזער פערדעל האָט אַ ביסעל צוגעהונקען — האָט מען אים ניט גענומען. די לעצטע נאַכט, איך דיינק אַז עס איז געווען אַ מיטוואָך, האָבען מיר געזען ווי גאַנץ האָראָדעץ ברענט, און אָט ברענט דער געגענד וואו דער וואָקזאַל שטייט, און מיר הערען שרעקליכע אויפרייסונגען. האָבען מיר פאַרשטאַנען אַז אָט, אָט, און די הילף וועט קומען, ד.ה. מיר וועלען פטור ווערען פון דער צאַרישער אָרדנונג, און דער אויסלייזער, דער דייטש, וועט אַריין. אין די לעצטע שטונדען פון דער לעצטער נאַכט, איז געוואָרען זייער שטיל. אַ טויט ־ שטילקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצען האָריזאָנט און ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָבען מיר דערזען דעם ערשטען דייטשישען סאָלדאַט, געלאָפען ווילד שנעל אויף אַ פערד, און ער איז אַרומגעלאָפען אַרום אונז, די הונדערטער מענטשען, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט אָפענע אויגען און נאָכגעפאָלט יעדען לויף און יעדען שפּרונג פון דעם פערד וואָס האָט געהאַלטען אויף זיך דעם שטאָלצען דייטש, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין שרייען „נימאַ־רוסקי? נימאַ־רוסקי?" און דער דייטש איז גלייך אַוועקגעלאָפען, גאַלאָפּ צוריק. אַ ביסעל שפּעטער זיינען אָנגעקומען אויף פערד מער און מער דייטשען. מיר האָבען זיך אַלע זייער געפרייט און מ'האָט זיך אָפּגעגעבען מזל־טוב איינער דעם צווייטען. אַלע האָבען געפילט אַז שוין, אַ דאַנק גאָט, מען איז אויסגעלייזט געוואָרען פון דעם צאַר און מיר האָבען ביי זיך דעם גוטען, פיינעם אידען־פריינד, דעם דייטש.

ביים דייטש

קומענדיג צוריק אַהיים האָבען מיר דערזען דעם גרויסען חורבן וואָס האָט געטראָפען האָראָדעץ. דאָס שטעטעל איז כמעט פאַרברענט געוואָרען. עס זיינען אָבער געבליבען איינינגע אידישע הייזער און מערערע קריסטליכע הייזער. אונזער הויז איז אויך געבליבען. דער גרעסטער וואונדער איז געווען וואָס ר' אהרן יוסף מיט זיין פרוי שפרה, צוויי אַלטיטשקע און ליבע פאָר פאָלק, זיינען פון שטעטעל ניט אַוועק. זיי זיינען געווען בוכשטעבליך די צוויי מענטשען וועלכע זיינען „איבערגעזעסען" דעם קריזיס און זיינען געבליבען לעבען. זיי האָבען זיך באַהאַלטען אין דעם אָפּפלוס רער וואָס איז געלעגען ביים פּאָטשט.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען זעהר שווערע און שרעקליכע צייטען. אַ ישוב אָן לעבען: אָן קראָמען וואו עפּעס צו קויפען, אָן אַ רופא, אָן אַ שניידער, שוסטער, אָן אַ בית־המדרש אָדער, להבדיל, אַ באָד. און די הייזער וואָס זיינען יא געבליבען זיינען געווען צושטערט. אָבער וואָס טוט מען? מען דאַרף דאָך ברויט צום עסען! איז טאַקע אַ נס וואָס די צייט איז געווען סוף זומער, ווען מען דאַרף שוין אַרונטער נעמען די תבואה פון די פעלדער, און אַזוי ווי די קריסטען פון שטעטעל זיינען אַלע אַוועקגעפאָרען טיפער אין רוסלאַנד, זיינען אַלע אחינו בני ישראל געוואָרען ערד־אַרבעטער. מען איז אַוועק אויף די פעלדער און אָפּגעשניטען די תבואה, אויסגעגראָבען קאַרטאָפעל און אפילו געשניטען היי פאַר די פי און פערד צום עסען. און אַזוי האָט זיך האָראָדעץ גענומען צופּאַסען צו אַ נייעם שווערען, אָבער ערליכען לעבען. האָראָדעצער אידען זיינען דערנאָך אַוועק אויף די פעלדער: מען האָט געאַקערט, פאַרזייט און געשניטען. האָראָדעצער אידען (און אַזוי אין אַנדערע שטעטלאך) זיינען געוואָרען אידישע פּויערים, האָרעפּאַשניקעס. מען האָט בעאַרבעט די פעלדער און געאַרבעט גוט. די איננלאך, וגם אני בתוכם, פלעגען גיין גאַנץ פרי (איידער עס איז נאָך געוואָרען ליכטיג) ברייגגען די פערד פון פּאַשע, איינשפּאַנען פערד־און־וואָגען, אַרויפלייגען דעם אַקער־אייזען און היידאַ אויף די פעלדער. אמת עס איז געווען שווער, מען האָט ניט געוואוסט פון אָנפאַנג די טעכניק פון דער אַרבייט, און דערפאַר האָבען האָראָדעצער אידען באַדאַרפט אַרבייטען שווערער ווי אַ געניטער פּויער, אָבער מען האָט געאַרבייט פליסיג, מען האָט געהאַט דערפון צום לעבען, און מען פלעגט נאָך האָבען צו פאַרקויפען און מאַכען אַ פּאָר רובעל. עס איז געווען ווי מען זאָגט: „הזורעים בדמעה ברנה יקצרו". אָבער לא על הלחם לבדו יחיה האדם, מען דאַרף אַ מלבוש, און מען דאַרף אַ שוך, און עס איז ניטאָ פון וואָס צו מאַכען און וואו צו קויפען. מען פלעגט גיין אָפּגעריסען, אָן שיך, איז ווי זאָגט מען: אַ איד גיט זיך אַן עצה. און האָראָדעצער אידען קענען אַלעס ווען מען דאַרף און ווען מען מוז. מען האָט זיך גענומען צום פאַרבען. מען האָט געפאַרבט לייווענט און מען האָט געמאַכט קליידער, בלוזקעס, הויזען און אַ. וו. האָראָדעץ האָט זיך אַזוי ביסלעכווייז באַקליידעט. אָבער שוכוואַרג? מען קען דאָך ניט פאַרבען לייווענט און מאַכען דערפון אַ פּאָר שטיוועל! געפינט מען אַ מיטעל: דעם דייטש האָט זיך פאַרגלוסט אויסגראָבען אַלע געפאַלענע סאָלדאַטען פון די שלאַכטפעלדער אַרום האָראָדעץ און זיי ברייגגען צו קבורה אויף איין פּלאַץ נעבען קלויסטער. דייטשישע זשאַנדאַרען פלעגען נעמען (מיט געוואַלט) האָראָדעצער יונגוואַרג, אַרויסגיין מיט זיי אויף די פעלדער, אויפזוכען די טויטע דייטשישע סאָלדאַטען, אויסגראָבען זיי און זיי ברייגגען קיין האָראָדעץ צו קבורה (ווי עס פּאַסט פאַר דייטשען). נאַטירליך האָט מען צו אַזאַ שיינער אַרבייט ניט געוואָלט גיין, און ווי נאָר מיר פלעגען זען די זשאַנדאַרען פלעגען מיר זיך באַהאַלטען. דאָס איז פאָרגעקומען כמעט יעדען טאָג, פאַר אַ לאַנגע צייט.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען אָנגעהויבען זען אַז איינער גייט אין נייע שטיוועל, גוטע שיך. וואָס איז דאָס? פון וואַנען? ערשט מיר האָבען זיך דערוואוסט אַז

די וואָס פלעגען גיין אויסגראָבען די טויטע דייטשען, פלעגען אַראָפּנעמען זייערע שוכוואַרג, געבראַכט אַהיים, אויסגערייניגט מיט קעראָסין, איבערגעמאַכט און אָנגעטאָן. אַז מיר האָבען דערזען אַזאַ זאַך, פלעגען מיר זיך שוין מער ניט באַהאַלטען פאַר די זשאַנדאַרען, נאָר מיר פלעגען זיי אַנטקעגען. אַ קליינינקייט! גוטע שטיוועל, גוטע שיך, און נאָך דייטשישע, און נאָך פון אַ טויטען דייטש! און אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך אויך געהאַט אַ פאָר גוטע שטיוועל.

איך ווער אַ פּאָליציי מאַן

מען האָט אָנגעהויבען נעמען ביי אונז יונגע ליט אויף צוואַנג־אַרבייט. איך בין געווען אין דער גרופּע וועלכע מען האָט אַוועקגעשיקט אין די נורעצער־וועלדער (ניט ווייט פון קאַמענעץ־ליטאָווסק). דאָרטען פלעגט מען האַקען בוימער, זעגען, און אַרויספירען די בוימער פון די וועלדער און אָנלאָדען זיי אויף וואַגאָנעם (מן הסתם פאַר דייטשלאַנד). עס איז געווען ווינטער, מען האָט אונז קוואַרטירט אין אַ פאַרלאָזענעם דאָרף. די הייזער זיינען געווען פּוסט, אָן פענסטער, טירען. מיר זיינען געשלאָפען אויף שטרוי. גאַנץ פרי, ווען עס איז נאָך געווען פינסטער, האָט מען אונז אויפגעוועקט, עס רעדט זיך אַזוי, פּשוט אַרויסגעטריבען אויף דער אַרבייט. אונזער שפּייז איז באַשטאַנען פון איין ברויט פון צוויי־און־דריי־פירטעל פונט אויף דריי טעג, שוואַרצע קאַווע אָן צוקער אין דער פרי; וואַרימע וואַסער (זיי האָבען דאָס גערופען זופּ) פאַר מיטאָג. אין אָוועגד נאָך אַ מאָל שוואַרצע קאַווע. דאָס אַלעס. עס נעמט ניט לאַנג קראַנק צו ווערען פון אַזאַ לעבען. נו, בין איך טאַקע קראַנק געוואָרען און געהאַט גרויסע היץ. די חברים האָבען באַשלאָסען אַז איינער זאָל ניט גיין צו דער אַרבייט און אַכטונג געבען אויף מיר. אָבער אַ דייטש, ימח שמו, איז אַריינגעלאָפען אין הויז, און געגעבען זיין אַלמעכטיגען באַפעל: „דער יונגע (איך, הייסט דאָס) קען מאָל רוהיג שטאַרבען, און דו (מיין אויפּפּאַסער) קענסט מאָל צו דער אַרבייט גיין". אָבער איך האָב דעם דייטש אָפּגענאַרט. גאָט האָט אויף מיר אַכטונג געגעבען און איך בין געזונט געוואָרען. אָפּשקלאַפענדיג אין דעם וואַלד אַרום צוויי מאָנאַטען, האָבען זיך עטליכע חברים צוזאַמענגערעט ווי אַזוי צו אַנטלויפען פון דעם לאַגער. מיר האָבען געדונגען דריי פורען, געטריבען פון די דאָרטיגע קריסטען, וועלכע האָבען גוט געקענט דעם וואַלד, און איינמאָל אין מיטען נאַכט האָבען מיר געמאַכט דעם געוואַגטען שריט. עס איז געווען אַ שרעקליכע און ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, ווייל אויב מען וואָלט אונז געכאַפּט וואָלט מען אונז זיכער דערשאָסען. אָבער מיר זיינען בשלום אָנגעקומען קיין קאַמינעץ, און פון דאָרטען האָבען אונז גוטע אידען אַריבער געשיקט קיין האָראָדעץ.

פון לאַגער האָט מען טעלעפאָנירט צום האָראָדעצער קאָמענדאַנט וועגען דעם. ביי אונז אין הויז האָט דאַן געוואוינט ירמיה שוב מיט זיין פאַמיליע. ער איז דאַן געווען דער בירגער־מייסטער, און איז געווען באַפריינדעט מיט'ן שרייבער פון קאָמענדאַנטור. האָט ער מיר אַן עצה געגעבען איך זאָל זיך מאַכען קראַנק, און ווען די פּאָליציי איז מיר געקומען „נעמען" האָבען זיי מיר געטראָפען „אַ שטאַרק קראַנקען" אין בעט. וואָס טוט מען אָבער ווייטער? האָט ווידער ירמיה שוב מיר געקומען צו הילף און ער האָט אויסגעאַרבייט אַז איך זאָל ווערען אַן איבערזעצער און אַ פּאָליציי־מאַן. אויף מאָרגען האָב איך שוין געטראָגען אויף מיין אַרם אַ לענטע מיט אַ שטעמפּעל, אַז איך בין באַשטימט פון קאָמענדאַנט צו זיין אַ פּאָליציי־מאַן, און ווען די דייטשישע מאַכט האָט באַדאַרפט נעמען אימיצען אויף אַרבייט, אָדער אַ פערד און וואָגען פאַר אַ טאָג אַרבייט, אָדער נעמען אייער, פּוטער, האָבען מיר, די אידישע פּאָליציי־ליט, באַדאַרפט זאָגען דעם און יענעם צו גיין, פאָרען, ברייגגען, לויט'ן אָרדנונג. עס איז געווען ניט קיין אַנגענעמע אַרבייט, אָבער מיר האָבען אונזער אַרבייט געטאָן ערליך.

איינמאָל שבת אין דער פרי, ווען איך בין געקומען זיך מעלדען אין קאָמענדאַנטור, האָט מיר דער שרייבער געהייסען אָפּצופּוצען זיינע שיך. איך האָב אים געזאָגט אַז היינט איז ביי אונז שבת און איך קען דאָס ניט טאָן, האָט ער אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנט און געלאָזט עס פאַלען אויף מיין פּנים. דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר מיר. סטייטש? עפּעס בין איך דאָך אַ פּאָליציי־מאַן! אַן איבערזעצער! האָב איך אַרונטערגעריסען די לענטע פון מיין אַרבעל און עס אַ וואָרף געטאָן דעם שרייבער אין פּנים און — אויס. ער האָט מיר אויסגעזידעלט און איך בין אַוועק אַהיים.

לינת הצדק

ס'איז פאַר די דייטשען שווערער געווען איינצונעמען אונזער קליין שטעטעלע האָראָדעץ איידער די גרויסע פעסטונג-שטאָט בריסק (ברעסט-ליטאָווסק). עטליכע טעג צייט זיינען אַרום האָראָדעץ אָנגעגאַנגען שטאַרקע און בלוטיגע שלאַכטען, און ווען די דייטשען זיינען ענדליך אַריין אין שטעטל, איז שוין האָראָדעץ געווען דריי פערטיל פאַרברענט און רואינירט. פילע איינוואוינער זיינען אַנטלאָפען טיף אין רוסלאַנד. דאָס לעבען פון די איבערגעבליבענע איז געווען שרעקליך. מ'האָט ניט געהאַט גענוג שפּייז צום עסען און קליידער צום אָנטאָן. ווען דער ווינטער איז געקומען, איז די לאַגע געוואָרען שרעקליכער, ווייל וואו צו קויפען עפּעס איז ניט געווען, און ווען עס וואָלט שוין יע געווען איז ניט געווען פאַרוואָס צו קויפען. אין די הייזער איז געווען קאַלט, ווייל מ'האָט ניט געהאַט קיין האָלץ זיי צו באַהייצען.

לעבענדיג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, זיינען אַ סך מענשען פון האָראָדעץ קראַנק געוואָרען אויף טיפוס. די לאַגע איז געוואָרען שרעקליך ווייל ס'איז ניט געווען קיין רופא, אָדער אַן אַפּטייק.

די קראַנקהייט איז ווי באַוואוסט אַן אָנשטעקענדע, דאַרום האָבען ניט אַלע געוואָלט אַרומגיין ביי אַ קראַנקען, און אויף די חולאים האָט מען אָבער געמוזט אכטונג געבען טאָג און נאַכט. מענשען זיינען געשטאָרבען פאַר דער צייט, און מ'האָט גאָר ניט געקענט העלפען. דאַן, אין יענע שווערע און שרעקליכע טעג, האָט די האָראָדעצער יוגענד דערהערט דעם רוף פון דער צייט. מיר האָבען צוזאַמענגערופען די בחורים און מיידלאך פון שטעטל, זיך דורכגערעדט וועגען דער שרעקליכער לאַגע און וואָס מיר קענען טאָן כדי צו העלפען די ליידענדע. נאָך פאַרשידענע פאָרשלאַגען און מיינונגען האָבען מיר זיך געאייניגט אויף אַ פּלאַן: צו גרינדען אַ „לינת־הצדק". אונזער אַרבייט איז באַשטאַנען פון די דאָזיגע פליכטען:

יעדען טאָג פלעגען מיר גיין צוזאַמענקלייבען מילך, פּוטער און אַנדערע זאַכען, וואָס זיינען געווען נויטיג פאַר די ליידענדע פאַמיליעס. אַלע נאַכט פלעגען גיין צוויי מענשען פון „לינת-הצדק" אַכטונג געבען אויף אַ קראַנקען אַ גאַנצע נאַכט, און דורך דעם באַפרייען די מיטגלידער פון דעם חולה זיי זאָלען קענען גיין זיך אָפּרוהען און שלאָפען עטליכע שעה, וואָס זיי האָבען דאָס זייער נויטיג געמוזט האָבען.

אָט די נאָבעלע אַרבייט איז געטאָן געוואָרען פון 15-16 יאָהריגע יונגלאך און מיידלאך. און אַ דאַנק זיי זיינען פילע האָראָדעצער אָפּעגראַטעוועט געוואָרען און האָבען זיי צו פאַרדאַנקען זייער לעבען.

קולטורעלע אַרבייט

די יאָהרען פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען שווערע און שרעקליכע. מענשען זיינען אַרומגעגאַנגען פאַר־זאָרגט, געאַרבייט זעהר שווער אויף אַ שטיקעל ברויט. אונ־זערע נייע הערשער האָבען אונז גאָר ניט געגעבען. זייער מאָטאָ איז געוועזען „שלי—שלי, ושלך—שלי" (ד. ה. מיינס, איז מיינס, און דיינס, איז מיינס.).

ס'איז געווען ווינטער, אין הויז איז קאַלט, און דער מאָגען איז אויך ניט אינגאַנצען באַפרידיגט. אויפ'ן הארצען אומעטיג, און די אָווענדען האָבען זיך געצויגען לאַנג און לאַנגווייליג. ס'איז ניט געווען קיין שולען אָדער ביבליאָ־טעק וואו מען זאָל קענען עפּעס לערנען אָדער לייענען כדי פאַרגעסען אַביסעל פון דעם טאָג-טעגליכען שווערען לעבען. דאַן האָבען די פּאָר עלטערע און געלערנטערע פון אונז אָר־גאַניזירט אָווענד־קורסען.

און אַזוי ווי די „שקאָלע" (רוסישע שולע) איז גראָד ניט פאַרברענט געוואָרען און קיינער האָט זי ניט גענוצט, ווייל די קריסטען זיינען אַלע אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד — פלעגען מיר זיך דאָרט צוזאַמענקומען עטליכע מאָל אַ וואָך. און יונגעלייט ווי שלמה פּאָדאָלעווסקי, ישעיהו עלמאַן און אַנדערע, פלעגען האַלטען לעקציעס, און די יונגוואַרג פלעגט דיסקוטירען די רעפעראַטען. אַזוי אַרום פלעגען מיר פאַר־ברענגען עטליכע קולטורעלע און וואַרימע שעה'ן אין די קאַלטע ווינטערדיגע אָווענדען.

אַ שטיקעל צייט שפּעטער ווען אַ סך האָראָדעצער זיינען צוריקגעקומען פון זייער וואַנדערען אין רוסלאַנד, און מיין ברודער ישראל איז צוריק אַהיים געקומען פון דער רוסישער אַרמיי, איז טאַקע אונטער זיין פירערשאַפט אָרגאַניזירט געוואָ־רען אַ דראַמאַטישע גרופּע און אַ כאָר. מ'האָט דאַן אויפגע־פיהרט „צוזייט און צושפּרייט" און „מענשען" פון שלום־עליכם, און אַנדערע קורצע פּיעסען, און מיר האָבען הארציג און געשמאַק געזונגען אידישע לידער. אַ דאַנק דער דאָזיגער אויפלעבונג איז דאָס לעבען געוואָרען אַ סך אינטערסאַנטער, ליכטיגער, און האָפנונגספולער.

(סילועט פון ישראל זוסמאַן)

די עקאָנאָמישע דאגה

פון ש. פּאָדאָלעווסקי

מערסטענס האָראָדעצער איינוואוינער זיינען געווען קרעמער, בעלי מלאכות, און כלי קודש. די קרעמער האָבען געהאַנדעלט מיט די היימישע פּויערים, און אויך אַרומיגע פּויערים און פּריצים, די בעל מלאכות האָבען געאַרבעט פאַר זיי.

אַזוי האָט זיך געלעבט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, די מלחמה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגע איבערקע־רעניש, פערניכטענדיג דעם אַלטען לעבענסשטייגער און ניט אַרויסברייענגענדיג קיין נייעס, אַזוי אַז דאָס שטעטעל איז געבליבען ניט אַהער, ניט אַהין. געפינענדיג זיך אין אַ סטראַ־טעגישע פּאָזיציע ביי די זייטען פון אַ טייך מיט הויכע ברעגעס זענען דאָרט פאָרגעקומען מורא׳דיגע שלאַכטען צווישען די רוסען און די דייטשען. דער קאַנאַל איז אַריבער איינ־יגע מאָל פון האַנט־צו־האַנט. דאָס שטעטעל איז כמעט אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען. די אידישע הייזער זיינען פאַרברענט געוואָרען, און ספּעציעל די, וועלכע האָבען זיך געפונען אינ־מיטען פון שטעטעל.

אין דער צייט פון שלאַכט זיינען די אידען אַנטלאָפען אין אַנטעפּאָליע, און ווען זיי זיינען געקומען צוריק, האָבען זיי געטראָפען פון זייערע הייזער בערג אַש.

דער הילצערנער בריק איז געווען פאַרברענט, און איבער דעם קאַנאַל איז געווען אויסגעלייגט אַ פּאָנטאָנער בריק, דער אייזערנער בריק איז געווען צוריסען און אייזענ־באַן רעלסען זיינען געשטאַנען אין דער הויך.

דער גאַנצער געגענד וואָס איז שטענדיג געווען פול מיט לעבען, האָט אויסגעזעהן ווי אַ טאָל פון פאַרוויסטונג, חורבן און טויט. די אידען וועלכע האָבען זיך אומגע־קערט און געטראָפען זייערע היימען פאַרברענט, האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינציהען אין די גוי׳אישע הייזער. די גויים זיינען אַלע אַנטלאָפען מיט דער אָפּטרעטענדע צאַריש־רו־סישע אַרמייען וועלכע האָבען די אידען ניט געוואָלט מיט־נעמען. די אידען האָבען געטראָפען ליידיגע גוי׳אישע הייזער און שייערען פול מיט תבואה.

ווען די אידען האָבען זיך אַביסעל איינגעאָרדענט, האָ־בען זיי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די אַרומיגע דערפער דרע־שען די תבואה. אין שטעדטעל זיינען צוגעקומען אַ סך משפּחות פון בריסקער אידען ווען די דייטשען האָבען אַרויסגעטריבען, ווייל די דייטשען האָבען אויסגעליידיגט די שטאָט בריסק פון דער ציווילער באַפעלקערונג און האָבען זיי באַזעצט אין די אַרומיגע שטעטלאַך, און אַזוי האָבען זיך אידען אָנגעגרייט מיט עסען דעם ערשטען ווינטער.

עס איז אונטערגעקומען פריהלינג, אַזוי ווי די גאַנצע גוי־אישע באַפעלקערונג מיט די פּריצים, פאַר וועלכע די אידען האָבן געאַרבייט, זיינען אַלע אַוועק. האָבן די אידען אָנגעהויבען טראַכטען וועגען ערד־אַרבייט, וועגען אַליין בעאַרבייטען די פאַרלאָזענע גוי׳אישע ווירטשאַפטען. און עס איז געשעהן אַ מערקווירדיגע זאַך, אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט ניט נאָר אין אונזער שטעטעל נאָר אין דער גאַנצער געגענט.

אידען זיינען געוואָרען ערד אַרבעטער. געוועזענע מלמדים, קרעמער, שוסטער און שניידער האָבען זיך גענו־מען צום פּלוג און געוואָרען אַזעלכע ערד אַרבעטער וואָס האָבען ניט נאָר גוט בעאַרבייט די גוי׳אישע ווירטשאַפטען נאָר באַדייטענד זיי אויסגעבעסערט. שפּעטער ווען די גויים האָבען זיך אומגעקערט, האָבען זי ניט דערקענט זייערע ווירטשאַפטען, און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, פיל מיט פאַרוואונדערונג אויף דער אידישער אַרבעט און אידישען פּליים. עס איז געווען אַ וואונדער צו קוקען ווי חיים, משה, יאָסעל, בנימן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם פּלוג, און גע־קאָסעט היי, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס וואָלטען געווען סאַמאַראָדנע פּויערים. און חנה, רחל און שרה האָבען געזעצט און געגראָבען קאַרטאָפעל, געשניטען און געבונ־דען תבואה ווי זיי וואָלטען דאָס געטאָן פון ששת ימי בראשית אָן.

עס זיינען געווען אידען וואָס האָבען אין די פאָר יאָהר פון דער דייטשער אָקופּאַציע, און שפּעטער ביז עס איז געוואָרען דער שלום פון דער נייער סאָוועטי-שער רוסלאַנד מיט פּוילען, בוכשטעבליך רייך געוואָרען, אין פּויערישען זין, זיי האָבען פאַרמאָגט צו פאָר פערד, צו עטלעכע קיה, אַזוי אַז זיי האָבען בעאַרבעט ניט נאָר די גוי׳אישע ווירטשאַפטען, נאָר האָבען אויך בעאַרבייט טיילען פון די פּריצישע הויפען וועלכע זיינען געשטאַנען וויסט.

שפּעטער ווען די גויים האָבען זיך אומגעקערט האָבען זיי ניט געוואוסט ווי צו דאַנקען די אידען וואָס האָבען אַזוי גוט אויפגעהאַלטען זייערע ווירטשאַפטען, ווייל די גוי׳אישע ווירטשאַפטען וועלכע די אידען האָבען ניט פאַרנו־מען זיינען די געביידעס איינגעפאַלען, די ערד איז פאַר־וואַקסען געוואָרען מיט ווילדע גראָז.

אַזוי האָט זיך געצויגען אַ פינף יאָהר — פון 1915 ביז 1921. אין 1921 נאָך דעם שלום־אָפּמאַך צווישען רוסלאַנד און פּוילען הויבען זיך אָן די גויים צוריק אומקערען און די אידען גייען אַראָפּ פון די גוי׳אישע ווירטשאַפטען און הויבען זיך אָן פאַרנעמען מיט די פאַר׳מלחמה׳דיגע פּרנסות. אָבער ס׳איז ניט געווען ווי פריהער. אַ גרויסער טייל פון די פּויערים זיינען ניט געקומען צוריק. דער טייך וואָס פלעגט שפּייזען אַ האַלב יאָהר דאָס שטעטעל איז געווען טויט, ווייל די געגענדען וועלכע פלעגען פריהער שיקען די געהילץ קיין אויסלאַנד האָבען בעלאַנגט צו רוסלאַנד, און די נייע סאָוועטישע רוסלאַנד האָט קיין חשק ניט געהאַט צו שיקען געהילץ קיין אויסלאַנד. די פּוילישע רעגירונג וואָס האָט פאַרנומען דעם געגענד נאָך דער מלחמה, איז ניט געווען פריינדליך צו אידען, האָבען אידען אָנגעהויבען ליידען הונגער און עס איז זיי געוואָרען ערגער ווי אין די מלחמה־יאָרען.

אמת, עס איז אָנגעקומען שטיצע פון אמעריקע, אָבער עס איז געווען ווייניג. האָבען אַ סך אידען פון שטעדטעל און אויך פון די אַרומיגע דערפער אָנגעהויבען טראַכטען, אפשר זיך ווענדען צום פריץ פון שטעדטעל — וואָס איז געוואָרען פון אַ רוס אַ פּאָליאַק, און געקומען צוריק נאָך דער מלחמה — אפשר וואָלט ער געגעבען אַ טייל פון זיין גוט, וואָס אַז געשטאַנען ליידיג, צו בעאַרבייטען און די אידען וועלען איהם צאָלען אָדער מיט געלט — אָדער מיט תבואה?

איך, דער שרייבער פון די שורות, און נאָך אַ פּאָר בעלי בתים פון שטעדטעל, האָבען זיך געווענדעט קיין וואַרשא צום יק״א זיי זאָלען וועמען שיקען ריידען מיט דעם פריץ, ווייל מיט אונז האָט ער ניט געוואָלט ריידען, ער האָט אויף אונז אָנגערייצט די הינט ווען מיר זיינען געגאַנגען ריידען מיט אים. די יק״א האָט אונז געשיקט אַן אַגראָנאָם, אַ יונגערמאַן אַ געענדיגטער פון אַ פּוילישע שול, וועלכער האָט זיך דערשלאָגען צום פריץ. שפּעטער זיינען מיר אויך צוגעקומען. נאָר אָפּשמועסענדיג מיט איהם אַ־בער אַ שטונדע האָבען מיר געזעהן אַז עס וועט גאָר ניט אַרויסקומען דערפון.

אין 1925 בין איך אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע, איך בין געקומען צו אונזער לאַנדסמאַנשאַפט און דער־ציילט וועגען אַלעם. די חברה האָט פאַר די יאָרען געטאָן אַלעס וואָס זי האָט געקענט און געשיקט געלט גאַנץ אָפט. אָבער אין הקומץ משביע את הארי. די לאַגע אינדערהיים איז גע-וואָרען אַלעמאָל ערגער און ערגער, די בריוו זיינען געוואָרען אַלעמאָל טרויעריגער און טרויעריגער. אָבער וואָס האָבען מיר געקענט טאָן? עס האָט זיך געגרינדעט אַ ליידיס אוקזי־לערי און געשאַפען געלט, און מיט דער הילף פון דער חברה איז געגרינדעט געוואָרען אַ גמילת חסדים פאַר האָראָדעץ.

נאָך דעם פאַנאַנדערפאַל פון פּוילען אין 1939, איז אונזער שטעדטעל פאַרנומען געוואָרען דורך דער רויטער אַרמיי, בריוו האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פרייליכערע, פול מיט האָפענונג. מיר האָבען געמיינט אַז עס נעמט שוין אַן ענדע צו די צרות. און יעצט, אונזערע אָרימע שטעטעלע, איז טויט און פאַרוויסטעט און ווער ווייסט אויב זי וועט נאָך אַ מאָל צוריק לעבעדיג ווערען.



דער איבערגאַנגס פּעריאָד

פון בנימין מ. ישראל

א.

מעהר ווי דריי יאָהר האָט דער דייטש געהערשט איבער האָראָדעץ, יאָהרען פון הונגער און ערנידערונג זיינען געווען די דאָזיגע יאָהרען. אָבער זיי זיינען ניט געקומען צו די טעג ווען דער דייטש איז אָפּגעטראָטען פון אונזער געגענד, ווען דער גאַנצער געגענד פון בריסק ביז פּינסק, איז פאַר עטליכע חדשים, אין יאָהר 1919, איינגאַנצען געווען אַ הפקר געגענד. ווער ס'האָט נאָר געקענט — האָט פאַרנומען דעם געגענט, ראַבירט, פאַרגוואַלטיגט, געשלאָגען און גע'הרג'ט. פילע בלוטיגע הענט האָט דאַן אונזער געגענד געביטען: פּעטליורצעס, באַלאַכאָוועצעס און אנדערע רויבערשע באַנדעס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דעם דאָזיגען אָרימען געגענד, און ספּעציעל אויף די אָרימע אויסגעמאַטערטע אידען, וואָס האָבען איבערגעלעבט די מלחמה מיט איהרע נאָכוועהענישען.

עס איז ניט געווען קיין טאָג וואָס מ'האָט ניט געבעטען אויף דעם אָנקומענדיגער נאַכט, און אין אָוועגד פלעגט מען בעטען אויף דעם קומענדיגען טאָג. מ'האָט ניט געוואוסט וואו זיך צו באַהאַלטען און מ'האָט ניט געהאַט וואָס צו באַהאַלטען, און דער לעבען איז געהאָנגען אין דער לופטען. דאַן איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק פון אָרגאַניזירען אַ זעלבסטשוץ („סאַמאָ אָבאָראָנע"). די יונגוואַרג האָבען באַקומען עטליכע פאַרזשאַווערטע רעוואָלווערען, אַ שרויט ביקס, אַ פּאָר קינזשאַלען און אַ באַקאַנטער פּויער האָט צוגעזאָגט ברייגנען אַ גוטען דייטשען ביקס. ישראל זוסעלמאַן וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון דער מלחמה האָט געזאָלט אָרגאַניזירען די חברה און לערנען זיי ווי מ'באַגייט זיך מיט געוועהר. צום זעלבסטשוץ האָבען באַלאַנגט אויך אהרן אשר'ס קינדער, מנשה און אברהמ'ל רודעצקי, שלמה ליבער'ס, ישעיה'ס אַלטער שעפּע'ס, ישראל'ס ברודער ניאָמקע, שלמה בורשטיין, נפתלי משה אהרן'ס, דוד קאַפּלאַנסקי און נאָך איינינע. די פאַרזאַמלונגען זיינען, נאַטירליך, געווען שטרענג קאָנספּיראַטיוו און איינער פון אַנדערען האָט כמעט ניט געוואוסט.

יעדע נאַכט פלעגען 2 חברים זיין אויף דער וואַך (דיזשורנע). איינער פלעגט אַרומגיין אין מאַרק און איינער אין גאַס. מ'האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז ווען אַ באַוואָפנטע באַנדע באַפאַלט האָראָדעץ, זיינען מיר הילפלאָז, ווייל וואָס וואָלטען מיר געקאָנט טאָן מיט, מ'שטיינסגעזאָגט, אַ פּאָר פאַרזשאַווערטע רעוואָלווערען און אַן אַלט מאָדישען ביקס? אָבער דאָך האָט דאָס אָרגאַניזירען זיך געדינט אַלס אַ מאָראַלישער כח צו שטאַרקען אונז און אויך געבען אַ געוויסע מאָס זיכערהייט און באַרוהיגונג אונזער אידישער באַפעלקערונג, ווויסענדיג אַז די „יונגעלייט וואַכען איבער זיי".

פון די אַרומיגע שטעטלאַך און דערפער פלעגען אָנקומען שרעקליכע ידיעות, וואָס די רוצחים־באַנדעס פלעגען דאָרט אויפטאָן און זיך באַגיין מיט די אידען. מ'האָט מורא געהאַט פאַר נאָך אַ זאַך: טאָמער דערוויסען זיך אונזערע „גוטע שכנים", די גויים, וועגען אונז און פאַר'מסר'ן פאַר די פּאָליאַקען — דעמאָלט וואָלט מען אונז אַרעסטירט פאַר באַזיצען געוועהר און קיין קניפּ אין בעקל וואָלט מען אונז דערפאַר ניט געגעבען . . . האָבען אַלע זעלבסטשוץ מיטגלידער געלעבט אין שרעק, פון ביידע זייטען.

אין מיטן זומער 1920, זיינען פילע מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ, צווישען זיי אויך, ישראל זוסעלמאַן, אוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע. עטליכע וואָכען נאָך זייער אָפּפאָר זיינען באַלאַכאָוועצעס אַריין אין האָראָדעץ, געקומען אין איציקל'ס הויז זיך נאָכפרעגען אויף זיין זוהן ישראל. ווען איציקל האָט זיי געזאָגט אַז זיין זוהן ישראל איז אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקא האָבען זיי ניט געוואָלט גלויבען. זיי האָבען אָנגעזאָגט אַז זיי וועלען קומען מאָרגען צוריק און אַז ער מוז איהם זיי צושטעלען. די זעלבע נאַכט האָט איציקל פאַרברענט אַלע ביכער, מאַנוסקריפּטען, צייכנונגען, בילדער און אַלעס וואָס ס'האָט געהאַט אַ שייכות מיט ישראל'ין און ער אַליין איז אַריין צו חנה מלכה'ן אין הויז, און זי האָט איהם באַהאַלטען אין בעט, אונטער אַ פּערענע. אַזוי איז ער געלעגען ביז די באַלאַכאָוועצעס זיינען אַוועק. אין עטליכע טעג אַרום זיינען זיי ווידער געקומען, און ווען מיניע, איציקל'ס ווייב, האָט זיי פון דערווייטענס דערזעהן — האָט זי איציקל'־שנעל אַוועקגעליגט אויף דער פּאָדלאָגע, צוגעדעקט מיט אַ טוך, און אַוועקגעשטעלט לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט אַרום איהם. ווען די באַנדיטען זיינען אַריינגעקומען האָט זי זיי געזאָגט אַז איציקל איז נאָר־וואָס געשטאָרבען. די באַנדיטען האָבען געוואָלט אַ שטאָך טאָן איציקל'ען מיט אַ ביקס, זען צו ער איז טאַקי טויט, איז זיין פרוי געפאַלען אויף די קני און האָט אָנגעהויבען וויינען און בעטען זיי זאָלען דאָס ניט טאָן, ווייל דאָס איז אַ בזיון המת. און נאָך פיל געבעט זיינען זיי אַוועק.

דער דאָזיגער עפּיזאָד קען אילוסטרירען די כאַאָטישע לאַגע פון די האָראָדעצער אידען אין יענע שרעקליכע טעג.

און אָט איז שוין כלומר'שט געוואָרען אַ שטיקל „אָרדנונג", דער פּאָליאַק האָט פאַרנומען דעם געגענד, אָבער אַז אָך און וויי צו אַזאַ אָרדנונג. ס'האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט ווילדע רוצח'ישע סאָלדאַטען פון פויזען („פּאָזנאַנטשיקעס"), און פון גענעראַל האַליער'ס אַרמיי („האַליערטשיקעס") און זיי האָבען געשלאָגען און גע'ממית'ט ווער ס'איז נאָר געקומען אונטער זייער האַנט. און אַלס שפּאַס, בלוטיגער שפּאַס,

פלעגען זיי אפשערען, כ'מיין אפרייסען, א האלבע בארד, און דער קרבן פלעגט ארומגיין א שטיק צייט א פארבונדענער ביז די האלבע בארד איז אנגעוואקסען, ווי שמעון אייזיק און שמחה יודעל.

ב.

עס איז שוין א ביסעל רוהיגער געווארען, דער פאליאק האט אנגעהויבען איינצוימען זיינע צואווילדעטע סאלדאטען, וועלכע זיינען פאר'שכור'ט געווארען פון זייער פרייהייט — און דא איז אונטערגעקומען די מלחמה צווישען די באלשעוויקעס און די פאליאקען.

דאן איז געגאנגען די פרשה פון כאפען באלשעוויקעס, יעדער איד איז געווען ביי די פאליאקען בבחינת א באלשע-וויק, און ניט איין איד איז גע'הרג'ט געווארען צוליב אט דעם בלבול, און פילע, פילע, זיינען אפגעקומען מיט טויט שרעק*).

אין זומער 1920, ווען די מלחמה האט זיך צופלאקערט און די פאליאקען האבען אנגעפאנגען אנטלויפען פאר די באלשעוויקעס איז דאן אידישע האב און גוטס געווארען הפקר, די פאליאקען האבען גערויבירט אהן אן אפהאלט.

און אז די באלשעוויקעס האבען איינגענומען אונזער געגענד, האבען די אידען, וועלכע זיינען געווען א בירגער-קלאס, קיין האניג געלעקט. מ'האט קאנפיסקירט פארמעגען, ארעסטירט פאר איבערטרעטען די באלשעוויסטישע אוקאזען א. ד. ג.

אבער דאס אלעס איז נאך געווען צו דערליידען, ס'איז נאך ניט געקומען צום עצם פייער, ווען איבער די קעפ זיינען געפלויגען קוילען און פון אלע זייטען האט זיך געשאטען פייער. האראדעץ איז געווען א סטראטעגישער פונקט, צוליב דעם טייך. אויף דער קאברינער זייט זיינען געשטאנען די פאליאקען, און אויף דער צווייטער זייט זיינען געווען די באלשעוויקעס.

דאס איז געווען פאר ראש־השנה. ביי א 10־15 אידישע פאמיליעס האבען זיך אריינגעקליבען אין הויפישען קעלער, וואו מ'פלעגט מאכען די שווייצער קעז. מ'האט פשוט אנ־געפילט דעם גאנצען קעלער, מ'האט אפילו די פיס ניט גע-קענט אויסציהען. אזוי האט מען אפגעפינסטערט אין קעלער גאנצע צוועלף טעג, ביז איבער סוכות, ביז וואנען די באלשע־וויקעס האבען זיך אפגעטראגען.

אין די דאזיע שרעקליכע צוועלף טעג איז גע'הרג'ט געווארען: לייבע רויטקאפף פון ציגעלניע, ווען א קויל האט איהם געטראפען ווען ער איז איינמאל ארויס פון א שוץ־גרא־בען. און ניט איינער איז געפערליך קראנק געווארען פון שרעק.

עס איז כדאי צו פארצייכענען, אז אין סאמע געשפענסט האבען די עטליכע משפחות געמאכט יום־כפור א מנין אין קעלער מיט א ספר-תורה און אלע קליפערלאך.

אזוי האט מען זיך אנגעפלאגט ביז ס'איז שטיל גע־ווארען, און דער פאליאק האט ווייטער פארנומען אונזער געגענד, און ווייטער זיך גענומען איזדעיקעווען איבער די ארים געבליבענע האראדעצער אידען. אבער קיין סך אידען זיינען שוין ניט פארבליבען. ווער ס'האט נאר געהאט א מעג־ליכקייט האט עמיגרירט. ווער נאך די פאראייניגטע שטאטען און ווער נאך זיד־אמעריקע אדער ארץ־ישראל. אין האראדעץ זיינען געבליבען די ארימע אומבאהאלפענע וועלכע האבען ניט געהאט קיין קרוב אין אמעריקא און קיין מוט צו אנט־לויפען. זיי זיינען געבליבען אין שטעטל, אויף וועלכע ס'האט געווארט די אונזיכבארע רוצח'ישע האנט פון דעם דייטש, ימח שמו!

*) זע למשל די ארטיקלען „הערשעל דער לערער" און „דער שטאט־לץ".

רעד.

דער פאליאק

פון יודל גרינבערג

דאס יאהר 1921 האט געעפענט א נייע עפאכע אין דער געשיכטע פון האראדעץ. נאך א ביטערע מלחמה צווישען דער יונגער סאוויעט־רעגירונג און די גאר יונגע פוילישע רע־פובליק, איז שלום גע'חתמ'עט געווארען אין ריגא, דעם 18־טן מארץ, 1921. און האראדעץ איז סוף-כל־סוף געבליבען ביי די פאליאקען.

האראדעץ ,אזוי גוט ווי דער גאנצער געגענד, איז רואי־נירט געווארען דורך דער צייט פון די שלאכטען. די פויערישע פעלדער זיינען פארלאזען געווארען און זייערע בהמות אויס־געקוילעט. די מעהרסטע הייזער זיינען געווען חרוב, און די וועלכע זיינען געבליבען זיינען שרעקליך געווען צושאסען. אויך די מעבעל זיינען געווען קרבנות פון דער מלחמה; זיי האט מען באנוצט אלס ברען־מאטעריאל.

דער בריק, וועלכער האט פארבונדען דעם „מארק" מיט'ן „גאס" איז געווען צושטערט. און האראדעץ האט אויסגעזעהן א סקעלעט פון א שטאט, אהן א ברעקעל לעבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָבען די מענשען וועלכע זיינען אַנטלאָפען, צוליב דעם דייטש, אין טיף רוסלאַנד, אָנגעהויבען צוריקצוקומען. די גליקליכע וועלכע האָבען געפונען זייערע היימען, האָבען אָנגעהויבען זיי פאַריכטען און מאַכען זיי פּאַסיג צום וואוינען.

פאַר די צוריקגעקומענע האָראָדעצער אידען איז די לאַגע געווען ערגער, ווייל קיין פעלדער צום פאַרזייהען האָבען זיי ניט געהאָט, און קיין אוצרות מיט גאָלד האָבען זיי אויך ניט געבראַכט. זיי האָבען זיך געמוזט צופּאַסען צו די אומשטענדען און אָנפאַנגען אַלץ פון ס׳נייע.

די האָראָדעצער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון צוויי עטנישע גרופּען: ווייס־רוסען און אידען. די פאָר פּוילישע איינוואוינער זיינען געווען: דער פּריץ פאַר וועמען די פּויערים האָבען געאַרבייט, א פּוילישע לערערין און א דריי פּאָליציייט. אָט די דאָזיגע „געהויבענע” פּאָליאַקען האָבען באַהאַנדעלט די האָראָדעצער איינוואוינער ווי זייערע אונטערטעניגע. עס איז געווען א ניט געשריבענער געזעץ אז ווען אימיצער האָט באַגעגענט אָט די אויבענדערמאָנטע פּאָליאַקען האָט געדאַרפט אַרונטערנעמען דאָס היטעל פאַר זיי. און אויב חס־וחלילה מ׳האָט אמאָל פאַרגעסען אַראָפּנעמען דאָס היטעל — האָט שוין קיין צרות ניט געפעלט. שלאָגען און באַליידיגען פאַר יעדער נאַרישקייט איז געווען פון די געוויינליכע זאַכען. ספּעציעל האָבען די פּאָליאַקען אָנגעווענדעט זייער הערשאַפט אויף די אָרימע אידען.

כאָטש פּוילען איז אָפיציעל געווען א רעפּובליק מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער, אָבער אין לעבען איז דאָס אַזוי ניט געווען. נאָר פרייהייט פון רעליגיע איז דאָרט פּראַקטיצירט געוואָרען. אָבער ניט פרייהייט פון רעדען, פּרעס אָדער פאַרזאַמלונגען. סאָציאַלע פאַרוויילונגען און קולטורעלע פאַרזאַמלונגען זיינען געווען ערלויבט. אָבער כדי צו קריגען אַן ערלויבעניש האָט מען געדאַרפט שיקען א בקשה צום גובערנאַטאָר. און ניט שטענדיג איז אַזאַ ערלויבניש ערייכט געוואָרען.

פּאָליטישע מיטינגען זיינען געווען „בבל יראה ובל ימצא”. אפילו פאַר די וואַהלען האָט מען זיך ניט געטאָרט צוזאַמענריידען. א ציוניסטישע פאַרזאַמלונג איז אויך געווען בתכלית האיסור, כאָטש די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען לעגאַל אין פּוילען.

סתם א פאָרשטעלונג, אָהן קיין שום פּאָליטישען הינטערשלאַג, איז אויך געווען פאַרבאָטען. און איינמאָל ווען די האָראָדעצער יונגוואַרג האָט נאָך פילע צוגרייטונגען געזאָלט האָבען א פאָרשטעלונג — איז פּלוצים דערשינען דער פּוילישער פּאָליציימאַן און צוטריבען דעם עולם.

אָט די דאָזיגע אויטאָקראַטישע הערשאַפט האָט געשאַפען א באַזיס פאַר אונצופרידענהייט צווישען דער ניט פּוילישער באַפעלקערונג, ספּעציעל צווישען די ווייס־רוסישע גויים. זיי האָט בעסער געצויגען צו מוטער רוסלאַנד. דעריבער האָבען זיך צווישען דער יוגענד פון די ווייס־רוסען געפונען קאָמוניסטען. און ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אַנטדעקט א קאָמוניסט — איז ער שוין קיין לעבעדיגער ניט ארוים.

די האָראָדעצער אידישער יוגענד האָט אויסגעדריקט איהר פּראָטעסט געגען דער טיראַנישער פּוילישער באַציהונג דורך צוגרייטען זיך פאַר עליה, זיך אויסלעבען אידיש אין ארץ ישראל.

דער צוועק פון דער פּוילישער רעגירונג איז געווען צו פּאָלאָניזירען דעם געגענד, און צו דער זעלבער צייט זייהען אַנטיסעמיטיזם אויף יעדען שריט און טריט. צו דעם צוועק האָט זי געגרינדעט א פּוילישע פאָלקס־שולע, וואו אַלע קינדער האָבען געדאַרפט גיין לערנען פּויליש און דורכדעם איינזאַפּען פּוילישען פּאַטריאָטישען גייסט און האס צו אידען.

אַלס אילוסטראַציע קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט: די פּוילישע לערערין האָט איינמאָל אָנגעוויזען איהר פיר־יאָריגען זוהן אויף צוויי מענשען גייענדיג אין גאַס מיט די דאָזיגע ווערטער:

„דער איז אַן אַדעלמאַן און דער איז א איד”.

זעלבספאַרשטענדליך ביי אַזעלכע אונטערריכטער האָבען די האָראָדעצער אידישע קינדער לאַנג ניט געקענט לערנען, און גאָר שנעל האָבען זיי פאַרלאָזען די פּוילישע שולע. איינינע זיינען אוועקגעפאָהרען קיין בריסק זיך לערנען אין „תרבות”, אַנדערע זיינען געפאָהרען זיך לערנען אין ישיבות.

***

אין סוף 1928 ווען איך האָב פאַרלאָזען האָראָדעץ זיינען פילע אידען שוין געקומען צו זיך. א סך האָבען אויפסניי אָנגעפאַנגען לעבען א אידישען פּראָדוקטיווען לעבען מיט האָפנונג אויף א ליכטיגען צוקונפט פאַר׳ן כלל און פאַר׳ן פּרט, אָבער צום גרויסען באַדויערען האָט דער חלום לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. גאָר גיך איז דער חלום פאַרשוואונדען און א ביטערע אומגלויבליכע טראַגעדיע איז באַפאַלען אונזער שטעטל. נאָר איין־און־איינציגער איד איז געבליבען לעבען, דער איינציגער לעבעדיגער עדות אויף א קהלה וואָס איז אונטערגעגאַנגען און מעהר וועט זי שוין ניט לעבען.

מיין באַזוך

פון ישראל זוסמאַן

אין זומער 1927 האָב איך מיט מיין פרוי געמאַכט מיין פאַרשפּעטיגטע האָניג־רייזע קיין האָראָדעץ. אַזוי ווי דער טאַטע האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו פירען אפילו איין קינד צו דער חופּה — זאָל ער כאָטש זעהן זיין ערשטע שנור.

אָנקומענדיג קיין וואַרשא פון פּאַריז האָב איך אין אַ הויז פון מיין פרוי'ס אַ קרוב, אים אָפּגערופען אויפ'ן טע־

ערשטע רייהע פון רעכטס צו לינקס: **רות און איר מאַן ישראל זוסמאַן, סירקע שמעון אייזיק'ס.**

צווייטע רייהע: **ר' אשר דוד דער שוחט, ר' איציק** (ישראל'ס פאָטער), **ר' שמעון אייזיק, ר' דוד משה סאַוויצקי.**

שטייענדיג: **מיניע, ר' איציק'ס פרוי, חאַשע, ר' שמעון אייזיק'ס שטיף־מוטער.**

לעפאָן. דער טעלעפאָן אין האָראָדעץ איז דאַמאָלסט געווען אויפ'ן פּאָטשט און ס'האָט גענומען אַרום זעקס שטונדען ביז מ'האָט אונז פאַרבונדען. אַז איך האָב ענדליך דערהערט דעם טאַטענ'ס שטימע זיינען די ערשטע ווערטער געווען: „שהחיינו . . .” ער האָט גערעדט זייער שנעל און זיין שטימע האָט געציטערט. נאָר אַזוי ווי איך האָב אויך גערעדט זעהר שנעל — האָבען מיר זיך גוט פאַרשטאַנען.

אויף מאָרגען זיינען מיר אַרויסגעפאָרען קיין בריסק. אין בריסק אויפ'ן וואָקזאַל, האָבען אונז באַגעגענט אברהם חיים קאַסטרינסקי (מאָטיע'ס זוהן) מיט זיין טאָכטער, נח פּאָליאַק מיט זיין פרוי אסתר (ווינאָגראַד) און מאַכליע, צביה גרינגלאָז'ס שוועסטער. אַזוי ווי מיר האָבען געדאַרפט וואַרטען אַ פּאָר שטונדען אויפ'ן פּאַליעסער באַן, האָב איך געקענט פאַרברייננגען מיט זיי אַ היבשע צייט. זיי האָבען געזאָגט אַז אויף אַלע וואָקזאַלען וועלען אונז באַגעגענען באַקאַנטע ווייל אַלע ווייסען אַז מיר קומען.

פון בריסק איז די רייזע געוואָרען היימישער. אָט איז זשאַבינקע — און אָט איז קאָברין. אַ סך באַקאַנטע — מ'כאַפּט זיך קושען, מ'פרעגט זיך נאָך אָבער די פּאָר מינוטען לויפען שנעל אַריבער — און אָט רירט זיך די באַן נאָך האָראָדעץ . . . מיין פּנים ווערט צוגעשמידט צום פענסטער. דער צוג יאָגט זיך שנעל איבער באַקאַנטע פעלדער — און אָט איז שוין ·דער דאָרף קאַמען; איך שלינג איין די גאַנצע פּאַנאָראַמע ווי אין אַ חלום. פון דער ווייטענס זעט זיך שוין דער בית עולם. די אויגען ווערען פאַרטויט, די האַרץ קלאַפּט שטאַרקער — די רעדער קלאַפּען אויך אַזוי ווי זיי וואָלטען קאָנקורירען צווישען זיך . . . און אָט דערזעה איך פון דער־ווייטענס, דעם שפּיץ פון אונזער גאָלובניק (טויבענ־שלאַג). איך וויל זיך גוט איינקוקען — נאָר אָט זיינען מיר שוין אויפ'ן בריק. טראַך־טראַך, טיאָך־טיאָך — און מיר זיי־נען שוין לעבען דער ציגעלניע. דער צוג הויבט אָן גיין פּאַמעליכער און איך דערזעה פון דערווייטענס דעם וואָקזאַל. אוי! ווי איינגעשרומפּען ער איז געוואָרען. מיט אַמאָל גיט זיך דער צוג אַ שטעל אָפּ. איך לויף שנעל אַרונטער און, צו מיין פאַרוואונדערונג זע איך ווי די זשאַנדאַרן גיבען מיר אָפּ טשעסט. (שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אַז זיי האָבען געלייענט אין די צייטונגען אַז איך דאַרף מאַכען אַ בילד פון זייער פּרעזידענט פּילסודסקי'ן). איך זוך שנעל מיט די אויגען דעם טאַטען און באַמערק ווי ער שטייט אָנ־געשפּאַרט אָן וואַנט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די ערשטע ווערטער וואָס איך האָב פון איהם געהערט זיינען געווען: „לראות את פּניך לא פללתי". מ'האָט אַ טרער געלאָזט פאַ־לען, ער האָט אַרומגענומען און געקושט זיין ערשטער שנור און צוזאַמען מיט אונזער גוטהאַרציקער מומע מיניע (זיין צווייטע פרוי) אַרויפגעזעצט זיך אויף אהרן דוד'ס פור וואָס איז געווען יום־טוב'דיק אויסגעשפּרייט מיט פרישע היי — און היידאַ אין שטעטל אַריין.

צום וואָקזאַל זיינען געקומען אַ סך מענשען און קינדער אונז מקבל פּנים זיין און פון גאַנצען עולם האָט זיך אַרויס־געשאַרט מער פון אַלעמען מיין חבר מאָטעל חיים ניסן'ס (ווי־נאָגראַד), רייטענדיק אויף אַ גרויסען פערד. אויפ'ן וועג האָבען מיר וויניג גערעדט — זיך איינגעקוקט אין די אויגען — און געשוויגען. צוקומענדיק צום שטעטל, האָט זיך מיר אויסגע־דאַכט אַז די הייזער זיינען ווי קלענער געוואָרען. אַז מיר זענען אָנגעקומען צו אונזער הויז איז די גאַס געווען פול מיט מענ־שען. די שמחה איז געווען אין לשער און מ'האָט ניט גע־וואוסט פון וואָס פריער צו ריידען און וואָס פריער צו פרעגען. מיר זיינען געזעסען און גערעדט ביז אין ווייסען טאָג אַריין.

אין דערפרי איז אַריינגעקומען דער פּוילישער קאָמענ־דאַנט אונז צו באַגריסען און צערעמאָניש געקושט מיין פרוי'ס האַנט. ער איז געווען זייער העפליך; ווייזט אויס אַז אפילו די אַלטע פּוילען האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר אַן אַמעריקאַנעם וואָס האָט נאָך דערצו געדאַרפט מאָלען זייער פּרעזידענט.

איך האָב דערנאָך געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן שטעטל — זי האָט אויסגעזען אַ סך אַנדערש ווי אין 1920, ווען איך האָב איר פאַרלאָזט. די גאַסען האָבען זיך היבש אויסגע־בויט, אויך אַ נייער בית-המדרש. אַלטער דער שמיד האָט אויסגעבויט אַ שיין הויז און נייע הייזער פוןביידע זייטען פון בית המדרש. אפילו דער בריק איז געווען אַ נייער און אַ לענגערער. דער מאַרק האָט זיך אויך אויסגעבויט און חיים ניסן'ס הויז איז געווען די שענסטע פון שטעטל. דאָך איז די אָרימקייט געבליבען די זעלבע.

חיים ניסל'ס הויז

איך בין אַוועק אויפ'ן בית־עולם בויגען מיין קאָפּ פאַר דער מאַמע'ס, ע"ה, קבר — און איך האָב ניט באַמערקט ווי בון דערווייטענס איז געשטאַנען ר' אַלטער דער שמיד און געמאַכט שטילערהייד אל מלא רחמים. דער בית־עולם איז ניט איינגעשרומפּען געוואָרען — פאַרקערט, ער האָט זיך צעוואַקסען. ס'זיינען צוגעקומען אַ סך קברים מיט און אָן מצבות. אָבער אין מיטען בית עולם איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען אַ מפּאָזאַנט און מאַיעסטעטיש דער אוהל פונ'ם אַלטען רב, ז"ל, ווי באַשיצענדיג די אַלע קברים אַרום אים.

ס'זיינען דאַמאָלט געווען צוויי פלעצער צום דאַוונען: ביי שעפּסלען אין מויער האָבען געדאַוונט די חסידים (סטאָלינער און קאָברינער) און אין נייעם בית המדרש האָבען געדאַוונט די מתנגדים און די „גאַסער". דעם ערשטען שבת האָב איך געדאַוונט ביי די חסידים. מ'האָט מיר גע־געבען מפטיר און איך האָב נעבעך געמוזט זאָגען די גאַנצע הפטורה. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט דעם קומענ־

דיקען שבת אין בית־המדרש. דעם ערשטען שבת האָט דאָס שטעטל אונז געשיקט משקה ווי צו שבע ברכות (ביים טאַטען איז דאָס ווירקליך געווען ווי אַ חתונה). ס'פלעגט אַריינקומען אַ קינד מיט אַ פלעשעל וויין אָדער ביר, אָדער אַ טעלער צוגעדעקט מיט אַ טיכל, ווי אַ פורים'דיגע שלח־מנה און זאָגען: „ליב אייך מיט אייערע געסט . . .” אויף מאָרגען האָט חיים ניסן געזאָגט אַז מ'האָט ביי אים אויסגעקויפט דעם גאַנצען קעלער מיט געטראַנקען . . .

מיין גוטע מומע מיניע האָט געוואָלט צופרידען שטעלען דעם גאַסט — און אויף אַלע בקשות צו אָפּקאָכען אַן איינפאַכען האָראָדעצער קרופּניק — האָט זי געהאַט איין ענטפער: „גיי שוין, גיי, אַזאַ גאַסט — און אַ קרופּניק! דו וועסט ביי מיר עסען געבראָטענס . . .” בקיצור, זי האָט אַזוי לאַנג „געבראָטען געבראָטענס” ביז איך בין קראַנק געוואָרען — דאַן האָט זי שוין געקאָכט אַ קרופּניק.

אין פאַרלויף פון די צוויי וואָכען וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין האָראָדעץ האָב איך באַזוכט כמעט יעדע הויז פון שטעטל (אין אַ סך הייזער האָט מען אונז מכבד געווען מיט טיי און וואַרעניע). איך האָב באַזוכט דעם שטילען, גוטען רב, ר' ארי' גרינמאַן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ באַשיידענעם צימער אין אַמאָליגער שמחה יודעל'ס הויז, וואָס האָט יעצט געהערט צו יאַנקל דעם מוליאַר. געוועזן ביים פעטער אשר דוד דעם שוחט, וואָס האָט געוואוינט אין אייזיק איזראַעל'ס הויז אָבער געלעבט מיט ארץ־ישראל, וואוהין ער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרען און דאָרטען איז ער נפטר געוואָרען אין עלטער פון קרוב צו הונדערט יאָהר. באַזוכט מיין רבי און משכיל ר' שמעון אייזיק וואָס האָט שטענדיג געבענקט נאָך גרויסע שטעט און געדורשט נאָך וויסענשאַפט — און פאַרבליבען אין האָראָדעץ; געשמועסט מיט טוביה דער שוסטער — דעטשודאַק און „שטאָט־ליץ”; גערעדט מיט שלמה בורשטיין לערער — אידעאַליסט— בונדיסט, וואָס איז געוואָרען אַ קרעמער און בשעת וועגענדיג אַ פונט גרויפּען, גאָר געטראַכט וועגען וועלט־שמערץ און וועלט־אויסלייזונג; גערעדט מיט יעקב פּאָליאַק, דער אייביגער שניט קרעמער, וואָס די מאָס איז ביי אים געווען הייליג. כ'האָב באַזוכט אַלטער דער שמיד, דעם כלל־טוער, פאַרזאָרגער, חברה קדישא מאַן און „שני למלכות”; ניט פאַרפעלט צו זעהן שעפּסל דעם סטאָליאַר, דעם שטענדיק פרייליכ'ן מיט אַ גוטען שמייכעל אויפ'ן פנים וואָס פלעגט העלפען דעם טאַטען זינגען זמירות; איך האָב אויך געהאַט אַן „אינטערוויאו” מיט יאַנקל דעם מוליאַר, דער, וואָס פלעגט לאַכען פון דער וועלט און וואָס האָט ליב געהאַט מענשען, איבערהויפּט אָרימע. איך האָב אויך באַזוכט חיים ניסן ווינאָגראַד, קליין־געוויקסיג — אָבער מיט אַ ברייטער האַרץ, גרויסע פאַמיליע און רחבות'דיגע הויז, איינגעפונדעוועט ווי אַ דעמב און אַ סך גוטע קינדער. דער באַשיידענער מאָטיע דעם רב'ס מיט זיין פרוי, וועלכע האָבען געוואוינט ביי אונז אין הויז, האָט זיך זעהר נאָכגעפרעגט אויף אַמעריקע, ווייל מיט איין פוס איז ער שוין געשטאַנען אין אַמעריקע.

איך האָב גערעדט מיט זייער פיל האָראָדעצער מענשען פון אַלע שיכטען ווי: אַרבייטער, האָרעפּאַשניקעס, קרעמער און לופט־מענשען. איך האָב גערעדט מיט אַלעמען, געפרעגט זיך אויף זייער לעבען און פון אַלעמען געהערט דעם זעלבען פּסוק: געבענשט זאָל זיין אַמעריקא! ווייל דאָס שטעטל האָט מער ווי שטענדיג געלעבט פון אַמעריקא. ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין משפחה וואָס זאָל עמיצען ניט האָבען אין אַמעריקא און וואָס זאָל זיי ניט שטיצען — דאָס האָט אַלעמען אויפגעהאַלטען ביים לעבען. ווי דער מן אין דער מדבר זיינען די אַמעריקאַנער דאָלאַרען געווען פאַר די האָראָדעצער אידען.

איך פלעג אַ סך פאַרברענגען אין אונזער פּראַכטפולען סאָד — און אפילו די טויבען האָבען געוואוסט אַז ס'איז דאָ אַן אַמעריקאַנער גאַסט און זיינען אַרומגעפלויגען לעבעדיגער ווי שטענדיג . . .

יעדער איינער האָט געהאַט אָפּשיי פאַר דעם אַמעריקאַנער. דער אַמעריקאַנער איז געוואָרען אַ מענש וואָס ווייסט אַלעס, אַ מענש מיט יושר — און וואָס ניט? האָט זיך געטראָפען אַז איך, דער אַמעריקאַנער, בין שוין געוואָרען אפילו אַ שופט, און פאַר מיר איז פאָרגעקומען אַ דין־תורה.

צו איך האָב ביידע צדדים צופרידען געשטעלט — ווייס איך ניט — נאָר אָנגעשריגען האָט מען זיך גאַנץ גענוג, און מ'האָט די קולות געקענט הערען אַזש אין ניו־יאָרק. אָבער דערפאַר, אַז ס'האָט זיך געענדיגט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, און איך האָב אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל — האָט מען געמאַכט אַ לחיים און ס'איז געווען ליהודים . . .

איך האָב זיך דאָרטען באַקענט מיט'ן נייעם רב, ר' אריה גרינמאַן. ער איז געווען זייער אַן איידעלער מענש און אַ גרויסער למדן. ער איז געווען אַ מענש מיט אַ גוטער האַרץ, און ס'איז געווען אַ גליק פאַר האָראָדעץ אין יענע טעג, צו האָבען אַזאַ איידעלען און איבערגעגעבענעם מענשען אַלס רב, וועלכער איז שטענדיג געווען גרייט אויף אַרויסצוהעלפען יעדען איינעם מיט ראַט און טאַט. ער האָט אָבער געלעבט אין גרויס דחקות און מ'פלעגט זאָגען, אַז ער האָט שטילערהייט, אפילו צוגעהונגערט — אָבער ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט . . .

די צוויי וואָכען זיינען אַריבער שנעל, ווי אין אַ חלום; ס'איז געווען ווי איין גרויסער יום טוב. די שטוב האָט געקאָכט מיט מענשען — און די וואָס האָבען ניט געקאָנט אַריינקומען אינווייניג, האָבען לכל הפחות, אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער, כאַפּען אַ קוק אויף די אַמעריקאַנער.

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז מיין לעצטער באַזוך אין מיין געבורט־שטעטל, אַז איך וועל דאָס מער ניט זען — דאַרום האָב איך געוואָלט אַלעס אַריינאָטעמען אין זיך און דאָס באַהאַלטען אויף שפּעטער. איך האָב געוואָלט נאָך אַמאָל דורכלעבען מיינע

קינדערשע יאָהרען און די יאָהרען, ווען איך בין געוואָרען אַ שטיקעל מענש. איך האָב געוואָלט נאָכאַמאָל דורכגיין אָט די אַלע פּלעצער וואָס האָבען מיר דערמאָנט אין דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט — דעריבער האָט איך מיט מײַן יוגענט חבר, מאָטעל ווינאָגראַד, באַזוכט דעם „פּאַקאָי“, וואו מיר פּלעגען האָבען ציוניסטישע קאָנצערטען און פאָרשטעלונגען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה און וועלכער איז יעצט געשטאַנען וויסט און פאַרלאָזן. איך האָב מיט מאָטלע'ן שפּאַצירט איבער די „באַטשווניקעס“ (די ברעגען פון אונזער טײַך) ביז צום שליוז און נען מיר אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, און אַרום 6 אַזייגער אַרויס פון הויז. ישראל משה'ס פור האָט שוין געוואַרט אויף אונז, ווי אויך אַ סך מענשען וואָס זײַנען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי מיט אונז זיך צו געזעגענען. מיר האָבען זיך געזעגענט שווייגענדיג, זיך צוקושט מיט די שכנים, יאָסעל דעם בויער און מאָטיע דעם רב'ס, מיט'ן פעטער אשר דוד, שמעון אײַזיק'ן, חיים ניסנ'ען, דוד משה'ן, אהרון אשר'ן און נאָך, און נאָך — און זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן וואָגען. איך האָב זיך גלײַך אויפגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי אַרומנעמען די גאַנצע שטעטעל און אָנ־

די „גאַס“ (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה)

געגאַנגען אויף אַלע שטעגען וואָס האָבען אויפגעוועקט אַזוי פיל זכרונות פון די גוטע, זיסע יאָרען פון מײַן קינדהייט. איך האָב אויך גענומען צו הילף מײַן בלײַשטיפט, און זיצענדיג בײַ אונז אויפ'ן גאַניק, פּלעג איך מאַכען אַ סך צייכנונגען פון פאַרשידענע טיפּען וואָס האַלטען בײַם פאַרשווינדען. איך האָב אויך גענומען בילדער פון אונזער געסעל און פון גאַס שטייענדיג בײַם בריק וואו כמעט דאָס גאַנצע שטעטעל האָט זיך פאַרזאַמעלט.

ס'איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען. אין אַ נעוויסען טאָג — כ'גלויב ס'איז געווען אין אַ זונטאָג — זײַ־ געהויבען זאָגען: זײַ געזונט . . . טרערען האָבען מיך אָנגעהויבען שטיקען אין האַלז און איך האָב ניט געקאָנט ענדיקען. איך האָב זיך אײַנגעהאַלטען ניט צו וויינען און נעבעטען ישראל־משה'ן ער זאָל שנעל אָוועקפאָרען. וויאָ! — האָט ער אַ צי געטאָן מיט די לייצעס. דאָס פערדעל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרימעל, אומעטיג און ניט אײַלענדיג זיך אַ צי געטאָן פונ'ם אָרט — און היידאַ צום באַן.

אויפ'ן וואָקזאַל האָט יעדער אײַנער זיך געמאַכט אַ האַרץ און זיך באַמיט צו זײַן פריילאך — ס'האָט זיך אָבער

ניט געקלעפּט, און מ'האָט בכיוון אין אַזאַ וויכטיגען מאָמענט גערעדט פון קליינינקייטען . . .

דער באַן קומט אָן און מיר הויבען זיך אָן שנעל געזעגענען. מ'נעמט זיך אַרום, מ'קלאַמערט זיך איין, מ'קוקט זיך אָן, אָן ווערטער, און — מ'שלינגט די טרערען . . . אָט שטיי איך שוין אויף די טרעפּלאַך פון אַ וואַגאָן. קוק זיך שטאַרק איין אין טאַטען, ווי איך וואָלט וועלען אויף לאַנג באַהאַלטען זיין געזיכט אין מיין זכרון.

געציילטע מינוטען — אַן אייביגקייט. אָ! ווען מ'קען זיי פאַרהאַלטען און אויסציען לענגער — נאָר אָט הערט זיך אַ שאַרפער פייף — און דער באַן גיט זיך פלוצלונג אַ ריר פון אָרט.

ס'טוט אַ ריס אין האַרצען. איך הער דעם טאַטען זאָגען, „צאתך לשלום" און „יברכך ד' וישמרך" . . . די אויגען ווערען פאַרטויט. איך בייס די ליפּען אום ניט צו וויינען. איך זע איצט מיין טאַטען ווי אין אַ טומאַן, שטעהט אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען שעפּטשענדיג אַ תפילה.

ער ווערט קלענער, קלענער, איינגעשרומפּען, ביז ער ווערט אינגאַנצען איינגעשלונגען אין חלל . . .

דער באַן הויבט אָן גיין שנעלער, קלאַפּענדיג שטאַרקער מיט די רעדער ווי וועלענדיג פאַרטומלען מיינע רעיונות.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז איך זע אים צום לעצטען מאָל.

די חלוצים באַוועגונג *)

פון בלהה פיינשטיין (א"י)

איך געדענק ניט גענוי אין וועלכען יאָר עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „החלוץ" אין האָראָדעץ. אָבער אין 1926 האָבען די חברים פון „החלוץ הבוגר" באַשלאָסען, אַז דער „החלוץ" מוז האָבען אַ פאָרזעצונג. צו דעם צוועק איז געגרינדעט געוואָרען דער „החלוץ הצעיר", וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צעהנדליג חברים, אין עלטער פון 13-15 יאָר.

אין שטעטעל איז שוין אין יענער צייט קיין אידישע שולע ניט געווען. אַלע קינדער האָבען געמוזט באַזוכען די פּוילישע שולע. אָבער די קליין שטעטעלדיגע אידישע עלטערען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן נאַציאָנאַלען גייסט, דעריבער האָבען זיי פאַר די שווער אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות געזעהן מיט דער הילף פון ליבער'ן און יעקב אדרעזינסקי, אז די קינדער זאָלען לערנען העברעאיש אין די פרייע שעה'ן פון די פּוילישע לימודים. זיי ביידע זיינען אויך געווען די לערער. אַזוי־אַרום האָבען כמעט אַלע חברים פון „החלוץ הצעיר" פאַרמאָגט די זעלבע בילדונג, געקענט מער-וויינינגער די העברעאישע שפּראַך און געווען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון פּאַטריאָטיזם, וואָס עס האָט ערמעגליכט אַ פּרוכטבאַרע און סיסטעמאַטישע אַרבייט.

די אַרבייט אין סניף, און אַפילו שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין אַריבער אין „החלוץ הבוגר", איז שטענדיג געווען אומלעגאַל, ווייל אונזערע מעגליכקייטען האָבען ניט ערלויבט צו דינגען אַ לאָקאַל און איינאָרדנען די אַרבייט אָפיציעל. אַלע אסיפות האָבען זיך געפירט געהיים. יעדען מאָל האָבען מיר אויסגעזוכט אַ נייעם פּלאַץ וואו זיך צו פאַרזאַמלען. זומער אויפ'ן ברעג טייך, אַ פּאָר קילאָמעטער פון שטעטעל, אָדער אין וואַלד, אין פעלד. און ווינטער — יעדען מאָל ביי אַן אַנדער חבר. פאַרשטייט זיך, אז דאָס האָט זעהר באַשווערט אונזער אַרבייט. די תורנים האָבען געדאַרפט געפינען אַ פּלאַץ וואו צוזאַמענרופען אַלע חברים.

ליבער פּאָליאַק

*) אויסער דעם אַלגעמיינעם אַרטיקעל וועגען דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין האָראָדעץ צווישען די צוויי וועלט־מלחמות פון שמואל הויזמאַן, האָבען מיר אויך ערהאַלטען אַן אַרטיקעל פון בלהה פיינשטיין (ביילע משה דעם שמידס פון ארץ־ישראל, וועלכע איז די איינציג לעבען געבליבענע פון איר משפּחה).

מיר גיבען דעם אַרטיקעל, ווייל אין אים זיינען פאַראַנען געוויסע פּרטים און באַמערקונגען וועלכע זיינען אין הויזמאַנס אַרטיקעל ניט דערמאָנט.

רעד.

טיילמאָל ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, האָט די פאַרזאַמלונג ניט געקענט פאָרקומען, צוליב פאַרשידענע ניט פאָראויסגעזעהענע סיבות. אַ געוויסע צייט האָבען מיר זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען לעגאַל, און איז געגרינדעט געוואָרען דורך די זעלבע חברים פון „החלוץ" און סימפּאַטיקער. אויך דאָס איז ניט שטענדיג מעגליך געווען, ווייל אויף יעדער פאַרזאַמלונג האָט מען געדאַרפט האָבען אַן ערלויבעניש.

איך דערמאָן זיך אין צוויי אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. איינמאָל, ווען מיר האָבען אין אַ זומערדיגען שבת אָפּגעהאַלטען אַזאַ פאַרזאַמלונג אויפ'ן באַטשעווניק, איז פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסען דער קאָמענדאַנט. אַ הויכער ברייט־ביינינגער גוי מיט אַ פּאָר רויטע פּיסקעס. ער האָט צוגענומען ביי אונז דעם „במסלה" (אַ בוך געשריבען וועגען ארץ־ישראל דורך ארץ־ישראל'דיגע ארבייטער) און נאָך עטליכע בראשורען און צייטונגען, ווי דעם „העתיד" (העברעאישע צייטונג וואָס איז ערשינען אין וואַרשע).

אַ צווייטען מאָל, ווען מיר האָבען אָפּגעהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג אין ציגעלניער וואַלד, און ישראל חיים בילעצקי **) פון קאָברין האָט אָנגעפירט מיט איר, האָט זיך דער קאָמענדאַנט דערוואוסט פון איר און האָט אונז גענומען אין פּאָסטערונעק (קאָמיסאַריאַט). איינינגע פון אונז האָט מען געשלאָגען, און איינינגע האָט מען געדראָהט צו שלאָגען. דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט וויסען ווער דער אָנפיהרער איז געווען. פון אונז האָט ער זיין נאָמען ניט געקענט קריגען. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זיך דערוואוסט, און ס'איז אים געלונגען דאָס איבערגעבען אין קאָברין. דער „מורד במלכות" איז געכאַפּט געוואָרען. נאָר אַ דאַנק דעם ליגע פיהרער פון דער הסתדרות איז בילעצקי אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק.

די הויפּט־אַרבייט איז געווען אַן ערציהערישע און קולטורעלע. דריי מאָל אין וואָך זיינען זיך די חברים צוזאַמענגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון די צוויי אויבענדערמאָנטע חברים. מיר האָבען דורכגעמאַכט פאָלגענדע

**) ער איז דער שפּעטערדיגער מיטאַרבייטער פון „המשמר" און פּראָפעסאָר פון אַ בוך לידער.

אַ גרופּע חלוצים

ערשטע רייהע זיצענדיג פון רעכטס צו לינקס: **אברהם ווינאָגראַד, חיה קופּריאַנסקי, אברהם גאַרבער.**
צווייטע רייהע: **חאַשקע ווייסמאַן, יעקב אדרעזינסקי, פּעלטע גלאַצער, ליבער פּאָליאַק, יהודית רובינשטיין.**
דריטע רייהע שטייענדיג: **דוד רודעצקי, הערשעל דעם קאַמענער'ס טאָכטער, יעקב גאָלדבערג, פייגעל גרעבלאָווסקי, מיכל העלערשטיין, גענענדיל ווינאָגראַד.**

שיעורים: אידישע געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ציוניסטישע געשיכטע, ווי אויך געשפּרעכען איבער פאַרשידענע ציוניסטישע און סאָציאַלע פראַגען.

האָראָדעצער חלוצים אין פראָנט פון משה בער קופּריאַנסקי׳ס הויז

אין אַ געוויסער צייט ארום זיינען צוגעקומען אייניגע חברים פון די גאָר אָרימע פאַמיליעס, וועלכע האָבען ניט געקענט באַזוכען די העברעאישע קורסען. מיר האָבען זיך משתדל געווען זיי זאָלען זיך פילען גוט, חבר׳יש, און זיי געלערענט די העברעאישע שפּראַך. אונזערע מאַטעריעלע מעגליכקייטען זיינען געווען קליין. זיי זיינען באַשטאַנען פון די מאָנאַטליכעביישטייערונגען פון די ווייניגע חברים. צו דעם צוועק האָבען מיר גענומען אַ גאָרטען אויף צו באַארבייטען, און פון דער הכנסה געשאַפען אַ קליין ביבליאָטעק ביים „החלוץ הצעיר".

די ארבייט אין גאָרטען איז געווען פרייוויליג. אָבער כמעט אַלע חברים האָבען זיך באַטייליגט.

אין ווינטער האָבען מיר געגרינדעט קורסען פאַר אָרימע קליינע קינדער, וואָס האָבען פריוואַט ניט געקענט לערנען און האָבען גענאַרפט באַזוכען די פּוילישע שולע. אייניגע חברים פון אונז, חיה אלציק, יוסף מאנטאק, יהודה גרינבערג און איך האָבען אָפּגעגעבען זייער צייט אייניגע מאָל אַ וואָך פאַר דעם צוועק. די קינדער האָבען פיל באַוויזען במשך פון דעם ווינטער.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אז מיר האָבען זיך אויך באַטייליגט אין דער ארבייט פון „קרן הקיימת", וואָס איז ביי ביי אונז געווען הייליג. איך בין געגאַנגען מיט יעקב אדרעזינסקי פאַרטיילען די ערשטע „קרן קיימת" פושקעס. איך געדענק נאָך זעהר גוט מיט וואָס פאַר אַ שמחה אייניגע זעהר אָרימע פרויען האָבען אונז אויפגענומען. זיי האָבען אוועקגעגעבען די לעצטע פּאָר גראָשענס, וואָס זיינען מיט פיל שוועריגקייטען אָפּגעשפּאָרט געוואָרען, ווייל דאָס שטעטעל איז זעהר פאַראָרימט געוואָרען נאָך די מלחמות. דאָס רוב משפחות האָבען עקזיסטירט אַ דאנק דער שטיצע פון זייערע אמעריקאַנער קרובים.

אויך פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען מיט חברים פון אנטיפּאָליע און קאָברין. ביי די באַזוכען פון די חברים פון מרכז האָבען זיי אַלעמאָל אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט מיט אונזער סניף, אַז ער איז איינער פון די בעסטע אין געגענד. דאָס איז געווען אַ דאַנק די פאָלגענדע צוויי סיבות: ערשטענס, די נאַציאָנאַלע ערציהונג, און צווייטענס, די הדרכה פון די צוויי אויבענדערמאָנטע חברים.

די שטרעבונג אונזערע, פאַרשטייט זיך, איז געווען עליה און הגשמה. אָבער הגשמה איז געווען פאַרבונדען מיט פיל אויסערליכע שוועריגקייטען, און ניט אַלע האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו זיין אויסגעהאַלטען. בלויז אַ טייל פון די חברים געפינען זיך אין ארץ־ישראל. און אין אַ קיבוץ בין איך די איינציגע פון אונזער שטעטעל. אָבער די איבעריגע זיינען אויך גוטע און פראָדוקטיווע מיטגלידער פון לאַנד. ליבער פּאָליאַק׳ס פאַרדינסט איז גאַנץ גרויס אין אונזער זיין דאָ.

אונטער דעם פוילישען רעזשים

פון הרב שלום פּאָדאָלעווסקי

פון 1918 ביז 1939, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אונזער קליינינקע שטעטעלע האָראָדעץ געווען אונטער דער פוילישער רעגירונג. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַ 50 אידישע פאַמיליעס, וואָס איז באַטראָפען אַרום 200 נפשות, אַרום אַ 100 ווייס־רוסישע פאַמיליעס און אַ 15 פוילישע פאַמיליעס. די רוסישע פאַמיליעס זיינען אַלע געווען ערד אַרבעטער. די פוילישע זיינען געווען די בעאַמטע פון שטעטל, ווי פּאָליציי־לייט, געמינע בעאַמטע, לערער, פּאָסט, באַן־בעאַמטע א. ד. ג.

הרב שלום פּאָדאָלעווסקי

די אידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, קרעמער און קליינהענדלער. אונזער שטעטעלע איז געוואָרען קלענער און אָרימער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און פילע האָבען געזוכט צו עמיגרירען אָדער האָבען עמיגרירט אין אַנדערע לענדער, ווייל די פוילישע רעגירונג פלעגט זוכען צו פאַרביטערען דעם לעבען פון איד, וועלענדיג אים אַרויסשטופען פון זיינע פרנסות און עס איבערגעבען צו די פוילישע פויערים.

אזוי אַרום פלעגט די רעגירונג זייער אָפט אַרויסגעבען שלעכטע גזרות אויף אידען, דהיינו: די אידען האָבען געמוזט צאָלען זעהר גרויסע שטייערען פאַר זייערע הייזער. זיי האָבען געמוזט צאָלען דעם פוילישען פריץ געלט פאַר די ערד וואָס אויף דעם איז געשטאַנען די אידישע הויז, קראָם און וואַרשטאַט. ווען איינער איז געווען קראַנק און ניט געקאָנט גיין אין דער אַרמיי, האָט ער אַלע יאָרען שוין געדאַרפט צאָלען ספּעציעלע שטייערען. דער אידישער אַרבייטער, פאַר זיין ערלויבעניש צו מעגען אַרבייטען, האָט געמוזט צאָלען שטייערען. פון זיין פאַרדינסט האָט ער געמוזט אָוועקגעבען גרויסע פּראָצענטען פאַר דער רעגירונג. דאָס זעלבע דער אידישער קרעמער און קליינהענדלער — האָט געמוזט צאָלען ריזיקע שטייערען.

אויך האָבען די פּאָליאַקען איינגעפירט די קאָאָפּעראַטיוועז, וועלכע האָבען געמוזט באַלאַנגען נאָר צו פּאָליאַקען. דאַן איז געקומען די שלעכטע גזרה, וואָס האָט געהייסען „קאַרטע זשימיצניצע", אַז קיינער האָט ניט געטאָרט אַרבעטען אָן אַזאַ קאַרטע, און פאַר אַ אידען אַזאַ קאַרטע האָבען זיי געפאָדערט אַז ער מוז ענדיקען אָדער אויסהאַלטען אַן עקזאַמען אין אַ פאַך־שולע און דערצו באַווייזען אַז ער, זיין פאָטער און זיידע און עלטער־זיידע זיינען געבאָרען געוואָרען אין דעם זעלבען שטעטעל.

די אידען פון די גרעסערע שטעט האָבען זיך נאָך אַן עצה געגעבען מיט באַקומען אַזאַ קאַרטע. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען פאַלקס־שולען און עצה־געבערס מיט מאַכערס וואָס פלעגען העלפען צו באַקומען אַזאַ קאַרטע. אָבער פאַר דעם קליינשטעטעלדיגען אידען מיט אַ קלענערע בילדונג, איז געווען כמעט אומעגליך צו באַקומען אַזאַ קאַרטע. אזוי אַרום איז די אַרבעט ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט געוואָרען פון אידישע הענט. און ווי איז געווען צום אידען וועלכער האָט שוין געהאַט די קאַרטע אָדער די ערלויבניש אויף אַ קראָם, ווען ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלען זיינע שטייערען. דאַן פלעגען קומען דער קאַמאַרניק און עקזעקוטאָר און דורכפירען די עקזעקוציע, פאַרקויפענדיג זיין קישען, זיין בעט, זיין וואַרשטאַט, זיין ניי־מאַשין. און ווען עס פלעגט קומען דער קאַמאַרניק קיין האָראָדעץ, פלעגט שוין דער אידישער סטאַראָסטע (אשר מענדעל דעם מוליאַר'ס זוהן) לויפען אָנזאָגען די אידען אַז זיי זאָלען אַלעם פאַרבאַהאַלטען, און די אָרימע אידען נעבאַך, פלעגען שוין פאַרשליסען זייערע הייזער, אַרויסטרייבען זייערע בהמות, זייערע פערד, קעלבלעך און הינער אויפ'ן פעלד, פאַרבאַהאַלטען זייערע ניי־מאַשינען און בעטגעוואַנד, און אַליין זיך פאַרשטעקען אין ערגעץ, ביז דער קאַמאַרניק פלעגט אָוועקפאָרען.

ווען היטלער, ימ"ש, האָט פאַרבאָטען די שחיטה אין זיין מלכות הרשעה, דייטשלאַנד, האָבען די פּאָליאַקען, וועלענדיג נאָכטאַנצען די דייטשען, אויך באַשלאָסען צו פאַרבאָטען די שחיטה, מיט'ן אויסרייד אַז די שחיטה איז ניט גענוג הומאַניטאַריש, נאָר עס איז אַ באַרבאַרישער אַקט. זייער ציל איז געווען אַרויסצורייסען די אידישע פרנסה פון פלייש, וואָס איז געלעגען אין אידישע הענט, און בכלל אַרויסרייסען דאָס שטיקעל פלייש פון אידענ'ס מויל. ווען דער איד האָט געשאָכטען אַ בהמה מיט אַ חלף, ווי דער אידישער דין איז און ניט געוואָלט עסען פון קיין גע'הרג'עטע אָדער גע'פגר'טע בהמה, האָט אים פאַר דעם געקומט פינף יאָר טורמע, אָדער ער האָט געקאָנט פאַרלירען זיין לעבען.

אין די גרעסערע שטעט האָט מען נאָך געקאָנט קריגען אַ שטיקעל פלייש פאַר אַ סך געלט, ווייל די רעגירונג האָט ערלויבט צו שעכטען זייער אַ קליינע צאָל בהמות דאָרטען. אָבער דער איד אין אַ קליין שטעטעלע, און דערצו אָרימע-

ליט, האָבען קיין פליש ניט געהאַט. אַזוי אַרום איז ביי אונז אין שטעטעלע האָראָדעץ קיין פליש אינגאַנצען ניט געווען, און די קליינע קינדער האָבען אפילו ניט געוואוסט וואָס מיינט פליש.

איציק'ס שטיבעל איז געווען אַ שם דבר פאַר דעם גאַנצען געגענט, ווייל אויסער דאָס שטיבל צום דאַווענען, האָט איציק געבויט אַ שיינעם הכנסת אורחים פאַר אָרימע ליט, וואַנדערער, און פון טאָג צו טאָג, געהאַלטען אין איין פאַר־שענערען און פאַרבעסערען דעם הכנסת אורחים. אין זומער, ווען אין איציק'ס סאָד, וואָס איז געווען הינטערען הויז, האָבען זיך צוואַקסען די גוטע פרוכטען, פלעגען די אָרימע ליט הנאה האָבען און בענטשען דעם בעל־הבית וואָס האָט דאָס געבויט, ניט וויסענדיג אַז דער בעל־הבית געפינט זיך און וואוינט צוזאַמען מיט זיי.

און אַזוי ווי אין די קלענערע און גרעסערע שטעטלעך אַרום האָראָדעץ איז קיין הכנסת־אורחים ניט געווען, פלעגען אָרימע ליט שוין זען אַז זיי זאָלען אויסקומען צו נעכטיגען אָדער זיין אַ שבת אין האָראָדעץ, און יעדען פאַרנאַכט פלע־גען אָרימע וואַנדערער, גאַנצע וועגענער, אַריינפאָרען קיין האָראָדעץ, וואָס דאָס האָט צוגעגעבען אונזער שטעטעלע אַ גאָר אַנדער אויסזען. און דורך דעם איז אונזער ליבינקע שטעטעלע געוואָרען באַרימט איבער די שטעט און שטעטלאָך פון פוילען, בפרט די לעצטע יאָרען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלער, ימ"ש, איז שוין געווען ביי דער מאַכט. פון דייטשלאַנד פלעגען אָנקומען טויזענטער

אַ טיפ פון איציקל'ס „אורחים"

(געמאָלען פון ישראל זוסמאַן)

קראַנקע, פאַרצווייפעלטע מענשען, אַנטלאָפענע פון די קאָנ־צענטראַציע לאַגערען — איז איציק'ס הכנסת־אורחים זייער צוניץ געקומען. ווען די געפלאַגטע פלעגען מיט'ן שאָסיי אָדער מיט'ן באַן דורכפאָרען האָראָדעץ, פלעגען זיי זיך אָפּשטעלען און זיך אויסרוהען אין הכנסת־אורחים.

דער שמש אין הכנסת־אורחים איז געווען איציק אַליין. קראַנקערהייט, אָן פיס, וואָס די לעצטע יאָרען זיינען אפילו זיינע גומענע פאַלשע פיס געווען צוריסען און צובראָכען, און אַ דאַנק מיין פאָטער, וועלכער פלעגט אים אַלעמאָל פאַריכטען און אָנטאָן זיינע פיס, און איציק אַליין פלעגט זאָגען: „איך גיי טאָן מצות מיט ליבער'ס פיס". פלעגט איציק שטיין ווי אברהם אבינו און מכנים אורח זיין פון פרי ביז נאַכט. דער גרעסטער כבוד ביי איציק'ן איז געווען, ווען די אורחים פלעגען אים רופען שמש, און זיך צובייזערען און שרייען אַז דער שמש איז ניט אַזאַ גוטער, און מען האָט געדאַרפט האָבען אַ בעסערען שמש.

אַזוי אַרום פלעגען די האָראָדעצער אידען, צו זייער אָרימקייט, זיך נאָך מוזען טיילען מיט זייער אָרימע גראָשענס און שטיקעל ברויט מיט די אָרימע ליט פון הכנסת־אורחים. יעדען טאָג פלעגען שוין גיין האָראָדעצער אידען און קאָ־מיטעס זאַמלען געלט פאַר אַ חשוב'ן אורח און פאַר די קראַנקע פאַרוואונדעטע פליטים פון אַנדערע לענדער.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען, אין 1938, צו גיין זאַמ־לען געלט פאַר אַ דייטשישען פליט. איך בין דאַן געקומען אויף יום־טוב אַהיים, פון מירער ישיבה, און דער רב מיט איינינגע אַידען, האָבען צוגעשטאַנען צו מיר אַז איך מוז גיין. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט איידער איך בין אָפּ־געפאָרען קיין אַמעריקע. קיין צופיל חשק האָב איך ניט געהאַט צו גיין, ווייל וויסענדיג ווי אונזער שטעטעלע איז אָרים, האָב איך קיין הארץ ניט געהאַט גיין בעטען ביי זיי דעם אָרימען גראָשען. נאָר ווען מיין פאָטער האָט זיך אָנ־געבייזערט אויף מיר און ער האָט מיר אויפגעקלערט אַז איך מוז גיין מקיים זיין די גרעסטע מצוה פון הכנסת אורחים, און אַז אַלע וועלען מיט רעספּעקט מיר טראָגען אַנטקעגען, איז בלית ברירה בין איך געגאַנגען. מיין שותף איז געווען מיין חבר און קאָזין הרב קלמן קופּריאַנסקי, דער זון פון משה בער, און איניקעל פון אַלטער דעם שמיד. און ווי באַגייסטערט בין איך געוואָרען ווי די אידען האָבען אונז געטראָגען אַנטקעגען זייערע נדבות און עסענוואַרג מיט'ן גרעסטען כבוד, און בשעת מעשה נאָך אָנגעוואונשען מיט ברכות פאַר אונזער מטריח זיין, גיין פון הויז צו הויז.

געדאַווענט האָט מען ביי איציק'ן אין שטיבעל נוסח ספרד. דאָך האָבען אַלע מאַרקער אידען, אשכנזים מיט די ספרדים, געדאַווענט צוזאַמען, און אפילו דער רב האָט אויך געדאַווענט ביי איציק'ן, ווייל ער האָט געוואוינט אין מאַרק. די עלטערע אידען פון מאַרק פלעגען אויך יעדען פרי־מאָרגען און פאַרנאַכט דאַווענען אין שטיבעל, און האָבען אויך גע־לערנט צו ביסלעך. אַנדערע פלעגען אפילו זיצען אַ גאַנצען

טאָג און לערנען. ווען עס פלעגט קומען אַ שבת אָדער אַ יום טוב פלעגען אַלע, יונג און אַלט, אפילו קליינע קינדער, גיין אין שטיבעל. און די יונגוואַרג פלעגט בשעת מעשה אַכאַפּ טאָן אַ שמועס אין פּאָליטיק און בגנבה אַ קוק טאָן אין אַ צייטונג. און די יונגענקע קינדערלאַך פלעגען זיך שפּילען, שרייען און שטיפען, און די טאַטעס און זיידעס פלעגען בשעת מעשה אָנקוועלען און האָבען נחת זעהענדיק די יונגע פרוכט־ביימעלאַך וואָס וואַקסען אין אונזער שטעטל וואָס וועלען ווייטער, ווייטער ציהען זייער יניקה פון דער האָראָדעצער טראַדיציע פלעגען זיי בשעת מעשה זאָגען: מיט אַזעלכע גוטע קינדערלאַך וואָס מיר פאַרמאָגען וועט אונזער שטעטעלע קיינמאָל ניט אונטערגיין, דור הולך ודור בא, מיר זיינען טאַקע אַלט, אָבער אונזערע קינדערלאַך וועלען זיין אויף אונזער אָרט אין אונזער שטעטעלע וועט ווייטער זיין.

זומער שבת פאַרנאַכט פלעגען די אידען קומען אין שטיבעל אָדער בית־המדרש זאָגען פרק, און ווינטער — ברכי נפשי.

דער נייער בית־המדרש

אַנדערע פלעגען מעיין זיין אין אַ בלאַט גמרא, אָדער ווער ס'האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים. אויך איז ביי אונז אין שטיבעל געווען אַ חברה משניות. דער רב ר' אריה גרינמאַן האָט געלערנט יעדען שבת פאַרנאַכט משניות פאַר דעם עולם, און ביי דעם טיש פלעגן זיצן אידן זיך צוהערענדיק מיט געשמאַק צום משניות, אַז אפילו די יונגוואַרג פלעגן זיך פון דערווייטענס אַמאָל צוהערן און בשעת מעשה אַ פרעג טאָן דעם רב אַ קשיה, און דער רב פלעגט זיי ענטפערן מיט אַ גרויסע מאָס ליבשאַפט.

פאַר מיין אָפּפאָרן, איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען געלערנט סנהדרין, און דער רב האָט אַרומגערעדט ווי מען פירט אַ רוצח הרג'ענען, און אפילו פירענדיק דעם פאַר'משפּט'ן, ווען עס קומט אַ רייטער פון דער ווייטענס שטעלט מען זיך אָפּ און מען קערט זיך צוריק, און מען הרג'ט ניט דעם מענש. האָט אים שלמה בורשטיין, דער קרעמער, אַ פרעג געטאָן: „ווען די סנהדרין האָבען דאָך שוין געפּסק'נט אַז ער איז שולדיג פאַר וואָס זאָל מען אומקערן דעם דין?" און דער רב האָט אַרומגערעדט אַז אפילו אויף אַ מערדער דאַרף מען שטענדיק זוכען אַ זכות, אפילו אַ רוצח וואָס האָט גע'הרג'ט אַ מענש און מען קען אויף אים געפינען אַ גאָר קליינעם זכות דאַרף מען אים ניט הרג'נען, און מעגליך אַז דער רייטער האָט אַ זכות אויף אים דעריבער פירט מען אים צוריק.

און יעצט דערמאַנענדיג די לעצטע תורה־ווערטער פון רב רייסט זיך אַרויס די פראַגע: „האָט טאַקע דער רב מיט אַ זעל־כע טייערע אידען שוין גאָר ניט געהאַט קיין זכות?"

נאָך מנחה פלעגט מען פראַווען שלוש סעודות. טאַקע אויפ'ן טיש איז געווען גאָר אַ שטיקעל חלה מיט אַ ביסעל וואַסער, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטען אברהם עזרא'ן דעם בויער מיט שעפּסל'ען דעם סטאָליאַר אַריינפאַלען אין אַ דביקות, זינגענדיג אַ חסידישען ניגון און פון גרויס התלהבות אָנהויבען טאַנצען און אַריינשלעפּענדיג די איבע־ריגע אידען אין קאַראַהאָד, אַז אפילו די קליינע קינדער די משה'לאַך און שלמה'לאַך פלעגען זך נאָך שלעפּען נאָך די פּאָלעס פון טאַטעס און זיידעס און אויך מיטטאַנצען. און בשעת מעשה אַ לאַך טאָן און אַ שטיף טאָן מיט זייערע קינדער'שע יונגענקע נאַאיווקייט. און נאָך הבדלה פלעגט מען זינגען דעם המבדיל צוטאַנצענדיק, און צושפּילענדיק מיט אַ פידעל און אַ פּייקעל ווי עס וואָלט געווען גאָר גוטע צייטען, און ניט פילענדיק ווי דער מלאך המות שטייט צווישען זיי, און אין קורצע צייט וועט גאָר פאַרגעסען ווע־רען אַז עס האָבען דאָרט אַמאָל געלעבט און עקזיסטירט אידען.

אַ גאָר אויסנאַם איז געווען שמיני עצרת צו הקפות. דאַן פלעגען זיך צוזאַמענקומען אַלע האָראָדעצער אידען פון מאַרק און גאַס. מענער און פרויען, בחורים און מייד־לאַך, פלעגען קומען צו איציק'ען אין שטיבעל זיך פרייען מיט דער תורה. און איסר דער שניידער, מעשה גבאי, פלעגט זיך אַוועקשטעלען אויף אַ בענקעל, ער זאָל קענען זעהן ווער עס געפינט זיך אין שטיבעל און ניט פאַרשעמען אַ אידען מיט ניט געבען אַ הקפה. ער פלעגט אויסשרייען מיט אַ הויכער שטימע: החתן יוסף בר' חיים ניסל איז מכובד מיט הקפה. החתן בעריל בר' אהרן דוד איז מכובד מיט הקפה. אָדער אונזערע ישיבה בחורים זיינען מכובד מיט דער ערשטער הקפה. און אפילו די קליינע קינדערלאַך האָט מען אויך ניט פאַרפעלט אויסרופען מיט'ן נאָמען פון זייערע זיידעס וו יעקב, שמעון אייזיק'ס ע"ה איניקעל, און פסח

ליבער'ס אייניקעל, און אברהם עזרא'ס אייניקעל. און צוגעבענדיק די ווערטער: „פאַר וואָס זיי קערען איבער די שטיבעל און צוברעכען די פענסטער קומט זיי אויך אַ הקפה". און בשעת מעשה יונג און אַלט, אַלע צוזאַמען, קלאַפּענדיג מיט די הענט און פלעגען זיך פאַראייניגען אין אַ רעדעל. און די זיידעס מיט די טאַטעס פלעגען האָבען נחת און הרחבה צוקוקענדיק ווי די יונגע קינדערלאַך טראָגען די תורה, און ווי עס פלאַמען זייערע פנימ'לאַך. און די מאַמעס און באָבעס פלעגען בשעת מעשה נאָך זאָגען קיין עין-הרע ווי די קינדערלאַך גייען שעהן, און קוקען אויס שעהן.

אין בית המדרש האָט מען געדאַווענט נוסח אשכנז, און זיך געפירט שוין גאָר אויפ'ן מתנגדישען אופן. און אַלע „גאַסער" אידן, חסידים מיט מתנגדים פלעגן דאַווענען אין בית־המדרש. יעדען שבת בייטאָג פלעגען די „גאַסער" אידען זיך צוזאַמען קומען אין בית המדרש און ביי אַ לאַנגען טיש פלעגט אַלטער דער שמיד, לערנען פאַר דעם עולם, זומער פרקי אבות און ווינטער עין־יעקב, אַרומריידן די גוטע מדות וואָס דער איד דאַרף האָבען און ווי אַ איד דאַרף זיך פירען, און אַ דאַנק זייערע מידות וועלען די אידען קיינמאָל ניט אונטערגיין. אַלס ביישפּיל פלעגט ער געבען האָראָדעץ: „אַרומגערינגעלט מיט אַזוי פיל גוים, דאָך וואוינען מיר שוין אין האראַדעץ הונדערטער יאָרען אין מיר וועלען ווייטער עקזיסטירען ביז ביאת המשיח, ווען אַלע אידען וועלען גיין קיין ארץ ישראל. און בשעת מעשה פלעגט ער באַפּוצען מיט שיינע משלים און שיינע מליצות, און דער עולם פלעגט באַצויבערט ווערן, און די אידעלאַך פלעגען זיצען און קוקען אויף אַלטער'ס שטענדיקען שמייכעל און ווייסע באָרד מיט די קלוגע אויגען, אַרויסווייזען דעם גרויסען כבוד און רעספּעקט, און גלויבען אין די קלוגע ווערטער וואָס אַלטער פלעגט זאָגען. ביי אַ צווייטען טיש פלעגט זיצען אַלטער דער לוי, אַ איד אַריבער 100 יאָר, נאָר דאָך געזונט און שטאַרק, און געלערנט משניות אויף אַ טרוקענעם מתנגדישען אופן, אַרומריידענדיג מעשה למדן די מחלוקת פון די תנאים, און פאַרוואָס האָט רבי אַזאַ מיינונג און ר' נתן אַן אַנדערן און אַזוי האָבען זיי פאַרבראַכט זייער שבת און יום־טוב.

דער בית־המדרש איז אויך געווען דער פּלאַץ פאַר אסיפות ביי די אסיפות זיינען אַלע געווען גלייך, אָן אַ פאָרזיצענדער, אַלע האָבען גערעדט, געטומעלט און אַלע האָבען נעהאַט דעם זעלבען אינטערעס. די אסיפות זיינען שטענדיק געווען וועגן עקאָנאָמישע פראַגען און וועגן צרכי העיר ווי: צו פאַריכטען דעם פאַרקאַן צום בית־עולם וואָס איז געוואָרן עלטער פון טאָג צו טאָג, און ס'פלעגט זיך שוין ברעכען. אז עס זאָל זיין גענוג וואַסער אין מרחץ, און אוואו צו נעמען גענוג האָלץ אויף צו באַהייצען דער מרחץ און דעם בית־המדרש, אָדער וועגען דער שטיצע וואָס פלעגט אָנקומען פאַר פסח פון די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, אַז מען זאָל פאַרטיילען יושר'דיג און קיינעם ניט באַ'עוולה'ן א. ד. ג.

דער שוחט פון שטעטעל, יואל, איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. ער איז געווען זלאַטקעס אַן אייִדעם. ער איז געווען אַ שיינער מנגן און געדאַוועגט אַלס חזן ימים נוראים, אָדער אַזוי אין אַ יומא דפקרא אין בית־המדרש. געווען אַ שטילער און פיינער יונגערמאַן, און ווען דער אַלטער שוחט אשר דוד, איז 10 יאָר איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכען, אוועקגעפאָרען קיין ארץ־ישראל, האָט ער פאַרקויפט זיין חזקה צו יואל'ן. אָבער לאַנג קיין שוחט איז ער ניט געווען אין האראַדעץ, ווייל קורץ נאָכדעם האָבען די פּאָליאַקען פאַרבאָטען די שחיטה, און ער האָט מער שוין ניט גע'שחט'ען, האָט ער זיך גענומען אַ ביסעל צו מלמדות און געלערנט מיט עטליכע קינדער. זיין חדר איז געווען אין מארק, ביי ברכה קאַסטרינסקי אין הויז. קיין צופיל גליק אין מלמדות האָט ער ניט געהאַט. דער הויפּט מלמד פון שטעטעל איז געווען סענדער, דער זון פון חיים סענדער'ס, אַן אייִדים פון מענדעל דעם מוליאַר, אָדער ווי ער האָט זיך גערופען לערער. און כמעט אַלע קינדער פון שטעטעל זיינען געגאַנגען לערנען צו סענדער'ן. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ היינט־וועלטיקען און זיך געפירט היינט־וועלטליך, געטראָגען מאָדערנע קליידער, געגאַנגען שטענדיק מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, מעשה פראַנט, און אין אַנדערן האַנט געהאַלטען אַ בוך. ער איז געווען ביי זיך שטאָלץ וואָס ער איז דער לערער פון שטעטעל. ער איז טאַקע געווען זייער אַ גוטער מלמד, און די קינדער האָבען אים זייער ליב געהאַט, נאָר צופיל תורה האָבען די קינדער ביי אים ניט געלערנט. און פּויליש פלעגן די קינדערלעך מוזען לערנען אין דער פּוילישער פאָלקס־שולע, פון 9 פרי ביז דריי נאָכמיטאָג.

אַ בעדער האָט אונזער שטעטעלע פאַרמאָגט, וואָס אויסער וואָס ער איז געווען אַ בעדער, איז ער אויך געווען דער קברות מאַן און אַכטונג נעגעבען אויפ'ן בית־עולם אַז קיין בהמות און חזירים וואָס האָבען געפּאַשעט לעבן בית-עולם זאָל ח"ו ניט אַריינגיין דורך דעם צעבראָכענעם גדר און שעדיגען די קברים מיט די מצבות. און דאָס איז געווען ישראל משה'ס דעם קברות מאַנ'ס אייִדעם, וואָס אַלס נדן האָט ער אים איבערגעגעבן די חזקה פון באד און בית־הקברות. ווען ישראל משה איז געוואָרען אַלט און שפּעטער געשטאָרבען האָט זיין אייִדעם איבערגענומען די חזקה. זיין הויז איז געווען נעבען מרחץ וואָס איז געשטאַנען נעבען בית הקברות הינטערן שטעטעל.

סנדר'ס חדר, אָדער שולע ווי ער האָט דאָס גערופען, איז געווען אין בית־המדרש און האָט פאַרמאָגט אַ 30 אינגלעך מיט מיידלאַך. ווען אַ קינד איז געווען אַ פעהיגער און זיין פאָטער האָט געוואָלט ער זאָל קענען מער לערנען, פלעגט דער פאָטער אים שיקען לערנען אין אַנטיפּאָליע, וואָס דאָרט איז שוין געווען אַ גרויסע תלמוד תורה, און דאָרטען פלעגען די קינדער גיין פון פרי ביז פאַרנאַכט אין תלמוד תורה און לערנען דאָרטען פּויליש, אידיש, חומש און גמרא. און עס איז שוין דאָרטען געווען מלמדים למדנים וועלכע האָבען געלערנט מיט די קינדער ביז וואַנען זיי האָבען געקענט אַליין גוט לער־

נען א בלאט גמרא. פילע פון די הארעדעצער קינדער פלעגען לערנען אין אנטיפאליע א גאנצע וואך און אויף שבת פלעגען די קינדערלאך גיין אהיים צופוס און אמאל קריגען א הארעדעצער פור וואס פלעגט זיי צופירן אהיים אדער גאר אן אנטיפאליער בעל־עגלה וואס פלעגט פארן צום סטאנציע, וואס איז געווען נעבן הארעדעץ, פלעגט ער מיטנעמען א הארעדעצער אינגעלע און ברייגנען ביז דעם וועג וואס פאר־קירעוועט זיך צום סטאנציע.

אויך זיינען געווען אין שטעטיל אייניגע אידען שוין די גאר מאדערנערע און רייכערע וואס האבען געשיקט זייערע קינדער אין בריסק אדער אן אנדער שטאט אין א תרבות שולע. דאס איז געווען א העברעאישע פאלקס שול אדער־גימנאזיע. קיין גרויסע לומדים אין די יארען פון דעם פוי־לישען רעזשים האט אונזער שטעטעלע נית ארויסגעגעבן, דער־פאר אבער זיינען אלע געווען גוטע און ארענטליכע קינדער, א שטאלצע און באוואוסטזיניגע יוגענט. דאך האט אונ־זער שטעטעלע ארויסגעגעבן 4 ישיבה בחורים וועלכע זיינען געווען דער שטאלץ פון הארעדעץ און זיינען געווען גאר גרויסע למדנים. איינער פון זיי, קלמן דער זון פון משה בער,

קלמן קופריאנסקי

אלטער דעם שמיד'ס אן אייניקעל, איז געווען ממש א עלוי. א מענש מיט אזא גוטען קאפ איז שווער צו טרעפען אין פילע דורות. דערצו זייער קלוג און שעהן, ממש א פרינץ. א יאר פאר דער מלחמה האט ער חתונה געהאט און גענומען א פרוי פון דער משפחה פון הגאון ר' פסח פרוס־קין דער ראש ישיבה פון קאברין. דאס איז געווען א גרויסע סענסאנציע ביי אונז אין געגענט. זיין פרוי דינה איז אויך געווען א גרויסע מלומדת און א שעהנהייט.

דער צווייטער ישיבה בחור איז געווען מיין חבר ברוך, שמעון יעקב'ס זון. געווען איז ער א גרויסער מתמיד. פיל זיך געמאטערט און געהארעוועט צו קענען לערנען און אין מיטן נאכט ווען אלעם ארום איז געווען שטיל און אין שטעטעל פון ישיבה פלעגט מען שלאפען, פלעגט זיך הערען א שטימע פון ישיבה, דאס איז געווען ברוך'ס קול וואס פלעגט זיצען אין לערנען די תורה הקדושה. און איך געדיינק ווען מיר זיינען געווען נאך גאר יונג און געלערנט אין אנטיפאליע אדער אין קאברין האט קיינמאל נית פאסירט אז ברוך זאל אויפהויבען די אויגען פון דער גמרא, מורא האבענדיק טאמער וועט ער פארפעלען א ווארט וואס ער וועט נאכהער נית קענען אליין דערגרייכען האט ער קיינמאל קיין צייט געהאט צו עסען, נאר געלערנט, איבערגעלערנט נאך אמאל און נאך אמאל, מיטן צוועק נית בלייבען הינטערשטעליק.

דערצו איז ער געווען א גרויסער ירא שמים, זייער א פרומער יונגער מאן און א בעל מדות טובות. ברוך האט געהאט זעהר גרויסע פעהיגקייטען צו מסחר. א גרויסער אונטערנעמער, און זייער ארבייטזאם.

דריי יאר איידער די מלחמה איז אויסגעבראכען האט ער געגרינדעט א בעקעריי אין פרוזשאנע, וואס פלעגט צו־שטעלען מצה נית נאר פאר פרוזשאנע נאר אויך פאר קאב־

1) ברוך גרעבלאווסקי
2) יהושע אזארניצקי

רין און בריסק, הארעדעץ און דעם גאנצען געגענט. ברוך'ס מצה'ס האט געהאלטען צו קריגען א נאמען אין גאנץ פוילען. מיט א יאר שפעטער האט ער חתונה געהאט אין וויסאקע, לעבן בריסק. זיין פרוי איז געווען א טאכטער פון א גרויסען תבואה סוחר און ער האט דארטען אויפגעעפענט א מצה-בעקעריי טוענדיק גאר גרויסע מסחרים.

דער דריטער ישיבה בחור איז געווען מיין קאזין יהושע, דער זון פון חיים אזערניצקי, אהרן איטשע לייזער'ס אן אייני־

קעל. ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר יונגער פון מיר. געווען אויך זייער אַגרויסער למדן און מתמיד און זייער אַ וואוילער בחור. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסען טאַלאַנט צו מאָלען. אין די פרייע צייט זייענדיק אין האָראָדעץ פלעגט ער מאָלען און שניצען. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכען איז ער אַנטלאָפען קיין ווילנע, וואָס ס'איז דאַן געווען אונטער ליטע מיטן צוועק צו עמיגרירן קיין שאַנכאַי צוזאַמען מיט נאָך ישיבה בחורים.

***

ווען די היטלעריסטען, ימח שמם, האָבען איינגעפירט קאָנצענטראַציע לאַגערס, האָבען די פּאָליאַקען זיי נאָכגעטאָן און אויך געשאַפען קאָנצענטראַציע לאַגערס. אין קאַרטוזבערעזע, לעבען אונזער שטעטעלע, איז געשאַפען געוואָרען דער שרעקליכער קאָנצענטראַציע לאַגער, וואו, פאַר נאָרניט, פלעגט מען פאַרשיקען אידישע און רוסישע יונגעלייט, און קיין לעבעדיגע פלעגען זיי זיך שוין ניט אומקערען. אפילו זייערע טויטע קערפּערס פלעגט מען ניט אָפּשיקען, נאָר אַ פּושקעלע אַש, און גענומען דערפאַר גוטע געלט.

די רוסישע באַפעלקערונג אין אונזער געגענט איז געווען זייער אין אַ שלעכטע לאַגע. ווייל דער רוסישער פּויער האָט געמוזט צאָלען אַ דריטעל פון זיינע תבואות דעם פּוילישען פּריץ. קיין רוסישע שולען זיינען ניט געווען ערלויבט, און דער רוסיש־פּראָוועסלאַוונער קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען מאַרק פון האָראָדעץ, איז געוואָרען דער פּויליש־קאַטוילישער קלויסטער, וואָס די רוסישע פּויערים האָבען דאָס ניט געקענט פאַרגעבען.* די רוסישע יוגענט איז, פון פאַרצווייפלונג, געוואָרען אַלץ מער לינק, און זיך אָרגאַניזירט מיט'ן צוועק אָפּצורייסען אונזער געגענט פון פּוילען און זיך צוריק פאַראייניגען מיט זייער מוטער־לאַנד רוסלאַנד. פאַר דעם האָט געקומט טויטשטראָף. פילע יונגע פּויערים פון די שטעטלאַך און דערפער האָט מען געהאַנגען. אויך פון אונזער שטעטעלע האָראָדעץ האָט מען, אין 1936, געהאַנגען נעבען קאָברינער טורמע, די פירער פון דער האָראָדעצער גוי'אישע יוגענט. איינעם, ניקאָלאַי, טשיניק דעם פעלדשער'ס פלימעניק, האָט מען געטאָן אַ טובה ווייל ער איז געווען אין דער פּוילישער אַרמיי, אים האָט מען געשאָסען. דאָס איז שוין געווען די פּוילישע באַגנאַדיגונג. און די גאָר יוגענטליכע האָט מען פאַרשיקט אין טורמע. דאָך האָבען אונזערע האָראָדעצער אידעלאַך געלעבט און געהאָפט — די יוגענט האָט געשטרעבט פאָרען קיין ארץ ישראל, געווען מוטיג און שטאָלץ. זיך אָפּט צוזאַמענגעקומען און פאַרבראַכט, און אויך אפילו געזונגען, געטאַנצט, ליב געהאַט זייער שטעטעלע, זייערע הייזער און ערד. חתונה געהאַט צווישען זיך, געבוירען קינדער, געמערט און געפּרוכפּערט. די קינדערלאַך האָבען זיך געהאָדעוועט אין גאַס, געגאַנגען שטענדיק באָרוועס און דאָך פריילאַך זיינען געווען די האָראָדעצער קינדערלאַך. געלאָפען יעדען טאָג צום אָטאָ־באָס וואָס פלעגט זיך שטעלען אויף דעם שאָסיי, ביי דעם מאַרק, און קלוג־נייגעריג, נאַיוו אריינגעקוקט ווער עס פאָרט דורך, און ווער עס קומט אָן. געלאָפען אין ציגעלנער וואַלד און אפילו אמאָל, בגנבה, זיך אריינגעכאַפּט אין פּריץ'ס וואַלד, וואָס איז געווען נעבען גרויסען סאָד. די אידען צווישען זיך זיינען געווען ווי איין גרויסע משפחה: געלאַדען איינער דעם צווייטען אויף אַ חתונה, אָדער גלאַט אַ שמחה'לע, און אַלע צוזאַמען האָבען זיך באַטייליגט ביי אַן אומגליק אָדער לויה, ר"ל. גערופען האָט מען איינער דעם צווייטען לויט דער אַרבעט וואָס מען האָט געטאָן, צ.ב.ש.: דוד דער שמיד, שעפּסעל דער סטאָליאַר, שמאי דער שטעפּער, נפתלי דער שוסטער, שלמה דער קרעמער, און יואל דער שוחט א.ד.ג. די יוגענט און קינדער האָט מען גערופען נאָך די עלטערען, ווי חאַשקע זלאַטקעס, מאָטעל חנה לאה'ס, יאַנקל חיים־ניסל'ס, דוד שמאי'ס א.ד.ג. ביי דעם צווייטען נאָמען האָט מען זיך ניט גערופען.

די גייסטיגע שפּייז פון די האָראָדעצער אידען איז געווען דאָס שטיבעל און דער בית־המדרש. דאָס שטיבעל איז געווען אין „מאַרק". דער בית המדרש אין „גאַס". אין מאַרק האָט דאָס שטיבעל געבויט איציק דער סטאָליאַר, אין זיין אייגענער הויז, און אויך פאַר זיינע אייגענע געלט, וואָס זיינע קינדער פלעגען אים שיקען פון אַמעריקע. זייענדיג אַליין אָן פּיס, און ניט וועלענדיג זיין איזאָלירט, בלייבען אַליין אין הויז, און דערצו אַלס תלמיד־חכם און קלוגער איד וואָס האָט פאַרשטאַנען וואָס מיינט פאַר אים די שול און פאַר אַלע מאַרקער אידען, האָט איציק כסדר געהאַלטען אין איין איבערבויען און איבערמאַכען, פאַרשענערען און פאַרגרעסערען דאָס שטיבעל. דער דעה זאָגער ווי צו מאַכען איז דאָס געווען איציק אַליין. און אַלס שטענדיגער סטאָליאַר האָט ער געהאַלטען שלמה בערגער'ן (אין שטעטעל האָט מען אים גערופען שלמה ליבער'ס, נאָכ'ן שווער).

דער בית־המדרש איז געווען אין גאַס אויף דעם אָרט פון אַלטען בית־מדרש וואָס איז פאַרברענט געוואָרען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז געבויט געוואָרען פאַר די געלט פון אַמעריקאַנער לאַנדסלייט.

---

* צוליב דעם היסטאָרישען אמת מוז מען צוגעבען אַז דער גרויסער ווייסער קלויסטער אויפ'ן מאַרק, האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דער פּוילישער קירכע, און דער קליינער הילצערנער קלויסטער אין דער פּריצישער געסעל, נעבען אוריאַדניק, האָט באַלאַנגט צו די פּראָוועסלאַוונע. נאָכ'ן „מיאַטעזש", אין 1863, האָט די רוסישע רעגירונג צוגענומען דעם גרויסען קלויסטער פאַר די פּראָוואסלאַוונע, און דעם קליינעם קלויסטער האָט זי אָפּגעגעבען פאַר די פּאָלאַקען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין האָראָדעץ און אַרום האָראָדעץ. — רעד.

**
*

איך זעה אייך שטענדיג, מיינע האַראַדעצער ברידער, ווי איר זיינט אַרוים מיר באַגלייטען נאָך אַמעריקע. איך געדיינק שטענדיק אייערע לעצטע ווערטער, ווי איר האָט מיר געוואונטשען אַז מיר זאָלען זיך נאָך זען. אייערע לעצטע ווערטער זיינען ווי שפּיזען אין מיין האַרצען. און יעצט שרייב איך מיט בלוט און זאָג קדיש נאָך אייך אַלעמען.

יתגדל ויתקדש שמיה רבה!

די „גמינע"

שטעהענדיג פון רעכטס צו לינקס: **בערל ליאכאָוויצקי** (אהרן דוד'ס זוהן), **מאָטל ארלאַווסקי** (משה אליהו'ס זוהן), **יעקב נאַדריצני** (אברהם עזרא'ס זוהן), **גרשון ליאַכאָוויצקי** (אהרן דוד'ס זוהן), **הערשל וואליניעץ** (שמואל דעם סטאָליאר'ס זוהן), **שלמה יארמעצקי** (יעקב מאיר דעם שוסטער'ס זוהן).

זיצענדיג פון רעכטס צו לינקס: **בערל ריכטער** (ליאַכאָווער), **שנישקא בלאַצקי** (דער עלטסטער פון דער גמינע) **און יעקב בערגמאַן** (יעקב דער מוליאַר).

געווען...

פון א. ווארשא

עס איז געווען אין מיין פריער יוגענט, ווען א טייל פון אונזער גרויסען גארטען איז באשטימט געווארען צו פלאנצען א סאד. א געוויסער פריץ האט מיין טאטען דעם מאליער, געגעבען א מתנה דרייסיק „סטשעפעס", אלס אנערקענונג פאר די שיינע און גוטע ארבעט, וואס דער טאטע האט געמאכט אין זיין פאקוי . . .

ס'איז געווען נאך סוכות. די בייטען אין גארטען זיינען געלעגען פאר'חלשטע, ליידיקע. וואו ניט וואו האט נאך מיט עקשנות זיך געריסען צום לעבען עפעס א ווילדע געוויקס. די „טיטשקעס" פון די שווערע פאסאליע־סטרוטשעס האבען נעציטערט פון קעלט, און די געלע טרוקענע בלעטער וועלכע זיינען געווען ווי צוגעקלעפט צום דרענגעל האבען דערציילט פון שיינע בליענדע טעג.

— מארגען וועט מען זיך שטעלען גראבען גריבער — האט דער טאטע מודיע געווען אין שטוב. — דער אגראנאם וועט דא קומען אויסמעסטען. דערפאר קלייבט צונויף אלעס וואס עס וואלגערט זיך אין גארטן . . .

ס'איז געווען א נייעס אין גאס, שכנים האבען זיך ארומגעקליבען, געהיט יעדען טריט פון אגראנאם, און באוואונדערט ווי אזוי קונציק ער מעסט עס אוים. צוויי ערלים, אין בלויע העמדער, האבען געגראבען גריבער, און נעווארפען לאפעטע נאך לאפעטע געלען זשוויר.

„העי! מענשען!", האט איינער פון די גרעבער א רוף געטאן: „גאלאווא!" (א קאפ).

אלע האבען זיך געלאזען צום גרוב מיט איבעראשונג. איך האב גענומען ציטערען פון קעלט, כאטש די זון האט אזוי מיטאגדיק געווארעמט.

„ווארף ארוים דעם קאפ אהער און גראב ווייטער", האט דער אגראנאם גערעדט צום פארשוויטצטען גרעבער. א שארבען מיט דריי לעכער האט א פאל געטאן אויף דעם געלען זאמד. און דער אגראנאם האט מיט א שטעקעל אפגעטרייסעלט דעם זאמד און באטראכט ווי אלט דאס קען זיין.

די נייעס פון דעם מענשליכען שארבען האט זיך פארשפרייט איבערען שטעטעל. מענשען זיינען געקומען זען דעם וואונדער. איך האב מיך דערפילט גאר געהויבען. מענער האבען דאס באטראכט, געשאקעלט מיט די קעפ, באדויערט — „מ'שטיינס געזאגט א מענש". ווייבער האבען אויסגעשפיגען פון ווייטענס.

שמחה יודעל, דעם טאטענס א ידיד, האט דערהערט די מעשה מיט'ן שארבען און אז שלמה דער מאליער פלאנצט א סאד — האט ער זיך אריבערגעכאפט אויף מצרים געסעל צו זען מיט די אייגענע אויגען, אום ער זאל האבען נייעס צו ברייננען פון אנטיפאליע קיין הארארעץ. שמואל, לייבע הערש'ס דער כראניקער פון שטאט, האט פאר דעם פארגאפטען עולם דערציילט וועגען די גרויסע מלחמות, וועלכע זיינען דא פארגעקומען מיט הונדערטער יארען צוריק. אט האט איר דאך א סימן: „קוקט אויף דעם שארבען!" און דערציילט ווייטער: דא איז אמאל געווען זייער א גרויסע שטאט, וועלכע האט זיך געצויגען 10 וויארסט. הארארעץ און אנטיפאליע — איז געווען איין שטאט, און געהייסען האט זי „קליין דאנציג".

פון דאן אן פלעג איך אין מיין קינדערשער פאנטאזיע זיך פארשטעלען א שטאט וואס ציט זיך 10 וויארסט און די גאס גייט דורך דעם וואלד, שניידט פארביי כאדלין. און ס'איז איין שטאט. און ווען פרייטאג פארנאכט מען בענטשט ליכט — פלאטערען פייערלעך פון שבת־ליכט פאר 10 וויארסט און דער ניגון פון לכו־נרננה קלינגט פון בית־מדרש צו בית־מדרש. אבער דאס איז געווען בלויז פארשטעלונג. און פון דער פארשטעלונג איז ביי מיר פארבליבען א בענקעניש צו זען הארארעץ, אפשר זיינען דארט טאקע פארבליבען סימנים פון קליין־דאנציג, ווען מיר זיינען געווען איין שטאט.

אין די חדר יארען האב איך זיך געטראפען מיט א הארארעצער אינגעל וועלכער איז געקומען לערנען אין אנטיפאליע. זיין נאמען איז געווען מנשה. מנשה האט מיר דערציילט פון הארארעצער טייך, פון צוויי בריקען, פון פליטען און פאראכאדען. און אין א תשעה באב, ווען מיר אינגלעך זיינען פריי געווען פון לערנען, האבען זיך געלאזען דריי חדר־אינגלעך צו זען הארארעץ, דעם המשך פון אנטיפאליע. נעווען איז עס איידער מען האט נאך געטראכט פון לייגען א שאסיי. מיר, די דריי העלדען, זיינען געגאנגען מיט קלאפענדע הערצער, זיך באוואפענט מיט שטעקענס און שטיינער, אי פאר שקצים פאסטוכער, אי פאר דעם שטראזשניק'ס הונט. מיר זיינען דעם וועג אדורך בשלום. אנגעקומען קיין הארארעץ מיד און הונגעריק. מיר האבען געזען די צוויי בריקען, דעם טייך, און דעם „שלויז". און אויף אונזער מזל איז גראד א קליין פאראכאדעל אגעקומען פון קאברינער זייט, און מיר האבען געזען דעם וואונדער פון אויפמאכען דעם „שליוז". באליעס האבען זיך פויל גערוקט פון מערב, און דערציילט פון ווייטע וועגען. מיר האבען זיך געזעטיקט מיט וואונדער. אבער דער מאגען האט געמאנט זיינס. מיר דריי אינגלעך, ארום 8־9 יאר אלט, האבען איינער דעם אנדערען אנגעקוקט, ווי געזוכט א היתר איינער ביים צווייטען: אז מען מעג שוין עפעס עסען.

מיר זיינען געגאַנגען צוריק צום מאַרק. פון דאָרטען אויפ'ן וועג צוריק אַ היים קיין אַנטיפּאָליע. אין מאַרק האָט אונז איבערגענומען אפרים איצעל.

„ווער זיינט איר אינגעלאַך? פון וואַנען קומט איר?"

„פון אַנטיפּאָליע".

„וועמענס זענט איר? און געגעסען האָט איר? עפּעס זייט איר זייער פאַרשמאַכט".

מיר האָבען געשוויגען. תשעה־באב עסען?

„קומט מיט מיר, גרויסע ראָסטאַטעלס וואָס איר זיינט. די מאַמעס ווייסען אַז איר זייט אין האָראָדעץ?"

מיר האָבען זיך אַ ביסעל דערשראָקען פאַר דעם קרייץ־פאַרהער, פון דעם פרעמדען אידען מיט דער שוואַרצער באָרד, און מיר האָבען אַלע געשוויגען.

„קומט, וועט איר עפּעס אָפּעסען, וועט איר כוח האָבען צו דערגיין אַהיים". ער האָט אַריינגעפירט די דריי באָרוועסע אורחים צו אים אין שטוב, געהייסען זיין פרוי אונז געבען עפּעס עסען. זי האָט אונז מיט מאַמעשער ווארעמקייט דורכ־גענומען, געבראַכט אַ לאַדעשקע מיט מילך, אָנגעשניטען פּעניצער ברויט, און צעגאָסען אין קופלעשקעס די קאַלטע מילך. מיר האָבען זיך געקוויקט און געשטילט דעם הונגער.

נאָך מיין ערשטען וויזיט אין דער שטילער, גאַסטפריינט־ליכער האָראָדעץ איז אַריבער אַרום 7־8 יאָר. ווען איך בין געוואָרען אַן אַרבעטער איז ביי מיר האָראָדעץ געוואָרען אַ טייל פון אַנטיפּאָליע. איך האָט געאַרבעט אין די הויפען רודעץ, ליפּאָווע, באָלאָט, און איך האָב געשלאָסען אַ גרויסע בעקאַנטשאַפט אין האָראָדעץ. דער שטיקעל שטח פון 7 קילאָמעטער פון אַנטיפּאָליע ביז האָראָדעץ און צוריק — איז איינגעשרומפּען געוואָרען. איך האָב טאַקע געזען אַז שמואל לייבע הערש'ס איז געווען גערעכט. ביי מיר איז עס געווען איין שטאָט. בלויז אויף אַ געוויסע שטרעקע האָבען הייזער, אידישע הייזער, געפעלט. שבת פלעגט מען זיך טרעפען אין וואַלד, פאַרברייננגען און הוליען, און אויך באַהאַנדלען פּאָליטישע פּראָבלעמען. שפּעטער, אינ'ם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך געהאַט אַ סך אַרבעט אין קאָברין, און פלעג דורכשלייכען האָראָדעץ אין שטילע נעכט און אין אומרואיקע טעג. פון די האָראָדעצער בוי־אַרבעטער האָב איך כמעט אַלעמען געקאָנט. אַ האָראָדעצער בעל מלאכה איז געווען אַ איד וואָס האָט געקענט לערנען און געווען אַן ערשט־קלאַסיקער מייסטער, וועלכער האָט דער־מאָנט אין די אַלטע תנאים, אידען וואָס האָבען זיך געגריבעלט אין די שוואַרצע אות'עלעך. ניט איינער האָט געהאַט מיט זיך צו דער אַרבעט, אין זיין טלית־זאַק, אַ משניות, אַן עין־יעקב כדי נאָך דער אַרבעט אַריינצוקוקען. און דער יונגער דור האָט זיך געריסען צו וועלטליכקייט, צו רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטען.

געווען איז עס אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אין 1915, פאַר פּסח. מען האָט אויפגעשלעפּט אַן עשאַלאָן מיט צוואַנג־אַרבעטער אין אַנטיפּאָליע און מיט עטלאַכע פורען, און אַרויס פאַריכטען דעם צוריסענעם סאָשיי. אָנגעקומען זיינען מיר קיין האָראָדעץ און געקליבען די ציגעל פון די פאַרברענטע חורבות. אָנגעלאָדען אַ וועגעלע ציגעל און עס געפירט צו די לעכער אויסצופילען.

אין אַ שטוב, ד.ה. אַ געוועזענע שטוב, ניט ווייט פון בריק, אין ווינקעל פון מאַרק האָבען מיר צונומען די רעשט־לעך פון אַ באַק־אויווען. פּלוצלונג האָט איינער, נח רישעס, אַ געשריי געטאָן: „אַ פאַרברענטע ספר תורה!"

אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטער. אַ פאַרברענטע ספר תורה „אוי וויי, אוי וויי", האָט נח זיך געבראָכען די הענט. דער דייטש, דער היטער האָט אָנגעקוקט משונה'־דיק, וואָס פאַר אַ טומעל מאַכט מען דאָ.

נח האָט ניט געלאָזען קיינעם רירען מער קיין ציגעל. איבער דעם קעלער אָדער קוטשקע, וואו דער ספר איז געלעגען באַהאַלטען. ער איז אַוועק זוכען אַ אידען.

ווי נאָר די מעשה איז באַקאַנט געוואָרען, האָבען קינד און קייט אַרומגערינגעלט דעם פּלאַץ. חברה קדישא האָט זיך גענומען עסק'ען. מען האָט מיט ציטער אַרויסגענומען שטיקלעך יריעות און עס געלייגט אין אַן אַלטען טלית. מענער און פרויען האָבען געוויינט אויף דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפען האָראָדעץ.

דער רב, אַן אַנטיפּאָליער בן עיר, הערשעל דעם שמיד'ס אַ זון, אַ שטאַרק קורצזיכטיקער, איז צוגעקומען אין לאַנגען ראָק און זיך געטרייסעלט פון פיבער.

„מיר זאָלען טראָגען די אבדה צום אָרט וואו די שול איז געשטאַנען. דאָרט וועלען מיר נעמען די מיטה און מספּיד זיין". פון זיינע קורצזיכטיגע אויגען און בלאַנדע וויעס זיינען געפאַלען טרערען. מיר, די צוואַנג־אַרבעטער, האָבען אויך געלאָזען אַ טרער. נאָר אויף דער אַנדער זייט בריק האָט מען אונז ניט געלאָזען גיין. דער דייטש, ימח שמו וזכרו, האָט צושטערט די איינדרוקספולע לויה . . .

איצט, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן האָראָדעץ און אין טויזענטער אַנדערע קהילות — זיי האָבען דאָך אפילו ניט געהאַט יענע זכיה, פון די פאַרברענטע יריעות.

אַנטיפּאָליע, האָראָדעץ, ליכטיקע שטערען אין אידישען הימעל, איר זענט אויף אייביק פאַרלאָשען געוואָרען . . .

מיט טיפען ערענגעפיל און געבויגענעם קאָפּ, טראָג איך איצט צו אין אָפּגעריסענע צובראָכענע שורות, אַ ציגעל צום גייסטיקען מאָנומענט, פאַר דער געוועזענער האָראָדעץ.

מיין שטעטעלע

פון צביה גרינגלאַז

דאָ נישט לאַנג — ווייט, ווייט פון דאַנען
איבער בערג און איבער ימ'ען,
איבער לאַנד פון היטלער'ס הערען,
איבער טייכען אידיש טרערען,
אָט דאָ ניט לאַנג — ווייט, ווייט פון דאַנען
איז אַ אידיש שטעטעלע געשטאַנען.

האָט דאָס שטעטעלע הארָאדעץ געהייסען,
פלעגען זיך אידען מיט איר גרייסען,
ווייל געווען איז זי אַ שעהנע,
כאָטש זי איז געווען אַ קליינע.
עס האָט געברויזט מיט אידיש לעבען,
צו תורה פלעגען אידען שטרעבען.

גערוהט האָט אויף מיין שטעטעלע גאָט'ס ברכה,
געלעבט האָט מען דאָרט ווי איין משפחה.
אַ חתונה ביי וועמען — אַ יום-טוב ביי אידען,
געטאַנצט האָט אַ שטעטעלע, יעדערער צופרידען.
און ווען געשטאָרבען איז אַ קרוב ביים צווייטען,
איז דאס שטעטל געגאַנגען דעם מת באַגלייטען.

אַ טייך איז געווען דאָרט — אַ פראַכט,
האָט ער אויך פרנסה געבראַכט.
צוטיילט האָט דאָס שטעטל דער טייך,
אויף „מאַרק" און „גאַס" — צוויי טיילען גלייך.
אַ הויכער בריק, מויער שטאַרק,
האָט באַהעפט „גאַס" מיט „מאַרק".

און די ברעגען פון אָט דעם טייך,
זיינען געווען ווי סטרונעס גלייך.
און די באָטשווועניקעס צוויי
ווער קען דען פאַרגעסען זיי?
הויך געבויט — אַלעען רייך,
געצויגען זיך פאַראַלעל דעם טייך.

און ביימער גרינע, אַלערליי סאָרטען,
האָבען באַשאָטענט דעם גייער דאָרטען.
האָט פון איין זייט דער באָטשווועניק,
געפיהרט צום אייזערנעם בריק.
און האָט ווער צום צווייטען זייט שפּאַצירט,
האָט אים באָטשווועניק צום שלויז געפירט.

האָבען אידען אָרים, רייך,
אַוועקגעלאָזט זיך צום טייך,
שבת נאָכ'ן שלאָף, דעם זיסען,
אַביסעל עולם-הזה צו געניסען.
אָ, די באָטשווועניקעס צוויי —
ווער קען דען פאַרגעסען זיי?

אָן אבל איצט מיין שטעטעל שטייט,
קיינער אויף אירע וועגען גייט,
נעוואָרען איז הארָאדעץ צונישט,
דאָס אידיש לעבען אָפּגעווישט.
ס'וועט שוין קיינמאָל וואַכען ווידער.
זאָגט'זשע קדיש, אידען-ברידער!

דריטער טייל

פאלקלאר

פ אָ ל ק ל אָ ר

פון ר׳ עקיבא

הקדמה

פאָלקלאָר נעמט אריין די פאָרשונג פון לעגענדעס, אָבערגלויבענס, מנהגים, פראקטיצירונג פון פארשיידענע סגולות און רפואות.

אין דעם פאָלקלאָר פון א פאָלק ווערט אויסגעדריקט זיינע אנשויאונגען אויפ׳ן לעבען, זיין באציהונג צום לעבעדגען און צום טויטען, זיין קוק אויף דאָס באוועגליכעס און אומבאוועגליכעס. אין דעם פאָלקלאָר קומען צום אויסדרוק די אינספיראציעס און באגייסטערונגען פון פשוט׳ען עולם. דיכטער, קאָמפּאָזיטאָרען און מאלער שעפּען פון פאָלקלאָריסטישען קוואל און שאפען באדייטענדע ווערק פאר זייער פאָלק.

יעדעס פאָלק האָט זיך זיין פאָלקלאָר. יעדעס פאָלק גיט צו פון זיין פלייש און בלוט צו זיינע לעגענדעס און טראדיציעס. עס איז ניט צו פארגלייכען די גריכישע מיטאלאָגיע וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט צו דער אידישער אויפפאסונג פון בריאת העולם. און עס איז קאלאסאל פארשידען די פאָלקסטימליכע מנהגים, למשל, צווישען אן אראבער און א דייטש און זייערע אָפּשפּיגלונגען אין ביידע ליטעראטורען.

אמת, פילע פון די טראדיציעס און גלויבענס זיינען גלייך ביי אלע פעלקער — און דאָך האָט יעדעס פאָלק באפארבט מיט זיין קאָליר און געשטעלט זיין שטעמפּעל. אין יעדען פאָלק געפינען מיר עפּעס געגאשט פון א פרעמדען פאָלק מיט וועלכען ער איז געקומען אין בארירונג.

אונזער אידיש פאָלק, איינע פון די עלטסטע פעלקער אין דער וועלט, איז צוליב זיין פּאָליטישער לאגע געקומען אין בארירונג מיט פילע פעלקער און שבטים און וועלענדיג-ניט-וועלענדיג האָט זיך געמוזט צו אים עפּעס צוקלעפּען פון ד ארומיגע פעלקער. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס פארדייעט און ס׳איז ארויסגעקומען כמעט ווי אייגענס. פילע פון די געצענדינערשע אָבערגלויבענס האָט דאָס פאָלק אָפּגעוואָרפען און מיט דער צייט האָט זיך אויסגעקריסטאליזירט א גלויבען אין איין גאָט, וואָס איז דער באשאפער פון דער וועלט.

—

און דאָך, האָט זיך אריינגעכאפּט אין דעם פאָלקסטימליכען שאַץ פון פאָלק ישראל פרעמדע עלעמענטען. עס איז אוממעגליך אז א פאָלק, וועלכעס וואנדערט פון לאנד צו לאנד נאָהענט צוויי טויזענט יאָהר — אז עס זאָל זיין ריין פון א פרעמדען איינפלוס.

אויך ביי אונז אידען, אזוי ווי ביי די גויים, האָט מען זיך אָנגעהויבען פאראינטערעסירען מיט דעם אייגענעם פאָלקלאָר. אויך ביי אונז האָבען זיך געגרינדעט פארשידענע אָרגאניזאציעס פאר דעם צוועק. זיי האָבען זיך געשטעלט די אויפגאבע אויסצופאָרשען דעם אורשפרונג פון אידישען פאָלקלאָר.

נאָך פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך געגרינדעט אין פּעטערבורג אַן אָרגאניזאציע פאר דעם דאָזיגען צוועק, און ש. אנסקי האָט גענומען זעהר א טיכטיגען אנטייל אויף דעם געביט. נאָך דער מלחמה האָט זיך די באוועגונג צושפּרייט און צואוואָקסען און אידישע אינטעלעקטואלען האָבען זיך גענומען מער טיכטיג צו אויפקלייבען און פּרעזערווירען דעם אידישען פאָלקלאָר, ווייל דער אידישער געשטאלט האָט זיך אָנגעהויבען בייטען און זיין סאָציאלע סטרוקטור האָט אָנגעהויבען צופאלען.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערען דער קדוש נח פּרילוצקי, וועלכער האָט זעהר פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט אין די יאָרען צווישען דער ערשטער וועלט-מלחמה און דער צווייטער. און, אים צו לאנגע יאָר, יהודה עלזעט (הרב י. ל. זלאטניק), וועלכער זאמעלט און באארבעט דעם דאָזיגען אידישען אוצר.

אין יענע יאָרען איז אויך אויפגעקומען דער „ייווא" (אידישער וויסענשאפטלכער אינסטיטוט), וועלכער האָט ארויסגעגעבען פילע וויכטיגע ווערק געווידמעט דעם אידישען פאָלקלאָר.

אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט מען זיך אַנגעהויבען פאַראינטערעסירען מיט דעם אידישען פאָלקלאָר, און אַזעלכע פערזענליכקייטען ווי ביאַליק, דרוויאנאוו און אַנדערע האָבען ארויסגעגעבען ספּעציעלע ביכער, „רשומות", געווידמעט דעם געגענשטאַנד. און ביי היינטיגען טאָג גייען ארויס אין ארץ-ישראל ספּעציעלע זשורנאַלען, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון אידישען פאָלקלאָר און זיינע שאַפונגען.

דאָס אויספאָרשונג פון אידישען פאָלקלאָר איז געוואָרען אַן אינטעגראַלער טייל פון חכמת ישראל, וועלכער באַשעפטיגט די מוחות פון די אידישע אינטעלעקטואַלען איבער דער גאַנצער וועלט.

***

אונזער אידישע שטעטעלע האָראָדעץ, וועלכע האָט עקזיסטירט פאַר פילע הונדערטער יאָרען, האָט אויפגעהיט אין זיך פילע טראַדיציעס און מנהגים וועלכע עקזיסטירען שוין מער ניט. זי האָט אויך איינגעזאַפּט אין זיך גלויבענס און אבערגלויבענס פון דער סביבה, וועלכע זיינען מיט דער צייט אויסגעוועפּט געוואָרען, און עס איז מער ניט ווי רעכט אַז די אַלע ספּעציפיש האָראָדעצער מנהגים, רעדענסאַרטען, גלייכווערטלעך א. ד. ג. זאָלען פאַרצייכענט ווערען, כדי דער היסטאָריקער און פאָרשער זאָל האָבען פאַר זיך נאָך מאַטעריאַל פאַר זיין ארבייט.

עס איז זייער מעגליך אַז אין דעם פאַרגעלייגטען מאַטעריאַל וועלען זיך געפינען זאַכען, וועלכע אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָבען אין זיי אויך אַ חלק — אָבער דאָס איז אויך כדאי, ווייל זיי וועלען געבען אַ באַגריף ווי וויט אַ געוויסער גלייכוואָרט אָדער מנהג האָט זיך פאַרשפּרייט אָדער איז געבליבען אויף אַ געוויסען לאָקאַלען פּלאַץ.

זאָל די דאָזיגע אָפּטיילונג זיין נאָך אַ ציגעל צו דעם בנין וואָס רופט זיך אידישער פאָלקלאָר.

איך האָב דאָ אָנגעוואָרפען איניגע ווערטער און אויסדריקען אויף וועלכע ס'כדאי זיך פאַרטראַכטען און אויספאָרשען פון וואַנען זיי שטאַמען. איך האָף אַז דער פאָרשער פון דער אידישער שפּראַך וועט געפינען אין דעם קורצען אַרטיקעל נאָך מאַטעריאַל פאַר זיין ארבעט.

רעדענסאַרטען *)

1. אויף זייער אַן אַלטע זאַך זאָגט מען: ס'געדענקט שוין מלך סאָביעסקי'ס יאָרען.

אָדער: ס'געדענקט שוין שוועדען.

2. אַז איינער וויל ניט ענטפערען אויף דער פראַגע „פון וואַנען קומסטו" ענטפערט ער: פון האצענפּלאַץ[1].

3. ווען איינער וויל ניט ענטפערען אויף דער פראַגע „וואוהין גייסטו" — זאָגט ער: קיין באַנדריקעווע (אַן אומבאַוואוסטער פּלאַץ). אָדער: איך גיי אין ת . . . ת גרויפּען קלייבען.

4. אַז דאָס קינד וויל עפּעס און די מוטער וויל זיך אָפּטשעפּען פון אים, זאָגט זי:

וואָס זאָל איך דיר געבען קאַלבעבע מיט לאַקריץ? [2]).

אָדער: מאַרצעפּאַנעס זאָל איך דיר געבען?

5. און אַז דאָס קינד וויל סאַק און די מאַמע וויל ניט געבען, זאָגט זי:

כ'וועל דיר געבען סאַק פון אַלטען באָק.

6. אויב דאָס קינד פרעגט עפּעס און די מאַמע וויל ניט ענטפערען, זאָגט זי: קינדערזוימען.

7. אַז די שוויגער האָט געגעבען גוט קעסט דעם איידעם, זאָגט זי: כ'האָב אים געקעכעלט און געפּרעגעלט (האָט געגעבען קיכלעך און געפּרעגלטע מאכלים).

8. זי האָט אים געטאַכעלט פון פאָרענט און פון הינטען. (ס'מיינט, זי האָט אים געגעבען עסען זייער גוטע זאַכען. דאָס וואָרט „געטאַכעלט", דענק איך, קומט פון העברעאישען „תאכל").

*) רעדענסאַרטען זיינען אין אַ געוויסען זין באַזירט אויף לאָקאַלע געשעהענישען. און אַזוי ווי מענשען וואַנדערען, און ספּעציעל אידען, ווערען רעדענסאַרטען פון געוויסע געגענטען איבערגעטראַגען אין אַנדערע געגענטען, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, און אָפטמאָל טרעפט זיך, אַז זיי ווערען איבערגעגעבען אין אַן אַנדער וואַריאַנט.

דאָס זעלבע טרעפט זיך אויך מיט גלייכווערטלעך און שפּריכווערטער. דעריבער קען זיך טרעפען, אַז אין אונזער קאָלעקציע וועלען זיך אַריינכאַפּען טיילען, וועלכע ווערען באַנוצט אויך אין אַנדערע שטעט אָדער געגענטען. מיר האָפען אַז די לייענער וועלען אונז געווים אַנטשולדיגען.

1) אַ שטאָט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. און ווייל ס'איז געווען זעהר וויט, האָט זי געקראָגען די באַדייטונג פון זעהר אַ וויטען פּלאַץ.

2) נעמען פון מעדיקאַמענטען.

9. אַז איינער וויל אַ שטיקעל, און מ'וויל אים ניט געבען, זאָגט מען:

ווילסט אַ שטיקעל — אין שוהל [3]).

10. ווען איינער זאָגט: גיב מיר אַ חלק, ענטפערט מען אין אַ שפּאַס: אונטער'ן באָד.

11. אַז איינער באַטאָנט צו שטאַרק די בעלי־בתים — ענטפערט מען אים: בעלי־בתים אין באָד אַריין[4]).

12. ווען איינער צייכענט זיך ניט אויס אין לערנען, פלעגט מען אויף אים זאָגען: ער וועט זיין אַ רב אין כאָדלין[5]).

13. אַז איינער קומט מיט זיין אומגעווינשטע משפחה, זאָגט מען אויף אים: ער קומט מיט זיין קאַדלע.

14. ווען איינער פרעגט: טאָמער?

ענטפערט מען אים: תמר איז געווען אַ אידענע, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען [6]).

15. אַז איינער האָט ניט געטראָפען, זאָגט מען צו אים: פונקט דרייצעהן!

16. אַז ס'גייט איינעם ניט גוט, זאָגט מען: עס שי־כעוועט אים ניט[7]).

18. אַז איינער איילט זיך גיין אַהיים, זאָגט ער: צו וואָס זאָל איך היניען[8]).

19. אַז איינעם איז שלעכט זאָגט ער:

וואָך איז מיר, ווינד און ווי איז צו מיר.

20. אויף ניט קיין ערליכען מענשען זאָגט מען: ער איז אַ קיסלער. (ס'נעמט זיך פון העברעאישען וואָרט „כיס", אַ קעשענע. ס'מיינט אַ קעשענע־גנב).

21. אויף אַ גוי'ס פאָטער פלעגט מען זאָגען: „פּאַ־קאַלא". מוטער — „מאַמעלאַ".

22. אַז איינער זאָגט „נו", ענטפערט מען אים: מאַ־ אַ המוציא.

23. אויף זייער אַ ריינעם קלייד — זאָגט מען: עס פּאַכעלט.

3) באַזירט אויף אַ האַראָדעצער מנהג. זע „אַלגעמיינע מנהגים", נו. 53.

4) זע מנהגים, ב. אַ גאַנץ יאָר, נו. 19.

5) כאַדלין איז געווען אַ דאָרף אָן אידען.

6) זע חומש בראשית ל״ח, ו׳ און ווייטער.

7) דאָס וואָרט „שיכעווען" נעמט זיך פון וואָרט שוך, מ'מיינט, אַז ער גייט ניט אין די ריכטיגע שיך.

לויט דער גמרא אז דער מאַן איז צו־גוט פאַר דער פרוי זאָגט זי: „מסאנא דרב מכרעאי" (קידושין מ״ט), לויט רש״י דער שוך איז צו־גרויס פאַר מיין פוס.

אין ענגליש זאָגט מען, אז איינער וויל זיין אין אַ בעסערע לאַגע: I wont to be in his boots. (איך וויל זיין אין זיינע שטיוועל).

8) פון „הין און הער".

גלייכווערטלעך *)

1. אַ גוי'אישער שפּריכוואָרט — איז אַ גמרא.

2. אַ דאַנק — שמיר אויס די באַנק.

3. אַ חלום איז אַ נאַר.

4. אַ חסיד קטארי דיווקא פּראַסיט (אַ חסיד וועלכער פאַרלאַנגט אַ מיידעל. גוי'איש).

5. אַ מויל — פעך און שוועבעל.

6. אַ נאַר, אַ נאַר — און שאָקעלט זיך.

7. אַ נאַר פון באָד ארויס.

8. אַ פּאַטש פאַרגייט — אַ וואָרט באַשטייט.

9. אַ קאַץ, אַן ענדיק — אַבי אַן עוף אויף שבת.

10. אַ רב, אַ חזן און אַ בהמה — נעמט מען ניט פון דער זעלבער שטאָט.

11. אַז גאָט האָט געגעבען אויף זאַלץ — וועט ער אויך געבען אויף שמאַלץ.

12. אַז די מויז איז זאַט — איז די מעל ביטער.

13. אַז מען הייצט די באָד — פּרוזשעט זיך דער צימעס.

14. אַז ס'זיינען ניטאָ קיין מיידלעך — טאַנצט מען מיט שיקסעס.

15. אַרום אַ פעטען טאָפּ — איז גוט זיך צו רייבען.

16. געגאָסען אויף אַ אמת (זע סימנים און סגולות נו. 94).

17. גאָט זיצט אויבען און פאַרעט אונטען . . .

18. דאָס טאַנצען ווי דאָס טאַנצען — אָבער דאָס אָפּקיהלען זיך . . .

19. דער מיטוואָך איז לענגער פאַר'ן דאָנערשטאָג (דאָס אונטערשטע קלייד).

20. ווען איך וויל טאַנצען — ווילען די כלי־זמרים פּ־ן . . .

21. ווען גאָט האָט געגעבען שכל — איז ער (זי), גוט שלאָפען.

*) די דאָזיגע אָפּטיילונג איז אַראַנזשירט לויט'ן א״ב.

22. ווער ס׳זאָגט למנצח — ווער ס׳בלאָזט שופר. ס׳מיינט, אַז ניט דער וואָס הויבט אָן קען ענדיגען. (דער גלייכוואָרט איז באַזירט אויף אַ מעשה שהיה: מ. מ. האָט זיך זעהר געריסען צו בלאָזען שופר, אָבער ער האָט ניט גע׳יכול׳ט. פלעגט ער נאָר זאָגען למנצח, אָבער בלאָזען שופר פלעגט עמיצער אַנדערש).

23. זי מעג שוין הערען כלי־זמר. (אויף אַ מיידעל וואָס איז איבער דרייסיג, ס׳מיינט זי מעג שוין חתונה האָבען. פאַראַפראַזירט לויט׳ן דין אַז אַ אבל מעג הערען מוזיק נאָך שלושים).

24. יאַק יצר הרע נאַפּאַדע — טאַ תקיעת כף ניע פּאַמאַזשעט. (אַז דער יצר הרע פאַלט אָן העלפט ניט אפילו קיין תקיעת כף. גוי׳איש).

25. מ׳זאָל דאָס עסען אויף יאַשקע טעפּער׳ס חתונה. (מ׳פלעגט דאָס זאָגען אויף ניט קיין גוטען מאכל).

26. מיט אַן איינגענעם איז גוט קוגעל צו עסען.

27. מיט׳ן פּולען בויך צו דער מגילה. (אויף אַ מיידעל וועלכע איז געגאַנגען חתונה האָבען שוין ווייענדיג אַ מעוברת).

28. מ׳לעבט זיבעציג יאָר — און מען שטאַרבט אַ נאַר.

29. נעם די הענט — און פּאַטש זיך אין הינטען.

30. נעם די קאָפּ — און קלאַפּ אין וואַנט.

31. עס איז אזוי ריין — אַזש קאַשע קויקלען.

32. עס קלינגט אין די אויערען — ווי מ׳איז משתין אין אַ מיעדניצע (אַ קופּערנע שיסעל).

33. ער מעקעט שוין אין פעלד. (אויף אַן אַלטען מענשען וועלכער האַלט ביים שטאַרבען).

34. פאַר אַ נעשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקען ווייזען.

35. פון סמעטענע שלאָגט מען פּוטער, אָבער ניט פון זויערמילך.

36. קאַטשקע איך דריי זיך.

37. שבט — ניע בראַט. (דער חודש שבט איז ניט קיין ברודער, ווייל ס׳איז זעהר קאַלט. גוי׳איש).

די אידישע שפּראַך

פון ע. בן־עזרא

איידער מיר גייען געבען אַן אָפּהאַנדלונג וועגען דער אידישער שפּראַך אין האָראָדעץ, איז כדאי צו באַצייכענען אין איניגע שורות וועגען דער אויסשפּראַך און אַקצענט פון די האָראָדעצער אידען.

כאָטש האָראָדעץ איז אין אַ געוויסען זין געווען פּויליש, און ניט ווייט פון בריסק, וואו מ׳האָט שוין גערעדט אַביסעל מיט׳ן פּויליש־אידישען אַקצענט, דאָך איז די האָראָדעצער אידיש געווען ענליכער צום פּינסקער. דער „קמץ״ איז אויסגערעדט געוואָרען ווי אַ רוסישער „אָ״. אָבער צום סוף פון אַ העברעאישען וואָרט, וואו ס׳געפינט זיך אַ קמץ ה״א — ווערט ער ארויסגערעדט ווי אַ סגול, למשל: מלחמה, משפחה א. ד. ג.

דער שורוק און קובוץ (מלאפּום) האָבען דעם זעלבען קלאַנג ווי אַן או אין רוסיש, און דער חולם און צירה האָבען געהט דעם זעלבען קלאַנג, ווי איי (ay).

יעדער אות האָט געהאַט זיין באַזונדער קלאַנג. מ׳האָט אונטערשיידעט אין דער אויסשפּראַך צווישען אַן אלף און אַ ה״א. מ׳האָט אויך קלאָר און ריכטיג אויסגערעדט די אותיות שין, סין און סמך, און נישט פאַרביטען איינעם אויף דעם אַנדערען, ווי אין אַנדערע ליטווישע געגענדען.

דער עין איז אָפטמאָל ארויסגערעדט געוואָרען ווי אַז, ספּעציעל אין העברעאישע ווערטער, ווי יעקב (יאַנקעוו), מעשה (מאַנסע) א. ד. ג.

דער ריש איז אַרויסגערעדט געוואָרען דורכ׳ן האַלז, נאָר די וועלכע האָבען געשטאַמט פון אַ דאָרף, אָדער די גאַנץ פאַרגרעבטע און עלטערע פרויען, פלעגען ארויסרעדען דעם ריש מיט׳ן צונג: ררריש.

דער ווערטער־שאַץ

אידיש איז געווען די מוטער־שפּראַך פון דעם האָראָדעצער איד, פון וויגעל ביז׳ן גריבעל. אמת, אַז אַ קינד איז אַלט געוואָרען אַ דריי־פיר יאָר האָט מען אים איינגעוויקעלט אין אַ טלית און געבראַכט אין חדר, וואו מ׳האָט אים געלערנט אַן אַנדער שפּראַך, לשון קודש, אָבער דער רבי האָט אים פאַרטייטשט אויף אידיש. דאָס זעלבע איז געווען מיט די מיידלעך, וועלכע האָבען געלערנט דעם טייטש־חומש אָדער דעם „בריפענשטעלער״.

פאַרשטייט זיך, אַז די לשון־קודש׳דיגע לימודים האָבען געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אידישער שפּראַך, און זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך זעהר אַ סך העברעאישע ווערטער. אַזוי־אַרום האָט אַ אידיש קינד וואָס האָט אָנגעהויבען

לערנען אין חדר געבראַכט מיט זיך אַ היבשען ווערטער-שאַץ פון העברעאיש.

דער לשון-קודש'דיגער עלעמענט האָט זיך געלאָזט פי-לען אומעטום: אין שטוב, אין גאַס און אין מאַרק. אַז דער קרעמער פלעגט פאַרשרייבען אין זיין צעטעל, איז דאָס געווען חצי אידיש און חצי לשון-קודש.

אַנגעוויזען אויף געוויסע אויסדרוקען אָדער ווערטער וועלכע שטאַמען פון דער ענגלישען שפּראַך.

פאָרשער פון דער אידישער שפּראַך האָבען שוין פון לאַנג אָנגעוויזען אויף אייניגע אידישע ווערטער, וועלכע שטאַמען פון ענגליש אָדער לאַטיין, צום ביישפּיל: דאַוונען, שטאַמט פון וואָרט „דיוויין", וואָס מיינט הייליגטום.



אַ פאַקסימיליע פון אַ קרעמער'שן חשבון

און אַז איינער וואָס האָט אפילו ניט גוט געקענט לשון-קודש, האָט געשריבען אַ בריוועל צום צווייטען, איז זיין בריוו אויך געווען פול מיט אַ היבש ביסעל העברעאישע ווער-טער און אויסדרוקען.

אויך די גוי'אישע סביבה האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער טאָג-טעגליכער שפּראַך פון האָראָדעצער אידען. די סביבה איז געווען באַזעצט פון ווייס-רוסען, וועלכע האָבען גערעדט ווייס-רוסיש (באַבלאַטסקע).

מ'קען ניט זאָגען אַז אין דער אידישער שפּראַך האָבען זיך ניט אריינגעכאַפּט פּוילישע עלעמענטען. ווי באַוואוסט האָט האָראָדעץ באַלאַנגט צו פּוילען, און פּאַליאַקען זיינען געזעסען אין האָראָדעץ און אַרום האָראָדעץ. דאָס איז גע-ווען פאַר דער פּאַווסטאַניע (פּוילישען אויפשטאַנד) און נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה.

דורך דער פּוילישער שפּראַך האָבען זיך אויך אריינ-גע'גנב'עט לאַטייניש, פראַנצויזישע און אויך ענגלישע עלעמענטען. ס'וועט אויסקומען מאָדנע ווען מיר וועלען דער אויסדרוק „קינד און קייט" פון ענגלישען „קיד ענד קין", אָדער „פּיקס און פּאַרטיג", פון ענגלישען וואָרט „פּיקס". —

איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלען אויף אַ צאָל ווערטער מיט וועלכע מ'האָט זיך באַנוצט אין האָראָדעץ און מ'האָט אפילו ניט געוואוסט אַז זיי זיינען ענגלישע אָדער לאַטייניש.

נאָך זייענדיג אין חדר האָט מען שוין געהערט פון רבי'ן: ווישקעף — און ער האָט געלוקט. און אַז דער רבי איז אַ גוטער האָט ער איינגענומען די קינדער אַן שטירדעס (סטורדי). אָבער אַ ווייסען (וואַיס) חברה'ניק האָט ער ניט ליב געהאַט. צו אים פלעגט ער זאָגען: „סיק שוין, סיק (סיק)! דער רבי פּעגט פון אים אָפּטמאָל טאַרען (טיער) די קישקעס, ווייל אַזאַ תכשיט איז נאָר פּאַרטאַן אין טייבעלעך און ווערבליעס (וואַרבל).

און אין שטוב פלעגט מען הערען אַזעלכע דיבורים:
וואָס פּאַרסואוועסטע (פּאָרם)?

דאָס זעלבע האָט געטראָפען מיט ישראל משה דעם קברות-מאַן. ישראל משה איז אויך געווען דער שמש פון חברה קדישא. און אַז די חברה קדישא האָט אַמאָל געמאַכט א סיום משניות איז ישראל משה געגאַנגען איינלאַדען דעם עולם צום הדרן. און אַנשטאַט הדרן האָט ער געזאָגט: „איר זייט גערופען געוואָרען צום כאַנדראַן" — פון דאַן אָן האָט מען איהם גערופען כאַנדראַן אָדער כאַנדראַניק. דער צונאָמען האָט שוין ניט געהערט בלויז צו ישראל משה'ן, אים פלעגט מען שוין צוטשעפּען צו יעדען עם-הארץ .. .

זאָל מיר ישראל משה מוחל זיין.. צו זיין שבח מוז מען זאָגען, אַז ער איז געווען אַ שטילער און ערליכער איד.

עס האָט אויך געטראָפען, אַז מ'האָט איינעם גערופען לויט זיין באַשעפטיגונג. אָט איז געווען אין האָראָדעץ אַ איד מיט'ן צונאָמען דויקע. פאַרוואָס?

ווייל ער איז געווען אַ פּאַכטער, און ווי באַוואוסט האָט אַ פּאַכטער צו טאָן מיט דוויניצעס האָט מען איהם גערופען דויקע. וואָס עפּעס גראַדע דעם פּאַכטער האָט מען גערופען „דויקע" און ניט קיין אַנדערען? בלייבט א קשיא.

פאַראַן אַ זעלבע בעלי צונעמען וואָס לאָזען זיך ניט ערקלערען. אָט למשל: וואו אַ יאָסל — האָט מען צוגעגעבען באַק. פאַרוואָס? תיקו! דערפאַר זיינען אַנדערע בעלי צונעמען געווען „גליקליכע", מ'האָט געוואוסט פאַרוואָס און פאַרווען.

מנהגים[1]

א. עסען און טרינקען

די חז"ל האָבען געזאָגט, אַז דעם מענש קען מען דער־קאָנען לויט זיין טרינקען (ערובין ס"ה). און מיר קענען צוגעבען, אַז אויך אַ פאָלק קען מען דערקענען לויט זיין טרינקען און עסען. אין די צוויי מסכתות, דרך ארץ זוטא און דרך ארץ רבא, רעדט זיך ווי אַזוי אַ איד זאָל עסען און טרינקען, און אין „שולחן ערוך" געפינען זיך אַ היבש ביסעל דינים וועגען מאכלים, וואָס מען מעג און וואָס מ'טאָר ניט עסען. אויסער די געשריבענע דינים זיינען דאָ ניט קיין געשריבענע, וועלכע דאָס פאָלק האָט אָנגענומען, און לויט זיי קען מען לערנען דעם אַרט לעבען פון דער אָדער אַנדער געמיינדע. און האָראָדעץ איז ניט געווען אָפּגעשטאַנען פון כלל ישראל.

**
*

1. אויף שבועות פלעגט מען באַקען די חלות אַזוי ווי לוחות, אין אָנדענקונג אויף די עשרת הדברות, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אין שבועות.

2. אויף ראש-השנה פלעגט מען מאַכען די חלות אַזוי ווי פויגעל, אַ רמז אויפ'ן פּסוק „כצפרים עפות כן יגן ה׳ (ישעיהו ל"א, ה׳), אַז גאָט זאָל אונז באַשיצען אין דעם יום-הדין אַזוי ווי פויגלען באַשיצען זייערע קינדער.

3. אויף יום־כיפור האָט מען געבאַקען חלות אין דער פאָרמע פון אַ לייטער, ס'מיינט אונזערע תפילות זאָלען ארויפגיין אויפ'ן הימעל.

4. אויף סוכות פלעגט מען באַקען אַ קוילעטש, אַ רמז אויף דעם לולב, הדסים און ערבות, וועלכע זיינען צוזאַמען געפלאָכטען.

5. הושענא רבה האָט מען געבאַקען אַ האַנט, אַ וואונש אַז מ'וועט ארויסציהען אַ גוטען קוויטעל.

אויסער די פאַרשידענע חלות וועלכע פלעגען באַצייכענען דעם יום-טוב, זיינען אויך געווען באַזונדערע מאכלים פאַר יעדען יום־טוב.

6. דעם ערשטען טאָג סוכות פלעגט מען עסען קרויט־באָרשט.

7. דעם ערשטען טאָג פסח פלעגט מען עסען בוראקעס־באָרשט, וואָס מ'פלעגט איינלייגען גלייך נאָך פורים.

„אַז מ'גרייט אָן ערב שבת — האָט מען אויף שבת", זאָגט אַ אידיש שפּריכוואָרט. דער האָראָדעצער איד פלעגט אָנגרייטען זיין מאכל אויף יעדען יום-טוב נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריהער.

8. גלייך נאָך סוכות פלעגט מען שוין מאַכען האַרטען קעז אום צו עסען חנוכה.

9. חנוכה פלעגט מען פרעגלען גענזענע שמאַלץ — אויף פסח. פאַרשטייט זיך, אַז ביים פרעגלען די שמאַלץ האָט מען ניט דערלייגט דער באָבע'ס ירושה, מ'האָט פאַר איין גאַנג הנאה געהאַט פון די גריבענס און געמאַכט קאַר־טאָפלענע לאַטקעס געפּרעגעלט אין גענזענע שמאַלץ.

---

1) איך האָב זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף די יעניגע מנהגים וואָס לויט מיין וויסען זיינען זיי געווען מער־ווייניגער ספּעציפיש האָראָדעצער. איך האָב אויך אויסגעלאָזען אייניגע האראדעצער מנהגים וועלכע זיינען שוין דערמאָנט געוואָרען, אגב אורחא, אין פאַרשידענע ארטיקלען אין דעם בוך „האָראדעץ".

10. זומער פלעגט מען פרעגלען מאַלינעס, אַנגרייטען אויפ'ן ווינטער, טאָמער מ'פאַרקילט זיך, הלוואי מ'זאָל עס ניט באַדאַרפען . . .

11. אויך פלעגט מען פרעגלען אָדער שטעלען יאַגעדעס, וועלכע זיינען גוט צום בויך. די יאַגעדעס קויפען אָדער קלייבען האָבען געהאַט אַ ספּעציעלע וואָך, פּרשה קרח. מ'פלעגט געבען אַ טעם: ווען קרח איז איינגעזונקען געוואָרען זיינען ארויסגעוואַקסען יאַגעדעס.

12. אַ סך אידען האָבען זיך אין האראַדעץ אָפּגעהיט פון עסען שלייען אין חודש תמוז, ווייל אין דעם דאָזיגען חודש פאַרשטעלען זיך די מייז פאַר שלייען. אַנדערע האָבען צוגעגעבען, אַז זיי האָבען אַליין מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן אין שפּייכלער אויף דער ערד אַ שלייען [2].

13. ערב ראש חודש אב פלעגט מען אַמאָליגע יאָרען עסען דעם לעצטען פליישיגען מאָלצייט פאַר די „ניין טעג", אויפ'ן שוהל-הויף [3].

14. ערב יום-כיפּור נאָך שחרית פלעגט דער עולם גיין אויף קבר אבות, און אויף צוריקוועגס פלעגט מען זיך אָפּשטעלען אין אוהל, וואו מ'פלעגט טיילען לעקאַך.

15. לעקאַך איז געווען אַן אָנגעזעהענער כיבוד אויף אידישע שמחות. צו דעם פלעגט מען נאָך געבען הערינג.

16. צו דער וואַך-נאַכט (די נאַכט פאַר'ן ברית), ווען מ'פלעגט לערנען זוהר, פלעגט מען אויך געבען אַרבעס, צוקערקעס און אַנדערע פלעגען אויך אָפּקאָכען אַ קרופּניק פון רעטשענע גרויפּען [4].

17. ערב אַ חתונה פלעגען דער כלה'ס עלטערען מאַכען אַ מאָלצייט פון צונגען פאַר'ן חתן'ס צד.

18. אַז מ'האָט אויסגעזאָגט דעם חתן צו דער כלה אָדער אַז ס'איז געקומען אַזוי אַן אָנגעלייגטער גאַסט, פלעגט מען שבת צום טיש שיקען משקה, וויין, און זאָגען דערביי: „מיט ליב אייך מיט אייער גאַסט".

ב. אַ גאַנץ יאָר

19. אַלע צוויי וואָכען, פרייטאָג בייטאָג, פלעגט גיין דער בעדער אָדער זיין זון אין „גאַס" און אין „מאַרק" און רופען דעם עולם אין באָד אריין, בזה הלשון: „בעלי-בתים, אין באָד אריין!"

20. פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט גיין דער שטאָט-שמש מיט אַ קעסטעל אונטער'ן אָרעם, און יעדער איינער פלעגט אריינוואַרפען אַ ליכט, כדי ס'זאָל זיין געגוג צו באַלייכטען דעם בית־המדרש.

אַז אַ פרעמדער חזן מיט משוררים פלעגען קומען אויף אַ שבת פלעגען די משוררים גיין פרייטאָג פאַרנאַכט קלייבען נדבות.

22. ווינטער, שבת פאַרטאָג, פלעגט מען קלאַפּען אין די פענסטער צו תהלים, בזה הלשון: „תהלים, תהלים!" (דאָס איז געווען די עובדא פון אהרן לייב דעם מאַליער).

23. יעדען ערב ראש חודש פלעגען די חברא קדישא לייט פאַסטען און זיך צונויפקלייבען אין בית־המדרש און זאָגען סליחות (אַזאַ מנהג איז אויך געווען אין אַנדערע שטעט).

24. זייער פרומע מענער און פרויען פלעגען זיך ניט צוזעצען ראש־השנה און יום־כיפּור ביים דאַווענען.

25. אויף מאָרגען נאָך יום-כיפּור פלעגט מען דאַווענען זייער פרי, כדי דער שטן זאָל ניט האָבען קיין פּתחון פּה, אַז ווייבאַלד די אידעלעך האָבען אויסגעבעטען אַ גוט יאָר מאַכט זיי שוין ניט אויס ווען זיי דאַווענען.

26. הושענא רבה פלעגען זיך שיינע בעלי־בתים ארויסלאָזען איבער'ן שטעטעל קלייבען נדבות פאַר נויט־באַדערפטיגע.

27. חנוכה גייט דער חזן איבער די הייזער מיט אַ לאַנטערנע אין האַנט נעמען חנוכה-געלט
אויך דער שטאָט־שמש פלעגט טאָן דאָס זעלבע.

28. פּורים פלעגט דער חזן שיקען שלח־מנות צו בעלי־בתים, אַן אָנדייטונג אַז מ'זאָל אים צוריקשיקען מער ווי מ'האָט פון אים געקראָגען . . .

29. פּורים פלעגען ארויסגיין יונג און אַלט און קלייבען נדבות פאַר אָרימעלייט, הכנסת כלה און אַנדערע כלל־זאַכען.

ווערליג ס'זעהט אויס איז דער דאָזיגער מנהג זייער אַן אַלטער און אינטערלענדישער. אַזוי האָט מען געזונגען אין האָלאַנד:

„פּורים באַטייט קיכליך עסען,
און די אָרימע לייט ניט פאַרגעסין".
און אין פוילען האָט מען געזונגען:
„פּורים באַטייט צו געבען אָרימעלייט."

2) אַזאַ אָבערגלויבען איז אויך ארומגעגאַנגען אין דער נאָענטער שטאָט בריסק (זע „יידישער פאָלקלאָר", ייוו"א, ווילנע 1938, ז. 285; זע אויך אי"ש שו"ב, טעמי המנהגים, ח"ב, דף מ"ט:).

3) אין אַנדערע שטעט האָט די „פליישיגע וועטשערע" געהאַט אַן אַנדער אויסדרוק (זע א. דרויאנוב, „רשומות" א' ז. 351).

4) ווערליג סיזעט אויס איז דער דאָזיגער אָרימער מאָלצייט אַ רעזולטאַט פון דעם איסור, ווען מיהאָט איינגאַנצען פאַרבאָטען אַ סעודה צו דער וואַך־נאַכט (זע „פּינקס מדינת ליטא", ז. 145).

30. שושן פורים, ווען די פרויען זיינען שוין געווען פריי פון שיקען און אפשיקען שלח־מנות, פלעגען זיי דאן גיין אויף באזוך צו איינענע און גוטע פריינד.

31. די מאנסבילען פלעגען שושן פורים גיין אין שניט־קראם קויפען סחורה אויף א גראניטור (בגד) אויף פסח.

32. ערב פסח פלעגען גאנצע משפחות שלעפען די כלים אין באד אריין צו כשר'ן זיי אין קעסעל.

33. די נייע כלים פלעגט מען פירען צום טייך טובל'ען.

34. ערב פסח פארנאכט פלעגט דער שטאט־שמש גיין איבער די הייזער קלייבען אייער פאר זיין באדארף.

35. נאכדעם פלעגט ער אויפהענגען די גרויסע מצה אין פאליוש פון שוהל.

36. חול־המועד פסח, אזוי גוט ווי חול־המועד סוכות, זיינען די מלמדים געווען זייער פארנומען מיט מאכען א נייעם „זמן". דערפאר זיינען חדרים־קינדער געווען פריי פון „חדר" און זיי פלעגען גיין צום באן.

37. די דערוואקסענע פלעגען פארען צו־גאסט.

38. צווישען פסח און ל"ג בעומר פלעגען געוויסע אידען זיך שטעלען מיט'ן בלויזען קאפ אונטער א רעגען, גלויבענדיג, אז ס'איז גוט פאר'ן געזונט [5].

39. ספירה־צייט עסען קינדער וועמשערע (אווענט־מאל־צייט) פריהער, און אין אווענט טארען זיי ניט ארויסגיין אין גאס.

40. ערב שבועות זיינען די קינדער געווען זייער פארנומען מיט אנשניידען פליסניאק און טשעראט (אזעלכע הויכע דיקע גראזען, וועלכע זיינען געוואקסען ביים פריקא־באליק), אדער צווייגען פון ביימעלעך, כדי צו פארפוצען די שטוב מיט גרינס.

41. די דערוואקסענע מיידלעך זיינען געווען פארטאן אין אויסשניידען פון קאלירטע פאפיר פארשידענע צורות, בלומען און די עשרת הדברות צו פארפוצען די פענסטער.

42. אין די דריי וואכען פלעגען די זקנים גיין אין בית־המדרש אלע האלבע נאכט פראווען חצות.

43. אין די „דריי וואכען" פלעגט מען זינגען אין בית־המדרש „שומר ישראל" מיט'ן ניגון פון „אלי ציון" (דאס איז געווען משה מרדכי'ס עובדא).

44. אין די „דריי וואכען" פלעגט מען אנבינדען א רויטען בענדעל אויפ'ן ארעם פון קינד.

45. אין די „ניין טעג" פלעגט מען אנבינדען א שטיקעל קנאבעל אין קינד'ס העמד.

46. אין די „ניין טעג" פלעגט מען ניט צוואגען (וואשען דעם קאפ) די קינדער.

47. ערב ראש חודש אב פלעגען די שוחטים באהאלטען זייערע חלפים, ווייל מ'האט שוין מער ניט געשאכטען ביז איבער תשעה באב.

48. אויב תשעה באב איז אויסגעפאלען שבת, פלעגט דער שמש אויסרופען פרייטאג-צו־נאכטס אין בית־המדרש: „דברים שבצנעה נוהג" . . .

49. תשעה באב נאך שחרית פלעגט דער עולם גיין אויפ'ן פעלד (בית־עולם), און הינטערווענגס ווארפען קנאבעל.

50. שבת נחמו איז געווען אן אמת'ער יום־טוב. שוין א פאר טעג פאר דעם שבת האט מען געקאלכט דעם אויוועז, געשייערט די לייכטער און זיך צוגעגרייט א נייעם מלבוש לכבוד שבת.

ג. אלגעמיינע מנהגים

51. א חופה שטעלט מען אויפ'ן שוהל־הויף און קונדסים פלעגען מאכען פייער־ווערק. איין קונדס פלעגט אנגעמען א מויל נאזע (נאפט), א צווייטער פלעגט האלטען אן אנגעצונדענע ליכט, און ווען דער ערשטער פלעגט א גיס טאן די נאזע פון מויל פלעגט זיך אנצינדען א קנויל פייער.

52. אז ס'איז געווען א ברית אין שטאט פלעגט דער מוהל קומען אין בית־המדרש שטעלען זיך ביים עמוד און זאגען „וכרות" ביז ישתבח. דער חזן פלעגט זאגען א טייל און דער קהל פלעגט ענטפערען. למשל:

דער מוהל: „וכרות עמו הברית",

דער קהל: „לתת את ארץ הכנעני", א. אז. וו.

אפילו אשר דוד דער מוהל, א סטאלינער חסיד, פלעגט יענעם פרימארגען גיין אין בית־המדרש און זינגען פאר'ן עמוד „וכרות". (אייגענטליך איז געווען א מנהג אין אנדערע קהילות צו זינגען „וכרות" אין בית־המדרש אדער שוהל נאר ווען דארטען איז פארגעקומען דער ברית. (זע דעם סידור „דרך החיים" אדער „אוצר־התפלות").

53. די ערלה פלעגט מען אריינווארפען אין איינע פון די קאסטענס זאמד וועלכע זיינען געשטאנען אין שוהל אויף אריינצושטעלען יום־כיפור ליכט. (א רמז אויף דעם מנהג געפינען מיר אין ילקוט שמעוני, יהושע, רמז ט"ו).

54. איינלאדען צו א ברית פלעגט מען שיקען דעם שטאט־שמש צו דעם יענינען וועלכען מ'וואלט געוואלט האבען צום ברית.

דאס זעלבע פלעגט מען טאן מיט אן איינלאדונג צו א פדיון הבן.

55. צו א חתונה פלעגט מען שיקען בילעטען דורכ'ן שמש.

5) זע אי"ש שו"ב, טעמי המנהגים, חלק שני, דף מ"ד.

ד. סימנים און סגולות

56. אַ שוואַנגערדיגע פרוי פלעגט אָנטאָן אַ שטערען־שום אויפ׳ן האַלז ביז׳ן 9טען חודש, כדי זי זאָל ניט מפּיל׳ען.

57. דעם געבוירענעם קינד פלעגט מען אָנטאָן אַ רויטען באַנד אויפ׳ן האַלז, כדי מ׳זאָל ניט געבען קיין עין-הרע.

58. דער קימפּעטאָרין האָט מען אָנגעטאָן אַ רויטען באַנד אויפ׳ן רעכטען אָרעם — כדי מ׳זאָל איר ניט געבען קיין עין הרע.

59. צו די אַלע זאַכען פלעגט מען נאָך שטעלען „פייגען" צו די געסט ווען זיי גייען אוועק.

60. צו דער וואַך־נאַכט פלעגט דער מוהל אוועקלייגען זיין מוהל־מעסער אונטער׳ן קישען פון קינד ביז׳ן ברית.

61. צום ברית האָט מען אָנגעטאָן דאָס קינד אַ רויטע היטעלע אין וועלכען ס׳איז איינגענייט געוואָרען „שיר־המעלות׳ן". אַנדערע פלעגען אויך איינניייען „שיר המעלות׳ן" אין קישעלע אויף וועלכען דעם קינד׳ס קעפּעלע ליגט.

62. אויסער שטעלען „פייגען", איז געווען אַ גוטע סגולה געגען עין הרע, נעמען אַ ביסעל וואַסער מיט זאַלץ און אָפּוואַשען דעם פּנים.

63. אָדער אַריינטאָן אַ ביסעל זאַלץ אין העמד.

64. אַריינטאָן אַ ביסעל זאַלץ אין קעשענע.

65. אַז אַ קינד האָט אָנגעטאָן אַ נייעם גראַניטור — האָט מען געהייסען האַלטען צוויי „פייגען" אין ביידע קעשענעס, ס׳זאָל קיין עין הרע שאַטען.

66. ווען אַ קינד קומט צום ערשטען מאָל אויף אַ באַזוך גיט מען אים אַ שטיקעל צוקער. אַנדערע פלעגען געבען צוויי אייער צו אַ אינגעל, און איין איי צו אַ מיידעל.

67. אַ ציטערדיגע קינד פלעגט מען אָנטאָן אין לייוונט און אין אַ לייווענטענעם קאַפּטאַן ביז אַ יאָר אַכט־צעהן. מ׳פלעגט זאָגען, אַז דאָס איז אַ סגולה צו אריכות ימים: „מ׳זאָל ניט דאַרפען אָנטאָן לייוונט (תכריכים) יונגערהייט". (דער „אַלטער רבּ" ברענגט אין זיין ספר „משכנות יעקב", ז. 30, אַז די לייווענטענע בגדים זיינען אַ סגולה קעגען בשוף).

68. אַנדערע פלעגען ניט אָנטאָן דאָס ציטערדיגע קינד נייע זאַכען ביז אַכט יאָר, נאָר געשענקטע.

69. אַז מ׳ציט זיך אַריין אין אַ נייע דירה ברענגט מען פריער ברויט מיט זאַלץ, ליכט און צוקער.

70. אַז מ׳קווילעט אַ קעלבעל פלעגט מען איינטונקען אַ שטריקעל אין איר בלוט און אַרויפטאָן אויפ׳ן האַלז פון דער מוטער בהמה, כדי זי זאָל ניט בענקען.

71. דאָס הערצעל פון דער קאַלב מיט אַ שטיקעל ברויט פלעגט מען געבען דער בהמה עסען, כדי זי זאָל פאַר־געסען אָן דער קאַלב.

72. אַז מ׳קויפט אַ בהמה גיסט מען איר אָפּ מיט אַן עמער וואַסער, אַ סגולה אַז זי זאָל געבען אַ סך מילך, ווי וואַסער.

73. אַנדערע זאָגען אַז דאָס איז אַ סגולה קעגען בענ־קען נאָך דער פריערדיגער שטאַל.

74. אַ קעצעל פּסל׳ט מען, (מ׳האַקט אָפּ אַ שטיקעל ווייִדעל. אין ווירבאַלן פלעגט מען זאָגען, אַז מ׳טאָר ניט האַלטען אַ קאַץ אויב זי איז ניט גע׳פּסל׳ט — ווייל מ׳קריגט אַ גראָען קאָפּ. (זע „יידישער פאָלקלאָר", ייוו"א, ווילנע, 1938, ז. 291).

75. אַ חדר אינגעל טאָר זיך ניט שפּילען מיט אַ קאַץ, ווייל ס׳שאַדט צום לערנען.

76. קינדער טאָרען ניט עסען קיין האַרץ — עס שאַדט צום זכרון.

77. זיי טאָרען אויך ניט עסען קיין נירען — צוליב דער זעלבער סיבה.

78. אַז מ׳פאַרנייט אַ בגד, און דער בגד איז בשעת מעשה אויפ׳ן פּערזאָן — דאַרף ער קייען אַ שטיקעל פּאַדים, אַ סגולה קעגען שכחה, איבערהויפּט ביי חדר אינגלעך. (זע אי"ש שו"ב, טעמי המנהגים, חלק ב׳, ז. 44).

79. אַ סגולה צו אַ גוטען זכרון איז געווען, אַז די קינדער זאָלען אויסרייבען דעם שטערען מיט׳ן ערשטען שניי.

80. אויסוואַשען דעם פּנים מיט׳ן ערשטען שניי איז אויך גוט, אַז דער פּנים זאָל זיין אַ ווייסער.

81. דעם ערשטען אָוונט חול המועד פּסח פלעגט מען אָפּקאָכען די ווטעשערע פריהער — אַ סגולה צו זיין אַ געשווינטער אַ גאַנץ יאָר.

82. אַ קינד טאָר ניט אַריבערגיין אַ פענסטער אָדער אַ מענשען. און אויב מ׳פאַרגעסט און מ׳גייט אַריבער — דאַרף מען צוריק אַריינקומען דורכ׳ן פענסטער אָדער צו־ריקגיין איבער׳ן מענש.

83. אַ חדר אינגעל טאָר ניט שאָקלען מיט די פיס, אויב ער טוט דאָס איז ווי ער וואָלט שעלטען טאַטע-מאַמע.

84. מ׳טאָרניט פייפען. אַ גוי פייפט.

85. אַז מ׳זעט פליהען אַ פלעדער־מויז דאַרף מען אַ פּאַך טאָן מיט אַ ווייסע זאַך, און זי וועט אַראָפּפאַלען (דאָס זעלבע אין דער נאָענטער שטאָט פּינסק. זע „אידישער פאָלקלאָר", ייוו"א, ווילנא, 1938, ז. 288).

86. אין אָוועגט איז אַ סכנה צו גיין מיט'ן בלויזען קאָפּ, ווייל די פלעדערמויז קאָן זיך נאָך אריינרייסען אין די האָר (זע אויך דאָרטען).

87. דער בושאַן (שטארק) קומט פּ׳ שמיני און גייט אוועק פּ׳ ראה. ווער ס׳זעהט אים צום ערשטען פליהענדיג, איז אַ סימן אַז ער וועט זיין דעם זומער גרינג אויף די פיס. און אויב ער זעהט אים שטייענדיג וועט ער זיין שווער אויף די פיס.

88. אַז די שעפּסען פלעגען גיין פון פּאַשע פלעגען די קינדער דורכלויפען צווישען זיי, כדי זיי זאָלען קאָנען גוט שלאָפען.

89. אויב דער בושאַן שטייט אויף איין פוס און קלאַפּט מיט'ן שנאָבעל איז אַ סימן אַז דער שייער וועט אָפּברענען.

90. אויב די קאַטשקע שטייט אויף איין פוס — וועט זיין אַ פראָסט.

91. אויב דאָס הינדעלע שאַרט זיך אין זאַמד — וועט זיין אַ פראָסט.

92. אויב דאָס הינדעלע קאַלופּעט זיך — וועט זיין אַן אדליגע (דער פראָסט וועט לאָזען, און ס׳וועט זיין גלי־טשיג).

93. אין אלול צייט טראָגט די בהמה אַ גרעזעלע אין מויל, זי ווייזט: איצט האָב איך געקראָגען אַ גרעזעלע, און מאָרגען — ווער ווייסט. זי וויל אַז מ׳זאָל איר שוין צוּוואַר־פען אַ ביסעל היי.

94. אַז מ׳דערציילט עפּעס און בשעת מעשה ניסט מען —איז אַ סימן אַז די מעשה איז אַן אמת'ע.

95. פרומע אידען פלעגען זאָגען „לישועתך קויתי“, ווען מ׳האָט אַ ניס געטאָן.

96. אַז מ׳גענעיצט — איז אַ סימן פון אַן עין־הרע. דאַרף מען אויסשפּייען.

97. אַז מ׳שלוקערצט —- מיינט דאָס, אַז עמיצער רעדט וועגען דעם שלוקערצדיגען.

98. אַז ס׳קלינגט אין רעכטען אויער — רעדט אַ שונא. אנדערע זאָגען אַז אַ בריוו וועט קומען.

99. אַז ס׳קלינגט אין לינקען אויער — רעדט אַ גוטער פריינד, אָדער געלט וועט אָנקומען.

100. אַז ס׳בייסט אין דאַליניע — וועט מען ציילען געלט.

101. אַז מ׳האָט קדחת טאָר מען ניט עסען אייער, פיש און הערינג. אָבער אַז ס׳לאָזט אָפּ דאָס וואַרפען — זאָל מען עסען פיש, הערינג.

102. אַ סגולה צו קדחת איז מ׳זאָל אָנטאָן אַ מעער־קאָפּ.

103. צו געל־זוכט — מ׳זאָל אריינטאָן די דריטע מכה אין אַ פיינקוכען און עס אויפעסען.

104. צו שקאַרליטינע — אָנטאָן רויטע בענדלעך.

105. אַז מ׳האָט אַן אויסשלאַג — זאָל מען דריי מאָל אַרומדרייען אַ רינגעל אַרום דעם אויסשלאַג. דערנאָך אַ שפּיי טאָן דורכ׳ן רינגעל אויף דער דריטער באַלקען אין גאַס.

106. אַז מ׳האָט אַ לישאַי (הויט קראַנקהייט) — שטייט מען אויף גאַנץ פרי, מ׳גייט צום פענסטער, וועלכער איז באַדעקט מיט אַ ראַסע (טוי), מ׳ווישט אָפּ אַ ביסעל ראַסע און מ׳לייגט עס צו צום לישאַי, און דערביי זאָגט מען:

(אין גוי׳איש:)	(אידישע איבערזעצונג)
„לישאַי, לישאַי,	הויט־אויסשלאַג, הויט־אויס־
יא טעבע ניע זנאיו,	שלאַג,
סקול פרישלא,	איך קען דיר ניט,
אידי סעביא.“	פונוואַנען דו ביסט געקומען
	גיי זיך.

(איבערגעגעבען
פון חיה פּאָמעראַניץ)

107. אַז מ׳האָט אַ בראָדעווקע איז גוט צו מאַכען אַ קליין וואַלגער־העלצעל, אויפשניידען די בראָדעווקע, און באַ־שמירען עס דעם וואַלגערהעלצעל. דערנאָך וואַרפען דאָס וואַלגער־העלצעל אויף הינטערוועגס. און דער וואָס וועט גע־פינען וועט עס קריגען, און די בראָדעווקע וועט פון דעם מענשען נעלם ווערען.

אויב מ׳האָט ניט קיין וואַלגערהעלצעל קען מען דאָס טאָן מיט אַ בלייפענע (בלייפעדער).

108. אַ בראָדעווקע איז אויך גוט צו פסל׳ען מיט דער השתנה פון אַ הונט.

109. פסל׳ען (באַשמירען מיט די אורין פון דעם ליי־דענדען פּערזאָן) איז גוט צו אַ שניט, אַ שטאָך, אַ געשווי־לאַכץ, אָדער צו שטעכעניש אין אַן אויער.

110. צו אַ בלאַטער אָדער אַ געשוויר איז גוט צוצו־לייגען די צואה פון אַ בהמה.

111. אויך ניכטערע שפּייכעץ איז גוט צוצולייגען צו אַן אָנגעווייטיגטען אָרט.

112. אַז מ׳פלעגט געבען אַ כלה בעטגעוואַנט — פלעגט מען אַריינלייגען מטבעות אין די קישענעס אָדער פערענעס, אַ סגולה אַז זי זאָל באַגליקט ווערען.

113. אַז מ׳יאָרט זיך (צום געבוירענטאָג) ציט די מוטער די אויערען פון קינד אַזויפיל מאָל וויפיל יאָרען עס איז געוואָרען דעם קינד — אַ סגולה צו אריכות ימים, אַז זיינע יאָרען זאָלען אויסגעצויגען ווערען.

צונעמענישען

פון ע ב״ע

אויב וועגען א נאמען איז פאראן א מחלוקת צי ער האט עפעס א באדייטונג, איז וועגען א צונאמען, דאכט זיך, קיין פלוגתא ניטא. אלע זיינען מסכים, אז א צונאמען זאגט עפעס, און אפטמאל מעהר ווי עפעס.

שוין אין די גאר אלטע צייטען געפינען מיר מענשען מיט צונעמען, ווי ירבעל אין תנ״ך כלבא שבוע אין תלמוד און ריכארד דער לייב אין מיטעלאלטער.

א צונאמען ניט נאר כאראקטעריזירט דעם מענש וועלכער האט אים געקראגען נאר אויך דער תקופה אדער סביבה, אין וועלכער דער מענש מיט'ן צונאמען האט געלעבט. א צונאמען שפיגעלט אפ דעם גייסט און דעם קולטורעלען ניווא פון א געוויסער עפאכע. פון א צונאמען קען מען אמאל קענען לערנען דעם סאציאלען געבוי פון א באשטימטען דור. מ'קען אויך מערקען די שארפזיניגקייט און דעם קוק פון יחיד אדער פון דעם כלל, וואס האט דעם צונאמען געשאפען.

כמעט יעדער שטאט אדער שטעטל האט פארמאגט לצים, וועלכע פלעגען יעדען איינעם באקרוינען מיט א צונאמען נאך אין זיינע קינדערשע יאהרען. אויב א פרעמדער האט זיך באזעצט אין שטעטל איז ער גלייך באקרוינט געווארען מיט א צונאמען. האט עמיצער פון דער פרעמד חתונה געהאט אין שטעטל האט ער געקראגען זיין צונאמען באלד אונטער דער חופה. אונטער דעם צונאמען האט ער אפגעלעבט זיינע יאהרען. אפטמאל האט מען אפילו ניט געוואוסט זיין ערשטען נאמען. טייל האט עס „אפגעגליקט" אז אפילו זייערע קינדער און קינד'ס קינדער האט מען גערופען לויט דעם פאטער'ס אדער זיידענ'ס צונאמען.

דער צונאמען איז אזוי איינגעבירגערט געווארען אז מ'האט זיך שוין גארניט געפילט באליידיגט ווען מ'איז גערופען געווארען ביים צונאמען. אנדערע האבען זיך אפילו געפילט „געקריוודעט" ווען מ'האט זיי ניט גערופען ביים צונאמען, אזוי ווי זיי וואלטען ניט געווען פון דער זעלבער שטעטל . . .

האראדעץ איז ניט געווען קיין אויסנאם. אויך אין דער דאזיגער שטעטל האט כמעט יעדער איינער געהאט א צונאמען. פארשטייט זיך אז ניט אלע צונעמען זיינען געווען גלייך. איינינע זיינען געווען לויט דעם מום פון פערזאן אדער כאראקטער, ווי קולהאווער, הארבאטער, שטשערבאטער, פארך, קאליקער, רויטער, מורזא, נאז א. ד. ג. אדער מ'האט גערופען לויט דער מלאכה נאך, ווי: שוסטער, שניידער, גייער.

אויסער דעם האט מען אנדערע גערופען לויט זייערע אבות, מיט'ן טאטענ'ס אדער דער מאמע'ס נאמען, ווי למשל: בערל זאוועל'ס, חאשקע פרומע הינדע'ס, אדער גאר אויף דער ווייב'ס נאמען ווי חיים ראסעל'ס.

אנדערע האבען געהאט גאר א באזונדער זכות: מ'האט זיי גערופען לויט זייער גייסטיגען צושטאנד, ווי למשל: יאנקל חסיד — ווייל ער איז עווען א גרויסער חסיד, אדער איטשע מלאך — ווייל ווען ער האט געדאווענט האט ער זיך אינגאנצען אויסגעטאן פון זיין גשמיות. איז דען „האפטשיק לייב" א מיאוס'ער צונאמען? אט דער איד איז געווען א גרויסער סטאלינער חסיד און מקיים געווען די מצוה פון פרייליך זיין.

אדער נעמט אזעלכע צונעמען ווי משה דער גרויסער און משה דער קליינער. ס'זיינען געווען צוויי קרעמער, איינער אנטקעגען דעם אנדערען. ביידען האט מען גערופען משה. און ווי ווייסט מען וועלכען משה'ן מען מיינט? איז עולם געפאלען אויף א המצאה: אזוי ווי איין משה איז א הויכער און דער צווייטער א נידריגער — זאל מען איינעם רופען, משה דער גרויסער און דעם צווייטען משה דער קליינער.

די וואוקס פון א מענשען האט זעהר א סך געהאט צוזאגען ביים געבען דעם צונאמען. ווי טרעפליך איז אזא צונאמען: כהן גדול. פראסט און פשוט: דער איד איז געווען א כהן, און צו דעם א הויך־געוואוקסיגער. איז ווי זאל מען אים רופען אויב ניט כהן גדול? און אויף זיין נאמען האט מען שוין גערופען זיין פרוי: די כהן גדול'טשע.

אן ענליכער פאל איז געווען מיט א קליינגעוואוקסיגען וואס ער איז געווען זעהר א פלינקער און האט געקענט גוט רייטען אויף א פערד, ווי אן אמת'ער קאזאק — האט מען אים א נאמען געגעבען משה קאזאק, אדער, פארצוינגען קאזאקל.

דאס פארצווינגעניש האט אפטמאל געהאט א נאך־טעם. א סופיקס „קע" אדער „לע" צו א נאמען האט באדייטעט מעהר ווי ליבשאפט . . .

עס האט אויך געטראפען אז מ'האט איינעם געגעבען א צונאמען צוליב א געוויסען פאל אדער אומשטענדען. ס'איז געווען אין שטעטל א פרוי מיט'ן נאמען באשע די יונ'טע, באשר בכן אז איר מאן איז נאך איהר חתונה אפגעגעבען געווארען פאר א יוון (סאלדאט) — איז זי געווען א יונ'טע. און אזוי איז זי שוין פארבליבען א יונ'טע אפילו ווען איהר מאן איז שוין געווען אויס יוון.

אפטמאל האט מען געגעבען א צונאמען צוליב אן אויסשפראך. צום ביישפיל: אהרן לייב'ן דעם מאליער האט מען גערופען „שלייע", ווייל זיין אויסשפראך איז געווען זעהר א שנעלע, און ווען ער האט גערופען זיין ווייב: שיינע לאה! איז עס אויסגעקומען, אז ער זאגט „שלייע".

און אזוי האט מען אויסגעלעבט די יארען אין האראדעץ.

פאלקס דאָקטאָריע

פון דר. י. פאָרבער

רוסלאַנד איז, און איז געווען אַ גרויסע מדינה. זי האָט פאַרמאָגט אַ סך, זייער אַ סך שטעט, זייער גרויסע און קליינע. שטעטלאך און דערפער גאָר אָן אַ צאָל.

קיין מעדיצינישע שולעס גרויס גענוג אין צאָל צו באַזאָרגען אזאַ ריזיגע מדינה מיט גענוג דאָקטוירים איז אין רוסלאנד נישט געווען, אזוי אז אפילו אין די גרעסערע שטעט זיינען נישט געווען גענוג דאָקטוירים פאַר דער באַפעלקערונג. אין די קליינע שטעטלעך און אין די דערפער זיינען איבער־הויפּט גאָר קיין דאָקטוירים ניט געווען.

אזוי האָט מען געלעבט: געבאָרען געוואָרען, געקרענקט, געזונט געוואָרען און סוף־כל־סוף געשטאָרבען אָן דער הילף פון א דאָקטאָר.

פונדעסטוועגען איז ניט אין גאַנצען ריכטיג צו זאָגען אז אַזאַ שטעטעל ווי האָראָדעץ איז זיך באַגאַנגען אין גאַנצען אָן מעדיצינישע אופּפּאַסונג. ניין, פאַרקערט, מען קען זאָגען אַז האָראָדעץ האָט געהאַט גענוג און אפשר צופיל דאָקטוירים. ראשית, האָט יעדע אידישע קהלה, ווי קליין זי איז ניט געווען געמוזט האָבען אַ רופא. אזוי איז דער אידישער דין און אידען האָבען אָט דעם דין אָפּגעהיט, אַז גאָט האָט געהאָלפען, און דער רופא איז געווען אַ מומחה איז דאָך געווען גאָר וואויל און גוט.

עס וועט פילייכט ניט שאָדען צו ערקלערען אין עטליכע ווערטער וואָס אַ רופא איז. דאָ, אין אַמעריקע, איז אזא בריאה ניטא. אַ רופא האָט קיינמאָל קיין מעדיצין ניט שטודירט. גאָר וואָס דען? ער האָט זיך אנגעשמעקט מיט דאָקטאָריע. געוויינטלעך איז דאס געווען אַ געוועזענער סאָלדאָט וואס האט גראָדע געדינט אין אַ האָספּיטאל און איז אזוי ארום באַקאַנט געוואָרען מיט די דאָקטאָרישע מאַניערען, און דאַן די פּראַק־טיק אין שטעטעל האט אים געמאַכט פאַר אַ גאַנצען ווייסער.

האָראָדעץ האָט נאַטירלעך אַלעמאָל געהאט אַ רופא. איך געדענק צוויי פון זיי. בנימין דער רופא און זיין נאָכפאָלגער נפתלי. אָט דער נפתלי איז געווען אַ טיפּ, וועלכער האָט כשר פאַרדינט מען זאָל וועגען אים שרייבען באַזונדער*).

אויסער דעם רופא האָט נאָך האָראָדעץ געהאט אירע לאָקאַלע ספּעציאַליסטען וועלכע האָבען געטריי געדינט דער באַפעלקערונג. זאל מען זיי אויסרעכענען כסדר:

האָראָדעץ האט פאַרמאָגט גאַנצע צוויי אַקושערקעס; אָדער ווי מען פלעגט זיי רופען — „באָבעס": די באָבע מינדל און די „באָבע" חיה זלאַטע. עס וועט אויך זיין אינטערעסאַנט צו וויסען אַז אָט די באָבע חיה זלאַטע איז די עלטער־באָבע פון דעם היינטיקען גרויסען אָפּערע זינגער — ריזשאַן פּירס.

דאַן אָבער, מיט אַ האַלבען יאָר־הונדערט צוריק, איז די צווייטע אַקושערין, די „באָבע" מינדל געווען דוכט זיך מיר, אַ גרעסערע יחסנ'טע. דאס האט זיך גענומען דערפון, פאַר־שטייט איר מיך, וואָס די „באָבע" מינדל האָט געשטאַמט פון דער „מעכטיקער" משפּחה קאַסטרינסקי.

הייסט עס אז מען איז שוין געבאָרען געוואָרען . דאַן הויבט זיך דאָך אָן פּאָקען, מאָזלען וכדומה קינדערישע קראַנקהייטען. נו, אויף דעם איז געווען דער רופא. מיט געשוואָלענע זאוואַלקעס (טאָנסילס) פלעגט זיין אזוי: אין געוויינטלעכע פאלן פלעגט מען דעם קינד ארומבינדען דעם האלז מיט אַ וואָלענעם זאָק. אבער אין ערנסטערע פאַלן פלעגט די „באבע" מינדעל אָפּקוועטשען די זאוואַלקעס מיט אַ לעפעל, דוכט זיך [1]).

אז עס פאַלט אייך עפּעס אריין אין אַ אויג דא אין ניו־יאָרק, גייט איר אַריין אין אַן אַפּטייק און איר ווערט געגעזענט. אין האָראָדעץ פלעגט טאַקע קענען אריינפאַלען אין אויג. וואָסי? ווינציג זאַמד איז געווען. קיין ברוקירטע גאַסען זיינען ניט געווען און קיין הויכע מויערען אויף צו פארשטעלען דעם ווינט איז אויך ניט געווען. איז טאַקע געווען גענוג זאמד און ווינט און גלייך אין די אויגען אריין. וואס טוט מען? דאָ איז צונויף געקומען יצחק אהרן. ער איז געווען א ספּעציאַ־ליסט אויף אויסלעקען אַ אויג. איר מעגט מיר גלויבען. יצחק אהרן פלעגט טאַקע אויסלעקען אַ אויג מיט'ן צונג.

קיין דענטיסטען זיינען אין האָראָדעץ ניט געווען. אבער אַ צאָן קען און פלעגט וויי טון אין האָראָדעץ אויך. א באַק קען און פלעגט געשוואָלען ווערען אין האָראָדעץ אויך. וואס טוט מען דאַן? דאָ פלעגט צוניץ קומען אשר דוד דער שוחט און מלמד. ער פלעגט אָפּריידען אַ צאָן ווייטאָק. יע, איר מעגט מיר גלויבען. אשר דוד פלעגט אָפּריידען אַ צאָן ווייטאָק [2]).

הייסט עס, אז מיר האָבען שוין אלץ פארזאָרגט, פון וויגעל ביז'ן גריבעל. ניין, ס'איז נאָך ניט אַלעס.

עס איז פאַראַן אַ צושטאַנד וואס איז אַ סאָרט אין־צווישען. ניט געזונט און ניט קראַנק. ס'איז ניט קראַנק גענוג צו רופען דעם רופא; עס איז אָבער אויך ניט געזונט גענוג. לאָמיר זאגען אַזאַ פאַל: א קינד גענעצט, ציט זיך. אַהאַ! איר הויבט זיך אָן אָנשטויסען. די מוטער ווייסט גלייך אז דאס קינד האָט געכאפּט א „גוט אויג". מיינען מיינט זי אַן „עין הרע", אַ שלעכט אויג, נאָר צוליב אל תפתח פה לשטן רופט מען דאָס אַ „גוט אויג". זעט איר, דאָ קאָן שוין ניט העלפען קיין דאָקטאָר און קיין רופא. דאָ מוז מען גיין צו שאַיען אָפּשפּרעכן אַ „גוט־אויג" [3]). גייט מען צו שאַיען, ער שפּרעכט אָפּ אַ „גוט־אויג" און דאָס קינד ווערט גענעזען. עס הערט אויף צו גענעצען און צו ציען זיך ושלום על ישראל. זאָל דאָ

*) זע דעם אַרטיקעל „נפתלי דער רופא". רעד.

גלייך געזאָגט ווערען אז די אלע אויסגערעכענטע ספּעציאַליסטען ווי יצחק אהרן, אשר דוד און שאַיע פלעגען פאַר זייער טרחה ניט קריגען באַצאָלט. זיי פלעגען דאס טון לטובת הכלל. די פויערים פון די אַרומיגע דערפער פלעגען יע ברענגען צו שאַיען אַ ביסעל תבואה אָדער קאַרטאָפעל, אָבער ביי די שטעטעלדיקע תושבים פלעגט ער גאָרניט נעמען.

מיר דוכט זיך, אז יעצט, ווען די אלע אידישע שטעט און שטעטלעך מיט זייער אייגענאַרטיק לעבען און טראַדיציעס זיינען אויף אייביק חרוב געוואָרען, מעג מען זיך אַביסעל לענגער אָפּשטעלען אויף דער מערקווירדיגער דערשיינונג, ווי זנאַכעריי, אָפּשפּרעכעריי א. א. וו. ס'איז טשיקאַווע צו וויסען ווי אַזוי קומט אַ איד, שאַיע, געבאָרען אין האָראָדעץ, און וועמענ'ס אבות אבותיו זיינען געבאָרען און געשטאָרבען אין האָראָדעץ, ווי קומט אַזאַ איד צו ווערען אַן אָפּשפּרעכער און אַ גאַנצער „דאָקטאָר" מיט גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט!



ישעיהו („שאַיע")

נו, אַזוי ווי אָט דער שאַיע איז טאַקע געווען מיין טאַטע און ער פלעגט אונז קינדער זייער אָפט דערציילען ווי אַזוי ער איז צו דעם געקומען, קאָן איך אייך דאָס איבערדערציילען. אַלזאָ, מעשה שהיה כך היה:

געהאט האָט ער אַ „פּרנסה שטוב". געבאַקען ברויט און בייגעל און שפּעטער אויך הולניקעס. עס איז אויך געווען אַ קרעמעל לעבען הויז. שטיין אין קרעמעל פלעגט מען ניט, נאָר אז מען איז געקומען נאָך גרויפּען, מעל, גאזע, ראָזינקעס וכדומה, פלעגט מען אריין אין קרעמעל און פאַרקויפען.

מאַכט זיך אַזאַ מעשה: אין אַ דאָרף ניט ווייט פון האָראָדעץ איז ביי אַ פויער קראַנק געוואָרען א קינד און טאַקע שטאַרק קראַנק. עפּעס איז די קעפּעלביים קינד געשוואָלען געוואָרען. דער פויער איז געווען, וואָס מען פלעגט רופען אַ בעל־גוף, דאָס הייסט אַ רייכער פויער, מיט א גרויסע בעל־הבית'ישקייט. האָט דער פויער איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד, גענומען דאָס ווייב מיט'ן קינד און אַוועקגעפאָרען קיין קאָברין צום דאָקטאָר. דער קאָברינער דאָקטאָר האָט דאס קינד אָפּגעזאָגט דאָס לעבען. און געהייסען דעם פויער פאָרען גלייך אַ היים. אויפ'ן וועג איז געווען אַ הויף און די פריצ'טע פון דעם הויף פלעגט אויך פּראַקטיצירען אַביסעל מעדיצין. די פריצ'טע האָט אויך דעם קינד אָפּגעזאָגט דאָס לעבען. פאָרען זיי אַהיים און דורכפאָרענדיק האָראָדעץ האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבען שאַיעס הויז צו קויפען אַ ברויט. דער פויער איז אַראָפּ פון וואָגען און זיין פרוי איז געבליבען זיצען אויפ'ן וואָגען און האָט געוויינט אויפ'ן קול. שאַיע, אַ טשיקאַווער איד, האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביים פויער, פאַרוואָס וויינט זיין ווייב? דער פויער האָט אים אַלץ דערציילט און שאַיע האָט אים געטרייסט אַז „באָג פּאָמאָזשע". דאָס הייסט, גאָט וועט העלפען, און אזוי האָט ער אים באַגלייט צום וואָגען. ער האָט געזען דאָס קינד און די געשווילעכץ. ער האָט באמערקט אז אין איין פּלאַץ איז די געשווילעכץ ווייכער, און ווייסער ווי ארום. האָט ער זיי נאָך מער געטרייסט און אויס גוט האָרץ אָנגעוויזען אויפ'ן ווייכען פּלאַץ און געזאָגט: „פאָרט אַהיים געזונטערהייט און איר וועט זען אַז נאָך היינט ביינאַכט וועט זיך אָט דער פּלאַץ עפענען און דאָס קינד וועט געזונט ווערען. עפּעס האָט ער אויך געהאַט אַזאַ זאַלב אין הויז, האָט ער עס געגעבען דעם פויער און געהייסען אָנשמירען אויפ'ן ווייכען פּלאַץ און געוואונשען זיי „באָג פּאָמאָזשע". און זיי זיינען אַוועקגעפאָרען. גאַנץ שנעל האָט ער די גאַנצע זאַך פאַרגעסען און וואָס איז דאָ געווען צו געדענקען? אין אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז צוגעפאָרען צו שאַיעס הויז אַ וואָגען אָנגעלאָדענט מיט כל־טוב: קאַרטאָפעל, תבואה, און דערזעלבער פויער האָט דאָס אַלץ אַריינגעטראָגען אין הויז אריין מיט דאַנק און לויב. עס האָט אַלץ פּאַסירט ווי שאַיע האָט פאָראויסגעזאָגט. הייסט דאָך אז ער ווייסט בעסער פון די דאָקטוירים. דאָס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין דער סביבה און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבען אָנגעהויבען צו קומען מיט אלערליי קראַנקהייטען. וואָס טוט מען יעצט? די ביסעל תבואה אָדער קארטאָפעל וואָס זיי פלעגען ברענגען, קענען גאַנץ גוט צונוץ קומען אין דער פרנסה. האָט ער אָנגעהויבען אָפּשפּרעכען אַ „גוט־אויג" און מיט אַ גוט וואָרט ווי „באָג פּאָמאָזשע" און דאָס גלייכען, פלעגט ער אויפטאָן פאַר זיינע פּאַציענטען מער ווי מאַנכע גרויסע פּראָפעסאָרען. קיין גביר איז ער דערפון ניט געוואָרען, נאָר, אין האָרדעצער דלות, מיט צען מיילער צו קאָרמענען, איז דאָס געווען א גרויסע הילף. שפּעטער פלעגט ער אויך פאַרקויפען כינע צו קדחת און אָפּברענען אַ „רויז" (איריסיפּעלאַס) וכדומה[4].

עס איז אים אויך באַשערט געווען אז מען זאָל פון אים שרייבן אין די גאַזעטען. פאַסירט האָט דאָס אָט אזוי: קעגנאיבער שאַיעס הויז איז געווען די „שקאלע", (פאָלקס־שולע). דער לערער איז דאַן געווען אַ הויכער שייגעץ, סטיאפּא, דער זון פון מאַקסים סווערדיוק. שטייט אַזוי איינ־מאָל דער סטיאָפּאַ לעבען דער שולע און זעט ווי א פור אין וועלכע עס איז געלעגען אויסגעצויגען אַ קראַנקע פרוי פאָרט אַפּ פון שאַיעס הויז. שטעלט סטיאָפּאַ אָפּ דעם פויער און רעדט זיך מיט אים פאַנאַדער. פינוואַנען, וואוהין? דער ויער ענטפערט אַז ער איז פון מעכוועדעוויטש און אַז זיין ווייב איז זייער קראַנק, איז ער געקומען צופאָרען צו שאַיען. פרעגט ווייטער סטיאָפּאַ: אז דיין ווייב איז קראַנק, פארוואָס פאָרסטו ניט קיין קאָברין צו אַ דאָקטאָר? ענטפערט דער ויער בזה הלשון: „שטשאָ דאָקטאָרי זנאַיוט? דאָקטאָרי ניטשעהא ניע זנאַיוט, שאַיע זנאַיע". דאָס הייסט: וואָס וויסען די דאָקטוירים? די דאָקטורים וויסען גאָרניט. שאַיע ווייסט. דער לערער סטיאָפּאַ האָט דאָס אַלץ אָנגעשריבען און עס אַוועקגעשיקט קיין פעטערסבורג, צו דער צייטונג „בירזשעוויע וועדאָמאָסטי". די צייטונג האָט דאָס אָפּגעדרוקט ווי אַ פעליעטאָן. איינמאָל קומט דער סטראַזשניק און רופט דעם טאַטען אין קאַנצעלאַריע. דאָרט זיינען געווען פאַרזאמעלט דער איספּראַווניק פון קאָברין און דער פּריסטאַוו פון אנטי־אַליע און די האָראָדעצער אינטיליגענץ, ווי דער פּאָסט־מייסטער א. א. וו. די „גדולים" האָבען געוואָלט זען דעם האָראָדעצער איד וועגען וועלכען מ'שרייבט אין די גאַזעטען.

אפשר אַ יאָר שפּעטער איז דעם טאַטען אויסגעקומען צו זיין אין פּרוזשינע ביי זיין שוויגער. אין בית־המדרש האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ איד, און דער איד האָט אים דערציילט אַז ער איז ניט קיין פּרוזשינער, נאָר ער שלעפּט זיך שוין לאַנג פון מרחקים. ער האָט עפּעס א קראָנק קינד און ער איז שוין אויס געווען אומעטום מיט'ן קינד און אין ערגעץ קיין הילף ניט געקראָגען. יעצט פאָרט ער מיט'ן קינד אין אַ שטעטעל האָראָדעץ, ווייל מ'האָט געלעזען אין אַ צייטונג אַז דאָרט געפינט זיך א איד שאַיע, וואָס העלפט אַלעמען.

עס האָט ניט געהאָלפען דעם טאַטענס פאַרזיכערונג אַז ער קומט טאַקע פון האָראָדעץ און ער קען דעם איד שאַיע און אַז ניט נאָר ער קען גאָרניט, נאָר ער זאָגט אפילו ניט אז ער קען. ס'האָט ניט געהאָלפען. ער איז שוין געפאָרען אזוי ווייט וועט ער פאָרען ווייטער. בקיצור, דער טאַטע האָט זיך געמוזט מודה זיין אז דאס איז ער טאַקע, און אזוי לאַנג ווי ער איז געווען אין פּרוזשינע האָט ער געמוזט גיין צום קינד. און צו דאָס קינד איז געהאָלפען געוואָרען — דאָס ווייס איך ניט.

צום שלוס מעג מען זאָגען אַ פאָר ווערטער וועגען האָראָדעצער מעדיצינען: קיין אַפּטייקען זיינען, ווי פריער געזאָגט, ניט געווען. פלעגט מען באַנוצען די פאָלגענדע מיטלען: צו קדחת (מאַלאַריע) פלעגט מען נעמען כינע; צו בויך ווייטאָק — ריצען־אויל; קינדער פלעגען נעמען ווערים־קרויט, דוכט זיך אַלע ראש חדש; אַ חולה פלעגט עסען אַ שטיקעלע עוף און אַביסעלע עוף־יויך; אַז מ'פלעגט צעשניידען אַ פינגער, פלעגט מען עס באַדעקען מיט פּאָוועטיניע (שפּינוועבס); אַ טיי־פען שניט פלעגט מען היילען מיט קאַקטוס, און דאָס פלעגט מען קריגען ביי אָ גוי. איר קענט דאָך ניט ערוואַרטען אַז ביי אַ האָראָדעצער איד'ן זאָל וואַקסען קאַקטוס?

איינגעמאַכטס איז אויך געווען אַ רפואה. וועלכע איינ־געמאַכטס? דאָס האָט זיך געווענדעט אָן דער קראַנקהייט. פאַר אַ לייכטער קראַנקהייט, ווי אַן איבערגעהעניש, אַ גוט־אויג, איז געווען גענוג אַביסעל, לאָמיר זאָגען, יאַגאָדעס־סאָק. פאר א מער ערנסטער קראנקהייט, מאָזלען צום ביישפּיל, האָט מען שוין געדאַרפט קאַרשען־סאָק. מאַלינאָווע סאָק איז געווען מער ערנסט. דאס הייסט ניט אז יעדער האָראָדעצער איד האָט געדארפט און געהאַט אַלערליי פּריזערוועןן און איינגעמאַכצען. ווייס איך וואָס! מ'פלעגט זיך אַן עצה געבען. מ'האָט שוין געוואוסט ווער וואָס ס'האָט. אָט דעם ענין איינ־געמאַכץ מוז מען פארשטיין אַביסעל גרינטליכער. איר מיינט דאָך ניט צו זאָגען אדער זאָגאר צו טראַכטען אַז האָראָדעצער ווייבער האָבען זיך אַ נעם געטאָן אין מיט'ן דרינען און זיך געשטעלט פרעגלען פארשיידענע אלערליי איינגעמאַכצען. וואָסי? וואָס איז די גדולה? קיין אנדער זאָרג האָבען זיי שוין ניט געהאַט? שוין טאַקע אַלעס פארזאָרגט? פאר די ערוואַקסע־נע מיידלעך שוין אָנגעגרייט אַ פיינעם נדן; פאר די קלענערע קינדער שוין פארזאָרגט קליידעלעך, שיכעלעך, גאַרניטורע־לעך און מאַנטעלעך אויף ווינטער, ווי דען? שכר לימוד שוין לאנג באַצאָלט און א פאָר קליטקעלעך האָלץ ליגט שוין אין שטאַל; אַ פולע קוטשקע מיט קאַרטאָפעל איז שוין אויך דא, פעלט שוין קיין אַנדער זאַך ניט ווי אָנפרעגלען פאַרשיידענע וואַרעניעס כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו טרינקען טיי שבת נאָכ'ן בייטאָגיקען שלאָף? זאָג איך אייך אַז ווען אין האָראָדעץ וואָלט געווען אזא איד וואָס האָט געהאַט די אלע אויבענ־דערמאָנטע זאכען און דער שטרויענער דאַך וואָלט ניט גערינען אויך, וואָלט אפילו אזא איד זיך געשעמט זיך אָפּ־צוגעבען מיט אַזאַ עולם־הזה. זעט איר, ווען עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען אַ רפואה, איז שוין די זאך גאַנץ אַנדערש. עס איז שוין אויס שאַנדע און יעדע בעל־הבית'טע פרעגעלט וואָס נאָר זי קען און טאַקע בפרהסיה. די שכנות קומען אריין און פאַרזוכען, אַ לעק און פּאָסמאַקעווען זיך: „אוי ס'איז אַ מחייה, פריידע ריווע, הלוואי זאָל מען עס ניט באַדאַרפען. דערלעבט איבער אַ יאָר און פרעגעלט נאָכאַמאָל איינגעמאַכץ. חיים איציק'ס פלעגט טאַקע האַלטען אַן אויג אויף די בעל־הבית'טעס אז יעדע איינע זאָל טאָן איר פליכט לויט אירע מעגליכקייטען, און אז מ'זאָל ניט „באַדאַרפען" — פלעגט ער שוין באַזאָרגען דעם נויטבאַדערפטיגען[5].

אַזוי האָט מען געלעבט, געקרענקט, געזונד געוואָרען און געשטאָרבען אין האָראָדעץ.

אַנמערקונגען

1) די „באָבע" מינדל פלעגט אויך צופירן דעם קראַנקען צום קוימען אַריינטאָן דעם פינגער אין מויל פון קראַנקען און אים הייסן אויסשרייען „אוי" אדער א הוסט טאָן.

2) אויסער דעם לחש פלעגט ער נעמען א שטיקל זאלץ איינ־טונקען אין שנאַפּס און אַרויפלייגן אויפ׳ן צאָן.

מ׳האָט זיך אויך נוהג געווען צו אַרויפלייגן אַ קנאָבל אויף דעם שלעכטן צאָן, אָדער אָנטאָן דעם לינקן שוך פאר דעם רעכטן, אין געגענזאץ צום דין.

3) מיט א דור פריער, נאָך פאַר שאיען, פלעגט מרים וויסאָצקי, אלתר יאָסיל׳ס אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, אַ „גוטען לופט", אַ „רויז" א.ד.ג. אויך רחל זאַוויל׳ס פלעגט אָפּשפּרעכן אן עין־הרע. זי פלעגט נעמען ניין גערשטענס, אַרומדרייען יעדן גערשטען ניין מאָל ארום אויג פון „געליטענעם".

אויך יוסף ליב דער בויער, אהרן יאסל און זיין ברודער חיים איציק׳ס, פלעגן פראַקטיצירן עין־הרע אָפּשפּרעכערייַ.

4) רחל זאַוויל׳ס פלעגט אויך אָפּברענען א „רויז" מיט פלאַקס. אַ גרויסער מומחה צו אָפּברענען א „רויז" איז געווען דער פריץ שנישקע פון רודעץ (א דאָרף נעבן האָראָדעץ).

יוסף ליב דער בויער פלעגט אויך אָפּשפּרעכען אַ רויז און א לישאי.

5) אין דער נאָענטער שטאָט פּרוזשאַני איז געווען אן אַלטע תקנה אז ביי דעם גבאי פון בקור־חולים זאָל שטענדיק זיין פון די איינגעמאַכטס, וואָס „דערקוויקט" (זע פנקס פון דער שטאָט פּרוזשאַני, ז. 116.

עב"ע.

סגולות און רפואות

פון יודל קאַפּלאַנסקי

מיין טאַטע, אהרן איטשע לייזער׳ס ע"ה, איז געווען אַ גייער איבער די דערפער. ער פלעגט איינפּאַקען זיין זאַק מיט סחורה און זיך לאָזען אין וועג אַריין. ער פלעגט אָנשפּאַרען גאַנץ ווייט. זיינע קונים זיינען נישט באַשטאַנען נאָר פון פּויערים. אויך פּריצים פעלגען ביי איהם קויפען. און אַ דאַנק די דאָזיגע געהויבענע קונים האָט מיין פאָטער ע"ה געבראַכט פאַרשידענע רפואות וועלכע פלעגען אַרומגיין אין האָראָדעץ. און מ׳פלעגט זיי טאַקע האַלטען ווי אַ „מאַלינקע"*)

מיין טאַטע פלעט ברייננגען פון וועג געוויסע גראָזען („קאָרעניעס") וואָס מושקע לאה ע"ה פלעגט עס פּשוט אויסקאַפּען, איינוווייקען עס אין שנאַפּס אַלס מעדיצין פאַר צאָהן־ווייטאָג. (ווי ווייט דאָס האָט געווירקט ווייס איך ניט, אָבער אַז מען האָט זיך מיט דעם באַנוצט אַלס מעדיצין איז אַ פאַקט). רומיאַנעק און טרוקענע יאַגעדעס האָט מען גענוצט צום שוויצען אין פאַל פון אַ צוקיהלונג. עס זיינען געוועזן פרויען וועלכע פלעגען פּשוט נאָכגיין מאָנאַטען ביז וואַנען זיי האָבען געקראָגען די אובענדערמאָנטע רפואות, ווייל ניט אַלעמאָל האָט עס דער טאַטע ע"ה געקענט קריגען. ועיקר שכחתי: דער יאַרער וואַקס. מושקע לאה ע"ה, מיין מומע חיה, און אויך די מומע פייגיל ע"ה און העניע די אַלטע, פלעגען זאָגען, אַז דער יאַרער וואַקס היילט אַלע קראַנקהייטען, רחמנא ליצלן, נאָר מען דאַרף עס קענען צו־פּערטיגען. דער דאָזיגער סאָרט וואַקס פלעגט גענומען ווערען פון די יונגע בינען. צו דעם האָט זיך געפאָדערט אַ געניטע האַנט וואָס זאָל קענען אַרום דעם אַרבייטען. מ׳האָט די יונגע בינען געדאַרפט אָפּזונדערען פון די אַלטע בינען און מ׳האָט געדאַרפט פאַר זיי צוגרייטען זייער שפּייז איבער׳ן ווינטער. צו דעם האָט זיך געפאָדערט פאַכמאַנשאַפט, וואָס דאָס האָט נאָר געקענט באַווייזען אַ גערטנער ביי אַ פּריץ. דיזער וואונ־דער־וואַקס פלעגט דער טאַטע ע"ה ברייננגען אַהיים פון וויר־לויסק, פון דעם פּריץ שעמענט. דעם דאָזיגען וואַקס פלעגען קומען נעמען חיה זלאַטע און מינדל, די צוויי שטעטל׳דיגע באָבעס. מיין מומע פייגל פלגעט אויך נעמען דעם יאַרער וואַקס. די דאָזיגע מצוה איז געווען איינגעטיילט גלייך אויף גלייך: די מאַמע מיינע איז באַשטאַנען אַז זי דאַרף קריגען אַ גלייכען חלק אין דער מצוה, און זי האָט עס טאַקע געקראָ־גען, ווייל זי האָט געהאָלפען אין דער אַרבייט פון אָפּטיילען דעם וואַקס פון דעם האָניג.

אויך טרוקענע מאַלינעס פלעגט דער טאַטע ע"ה ברייננגען פון וועג. דאָס איז געווען אַ רפואה צו אַ קינדער׳שע לונגען־אַנצינדונג. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט דעם ספּעציעלען זע־קעלע וואו מיין טייערע מוטער ע"ה פלעגט די אַלע מעדיצינען האַלטען.

*) דער דאָזיגער אויסדרוק קומט מעגליך, פון דעם וואָס טרוקענע מאַלינעס פלעגט מען באַהאַלטען און זיי נוצען נאָר אין פאַל פון אַ צוקיהלונג.

עב"ע.

צוויי באָבעס

פון ע. קאַסטרינסקי

אז אַ האָראָדעצער אינגל האָט געלערנט אין חומש וועגן די צוויי „באָבעס” שפרה און פועה וועלכע האָבן געראַטע־וועט די אידישע קינדער אין מצרים — האָט ער ניט געדאַרפט נוצן זיין פאַנטאַזיע צו זען זיי, ער האָט זיי געזען מיט זיינע איינענע אויגן. אין האָראָדעץ זיינען געווען משנים קדמוניות, צוויי „באָבעס” וועלכע האָבן אָפּגענומען די קינדער פון די אידישע מאַמעס. און צו אַ גוי'אישע געווינערין — ווען זי איז געווען אַ מקשה לילד.

אָט די פּראָפעסיע פון צו זיין אַ באָבע איז אַריבערגעגאַנגען בירושה: פון מוטער צו טאָכטער, אָדער צו אַ שוועסטער. די באָבע איז אין אַ געוויסען זין אויך געווען אַ וואַרטס־פּרוי ביז דעם ברית.

פון די נאָר אַלטע באָבעס געדענקט זיך, סירקע, חיים לייב'ס מאַמע. אָט די סירקע האָט אויסגעלערנט איר פּראָפעסיע איר שוועסטער חיה זלאטע, און נאָך סירקע'ס טויט האָט חיה זלאטע פּראַקטיצירט די זעלבע פּראָפעסיע.

ווען אָט דער חיה זלאטע'ן וועלן מיר רעדן אַ ביסעלע שפּעטער. יעצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דער צווייטער „באָבע”, די „באָבע” פעלטע מחלה אָדער בעסער געזאָגט, צו דער ערשטער, ווייל זי איז געווען די ווייב פון איציק חיימ'ס, אַ חשוב'ער בעל־הבית און אַלס צוגאָב צו זיין חשי־בות איז ער אויך געווען אַ מוהל, שלא על מנת לקבל פּרס, ער פלעגט טאָן זיין עבודת הקודש נאָר אָן געצאָלט, פאַר מצוה־וועגן.

די „באָבע” פעלטע מחלה האָט איבערגעגעבן איר פּראָפע־סיע איר עלטסטע טאָכטער מינדל, און פאַר צענדליגע יאָרן האָט די „באָבע” מינדל אָפּגענומען קינדער ביי אידישע מאַמעס, און כמעט די גאַנצע שטעטל זיינען געווען אירע ״קינדער”. און אַז אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט מען גערופען דער „באָבע” מינדל'ן. זי האָט שוין געהאַט אירע איינענע רפואות און סגולות און געטאָן וואָס מ'דאַרף, און מיט גאָט ברוך הוא'ס הילף איז עס געזונט געוואָרן.

די באָבע חיה זלאַטע

די באָבע מינדל

די "באָבע„ מינדל פלעגט ניט וואַרטען ביז וואַנען אַ קינד איז קראַנק געוואָרען, זי פלעגט מקדים זיין רפואה למכה: אַט הערט זיך אין די גוי'אישער גאַס, רחמנא ליצלן, שקאַרלאַטינע — פלעגט זיי ברייגגען א רויטען בענדל, אָנטאָן דאָס קינד אויפ'ן האלז, אָדער אייניהען קנאָבל אין אַ זעקעלע און אויפ־הענגען אויפ'ן האלז. אַז דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרן, האָט זי געבראַכט אירע „קינדער" שטיקלאך פון רב'ס תכריכים אַלס סגולה צו אריכות ימים (ווי איר ווייסט איז דער רב געשטאָרבן קרוב צו הונדערט יאָר).

די „באָבע" מינדל, אַ קליינע אַלטע אידענע, איז שטענדיג געווען פאַרנומען, שטענדיג, אפילו ווען זי האָט ניט געהאַט קיין קינדבעטאָרין, איז זי אַרומגעלאָפען, גיך, גיך, קיינמאָל קיין צייט געהאַט. פאַרגעסט ניט, זי האָט געהאַט אַ היבש ביסל קינדער און אייניקלאך פאַרשפּרייט איבער רוסלאַנד און אַמעריקע. אַט דאַרף זי שרייבען אַ בריוו צו איר טאָכ־טער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אַ קבלה אויף געלד וואָס אירע טעכטער און אייניקלאך האָבן איר געשיקט פון אמע־ריקא (זיי פלעגן איר שיקן מאָנאַטליך), און אַליין האָט זי ניט געקענט שרייבן. איז היינט דעם געבעטן אָנשרייבן אַ בריוול, מאָרגן אַן אַנדערן. און אַז די „באָבע" מינדל בעט מוז מען אויספאָלגן איר פאַרלאַנג. מ'איז דאָך איר'ס אַ „קינד", און זי לאָזט ניט אָפּ, זי גייט, כ'מיין זי לויפט עטליכע מאָל צום פערזאָן, ביז וואַנען מ'שרייבט אָן דאָס בריוול. און דעם בעט זי מ'זאָל איר העלפן איבערציען די בעט־געוואַנד. זי איז אַן אַלטע אידענע, זי האָט שוין ניט קיין כח אַראָפּנעמען די באַציאַכטס פון די אַלע פערענעס און קישענס וועלכע ליגן אויף איר בעט ווי אַ סטיג היי.

אין איר אַלקער — איז זויבער, ריין. אויפ'ן טישל, אויף די ווענט זיינען אויסגעהאָנגן בילדער פון אירע קינדער און קינדס־קינדער אין אמעריקע ווי זיי גייען צו דער חופה מיט זייערע כלות. און די „באָבע" מינדל האָט אַ גוטען זכרון. זי געדענקט אַלעמען מיט זייערע נעמען, ווי אַלט זיי זיינען און וואָס זיי טוען, און וויפיעל געלט יעדער איינער שיקט איר. „זאָלען זיי געזונט און שטאַרק זיין, און גאָט ברוך הוא זאָל מיר געבן לאַנגע יאָרן" — פאַרענדיגט זי, דערציילן וועגן יעדן קינד באַזונדער.

„גאָט ברוך הוא" לאָזט זי ניט אַרויס פון איר מויל. און מיט גאָט ברוך הוא'ס הילף נעמט זי אָפּ דאָס קינד. אמת, זי נעמט אויך צו הילף אנדערע מיטלען: זי הייסט דער געווינערין קלאפּן מיט אַ מערזעל אין אַ פאַן און זאָגן: „אָט, אָט, גייט אַרויס דאָס קינד", אָדער זי פלעגט הייסן דער גע־ווינערין קלאַפּן מיט'ן האַנט אין וואַנט און דערביי האָט זי געזאָגט: „קלאַפּ טאָכטערקע, מיט'ן האַנט אין וואַנט — וועסטן געהאָלפן ווערן".

אַז די „באָבע" מינדל זאָגט: „גיב כח" — האַלט שוין די געווינערין ביים האָבן. און זעהר זעלטן טרעפט זיך אַז מ'דאַרף ברייגגען דעם פּוילישען דאָקטאָר טשעכאַטשינסקי'ן פון אַנטיפּאָליע. די „באָבע" מינדל פלעגט זאָגן, אַז טשעכאָ־טשינסקי האָט געזאָגט: „אַז די „באָבע" מינדל איז דאָ — דאַרף מען מיר ניט האָבן".

און אַז גאָט ברוך הוא האָט געהאָלפן און ס'איז געבוירען געוואָרן אַ אינגל, איז געווען אַ דאָפּעלטע שמחה אין הויז: די טאַטע־מאַמע האָבן זיך געפרייט, און אויך די „באָבע" איז געווען צופרידן: אויסער וואָס מ'קריגט אַ רובל צו צען גולדן פאַר דער וואָך, קען מען אויך שטעלן אַ טעלער ביים ברית, וואו מ'וואַרפט אריין צו צוויי־דריי קאָפּיקעס — און ס'איז דאָ נאָך אַ רובל אָדער צען גולדן, און אַלס צייכן אַז די „באָבע" מינדל איז צופרידען, עפענט זי אויף איר טאַבאַק־פּושקעלע, נעמט אַ שמעק טאַבאַק — און אַלץ איז גוט, און אַ דאַנק גאָט ברוך הוא.

אויסער די זייטיגע הכנסה פלעגט די „באָבע" אויך האָבן אַ יאָרליכע איינקונפט. די ווייבלאך פלעגן איר שיקן שלח־מנות, איז אויסער טאָרט, צוקערקעס און אַנדערע גוטע זאַכן — פלעגן זיי אַריינלייגן אין טעלער אַ פּאָר גולדן פאַר דער „באָבען". אָבער נאָך אַלע גליקן איז די „באָבע" געווען אַ גאַנץ אָרימע אידענע. בפרט, די „באָבע" מינדל וועלכע איז געווען אַן אַלמנה. און אַ דאַנק אירע קינדער אין אַמעריקע, האָט זי אַריינגעלעבט אין טיפן עלטער, און ממחרת יום־כפור, 1915, איז זי געשטאָרבן. אָנדענק איר נאָמען!

די „באָבע" חיה זלאַטע איז געווען די פרוי פון סנדר דעם מלמד. ביי איר איז איר פּראָפעסיע געווען אַ זייטיגע הכנסה, ווייל די הויפּט חיונה האָט מען געצויגן פון מלמדות. חיה זלאַטע פלעגט זאָגן אַז קינדלער, דער קאָברינער פרויען דאָק־טאָר, האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אַ גרויסע מומחית, און אַז מ'קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. און פונדעסטוועגן, איז זי ניט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי די „באָבע" מינדל. זעהר מעגליך, אַז צוליב דעם וואָס דער „באָבע" מינדל'ס משפחה איז געווען זעהר פאַרצווייגט אין האָראָדעץ, איז איר „קלייענ־טעל" געווען גרעסער.

חיה זלאַטע האָט פאַרמאָגט אַ נאַטירליכן הומאָר. פיעלע ווייבלאך פלעגן בעסער אויסקלייבן חיה זלאַטע'ן, ווייל ווען די געווינערין פלעגט גיין צו קינד — פלעגט זי זאָגן אַ וויץ, דערציילן אַ הומאָריסטישן עפּיזאָד, און כאָטש, די פרוי איז געווען אין גרויסע יסורים — דאָך פלעגט זי זיך צולאַכען אין אירע ווייטאָגען.

אויסער די דאָזיגע פּסיכאָלאָגישע מיטלען, פלעגט חיה זלאַ־טע געבן דער קינדבעטאָרין אַ פלאַש און געהייסן בלאָזן. און אַז די קינדבעטאָרן איז געגאַנגען שווער צו קינד, האָט מען אָנגעבונדען אַ לאַנג שנירל צום ארון־קודש ביז צו דער קינדבעטאָרין, אום זי אַליין זאָל עפענען דעם ארון־קודש, און דער רבונו של עולם זאָל עפענען דעם שער הרחמים און איר העלפען.

***

ווען דער אויבערשטער האָט שוין געהאָלפען און ס'איז געבוירן געוואָרען אַ בן־זכר—זיינע די „באָבעס" געווען זעהר פאַרנומען: אַלע פאַרנאַכט זיינען די חדר אינגלאַך געקומען לייענען „קריאת־שמע", האָט מען געדאַרפט אָפּקאָכן אַרבעס, און טיילן די קינדער הויפענס אַרבעס. און צו דער וואַך־נאַכט האָט מען אויך געדאַרפט געבן בערדעלאַך צוקערקעס. און אויף פריטיק־צו־נאַכטס, האָט מען באַדאַרפט אָפּקאָכן אַרבעס מיט באָב פאַר'ן בן זכר. און וואָס עפּעס באָב? ווייל די ראשי תבות פון „באב" איז ברוך אתה בבואך (געבענשט זאָלסטו זיין מיט דיין קומען). און דאָ קומט שוין אָן דער ברית. די „באָבעס" ווייסן ניט וואָס צו טאָן: וועמען זאָלן זיי רעקאָמענדירן אַלס מוהל. אמת טאַקע, זיי וואָלטן געקראָגען אַ שיינע מטבע פון דעם מוהל, ווען זיי שדכנען אים צו דעם ברית, אָבער פאַר אַ מצוה נעמט ניט קיין געלט.

אויך ווען ס'איז געבוירן געוואָרען אַ מיידעל, האָט ניט גע־פעלט קיין אַרבעט: שבת ביי טאָג פלעגן קומען ווייבער געבן מזל־טוב. נו, דאַרף מען אָנגרייטן טאָרט. הכלל, קיין אַרבעט האָט ניט געפעלט. אָבער, אַ דאַנק דעם רובנו של עולם: אַבי מ'איז איבערגעקומען און מ'קען זאָגן: „מזל־טוב, איר זאָלט זוכה זיין מגדל זיין צו תורה, חופּה און מעשים טובים".

און מ'איז אַויסגעוואַקסן גוטע און פּאָרכטיגע אידישע זין און טעכטער.

לעגענדעס

אויף אַ שטעקן

פון מ. טימאָנער

די רוסישע מיטאָלאָגיע איז פול מיט „סקאַזקעס" (מעשיות) וועגן דער „באָבע יאַגאַ", ווי זי קומט צופאָהרען, מעשה קפיצת הדרך, אויף אַ שטעקן. ווערליג ס'זעהט אויס האָבען די דאָזיגע לעגענדעס געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אידישער פאַנטאַזיע, און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, זיינען זיי אַריינגעדרונגען געוואָרען אין אידישען לעבען, און פילע אידישע פאָלקסטימליכע לעגענדעס האָבען אַריינגענומען דעם „וואונדערבאַרען" שטעקן, אויף וועלכע לעגענדאַרע פערזאָנען קומען צופאָרען.

אויך איז „דאָס פאָרען אויף אַ שטעקן" אַריינגענומען געוואָרען אין שאַץ־קאַמער פון אידישען שפּריכוואָרט. אַז איין איד פרעגט דעם צווייטען איד: „ווי אַזוי ווערסטו קומען?", ענטפערט דער צווייטער: „אויף אַ שטעקן".

די מעשה וואָס כ'גיי דאָ דערציילען האָט אויך אין זיך דעם „שטעקן" עלעמענט, אָבער דער שטעקן איז פאַרידישט געוואָרען. ער האָט אָנגענומען אַ אידישען כאַראַקטער, און כמעט ווי ער איז נישט זעהנבאַר, ער איז פאַרשטענדליך, און ניט מעהר.

און ווי אַזוי קומט אַ „שטעקן"־לעגענדע אין האָראָדעץ? ווער איז דאָס געווען דער גליקליכער אָדער אומגליקליכער וואָס איז געקומען אויף אַ שטעקן? און ווער איז דאָס דער בעל־מופת וואָס האָט אויפגעטאָן דעם וואונדער? און צוליב וועמען איז דאָס פאָרגעקומען?

אָט שטייט זי פאַר מיינע אויגען: אַ גרויסע און גראָבע אידענע מיט אַ קליינע פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ און אַ גרויסע פּאַטשיילע אויף אירע אַקסלען. עטליכע האַלקעס (אונטער־קליידלעך), איינע זעהט זיך אַרויס פון דער צווייטער — און דאָס מאַכט איר אויסקוקען ווי אַ פאַס. אירע אויגען ביידע זיינען פול מיט טרויער און איר מויל הערט ניט אויף צו שעלטען.

און מיר קינדער, האָבען מורא געהאַט פאַר איר אימת מות. פון דעסטוועגען האָבען מיר זיך אַמאָל אַ רייץ געטאָן מיט איר. און דאַן פלעגען אירע קללות נאָכפאָלגען אונז פאַר עטליכע מינוטען און דאַריבער האָבען מיר קינדער איר גערופען פאַשידענע נעמען אָבער אין שטעטל האָט מען איר גערופען „חנה די גראָבע". און אויב קינדער פלעגען ניט וועלען שלאָפען אין צייט און וויינען, פלעגט מען זיי סטראַשען מיט „חנה די גראָבע".

ווערענדיג גרעסער און נייגעריג האָב איך געפרעגט מיין באָבען: „ווער איז חנה און פאַרוואָס איז זי אַזאַ בייזע". און זי האָט מיר דערציילט דאָס פאָלגענדע:

חנה שטאַמט פון זייער אַ מיוחס'דיגע פאַמיליע, פון די מאַזורסקים. זי איז געווען זייער אַ שיינע מיידעל און חתונה געהאַט זייער יונג מיט אַ בחור פון פינסק. זי האָט געבוירען אַ זון און געלעבט גליקליך אַזוי ווי די מערסטע האָראָדעצער פאַמיליעס. מאַכט זיך אַז איר מאַן פאָרט אַוועק פאַר מסחר און פאַרשווינדט אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. מען האָט אים געזוכט אין אַלע אַרומיגע שטעט, מען האָט זיך געווענדעט צו די רבנים פון די נאָהענטע קהלות אויפזוכען דעם פאַרשווין — נאָר אָן ערפאָלג.

עטליכע יאָהר זיינען אַריבער און חנה איז נאָך אַלץ געזעסען אַן עגונה. טרעפט זיך אַמאָל אַז דער קאַרלינער רבי ר' אהרן (דער זיידע), איז געקומען קיין האָראָדעץ צו באַזוכען זיינע חסידים פאַר די ימים נוראים, האָבען חנה'ס חסידישע קרובים איר צוגערעדט גיין צום רבי'ן מיט אַ בקשה. חנה איז צוגעפאַלען צום רבי'ן, אַז ער זאָל איר העלפען. דער רבי האָט זי אויסגעהערט, פאַרטראַכט זיך און געזאָגט: „ער וועט אין גיכען קומען — זאָלסט אים אָפּגט'ן אָן קיין שאלות ומענות".

אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער אין אַ ווינטערדיגען פרייטיק, האָט זיך חנה'ס מאַן פּלוצלונג באַוויזען אין שטעטל. דער וואונדער איז גלייך צופּויקט געוואָרען, און יעדער איינער איז געגאַנגען זען חנה'ס מאַן וועלכער איז געקומען אויף אַ „שטעקן". איניגע האָבען דערציילט אַז זיי האָבען אים מיט זייערע אייגענע אויגען געזען ווי ער איז אַריינגעגאַנגען צו משה'ן אין קראָם קויפען אַ פּעקעל טיטון (טאַבאַק), און אַנדערע האָבען אַפילו געזען זיינע תכריכים אונטער'ן פּאַלטאָ.

דערווייל האָבען זיך אירע קרובים צונויפגעקומען און מישב געווען אַז בעסער וואָלט געווען צו מאַכען שלום, און זיי זאָלען זיך אויף דאָס ניי צונויפקומען. אין הויז איז געוואָרען אַ געפּילדער, אַ גערויש, אַרגומענטען און קריגע־

רייען. און פּלוצלינג, מען קוקט זיך אַרום והילד איננו — דער פֿאַרשוין איז פֿאַשוואונדען געוואָרען. די האָראָדעצער בחורים און אויך דער אוריאַדניק האָבען זיך ארויסגעלאָזען רייטענדיג אויף פערד אויף אַלע וועגען און שטעגען זוכען און אָפּשטעלען דעם אַנטלאָפענעם — אָבער אָן ערפאָלג — ער איז נעלם געוואָרען און נישטאָ. . . .

חנה מיט אירע קרובים זיינען געפאָרען צום קאַרלינער רבי'ן ווייטער פאַר אַן עצה און רחמים. דער רבי האָט אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט, אָבער גאָרניט געקענט טאָן און געזאָגט: „אַ נס טרעפט נאָר איין מאָל".

און אַזוי איז חנה געבליבען אַן עגונה אויף איר גאַנצען לעבען. אַ טרויעריגע, דערשלאָגענע און בייזע אויף דער גאַנצער וועלט, און פילע, פילע יאָרן האָט מען דערציילט ווי חנה דער גראָבער'ס מאַן איז געקומען אויף אַ שטעקען.

מאָטעל דער איד

פון איטשקע'ן

אז איך זאָג מאָטל דער איד קענט איר דאָך אוודאי מיינען אז אין האָראָדעץ איז אויך געווען אַ מאָטל דער גוי, ווען ניט, צו וואָס דאַרף מען דעם צונאָמען „דער איד?" נאַרישקייטען! קיין מאָטל דער גוי איז אין האָראָדעץ ניט געווען. אָבער דער נאָמען „דער איד" האָט זיך פשוט צוגע־קלעפּט צו מאָטלען, עס האָט זיך אים זייער געפּאַסט. אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, צוויי קלוגע אומעטיגע אויגען און אַן אומעטיגער שמייכעל. אייגענטלעך איז מאָטל גאָר ניט געווען קיין האָראָדעצער. פון וואַנען ער איז געקומען ווייס איך ניט, נאָר ס'איז אזוי געווען: ווען שמואל קאַליקער, דער האָראָדעצער שטאָט־חכם איז געשטאָרבען און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין אלמנה, גוטל האָט זי געהייסען, מיט אַ שיינע שטוב, מיט אַ היבש ביסעל געלט און אַ מעל־געשעפט, האָט מען פון ערגעץ אראָפּגעבראַכט אָט דעם מאָטלען, „דעם איד", און אים חתונה געמאַכט מיט גוטל'ען און אַזוי אַרום איז מאָטל געוואָרן אַ האָראָדעצער שטאָט בעל־הבית. צו מאָטל האָט געקענט לערנען ווייס איך ניט. מן הסתם ניט, ווארום אַז מען קען לערנען — לערענט מען. און איך האָב קיינמאָל ניט געזען אז מאָטל זאָל זיך זעצען איבער אַ ספר.

דערפאַר איז מאָטל געווען אַ גרויסער זאָגער. ער האָט געזאָגט און געזאָגט אָן אַ סוף און אָן אַ אויפהער. ניט נאָר מיר אינגלעך, אפילו די עלטערע בעלי־הבתים האָבען ניט געקענט באַגרייפען וואו נעמט זיך צו מאָטלען אזוי פיל זאָגעכץ. אדרבא, נאַט און רעכענט אליין אויס: לאָמיר נעמען אַ ווינטער־טאָג. עס ווערט נאַכט גאַנץ פרי, מ'דאַווענט אָפּ מעריב און מען עסט אָפּ וועטשערע. וואָס טוט מען דאַן? קיין טעאַטער איז אין האָראָדעץ ניט געווען, קיין סינעמא — אויך ניט. מאָטל דער איד וועט זיך ניט זעצען שפּילען אין קאָרטען. זיצען סתם אזוי און ברענען די גאַזע האָט אויך ניט קיין זין. לייגט מען זיך שלאָפען באַצייטענס. ווי לאַנג קען אזא איד ווי מאָטל שלאָפן? 6 שעה. נאָט אייך 7 און אפילו די גאַנצע אכט. האָט איר אייך נאָך אַלץ אַ קיימא־לן פון אַ זייגער 3־2 ביינאַכט. פלעגט טאַקע מאָטל קומען אין בית־המדרש ארום 3 אַזייגער פאַרטאָג. קיין לאָמפּ אָנצינדען פלעגט ער ניט. וואָס דאַרף ער דעם לאָמפּ אַז ער קען אַלעס אויף אויסענווייניק. און אַזוי פלעגט ער מאַרשירען פאַרביי דער מזרח וואַנט, הין־און־צוריק, שאָקלען זיך מיט די קולאַקעס און זאָגען און זאָגען אָן אַ סוף און אָן א אויפהער. עס הויבט אָן טאָגען, בעלי־בתים קומען אין בית־המדרש און דאַווענען אָפּ ביים ערשטען מנין און גייען אַוועק אַהיים. מאָטל, אָבער, האַלט נאָך אַלץ אין מאַר־שירען הין־און־צוריק פארביי דער מזרח־וואַנט און זאָגט און זאָגט, און מאַכט מיט די קולאַקעס. אַזוי ביז דער שרעקלעכער „פּאַסירונג" וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילען. דערווייל מוז איך דערציילען וועגען יודל'ס חדר, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער שרעקליכער „פּאַסירונג".

יודל דער מלמד האָט אַרום יענער צייט געהאַט א חדר אינגלעך אזעלכעס און אזוינס, אייך און איינס, אינגלעך וואויל־לערנער, שטילע און פיינע. מען פלעגט זאָגען אין שטעטעל אז די אינגלעך וועלען אויסוואַקסען „לאנד און לייט". מען קען ניט זאָגען אז זיי האָבען ניט געטראָפען. איינער פון יענע אינגלעך, איז יעצט דער זייער ווירדיקער רב פון ברוקלין ד"ר י. באָסניאַק..

די גרויסע אַמביציע ביי די אינגלעך איז געווען אונטער־צוואוואַקסען אַביסעל און ווערען ישיבה־בחורים. אימיצער האָט זיי געזאָגט אַז ישיבה בחורים זיצען משמרים, האָבען זיי אָנגעהויבען זיצען משמרים. טאָמער ווייסט איר ניט וואָס א משמר איז, לאָמיר אייך דאָ ערקלערען וואָס דאס מיינט. אַ משמר מיינט אז איין נאַכט אין וואָך זיצט מען און מען לערענט א גאַנצע נאַכט. פרעגט מיר ניט צו וואָס זאָלען יונגע קינדער זיצען און לערנען א גאַנצע נאַכט? ס'איז דען ווינציק דער טאָג און דער אָוונט? זאָג איך אייך אז פרעגט ניט קיין קשיות. אנדערע צייטען, אנדערע לידער, און אנדערע באַגריפען. בקצור, דאָנערשטיק ביי נאַכט פלעגט

מען לערנען א גאנצע נאַכט. אין דער אמת'ן איז דאָס ניט געווען אזוי שרעקלעך. דער סדר־היום אדער בעסער געזאָגט דער סדר הלילה איז געווען אַזוי: ביז אַכט אָדער ניין פלעגט מען גיין אהיים, עפּעס אָפּעסען און אָנעמען פולע קעשענעס מיט קאַרטאָפּעל און גיין אין בית־המדרש. דער אויווען האָט געברענט, ס'איז געווען וואַרעם און מ'פלעגט זיך אַרומזעצען אַרום אויווען, אַביסעל פלעגט מען לערנען, נאכהער פלעגט מען זיך דערציילען מעשיות, דאַן פלעגט מען באַקען די קאַרטאָפּעל אין אויווען, עסען געבראָטענע קאַרטאָפּעל, אַביסעל לערנען און דאן פלעגט מען זיך צולייגען אויף דער באַנק צו כאַפּען אַ דרימעל אַ פּאָר שעה. אָט דער דאָזיקער דרימעל האָט אין זיך אויך געהאַט עטוואָס וויכטיגעס. זיך לייגען אופ'ן האַרטען באַנק און אונטערשפּאַרען די קאָפּ מיט'ן קולאַק האָט שוין געהייסען אַז מ'איז כמעט אַן אמת'ער ישיבה־בחור. לאַנג שלאָפען אזוי האָט מען ניט געקענט. ס'איז געווען האַרט און קאַלט. פלעגט זיך איין אינגעל אויפכאַפּן און אויפוועקן די איבעריקע, און מ'פלעגט ווייטער אביסעל לערנען ביז ארום נאָכן ערשטען מנין. דאַן פלעגט מען גיין אַהיים און אָנקומען געוויינטלעך ארום דער צייט ווען די מאַמע פלעגט באַקען די חלה. און ווי געוויינטלעך פרייטיק אין דער פרי פלעגט אויך זיין פאַרטיק אַ טויגאכץ. דאָס אינגעל, דער בעל־משמר'ניק פלעגט אויך נאַטירלעך קריגען דעם גרעסטען חלק און די אַנדערע קינדער פלעגען אפילו ניט וואַגען צו פּראָטעסטירען. אַ קליינִיגקייט! ער איז דאָך איצט געקומען פון אַ משמר! ארום און ארום ניט קיין גאָר שלעכטער געשעפט.

און יעצט צו דער סאַמער פּאַסירונג:

איך געדענק דאס ווי דאס וואָלט פּאַסירט נעכטען. ס'איז געווען צווישען פורים און פסח. מ'האָט שוין געבאַקען מצה אין די שוואלנעס. דער שניי איז שוין געווען היבשלעך צעגאַנגען און די לופט איז שוין געווען פאַר־פרילינג'דיק. יענעם דאָנערשטיק בייַנאַכט זיינען מיר געזעסען דעם משמר און ווי געוויינטליך, אַזייגער 3־2 האָבען מיר שוין געשמאַק געשלאָפען אויף די בענק.

מאָטל דער איד איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, געקומען אין בית־המדרש, ניט אָנגעצונדען קיין לאָמפּ און זיך גענומען „זאָגען". און ווי זיין שטייגער מאַרשירט פאַרביי דער מזרח־וואַנט. נאָר עפּעס איז ניט געווען ווי געוויינטליך אין בית־המדרש. עפּעס האָט זיך געפילט אַן אומרואיקייט ארום אים. אָט האָט אַ סקריפּע געטאָן אַ באַנק, אָדער אַ שטענדער איז אומגעפאַלען. ער האָט זיך אַלע ווילע אַרומגעקוקט, האָט אָבער גאָרניט באַמערקט און איז זיך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין זאָגאכץ. נאָר פלוצלינג האָט ער דערזען ווי עפּעס אַ געשטאַלט גייט גלייך צו אים. וואָלט ער געווען א האָראָדעצער וואָלט ער מן הסתם דערקענט דעם אינגעל אין דער פינסטער. איז ער אָבער געווען אַ פרעמדער און פינסטער איז געווען, האָט ער גלייך פאַרשטאנען אַז דאָס מוז זיין אַ שד. געגען שדים האָט מאָטל געוואוסט דעם ריכטיקען מיטל. ער האָט גלייך גענומען שרייען „שמע ישראל". דער קליינער „שד'יק" איז ניט נעלם געוואָרען, גראַדע פאַרקערט: פון אַלע ווינקעלעך פון בית־המדרש האָבען זיך גענומען אַרויסשאַרען געשטאַלטעלעך פון קליינע „שדים'לעך". מאָטל האָט ניט אויסגעהאַלטען, איז אַרויסגעלאָפען פון בית־המדרש, גענומען לויפען איבער'ן גאַס און געשריען: „שמע־ישראל! געוואַלד! אידען ראַטעווען!" ס'זיינען זיך אָנגעלאָפען מענשען און ווי נאָר מאָטל האָט דערזען מענשען האָט ער געחלש'ט. אַ פּאָר שטאַרקע אידען האָבען אים אויף די פלייצעס אַוועקגעטראָגען אַהיים. ער חלש'ט און זיי מינטערען, און ער חלש'ט ווייטער. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? מאָטל איז שוין קיינמאָל ניט געווען דערזעלבער ווי פריער. עפּעס איז ער געוואָרען איינגעקאָרטשעט, פלעגט שוין ניט קומען פאַרטאָג אין בית־המדרש, זיין שמייכעל איז געוואָרען אומעטיקער און די באָרד ווייסער און ביז'ן סוף געגלויבט אז ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכע באַגעגעניש מיט אמת'ע שדים.

שדים

פון א. עלמאַן

א. דער טייך

דער האָראָדעצער טייך האָט זיך ניט געלאָזען גראָבען. האָט מען איהם צוגעזאָגט אַז אַלע יאָהר וועט מען איהם געבען אַ מענשען. און אַזוי איז טאַקע געווען. מ'זאָגט אַז אַלע יאָהר פלעגט זיך דערטרינקען אַ גוי אין די ניין טעג.

ווען די גויים האָבען דאָס באַמערקט האָבען זיי זיך אויפגעהערט באָדען אין די ניין טעג.

ב. מתים לייענען די תורה.

איינמאָל איז אַ איד פאַרבייגעגאַנגען, נאָך האַלבע נאַכט, די שוהל. האָט ער געהערט אַז מ'לייענט דאָרטען אין דער תורה, און מ'האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה. איז ער אַריינגעגאַנגען אין שוהל, געמאַכט די ברכות איבער דער תורה. נאָכ'ן לייענען איז ער אַהיימגעגאַנגען אָבער ער האָט ניט געקוקט אויף צוריקווערטס. אַ ניט וואָלט ער אַ לעבעדיגער ניט אַרויס.

פאָלקס לידער

פינסטער, גליטשיג, שפעט ביינאַכט*)

פינסטער, גליטשיג שפעט ביינאַכט,
גייט אַ מיידל זעהר טיף פאַרטראַכט,
מ׳זעהט קיין מענשען אין גאַס ניט גיין,
און איר האַרץ צוגייט פון געוויין.

זי גייט אַז קיינער זאָל איר נישט שטערען,
און זינגט אַ ליד פון זיך אַליין:
איר זאָלט זיך מענשען אין מיין ליד איינהערען,
וועט איר וויסען וואָס מיר איז געשעהן:

איך טו דיר מיין קינד צו מיין האַרצען דריקען,
מיט הייסע טרערען דיין געשטאַלט פאַרגיסען,
און גאָט זאָל דיר מיין קינד אַ מלאך שיקען,
אַרויסצונעמען דיר פון טיפען וואַלד.

גוטע מענשען זאָלען דיר געפינען,
זיי וועלען געווים רחמנות האָבען אויף דיר.
און דו מיין קינד, דו זאָלסט זיי ערליך דינען,
ווייל מיר איז ניט פיל בעסער פון דיר.

דיין אמת׳ן פאָטער וועסטו שוין ניט קאָנען,
דיין ליבע מוטער וועסטו שוין אויך ניט זעהן.
הלואי וואָלט איך אים אויך געווען ניט קאָנען,
מיט אַלע מיידלאך וואָלט איך גלייך געווען.

כ׳האָב געטאָן מיט דיין פאָטער רעדען,
געגעבען האָט ער מיר די רעכטע האנט,
הלואי וואָלט איך אים אויך געווען ניט קאָנען,
געקומען וואָלט איך ניט צו אַזאַ שאַנד.

*) מיר דרוקען די דאָזיגע ליד, צוליב איהר וואַריאַציע וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין האַראָדעץ. די ליד געפינט זיך אין פאַרשיידענע נוסחאות. זע „אידישע פאָלקס־לידער אין רוסלאַנד״, פון גינזבורג־מאַרעק נומער 234, ז. 189. פעטערבורג, 1901; רוזנטל, שירי עם „רשמות״ ב׳, ע״מ 369; „אידישע פאָלקלאָר״ ז. 39. ווילנא, 1938. דאָרטען געפינען זיך אויך די נאָטען. ז. 335. עב״ע.

דאָס ליד פון אַרבייטער*)

ווער טוט נאָך אַזוי סטראַדאַיען ווי דער אַר־
בייטער אויף ברויט,
אַרבייטען מוז ער ביז זיין טאָג פון זיין טויט.
ווער טוט נאָך אַזוי פיל ליידען אויך ווי דער
אַרבייטער, קעלט און נויט.
אוי, ווען טוט אויספעלען דער שטיקעל
טרוקענער ברויט,
ווען טוט מען אַרעסטירען,
אויך ווען שיקט מען קיין סיביר?

און יעצט מוז איך זיך צושיידען מיט מיין פרוי
מענער מיט די רעכטע קעפ, קוקט ווי מ׳האָט
מיר געטאָן אַרעסטירען,
איך וויים נאָך גאָרניט פאַרוואָס פאַר אַ זינד.
און יעצט מוז איך זיך צושיידען מיט מיין פרוי
און קינד.

מיין קינד טוט מיר פרעגען: וואוהין גייסטו
טאַטע יעצט?

באַוואַשען האָב איך זיך מיט טרערען,
מיין האַרץ האָט אין מיר פאַרקלעמט;

מיין קינד, דו קלערסט מסתמא וואָס זיץ איך
אַזוי אומעטיג?

דאָס — טראַכט ניט אומזיסט.
וויינט דיין מאַמע:

מ׳האָט איר אַ בריוו געבראַכט
דאָס שרייבט צו איר דער טאַטע,
וואָס ער איז פון אונז אַזוי וויים,

קראַנק ליגט ער אין האָספּיטאַל,
שוין פון מאָנאַטען צייט.

*) דעם דאָזיגען ליד האָב איך געפונען אויף דעם לעצטען בלעטעל פון שייקע׳ס קראָם־צעטעל. ווי ס׳זעהט אויס איז דאָס איבערגעשריבען געוואָרען פון זיין טאָכטער שרה.. עב״ע.

קראַנק ליגט אונזער שפּייזער,
טוט ער ראַנגלען זיך מיט'ן טויט.
און דאָ קומט אָקטאָבער,
אומזיסט איז אונזער האָפנונג

אין די הייזער איז ניטאָ קיין האָלץ, קיין ברויט
ער זאָל צושיקן געלט אַ היים.
ער האָט אַ האַנט צובראָכען
ביי די טאַטשקעס שטייט . . .

פון אזיע קיין אייראָפּע*)

פון אזיע קיין אייראָפּע
בין איך אין אכסניה פאַרקראָכען,
זיך אויסגעבעט צום שלאָפען
אין אַ שמאָלען קאָרידאָר.

צום קאָפּען אמונה,
צום זייט בטחון,
און אַזוי האָב איך זיך אָפּגעוואָלגערט
אַכטצעהן הונדערט יאָהר.

הארט און קאַלט
איינגעדרייט אין איינעם.
איך האָב אין שלאָף
ניט געשפּירט מיין באַשטאַנד דעם געמיינעם.

דער שלאָף מאַכט פאַרגעסען
אַז איך ליג אין אָסטראָג.
ערשט איך הער מען שרייט:
עס איז שוין באַלד טאָג!

פריינד פון אַלע עקען,
איינס, צוויי, דריי,
האָבען גענומען וועקען.

בכורי עתים, החלוץ, מענדעלסאָן'ס קאָמפּאַניע בליט.
דער תעודה מיט דעם האמער,
איינס, צוויי, דריי,
שטייט און קלאַפּט אין קאַמער,

איינס, צוויי, דריי,
ווי קומט דאָס צו אַ פילאָזאָף.
אמונה פאַרהאַסט,
מיט פרייהייט פאַר'קנס'ט,

פאַר פרייהייט געגעבען
דעם גייסט מיט דעם גוף.
און צייטונגען פול
מאַכט מען אונז דול.

עס איז שוין באַלד טאָג ישראל,
שטיי אויף!

*) דעם דאָזיגען ליד האָט אונז צוגעשיקט דבורה עלמאַן, איינע פון די געבילדעסטע פרויען אין האָראָדעץ פון עלטער'ן דור.

מיר גיבען דאָ דאָס ליד צוליב דעם נוסח, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין האָראָדעץ. אין אמת'ן איז דאָס אליקים צונזער'ס ליד „דער ניינצעהנטער יאָהרהונדערט" (זע „אַלע ווערק פון אליקים צונזער", I, ז. 208-205. ניו־יאָרק, 1920), מיט פאַרשיידענע ענדערונגען.

ווערדליג ס'זעהט אויס איז דער האָראָדעצער נוסח געוועזן דער ערשטער, איידער ער איז אַריין אין דרוק־פאָרם, דער נוסח וועלכער איז אַרומגעגאַנגען צווישען פאָלק, און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צונזער'ס מויל.

עב"ע.

קינדער לידער.

א

האַק מעסער
בראַק מעסער,
דיר איז גוט,
מיר איז נאָך בעסער,

ב

אַ רעגען, אַ רעגען,
די כלה איז געלעגען.
אַ וואו האָט זי געלעגען?
אונטער די וועגען.

וואָס האָט זי געהאַט?
אַ אינגעלע.
ווי האָט מען גערופען?
משה'לע.

(איבערגעגעבען פון חיהקע פּאָמעראַנץ)

פערטער טייל

דער סוף

דער סוף

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר פאַר די אַלע קדושים וטהורים, וואָס האָבען אַוועקגעגעבען זייער לעבען; פאַר די מאַרטירער וואָס האָבען געקעמפּט מיט הוילע פויסטען געגען מאַשין־ביקסען און האַרמאַטען. מיר שטייען אין טרויער און אין אונזערע מיילער זיינען ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקען אונזער צער אויף דעם גרויסען אומגליק וואָס איז אונז באַפאַלען!

מיר פאַרבייסען די ליפּען פון כעס און צאָרען אויף דעם חורבן פון הונדערטע אידישע קהילות, און אויך אונזער קהלה האָראָדעץ בתוכם, אַ חורבן נאָך וועלכען ס'איז אפילו קיין זכר ניט געבליבען. אין אונזערע הערצער ברויזט אַ געפיל פון נקמה, נקמה פון די רוצחים ימ"ש, וועלכע האָבען אומגעבראַכט גאַנצע שטעט און שטעטלאַך, און צווישען זיי אויך אונזער גאַנצע שטעטעל אידען, יונג און אַלט, מאַן און פרוי. די פאַרניכטונג איז געווען אַ טאָטאַלע, עס איז ניט געבליבען אפילו קיין איינציגער עדות, וואָס האָט בייגעוואוינט אָט די אומבאַשרייבליכע טראַגעדיע. נאָר שטיקלעך שטיינער און העלצער זיינען געבליבען ווי שטומע עדות אויף דעם גרויסען חורבן. שטיקלעך און ברעקלעך ידיעות פון דורכפאָרענדיגע זיינען דערהאַלטען געוואָרען. אָבער געננוי „ווי און וואָס" האָבען די קדושים מיטגענומען מיט זיך און איז געבליבען פאַרהוילט פון דער וועלט.

פון אַ גאַנצע קהלה איז בלויז איין איינציגער איד לעבען געבליבען, אַ גליקליכער וואָס האָט ניט צוגעזעהן דעם אומגליק. זאָל זיין נאָמען דאָ פאַרצייכענט ווערען: זיין נאָמען איז דוד וואַלינעץ. אָבער ער איז אויך ניט געבליבען אין האָראָדעץ.

אַ דאַנק דעם „בן יחיד" זיינען אָנגעקומען צו אונז איניגע ידיעות וועגען חורבן האָראָדעץ, וואו מיר וועלען זיי דאָ געבען צוזאַמען מיט די אַנדערע בריוו וואָס מיר האָבען דערהאַלטען.

זאָלען די בריוו דינען ווי דאָקומענטאַלע באַווייזען אויף חורבן האָראָדעץ וואָס וועט בלייבען אין זכרון אין די הערצער פון אירע זיהן און טעכטער, וועלכע זיינען צושפּרייט און צוזייט איבער דער גאַנצער וועלט. זאָלען אירע קינדער געדענקען און ניט פאַרגעסען דעם גרויסען בראָך וואָס האָט זיי געטראָפען, און זאָלען זיי עס איבערגעבען צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער. זאָל די פאַרביטערונג וואָס איז אין זייערע הערצער אויפגעפלאַמט ווערען אין איין גרויסען פלאַם, און זאָל נקמה נעמען פון אונזערע שונאים, וואו זיי געפינען זיך, און זאָל דער אויפברויז ברענגען צו אַ בעסערע און שעהנערע וועלט, וואו יעדעס פאָלק זאָל זיך קענען אויסלעבען אויף זיין אייגענעם שטייגער.

***

מיר גיבען דאָ די בריוו, וואָס זיינען דערהאַלטען געוואָרען, אין וועלכע דער חורבן האָראָדעץ ווערט געשילדערט אָהן שום ליטעראַרישע עפעקטען. דאָ און דאָרט וועלען מיר געבען געוויסע באַמערקונגען כדי צו באַלייכטען אַ פונקט אָדער אַ נאָמען.

די בריוון

א.

פון דוד וואַלינעץ

„י"ב מנחם אב, יולי 26, 1942, האָט מען אַלע האָראָדעצער אידען מיט דעם צוג אַוועקגעפירט 35 קילאָמעטער נאָך קאַרטוז־בערעזא אין ברייטנסקי־גארלי [1] און דאָרט אַלעמען פאַרניכטעט.

איך מוז באַמערקען וועגען איין קליין פּראַצענט אידען, וועלכע זיינען אומגעקומען אין האָראָדעץ און אומגעגענד: משה־דוב קופּריאַנסקי ע"ה, מיין אָנקעל. ער מיט דער פאַמיליע זיינען געווען 10 קילאָמעטער פון האָראָדעץ, אין דאָרף צעלישצעוויטש. דאָרט האָבען זיי געהאַט אַ געוועלבעל. אַ קורצע צייט נאָכ'ן ארייכקום פון דייטש ימ"ש, איז דער דייטש אַריינגעקומען מיט אַ פאָדערונג מען זאָל תיכף אַרויסגעבען זייער זוהן [ער איז דאַן געווען אין פעלד]. ווען מען האָט אים אויפגעזוכט — האָבען זיי משה־דוב'ן מיט דעם זוהן דער'הרג'עט.

אליהו ליאכאָוויצקי, אהרן־דוד'ס זוהן, האַבען זיי גלייך אין האָראָדעץ גע'הרג'עט. איינמאָל זיינען זיי געקומען מיט אַ פאָדערונג צו ר' חיים־ניסן ווינאָגראַד, ער זאָל תיכף אויפזוכען זיין זוהן אברהם. ווען מען האָט אים אויפגעזוכט, — האָבען זיי דאַס זעלבע געטאָן. אזוי האָבען זיי געמאַכט מיט משה דוב'ן דעם מילנער און גוטמאַן דעם מאָטאָריסט (אַ וולאדאָווער). זיי ביידען האָבען זיי גע'הרג'עט אין סאָד, הינטער חיים ווינאָגראַד'ס הויז.

די געטאָ איז געווען פון שמאי ראַבענסקי'ס הויז ביז דעם בית־המדרש. איינמאָל איז דער פאָטער מיינער געגאַנגען אין דאָרף צו קריגען עפּעס צו עסען, האָבען זיי אים מערדערליך צושלאָגען. ווען די שרעקליכע גזירה איז געקומען, י"ב מנחם אב, זיינען אלע געווען

1) דאָרטען זיינען דאָ גרויסע גריבער וואַפּנע.

ביי דער ארבייט. ברענגענדיג גלייך, האָט מען אלע אויסגעשטעלט אין רייהען און געפיהרט צום צוג צו דער שחיטה. מיין פאָטער ע"ה איז געווען זעהר שוואַך, האָבען די צוויי ברידער מיינע, אברהם און ברוך, אים געפיהרט אונטער די הענט. מען האָט געדאַרפט געהן צוויי קילאָמעטער צום צוג. ווער עס האָט נישט געקאָנט נאָכגעהן, האָט מען שטאַרק געשלאָגען. דאַן האָט מען אויסגעקליבען אַלע פאַכמענער און מען האָט זיי איבערגעלאָזען אויף ארבייט. צווישען זיי איז געבליבען מיין פעטער שמאי ראבינסקי, סענדער לאַנדאַן, חיים וואלינעץ (אַלטער דעם לוי'ס אַן אייניקעל), חיים קאָוואל און אַנדערע. אומגעפעהר אַ 15 מאַן. און זיי האָבען געאַרבייט, אנדערע אין האָראָדעץ און אַנדערע אין קאָברין. אין אַ קורצער צייט זיינען די, וועלכע האָבען געאַרבייט אין האָראָדעץ אויסגעקליבען געוואָרען אין שמאי'ס שייער און דאָרט זיינען זיי אויסגעה'רג'עט געוואָרען.

יצחק זוסמאַן האָט לאַנגע יאָרען געהאַט ביי זיך אין הויז אַ בית־המדרש, האָבען זיי ארויסגעפיהרט ר' יצחק זוסמאַנ'ען ע"ה אין דרויסען, ארויסגענומען אלע ספרים און פאַרברענט און געמאַכט שפּאָס פון גרויסען בעל־צדקה, ר' יצחק ע"ה.

אָט דאָס אַלעס האָב איך זיך דערוואוסט פון די האָראָדעצער קריסטען, זייענדיג היינטיגען זומער 2 טעג אין האָראָדעץ, פון 5טען ביז'ן 8טען יולי 1946. מער האָב איך ניט געקענט דאָרט פאַרבלייבען..."

ב.

פון בנימין וואלף [2]

"אין חודש אייר, 1942, האָט מען איינגעפירט די געטאָ אין האָראָדעץ. די געטאָ איז געווען אויף דער קאָברינער זייט טייך. אין דער געטאָ האָט מען ארייַנגעשפּאַרט אידען פון צוויי קאַטעגאָריעס: א) די, וועלכע זיינען געווען ארבייטס־פעהיג; ב) אַלטע און אומפעהיגע. די לעצטע האָט מען צוגענומען י"א אב, 1942. מ'האָט זיי אָפּגעפירט קיין בראנא־גוראָ, לעבען קארטוז־בערעזא, וואו עס זיינען געווען צוגעגרייט גרויסע גריבער און דאָרטען זיינען אונזערע אידישע ברידער און שוועסטער, מוטערס און פאָטערס, ווי קליינע קינדערלעך, אין ברידער־קברים ברוטאַל אומגעבראַכט געוואָרען פון די באַנדיטען־מערדער. דאָרטען זיינען אויך אומגעקומען אידען פון דראָהיטשין, אַנטאָפּאָל, קאָברין, זשאַבינקע, בריסק און פון אַנדערע געגעטען.

"די פאַרבליבענע אידען, די ארבייטס־פעהיגע, זיינען געוואָרען פאַרנאַרט דורך דעם צוזאָג, אז מען וועט ארבייטען און מ'וועט געבען אַלעמען שפּייז, ווייל מ'דאַרף האָבען די אַרבייטער . . . די ביים לעבען־פאַרבליבענע זיינען געוואַרען שקלאַפען און געאַרבייט זעהר שווער. נאָך י"א אב, 1942, זיינען צו אונז אין געטאָ ארייַנגעטריבען געוואָרען אלע געבליבענע פאַכלייט פון האָראָדעץ. איך שרייב „ארייַנגעטריבען", ווייל מ'האָט געטריבען צופוס ווי שעפּסען. ביי אונז אין געטאָ האָבען זיי געקראָגען וואוינונגען. אַלע צוזאַמען יעדען פרימאָרגען זיבען אַזייגער אינדערפרי פלעגען זיי ארויס צו דער ארבייט.

"פון די פאַמיליעס פון האָראָדעץ ווייס איך נאָר וועגען וואָלינעץ. ווייטער געדענק איך ניט. פון ווינאָגראַד'ען ווייס איך ניט, און קיינער ווייס ניט פון אים, ווייל נאָך דער ערשטער שחיטה, י"א אב, איז ער אַנטלאָפען אין וואַלד, אָבער פון אים זיינען קיין שפורען פון דאַן מער ניטאָ.

"די לעצטע 'סעלעקציע' איז געווען אין אַנטאָפּאָל דעם 15טען אָקטאָבער, 1942. און אין יענעם קריטישען טאָג זיינען אלע אַנטאָפּאָלער אין האָראָדעצער אומגעקומען על קידוש השם, און זיי זיינען אלע אין איין ברודער־קבר אין אַנטיפּאָליע, לעבען פרישיכוואסט, זאניוויע און אין וואַלד . . . איך בין אין יענעם קריטישען טאָג געווען אין קאָברינער געטאָ. איך בין אַנטלאָפען אונזיך אויסבאַהאַלטען אין די וועלדער, וואו נאָך זעקס חדשים וואַנדערען האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ פּאַרטיזאַנער, און זיך אָנשליסענדיג אין זייערע רייהען האָב איך געקעמפט ביז צו דער באַפרייאונג דורך דער רויטער ארמיי".

ג.

אַ בריוו פון אַ קריסטין וועגען דער האָראָדעצער געטאָ

". . . מכח שמואל'ס [3] פאַרלאַנג וועגען זיינע אייגענע זייגען זיי דער'הרג'עט געוואָרען פון פאַרשאָלטענע דייטשען אין יולי 1942. איך געדענק ניט די גענויע דאַטע. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. מ'האָט צונויפגעקליבען אַלע האָראָדעצער און אונזערע אידען (מעכוועדיווישער) אין געטאָ אין האָראָדעץ. זיי זיינען דאָרטען געווען צוויי מאָנאַטען הינטער דראָטען. עס איז בעווען פאַרבאָטען צו שטעלען אפילו איין טריט הינטער די דראָטען. אויך אונזערע פּראָוואָסלאווניע איז געווען פאַרבאָטען אַריבערצוגעהן די דראָטן. פונדעסטוועגען האָבען מיר געהאָלפען. מיר פלעגען זיך אריבער'גנב'ענען שטילערהייט און געבראַכט עסען. אויך פון אונזערע האָבען די דייטשען אויסגע־הרג'עט די וועמען זיי האָבען געכאַפּט הינטער די דראָטען. דאָס איז געשען ניט בלויז ביי אונז נאָר אין יעדען אָרט(וואָס די דייטשען האָבען פאַרנומען.

"סוף יולי זיינען צוגעקומען אויטאָמאָבילען און פון די אומגליקליכע מענשען האָט מען אַראָפּגענומען זייערע קליידער און זיי אָנגעלאָדען אויף לאַסט־אויטאָמאָבילען. מ'האָט זיי געצוואונגען צו זינגען "קאטיושא" [4]. די אומגליקליכע האָבען געזונגען, געהענדיג צום טויט. מ'האָט זיי אַוועקגעפירט צו אַ גרוב, ערגיץ הינטער קאָברין [5], און דאָרטען האָט מען זיי אַרייַנגעוואָרפען אין גרוב נאַקעטערהייט, מיט'ן פנים צו דער ערד. מ'האָט אויסגע'הרג'עט טויזענטער אין איין גרוב.

"עס זיינען איבערגעבליבען נאָר יענע אידן, וועלכע זיינען געווען אין רוסלאַנד און די וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון דער געטאָ צו די פאַרטיזאַנען. אָט אזוי האָט דער דייטש קיין איין מענש ניט איבערגעלאָזט, וואו ער האָט פאַרנומען . . ."

ד.

וועגען די האָראָדעצער מיטהעלפער אין די שחיטות שרייבט אונז דוד וואלניעץ פאָלגענדעס:

"זיי זיינען געווען אַ סך. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון 1941־44 איז געווען בירגערמייסטער פון האָראָדעץ אַן האָראָדעצער קריסט וואלאדיא קאזיק. די הויז זיינע איז געווען נעבען ר' יצחק זוסילמאַן ע"ה. אין מיליץ האָט געאַרבייט קאליא גלאוואצקי (דער מאַמע'ן זיינער האָט מען גערופען נאסציא, געוואוינט נעבען קלויסטער).

„וועגען וואלאדיא קאזיק האָב איך געהערט, אַז ער געפינט זיך אין פוילען, נעבען לאָדז. ער ארבייט אויף אַ פוילישען מלוכה־פּאָסטען.

"קאזיק'ס פאַרטרעטער איז געווען וואניא גלאוואצקי, דער קאר־פּאראל, און מאריאן בראמקיליסעס. די לעצטע צוויי האָבען אין 1944 באַקומען פון די פאַרטיזאַנער זייער מיאוס'ן סויט" [6].

2) שטאַמט פון לעכעוויטש. ער איז אַן איידעם פון זאַוועל פּאָמערניעץ אין אנטיפּאָליע.

3) דאָס מיינט שמואל הויזמאַן פון מעכוועדעוויטש.

4) דאָס איז די סאָוועטישע פאָלקס־ליד „קאַטיושאַ".

5) געוויס מיינט די שרייבערין די גריבער וואפנע ביי בראנע־גורע נעבען קארטוז־בערעזא.

6) וועדליג סיזעהט אויס זיינען אונזערע ברידער ניט געגאַנגען ווי שטומע שעפּעלעך צו דער שחיטה.

ה.

חורבן האָראָדעץ

וועגען דעם יעצטיגען אויסזעהן פון האָראָדעץ שרייבט דוד וואָליניעץ צו ישראל זוסמאַן:

„ . . . היינט זיינען די דעכער פון די הייזער און ווענט באַוואַקסען מיט גראָז. עס קומט אויס אַז די הייזער שטעהען מיט די דעכער אַראָפּ. דער וועג פון אייער אַמאָליקער הויז (איציקיל׳ס) ביז צום שאָסיי איז אויסגעלייגט מיט מצבות פון בית־עולם".

ווינקלען פון האָראָדעצער בית־עולם

אוהל פון „אַלטען רב" ז"ל און די מצבה פון אַלטע, איציקל׳ס פרוי ע"ה.

לינקס:

אין פראָנט די מצבה פון מאַטעס דעם פילטשיק.

רעכטס:

אַ מצבה פון דריי ברידער: בצלאל קופריאַנסקי, אהרן איטשע לייזער׳ס און ישראל צדוק קופריאנסקי

אברהם ווינאָגראַד

נענוי ווער עס זיינען געווען די פּאַרטיזאַנער פון אונזערע האָראָדעצער ברידער, איז ניט באַוואוסט. פון דער אויבענדערמאָנטער נאָטיץ וועגן דעם טויט פון די צוויי מנוולים און אויך פון בנימין וואלפ׳ס באַמערקונג וועגן ווינאגראָד׳ס זוהן (אברהם), אַז ער איז „אַנטלאָפען אין וואַלד" — זעהען מיר אַז אונזערע ברידער האָבען פאַרטיידיגט זייער מענשליכען און אידישען כבוד.

אברהם ווינאָגראַד

אין אַ צווייטען בריוו שרייבט בנימין וואלף: „אברהם ווינאגראָד, חיים ניסעל ווינאגראָד׳ס אַ זוהן, איז געווען אַנט-לאָפען אין די וועלדער. אָבער אַם לעצטען איז ער אין וואַלד אומגעקומען".

אברהם ווינאָגראַד איז געבאָרען געוואָרען אין האָראָדעץ 1908, צו זיינע עלטערען חיים ניסעל און לאה. אזוי ווי אלע האָראָדעצער אינגלעך האָט ער אויך געקראָגען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציהונג. ווען ער איז עלטער געוואָרען, און האָראָדעץ איז שוין געווען אונטער דעם פּוילישען יאָך, האָט ער אויך געלערענט פּויליש. ביסלעכ-ווייז איז ער אויך באַהאַוועגט געוואָרען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. אברהם ווינאָגראַד איז כמעט געוואָרען אַ גאַנ-צער „פּאָליאַק", אָבער אינערליך איז ער געווען אַ שטאָלצער איד, און שטענדיג איז ער געווען גרייט צו פאַרטיידיגען דעם אידישען כבוד. ווען ער איז געווען אין דער פּוילישער ארמיי האָט ניט איינמאָל געטראָפּען, אַז אַ פּוילישער סאָל-דאַט האָט פון אים געקראָגען קלעפּ, ווייל ער האָט באַליידיגט אים, אָדער אַן אַנדער אידען.

אברהם ווינאגראַד האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער פּוילישער ארמיי און איז דערגאַנגען צום ראַנג פון אַ קארפּאראַל. ס׳האָט שוין געהאַלטען דערביי אז מ׳זאָל אים שיקען אין אַן אָפיצערען שולע, אָבער זיין אידישקייט איז אים געשטאַנען אין וועג.

צוליב די געהילץ געשעפטען וואָס זיין פאָטער האָט געפיהרט, איז ער אויך אריינגעצויגען געוואָרען אין זיי. ער פלעגט אַוועקפאָרען פון דער היים אויף וואָכען לאַנג, וואַלגערען זיך אין וועלדער און ברענגען שיפען מיט געהילץ.

ווען די רוסען זיינען געווען אין האָראָדעץ, 1941-1940, איז אברהם ווינאגראד באַשטימט געוואָרען אלס קאַסירער פון איניגע וועלדער אין געגענד. אויך אויף דעם געביט האָט ער ארויסגעצייגט אַ היבשע ידיעה.

נאָך דעם צוריקטריט פון די רוסען האָט מען שוין פון אים מער ניט געהערט, אזוי ווי פון די אנדערע איינוואוינער פון האָראָדעץ.

אברהם ווינאָגראד האָט לויט זיין כאַראַקטער זיך גע-מוזט אָנשליסען אָן די פאַרטיזאַנען כדי צו נעמען נקמה פאַר זיין פאָלק.

זאָל זיין נאָמען צוזאַמען מיט די נעמען פון אלע אונ-זערע גבורים איינגעקריצט ווערען אין אונזערע הערצער!

אָנדענק זיין נאָמען!

דוד וואָלינִיעץ

דוד וואָלינִיעץ איז געבאָרען געוואָרען אין האָראָדעץ דעם 25טען דעצעמבער, 1918, צו זיינע עלטערען שלמה און ברײנע.

דוד וואָלינִיעץ
(דער איינציג־לעבען־געבליבענער)

אין דער פריהסטער יוגענט האָט דוד געלערענט אין די האָראָדעצער חדרים, דערנאָך אין אנטיפּאָליער תלמוד־תורה. פון 1933 ביז 1938 האָט ער געלערענט אין קאָברינער ישיבה.

שוין פון דער יוגענט אָן האָט דוד גע׳חלום׳ט וועגען ארץ־ישראל אַלס היים פאַר׳ן אידישען פאָלק בכלל און פאַר אים אַליין בפרט. אָבער זיין חלום איז ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. אזוי האָט ער גע׳חלום׳ט ביז די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכען און די רוסען האָבען אָקופּירט האָראָדעץ. דאַן האָט ער פאַר זיך ניט געזעהן קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך אָנצושליסען אין דער רוסישער אַרמיי, וואו ער האָט זיך געשלאָגען אויף דעם קרימער פראָנט.

אין 1942, ווען ס׳איז ארויס אַ באַפעל אז אַלע וועלכע זיינען געווען פּוילישע בירגער ביז 1939 זיינען באַפרייט פון מיליטער, איז אויך דוד באַפרייט געוואָרען פון דער אַרמיי. מ׳האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע פּוילישע בירגער אַוועקגעפירט טיף אין רוסלאַנד אויף ארבייט און דערנאָך אויף דער סטאַלינגראדער פראָנט, און שפּעטער אין סאראטאָוו, וואו מ׳האָט געאַרבייט פון 4 פאַרטאָג ביז 10־11 אין אָוונט.

פאַרשטייט זיך, אז אַ סך זיינען קראַנק געוואָרען פון דער שווערער ארבייט, און צווישען זיי אויך דוד. ווען ער איז געזינטער געוואָרען האָט מען אים געשיקט אויף ארבייט אין דער ווילדער אַרכאַנגעלסקער אבלאסט.

ווען דוד האָט געהערט וועגען דעם חורבן וואָס די דייטשען ימ״ש האָבען געמאַכט פון די אידישע קהלות, און צווישען זיי זיין געבורטס־שטעטעל האָראָדעץ, האָט ער באַשלאָסען צו נעמען נקמה פון די מערדער. ער האָט זיך ווידער אָנגעשלאָסען אין דער רוסישער ארמיי און געיאָגט נאָך די דייטשע רוצחים ביז שטעטין און ווייטער.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, כאָטש ער האָט געוואוסט אז ער האָט שוין קיינעם ניט אין האָראָדעץ, האָט אים דאָך געצויגען אַהין, כדי אַ קוק צו טאָן אויף זיין ליבע שטעטעלע. ער האָט זיך ארויסגעלאָזען אין וועג און איז אָנגעקומען אין האָראָדעץ.

אָבער דער גרויסער חורבן פון האָראָדעץ האָט אים געשטויסען צוריק. און ער האָט זיך ווייטער געלאָזען אין וועג אַריין. דערשלאָגען זיך קיין עסטרייך, פון עסטרייך קיין דייטשלאַנד, און געוואַנדערט פון איין לאַגער צום צווייטען, ביז וואַנען ער איז געקומען קיין אַמעריקע.

זאָל גאָט זיין מיט אים!

THE NEW YORK TIMES, THURSDAY, JULY 20, 1944.

RED ARMY AGAIN EXTENDS THE FLAMING EASTERN FRONT

In a new offensive near the northeastern corner of Latvia the Russians advanced on a broad front between Zabolotye, near Ostrov, and Ragoziki (1). In the center of the long battle line Krynki station (2), twenty-five miles from Bialystok ... The Bialystok-Brest- ... Kleshcheli (3), ninety-five miles from Warsaw. Near Brest-Litovsk itself the Russians took Imenin and Gorodets (4). The Bug River and 1939 Polish partition line were crossed at Krystynopol (5). Around Lwow Soviet forces pocketed Germans west of Brody and moved forward to Dzibulki and Remenov (6), only eight and a half miles from Lwow.

Gain on Other Fronts

There were fresh advances in the Brest-Litovsk direction including the capture of the county center of Kleshcheli and the railway station of Gorodets, as well as fifty other places.

Courtesy "New York Times"

דער פראָנט אַרום האַראַדעץ דעם 20-טן יולי, 1944.

(איבערגעדרוקט פון דער „ניו־יאָרק טיימס")

יזכור

אָנמערקונג:

מיר גיבען דאָ צוויי רשימות, און ביידע זיינען ניט פולשטענדיג: די ערשטע רשימה ענטהאַלט די בילדער פון די אומגעקומענע וואָס מיר האָבען באַקומען פון זייערע קרובים, וועלכע ס'האָבען זיך געלאָזען אָפּדרוקען. און די צווייטע רשימה ענטהאַלט בלויז די נעמען פון די אומגעקומענע פון וועלכע מיר האָבען ניט געקענט באַקומען זייערע בילדער. די נעמען זיינען אַראַנזשירט אַלפאַבעטיש לויט דעם פאַמיליען-נאָמען צוליב טעכנישע סיבות זיינען איניגע בילדער גרעסער פון די אַנדערע.

די רעדאַקציע

אזארניצקי, באַשקע
(אהרע איטשע לייזערס
אייניקעל)

אַלטוואַרג, מייקע און דוד

אַלטוואַרג, לייבל
(מייקעס קינד)

אָרלאָווסקי, מרדכי
(משה אליהוס)

אָרלינסקי, משה אהרן
(איטקע רעכילס אַן
איידעם)

בורשטיין, שלמה

בורשטיין, אסנע
(שמעון אייזיקס)

באַרטענבוים, הערצל און חיים
(אסתר חיה דבורה'ס קינדער)

בורשטיין, בוניע

גאָלדמאַן, יהודית (זלאַטקעיס) מיט
איהר ברודער אברהמ׳ס אַ קינד.

גאָלדמאַן, יואל
(דער לעצטער שוחט)

גאָלדמאַן, זלאַטע
(זייער טאָכטער)

בערגער, פסח, צביה, און ישראל צדוק
(ליבערים איינִיקלעך)

גאָלדבערג, שמעון
(שעפסעלעס)

דובין, טאָדרעס

הויזמאַן פאַמיליע פון מעכוועדעוויטש:
שלום, העניע, יעקב הערש, חנה, מאַשע,
פריידל און נאָך אַ יונגעל.

דובין, ליבע

דובין, משה

העלערשטיין, שרה
(פון סטאַציע)

העלערשטיין, מיכל

וואַליניעץ, שמואל
(דער מילנער)

וואַליניעץ באַבטשע
(זיין פרוי)

וואַליניעץ, הערשל
(שמואלס זוהן)

וואַליניעץ, רוחמה
(הערשילס פרוי)

וואַליניעץ, חיים
(שמואלס זוהן)

וואַליניעץ, יענטע
(זיין פרוי)

שלמה׳לע
(הערשילס אַ קינד)



ווינאָגראַד פאַמיליע:
חיים ניסן, לאה, אסתר, גינענדעל, אברהם און לייבל.

ווינאָגראַד, אברהם

זוסעלמאַן, יצחק
(איציקיל)

לעכאָוועצקי, גרשון
(חנה באַשעים)

לאַכאָוויצקי, בעריל

מלמד, סנדר

מלמד, שיינע (מענדל'ס)
בריינה רובינסקי
(שמאיים)

סאַוויצקי, רבקה

סאַוויצקי, שיינע

סטאַווסקי, מענדל

סטאַווסקי, צביה

פּאָדאָלעווסקי, ליבער

פּאָדאָלעווסקי, יודל

פּאָדאָלעווסקי,
חיים איטשע

פּאָדאָלעווסקי, משה און זיין פרוי אסתר

פּאָליאַק, ליבער

אונזערע קדושים

עפּעלבוים, יחזקאל
(פון קאמען).

פּעטרושקא, אברהם
און איטקע (דעם אַלטען
רבים אוראייניקעל).

פרידמאַן, מנחם
(אסתרים מאַן)

פרידמאַן, אסתר
(חיה דבורהים)

פאַטיע (אסתר'ס זוהן).

קאַסטרינסקי, חנה
(מאַטיע איציקים
אייניקעל)

קופּריאנסקי, ריווע

קופּריאנסקי, קלמן

קילמאַן, שרדה
(ליבערים)

קילמאַן, חיהביילע
(ליבערים)

קילמאַן יענטע
(חיה ביילע'ס)

ראַבינסקי, אסתר רחל
(שמאיים)

ראַבינסקי, דוד
(שמאיים)

רובינשטיין, האַשקע

רויטקאָפּ, לייבל און חיה
(העניעס איניקלעך)

זלאַטקע
(משה חאנטשעס)

ליפשיץ, מחלה
(חיה דבורה'ס)

דבורה
(מחלהס טאָכטער)

א

אזארניצקי, חיים

אזארניצקי, רחל לאה

אזארניצקי, מלכה

אזארניצקי יהושע

אלטוואַרג, צביה

אלציק, איסר

אלציק, האַשקע

אלציק, פרומע

אָרלאָווסקי, משה אליהו

אָרלאָווסקי, גינענדעל

אָרלאָווסקי, יוסף

אָרלאָווסקי, זלאַטע

אָרלאָווסקי, אהרן

אָרלאָווסקי, באַשע רייזעל

ב

באָנציק, חנה מלכה

באָנציק, שמאי

באָנציק, אסתר

באָנציק, לאה

באָנציק, לייבל

באָנציק, מ.

בורשטיין, שמואל

בורשטיינ׳ס אַ טאָכטער

בורשטיינ׳ס אַ זוהן

בירנבוים, גוטמאַן

בערגמאַן, מאַליע

בערגמאַן, יעקב

בערגמאַן, שמואל

בערגער, שלמה

בערגער, חנה

ג

גאָלדבערג, שעפּסעל

גאָנילסקי, שלמה

גאָנילסקי, רבקה

גאָנילסקי, ליבע

גאָנילסקי סאָניע

גאָנילסקי, שייקע

גארפינקעל, ביילע

גאַרפינקעל, אשר

גארפינקעל, איטקע

גארפינקעל ישראל צדוק

גאַרפינקעל, עלקע

גארפינקעל, א.

גרושניעווסקי, לייבקע

גרושניעווסקי, אַלטע

גרושניעווסקי, אַ טאָכטער

גרושניעווסקי, פּעסל

גרושניעווסקי, אליהו

גרושניעווסקי, א.

גרימלאַנד, העניע ביילע

גרינמאַן, ר׳ אריה ז״ל
(לעצטער רב)

ד

דובין, פריידקע

דובינ׳ס אַ טאָכטער

ה

העלערשטיין, פ.

העלערשטיין, מ.

ו

וואָליניעץ, אַלטער דער לוי
(זיין בילד אין אַרטיקל „די סאָציאַלע סטרוקטור״)

וואָליניעץ, שלמה

וואָליניעץ, ברײַנע

וואָליניעץ, יענטע

וואָליניעץ, אברהם

וואָליניעץ, רוחמה

וואָליניעץ, ברוך

ווייסמאַן, פ.

ווייסמאַן, יאַנקל

ווינאָגראַד, הינדע

ווינאָגראַד׳ס טאָכטער

ז

זוסעלמאַן, שרה.

י

יאַרמעצקי, יעקב מאיר

יאַרמעצקי, פייגל

יאַרמעצקי, הערשל

יאַרמעצקי, אליהו

יאַרמעצקי, עטל

ל

לאַכאָוועצקי, האַשקע

לאַכאָוועצקי, איהר קינד

לאַכאָוועצקי, רייזעל

לאַכאָוועצקי, איהר קינד

לאַנדאַן, שיינע ליבע

לאַנדאַן, סנדר

לאַנדאַן, חיה

לאַנדאַן, ט.

לאַנדאַן, חיים

לאַנדאַן, מלכה

ליו, נחום

ליז, זיין פרוי
ליז, ביילע
ליז, פייוויל

מ

מוליאַר, יעקב בערל
מוליאַר, אברהם יעקב
מוליאַר, יאָסל
מוליאַר, צביה
מוליאַר׳ס קינד
מוליאַר׳ס קינד
מלמד, חיים
מלמד, אסתר
מלמד, בן־ציון

נ

נאַדריצני, פריידע
נאַדריצני, אברהם עזרא
נאַדריצני, חיים
נאַדריצני, חיה׳קע
נאַדריצני, משה
נאַדריצני׳ס אַ קינד
נאַדריצני, בריינע
נאַדריצני, רוחמה
נאַדריצני, איהר מאַן

ע

עפעלבוים, הלל
עפעלבוים, מרים
עפעלבוים׳ס צוויי קינדער

פ

פּאָליאַק, יעקב
פּאָליאַק, ברוך
פּאָליאַק, נח
פּאָליאַק, אסתר
פּאָליאַק, רבקה
פּאָמעראַנץ, שיינע
פּאָמעראַנץ, צביה
פּאָמעראַנץ, שרה
פעפערבערג, ביילע
פעפערבערג, טוביה
פעפערבערג, ריינע
פעפערבערג, יהודית
פעפערבערג, בערל
פעפערבערג, הרצל (יצחק)
פעפערבערג, נפתלי
פעפעבערג׳ס פרוי
פעפערבערג, זייער זוהן
פעקאָווסקי, אברהם
פעקאָווסקי, ברכה

ק

קאַגאַן, שאַיע
קאַגאַנ׳ס אַ טאָכטער
קאַגאַנ׳ס אַ זוהן
קאַגאַן, דאָבע
קאַגאַן, משה
קאַמינסקי, רחל
קאַמינסקי, שרה
קופּריאַנסקי אַלטער דער שמיד
(זיין בילד אין אַרטיקל „די סאָציאַלע סטרוקטור״)
קופּריאַנסקי, מרים
קופּריאַנסקי, משה
קופּריאַנסקי, שרה לאה
קופּריאַנסקי, יוסף
קופּריאַנסקי, ברוך

ר

ראָבינסקי, שמאי
ראבינסקי, העניע
רובינשטיין, אברהם
רובינשטיין, אהרן
רובינשטיין, שמואל
רובינשטיין, אַ קליין קינד
רויטקאָפּ, העניע
ריכטער, בערל
ריכטער, זיין פרוי
ריכטער בלומע
ריכטער, פייגע

ש

ריכטער, מ.
שוכאָוויצקי, חנה לאה
שוכאָוויצקי, מאָטל

פאַמיליע נעמען ניט באַוואוסט

אביגדור, ישראל משה׳ס
רייזעל, (זיין פרוי)
זייער זוהן
חיים דער שמיד
חנה זיין פרוי
זייערע פיר קינדער


יִזְכּוֹר אֱלֹהִים אֶת נִשְׁמוֹת
יְהוּדֵי הוֹרוֹדֶץ, הֵן שֶׁהוּמְתוּ, הֵן
שֶׁנֶּהֶרְגוּ, הֵן שֶׁנִּשְׁחֲטוּ וְשֶׁנִּשְׂרְפוּ
וְשֶׁנִּטְבְּעוּ וְשֶׁנֶּחְנְקוּ, עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם.
תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתֵיהֶם צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר
הַחַיִּים, עִם נִשְׁמוֹתֵיהֶם, שֶׁל אַבְרָהָם
יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה,
וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת,
שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן.

פינפטער טייל

אין אמעריקע

פון בעסי גרעבלאָווסקי

ביז צום סוף פון נײַנצעהנטען יאָרהונדערט איז אַמעריקע געווען אַ לאַנד וואָס נאָר אוואַנטוריסטען און הפקר־יונגען פלעגען פאָרען אַהין. ערליכע, אָנשטאַנדיגע בעלי־בתים, און די וועלכע דאַרפען ניט אַנטלויפען מחמת אַ בילבול אָדער אַן אַנדער צרה — ביי די דאָזיגע אידען איז אַמעריקע געווען טריף, און אפילו אירע שטיינער זיינען געווען טריף.

אויסער וואָס אין אַמעריקע קען אַ איד זיך ניט אויסלעבען ווי אַ איד — איז דאָס פאָרען קיין אַמעריקע פשוט געווען אויך אַ פיזישע שוועריגקייט. ערשטענס, דאַרף מען מאַכען אַ פּאַס (פּאַספּאָרט), וואָס קומט ניט אָן אזוי גרינג: מ'דאַרף געהן אין אופּראַווא, קריגען אַ „כאַראשע פּאוועדעניע" (גוטע אויפפירונג באַשטעטיגונג), שיקען עס צום גובערנאַטאָר, און ביז וואָס־ווען נעמט פון אַ חודש ביז זעקס וואָכען. און ניט אַלע האָבען געוואָלט אָדער געקענט מאַכען אַ פּאַס — האָט מען איינגעשטעלט דעם לעבען און גע'גנב'עט דעם גרעניץ.

און היינט די הכנות צום פאָרען: מ'דאַרף צוגרייטען סוכאַרעס (געטריקענטע ברויט), מיטנעמען פאַרשידענע ווישניאַקס אָדער בראָנפען צו דערקוויקען זיך אויף דער שיף און נאָך אַנדערע זאַכען, וואָס איצט איז מען פּטור פון זיי. און אז מ'האָט שוין אַריבערגע'פּטר'ט דעם גרעניץ, האָט מען געדאַרפט דורכגעהן די „באָד", וואו מ'איז פיזיש עקזאמינירט געוואָרען, און אז גאָט האָט שוין געהאָלפען און מ'איז בשלום דורכגעגאַנגען די „באָד" — האָט מען ערשט געדאַרפט וואַרטען אויף אַ שיף, און ניט יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג געהט אָפּ אַ שיף. און פאָרען אויף דער שיף גופא, איז אויך ניט געווען קיין לוקסוס־רייזע. ס'איז געווען אַ סאָרט חיבוט הקבר, וואָס געדויערט פון צוויי ביז דריי וואָכען, און אָפטמאָל מער, ווייל מ'איז פריהער געפאָרען מיט אַ קליינער שיף און דערנאָך האָט מען זיך ערשט אַרויפגעזעצט אויף דער גרויסער שיף. און אז מ'האָט שוין דערלעבט און מ'איז שוין געקומען אין „קעסעל־גאַרדען" — האָט מען אויך קיין האָניג ניט געלעקט. בקיצור, דאָס פאָרען קיין אַמעריקע איז ניט געווען קיין קליינע אונטערנעמונג. ניט אומזיסט פלעגט מען אָפּזאָגען ווידוי איידער מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזען אויף אַזאַ געפערליכע רייזע.

נאָך שווערער איז געווען די רייזע פון די שטעט, ווי האָראָדעץ, למשל, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין אייזענבאַן ביז 1884. און דאָך האָבען זיך נאָך אין די זיבעציגער יאָרען פון לעצטען יאָרהונדערט געפונען אין האָראָדעץ איינציגע „אוואַנטוריסטען" וועלכע זיינען געפאָרען קיין אמעריקע, ווי אפרים דער בויער, שמערעל'ס אַ ברודער, נתן יצחק הערש'ס, אבא תנחום בער'ס און משה־בער דער שניידער. אָט דער לעצטער, דאַכט זיך מיר, איז געווען דער ערשטער האָראָדעצער וואָס איז געשטאָרבען אויף אַמעריקאַנער ערד.

משה־בער, איז אַזוי צו־זאָגען, געווען דער טאַטע פון

די שפּעטער אריבערגעקומענע. ער פלעגט האלטען ביי זיך דעם גרינעם, ביי אַ וואָך צייט, געבען אַ ם אַן עצה צו וואָס זיך צו נעמען, אָדער וואָס פאַר אַ מלאכה זיך צו לערנען, און אז די פאַמיליע איז שוין אַראָפּגעבראַכט געוואָרען פלעגט משה־בער, אָדער זיין פרוי, איידעל, העלפען אויס־זוכען אַ דירה, און טאַקע בשכנות, כדי מ׳זאָל זיך פילען היימיש.

משה בער פּאָרטנאָי

די האָראָדעצער, ווי אלע אנדערע אידען, האָבען זיך דאַן באַזעצט אויף דער „איסט סייד“, ווי מאנראל (לייען: מאנראו) סטריט, מעדיסין (־מעדיסאָן) סטריט און אנדערע דערבייאיגע גאַסען. די ערשטע האָראָדעצער פאַמיליעס האָבען זיך געפילט ווי איין גרויסע האָראָדעצער משפּחה.

די וועלכע זיינען ניט געווען קיין בעלי־מלאכות פון דער היים האָבען זיך אויסגעלערענט שניידעריי, פּרעסעריי א. ד. ג. אנדערע האָבען זיך גענומען צו פעדלעריי אָדער זיינען געוואָרען אייז־לייט, וועלכע האָבען געטראָגען אין די הייזער אייז אין זומער, און קוילען אין ווינטער. די דאָזיגע ארבייט איז געווען זעהר אַ שווערע, אָבער זי האָט געגעבען אַ באַפרידיגונג: מ׳האָט געקענט אָפּהיטען שבת און יום־טוב. דאָס זעלבע איז געווען מיט פעדלעריי, וועלכע האָט ניט געפאָדערט מחלל שבת זיין.

אַ סך פון די געוועזענע פעדלער און ארבייטער האָבען זיך זעהר שעהן ארויפגעארבייט אין דעם לאַנד פון מעגליכ־קייטען, און פאַרנעמען איצט זעהר אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין אמעריקאנעם אינדוסטריעלען און געשעפטס־לעבען, ווי עקיבא סיראטא („טהי סופּיריאָר קלאָטהינג קאָמפּ.“), אהרן מילנער׳ס קינדער — אין גרויסע ליקער אינדוסטריע און וועלוועל שייקינ׳ס זין — אין פּראָדוצירונג פון פאַרשידענע מאַשינען, וועלכע זיינען שטאַרק גענוצט געוואָרען אין מלחמה־צייט.

ניט נאָר אין מלחמה אידוסטריען זיינען טעטיג אונ־זערע האָראָדעצער לאַנדסלייט, נאָר אויך אין ארטיקלען פון טאָג־טעגליכען געברויך. מיט כבוד קען מען פאַרצייכענען די דייטש ברידער, וועלכע האָבען אַ קייט פון מילכיגס־קראָ־מען אין בראָנקס און מאַנהעטען, נ. י. (דאָס איז די דייטש דעירים).

אין דער זיידען אינדוסטריע פאַרנעמט אַ גאָר געהויי־בענעם אָרט א. לימאַן, בנימין פּאלאענער׳ס זוהן (בערעל רודעצער׳ס אַן אור־איניקעל). זיין פירמע „בעלוועדיר פאַב־ריק“ איז פון די באַוואוסטע אין זיידען מאַרק. זי פאַבריצירט ראַיאָן, וועלכער האָט זעהר אַ גרויסען אָפּגאַנג.

אַ וויכטיגען אָרט פאַרנעמט די באַוואוסטע פירמע „סמיט׳ס אָוועראלס“, וועלכע איז פּאָפּולער איבער גאַנץ אַמעריקע. די בעלי־בתים זיינען די צוויי ברידער סעם און איזי באסניאק, זעליג׳ס זין.

דער גרינדער פון דער פירמע איז געווען זייער פאָטער, ז״ליג, וועלכער האָט אָנגעהויבען זייער קליין, אין אַ זייטיגער געסל אין ברוקלין, און זיינע זין האָבן דאָס איר געבראַכט צו דער איצטיגער מדרגה.

אַן אַנדער האָראָדעצער לאַנדסמאַן, אַ גרויסער גע־שעפטסמאַן (ריעל עסטייט), און וועלכער איז זעהר באַשיידען אין זיין געזעלשאַפטליכער אַרבעט, איז הלל אַפּעלמאַן (לייזער וואראטיניטשער׳ס זוהן). ער איז זייער אָנגעזען מיט זיינע ביישטייערונגען פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. זיין הויז אין באָראָ־פּאַרק איז אַן אמת׳ער בית־ועד לחכמים.

צו דעם זעלבען טיפּ קען מען אויך צורעכענען דזשוליוס (יודל) גרינבערג, דער זוהן פון הרב מרדכי גרינבערג. גע־קומען אהער נאָר אַ יונגער אינגעל און זיך זעהר שיין אַרויפ־געאַרבעט. זיין פירמע „פּערפעקט שאולדער קאָמפּ.“ האָט זייער אַ גוטען נאָמען אין דער קליידער אינדוסטריע.

אויסער זיינע גרויסע געשעפטען איז ער אָנגעזען מיט זיינע ביישטייערונגען פאַר פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אָבער אויף זייער אַ באַשיידענעם וועג.

אויך אויפ׳ן געביט פון ערפינדונגען קענען זיך די האָראָדעצער ניט פאַרשעמען. למשל, די „איגל עלעקטריק קאָמפּ.“, וועלכע האָט אייגענע וויכטיגע ערפינדונגען, גע־הערט צו לודוויג (לואיס גרושעווסקי) דער זון פון דוד גרו־שעווסקי, דער לאַנג־יאָריגער קאַסירער פון דער האָראָדע־צער חברה.

לואיס לודוויג איז אויך גוט באַוואוסט צווישען די וועלכע האָבען געהאָלפען דער „הגנה“ אין די היסטאָרישע יאָרען פון 1947־48.

טייל האָראָדעצער, געוועזענע ארבייטער, האָבען דער־גרייכט צו אָנפירענדיגע פּאָזיציעס אין דער ארבייטער באַוועגונג. אזוי איז יהושע רעזניק (מתתיהו דעם פילשטשיק׳ס זוהן) שוין פאַר א סך יאָרען איינער פון די אָנפירענדיגע כוחות אין דער „פאָריער (פוטערוואַרג) יוניאָן". ער העלפט זעהר א סך אין דער אָרגאַניזירונג פון די ארבייטער ביי דעם דאָזיגען פאַך און אין דער פאַרבעסערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע.

ס׳איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען א געשעפט וואָס איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זעהר שטאַרק אַנטוויקעלט געוואָרען דורך שעפסעל׳ען (שבתיאל גרעבלאַווסקי), איינער פון די האָראָדעצער תלמידי חכמים. דאָס איז דער מסחר מיט לאָטעריי צעטלען. אין שעפסעל׳ס הויז האָט מען פאַרשפּרייט ניט נאָר צעטלען איבער גאַנץ אַמעריקע, נאָר אויך אידישע קולטור און וויסען. זאָל דער היסטאָריקער געדענקען, אַז ביי שעפסעל׳ען אין הויז האָט זיך אין יאָהר 1912 געגרינדעט די באַרימטע „יאָנג איזראַעל" אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט איצט אירע אָפּטיילונגען ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין ארץ־ישראל. א דאַנק שעפסעל׳ס קינדער: שמעון, מאַקס און בעסי, וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער אויבענדערמאָנטער אָרגאַניזאַציע, איז געשאַפען געוואָרען א נייער צוגאַנג צום אַמעריקאַנער אידישען לעבען.

שעפסיל גרעבלאָווסקי

א צווייג פון דער גרעבלאַווסקי פאַמיליע, נפתלי גאָלדבערג, געפינט זיך אין טשאַרלסטאָן, ס. ק. און ער זעצט־פאָר די טראַדיציע פון דער פאַמיליע. נפתלי גאָלדבערג נעמט זעהר אַן אַקטיווען אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און איז זעהר טעטיג אין די רעליגיעזע און קולטורעלע ארבייטען אין שטאָט.

און אין שיקאַגאָ איז אַלטער דיווינסקי זעהר אַקטיוו אין די לאָקאַלע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען.

נפתלי גאָלדבערג

צו די אָנגעזעהענע האָראָדעצער וועלכע זיינען געווען טעטיג אויף דעם אמעריקאַנער געזעלשאַפטליכען באָדן געהערט ר׳ אהרן־יאָסעל זוסעלמאַן ע״ה, איינער פון די ערשטע אידישע איינוואוינער פון האַרטפאָרד, קאָנ. ער איז אַהין געקומען אין סוף פון נייגצעהנטען יאָרהונדערט. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט רעליגיעזע און חינוך אַנשטאַלטען. א דאַנק אים איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען די תלמוד־תורה, די חברה ש״ס און חברה משניות. ער איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון די שטאָטישע אידישע אַנשטאַלטען, ווי וועד הכשרות, הכנסת אורחים א. ד. ג. אויף די עלטערע יאָרען פלעגט ער בין מנחה למעריב לערנען מיט אַן עולם אידען עין־יעקב.

ר׳ אהרן יוסף זוסעלמאַן ע״ה

אויסער וואָס ער איז געווען אַקטיוו אין אידישע זאַכען, איז זיין האַנט געווען אָפען פאַר אַלעמען, אָהן אונטערשייד פון רעליגיע. אַלע האָבען געקענט דעם באַליבטען אידען מיט׳ן צונאָמען „יבנה המקדש". אין זומער 1948 איז ער געשטאָרבען אין עלטער פון 87 יאָר.

אויפ'ן אידישען קולטור-געביט אין אמעריקע, איז זעהר אָנזעהענד הרב דר. יצחק יעקב באָסניאַק, וועלכער איז געוועזן איינער פון די נאָהענטסטע תלמי־דים פון פּראָפ. ש. ז. שעכ־טער.

הרב דר. יצחק יעקב באָסניאַק

הרב דר. יעקב באָס־ניאַק איז ראַביי פון אַ צענ־טער אין ברוקלין שוין מער ווי 25 יאָהר. ער איז אויך טעטיג אויסער די ד' אמות פון זיין צענטער מיט אַר־טיקלען און רעפעראַטען אי־בער אידישער קולטור פּראָ־בלעמען [1].

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַר־נעמט ע. בן־עזרא אין דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, ספּעציעל אויפ'ן געביט פון אידי־שער ערציהונג [2], פאָרשונג פון דקדוק און העברעאישער שפּראַך [3], און אידישען יום־טוב פאָלקלאָר [4]. ער איז אויך דער רעדאַקטאָר פון בוך „האָראָדעץ".

ע. בן־עזרא

אויפ'ן געביט פון קולטור און ערציהונג פאַרנעמט אַ בכבוד'יגען אָרט צביה גרינגלאַז. גאַנץ אָפט פּובליצירט זי אויף אי־דיש און העברעאיש קינ־דער דראַמעס, און לידער. אירע לידער הערט מען אָפט אויף דער ראַדיאָ, באַ־גלייט מיט מוזיק פון באַ־וואוסטען קאָמפּאָזיטאָר ס. גאָלוב.

צביה גרינגלאַז

אויך אין דער ענגלי־שער ליטעראַטור איז האָראָ־דעץ פאַרטראָטען: סידני שו־מאַן, ביילע מיכלע'ס אַ זון (בערעל רודעצער'ס אַן אור־אייניקעל) פלעגט שרייבען דערצעהלונגען אין פאַרשיידענע ענגלישע זשורנאַלען. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ בוך נאָוועלען. סידני שומאַן האָט ארויסגעוויזן שעהנע בעלעטריסטישע פעהיגקייטען, אָבער ער איז זעהר יונג געשטאָרבען (סוף 1946), און זיינע פעהיג־קייטען האָבען ניט דערלעבט זיך פונאַנדערצובליהען.

אויפ'ן מוזיקאַלישען געביט האָט האָראָדעץ גאָר שטאַרק מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטען.

זשאַן פּירס, דער באַרימטער טענאָר זינגער פון דער „מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא" אין ניו־יאָרק, וועלכער גיט אויך קאָנצערטען איבער גאַנץ אַמעריקע און אין אויסלאַנד, איז אַ קינד פון האָראָדעצער עלטערען.

זשאַן פּירס

זשאַן פּירס, אָדער ווי מ'האָט אים אַמאָל גערופען פּינקי (פּיניע פּערלמוטער), איז דער זון פון לוי און העניע פּערלמוטער, גאַנץ באַוואוסטע פּערזאָנען צווי־שען האָראָדעצער לאַנדס־לייט. העניע איז געוועזן אַן אייניקעל פון סענדער דעם מלמד און חיה זלאַטע די באָבע אין האָראָדעץ [5].

די ערשטע לעקציעס אין זינגען האָט פּיניע גע־נומען ביי שלום מעלניק'ען, דער בעל־תפילה פון דער האָראָדעצער שוהל, וועמען פּיניע פלעגט ארויסהעלפען אין די ימים־נוראים. און עד היום ציהט נאָך זשאַן פּירס'ן צום עמוד . . . די חזנות פעהיג־קייטען האָט ער געווים גע'ירש'נט פון זיין טאַטען, וועלכער דאַווענט נאָך עד היום אַ גאַנץ גוטען מוסף אַלע ימים־נוראים אין דער האָראָדעצער שוהל.

זשאַן פּירס, כאָטש אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען האָראָדעצער, אזוי ווי ער וואָלט דאָרט געבוירען געוואָרען, און ער איז אויך אַ מיטגליד פון דער האראדעצער חברה „ישועות יעקב", און ווען מ'דאַרף אים — איז ער דאָ סיי מיט דער האַלז און סיי מיט דער קעשענע.

אויך אין האַליוואוד איז דאָ אַן אָפּשטאַמענדיגער פון האָראָדעץ. דאָס איז וואַלטער שומאַן (סידני'ס ברודער), וועלכער שרייבט מוזיק פאַר די סצענאַריעס.

---

1) זע זיין בוך, Intercepting Jewish Life, 1944.

2) זע זיינע ביכער „ימים־נוראים", „חג הפסח", „שבועות" און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע העברעאישע פעדאגאגישע זשורנאַלען.

3) ער האָט פיל געשריבען אויף די דאָזיגע געביטען אין „בצרון", „חורב", „תלפיות" און „הדואר".

4) זע זיינע פאָלקלאָר אַרטיקלען אין „הדואר".

5) זע אַרטיקלען „סנדר דער מלמד" און „די צוויי באָבעס".

רעד.

האָראָדעץ קען אויך ניט פאַרשעמט ווערען אויפ'ן געביט פון מאָלערישער קונסט. מיר האָבען אויך אַ גאַנץ באַגאַבטען אידישען מאָלער, דאָס איז ישראל זוסמאַן (איציקל'ס זון), דער פאָרזיצענדער פון דעם האָראָדעצער בוך־קאָמיטעט און קונסט רעדאַקטאָר פון „האָראָדעץ".

ישראל זוסמאַן

י. זוסמאַן האָט געענדיגט די קייזערליכע קונסט־שולע אין אָדעס. זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע (1920), איז ער פאַרבונדען מיט ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלען, ווי אַ צייכנער און אילוסטראַטאָר.

אין 1930 איז ער געוואָרען קונסט - רעדאַקטאָר פון דער גרויסער ענגלישער צייטונג „דהי גראַפיק" און איז געווען מיט איר פאַרבונדען פאַר דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ איצט איז ער פאַרבונדען מיט איינעם פון די גרעסטע ענגלישע זשורנאַלען אין אַמעריקע.

י. זוסמאַנ'ס קונסט בילדער פון פרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט, קען מען זעהן אין רוזוועלט מוזעאום אין הייד־פאַרק, און אַ בילד פון אַלבערט איינשטיין איז אין דעם איינשטיין אינסטיטוט ביים העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים. ער האָט אויך געצייכענט סענאַטאָר וואַגנער'ס בילד, וועלכעס געפינט זיך אין סענאַט אין וואַשינגטאָן. די בילדער פון גאָווערנאָר הערבערט לעהמאַן, וואַלטער דאַמראָש, גענעראַל דאַגלעס מעקאַרטור, גענעראַל אייזענהאַוער און פון נאָך באַרימטע פערזענליכקייטען, וואָס י. זוסמאַן האָט געמאַלען, קען מען זעהן אין די אָנגעזעהנסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלען.

אויסער זיינע אויסצייכענונגען אויפ'ן קינסטלערישען געביט, נעמט ער אַ גרויסען אָנטייל אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל.

זעהר אַ פראָמינענטען פּלאַץ אין אַמעריקאַנער קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען פאַרנעמט פראָפעסאָר הערמאַן א. גריי, וועלכער לערענט ארבייטער געזעצען אין ניו־יאָרק אוניווערזיטעט. פראָפ. גריי ווערט פאַררעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע ספּעציאַליסטען אויפ'ן געביט פון אומבאַוועגליך אייגענטום. ער איז אויך איינער פון די פאַרפאַסער פון די אַרבייטסלאָזע פאַרזיכערונגס געזעצען. זעהר אָפט ווערט ער אַרויסגערופען קיין וואַשינגטאָן און אַנדערע שטעט, אַלס פאַרמיטלער אין אַרבייטער סכסוכים.

אויסער אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, איז ער אויך זעהר אָנגעזעהן אין דער אידישער געזעלשאַפט, וועלכער ער דינט מיט זיין וויסען און קענטעניש. ער איז דער פאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגענהייטען ביי דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע". אין ווינטער 1946 האָט אים די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געשיקט קיין אייראָפּע, כדי צו ברענגען יורידישע הילף פאַר די לעבענגעבליבענע אידען, זיי העלפען צוריק צוקריגען זייערע פאַרמעגענס. אין זומער 1948 האָט אים די זעלבע אָרגאַניזאַציע נאָכאַמאָל געשיקט קיין אייראָפּע צו העלפען די אידישע היימלאָזע אין די לאַגערען,


פראָפ. הערמאַן א. גרעי

אַז זיי זאָלען ניט אַרונטערפאַלען אונטער דער דייטשער השגחה.

פראָפ. גריי איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, דער זון פון ישראל אפרים און העניע גרעבלאַווסקי, אַן אייניקעל פון ר' שלום קאַסטרינסקי. זיין זיידענ'ס נאָמען איז אים גאַנץ טייער, און מיט גרויס רעספּעקט האַלט ער דעם זיידענ'ס ש"ס צווישען זיינע פאַרשיידענע אומצאָליגע געזעץ־ביכער.

האָראָדעץ פאַרמאָגט נאָך אַ פּאָר געלערנטע נאָך גאָר יונגע, אָבער זעהר אָנזיכטיג. איינער פון זיי איז דר. אברהם אַסלער, דער זון פון מענדל הערש און פייגע חיה אַסאַפּסקי.

דר. אברהם אַסלער

ער ספּעציאַליזירט זיך אין באַקטערעלאָגיע, און איז איצט דירעקטאָר פון דער סערום לאַבאָראַטאָריע אין דזשאָהן האָפּקינ'ס האָספּיטאַל אין באַלטימאָר, מערילאַנד.

אויף דעם געביט שרייבט ער אויך וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, מיט וועלכע די וויסענשאַפטלעכע וועלט רעכענט זיך גאַנץ שטאַרק.

אויפ'ן געביט פון מעדיצין צייכענט זיך אויס דר. סאול (שלמה) גלאַצער, דער זון פון יצחק און חוה גלאַצער. ער איז אַ ספּעציאַליסט דיאַגנאָסטיקער אויף אינערליכע קראַנקהייטען.

דר. סאַול גלאַצער

דר. גלאַצער האָט אויך געלייסטעט זיין גרוים קענט־ניש צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי, צו וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער אַרמיי האָט ער זיך דערדינט צום ראַנג פון לויטענאַנט-קויר־נעל.

אַן אַנדער געלערנטער איז דר. סידני שמוקלער, דער זון פון ביילע איציל׳ס.



דר. סידני שמוקלער

דר. ס. שמוקלער, אַ געענדיגטער מיט אויסצייכ־נונגען, פון וויסקאָנסין או־ניווערסיטעט, ספּעציאַלי־זירט זיך אין עקאָנאָמישע פראַגען. אויף דעם געביט האָט ער בייגעשטייערט צו פאַרשיידענע זשורנאַלען.

ער דינט איצט אַלס אַ־סיסטענט פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע אין דרייק או־ניווערזיטעט (אייאַווא), וואו ער איז זייער באַליבט.

אַן אַנדער באַגאַבטער יונגערמאַן פון האָראָדעץ איז שלמה גרעין (גאַראַין) — דער זוהן פון ר׳ מרדכי גרינבערג. ער איז געקומען קיין אַמעריקא אַ גאַנץ יונגער אינגעל, און האָט דאָ דערגרייכט צו ענדיגען יוריספּרודענץ און אויך דעם העברעאישען לערער סעמינאַר „הרצליה״. ער איז געווען איינער פון די „מיסיאָנערען״ פון העברעאיש אין אַמעריקא און איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם העב־רייאישען טעאַטער „פּרגוד״ אין אַמעריקא.

וועלענדיג זיך פאַרפולקאָמען אין העברייאיש איז שלמה גרעין געפאָרען זיך לערנען אין ירושלים׳־ער אוניווערזיטעט. אין ארץ ישראל האָט ער אויפ־געטראָטען גאַנץ אָפט אין העברייאיש אויף דער ראַדיאָ „קול ירושלים״.

שלמה פ. גרעין

צוריקקומענדיג קיין אַמעריקא, גיט זיך שלמה גרעין אָפּ מיט זיין פּראַק־טיק אַלס אַדוואָקאַט. ער העלפט אויך אַרוים מיט זיינע יורידישע עצות דעם „האָראָדעצער בוך־קאָמיטעט״ — פאַרשטייט זיך שלא על מנת לקבל פּרס.

האָראָדעצער שפּאַרען אויך אָן אין דרום אַמערי־קע. אויך אין דער הייסער אַרגענטינע, נעמען זיי אַ גאַנץ טיכטיגען אָנטייל אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי משה ווינאָגראַד (חיים ניסל׳ס זון) און אברהם טשערניק (אריה׳ס און שפרה׳ס זון) אין בוע־נאָס־איירעס.



משה ווינאָגראַד

מ׳מוז דאָ באַמערקען, אַז משה ווינאָגראַד איז איי־נער פון די איניציאַטאָרען אַרויסצוגעבען דעם בוך „האָראָדעץ״. בשעת זיין באַזוך אין ניו-יאָרק, אין זומער 1946, איז אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס אַרויסצוגעבען אָט דעם בוך — אַ חלום וואָס איינינגע האָראָדעצער האָבען געחלומ׳ט במשך פון איינינגע יאָהר צו פאַראייביגען האָראָדעץ אין דער אידישער גע־שיכטע.

אויך געפינען זיך אונזערע האָראָדעצער לאַנדסלייט אין אורוגוואַי, פּאַראַגוויי, בראַזיל און אין די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וואו זיי נעמען אַ גאַנץ שיינעם אָנטייל אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען.

„חברה ישועות יעקב אונטערשטיצונגס פאראיין אנשי האָראָדעץ"

פון חיים גרעבלאָווסקי

דער גרויסער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע פון רוסלאַנד נאָך אַמעריקע אין די לעצטע יאָרען פון דעם ניינ־צענטען יאָרהונדערט, האָט אויך ניט אויסגעלאָזט אונזער שטעטל האראָדעץ. פילע פון די אָרימע איינוואוינער פון האראָדעץ און פון די דערפער אַרום האראָדעץ, ניט זעהענדיק פאַר זיך קיין עקאָנאָמישען צוקונפט, האָבען גענומען אויס־וואַנדערען קיין אַמעריקע. נאַטירלעך דער ערשטער אָפּשטעל איז געווען ניו־יאָרק. א סך זיינען געקומען אַהער מיט דער האָפענונג צו פאַרדינען אַביסעל געלט און פאָרען אַהיים, און פּרובירען זייער מזל מיט דעם געלט אין דערהיים. די מערסטע פון דיזע אידען זיינען אָבער געבליבען אַנטוישט ווען זיי זיינען צוריק געפאָרען אַהיים קיין האראָדעץ. עס האָט ניט גענומען זייער לאַנג, און מיט דעם לעצטען ביסעל געלט זיינען זיי צוריקגעפאָרען קיין אַמעריקע.

אַנדערע אידען זיינען אָבער גלייך געקומען קיין אַמעריקע מיט דעם געדאַנק צו אָנקלייבען אַביסעל געלט און שיקען נאָך זייערע פאַמיליעס. און אין דעם יאָר 1902 איז שוין דאָ געווען אַרום 50־60 פאַמיליעס פון האראָדעץ און אומגעגענט. פילע פון די לאַנדסלייט האָבען שוין באַלאַנגט צו פאַרשידענע סאָסייעטיס פון אַנדערע נאָהענטע שטעטלעך, ווי קאָברין, אַנטיפּאָליע, דראָהיטשין א. אַ. וו. די מערסטע אָבער האָבען אין ערגעץ ניט באַלאַנגט. און אזוי האָט, נאַטירלעך פּאַסירט , אז ווען אייניגע לאַנדסלייט האָבען זיך



ר׳ יהודה לייב גרעבלאָווסקי

צוזאַמען געטראָפען אין גאַס אָדער ביי אַ לאַנדסמאַן אין הויז, איז מען אימער אַרויפגעקומען אויף דעם געדאַנק אַז מען דאַרף האָבען אַ האראָדעצער סאָסייטי. אַממערסטען פלעגען זיך די לאַנדסלייט צוזאַמענטרעפען ביי ר׳ יהודה לייב גרעבלאָווסקי ע"ה, וואָס האָט דאַן געוואוינט מיט זיין פאַמיליע אין 36 עסעקס סטריט. כמעט יעדען שבת נאָך מיטאָג, נאָכ דעם ווי מען פלעגט זיך דורכרעדען וועגען די פּאַסירונגען פון דער וואָך, און וואָס מען שרייבט פון דער היים, אָדער וועלכע אידען זיינען געקומען די וואָך פון האראָדעץ, אָדער וועלכע האַלטען אין פאָרען א„היים", איז דער געשפּרעך באַלד אַריבער וועגען אַ סאָסייעטי. און אזוי האָט פּאַסירט אַז אין א געוויסען שבת, אין הויז פון יהודה ליב גרעבלאָוו־סקי, וואו עס האָבען זיך צוזמענגעקליבען אַ היבשע צאָל לאַנדסלייט, איז צווישען זיי באַשלאָסען געוואָרען צו פאַרופען אַ גרויסען מיטינג אויף דעם קומענדיגען שבת אָוועגד אין דער שול פון דער „יוראָפּייער פּיינטערס פעראיין" וואו ר׳ יהודה לייב גרעבלאָווסקי האָט באַלאַנגט, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט זיין „חדר". די שול איז געווען אויף נאָרפאָלק סטריט. דאָס איז געווען אין הערבסט 1902. דאַן ביי יענעם מיטינג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדען אַ האָראָדעצער סאָסייעטי. עס האָבען זיך גלייך פאַרשריבען 36 לאַנדסלייט און איינגע־צאָלט צו 1 דאָלאַר. גלייך נאָכדעם האָט זיך אויפגעהויבען די פראַגע וועגען אַ נאָמען און דער ציל פון אַזאַ סאָסייעטי. די מערסטע מיטעליעריקע און עלטערע אידען, פון וועלכע שמעון פאָרטנאָי איז געווען דער אָנפירער, האָבען געהאַלטען אז דער הויפּט צוועק איז צו האָבען א שול און סעמעטערי (בית־הקברות) און אלע אַנדערע בענעפיטען זיינען ניט נויטיק. דאַרף מען דעריבער רופען דער סאָסייעטי „חברה ישועות יעקב אנשי האראָדעץ", אָבער די אינגערע עלעמענטען פון וועלכע דער אָנפירער איז געווען דער שרייבער פון די שורות, דער זון פון ר׳ יהודה ליב גרעבלאָווסקי, האָבן אַרגומענטירט, דאָס זיי האָבען ניט דאַגעגען אַז מען זאָל האָבען אַ שול, אָבער דאָס זאָל ניט זיין דער איינציקער צוועק. אַ וויכטיקער ציל זאָל זיין צו האָבען קראַנקען־בענעפיט און פאַרשידענע אַנדערע בענעפיטען, און דעריבער דאַרף דער נאָמען זיין „האראָדעצער פאראיין", און אויב ניט, האָבען די אינגערע געסטראַשעט, צו פארלאָזען דעם מיטינג און גרינדען א באַזונדערען פאַראיין. דאַן האָט גענומען דאָס וואָרט ר׳ שבתי גרעבלאָווסקי, און האָט ערקלערט אַז אויב דאָס זאָל פּאַסירען וועט ניט זיין ניט קיין חברה און ניט קיין פּאַראיין, ווייל עס

וועט ניט זיין גענוג מיטגלידער פאַר ביידע סאָסייעטיס, האָט ער, דעריבער פאָרגעשלאָגען, אַז אום צופרידענצושטעלען ביידע צדדים זאָל די סאָסייעטי שטעלען פאַר זיך דעם ציל אַז עס זאָל מיט דער צייט איינגעפירט ווערען פאַרשידענע בענעפיטען ווי אין אַלע אַנדערע פאַראיינען, און דער נאָמען זאָל זיין „חברה ישועות יעקב אונטערשטיצונגס פאַראיין אנשי האָראָדעץ". אמת טאקע אַ צו לאַנגער נאָמען, אָבער אַלס אַ פשרה האָבען אַלע צו דעם נאָמען צוגעשטימט.

מען האָט אויך גלייך געמאַכט וואַלען פאַר בעאַמטע, ס'זיינען ערוועלט געוואָרען שמעון פאָרטנאָי אַלס פּרעזידענט. וויס־פּרעזידענט — שמחה דובין, פינאַנס־סעקרעטאַר — מיכאל קופּער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר — חיים גרעבלאָווסקי, און אַזוי שנעל ווי אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער גרינדונג פון אַ האָראָדעצער סאָסייעטי האָבען פילע צו יעדען מיטינג זיך פאָרגעשלאָגען אַלס מיטגלידער.

באַלד האָט די סאָסייעטי געדונגען אַ שול אויף אָרטשארד סטריט, און אויך געקויפט סעמעטערי אויף „מאונט זייאָן סעמעטערי". אין אַ קורצע צייט אַרום איז אַ קאָמיטע באַ־שטימט געוואָרען אויסצואַרבייטען אַ „קאָנסטיטושאָן" (קאָנ־סטיטוציע).

די קאָנסטיטושאן האָט באַזאָרגט פילע בענעפיטען פאַר די מיטגלידער, ווי קראַנקען בענעפיט. אַ ביקור חולים פאָנד, 1 דאָלאַר „קאָפּ"־געלד צו דער פאַמיליע פון פאַרשטאָרבע־נעם מיטגליד. ווי אויך פאַרשידענע אַנדערע גרעסערע און קלענערע בענעפיטען.

עס איז צום באַדויערען וואָס די ביכער פון די ערשטע 14 יאָר זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען, וואַרשיינלעך אַריבער־גייענדיק פון איין שול צו אַ צווייטער, קען מען דעריבער ניט פאַרשרייבען דעם גאַנג און וואַקסען פון דער חברה מיט פולע איינצעלהייטען, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט דעם שרייבער פון דיזע צייל‍ען, און ער מוז זיך פאַרלאָזען אויף זיין זכרון. אָבער אַזוי ווי עס איז שוין אַוועק 45 יאָר פון דער גרינדונג, איז דעריבער אוממעגלעך צו געדענקען אַלעס. און אַ סך ערשטע פּאַסירונגען ווערען דורכדעם פאַרלאָרען.

אין קורצען קען מען אָבער זאָגען אַז די האָראָדעצער חברה איז געווען אַן ערפאָלג פון דעם ערשטען טאָג אָן, אַ דאַנק די איבערגעגעבענהייט פון די מיטגלידער. און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין געווען מער ווי הונדערט מיטגלידער, און די צאָל האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען. יעדער ניי־אַריבערגעקומענער אימיגראַנט האָט זיך געפילט שטאָלץ אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסעל איינגעאָרדענט, איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס מיטגליד אין דער האָראָ־דעצער משפּחה. און מיט יאָרען שפּעטער ווען די אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבען די מיטגלידער אָנגעפאַנגען אַריינעמען זיהן, איידעמס, און שוואָגערס אין דער חברה, פילע וועלכע זיינען שוין געווען געבאָרענע אַמעריקאַנער.

פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה איז שוין געווען נאָענט פון דריי הונדערט מיטגלידער. מיט דעם גרויסען וואוקס פון דער חברה איז אויך צוגעקומען אַלץ נייערע און גרעסערע בענעפיטען פאַר די מיטגלידער. דער סיסטעם פון צאָלען „קאָפּ־געלט" איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט געוואָרען, און אַנשטאַט דעם איז איינגעפירט געוואָרען איין ענדאָומענט פאָנד, פון וועלכען מען צאָלט צו פאַמיליעס פון פאַרשטאָרבע־נע מענער $200, און $100 צו אַ מיטגליד פאַר זיין פאַר־שטאָרבענער פרוי, $84 אַ יאָר ווערט געצאָלט קראַנקען בענעפיט..

מיר האָבען אויך ביקור־חולים פאָנד פון וועלכען מיר העלפען נויט־באַדערפטיקע און קראַנקע מיטגלידער נאָכדעם ווי זיי נעמען אָפּ זייער קראַנקען בענעפיט. מיר האָבען אויך איין „עמוירדזשענסי דיוס לאאן פאָנד", דאס איז געמאַכט געוואָרען, אַז ווען עס פאַסירט אַז אַ מיטגליד קען אַמאָל ניט באַצאָלען זיינע דיוס אין צייט קען ער זיך באַנוצען מיט דעם פאָנד, עס הייסט אַז ער לייהט פון דעם פאָנד ביז וואַנען ער וועט קענען צוריק באַצאָלען. אָבער דאָס איז פאַרשטאַנען גע־וואָרען גלייך פון אָנפאַנג, אַז מען זאָל דעם באַטרעפענדען מיטגליד קיינמאָל ניט מאָנען די געלט, סיידען ער באַצאָלט אַליין.

מיר האָבען אויך איינגעפירט איין „אָלד עידזש פאָנד". דער צוועק פון דעם איז, דאָס ווען אַ מיטגליד וואס איז 70 יאָר אַלט און האָט שוין באלאנגט צו דער סאָסייעטי 30 יאָר און מעלדעט זיך אַז עס איז אים שווער צו צאָלען די דיוס, ווערט פון אים אַרונטער גענומען די דיוס צאָלונגען אויף אַלעמאָל. אויסער וואָס ער דאַרף צאָלען פאַר דעם ענדאוּמענט פאָנד.

מיר באַלאַנגען אויך צו דער „דעבארא סאַניטאַריום" פאַר שווינדזיכטיקע וואָס געפינט זיך אין בראַונס מילס, ניו־דזשוירזי, וואו מיר צאָלען יערליכע דיוס, און וואו מיר האָבען פאַר אַ גרויסע סומע געלט געקויפט אַ בעט אויף דעם נאָמען פון דער סאָסייעטי, און וואו קראַנקע מיטגלידער זיינען פון דער סאָסייעטי אַהין אַוועקגעשיקט געוואָרען, און זיינען פון דאָרט צוריקגעקומען געזונטע. מיר באַלאַנגען אויך צו דעם „האָספּיטאַל און היים פאַר אונהיילבארע", וואָס געפינט זיך אין ברוקלין, וואו מיר צאָלען אַ יערלעכע בייטראַג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבען מיר איבער־געשיקט קיין האָראָדעץ טויזענטער דאָלאַרען צו העלפען אונזערע פאַראומגליקליכטע ברידער.

וואָס אנבעלאַנגט שטיצע פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, טוען מיר דאָס אויף אַזוי פיל וויפעל אונזערע קרעפטען ערלויבען אונז. מיר שטיצען יערלעך די „האיאס" און צענדליגע אַנדערע קלענערע און גרעסערע אָר־גאַניזאַציעס וואָס טוען געזעלשאַפטליכע און אידישע הילפס־אַרבייט.

אין יאָר, 1947, האָבען מיר געגעבען 1000$ צו דער „יו־נייטעד דזשואיש אַפּיל״. און אין יאָר, 1948, האָט אונזער חברה אויך געגעבען קרוב צו 1000$ צו דער י. דז. אַ. און אַן אַמבולאַנס פאַר דער „הגנה״. און היינטיגס יאָהר, 1949, האָט זיך די חברה אונטערגענומען שאַפען געגוג געלט צו בויען צוויי הייזער אין ארץ־ישראל פאַר אונזערע געראַטע־וועטע אידען. און אַ גוטע התחלה איז שוין געמאַכט געוואָרען.

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז פאַר פילע יאָהרען האָט די חברה געהאַט אַ ליי־און־שפּאָר קאַסע, („שערם״), וועלכע האָט זעהר אַ סך געהאָלפען די האָראָדעצער לאַנדסלייט. דער בוכהאַלטער פון דער דאָזיגער קאַסע איז געווען יעקב הערש קאַפּלאַנסקי, אהרן איטשע לייזער׳ס זוהן.

אַ דאַנק זיינע ידיעות אין בוכהאַלטעריע און זיין ערליכ־קייט און איבערגעגעבענהייט צו דער חברה איז ער געווען איהר סעקרעטאַר ביי אַ 25 יאָהר. ביז וואַנען ער איז געשטאָר־בען אין יוני, 1938.

דאָ זיינען די נעמען פון די יעצטיקע באַאַמטע:

פּרעזידענט:	ב. גאָלדבערג.
וויצע־פּרעזידענט:	משה עפּעלבוים.
פינאַנץ־סעקרעטאַר:	מ. קאַפּלאַן.
פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר:	משה רובינשטיין
קאַסירער:	בעני פאלעווסקי
ערשטער טראָסטי:	יונה שמואל באָסניאַק
צווייטער:	ה. ערליך.
דריטער:	אברהם באנטשוק.
פערטער:	עזרא בירנבוים.
אינער-וואַך:	יוסף קורין.
האָספּיטעלער:	מאַקס באָסניאַק
גבאים:	אהרן רעזניק און משה ערליך.

דאָ גיב איך די נעמען פון די פּרעזידענטען וועלכע זיינען געווען די אָנפירער פון דער חברה פון ערשטען טאָג פון איר גרינדונג ביז היינט צו טאָג:

שמעון פארטנאי	משה ערליך
שמואל דובין	יוסף ראזענבאום
אליהו גרושעווסקי	אריה ליב טשערנאווסקי
אברהם באָגוס	חיים גרעבלאווסקי
חיים שמעון פארטנאי	בעני גאלדבערג
דוב דובין	

אַן אַמבולאַנס וואָס די האָראָדעצער חברה „ישועות יעקב״ האָט געגעבען פאַר דער „הגנה״ אין 1948.

פון רעכטס צו לינקס: דוד גאָלדפאַרב, משה עפּעלבוים, אריה לייב טשערניאווסקי, מאָטעל קאַסטרינסקי, זלמן כהן, יונה הויזמאַן, הרב מרדכי גרינבערג און משה ערליך.

„יונג האָראָדעץ"

פון בנימין ש. זוסמאַן

מיט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די עמיגראַציע נאָך אַמעריקע פּאַקטיש אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. און צוליב דעם איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען די הילף וואָס מ'פלעגט באַקומען פון פריינד און אייגענע פון אַמעריקע. די עטליכע מלחמה יאָהרען זיינען געווען שווערע און ביטערע. און טאָקע באַלד ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען כמעט אַלע געהאַט איין פאַרלאַנג: צו אַנטלויפען, — אַנטלויפען פון דעם אָרימען שווערען לעבען, אַנטלויפען פון די שרעקליכע טעג און נעכט וואָס מען האָט געהאַט אויסצושטיין פון די אַלע באַנדעס, ווי די פּעטלוראָווצעס און די מאַכנאָ'ס. מען האָט זיך געשראָקען פאַר'ן היינט און מען האָט ניט געוואוסט וואָס דער מאָרגען וועט ברייגען. די איינציגע האָפנונג איז געווען — אַמעריקע. אַלע האָבען געטאָן וואָס נאָר זיי האָבען געקענט כדי אַוועקצופאָרען קיין אַמעריקע. קומענדיג אַהער האָט מען נאַטירליך געהאַט אַביסעל שוועריגקייטען זיך „אויסצוגרינען". אַ פרעמד לאַנד, אַ נייע שפּראַך, אינגאַנצען אַ נייער סאָרט לעבען; מ'לויפט, מ'יאָגט זיך, מ'פאָרט אונטער דער ערד, און אויף די הייזער.

מ'פלעגט זיך אָפט טרעפען מיט די אַריבערגעקומענע האָראָדעצער חברים. מ'פלעגט רעדען וועגען דער אַלטער ליבער היים וואָס מ'האָט געמוזט פאַרלאָזען, און וועגען דער נייער היים מיט דעם נייעם סאָרט לעבען וואָס מ'האָט מיט ליבע אָנגענומען. אָפטמאָל פלעגט מען אויך געהן צו דער האָראָדעצער חברה, זיך טרעפען מיט אַלטע לאַנדסלייט וואָס מ'האָט געקענט, אָדער געדענקט. אָבער אין דער האָראָדעצער חברה האָבען זיך זייער ווינציג יונגוואַרג אָנגעשלאָסען. מ'האָט דאָרטען ניט געפונען אָט די וואַרימע חבר'שע אַטמאָספערע וואָס וואָלט צופרידענגעשטעלט די נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע.

עס האָט זיך עפּעס געביינקט, געביינקט צו האָבען אַ פלאַץ וואו די „גרינע" זאָלען זיך קענען צוזאַמענקומען און פאַרברייגען אויף אַ היימיש־געמיטליכען אופן, און מ'זאָל זיך ניט דערווייטערען און פאַרפרעמדען צו שנעל.

זעהענדיג ווי אַנדערע אַריבערגעקומענע פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך זיינע אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע פאַראיינען, חברות און קלובען, האָבען די ניי־אַריבערגעקומענע האָראָדעצער פשוט מקנא געווען זייערע באַקאַנטע פון אַנדערע שטעטלאַך, וואָס זיינען אויך געווען „גרין" ווי זיי. הכלל, די „גרינע" האָבען זיך צוזאַמענגערעדט אַז מ'זאָל גרינדען אַ קלוב. געהאָלפען אין דער אַרבייט האָבען צוויי אַמעריקאַנער לאַנדסלייט: יודל זוסמאַן און דר. י. פאַרבער.

דעם 14־טען יאַנואַר, 1923, איז פאַררופען געוואָרען די גרינדונגס פאַרזאַמלונג אין דר. פאַרבער'ס הויז. און מ'האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַ קלוב אונטער'ן נאָמען „יונג־האָראָדעץ". די פאַרזאַמלונג האָט דערוויילט אַן עקזעקוטיווע פון די פאָלגענדע ניין חברים: צביה גרינגלאַז, רבקה דיינעס, יודל זוסמאַן, ישראל זוסמאַן, בנימין ש. זוסמאַן, ישעיהו עלמאַן, דר. י. פאַרבער, שרה רודין און מנשה שוואַרץ. מ'האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבייט מיט גרויס ענטוזיאַזם, און געטאָן וואָס נאָר מ'האָט געקענט כדי צו מאַכען אין „יונג־האָראָדעץ" אַ פלאַץ פאַר אַלע וועלכע ווילען זיך אָנשליסען. מ'האָט אויסגעאַרבייט אַ קאָנסטיטוציע, אַרויסגענומען אַ טשאַרטער און „יונג־האָראָדעץ" איז געוואָרען אַ געזעצליכע אָרגאַניזאַציע. די הויפּט פּרינציפּען פון קלוב זיינען געווען פאָלגענדע: 1) דער קלוב האָט ניט געטאָרט טראָגען קיין פּאָליטישען כאַראַקטער. 2) צו האָבען אַ פּלאַץ וואו אַלע אַריבערגעקומענע האָראָדעצער און זייערע פריינד זאָלען זיך צוזאַמענקומען און זיך פילען היימיש. 3) צו שאַפען געלט דורך פאַרשידענע אונטערנעמונגען און שיקען קיין האָראָדעץ צו די יעניגע וועלכע נויטיגען זיך אין הילף.

כדי צו רעאַליזירען די אויבענדערמאָנטע פּרינציפּען פלעגען אַראַנזשירט ווערען קולטורעלע אָוונדען און דיסקוסיעס וועגען פאַרשידענע פראַגען.

אין די ערשטע צייט ווען מ'האָט נאָך קיין געלט ניט געהאַט, פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אין דר. פאַרבער'ס הויז. און ווען אין דער קאַסע זיינען שוין געווען עטליכע דאָלאַר, האָט מען געדונגען קלוב־צימערען אויף דילענסי גאַס, און מ'איז געווען מיט לייטען גלייך.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז מ'האָט איינמאָל דורכגעפירט אַ באַל אין אַ האָל, דאַן־טאַון, און ס'זיינען געקומען אַזוי פיל מענשען, אַז איניגע האָבען, פּשוט, ניט געקענט אַריין. פון יענעם אָוונד האָט מען געהאַט אַ ריינעם רווח פון 200 דאָלאַר, און גלייך האָט מען אַוועקגעשיקט קיין האָראָדעץ אַרום 150 דאָלאַר. מ'האָט אויך דורכגעפירט חנוכה־ און פּורים־אָוונדען מיט הומאָריסטישע זשורנאַלען. אויך פלעגט מען האָבען רעפעראַטען. עקיבא בן־עזרא, דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיגען בוך, האָט איינמאָל געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען דעם גרויסען אידישען געלערנטען דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ, וועלכער שטאַמט פון האָראָדעץ. אונזער לאַנדסמאַן מר. וו. שומאַן פלעגט גאַנץ אָפט מהנה זיין מיט זיין פידעל שפּילען.

דער קלוב איז אויך פּאָפּולער געוואָרען צווישען די לאַנדסלייט פון די אַרומיגע שטעט און שטעטלאַך, ווי קאָברין אַנטיפּאָליע און פּרוזשינע. „יונג־האָראָדעץ" איז געוואָרען ווי

א צוציהונגס־קראפט פאר די אלע יונגע בחורים און מיידלאך פון די אויבעדערמאנטע שטעט. מ׳פלעגט אויך אראנזשירען זומער אויספלוגען. מען האט געדונגען קלוב־צימערען אין קוני־איילאנד,, און אזוי ארום געגעבען א מעגליכקייט צו די דאמאלסדיגע ניי־ אריבערגעקומענע יונגווארג זיי זאלען האבען א פלאץ וואו צו קומען אין די הייסע זומערדיגע טעג זיך אפקיהלען, און זיין אין א ווארימע חבר׳שע אטמאספערע.

ס׳איז ווערט צו דערמאנען די חברים וועלכע זיינען געווען צייטענווייז אין דער עקזעקוטיווע פון „יונג־האראדעץ״: יודל מ. זוסמאן, דר. י. פארבער, בנימין ש. זוסמאן, צביה גרינגלאז, שרה רודין, רבקה דיינעס, מנשה שווארץ, ישראל זוסמאן, ישעיהו עלמאן, דוד קאפלאן, יוסף פארבער, מנשה רודין, ט. וואליניעץ, און יהושע רעזניק, (אויב א נאמען איז אויסגעלאזען געווארען — וועט מען אונז געווים ענטשולדיגען, ווייל ניט אלע נעמען קען מען געדענקען).

מיט רעכט קען מען זאגען אז כמעט די גאנצע ארבייט און פאראנטווארטליכקייט פון „יונג־האראדעץ״ איז אנגעפירט געווארען פון בלויז עטליכע חברים, און א דאנק זייער איבערגעגעבענער ארבייט האט דער קלוב עקזיסטירט. דאס זיינען געווען די חברים: דר. י. פארבער, דוד קאפלאן, יהושע רעזניק, מנשה שווארץ, און בנימין ש. זוסמאן.

נאך אן עקזיסטענץ פון עטליכע יאהר, האט דער קלוב אנגעהויבען שוואכער ווערען. איינציגע חברים האבען חתונה געהאט, און האבען קיין צייט געהאט זיך אפגעבען מיט׳ן קלוב. אנדערע זיינען ארויס געפאהרען פון ניו־יארק א. ד. ג.. די קאסע האט זיך אויסגעליידיגט, די צאהל חברים איז געווארען קלענער, און נאך עטליכע יאהר פון פונקציאנירונג האט זיך „יונג־האראדעץ״ צום גרויסען באדויערן, געמוזט אויפלייזען.

דער טשארטער פון קלוב איז נאך דא. איז אפשר א סברה אז מ׳זאל צוריק אויפלעבען „יונג־האראדעץ״? כדאי זיך ארייטראכטען אין דעם.

האראדעצער „ליידיס אוקזילערי״

פון פייגל גרינבערג

די דאזיגע ארגאניזאציע האט זיך געגרינדעט אין פעברואר, 1937. דער צוועק איז געווען צו געבען הילף פאר האראדעץ. דער געדאנק פאר אזא נויטווענדיגקייט האט געשוועבט אין דער לופטען פאר פילע יארען. עס זיינען ערהאלטען געווארען פון האראדעץ בריוו, אין וועלכע מ׳האט געשילדערט די גרויסע נויט און ארימקייט, און גערופען נאך הילף. דער רוף האט געהאט אן אפקלאנג אין די הערצער פון פילע מיטגלידער פון דער „חברה ישועות יעקב״, און עס איז ארויפגעשוואומען דער פלאן פון גרינדען א ליידיס אוקזיליערי.

די ערשטע גרינדונגס־פארזאמלונג איז פאררופען געווארען דורך מר. משה עהרליך, צו וועלכע עס זיינען געקומען צוואנציג פרויען. עס זיינען אויסגעוויילט געווארען די פאלגענדע באאמטע: מרס. אסתר איידעלמאן—פארזיצערין; מרס. שרה עהרליך—וויצע־פארזיצערין; מרס. בערטהא וואליניעץ—קאסירערין; מיס בעסיע גראבלאווסקי — סעקרעטאר; מרס. איידע הויזמאן — טראסטי. אין א קורצער צייט האבען זיי געשאפען גענוג פאנדען צו פארווירקליכען זייער צוועק: האבען גלייך געשיקט קיין האראדעץ פינף הונדערט דאלאר אויף צו גרינדען דארטען א גמילות חסדים, געשיקט יעהרליך מעות חטים אויף פסח, נדבות צו יחידים, און אויסגעטיילט הילף צו ניו־יארקער אינסטיטוציעס און יחידים.

אין יאר 1946, האט די „ליידיס אוקזיליערי״ געגעבען דעם „יונייטעד דזשואיש אפיל״ דריי הונדערט דאלאר פאר אויסהאלטען א יתום אין אייראפע.

נעמענדיג אין אנבאטראכט די קליינע צאל חברות האט די „ליידיס אוקזיליערי״ אויפגעטאן זעהר א סך פאר די לעצטע צעהן יאר פון איר עקזיסטענץ.

די איצטיגע באאמטע זיינען די פאלגענדע: משה ערליך — פרעזידענט; מרס. בלומע גאלדבערג — וויצע־פרעזידענט; מרס. בערטהא וואליניעץ — קאסירערין (לעצטענס האט עס איבערגענומען מרס. איידא עפעלבוים); מרס. איידא הויזמאן — טראסטי; מרס. פייגל גרינבערג — סעקרעטארין.

די באאמטע מיט אלע חברות, וועלכע ציילען איצט פופציג, זיינען איבערגעגעבען צו זייערע אויפגאבעס, זיי מאכען אפטע אונטערנעמונגען און ברענגען אריין נייע חברות. זיי ווייסען אז זיי טוען אן ערהאבענעם טאט, מיט וועלכען זיי שטאלצירען, און די „ליידיס אוקזיליערי״ ווערט וואס ווייטער פארגרעסערט און מאכט פארטשריט.

אין איצטיגען מאמענט, ווען צום באדויערען, האראדעץ איז אפגעמעקט און עקזיסטירט שוין מער ניט פאר אונז אידען, איז די גאנצע טעטיגקייט פון דער „ליידיס אוקזילערי״ אנגעווענדעט צו העלפען די אייראפעאישע אידען, יתומים, ארץ־ישראל, ניו־יארקער אינסטיטוציעס און יחידים. דאס אלעס איז דרינגענד נויטווענדיג און די שוועסטער זיינען אנטשלאסען צו פארזעצען זייער הייליגע ארבייט.

האָראָדעצער אין רוסלאַנד

פון א. האָראָדעצער

מיט אַ 80־70 יאָר צוריק זיינען די רוסישע שטעט ווי קיעוו, יעקאַטערנאָסלאַוו, אָדעס אָדער באַקו ניט נאָר געווען ווייט פאַר דעם האָראָדעצער איד אין דיסטאַנץ — נאָר אויך אין באַגריף. צו פאָרען אין איינער פון די דאָזיגע שטעט האָט פאַר אַן האָראָדעצער אידען געמיינט זיך אָפּגעזעגענען מיט ווייב און קינדער, מיט די שטעטעלדיגע טראַדיציעס, איבערלאָזען דעם טלית און תפילין, פאַרביי־טען דעם נאָמען אויף רוסיש, גיין אָנגעטאָן ווי אַ גוי, רחמנא ליצלן, און זיך פירען ווי אַ פּאַניע.

און דאָך זיינען געווען אייניגע האָראָדעצער, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען אָט די אַלע חומרות, און גע־בליבען אידען ווי אַלע אַלט־געזעסענע האָראָדעצער, און פון זיי איז קיין האָר ניט געמינערט געוואָרען. אָבער אין גאַנצען פאַרלאָזען האָראָדעץ האָבען זיי ניט געקענט. האָראָ־דעץ האָט זיי געצויגען, און לכל־הפחות איינמאָל אַ יאָר פלעגען זיי קומען צו ווייב און קינדער, אריינגעמען אין זיך האָראָדעצער לופט, כדי עס זאָל קלעקען אויף אַ גאַנץ יאָר.

איינער פון די דאָזיגע אידען איז געווען הלל, דער שפּעטערדיגער גבאי פון דער חברא קדישא, וועלכער פלעגט אַוועקפאָרען קיין קיעוו אויף אַ גאַנץ יאָר, און קומען אַהיים נאָר אויף פסח. אזוי האָט ער זיך געפירט אייניגע יאָר, ביז וואַנען ער איז צוריקגעקומען צו זיין „שורש", און ווייטער געוואָרען אַ האָראָדעצער. אַ שטיקעל זכר פון קיעוו איז אים נאָך געבליבען, דאָס איז די רוסישע היטעל, וואָס ער פלעגט אָנטאָן ביים שאַרען שניי ווינטער און קע־רען דעם „פּאַדוואָר" (הויף) זומער.

וואָס האָט הלל געטאָן אין קיעוו? מ'זאָגט אז ער איז דאָרטען געווען אַ פריקאַזשציק (אַן אָנגעשטעלטער) אין אַ קראָם.

ווי אַזוי קומט הלל קיין קיעוו? ווי ס'זעט אויס האָט ער דאָרטען געהאַט קרובים פון זיין פרוי'ס צד, וועלכע האָבען געשטאַמט פון די מאַזורסקי'ס, און דאָס איז געווען די סיבה פון זיין פאָרען קיין קיעוו.

ווי עס זעט אויס האָט די מאַזורסקי פאַמיליע געהאַט אין זיך עפּעס געוואַגטעס, וועלכע האָט זיי ניט געלאָזט איינ־זיצען אויף אַן אָרט און אויסלעבען זייערע יאָרען אין האָ־ראָדעץ.

אַן אַנדער צווייג פון דער משפּחה, אהרן שמואל, חנה פעלטע'ס מאַן, פלעגט אַ גאַנץ יאָר טאָן געשעפטען אין פּאָלטאַווא און איינמאָל אַ יאָר קומען קיין האָראָדעץ. ווען אַהרן שמואל פלעגט קומען אויף אַ יום־טוב, איז ער געווען דער זעלבער קאַרלינער חסיד, אָנגעטאָן אין קאַפּטאָן, פאַר־גאַרטעלט מיט אַ גאַרטעל, אַזוי ווי די גרויסע שטאָט וואָלט אויף אים קיין ווירקונג ניט געהאַט.

אהרן שמואל'ען און זיין משפחה האָט געצויגען די גרויסע שטאָט, און צום סוף זיינען זיי אַוועקגעפאָרען קיין באַקו צו אהרן שמואל'ס ברודער, דעם באַוואוסטען אויל־מאַגנאַט חיים כהן. אהרן שמואל, ווייזט אויס, האָט אין באַקו געהאָלפען אַנטוויקלען דעם ברודער'ס אויל־קוואַלען.

מיט יאָרען שפּעטער זיינען אַהין אויך אַרויסגעפאָרען זייערע קרובים, מאָטיע הלל'ס קינדער מיט זייערע משפחות.

אויך פון דער צווייטער באַוואוסטער משפחה, פון די קאַסטרינסקי'ס, וועלכע האָט אויך געהאַט אין זיך ברויזענדע בלוט, האָט פאַרלאָזען האָראָדעץ. דאָס זיינען געווען מאָטיע איציק'ס טעכטער, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין יעקאַ־טערינאָסלאַוו, און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, צוגעצויגען אַנ־דערע טיילען פון די קאַסטרינסקי'ס. דאָך איז די עמיגראַ־ציע קיין רוסלאַנד ניט געווען גרויס. מ'האָט חתונה גע־האַט, געבוירען קינדער, געלעבט און געשטאָרבען אין האָ־ראָדעץ.

אין 1915, ווען דער דייטש האָט זיך דערנעהענטערט צו האָראָדעץ, האָט דער עולם האָראָדעצער אָנגעהויבען אויסזוכען אַ ווייטען קרוב אָדער אַ קרובה צו וועמען מ'קען אַנטלויפען. ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די עמיגראַ־ציע קיין טיף רוסלאַנד, און וואָס ווייטער פון האָראָדעץ אַלץ בעסער. כמעט מער ווי אַ העלפט פון די האָראָדעצער איינוואוינער איז אַנטלאָפען קיין טיף רוסלאַנד, און אַ סך פון זיי זיינען ניט צוריקגעקומען. צווישען די ניט־צוריקגע־קומענע זיינען מאָטיע הלל'ס, אייזיקל (איזראַעל) מיט זיין משפחה, איצעל שמעון'קעס (וויניק) מיט זיין משפחה, שמואל חיים'ס (סיראָטאַ) משפחה און אַנדערע.

פון דאַן אָן איז האָראָדעץ פאַרטראָטען אין אַלע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד, ווי לענינגראַד, מאָסקווע, פערם א. ד. גל. וואו זיי העלפען בויען און שאַפען דעם סאָוועטישען שטאַט. אַ סך פון זיי האָבען אָוועקגעגעבען זייער לעבען פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד פון אונטער די נאַצי־שע שטיוועל.

איינער פון זיי איז געווען הערשעל דעם רב'ס. הערשעל איז געווען דער צווייטער זון פון הרב ר' יעקב חיים ז"ל. נאָך אין זיין קינדהייט האָט ער שוין אַרויסגעצייגט זיינע פעהיגקייטען און זיין שטרעבונג צו אַלגעמיינע לימודים, און ער האָט אויסגעשטודירט אויף דענטיסט.

הערשעל האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט זיין פּראָפעסיע. ער האָט ווייטער שטודירט און געוואָרען אַ דאָקטאָר מעדיצין, פּראַקטיצירענדיג אין מאָסקווע.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען מיליטערישער דאָקטאָר אין דער רוסישער אַרמיי.

און איינמאָל, טוענדיג זיין פליכט, איז ער געפאַלען פון אַ דייטשער קויל.

דר. הערשל גרינבערג

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז הערשל איז אויך געווען פּראַקטיצירט אין יוריספּרודענץ, און ספּעציעל אין אידישע דינים. און ווען ער פלעגט אַמאָל זיך אַראָפּ־כאַפּען קיין האָראָדעץ, סיי פון דער ישיבה צי סיי פון דער גרויסער שטאָט, פלעגט ער לערנען מיט׳ן טאַטען, דער רב, חושן משפט.

עהרע זיין נאָמען!

* *
*

צום גרויס באַדויערען איז די פאַרבינדונג מיט רוס־לאַנד זעהר שוואַך. קיין גענויע ידיעות וועגן אונזערע האָ־ראָדעצער זיינען ניטאָ. וואו־ניט־וואו הערט זיך אַן אָפּ־קלאַנג פון די האָראָדעצער אין רוסלאַנד, אָבער דער אָפּ־קלאַנג איז זעהר אַ שוואַכער. גענוי וועגען זיי ווייס מען ניט, און ווי ווייט גרויס איז זייער אָנטייל אין געזעלשאַפטליכען, אינדרוסטריעלען אָדער קולטורעלען לעבען איז שווער צו זאָגען.

ס׳האָט זיך דערטראָגען אַ ידיעה, אַז ירמיה זלאַטקע׳ס (רובינשטיין) איז געווען פּראָפעסאָר אויף מאטעמאטיק אין איינע פון די רוסישע אוניווערזיטעטען אין אָדעס. צי איז ער געווען דער איינציגער געלערנטער פון די האָראָדעצער אין רוסלאַנד? — עס גלויבט זיך קוים. די האָראָדעצער זיינען געווען גענוג פעהיג אויף אַרויסצייגען זייערע כשרונות אויך אויף אַנדערע געביטען פון וויסענשאַפט. לאָמיר האָפען אז ס׳וועט קומען צו אַ דערנעהענטערונג מיט אונ־זערע ברידער אין רוסלאַנד און דעמאָלט וועלען מיר קריגען מער אינפאָרמאַציע וועגען אונזערע האָראָדעצער אין יענעם לאַנד, וואָס איז אונטער אַן אייזערנעם פאָרהאַנג, און מיר וועלען נאָך הערען פון זיי גוטע נייעס אַלם אידען און אַלם מענשען.

אַמאָליגע יאָהרען

פון א. קאסטרינסקי

ארץ־ישראל איז שטענדיג געווען די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט פון אידען. וועגען ארץ־ישראל האָט דער איד שטענדיג גע׳חלומ׳ט און געשטרעבט איר צו זעהן אָדער הערען וועגען איר. און אז ס׳איז אַמאָל געקומען אין שטעטעל אַ משולח פון ארץ־ישראל — האָט מען ניט אָפּגעטראָטען פון אים, מ׳האָט אים אַרומגערינגעלט און געוואָלט הערען וואָס מער און מער וועגען דאָס לאַנד פון די אבות, נביאים, מלכים און פון צדיקים און מקובלים. און אויב אַ איד האָט ניט זוכה געווען לכל־הפּחות צו שטאַרבען אין ארץ־ישראל — פלעגט ער צום ווינציגסטען אָנגרייטען אַ זעקעלע ארץ־ישראל ערד, אַז מ׳זאָל דאָס אים אונטערלייגען צוקאָפּענס, ווען מ׳וועט אים אריינלייגען אין קבר.

אויב אַ איד האָט טאַקע זוכה געווען אַוועקצופאָרען קיין ארץ־ישראל — איז דאָס געווען ניט נאָר אַ פּערזענליכע גרויסע איבערלעבעניש, נאָר ס׳איז געווען אַן אַלגעמיינע שטאָטישע געשעהעניש, פון וועלכער מ׳האָט גערעדט אַ לאַנגע צייט.

אזוי האָט זיך געפירט אין די אידישע קהלות איבער דער גאַנצער וועלט, און אזוי איז אויך געווען אין האָראָדעץ.

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסען, אז מיט אַ יאָר זעכציג צוריק איז נאָך ניט אומעטום געווען אַ באַן, וועגען עראָפּלאַנען איז דאָך אָפּגערעדט, און די דעמאָלדיגע שיפען זיינען ווייט געווען פון לוקסוס. אַז אַ איד איז דאַן אַוועקגעפאָרען קיין ארץ־ישראל — האָט ער זיך געגנוג אָנגעליטען ביז וואַנען ער איז געקומען צו זיין ציעל, וועגען וועלכען ער האָט גע׳חלומ׳ט זיין גאַנצען לעבען.

האָרדאָדעץ איז ניט געווען קיין אויסנאַם. קיין באַן איז דאַן נאָך ניט געווען. אז אַ איד האָט געוואָלט פאָרען קיין ארץ־ישראל, האָט ער פריהער געמוזט פאָרען מיט׳ן „אקס" (וואָגען) קיין פינסק, פון דאָרטען זיך שלעפּען מיט׳ן „פּאַראַכאַד" (דאַמפּף־שיף) און באַנען ביז ער האָט זיך דערשלאָגען קיין אָדעס. נאָכדעם פלעגט ער דאַרפען פאָרען ביי אַ צוויי וואָכען אויפ׳ן ים. און אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען און ער איז שוין אָנגעקומען אין דעם געגארטען לאַנד — האָט ער געמוזט אָנקומען צו „חלוקה", וועלכע איז אויסגעטיילט געוואָרען פון „כולל". ניט יעדער „כולל" איז געווען רייך גענוג אויסצוהאַלטען זיינע אָנגעהעריגע אויף אַ בכבוד׳יגען אופן.

***

אין האָראָדעץ זיינען אין יענע יאָרען געווען צוויי אידען מיט׳ן נאָמען יאַנקעל. איינעם האָט מען גערופען אליה יאַנקעל און דעם צווייטען יאַנקעל חסיד. ביידע זיינען געווען הייסע קארלינער חסידים, און ביידע זיינען געווען גרויסע למדנים. אליה יאַנקעל איז געווען אַ סיני, אַ גרויסער בקי אין ש"ס, און יאַנקעל חסיד איז געווען אַ עוקר הרים, אַ חריף. צו דעם איז ער געווען אַ גרויסער קארלינער חסיד, פלעגט געהן אַלע טאָג אין מקוה און פאָרען אָפט צום רבי׳ן.

אליה יאַנקעל איז געווען דער חסידישער שוחט אין שטעטעל. אויף די עלטערע יאָרען האָט ער, מיט זיין פרוי רוחמה, געוואָלט אויסלעבען זייערע יאָרען אין ארץ־ישראל. אויסער דעם האָבען זיי שוין געהאַט אין ארץ־ישראל אַ זוהן מיט אַ שנור און קינדער.

דער מזל'דיגער טאָג איז געקומען. אליה יאנקעל מיט רוחמה'ן פאָרען קיין ארץ-ישראל. צו זייער מזל האָט אויך צוגעשפּילט אז אין יענעם טאָג איז געווען די חתונה פון גיטעל מאָטיע הלל'ס. די כלי־זמר זיינען ארויס אין גאַס און מיט שפּילען און זינגען האָט מען ארויסבאַגלייט די צוויי אַלטיטשקע. זיי זיינען געגאַנגען צופוס פון בריק ביז אנטיפּאַליער וועג. מענער און פרויען זיינען זיי נאָכגע־גאַנגען און געטאַנצט. יעדער איינער האָט ארייגעוואָרפען אַ מטבע אין רוחמה'ס פאַרטוך, מאַכען זיי פאַר שליחי־מצוה, כדי זיי זאָלען, חלילה, ניט ניזוק ווערען אויפ'ן וועג.

די שמחה איז ניט געווען קיין פּריוואַטע, ס'איז געווען אַלעמענס שמחה. יעדער איינער האָט געפילט ווי ער וואָלט אויך מיטגעגאַנגען מיט די צוויי אַלטיטשקע קיין ארץ־ישראל כדי דאָרט אויסצולעבען זייגע יאָרען.

קורץ נאָך דער געשעהעניש איז אויך יאַנקעל חסיד אַוועקגעפאָרען קיין ארץ־ישראל, און אויך דער פאַל האָט ארויסגערופען גרויס אינטערעס אין שטעטעל. הארָאדעצער אידען האָבען מקנא געווען די צוויי שעהנסטע בעלי־בתים פון שטעטעל, וואָס האָבען זוכה געווען צו פאָרען קיין ארץ־ישראל.

דאָס באַזעצען זיך אין ארץ־ישראל האָט ניט איבער־געריסען דעם קאָנטאַקט מיט'ן שטעטעל. זיי פלעגען זעהר אָפט שרייבען בריוו. דורכדעם איז אויך פאַרשטאַרקט גע־וואָרען די ליבע צו ארץ־ישראל, וועלכע האָט געטליעט אין האַרצען פון יעדען אידען.

די בריוו זיינען געווען פאַרשיידענאַרטיגע: יאַנקעל חסיד האָט זעהר געלויבט ארץ־ישראל, דאָרט, אין הייליגען לאַנד, איז זעהר גוט, מ'קען לערנען און מ'קען פראַווען חסידות. אָבער אַליה יאַנקל'ען איז דער ארץ־ישראל'דיגער לעבען ניט אזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען. דאָך האָבען זייגע בריוו ניט אָפּגעשראָקען דעם הארָאדעצער עולם, וועל־כער האָט ווייטער ניט אויפגעהערט צו חלומ'ען וועגען ארץ־ישראל, און שטרעבען אויסצולעבען דאָרט די לעצטע יאָרען. אזוי האָבען נאָך אייניגע געמאַכט פּרואוועען צו פאָרען קיין ארץ־ישראל, ווי ר' יצחק אהרן און אַנדערע, ווען, ס'האָט זיך, צום באַדויערען, ניט איינגעגעבען.

היינטיגע צייטען

פון יוסף מאָנטאַג

די „החלוץ"־באַוועגונג אין הארָאדעץ האָט געגעבען זעהר אַ גרויסען שטויס פאָראויס דעם פּראָצעס פון עמיגראַ-ציע קיין ארץ־ישראל. אַ סך חברים פון „החלוץ הבוגר" און „החלוץ הצעיר" האָבען אין 1925 אָנגעהויבען עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זיי האָבען אָנטייל גענומען אין אַלע אַר־בייטען, אין וועלכע ארץ־ישראל האָט זיך געגויטיגט, ווי ערד-ארבייט, הייזער־בויען, הגנה־פליכטען א. ד. ג. טייל פון זיי זיינען געווען צווישען די ערשטע פּיאָנערען צו פאַרוואַנד־לען אומקולטיווירטע לאַנד אין פרוכטבאַרע קיבוצים, אָדער מושבים, ווי חיה קופּריאַנסקי, שלמה יאַרמעצקי (בנהרי), דוד גרימלאַנד, פרומה קאמינסקי, שיינטשע (יפה) ארלאַווסקי. ביילטשע קופּריאַנסקי און אַנדערע.

איינע פון די ערשטע וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין קרית חיים, נעבען חיפה, איז פעלטע שמעון אייזיק'ס (בן־דוב), וועמענס מאַן איז זעהר אַן אַקטיווער טוער אין דער הסתדרות און שטעהט אין שפּיץ פון דער „שיכון" אָפּטיי־לונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט בויען הייזער פאַר די הסתדרות־חברים.

אויפ'ן געביט פון בוי־אַרבייט אין ארץ־ישראל פאַר־נעמט אַן אָנגעזעהענעם אָרט בנימין אַלציק (איסר'ס זוהן), אַ מענש מיט גרויסע אונטערנעמערשע פעהיגקייטען. ער האָט אַ גרויסען חלק אין אויפבוי פון דער הונדערט־פּראָצענ־טיגער אידישער שטאָט תל־אביב.

חוץ די אויבענדערמאָנטע געביטען נעמען די האַראָ־דעצער זעהר אַן אַקטיווען אָנטייל אין דער פאַרטיידיגונג און פאַרשטאַרקונג פון מדינת ישראל, ווי יוסף ווינאַגראַד (חיים ניסעל'ס זוהן), און יוסף מאָננטאַג, וועלכער איז ביז סוף 1947 געווען זעהן טעטיג אין דער הסתדרות. ער האָט דער־פילט אַלע פליכטען פון אַ הסתדרות־חבר, ווי כבוש עבודה, משמרות א. א. אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרען ווי אַ שוטר נוסף, צו פאַרהיטען די ברעגען פון לאַנד פון אַ מעגליכער אינוואַזיע מצד דעם שונא.

עס איז דאָ אין ארץ־ישראל אויך אַן אַנדער עלעמענט פון הארָאדעצער, וועלכע זיינען געקומען אויף זייער איי־גענער איניציאַטיווע, און אויך זיי האָבען צוגעלייגט אַ האַנט צום אויפבוי פון אונזער לאַנד.

עס דאַרף דאָ פאַרצייכענט ווערען, אז איינע פון די ערשטע גרינדער פון דער אַמעריקאַנער קאָלאָניע רעננה איז געווען רוחמה אייזיקל'ס (ראָזענבערג). זי מיט איר מאַן און טעכטער, וועלכע האָבען פריהער געלעבט אַ סך יאָרען אין אַמעריקע, האָבען זיך באַזעצט אין רעננה, אויסגעבויט דאָרט

א הויז, געפּלאַנצט פּרדסים און געוואָרען ארץ-ישראל'דיגע.

איינער פון די גאָר-ווינציגע, וועלכער העלפט וויסענ-שאַפטליך די ארץ-ישראל'דיגע לאַנדווירטשאַפט, איז יעקב קאַסטרינסקי (מאָטיע איציקס זוהן). ער איז אַן אַרומפאַ-רענדער אינסטרוקטאָר אָרגאַנאַם פאַר „פלחה" (תבואה-פעלדער). ער איז אַן אַנגעשטעלטער אין תחנת הנסיונות (עקספּערימענטעלע סטאַנציע) אין רחובות. אַ סך קיבוצים און מושבים זיינען פאַרבעסערט געוואָרען אַ דאַנק זיינע גרויסע ידיעות אין פלחה. זעהר אָפט איז ער מהנה דעם פעלד-ארבייטער מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, וועלכע ווערען געדרוקט אין פאַכמענישע זשורנאַלען. אין יאָהר, 1948, איז געדרוקט געוואָרען זיין בוך „גידול תבואות", כרך א', וועלכער באַהאַנדעלט וויסענשאַפטליך פאַרשידענע פּראָבלעמען פון פלחה.


יעקב קאַסטרינסקי

***

האָראָדעץ איז אונטערגעגאַנגען, אָבער דורך אירע זיהן און טעכטער ווערען אירע הייליגע טראַדיציעס, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען פון דור צו דור, פאַרגעזעצט אין ארץ-ישראל. דאָרט ווערען פאַרווירקליכט די אידעאַלען אויך פון די אומגעקומענע, וועלכע האָבען ניט זוכה געווען צו זעהן די באַפרייאונג פון אידישען פאָלק אויף זיין אייגע-נער לאַנד, מדינת ישראל.

ר' חיים מענדל ז"ל

פון ע. קאַסט


ר' חיים מענדל ז"ל (קאַסטראָמעצקי)

נאָר אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַלטער שטאָט ירושלים האָט פאַרנומען ר חיים מענדל (אהרן יאסעלים), וועלכער איז גע'הרג'עט געוואָרען פון אַראַבישע שראַפּנעלען דעם 15טן אייר, תש"ח. אין עלטער פון 87 יאָהר, ר' חיים מענדל ז"ל איז געווען זייער א זעלטענער טיפּ, וועגען וועלכען ס'איז כדאי זיך אָפּשטעלען אביסעל לענגער.

שוין צו זעקס יאָר האָט ער אָנגעפאַנגען גמרא, און צו אַכט יאָר האָט שמואל קאַליקע אים געגעבן אַ „לייענען" מיט'ן מהרש"א. דער קליין-געוויקסיגער איינגל האָט געפו-נען אַ גרייז אין מהרש"א. שמואל קאַליקע'ן האָט זיך דאָס ניט געוואָלט גלויבן און איז אוועקגעגאַנגען אין בית-המדרש אריינקוקן אין ש"ס פון אַלטן רב ר' משה צבי. און כך הוה: מ'האָט געפונען אַז אויך ר' משה צבי האָט באַ-מערקט דעם זעלבן גרייז אין מהרש"א, און אַן אַ זייט האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דעם זעלבן גרייז.

אויפ'ן ניינטן יאָר האָט ר' חיים מענדל ז"ל שוין גע-לערנט ביים קאָברינער דיין ר' זלמן טישעס, און דערנאָך אין אַנטיפּאָליע ביי ר' פּינחס מיכאלי'ן זצ"ל.

נאך דער חתונה האט ער זיך באזעצט אין בריסק און איז געווען איינער פון ר׳ חיים בריסקער׳ס מקורבים. און ווען מ׳האט געבעטן ר׳ חיים בריסקער רעקאמענדירן א ראש ישיבה פאר לודמירער ישיבה — האט ער ניט געפונען קיין אנדערן ווי ר׳ חיים מענדל׳ען.

ר׳ חיים מענדל איז געווען דער ראש הישיבה אין לודמיר ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און הערנאך האט ער זיך אריבערגעצויגן אין סטאלין, ביים סטאלינער רבי, ר׳ ישראל ז״ל, איז ר׳ חיים מענדל געווען די רעכטע האנט. און נאך דעם רבינ׳ס פטירה, ווען ס׳האט זיך געגרינדעט אין סארנע (וואלין) די ישיבה „אור לישראל" אויף דעם רבי׳נס נאמען, איז ר׳ חיים מנדל געווארען ראש ישיבה, און שפעטער צו, ווען די ישיבה איז אריבערגעגאנגען קיין לונינעץ, איז אויך ר׳ חיים מנדל געגאנגען מיט דער ישיבה.

ר׳ חיים מענדל האט ניט געהאלטן פון פילפול, ער האט געגעבן העם פארצוג עמקות, לאגיק פון א מהרש״א און מהר״ם שיף. ר׳ חיים מענדל איז באוואוסט געווארן פאר זיין שכל הישר און גרויס בקיאות ניט נאר צווישן די סטאלינער חסידים, וועלכע האבן אים פארגעטערט, נאר אויך צווישן מתנגדישע לומדים. מ׳דערציילט אז איינמאל, פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז אין ווילנע געווען א צוזאמענפאר פון רבנים און ראשי ישיבה׳ס וועגן חינוך אין רוסלאנד. דער „חפץ חיים" ז״ל איז געווען דער פארזיצנדער, און דער עולם לומדים האט אים אפגעגעבן גרויס כבוד. דער „חפץ חיים", האט אנגעוויזן אויף ר׳ חיים מענדל׳ען און געזאגט: „אויב איר ווילט געבן כבוד דער תורה — גיט עס אפ דעם אידן".

פילע שטעט האבן געוואלט ר׳ חיים מענדל׳ען אויפנעמען אלס זייער רב — אבער צוליב זיין גרויס חסידות האט ער זיך אנטזאגט. נאר איינמאל, ווען די שטאט סארנע האט זיך זייער גענויטיגט אין א רב — האט ר׳ חיים מענדל מסכים געווען צו ווערן דער צייטווייליגער מרא אתרא פון סארנע.

פאר די לעצטע פופצען יאר האט ר׳ חיים מענדל זיך באזעצט אין דער אלטער שטאט ירושלים, נעבן דער קארלינער שטיבל, פון וועלכער ער האט ניט געוואלט פארלאזן אפילו אין דער צייט פון 1936־9 אומרועז, און ווען ס׳איז אויסגעבראכן אין ארץ-ישראל די מלחמה פאר דער אידישער באפרייאונג — האט ער בשום אופן ניט געוואלט פארלאזן דאס אלטע ירושלים, וואו ער האט געהאט א גוואלדיגן איינפלוס אויף דער חסידישער וועלט, פון אינווייניג און אויסווייניג פון ירושלים.

ר׳ חיים מענדל האט איבערגעלאזן כתבים וועלכע ענטהאלטן חידושים אין ש״ס, אויף הלכה און אגדה. די ארץ־ישראל׳דיגע סטאלינער חסידים קלייבן זיך ארויסצוגעבן די דאזיגע כתבים.

ר׳ חיים מענדל׳ס נאמען איז הייליג און טייער ביי פילע, פילע האראדעצער און ניט האראדעצער.

זכר צדיק לברכה !

האָראָדעצער בוך קאָמיטעט

צביה גרינגלאַז

עקיבא בן־עזרא
(ליטעראַרישער רעדאַקטאָר)

ישראל זוסמאַן
(פּאָרזיצער און קונסט רעדאַקטאָר).

דזשוליוס גרינבערג
(פינאַנס־סעקרעטאַר)

מחלה טימאַנער
(קאָר. סעקרעטאַר)

בנימין שלמה זוסמאַן

ישראל גראַבלאָוויסקי

דר. יצחק פאַרבער

משה רובינשטיין

דוד קאַפּלאַן

משה ווינאָגראַד
(פאַרטרעטער אין אַרגענטינא)

ישעיהו קאַסטרינסקי
(פאַרטרעטער אין ארץ־ישראל)

הרב שלום פּאָדאָלעווסקי

נפתלי גאָלדבערג
(פאַרטרעט. פאַר די דרום־שטאַטן)

שלמה פּאָדאָלעווסקי

א דאנק צו די ביישטייערער

דער בוך־קאָמיטעט „האָראָדעץ" דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו די פאָלגענדע פּערזאָנען און חברות וועלכע האָבן מיט זייער גע־העריגע פינאַנציעלע שטיצע דערמעגליכט די דערשיינונג פון בוך **„האָראָדעץ"**:

אסאפסקי, דוד.
אַפּעלמאַן, הלל.
באָסניאַק, ברידער (סעם און איזי).
באָסניאַק, מאָרים און טילע.
בלוי, חנה.
גאָלדבערג, נפתלי (טשארלסטאן, ס. ק.).
גאלדבערג־דאלינסקי (וויינסבארא, גא.).
גראבלאווסקי, ישראל.
גרינבערג, יודל.
גרינגלאז, צביה.
דובין, בנימין.
דיווינסקי, אַלטער (שיקאַגאָ).
דייטש, ל.
האָראָדעצער ליידים אוקזיליערי.
הורוויץ, ירוחם יצחק הלוי.
ווינאָגראַד, משה (בוענאס־איירעס, אַרגענטינע).
זוסמאַן, בנימין שלמה.
זוסמאַן, יודל און דבורה (באַלטימאָר, מד.).
חברה „ישועות יעקב" אונטערשטיצונגס פאראיין אנשי האָראָדעץ.
טימאנער, מחלה.
לודוויג, ל.
לימאן, י.
נייטען, מאָרים.
סופיין, ע.
סיראטא, עקיבא.
פארבער, יוסף.
פאַרבער, יצחק ד"ר.
פירס, זשאן.
פיורים — זוסמאַן, באָביל און יוסף.
קאַפּלאַן, בעסי.
קאַפּלאַן, דוד.
רובינשטיין, משה.
שולמאַן, ל.

רשימה פון נעמען *)

אבא (תנחום בער׳ס) — 213
אביגדור (ישראל משה׳ס) — 209
אברהם (אהרן לייב׳ס ברודער) — 23
אברהם (וואליניעץ) — 194
אברהם (חיים ניסנ׳ס) — 193
אברהם (ווינאגראד) — 196
אברהמ׳ל (רודעצקי) — 145
אברהמע (חיים הערש׳ס) — 85, 86, 111
אברהם משה (איטשע סילקע׳ס) — 132
אברהם עזרא (דער בויער) — 53, 157, 158
אברעמקע (דער קצב) — 110, 111
אדעס — 217, 226, 228
אדערזינסקי, יעקב — 92, 152, 153, 154
ר׳ אהרן (דער אַלטער רבי) — 71, 185
אהרן (זע אויך קאַרלינסקי אהרן) — 88
אהרן איטשע לייזער׳ס — 9, 40, 44, 159, 181, 195, 221
אהרן אשר (דער פאסעסאר) — 145, 151
אהרן דוד — 149
ר׳ אהרן הגדול — 37, 41, 47, 52
אהרן יאסל — 42, 66, 122, 140, 181, 228
אהרן לייב — 17, 23, 52, 173, 177
אהרן מילנער — 214
ר׳ אהרן קארלינער — 37
אהרן שמואל — 224
אוורושקא — 4
אוילמאן (זע עלמאן) — 19
אוסטרא — 41
אורוגוואי — 218
אזארניצקי, באשקע, (אהרע איטשע לייזער׳ס אייניקל) — 201
אזארניצקי, חיים — 159, 208
אזארניצקי, יהושע — 159, 208
אזארניצקי, מלכה — 208
אזארניצקי, רחל לאה — 208
אטלאנטא (אנמערקונג) — 85
אטלאס, מאיר, רב — 27, 28
איזראעל, אייזיקל (זע אויך אייזיקל) — 150
איטקע רחל, (אויך איטקע רעכיל) — 32
איטשע (דער גייער) — 21, 49, 177
איטשע מאיר (ירמיה זרח׳ס) — 71
איטשע סילקע׳ס — 132
איטשע שאיעס (פארבער) — 85, 86
אייאווא — 218
איידל (משה בער׳ס) — 214
איידעלמאַן, אסתר — 223
אייזיק (אהרן לייב׳ס) — 18, 23, 52, 132
אייזיקל (איזראעל) — 19, 23, 59, 90, 224
אייזענהאוער (גענעראל) — 217
איינשטיין, א. — 217
אייראפּא — 40, 102, 189, 217
אילינסקי — 3
אינדיצקי — 121
איסר (דער שניידער) — 157
ר׳ איציק (חיים׳ס) — 59, 103
ר׳ איציק (זוסעלמאן) — 11, 57, 58, 107, 148, 156, 157, 160 (זע אויך איציקל).
איציקל (זע אויך ר׳ יצחק זוסעלמאַן, ר׳ יצחק, „פאניע שאף״) — 48, 49, 69, 90, 106, 107, 108, 145, 195, 217
איציק חיים׳ס — 182
איציל (שמעונ׳קעס) — 224
אי״ש שו״ב (אנמערקונג) — 174, 175
אלטווארג, צביה — 208
אלטווארג, מייקע — 201
אלטווארג, לייבל (מייקע׳ס) 201
אַלטווארג, דוד — 201
אלטע (איציקל׳ס) — 108, 195
אלטער (ר׳ פינחס מיכאל׳ס אייניקל) — 82
אלטער (דער לוי) — 22, 23, 74, 75, 158
אלטער (דער שמיד) — 12, 23, 53, 149, 150, 156, 158
אלטער שאול׳ס — 16, 56
ר׳ אלטער (שעפעס) — 41, 93, 119, 120
אליה זאוויל׳ס — 127, 128
אליהו יאנקל (דער שוחט) — 47, 71, 226, 227
ר׳ אלימלך פון ליזענסק — 41
אלציק, פרומע — 208
אלציק, חיה — 154
אלציק, חאשקע — 208
אלציק, בנימין — 227
אלציק, איסר — 208
אמעריקא — 23, 59 63, 84, 85, 87, 90; 91, 102, 108, 124, 125, 129; 130; 133, 139, 144, 145, 150, 160; 183; 197, 215, 216, 217, 218, 213; 221.
אנדראנאווסקי — 107
אנטיפאליע — 3, 7, 15, 16, 17, 20; 26; 27, 32, 55, 60, 69, 72; 75; 78; 80; 81, 82, 84, 90, 92, 94; 97; 103; 109; 114, 119, 136, 139, 143, 154; 158; 159, 162, 163, 180, 183, 194; 222; 228.
אניוטע (נאדריטשני) — 111
אסאפסקי, פייגע חיה — 217
אסאפסקי מענדל הערש — 217
אסאפסקי, דוד — 231
אסלער, אברהם (אסאפסקי) — 217
אסתר (איטקע רעכיל׳ס טאַכטער) — 32
אסתר (חיה דבורה׳ס) — 88, 89, 91, 130
אסתר (ווינאגראד) — 148
אפעלמאן, הלל — 231, 214
אפען (דער פעלדשער) — 59
אפרים (דער בויער) — 213
אפרים איצל — 116, 163
ארגענטינא — 8, 35, 125, 218.
ר׳ אריה — 11
אריה (טשערניק) — 218
ארלאווסקי, באשע רייזל — 208
ארלאווסקי, אהרן — 208
ארלאווסקי, גינענדעל — 208
ארלאווסקי, זלאטע — 93, 208
ארלאווסקי, יוסף — 208
ארלאווסקי, מאטל (משה אליהו׳ס) — 161, 201.
ארלאווסקי, משה אליהו — 208
ארלאווסקי, שיינטשע — 227
ארלינסקי, משה אהרן (איטקע רעכיל׳ס איידעם) — 201
ארענשטיין, ר׳ צבי — 79
ארץ־ישראל — 8, 18, 33 ,88, 89, 90; 92; 101, 116, 126, 127, 130, 146; 147, 150, 152, 153, 154, 158, 160, 168; 197, 214, 218, 221, 223, 226, 267; 228, 229.
אשכנזי, יצחק (אנמערקונג) — 78
אשמענע — 81
ר׳ אשר — 47
אשר (מענדל דעם מוליאר׳ס) — 155
אשר (קאסטראמעצקי) — 123, 124
אשר דוד (דער שוחט) — 12, 47, 71, 72, 125, 126, 148, 150, 151, 174, 178; 179.
ר׳ אשר הכהן — 78, 79
באבעל (זוסמאן) — 139
באבראווסקי פ. (אנמערקונג 1) — 3, 4, 6.
באגוס, אברהם — 221
באטארי, אננא — 3
באכראך, ירוחם (אַנמערקונג) — 54
באלטימאָר, מד. — 217
באַלפור — 92
באנצוק, שמאי — 208
באנטשוק, אברהם — 221
באנצוק, אסתר — 208
באנצוק, חנה מלכה — 208
באנצוק, יאסל — 22
באנצוק, לאה — 208
באנצוק, לייבל — 208
באנצוק, מ. — 208
באסניאק, איזי — 214, 231
באסניאק, טילע — 231
באסניאק, יונה שמואל — 221
באסניאק, יעקב רב — 38, 41, 186, 216
באסניאק, מאריס — 231
באסניאק, סעם — 214, 231
באסניאק, מאקס — 221
בארטענבוים, אברהם — 88, 89
בארטענבוים, הערצל — 201

*) די רשימה ענטהאַלט די נעמען פון לענדער, שטעט, דערפער, טייכען און פערזאָנען וועלכע ווערן דערמאָנט אין בוך „האָראָדעץ". דער נאָמען האָראָדעץ איז אויסגעלאָזען, ווייל דער גאַנצער בוך איז האָראָדעץ. **רעד.**

בארטענבוים, חיים — 201
באשע, (די יונ׳טע) — 177
בובער, מ. (אָנמערקונג) — 51
בוטען — 81, 82
בוענאס־איירעס — 218
בורשטיין, אסנע — 201
בורשטיין, בוטשע — 106
בורשטיין, בנימין — 106
בורשטיין, בוניע — 201
בורשטיין, מאשע — 106
בורשטיין, משה — 53, 111
בורשטיין, שמואל — 208
בורשטיין, פ. — 106
בורשטיין, שלמה (זע אויך שלמה משה דעם גרויסענ׳ס) — 87, 92, 145, 150, 157, 201.
ביילים — 75
ביילע (יאנקל כאדלינער׳ס) — 106
ביילע (איציל׳ס) — 218
ביילע (טוביה דעם שוסטער׳ס) — 110, 111
ביילע מיכלע (בערל רודעצער׳ס) — 216
בילעצקי, ישראל חיים — 153
בירנבוים, גוטמאן — 208
בירנבוים, עזרא — 221
בלאצקי, שנישקא — 161
בלוי, חנה — 231
בן־עזרא, ע. VIII, 26, 47, 68, 78, 90,
בן־זאב — 122
216, 222, 230.
בנימין — 39
בנימין (דער רופא) — 51, 134, 178.
בנימין (פאלאענער) — 214
בערגמאן, יעקב (יעקב דער מוליאר) — 161, 208.
בערגמאן, מאליע — 208
בערגמאן, שמואל — 208
בערגער, חנה — 208
בערגער, פסח (ליבער׳ס אייניקל) — 202
בערגער, ישראל צדוק (ליבער׳ס אייניקל) — 202
בערגער, צביה (ליבער׳ס אייניקל) — 202
בערגער, שלמה (אויך שלמה ליבער׳ס) — 160, 208.
בערגער, שמואל — 208
בערל (זאוועל׳ס) — 177
בערל (אהרן דוד׳ס) — 157
בערל לייב (דער קצב) — 44
בערל רודעצער — 27, 38, 39, 104, 105, 106, 214, 216.
בערלין — 95
בערנהאלץ, שמואל — VIII
בראד — 95, 96
בראזיל — 8, 218
בראונס מילס, נ. דז. — 220
בראנע־גורע (אנמערקונג) — 194
ר׳ ברוך („קאברינער רבי״) — 52
ברוך (שמעון יעקב׳ס) — 159
ברוך (וואליניעץ) — 194
ברײנסקי־גארלי — 193
ברײנע (וואליניעץ) — 197
בריסק — 3, 4, 6, 19, 20, 22, 79; 91; 94, 103, 109, 110, 135, 139, 141; 143, 145, 147, 148, 149, 159; 170, 173, 194, 229.
ברעגמאן איטקע (פאדאלעווסקי) — 106

גאטליב, ש. נ. (אנמערקונג) — 27
גאלדבערג, נפתלי — VIII, 215, 230, 231.
גאלדבערג, ב. — 221
גאלדבערג, בלומע — 223
גאלדבערג־דאלינסקי (וויינסבארא, גא.) — 231
גאלדבערג, יעקב — 153
גאלדבערג, שמעון (שעפסעל׳ס) — 202
גאלדבערג, שעפסעל — 208
גאלדמאן, זלאטע — 202
גאלדמאן, יהודית (זלאטקע׳ס) — 202
גאלדמאן, יואל (דער שוחט) — 202
גאלדפארב, דוד — 221
גאלוב, ס. — 216
גאנילסקי, ליבע — 93, 208
גאנילסקי, סאניע — 208
גאנילסקי, רבקה — 208
גאנילסקי, שייקע — 208
גאנילסקי, שלמה — 208
גארבער, אברהם — 153
גארדאן, ש. ל. (אנמערקונג) — 88
גארפינקעל, א. — 208
גארפינקעל, איטקע — 208
גארפינקעל, אשר — 208
גארפינקעל, ביילע — 208
גארפינקעל, ישראל צדוק — 208
גארפינקעל, עלקע — 208
גדליה יודל — 16, 44
גוטמאכער, יהושע — 77
גוטמאן (דער מאטאריסט) — 193
גוטעל (שמואל קאליקער׳ס) — 73, 74, 186.
גיטל (מאטיע הלל׳ס) — 227
גייגער, אברהם — 96
גינזבערג לוי פראָפ. — 41
גינזבירג־מארעק (אָנמערקונג) — 188
גינצבורג, מרדכי אהרן — 95
גלאוואצקי, וואניא — 194
גלאוואצקי, קאליא — 194
גלאצער, פעלטע — 153
גלאצער דר. סאול — 217, 218
גלאצער, חוה — 217
גלאצער, יצחק — 217
גראדנע — 3, 4, 91, 102.
גראזאווסקי (יהודה) — 121
גראסמאן, עלייעס מ. — 126
גרושניעווסקי, אלטע — 208
גרושניעווסקי, אליהו — 208
גרושניעווסקי, לייבקע — 208
גרושניעווסקי, פעסל — 208
גרושעווסקי, — 3
גרושעווסקי, אליהו — 221
גרושעווסקי, דוד — 214
גרעי, הערמאן א. — 217
גרימלאנד, דוד — 227
גרימלאנד, העניע ביילע — 208
גרינבערג, מרדכי רב. VIII, 54, 214, 218, 221.
גרינבערג, יודל (דזשוליוס) VIII, 154, 214, 230, 231.
גרינבערג, פייגל — 223
גרינבערג, צבי דר. (אנמערקונג) — 34, 224.
גרינגלאז צביה VIII, 148, 216, 222,
גרינמאן אריה רב — 35, 150, 157, 208.
גרעבלאווסקי ברוך — 159
גרעבלאָווסקי, בעסי — 223
גרעבלאָווסקי, העניע — 217
גרעבלאָווסקי, חיים — 220
גרעבלאָווסקי, י. — VIII, 217, 230, 231.
גרעבלאָווסקי, ר׳ יהודה לייב — 219
גרעבלאָווסקי, פייגעל — 153
גרעבלאָווסקי, שבתיאל (שעפסעל) — 215,
גרעין, שלמה (גרינבערג) — 218.

דאמראש, וואלטער — 217
דאנציג — 6, 15, 19, 37, 106, 162.
דבורה (הערש לייב׳ס שוועסטער) — 5
דובין, בנימין — 231
דובין, דוב — 221
דובין טאָדרעס — 22, 202
דובין, ליבע — 202
דובין, משה — 202
דובין, שרה פעשע — 106
דובין, פריידקע — 208
דובין, שמואל — 221
דובין, שמחה — 220
ר׳ דוד (קאָברינער רבי) — 51, 52
ר׳ דוד (שוחט) — 71
דוד (דער שמיד) — 160
דוד (שמאי׳ס) — 160
ר׳ דוד׳ל (שווארץ) — 72, 73.
דוד משה (סאוויצקי) — 151
דובנער מגיד — 29
דווארישץ — 104
דיווינסקי, אלטער (שיקאגא) 231, 215.
דייטש, ל. — 214, 231
דייטשלאנד — 19, 59, 141, 155, 197.
דינה (קלמנ׳ס פרוי) — 159
דינה (נפתלי׳ס) — 135
דינעס, גאלדע — 106
דינעס, נעימה — 106
דינעס משה — 106
דינעס רבקה — 106, 223,
דניעפר־בוג — 6, 15, 19, 139.
דניעפרא־בוגסקאיא — 7, 15

דראָהיטשין — 6, 22, 84, 134, 194.
דרויאַנאָוו — 168, 173
האָליוואוד — 216
האליער — 145
האלפערין י. (אַנמערקונג) — 116
הארדלא, (זע האָראָדניצי, האָראָדעל) — 3
האָראָדעצער ליידיס אוקזיליערי VIII 231.
הארטפארד, קאָנ. — 215
הויזמאַן איידא — 223
הויזמאַן, יונה — 221
הויזמאַן, יעקב הערש — 93, 202
הויזמאַן, חנה — 202
הויזמאַן, מאשע — 202
הויזמאַן, פריידל — 202
הויזמאַן פ. — 93
הויזמאַן, שלום (פון מעכוועדעוויטש) — 202
הויזמאַן, שמואל (אַנמערקונג) — 152
הורוויץ, ירוחם יצחק הלוי — 231
הירשאָוויץ, אברהם אליעזר (אַנמערקונג) — 54
הירשענזאָהן, יצחק (אַנמערקונג) — 82
ר' הלל — 54, 73, 74, 102, 224.
העלערשטיין, יעקב הערש — 89
העלערשטיין, מיכל — 153, 203
העלערשטיין, שרה — 203
העניע (שלומ'ס) — 101
העניע (די אַלטע) — 181
ר' הערש — 27
הערש לייב — 5
הערשל (דער לערער) —92, 111, 128, 129.
הערשל (יעקב מאיר'ס) — 69
הערשל (דעם רב'ס) — 224
הערשל (דער שמיד) — 163
הערשל (דער קאַמענער) — 153.
וואַכשטיין, דובער (אַנמערקונג) — 26
וואלף, בנימין — 194, 196
וואלקין, אהרן רב (אַנמערקונג) — 35
וואלקין הרב ר' יצחק — 109
וואגנער (סענאַטאָר) — 217
וואָליניעץ (אלטער דער לוי) — 208
וואָליניעץ, אברהם — 208
וואָליניעץ, אהרן — 208
וואָליניעץ, אהרן אשר — 106
וואָליניעץ, באבטשע — 203
וואלינעץ בערטהא — 223
וואָלינעץ, ברײנע — 208
וואָליניעץ, דוד — 9, 193, 195, 197.
וואָליניעץ, הערשל (שמואל דעם סטאָליאר'ס) — 161, 203.
וואָליניעץ, חיים (אלטער דעם לוי'ס אן אייניקל) — 194, 203
וואָליניעץ, ט. — 223
וואָליניעץ, יענטע — 203, 208
וואָליניעץ רוחמה — 93, 203
וואָליניעץ שלמה — 208
וואָליניעץ, שלמה'לע — 203
וואָליניעץ, שמואל (דער מילנער) — 203
וואסילקיעוויטש, וולאדימיר — 3
ווארשא — 6, 32, 59, 85, 87, 88; 91; 92; 109, 121, 130, 135, 148, 144; 153.
וויגאדא — 5
וויטקין (דער רופא) — 136
וויינבערג, אהרן אשר, — 86
ווייסמאן (זע נפתלי דער רופא) — 32, 135.
ווייס־רוסלאנד — 5, 19
ווייסמאן דוד (אָנמערקונג) — 82
ווייסמאן, חאשקע — 153
ווייסמאן, יאנקל — 208
ווייצעל־ראָזענבלאט, ר' מרדכי־לע — 80
ווילויסק — 181
ווילנא — 110, 131, 133, 175.
ווינאָגראד, אברהם — 153, 204
ווינאָגראד, גענענדיל — 153, 204.
ווינאָגראד הינדע — 208
ווינאָגראַד, חיים ניסן — 150, 193, 194, 196, 204.
ווינאָגראד, יוסף — 227
ווינאָגראד, לאה — 204
ווינאָגראַד, לייבל — 204
ווינאָגראד, מאטל — 90, 151
ווינאָגראד משה — VIII 218, 230, 231.
וויסאָצקי, אלטער — 97
וויסאצקי מרים (אלתר יאָסל'ס) — 181
וויסאָקע — 159
וויסלאק (אָנמערקונג, 3) — 3
וויסקאָנסין — 218
וורעטעפּאָליע — 6.
ווישקע (אייזיק'ס) — 132
זאבלודאָווע (אָנמערקונג) — 54
זאוויל — 127
זוסמאן, בנימין שלמה — VIII 222, 223, 230, 231.
זוסמאן, דבורה — 50, 231
זוסמאן, יודל — 222, 223, 231.
זוסמאן, ישראל — VIII 37, 80, 107, 145, 156, 195, 217, 230.
זוסעלמאן, אהרן יאסל — 215
זוסעלמאן, איציק — 56, 107, 194, 204.
זוסעלמאן, אַלטע — 58
זוסעלמאן, שרה — 208
ר' זושא פון האניפּאָליע — 41
זיידל (דער קצב) — 46
זיסקע (דער סטאָליאר) — 39
זלאטקע (משה חאנטשעס) — 207
זלמן — 37
ר' זלמן טישעס — 228
זעליג (באסניאק) — 214
ר' זעקיל לייב (ווארמעסער) — 77
ז"ק, ברוך רבי — VIII
ר' זרח — 41
זשאבינקע — 6, 149, 194.
חאשע (ר' שמעון אייזיק'ס שטיף־מוטער) — 148.
חאשקע זלאטקע'ס — 160
חאשקע (פרומע הינדע'ס) — 177
חביב בן־יעקב (אנמערקונג) — 92
חברה „ישועות יעקב" — VIII 34, 231,
חוה (שלומ'ס) — 101
חוה אהרן יאסל'ס — 47
חיה — 181
חיה דבורה (שלומ'ס) — 88, 101, 130, 131.
חיה זלאטע (די „באבע") — 178, 181, 182, 183, 216.
חיה פייגע — 171
ר' חיים (בריסקער) — 103, 229
ר' חיים — 11, 28, 53, 98.
חיים (איציק'ס) 56, 66, 115, 116, 117; 128, 180, 181.
חיים — 88
חיים איטשע (פאָדאָלעווסקי) — 109, 110
חיים בערל — 23
חיים הערש (נאדריטשני) — 111, 127
חיים לייב — 49, 98
ר' חיים מענדל קאָסטראמעצקי — 122, 228.
חיים ניסן — 12, 19, 90, 149, 150, 151, 218.
חיים ראסל'ס — 46, 177
חנא (דער לערער) — 64, 133
חנה — 64, 65
חנה (די גראָבע) — 185, 186
חנה מלכה — 145
חנה פעלטע'ס — 47, 86, 224.
טוביה (דער שוסטער) — 110, 129, 150.
טאראקאן — 3
טימאנער, מחלה — VII 230, 231.
טולטשין — 41
טיקטין — 78
טריוואוש — 129
טשארלסטאן, ס. ק. — 215
טשעכאטשינסקי (דאקטאר) — 183
טשעליטשעוויטש — 6
טשערנאווסקי, אריה לייב — 221
טשערניק, אברהם — 218
טשערנעצקי — 74, 75, 76.
יאנקל (חסיד) — 47, 177, 226, 227.
יאנקל (חיים ניסל'ס) — 160
יאנקל (דער מוליאר) — 150
יאנקל טעלעכאנער — 49
יאנקל כאדלינער — 48, 49, 62, 63, 117, 118.
יאנקעלע מאטיע איציק'ס (קאסטרינסקי) — 90, 103, 104.
יאנקל שמולעוויטש (אָנמערקונג 6) — 23
יאסל (פינע'ס) — 114
יאסל (דער בויער) — 151
יאסל ליבער'ס (מאזורסקי) — 56
יארמוק, זיידל — 56
יאשקע טעפער — 170
ידידיה (זלמנ'ס) — 39
ר' יהושע יעקב — 25, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 42, 55, 77, 116.

יואל (דער שוחט) — 158, 160
יודל (דער מלמד) — 56, 75, 124, 125, 186.
יודל (חיה מרים׳ס) — 133
יודל (זוסמאַן) — 48, 139
יוסף (חיים ניסנ׳ס) — 157
יוסף לייב (דער בויער) — 181
יענטע רייזל (אַנמערקונג) — 26
יעקאטערינאסלאוו — 34, 62, 63, 99, 103, 183, 224.
יעקב (איטשע׳ס) — 49
יעקב (זע אויך הרב דר. יעקב באסניאק) — 40
יעקב (שמעון אייזיק׳ס איניקל) — 157
ר׳ יעקב חיים — 27, 28, 32, 33, 34, 224.
יצחק ר׳ — 57
יצחק אהרן — 19, 51, 99, 100, 101, 178, 179, 227.
ר׳ יצחק אלחנן — 32, 71, 72.
ירמיה — 122
ירמיה זרח — 71, 132
ירמיה אהרן אשר׳ס (רודעצקי) — 87
יארמעצקי, אליהו — 208
יארמעצקי הערשל — 208
יארמעצקי, יעקב מאיר — 208
יארמעצקי, עטל — 208
יארמעצקי, פייגל — 208
יארמעצקי, רייזעל — 93
יארמעצקי, שלמה (יעקב מאיר׳ס) — 161, 227
ירבעל — 177
ירושלים — 47, 217, 218, 228, 229.
ירמיה זלאטקע׳ס (רובינשטיין) — 225
ישעיהו (אלטער שעפע׳ס) — 145
ישראל יאנקל (קאמענעצקי) — 67
ר׳ ישראל ראַבינאָוויץ — 25, 26, 94, 95, 96.
ר׳ ישראל (אנמערקונג) — 26, 47, 49, 99, 107, 118, 126, 229.
ישראל (זוסמאן) — 48, 97, 139, 142, 148.
ישראל לייב (דער מלמד) — 47
ישראל משה (דער קברות־מאַן) — 73, 74, 151, 158, 172.

כאדלין — 117, 162, 169.
כאלאזשין — 83, 84
כאלאזשינער — 75, 83, 84
כאמסק — 41, 84
כאנדריקעווע — 168
כהן, זלמן — 221
כהן, חיים — 224
כוואלסאן, פראָפ. — 96

לאנדאן, חיה — 208
לאנדאן, חיים — 208
לאנדאן, ט. — 208
לאנדאן, מלכה — 208
לאנדאן, סנדר — 93, 194, 208
לאנדאן, שיינע ליבע — 208
לאדז — 85, 111, 194
לאה (אלטער׳ס) — 75
לאה (חיים ניסנ׳ס פרוי) — 196
לאפי (אַנמערקונג) — 26
לאכאָוועצקי, מאשקע — 208
לוגאנסקי — 129
לודוויג, לואיס (גרושעווסקי) — 214, 231
ליאכאוויצקי, אליהו — 193
ליאכאָוויצקי, בערל (אהרן דוד׳ס) — 161, 204
ליאכאוויצקי, גרשון (אהרן דוד׳ס) — 161, 204.
ליאכאוועצקי, רייזעל — 208
ליבער יעקב׳ס (פאליאק) — 92, 152
ליבער (שוסטער) — 75, 109, 156
ליברמן־ווינר — 42
ליטע — 3, 5, 41, 60, 160.
לייבע ישראל׳ס (דער שרייבער) — 59
לייזער (וואראטיניטשער) — 214
לייב (ר׳ יהושע יעקב׳ס זון) — 7
לימאן, י. — 214, 231
לין, ביילע — 209
לין, נחום — 208
לין, פייוויל — 209
ליפסון„ מ. (אַנמערקונג) — 78
לילענטהאל, דר. — 95
ליפשיץ, איציל (לימאן) — 106
ליפשיץ, אסתר דבורה — 106
ליפשיץ, בנימין — 106
ליפשיץ, דארע (מחלה׳ס) — 207
ליפשיץ, מאיר — 106
ליפשיץ, מחלה (חיה דבורה׳ס) — 207
ליפשיץ, משה — 106
ליפשיץ צירל — 106
ליפשע (מיכל דעם שניידער׳ס) — 114
לעהמאן (גאווערנאר) — 217
ליפשיץ, ר׳ יעקב (אַנמערקונג) — 25
לעווינזאן, יצחק בער — 95
לעווענזאן, אד״ם הכהן — 95
לעווענזאָהן, ר׳ אליה מרדכי (כאלאזשינער) — 83
לעכעוויטש (אַנמערקונג) — 194

מאַזורסקי — 98, 99, 132, 185, 224.
מאזורסקי, בנימין 98
מאזורסקי, ישראל יאסל — 54
מאטיע (איציק׳ס) — 59, 66, 103, 104, 228
מאטיע (דעם רב׳ס) — 150, 151
מאטיע הלל׳ס (זע אויך מאטיע קארלינסקי) — 47, 49, 56, 86, 88, 99, 103; 224.
מאטעל (חיים ניסנ׳ס) — 149
מאטעל (חנה לאה׳ס) — 160
מאטל (דער איד) — 186, 187
מאטעס (דער פילטשיק) — 22, 195
מאלער, רפאל, דר. (אַנמערקונג 6) — 23
מאנטאק, יאסל — 93, 154, 227.
מאַסקווע — 108, 136, 139, 224.
מאקס (גרעבלאָווסקי) — 215
מאריאן (בראמקיליסע׳ס) — 194
מוכאוועץ — 6
מוליאר, אברהם יעקב — 209
מוליאר, יאסל — 209
מוליאר, יעקב בערל — 209
מוליאר, צביה — 209
מושקע, לאה — 181
מחלה (חיה דבורה׳ס) — 130, 148
מייטע שמעון אייזיק׳ס (גלאצער) — 86
מיכל (דער שניידער) — 114
מינדל („באבע״) — 66, 178 181, 182, 183.
מינדל (טאנטע) — 106
מינסק — 12, 25
מיניע (איציקל׳ס) — 145, 148, 149
מיסאן הארנאוויץ — 5
מיסאן, יאצקעוויטש — 4
מלמד, אסתר — 209
מלמד, בן־ציון — 209
מלמד, חיים — 209
מלמד, סנדר — 204
מלמד, שיינע — 204
מנשה (רודעצקי) — 145
מנשה — 37
מעכוועדעוויטש — 17, 180, 194.
מעלניק, שלום — 216
מענדל (דער מילנער) — 59
מענדל (דער מוליאר) — 158
מענדעלסאן, משה — 95, 189, 122
מעקארטור, דאגלעס — 217
ר׳ מרדכי לעכעוויטשער (אַנמערקונג) — 51
ר׳ מרדכי־לע — 80, 81 , 82,83
ר׳ מרדכי־לע (חיים צעמערינסקי) — 84, 116
מרים (די רבי־צין) — 132
משה (אלטער׳ס) — 75
משה (חיה דבורה׳ס) — 65, 130, 131
משה (דער גרויסער) — 12, 53, 177
משה (דער קליינער) — 177
משה (קאזאק) — 177
משה (דער קלעזמער) — 51
משה (שמואל׳ס) — 44
משה (כאנטשע׳ס) — 48
משה בער (דער שניידער) — 213, 214
משה דוב (דער מילנער) — 193
ר׳ משה קאברינער — VIII, 7, 51, 52, 72
משה הירש ר׳ (זע ר׳ משה צבי) — 25, 94
משה מאיר (שוחט) 72
משה מרדכי — 43, 44
ר׳ משה צבי — 25, 26, 56, 77, 94, 228.
משה שרייבער — 82
מתתיהו (דער פילטשיק) — 215
מתתיהו הכהן — 65.

נאדריצני, אברהם עזרא — 209
נאדריצני, ביינע — 209
נאדריצני, חיים — 209
נאדריצני, חיה׳קע — 209
נאדריצני, יעקב (אברהם עזרא׳ס) — 161
נאדריצני, משה — 209
נאדריצני, פריידע — 209
נאדריצני, רוחמה— 209

נאטאנזאָן, משה — VIII, 52.
נייטען, מאריס — 231
נאטעק — 129
נה (רישע׳ס) — 163
נחום (דער שוסטער) — 74
נח (אהרן לייב׳ס) — 23, 52
ר׳ נח נפתלי (אָנמערקונג) — 51
ניאמקע (בנימין שלמה זוסמאן) — 48, 145
ניו־יאָרק (אָנמערקונג) — 85, 102, 125, 130, 150, 216.
ניסענבוים, מרדכי אריה (אָנמערקונג) — 82
ניקאָלאי (טשיניק דעם פעלדשער׳ס פלימעניק) — 160
נפתלי (דער רופא) — 12, 134, 135, 136, 178.
נפתלי (משה אהרנ׳ס) — 145
נפתלי (דער שוסטער) — 160
נתן (יצחק הערש׳ס) — 213
נתן (יצחק הערש׳ס) — 213.
סאָביעסקי (מלך) — 168
סאוויצקי, ר׳ דוד משה — 148
סאוויצקי, רבקה — 205
סאוויצקי, שיינע — 205
סאלאווייציק, ר׳ חיים — 79
סאקאלע (אָנמערקונג) — 26
סאראטאוו — 197
סטיאפא (מאקסים סווערדיוק׳ס) — 180
סארנע (וואלין) — 229
סווערדיוק, וואניא — 86
סווערדיוק מאקסים — 86, 105
סופיין, ע. — 231
סטאווסקי, מענדל — 205
סטאווסקי, משה (אָנמערקונג) — 78
סטאווסקי, צביה — 106, 205
סטאלין — 41, 47, 49, 107, 120, 126, 229.
סטאלינסקי (ר׳ אשר דוד) — 126
סטאניסלאוו, אויגוסט — 6
סיביר — 188
סיראטא, הירש לייב — 5
סיראטא, עקיבא — 231, 214
סירקע (חיים לייב׳ס מאמע) — 182
סירקע (שמעון אייזיק׳ס) — 148
סלאנים — 81, 83
סנדר (דער מלמד) — 10, 44, 112, 113, 183, 216.
סענדער (חיים סענדער׳ס) — 158
סעדיה — 44
ספרינגפיעלד, מאס. — 102, 130.
סקאבעלאוו, חוה — VIII,
עובדיה (דער בעקער) — 44
עזרא (קאסטרינסקי) — 122
עלזעט, יהודה (הרב י. ל. זלאטניק) — 167
עלמאן, אלטער — VIII, 19, 54
עלמאן, דבורה (אָנמערקונג) — 189
עלמאן, ישעיהו — 142, 222
עפעלבוים, איידא — 223
עפעלבוים, הלל — 209
עפעלבוים, יחזקאל (פון קאמען) — 206
עפעלבוים, מרים — 209
עפעלבוים, משה — 221
ערטער, יצחק — 95
ערליך, ה. — 221
ערליך, משה — 221, 223
עהרליך, שרה — 223.
פּאדאלעווסקי, אסתר — 205
פאדאלעווסקי, חיים איטשע — 205
פאדאלעווסקי, יודל — 93, 205
פאדאלעווסקי, ליבער — 205
פאדאלעווסקי, משה — 205
פאדאלעווסקי, שלום רב — VIII, 108, 155, 230.
פּאַדאָלעווסקי שלמה — VIII, 142, 230
פּאַדוואַ, ר׳ יעקב מאיר — 79
פאלאיען — 6
פּאָליאַק, אסתר — 209
פּאָליאַק, יעקב — 5, 21, 111, 150, 209.
פּאָליאַק, ליבער (זע חביב בן־יעקב) — 90, 152, 153, 154, 205.
פּאָליאַק, נח — 148
פּאָליעסיע — 5
פאלעווסקי, בעני — 221
פּאָלעסטינע — 91
פּאַמעראַנץ (הערשל) — 130, 133
פּאַמעראַנץ, זאוועל (אָנמערקונג) — 194
פּאַמעראַנץ, חיה — 176
פּאַמעראַנץ, חיה׳קע — 189
פּאַמעראַנץ, צביה — 209
פּאַמעראַנץ, שרה — 209
פּאַמעראַנץ, שיינע — 209
פינא — 6
פּאָניאַטאָווסקי, אויגוסט — 6
פאראגוויי — 218
פארזאווא (אָנמערקונג) — 26
פארבער, י. דר. — VIII, 222, 223, 230, 231.
פארבער, יוסף — 223
פארטנאי, שמעון — 219, 220, 221.
פאריז — 96, 97, 121, 148.
פוגאטשאוו (אָנמערקונג) — 88
פוהרבישצה — 42
פוזמען — 17
פויזען — 145
פוילען — 3, 8, 144, 156, 159, 173, 194.
פועה — 182
פיוריס יוסף — 231
פיוריס, באבל (זוסמאן) — 231
פייגיל — 181
פייגל (ידידיה׳ס מוטער) — 40
פייגע ריווע (מאטיע׳ס) — 103
פיינשטיין, בלהה (משה דעם שמיד׳ס) — 152
פיישע (יאנקעל׳ס) — 85, 86
ר׳ פינחס מיכאל — 32, 78, 79, 81, 82, 228
ר׳ פינינקע (שיק) — 27, 28
פיניע (דער קצב) — 43, 51, 71
פינסק — 3, 4, 6, 12, 19, 22, 71; 83; 85; 86, 92, 113, 127, 145, 185, 226.
פירס, זשאן — 178, 216, 231
פסח (ליבער׳ס איינקל) — 158
פעטערבורג — 18, 59, 91, 136, 167, 180.
פעלטע (שמעון אייזיק׳ס) — 227
פעלטע, מחלה (איציק חיים׳ס) — 182
פעפערבערג — 209
פעקאווסקי, אברהם — 209
פעקאווסקי, ברכה (זע קאסטרינסקי, ברכה) — 209
פערל (בנימין דעם רופא׳ס) — 51
פערלמוטער, לוי — 216
פערלמוטער, העניע — 216
פערם — 224
פערעכרעשטש — 6, 121, 122
פרוזשענע — 3, 5, 78, 159, 180, 181, 222
פרוסקין, הרב פסח — 159
פעטרושקא, אברהם — 206
פעטרושקא, איטקע — 206
פרידמאן, מנחם — 206
פרידמאן, אסתר (חיה דבורה׳ס) — 206
פרידמאן, פאטיע — 206
פרילוצקי, נח — 167
פרישיכאדסקי — 3.
צביה (חיה דבורה׳ס) — 130
צדוק — 16, 18
צונזער, אליקום — 20, 189
צעלישצעוויטש — 193.
קאָברין — 3, 4, 6, 7, 17, 20, 21; 22; 27; 51, 55, 75, 91, 92, 94, 101; 102; 103; 110, 111, 119, 120, 153, 154, 159, 163, 179, 180, 194.
קאגאן, דאבע — 209
קאגאן, משה שאיע — 209
קאוואל, חיים — 194
קאוטסקי — 87
קאוונע — 45
קאזיק, וואלאדיא — 194
קאטאוויץ — 97
קאמינסקי, פרומע — 93, 227
קאמינסקי, שרה — 209
קאמענעץ־ליטאווסק — 141
קאמענעצקי זלמן (אָנמערקונג 6) — 21
קאמענעצקי, (ישראל) יאנקל — 56
קאסטרינסקי — 103, 104, 133, 178, 224.
קאסטרינסקי, אברהם חיים — 148
קאסטרינסקי, אשר — VIII
קאסטרינסקי, ברכה — 158
קאסטרינסקי, חנה — 206
קאסטרינסקי, יעקב — 228
קאסטרינסקי, ישעיהו — VIII 230
קאסטרינסקי, מאטל — 221
קאסטרינסקי, מרדכי — 56
קאסטרינסקי, עזרא — VIII

קאסטרינסקי, שלום — 54, 56, 59, 63, 130; 217.
קאפלאן, דוד — VIII 223, 230, 231.
קאפלאן, הלל (ז. הלל) — 98
קאפלאן, מ. — 221
קאפלאן, בעסי — 231
קאפלאנסקי, דוד (ז. דוד קאפלאן) — 145
קאפלאנסקי, יעקב הערש — 221
קארטוז־בערעזע — 160, 193, 194.
קארלין — 7, 83
קארלינסקי, אהרן — 19, 86, 88, 89
קארלינסקי (מאטיע) — 12, 51, 66, 98, 99, 110, 121.
קארעליץ — 81
קובא — 8
קופער, מיכל — 220
קופריאנסקי, אלטער (דער שמיד) — 209
קופריאנסקי, ביילטשע — 227
קופריאנסקי, בצלאל — 195
קופריאנסקי, חיה — 153, 227
קופריאנסקי, יוסף — 209
קופריאנסקי, ישראל צדוק — 195
קופריאנסקי, משה בער — 154, 156, 159, 193, 209.
קופריאנסקי, מרים — 209
קופריאנסקי, קלמן —156, 159, 206, 209.
קופריאנסקי ריווע — 93, 206
קופריאנסקי, שרה לאה — 209
קורין, יוסף — 221
קיווע (צייטיל׳ס) — 90, 91, 120
קילמאן חיה ביילע (ליבער׳ס) — 207
קילמאן, יענטע — 207
קילמאן שרה (ליבער׳ס) — 207
קראלעווסקי, קאנאל — 6
קרינסקי (אַנמערקונג) — 88
קרית חיים — 227

ראבינאָוויץ, א. (אַנמערקונג) — 78, 79
ראבינאָוויץ ישראל מיכל דר. — 7, 27, 94, 97, 222.
ראבינסקי, אסתר רחל (שמאי׳ס) — 207
ראבינסקי, ברײנה — 204
ראבינסקי, דוד (שמאי׳ס) — 207
ראבינסקי, העניע — 209
ראבינסקי, שמאי — 7, 21, 193, 194, 209.
ראובן מאיר (דער סטאָליער) — 47
ראוויטש, אברהם — 106
ראוויטש, גיטל — 106
ראוויטש, קלמן — 106
ראָזענבוים, יוסף — 221
ראָזענבלאט — 122
ראָמאנאָוו — 5, 18, 113
ראָמאנאָוו אַלגא — 3
רובינשטײן, אברהם — 209
רובינשטײן, אהרן — 209
רובינשטײן, חאשקע — 207
רובינשטײן, יהודית — 153
רובינשטײן, מ. — VIII 207, 221, 230, 231.
רובינשטײן, שמואל — 209
רודין, מנשה — 223
רודין, שרה — 222, 223
רודעץ — 5, 104
רודעצקי, אברהמ׳ל — 106
רודעצקי, אהרן אשר — 106
רודעצקי, דוד — 153
רודעצקי, חיה׳קע — 106
רודעצקי, יהודית — 106
רודעצקי, ירמיהו (אהרן אשר׳ס) — 106
רודעצקי, מנשה — 106
רודעצקי, סאניע — 106
רודעצקי, פריידע — 106
רודעצקי, צירל — 106
רודעצקי, שכנא — 106
רוזוועלט, פרענקלין, ד. — 217
רוזנטל (אַנמערקונג) — 188
רוחמה (אליה יאנקל׳ס) — 227
רוחמה אייזיקל׳ס (איזראעל) — 86, 227
רויטקאפ, העניע — 209
רויטקאפ, חיה (העניע׳ס אייניקל) — 207
רויטקאפ, יוסף — 106
רויטקאפ לייבע — 146
רויטקאָפ, לייבל (העניע׳ס אייניקל) — 207
רוסלאנד — 6, 8, 15, 20, 55, 89; 90; 92; 95, 97, 102, 103, 110, 136; 141; 142; 144, 147, 176, 183, 194, 224; 225.
רות (רחל זוסמאן) — 148
רהובות — 228
רחל — 115
רחל (זאוויל׳ס) — 181
רחל הדס (שלום׳ס) — 101, 102
רייזל (אַנמערקונג) — 34
רייזל (יצחק אהרנ׳ס) — 101
ריכטער, בלומע — 93, 229
ריכטער, בערל (ליאכאָווער) — 161, 209
ריכטער, פייגע — 209
ריכטער, מ. — 209
רעזניק, אהרן — 221
רעזניק, יהושע — 215, 223
רעננה — 227
רעציצע — 71

שאול קארלינער ר׳ (אַנמערקונג) — 25
שאיע — 179, 180
שאכנאוו (אוריאדניק) — 6, 17, 76, 129
שאנכאי — 160
שוב, באשקע — 106
שוב, חיה צירל — 106
שוב, ירמיהו — 106, 141
שוב, עטיע — 106
שוב, לייבע — 106
שווארץ, דוד רב — 27
שווארץ, מנשה — 222, 223
שולמאן, ל. — 231
שולרוף, י. א. (אַנמערקונג 5) — 4
שוכאָוויצקי, חנה לאה — 209
שוכאָוויצקי, מאטל — 209
שומאן, וואלטער — 216, 222
שומאן, סידני — 216
שור, יהושע העשיל — 96
שטשופאק, ביילע — 106
שטשופאק, סנדר — 106
שטער — 6, 18, 105, 107
שיינע לאה (אהרן לייב׳ס) — 177
שיינע נאוואסעלקער — 106
שיק, אליהו, רב — 27
שייקע (ז. שאיע) — 188
שייקון, וועלוועל — 214
שיקאַגאָ — 215
ר׳ שלום איציק׳ס (קאַסטרינסקי) — 47, 49 101, 102.
שלופער, ר׳ יוסף — 81
שלמה ליבער׳ס (פאַדאָלעווסקי) — 91, 145
שלמה משה דעם גרויסענ׳ס (בורשטײן) — 87, 160.
שלמה (דער מאליער) — 162
שלמה יעקב, רב (אַנמערקונג) — 26
שלמה (וואָליניעץ) — 197
שמאי (ראבינסקי) 111
שמאי (דער שטעפער) — 160
שמואל (קאליקער) — 41, 72, 74, 186, 228.
שמואל (שוחט) — 71
שמואל (דער שוסטער) — 44, 113, 114
שמואל חיים (סיראטא) — 53, 119, 224
שמואל (הויזמאן) — 194
שמואל (לייבע הערש׳ס) — 162, 163
שמוקלער, דר. סידני — 218
שמחה יודל — 49, 146, 150, 162.
שמעון אייזיק (גלאצער) — 10, 12, 49, 120, 121, 122, 146, 148, 150, 151.
ר׳ שמעון (דער רופא) — 134
שמעון (גרעבלאווסקי) — 215
שמעון׳קע — 44
שמערל (דער בויער) — 53, 213
שמשון (אלטער וויסאָצקי׳ס) — 132, 133
שנישקע (דער פריץ פון רודעץ) — 181
שניידער בצלאל — 127
שעכטער, ש. ז. — 216
שעמענט (דער פריץ) — 181
שעפסל (דער סטאָליאר) — 150, 157, 160
שעפסל (ז. שבתיאל גרעבלאַווסקי) — 215
שעפע — 47
שערשעוו — 78
שפרה (אהרן יאַסל׳ס) — 42, 122, 140
שפרה — 182
שפרה (טשערניק) — 218
שרה (שאיע׳ס) — 188
שרה ביילע (יודל׳ס) — 75, 125
תל־אביב — 227
תמר — 169
תנחום בער — 114.

תיקון טעות'ן

צום באַדויערען האָבען זיך אַריינגעכאַפּט איניגע פאַרדריסליכע טעות'ן אין בוך „האָראָדעץ":

אין אַרטיקעל „דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויץ", ז. 97, צווייטער קאָלום, נאָך דעם צווייטען פאַראַגראַף פעלט דער דאָזיגער פאַראַגראַף:

„דר. ראַבינאָוויץ איז צוריקגעפאָרען קיין פאַריז, אָבער אין וואַרשאַ איז ער קראַנק געוואָרען. ער איז געלעגען אין אַ וואַרשעווער האָספּיטאַל ביז וואַנען ער איז געזינטער געוואָרען. דערנאָך פאָרט ער צוריק קיין פאַריז, און פון דאָרט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט גוטע פריינד וועלכע זאָגען אים צו אויסצופירען זיינע זשורנאַליסטישע פלענער.

פול מיט האָפנונג און מוט פאַר נייע אויסגאַבעס פון ביכער אין דער צוקונפט קומט ער קיין לאָנדאָן. אויף פאַרהאַנדעלט ער דאָרטען וועגען אַרויסגעבען אַן ענגלישע גראַמאַטיקע, נאָר דער טויט האָט צו נישט געמאַכט אַלע זיינע פלענער".

אויפ'ן זייט 172, ערשטער קאָלום, די דריטע שורה, דאַרף קומען דער דאָזיגער פאַראַגראַף:

„איך האָב דאָ אָנגעוואָרפען איניגע ווערטער און אויסדריקען אויף וועלכע ס'איז כדאי זיך פאַרטראַכטען און אויספאָרשען פונוואַנען זיי שטאַמען. כ'האָף אַז דער פאָרשער פון דער אידישער שפּראַך וועט געפינען אין דעם קורצען אַרטיקל מאַטעריאַל פאַר זיין אַרבייט".

דער פאַראַגראַף וואָס הויבט זיך אָן אויף דער דריטער שורה, ערשטען קאָלום, אויף זייט 172, באַלאַנגט צום סוף פון אַרטיקל „צונעמעניש'ען", ז. 176.

דאָס בוך „האָראָדעץ" איז געדרוקט אין אַ באַגרעניצטער צאָהל פון 900 עקזעמפּליאַרן.

דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר איז נומער ....